STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01118

DERTSEYLUNGEN

Israel Joshua Singer

Permanent preservation of this book was made possible by Heritage Village Reading Circle of Southbury, CT

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דערציילונגען

דערציילונגען

פון

י. י. זינגער

פארלאג מתנות ניו יארק

1949

אַרויסגעגעבן פֿון
פֿאַרלאַג מתּנות
בײַם שלום עליכם פֿאָלק אינסטיטוט

DERTZEILUNGEN

(SHORT STORIES)

By I. J. SINGER

Copyright, 1949, by
Genie Singer
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 E. 17th St., New York 3, N. Y.

Printed in U.S.A.

by Futuro Press, New York 13, N. Y.

200

אין דעם בוך גייען אַריין אַכט דערציילונגען וואָס דער־
שיינען צום ערשטן מאָל אין בוך־פאָרם.

ווי אַלץ וואָס י. י. זינגער ע״ה האָט געשריבן אין אַמע־
ריקע, זיינען אויך די דערציילונגען געווען געדרוקט
אין „פאָרווערטס״.

די אַכט דערציילונגען האָט נאָך י. י. זינגער אַליין
דורכגעקוקט און צוגעגרייט פאַר דעם בוך. זיי זיינען
אויסגעשטעלט פונקט ווי ער האָט אָנגעוויזן.

דאָס בילד אין דעם בוך איז געצייכנט פון י. י. זינגערס
זון, דעם קינסטלער, יוסף זינגער.

פאַרלאַג מתנות

ווערק פון י. י. זינגער

פערל (דערציילונגען) — 1923

אויף פרעמדער ערד (דערציילונגען) — 1923

שטאָל און אייזן (ראָמאַן) — 1927

נײַ־רוסלאַנד (רייזע־איינדרוקן) — 1927

יאָשע קאַלב (ראָמאַן) — 1932

די ברידער אשכנזי (ראָמאַן) — 1935

פרילינג (דערציילונגען) — 1937

חבר נחמן (ראָמאַן) — 1938

משפחה קאַרנאָווסקי (ראָמאַן) — 1943

פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער — 1946

דערציילונגען — 1949

אינהאַלט

ביים שוואַרצן ים — — — — — — — — 7 —65
דאָקטאָר דזשאַרדזשי — — — — — — — 66 —98
אַ פרעמדער — — — — — — — — 99 —110
סענדער פּראַגער — — — — — — — 111—145
דאָרפס יידן — — — — — — — — 145—200
אין די בערג — — — — — — — — 201—265
אַ באַשערטע זאַך — — — — — — — 266—319
סטאַנציע באַכמאַטש — — — — — — 320—349

י. י. זינגער

געצייכנט פון זיין זון, יוסף זינגער

ביים שוואַרצן ים

1

כאַטש פון דער מאָלדאַוואַנקע, וואו ער האָט געוואוינט, ביז דעם האַפן איז געווען אַ גאַנץ היפשער מהלך, האָט פונדעסטוועגן פנחס פּראַדקין, אַ דאָרפישער בחור פון דער יידישער קאָלאָניע איזראַילעווקע, אין כערסאָנער געגנט, זייער אָפט געמאַכט אַזאַ שפּאַציר צופוס, שיר ניט דורכשניידנדיק גאַנץ אָדעס.

עס איז ניט געווען דערפאַר, וואָס דער אַכצן־יאָריקער רויטבאַקיקער און געפאַקטער פנחס פּראַדקין האָט געהאַט עסקים אין רוישיקן האַפן, צו וועלכן רומענישע, גריכישע און טערקישע שיפן האָבן געבראַכט ראָזשינקעס, פייגן, טייטלען, מאַנדלען, ניס און אַרבוזן, און אָוועקגעפירט תבואה און האָלץ. וואָרעם כאָטש אַ געבוירענער אויף דער כערסאָנער פעטער ערד, וואָס האָט אַ סך תבואה אָוועקגעשיקט צו פרעמדע לענדער ביי די ברעגן פון שוואַרצן ים, האָט פנחס פּראַדקין גאָר קיין עסקים נישט געהאַט מיט קאָרן און ווייץ. סך־הכל איז דער פאָטער זיינער געווען אַן אָרעם רב׳ל אין דער יידישער קאָלאָניע איזראַילעווקע, אַ רב׳ל, וואָס איז שוין דערביי אויך געווען שוחט, מוהל, חזן, מלמד און אַפילו געהייצט די דאָרפישע מקווה יעדן פרייטיק און אין מיטן דער וואָך, ווען אַ יידענע האָט געדאַרפט גיין טבילה. די מוטער האָט, אמת, יאָ געהאַט אַ שטיקל גאָרטן, וואו זי האָט פאַרזעצט אַ ביסל גרינוואַרג; אויך אַ מאָגער קיעלע און אַ ביסל הינער און קאַטשקעס. אָבער דערפון האָט זי קוים געקענט שפּייזן איר מאַן און קינדער — אַ פולע שטוב מיט קינדער, פון היפשלעך־דערוואַקסענע ביז אַן עופעלע אין די וויקעלעך. ווי זיין פאָטער, דער פילפאַכיקער כלי־קודש אין דאָרף, האָט קוים מיט צרות געקענט צונויפקראַצן אויף דער חיונה פון אַלע זיינע מלאכות, שוין צוזאַמען מיט קנעלן, אַזוי האָט אויך ער, פנחס פּראַדקין, קוים מיט צרות געקענט צונויפקראַצן זיין אָרעם שטיקל חיונה פון לערנען לשון־קודש מיט אָדעסער גימנאַזיסטלעך פאַר גאַנצע פופצן קאָפּיקעס אַ שעה. ניין, פנחס פּראַדקין, דער עקסטערן, וואָס האָט זיך אַליין געגרייט צו האַלטן עקזאַמען אויף אַכט קלאַסן גימנאַזיע און גאַנצע נעכט

געהאַרעוועט אויף מאַטעמאַטיק און לאַטיין, האָט גאָר קיין געשעפטן ניט געהאַט מיט דעם טומלדיקן האָפן, וואָס איז געווען פול מיט ריחות פון צוגעלעגן אויבס, געזייערטן קאָרן, פוילע פיש, זאַלץ, בראַנפן און מייז. ניט ער האָט זיך אָנגעקערט מיט די פלינקע סוחרים, קאָמיסיאָנערן און מעקלערס, נישט מיט די האָפן־טרעגערס מיט די זעק אויף די קעפּ, און אוודאי נישט מיט די בראָדיאַגעס, פאַרקאַלטענעוואַטע, באַוואַקסענע, אָפּ־געשליסענע און שיכורע, וואָס האָבן געעיפושט מיט שימל, אַלקאָהאָל, קללות און מיאוסע רייד.

אויב ער האָט דאָך אָפּגעריסן זיך פון זיין מאַטעמאַטיק און לאַטיין און פון די העברעאישע שטונדן, און דורכגעשפּאַנט די פריילעכע טומלדיקע שטאָט פון דער מאָלדאַוואַנקע ביז צום האָפן אַרויס, איז עס געווען, ערשטנס צוליב אויסצולאָדן פון זיך די כוחות, וואָס אַט דער דאָרפישער בחור האָט פאַרמאָגט אין זיך, — כוחות, וואָס האָבן גאָרניט געפּאַסט פאַר אַ רבנישן זון און לשון־קודשדיקן לערער. די כוחות האָבן געשפּאַרט אין אים, כאָטש ער האָט מערסטנס געגנערט זיך מיט ראָזשינקע־ברויט, וואָס ער האָט גע־קויפט ביי אַ בעקער, אַ גריך, און פאַרביסן מיט גרויסע שטיקער זאַפטיקן אַרבוז; כאָטש ער האָט געוואוינט אין אַ קליין שטיקענדיק צימערל בשותפות מיט נאָך דריי בחורים, און ער האָט זיך געריסן דעם האַלדז ביי לערנען דקדוק מיט צעלאָזענע גימנאַזיסטלעך, וואָס האָבן פאַר קיין אופן ניט געוואָלט צולייגן קאָפּ צו דער פרעמדער און איינגעבעטענער תורה. קיין זאַך האָט ניט געקענט אָוועקנעמען די שפּאַרנדיקע כוחות אין דעם נישט־איבריק געוויק־סיקן, אָבער קרעפטיקן און געזעצטן בחור, וואָס האָט צעשפּאַרט די אויס־געוואַקסענע רעקלעך זיינע אין די נעט, — נישט דאָס דערנערן זיך מיט טרוקענעם, נישט דאָס זוברעווען מאַטעמאַטיק און לאַטיין ביי אַ קליין לעמפּל אין די נעכט, נישט דאָס אַרומגיין אין קאַלטע רעגנדיקע טעג מיט געלע־כערטע שיך און אָן אַ מאַנטל. די גבורה האָט אַרויסגעשריגן פון אים פון דער געדיכטער שוואַרץ־געקרייזלטער טשופּרינע, פון די הייסע קויל־שוואַרצע אויגן, פון דער רויטקייט אין די באַקן, וואָס האָט דורך דער ברוינקייט פון פון דער הויט זיך דורכגעריסן. אַזוי ווי ער איז נאָך דערצו געווען אַ ריינער בחור, אַ צוריקגעהאַלטענער, און פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט נאָכ־גיין די מאָלדאַוואַנקער גאַסן־מיידלעך וואָס האָבן אים מיט געוואַלד געוואָלט פאַרקויפן זייער ליבע פאַר בלויז אַ האַלבן רובל, האָט ער באַזונדערס גע־פילט די לאַסט פון די כוחות אין זיך, און ער האָט זיי אויסגעלאָדן אין גיין לאַנגע מהלכים פון דער מאָלדאַוואַנקע ביז צום האָפן אַרויס.

צווייטנס, האָט ער געהאַט אַן אַנדער סיבה פאַר זיינע אָפטע שפּאַ־

צירן צום האַפן, אַ וויכטיקערע און שטאַרקערע: אים האָט געצויגן צו זען די פרעמדע סוחרים און מאַטראָזן אין האַפן, די שוואַרצהאַריקע רומע־נישע, גריכישע און טערקישע סוחרים, רירעווודיקע און אויסגעפּוצטע; די אויסדעקאַלטירטע מאַטראָזן, אָפּגעברענטע און צעלאָזענע. מער ווי די אַנדערע, האָבן אים צוגעצויגן די לייט פון די טערקישע שיפן, ברוינע, פעט־לייביקע און רויט־יאַרמלקעדיקע סוחרים, וואָס האָבן מיטגעטראָגן מיט זיך די מחיהדיקע ריחות פון טייטלען, איילבערטן און מילגרוימען און וואָס האָבן אים, פּנחס פּראַדקינען, דערמאָנט אין די ישמעאלים פון חומש, וואָס האָבן ביי די ברידער אָפּגעקויפט יוספן און אים אָוועקגעפירט קיין מצרים. ער איז גאַרנישט מיד געוואָרן צו באַטראַכטן אָט די פרעמדע לייט יעדן מאָל אויפסניי. מער נאָך האָבן אים צוגעצויגן די מאַטראָזן פון די שיפן מיט דער האַלבער לבנה דער עיקר די אַראַבישע צווישן זיי, ברוין־הויטיקע יונגען מיט שוואַרצע בערדלעך אויף זייערע פולע באַקן, מיט ווייבערשע פאַרביקע טיכלעך אויף זייערע קעפּ, און אָפּטמאָל אויך מיט אַן אוירינגל אין איין אויער און מיט קופּערנע בראַסלעטן אויף די הענט. זיי האָבן פּנחס פּראַד־קינען תמיד אַרויפגעבראַכט צו רעיונות וועגן שמעון ולוי, וואָס האָבן מיט די שווערדן אין די הענט פאַרשניטן די לייט פון שכם; וועגן די זין פון מתתיהו בן יוחנן כהן־גדול, דעם חשמונאי, וואָס האָבן פאַרטיליקט די יוונים; וועגן די פאַרלאָרענע עשרת־השבטים. צוזאַמען מיט די האַפן־זונות, רוסישע, יידישע, טאַטערישע, גרוזינישע און דייטשישע, וואָס פלעגן נאָכגיין טריט־אין־טריט אָט די פאַרביקע יונגען און רופן זיי צו זינד, איז אויך פּנחס פּראַדקין נאָכגעגאַנגען זייערע פוס־טריט, אויפכאַפּנדיק זייער האַלדזיק לשון, וואָס האָט אים דערמאָנט אַן תרגום ביים מעביר זיין די סדרה, אַן ערב שבת אין דער היים. אים האָט זיך כסדר אויסגעוויזן, אַז ער דערהערט לשון־קודש ווערטער אין זייער געדיכטן האַלדזיקן לשון. אַזוי האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער פילט דעם ריח פון ים, ווינט און בערג, וואָס זיי טראָגן מיט זיך פון זייערע געגנטן, דעם ריח פון ארץ־ישראל, דעם אַוויר פון הייליקן לאַנד, וואָס האָט געהערט צו אָט די זין פון ישמעאל. אין זיין שטאַרקער בענקשאַפט צו אָט דעם לאַנד און צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות דערמיט, האָט ער איינמאָל פּרובירט אַפילו אַ רייד טאָן אין לשון־קודש צו איינעקע פון די פאַרשוואַרצטע יונגען, די זין פון דער דינסט הגר, ווי מען רעדט צו שוועסטער־קינדער. און כאָטש זיי האָבן אים ניט געענטפערט, וויל זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט די האַפן־זונות, איז ער נישט געוואָרן ברוגז אויף זיי, האָט ער זיי מוחל געווען, ווי מען איז מוחל אייגענע, קרובים. זיי האָבן אַלע מאָל אויפסניי אַרויפגעבראַכט אין זיין זכרון דעם באַ־

ליבסטסן משורר זיינעם, רבי יהודה הלוי, וואָס איז, אין זיין בענקשאַפט, צו־
געפאַלן צו דער ערד פון הייליקן לאַנד און זי געקושט. אין גאַנצן טומל, אין
מיש־מאַש פון אַלערליי קולות און שפּראַכן, האָט פּנחס פּראַדקין געגומען
לייענען פאַר זיך אַליין דעם שיר פון זיין באַליבטן משורר, וואָס ער איז
אין מערב און זיין האַרץ איז אין מזרח. כאָטש ער האָט דעם שיר שוין
אָן אַ שיר מאָל פאַר דעם געלייענט, איז ער אים אַלץ געוועז נאָענט און
אייגן, ווי זיין געלאַטעט העמד אויפן לייב.

וואָרעם, כאָטש פּנחס פּראַדקין פון דער כערסאָנער קאָלאָניע איזראַי־
לעווקע האָט געזוברעוועט אין די נעכט מאַטעמאַטיק און לאַטיין און גע־
גרייט זיך צו האַלטן עקזאַמען אויף אַכט קלאַסן גימנאַזיע, האָט ער נישט
געטראַכט אַריינצוקריגן זיך אין אוניווערסיטעט שפּעטער. ניט ער האָט
געגלויבט, אַז מען וועט אים אָננעמען אין לאַנד, וואו פאַר זיינסגלייכן זיינען
טיר און טויערן פון הויכשולן געווען פאַרחתמעט אויף זיבן שלעסער. ער
האָט געלערנט, ווייל לערנען איז געווען אַ צווייטע טבע אין דער משפּחה
זיינער פון לויטער לערנערס; ווייל ער האָט עפּעס בעסערס ניט געהאַט
וואָס צו טאָן, און ווייל ער האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס ער טוט עס.
זאָל זיך אַרומוואַלגערן אין קאָפּ אַ ביסל מאַטעמאַטיק, געשיכטע, לאַטיין
און אַנדערע זאַכן, האָט ער געבראַכט, אַפילו ווען עס וועט אים נישט פירן
צו די טירן פון אַן אוניווערסיטעט. איבריקנס וואָלט ער נישט געיאָגט זיך
דערנאָך אַפילו ווען ער וואָלט עס געקענט דערגרייכן. זיין חלום איז געווען
אַריבערצוכאַפּן זיך מיט איינער פון די שיפן, וואָס גייען קיין סטאַמבול,
כדי פון דאָרטן אָנצוקומען צו די קאָלאָניעס, די ארץ־ישׂראלדיקע, און ווערן
דאָרטן אַן ערד־אַרבעטער אָדער אַ שומר. ער האָט שוין צוליב דעם אַפילו
אַריינגעכאַפּט זיך איינמאָל אין אַ ציוניסטישער קאַנצעלאַריע, וואו ער האָט
אין שענסטן העברעאיש דערציילט דעם באַאַמטן וועגן זיין גרויסער בענק־
שאַפט צום אייגענעם לאַנד, און פאַרענדיקט האָט ער מיט די ווערטער פון
זיין באַליבטן משורר — אני במערב ולבי במזרח. אָבער דער באַאַמטער מיט
די לויטערע גלעזער, איינגעפּאַסטע אין גאָלדענע רעמלעך, האָט בלויז גע־
גענעצט ווען דער צעפּלאַמטער שלעכט־אָנגעטאָנענער בחור האָט זיינע היי־
סע רייד גערעדט, און ער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז כאָטש ער שאַצט־
אָפּ זיין גוטן ווילן, וואָס איז ווערט לויב, קען ער גאָרנישט ניט טאָן פאַר
אים, און מען וועט זען שפּעטער. האָט פּנחס פּראַדקין גענומען אַליין אָפּ־
שפּאָרן יעדע וואָך פון זיינע דריטהאַלבן רובל, וואָס ער האָט פאַרדינט, און
די אָפּשפּאָרונגען באַהאַלטן שטילערהייט אין שטרוי־זאַק פון זיין אייזערן
צוליג־בעטל, אַזוי אַז זיינע מיטוואוינער זאָלן עס ניט זען. ער האָט אַפילו

אויפגעהערט קויפן ראַזשינקע־ברויט ביים גריעק, נאָר געגעסן געוויינלעך ברויט, אַבי צו שפּאָרן וואָס מער אויף דער הוצאה. דער האָפן איז אים געוואָרן נאָך אייגענער ווי פריער, ווי ער וואָלט שוין באַצייטנס אין אים אַ חלק געהאַט. און ווי צו אַן אייגענער זאַך, איז ער אָפט אַרויסגעגאַנגען צו אים, צו זען די מאַטראָזן און סוחרים פון יענעם ווייטן און אייגענעם לאַנד, איינזאַפּן אין זיך די לאַנג פאַרבענקטע ברומערייען פון די שיפן, ווען זיי שניידן זיך אַרויס פון די פאַרמיסטיקטע וואַסערן אין אָפענעם ים אַריין, אַהין צו מזרח.

גאַנצע צוויי יאָר האָט ער געשפּאָרט, וואָך נאָך וואָך. ווען ער האָט שוין געהאַט גענוג געלט אויף הוצאות און געגרייט זיך אין וועג אַריין, האָבן פּלוצלונג די טערקישע שיפן אויפגעהערט צו פאַראַנקערן אין דעם אָדע־סער האָפן. אַזוי האָט מען אויך נישט צוגעלאָזט קיין זייטיקע מענטשן צום ברעג, וואָס איז באַוואַכט געווען פון סאָלדאַטן מיט אויפגעשפּיצטע באַיאָ־נעטן אויף זייערע לאַנגע ביקסן. אויף אַלע אָפּגעריסענע מויערן פון דער מאָלדאַוואַנקע זיינען מאָביליזאַציע־אויפרופן אויסגעקלעפּט געוואָרן, אויפ־רופן צו די מענער אין די יונגע יאָרן, צו גיין אין דער מלחמה און פאַר־טיידיקן דאָס עכט־גלויביקע רוסישע לאַנד קעגן די אַפּיקורסישע דייטש־לאַנד און עסטרייך פון מערב און די אומגלויביקע טערקן פון מזרח, צום רום און לויב פון צאַר און פאָטערלאַנד.

צוזאַמען מיט אַלע יונגעלייט האָט מען אויך צוגענומען אין דינסט דעם נישט־געוויקסיקן אָבער יוסט־געבויטן פּנחס פּראַדקין פון דעם דאָרף איזראַילעווקע און אים אַוועקגעשיקט אין דער קאַזאַרמע אַזוי ווי ער איז געגאַנגען און געשטאַנען. דער אונטער־אָפיצער אַ מיטל־יאָריקער בלאָ־סער אוקראַינער, מיט אַ פּאָר שטרויענע פאַרדרייטע וואָנסן, איז אַזש רויט געוואָרן פון כעס, דערזעענדיק דעם רעקרוט מיט דער צוואָקסענער גע־קרייזלטער שוואַרצער טשופּרינע, וואָס האָט געשפּאַרט פון צו־ענגן היטל.

— העי, שנייד אָפּ דעם געקרייזלטן טשוב, ביסט נישט קיין קאָזאַק, מאָשקע! — האָט ער זיך געבייזערט.

— מיין נאָמען איז פּנחס, נישט מאָשקע, — האָט פּנחס פּראַדקין אים פאַרריכט.

— אַלע דייניקע זיינען ביי מיר מאָשקע, — האָט דער אונטעראָפיצער אים איבערגעריסן, — און דו דאַרפסט נישט קעגנריידן דיין אונטעראָפיצער, נאָר אויסהערן און זאָגן — אַזוי איז, וואוילגעבוירן! פאַרשטאַנען, מאָשקע?

מיט אַ דין־געשוירענעם זעלנערישן קאָפּ האָט פּנחס פּראַדקין אויסגעזען קלענער, אָבער ברייטער און קרעפטיקער. בלויז נאָך דריי חדשים מושטירונג

איז ער אוועקגעשיקט געווארן אויפן קאווקאזער פראָנט צו שלאָגן זיך מיט די אומגלויביקע לייט פון דער האַלבער לבנה. דערנאָך האָט מען אים צוגענומען פון שטילן קאווקאַזער פראָנט און אים אוועקגעשיקט צום שטורמישן דייטשן פראָנט אַרום דעם טייך בוג.

ווען נאָך פיר יאָר מלחמה איז פנחס פראַדקין אַהיימגעפאָרן אין זיין דאָרף איזראַילעווקע, האָט ער דורך דעם קליינעם פענצטערל פון אַנגע־שטאָפּטן פראַכט־וואַגאָן געזען די גאַנצע בהלה פון לאַנד זיינעם, וואָס האָט פאַרשפּילט די מלחמה. דער פראַכט־צוג, אָנגעשטאָפּט מיט דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן, שטרוי און אומפלייט, האָט לאַנג זיך געשלעפּט איבער פאַר־לאָזענע דערפער, סטעפּעס, שטעטלעך און שטעט, איז מער געשטאַנען ווי געפאָרן. ער איז אויך דורכגעגאַנגען אַלערליי מאַכטן און גרענעצן פון צע־ריסענעם לאַנד. אויף טייל סטאַנציעס האָבן פּוילישע סאָלדאַטן אין המן־טאַשן היטלעך געהאַלטן וואַך. אין אַנדערע ערטער זיינען נאָך געשטאַנען דייטשע מיטליאַריקע לאַנדשטורמער מיט פּיקל־הויבן אויף די קיילעכדיקע געגאָלטע קעפּ און מיט ליולקעס אין די מיילער, אָדער אָפּגעלאָזענע עסט־רייכער מיט וויקל־בענדער אַרום די פיס. אויף טייל ערטער זיינען באַוואָפנ־טע אוקראַינער שקאָצים מיט פעלצלעך און מיט באַווײַדלטע היטלען געווען די מושלים. די קענערס צווישן זיי האָבן אין כאַכלאַצקן רוסיש גערופן די דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן פון צוג אָנצושליסן זיך אין זייערע רייען און צו פאַרטרייבן די רויטע קאַצאַפּעס, די שונאים פון דער צערקווע, וואָס ווילן צונעמען דאָס אוקראַאינישע ברויט און דעם גלויבן. אויף אַנדערע סטאַנ־ציעס האָבן רויט־באַשלייפלטע סאָלדאַטן, מיט שטערנס אויף זייערע צע־ריסענע היטלען, געהאַלטן די וועגן אין זייער רשות. אָפּגעריסענע, מיט ביקסן אָנגעהאַנגען אויף שטריקלעך איבער זייערע וואַטענע לייבלעך און צעפאַרענע שינעלן, האָבן זיי פונדעסטוועגן ניט אויפגעהערט שפּילן פריי־לעכע רעוואָלוציאָנער לידער. בחורים און מיידלעך, אין לעדערנע קורט־קעס און מיט רעוואָלווערן פאַרשטעקט אין גאַרטל, האָבן פייערדיקע רע־דעס געהאַלטן פאַר די אָנקומענדיקע דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן, גערעדט וועגן ערד און פרייהייט און וועגן מלחמה קעגן די פּאַלאַצן און פרידן צו די כאַטעס. די סאָלדאַטן אין די וואַגאָנען האָבן אין זייערע לויזיקע קעפּ געהאַט אַ תהו־ובוהו פון אַלע רעדעס. וויקלענדיק מאַכאָרקע אין אָפּגעריסענע שטיקלעך פּאַפּיר פון די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס מען האָט זיי אָנגעגעבן, האָבן זיי פאַר קיין פאַל ניט געקענט פונאַנדערקלייבן זיך אין די אַלע פאַרשידענע רייד, וואָס מען האָט אַריינגעשריגן אין זייערע אויערן. זיי האָבן אויסגעזען אַלע גלייך גערעכט, ווי אַלע גלייך פאַרפּירעריש. צוזאַמען

מיט מעשיות פון די פראָנטן, קללות און מיאוסע רייד, וואָס מען האָט זיך דערציילט אין געדיכטן צוג, האָט מען אויך זיך אַרומגעריסן איבער די רע־דעס פון די אַלערליי רעדנער און פאַר וועמען עס לוינט בעסער צו גיין ווידער אין מלחמה.

— נו, וואָס זאָגסטו, שוואַרצער? — האָבן די לייט אין וואַגאָן גע־פרעגט פראַדקינען. — דיינע יידן זיינען דאָך כיטרינקע, קלוגע, ווייסן אַלץ, און דו רעדסט גאָרניט, שוויגסט אַלץ און קוקסט, געקרייזלטער.

פראַדקין האָט געוויקלט מאַכאָרקע אין פּאַפּיר און נישט געענטפערט אויף די רייד פון די סאָלדאַטן.

אין אַן אָפּגעטראָגענעם שינעל, אין צעפּאָרענע שטיוול און אין אַן אויס־געקראָכן שעפּסן היטעלע אויף זיין צעקרייזטן שוואַרצן קאָפּ האָר, וואָס ער האָט ווידער געלאָזט פריי וואַקסן, ווייל אונטעראָפיצערן האָבן מער קיין דעה ניט געהאַט, אַ פאַרוואָרלאָזטער, אַ מידער, אָבער ברייטער און קרעפּ־טיקער און מענלעכער און פאַרהאַרטעוועטער פון די פיר יאָר פראָנט, — האָט פּנחס פראַדקין בלויז געזען און געהערט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, אָבער ער האָט קיין חלק ניט געהאַט דערין. ער האָט זיך ניט געמישט אין די רייד פון די אַגיטאַטאָרן אויף די גרענעצן, ער האָט זיך נישט אַריינ־געלאָזט אין וויכוחים מיט די דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן אין שלעפּ־צוג, וואָס האָבן אים געוואָלט אַריינקריגן אין אַ מחלוקת. וואָס זיינען אים אָנגע־גאַנגען די אַלע מענטשן און רייד, ווען ער איז געווען אַזוי ווייט פון זיי? ווען ער איז געווען אין מערב אָבער זיין האַרץ — אין מזרח? גלייך ווי גאָרנישט וואָלט געשען דורך די פיר יאָר, וואָס מען האָט אים צוגענומען פון אָדעסער האַפן, האָט ער געהאַט איין געדאַנק אין זיין צעקרייזלטן שוואַרצן קאָפּ, ווי אַמאָל, ווען ער האָט געזוברעוועט מאַטעמאַטיק און לאַטייז און געגאַנגען צום האַפן זען אָנקומענדיקע שיפן. ער האָט געוואָלט אַהין — קיין מזרח. יעדער איבעריקער טאָג, וואָס ער האָט זיך געשלעפּט, איז אים געווען אַ לאַסט. ער האָט וואָס־פריער געוואָלט קומען אַהיים, זען טאַטע־מאַמע, די פיל ברידער און שוועסטער, אָנפרייען זיך מיט זיי נאָך די פיר יאָר מלחמה און גלייך דערנאָך זיך געזעגענען און אַוועק מיט דער ערשטער שיף, וואָס וועט אָפּגיין פון אָדעסער האַפן. ער האָט זייער ווייניק איצט גע־דענקט פון די מאַטעמאַטישע אויפגאַבן און פון די גריכישע קלאַסיקער, איבער וועלכע ער האָט אַזוי שווער געהאָרעוועט. בלויז אָפּגעריסענע פראַזן זיינען אים פאַרבליבן אין קאָפּ. און ער האָט אַפילו נישט געטראַכט אָנצו־הייבן לערנען אויפסניי. זיינע צעוואַקסענע פאַרהאַרטעוועטע הענט האָבן איצט געוואָלט איין זאַך — גראָבן ערד אין ערגעץ אַ קאָלאָניע אַרום ירושלים.

אדער האלטן א ביקס אין דער האנט ביים באוואכן יידישע ישובים פאר אנ־גרייפנדיקע שונאים.

בלויז איין מאל האט ער געלאזט זיך מיטמארשירן מיט אן עולם אין דעם תוהו־ובוהודיקן לאנד. דאס איז געווען אין א גרעסערער שטאט שוין נישט ווייט פון אדעס, וואו דער פראכט־צוג האט זיך אפגעשטעלט אויף עטלעכע טעג צייט. אראפגייענדיק צו דער שטאט, כדי אויסצורעדן א ווארט מיט יידן נאך די פיל וואכן פון אויסהערן אין וואגאן קללות, גיבול־פה און יידן־שפאט; באגערנדיק צו הערן פון יידן א ווארט נייס, וואס קומט פון דארטן, פון מזרח, האט ער גראד אנגעטראפן אויף אן אייגענעם יום־טוב. יידישע סטודענטן, עלטערע יידן, ווייבער, קינדער אפילו, האבן מאר־שירט איבער די גאסן מיט בלוי־ווייסע פענער, מיט עטלעכע ספר־תורהס, באגלייט פון א קאפעליע היימישע קלעזמער, וואס האט געשפילט דאס „התקוה"־ליד. די אפגעלאזענע עסטרייכישע סאלדאטן, טשעכן, פאליאקן, יידן, באסניער, הערצאגאווינער, צעקנעפלטע, הפקרדיקע און דיסציפלינלאזע וואס האבן נאך געהאלטן די געגנט אין דער האנט, האבן בלויז געגענעצט, קוקנדיק אויף אט דעם יידישן מארש, וואס האט געפייערט דעם פארשפע־טיקטן יום־טוב פון זייער פארשפראכן לאנד, וואס איז זיי געגעבן געווארן פון אן ענגלישן לארד, א פיינט פון דער עסטרייכישער אימפעריע. עס האט זיי נישט געארט מער, די מידע סאלדאטן, וואס זייער לאנד האט שוין פאר־שפילט דעם קריג, וואס די מענטשן פון זייערע צייטווייליק אקופירטע געגנטן האבן געטאן. עס איז זיי נישט אנגעגאנגען נישט די מוזיק, נישט די אויס־רופן לכבוד ענגלאנד און איר לארד, דעם אויפבויער פון עפעס א לאנד אין אזיע. פאר חעמענס כבוד וועגן יידישע סטודענטן האבן זיך געריסן די העלדזער, ער זאל לעבן.

פנחס פראדקין האט מיט זיינע צעפארענע שטיוול מיטמארשירט מיט דעם עולם און העכער פון אלע געזונגען די ווערטער פון העברעאישן הימן. צעווארעמט פון דער מוזיק און פון דער פייערדיקער רעדע, וואס א יונגער־מאן מיט א בערדל האט געהאלטן, ווי פון דער עדה יידן ארום זיך, האט ער אראפגעווארפן דאס שעפסענע אויסגעקראכענע היטעלע פון זיין צע־קרייזלטן קאפ און אין פייערדיקן העברעאיש געהאלטן א רעדע פארן עולם, כאטש קיינער האט אים נישט געבעטן. דער עולם האט געקוקט מיט אויפ־געריסענע אויגן אויף דעם אפגעריסענעם סאלדאט, דעם באוואקסענעם און פארווארלאזטן, וואס האט אויסגעזען ווי א רוצח אין זיין ווילדן הילוך. דאס פייערדיקע העברעאישע לשון אין מויל פון אט דעם מאדנעם קרוע־בלועניק

האָט געקלונגען אומדערוואַרט, ווי אַ נס. ווען ער האָט פאַרענדיקט מיט דעם שיר פון יהודה הלוי וועגן „איך אין מערב און מיין האַרץ אין מזרח“, האָט דער עולם לאַנג געפּאַטשט מיט די הענט.

נאָך דעם איז די רייזע מיט דעם שלעפּנדיקן צוג געוואָרן נאָך מער אומדערטרעגלעך פאַר פּנחס פּראַדקין. דער עיפּוש פון וואַגאָן, די מיאוסע רייד, די קללות, און מער פון אַלץ די זלזולים און חוזק און נקמה־רייד קעגן יידן, זיינען געווען נישט אַריבערצוטראָגן. ווי גרויס עס איז געווען דאָס איילעניש פון פּנחס פּראַדקין, אַזוי גרויס איז געווען דאָס שלעפּעניש פון צוג, וואָס איז מער געשטאַנען ווי געפאָרן. די פאַרנאַכלעסיקטע רע־דער, טרוקענע, נישט געשמירטע, האָבן געריסן די פאַרראָסטעטע רעלסן, פאַרוואָרפענע מיט מיסט און פאַרוואַקסענע מיט ווילד־גראָז. אָפט האָבן די אַקסן געברענט און מען האָט געמוזט אָפּשטעלן דעם צוג אויף אַ צייט. אויך קיין קוילן זיינען ניט געווען פאַר דעם לאָקאָמאָטיוו. ביי יעדן וואַלד האָט דער מאַשיניסט אָפּגעהאַלטן דעם צוג און געטענהט צו די סאָלדאַטן, אַז ער וועט זיך ניט רירן ווייטער פון אָרט, ביז זיי וועלן ניט גיין אין וואַלד אַריין און אָנזאַמלען האָלץ צו הייצן די מאַשין. די סאָלדאַטן, פוילע אין זייער פאַרוואָרלאָזטקייט, לויזנדיק זייערע מלבושים, האָבן גלייכגילטיק אויס־געהערט דעם פאַראוילטן מאַשיניסט און אַרויסגעדרייט זיך פון גיין. יעדע־רער האָט אַרויפגעוואָרפן די אַרבעט אויפן אַנדערן. ווען זיי זיינען שוין יאָ געגאַנגען ענדלעך, האָבן זיי פאַרגעסן צוריקצוקומען. אָדער זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און אויסשטרעקנדיק פריי די ביינער, נאָך וואָכ פון ענגשאַפט און שטופּעניש, זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ האַרטן שלאָף פון וועלכן מען האָט זיי נישט געקענט אויפוועקן, אָדער זיי זיינען פאַרקראָכן אין די דערפער, געבעטלט ברויט ביי די פויערים און ליבע ביי די סאָל־דאַטקעס, וואָס זייערע מאַנען זיינען דערהרגעט געוואָרן אויף די פראָנטן אָדער פאַרלאָרן געגאַנגען אין געפאַנגענשאַפט. אַ סך פלעגן צוריקקומען שיכורע פון היימישן בראָנפן, „סאַמאַגאָנקע“, מיט וועלכן די פויערים האָבן זיי אָנ־געטרונקען. זיי זיינען געווען ווילד פון דער ניט־דיסטיליזירטער משקה און זיי האָבן געוויינט אויף זייער גורל אויף די ווייבער אין זייערע היימען, וועלכע האָבן זיי זיכער פאַרביטן מיט אַנדערע מענער, ווי די סאָלדאַטקעס אויפן וועג האָבן עס געטאָן מיט זיי, פרעמדע מענער. אַזוי האָבן זיי אויך געדראָאַט מיט נקמה קעגן אַלעמען, קעגן די ניט־טרייע ווייבער, קעגן די פּריצים און אָפיצערן, און מער פון אַלץ קעגן פּנחס פּראַדקין און זיינע לייט, וואָס, ווי מען זאָגט, זיינען זיי שולדיק אין אַלע אומגליקן.

— נו, וואָס ענטפערסטו ניט, טייוול שוואַרצער? — האָבן זיי געהאָט

טענות צו פּראַדקינען, אַז אויסגעהונגערטן, מידן און פאַרוואַרלאָזטן, ווי זיי אַליין, — שוויגסט אַלץ און קוקסט, געקרייזלטער!

פּנחס פּראַדקין האָט אַרויסגענומען אַ האַנט מאַכאָרקע פון זיין טיפער שינעל־קעשענע און פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס אין אַ שטיקל פון אַ צעריבענער פּראָקלאַמאַציע, וואָס מען האָט אים אויף ערגעץ אַ סטאַנציע געגעבן. ער האָט גאָרניט זיך אַנגעקערט מיט דעם עיפּושדיקן צוג און זיינע לייט, ניט מיט זיי, נישט מיט זייערע געוויינען און געלעכטערס, קללות און געזאַנגען, ריידעריי און ביטערנישן און סכסוכים. ער האָט שוין אויסגעקוקט די מי־נוט אַנצוקומען אַהיים, אַנצופרייען זיך מיט זייניקע און וואָס גיכער צו לאָזן זיך אַוועק צום האַפן אין אַדעס, אין וועלכן שיפן וועלן איצט צוריקנעמען פאַראַנקערן ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

2

יעדער אָנהייב וואָך אויפסניי האָט פּנחס פּראַדקין גענומען איינפּאַקן זיינע עטלעכע זאַכן אין דעם פּוטערנעם זעלנערישן רוק־זאַק, וואָס איז אים גע־בליבן אַ ירושה פון אַן עסטרייכישן הרוג, און אויסגעשטרעקט די האַנט צו געזעגענען זיך מיט די עלטערן פאַר זיין נסיעה קיין אַדעס; יעדער מאָל אויפסניי האָט די מוטער זיינע אים צוריק אַרויסגעוואָרפן די זאַכן און גע־שוואָרן זיך מיט אַלע שבועות אין דער וועלט, אַז זי וועט אים ניט לאָזן אַוועקפאָרן. ווי זי, אַזוי האָבן אים אויך אָפּגעהאַלטן דער פאָטער דער כלי־קודש, די פיל שוועסטער און ברידער, איינער יינגער פון אַנדערן, די שכנים די קאָלאָניסטן, און מער פון אַלע אַנדערע — דער עלטסטער און חשובסטער קאָלאָניסט פון דאָרף, ר׳ אשר דער „סטאַראָסטע״.

פּנחס פּראַדקין האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבן מיט דער גוטס־קייט, וואָס האָט אים אַרומגענומען אין דער היים נאָך די פיר יאָר נויט און רשעות, מיט דער וואַרעמקייט, וואָס האָט אים געטוליעט און געגלעט, ווי די היימישע פּערענע, מיט וועלכער די מוטער האָט אים איינגעדעקט צום שלאָף פון קאָפּ ביז די פיס.

פון דער ערשטער רגע, ווי ער איז אָנגעקומען אַהיים צופוס פון דער באַן־סטאַנציע, און די מוטער האָט אַריינגעכאַפּט זיין קאָפּ און צוגעטוליעט אים צו איר ווייכער גרויסער ברוסט, האָט ער דערפילט די וואַרעמקייט און צוגעבונדנקייט, פון וועלכער מען קען זיך אַזוי גיך ניט אָפּרייסן. פון איר האָט געאָטעמט מיט אויפגעזאָטענער מילך, מיט זיס־זויערלעכן טעם פון ברויט און קימל, מיט בעטגעוואַנט און מיט מאַמעש לייב, וואָס האָט אַ סך קינדער געבוירן און געזויגן. זי האָט גאָרניט געוואָלט אַרויסלאָזן דעם

פאַרוואַרלאָזטן זעלנערישן קאָפּ פון איר איבערגעיוירענער ברוסט, כאָטש איר מאַן און די קינדער זיינען געוואָרן אומגעדולדיק, ווייל אויך זיי האָבן זיך געוואָלט פרייען מיטן צוריקגעקומענעם.

— רחל, לאָמיך געבן פּנחסן שלום־עליכם, — האָט דער מאַן זיך ביי איר געבעטן.

— מאַמע, לאָמיר אָנקוקן פּנחסן, — האָבן די קינדער געהאַט טענות צו איר.

— קינד מיינס פיינעלע, — האָט רחל פּראַדקין געמורמלט און גע־קושט איר זון איבער די שטעכעדיקע באַוואַקסענע באַקן, איבער די צוואַק־סענע פאַרהאַרטעוועטע הענט.

נישט איבעריק געלונגען האָט ר׳ אברהם־יצחק, דער דאָרפישער רב, צעקושט זיך מיט זיין זון. נישט געניט אין קושן זיך, האָט ער זיך פאַרשעמט מיט אָט דעם יידענישן ענין און געטראָפן מיט זיינע באָבערדיקטע ליפּן דעם זון מער אין דער נאָז, ווי אין מויל. אָבער די גוטסקייט פון זיינע ווייכע טויבן־אויגן, די וואַרעמקייט פון זיינע ווייכע אויסגעשטרעקטע הענט, זיי־נען נישט אָפּגעשטאַנען אין זייער גליק קעגן דער מוטערס געניטע קושן און אומאַרמונגען. פול מיט צעשטראַלטער שמחה זיינען געווען די קושן און אומאַרמונגען פון די ברידער און שוועסטער, איינע יינגער פון אַנדערן. פּנחס האָט ניט אַלעמען דערקענט איצט, ווייל זיי האָבן זיך פאַר די עטלעכע יאָר היפּש געענדערט, איבערהויפּט די קלענערע יינגלעך און מיידלעך, וואָס זיינען שטאַרק אַרויסגעשאָסן, פון קינדער געוואָרן פאַלנע מענטשן. ער האָט געפילט אַלע מאָל אַן אַנדער פּאָר הענט, אַן אַנדער פּאָר ליפּן, פולע ליפּן, וואָס אַלע האָבן זיי געהאַט אַזעלכע אין דער פּראַדקין־משפּחה. בלויז די עלט־סטע שוועסטער, שפרה, האָט נאָכן צעקושן זיך מיטן ברודער, אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, וואָס איז אַלעמען געלעגן אויף די ליפּן, נאָר קיינער האָט עס ניט געוואָגט צו זאָגן.

— פּנחס, וועסט זיך אפשר אָפּוואַשן . . . איך וועל דיר אָנגיסן אַ שיסל הייס וואַסער . . .

פּנחס איז רויט געוואָרן פון דער שוועסטערס רייד, וואָס האָט אים דער־מאָנט אין זיין פאַרוואַרלאָזטקייט, וואָס ער האָט אַליין מער ניט געפילט. ער האָט איצט ניט געוואָלט מער גאָרנישט ניט טאָן פריער, נישט עסן, נישט ריידן, נאָר וואַשן זיך. צום ערשטן האָט ער אָפּגעוואַשן זיך אין איין שיסל וואַסער. אָבער זעענדיק דאָס וואַסער, וואָס איז געוואָרן שוואַרץ פון די ערשטע עטלעכע שווענקענישן דערין, האָט ער געהייסן זיך דערלאַנגען אַ צווייטע שיסל, אַ דריטע. ווען נאָך אַלע שטוביקע וואַשענישן האָט פּנחס

אַלץ נישט געקענט אַרויסשווענקען פון זיך דעם אָנגעזאַמלטן שמוץ פון יאָרן, האָט דער פאָטער געהייסן די יינגלעך, זיי זאָלן איינהייצן די דאָר־פישע מקווה, וואָס געוויינטלעך הייצט מען זי אין מיטן וואָך נאָר ווען אַ יידענע דאַרף גיין טבילה. אין דער הייסער שמאָלער מקווה, צו וועלכער מען האָט געדאַרפט אַראָפּגיין מיט אַ סך קרומע, געדרייטע און גליטשיקע הילצערנע טרעפּלעך, האָט ענדלעך פּנחס אַרויסגעוואַשן פון זיך אַלדי אומ־ריינקייט פון זיין פאַרוואָרלאָזטן גוף. דער פאָטער אַליין האָט געגאָסן הייסע שעפּעלעך וואַסער אויף די שטיינער אין באָד און מיט אַ בעזעמל אויסגע־שמיסן דעם זון זיינעם פון קאָפּ ביז די פיס. פּנחס האָט אַזש געזיפצט פון תענוג.

— בעסער, טאַטע — האָט ער זיך געבעטן, — שמייס אַרויס פון מיר אַלץ, די גאַנצע פיר יאָר שמוץ, רשעות און פּיין.

ר׳ אברהם־יצחק האָט גענומען דעם זונס זעלנערישע פאַרוואָרלאָזטע בגדים, פון העמד ביזן צעריסענעם שינעל, און זיי אַריינגעוואָרפן אין פלאַ־קערנדיקן באָד־אויוון.

— שקץ תשקצנו — האָט ער געזאָגט, ווי ווען מען פאַרברענט אַן עבודה־זרה־זאַך, און דערלאַנגט דעם זון אויסגעוואַשענע וועש, אַביסל צוגעלאַ־טעטע אָבער קלאָרע, אַזוי אויך פּנחסעס אַלטע הויזן און רעקל, וואָס זיינען געווען הישפּלעך אויסגעוואַקסן אָבער גאַנץ און ציכטיק. אַן אויסגעוואַ־שענער, אַ באַנייטער, האָט פּנחס די ערשטע טעג אָפּגעגעסן און אָפּגעשלאָפן פאַר אַלע ציַיטן. ער איז גאַרנישט מיד געוואָרן צו עסן די געשמאַקע קימל־ברויטן, די שבתדיקע חלות, די אייערקיכלעך און די קאַמיס־ברויטלעך, וואָס די מוטער זיינע האָט געבאַקן פאַר אים. אַזוי האָט ער פאַרצערט די קאַשעס מיט יויך, די שעפּסענע געדעמפּעכטסן, די גריישלעך, געפילטע מילצלעך, קישקעס, די הינערשע דרויבלעך, וואָס די שוועסטער האָבן געהאַלטן אין איין קאָכן פאַר אים. ער האָט זיך ממש געבאָדן אין אויסגע־זאָטענער מילך, אין פּוטער און אין שמאַנד, געוויקט זיך אין די שמאַלצן פון די פעטע קוגלען, וואָס שכנות האָבן געשיקט צו אים אויף שבת אַהיים מיט זייערע פאַרשעמטע טעכטערלעך, וואָס ווי נאָר זיי האָבן אַרויסגעזאָגט דעם „ליב אייך מיט אייער גאַסט״, זיינען זיי אַנטלאָפן ווי די רוחות.

איידער ער האָט זיך אומגעקוקט, פּנחס פּראַדקין, זיינען די לעכער אין זיין ברייטן פּנים געווען אויסגעפילט מיט לייב. זיינע שוואַרצע פייערדיקע אויגן האָבן איצט געגלאַנצט ווי די שוואַרצע פעטע איילבערטן, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט צום טיש צוזאַמען מיט אַלערליי איינגעזייערטע אוגערקעלעך און פּאָמידאָרן. אַפילו די האָר זיינע, די צעקרייזלטע, האָבן איצט אַן אַנ־

דער מראה געקראָגן. זיי האָבן געבלישטשעט פון שוואַרצקייט. מער פון אַלע אַנדערע שכנים אין דאַרף האָט אים מכבד געווען ר׳ אשר, דער „סטאַ־ראָסטע״. שוין דעם ערשטן שבת נאָכן דאַוונען, ווען ר׳ אשר האָט פאַר־בעטן דעם גאַסט, זיינע עלטערן און שיר ניט אַלע מתפללים אויף קידוש צו זיך אין הויז, האָט ער זיך צעלאָזט מיט דער ברייטער האַנט. וויפיל די טאָכטער זיינע האָט נישט אָנגעשטעלט אויפן געדעקטן טיש אַלערליי הײ־מיש־געמאַכטע קיכלעך און איינגעמאַכטסן און זאַפטן, האָט ר׳ אשר גע־האַלטן אין מאָנען מער. — קאַרג נישט, מינדל, — האָט ער געטענהט, — נעם אַרויס פון קעלער דאָס אַגרעס־איינגעמאַכטס, דעם קאַרשן־זאַפט און דעם ווייך, וואָס מען האָט פאַראַיאָרן איינגעזייערט.

מינדל איז אַלעמאָל אויפסניי פאַרשוואונדן אין דער קעלער־טיר אין דער פאָדלאָגע און אַרויפגעקומען מיט אַלץ נייע סלאָיען און פלעשער, וואָס האָבן געשמעקט מיט שימל, האַרבקייט און שמחות.

— טרינקט געזונט, עסט געזונט, — האָט זי געמונטערט דעם עולם, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט בעטן.

נאָך דעם גרויסן שבתדיקן קידוש, האָט ר׳ אשר גענומען מאַכן ווע־טשערעס אין מיטן דער וואָך פאַר דעם צוריקגעקומענעם רבנישן זון. זיצנ־דיק מיט אים ביים טיש, וואָס איז געווען געדעקט מיט אַ פאַרביק טישטעך, אויסגעניייט דורך זיין טאָכטער מינדל, עסנדיק די באַטעמטע גריוון, פופיק־לעך און לעבערלעך און קניידלעך, וואָס מינדל האָט מיט גרויס בריהשקייט צוגעגרייט און צוגעטראָגן צום טיש, צוטרינקענדיק דעם היימיש־געמאַכטן ווייַן פון די קליינע זויערלעכע ווייַנטרויבן, וואָס זיינען געוואַקסן אין דעם אייגענעם וויינשטאָק, צוגעבנדיק חשק דעם גאַסט, ער זאָל זיך ניט לאָזן בעטן, ווייל ס׳איז היימיש, האָט ער גערעדט מיט אים תכלית־רייד, דער אַלטער ר׳ אשר.

אָנהייבנדיק ביי די אַמאָליקע צייטן, ווען דער פאָטער זיינער, דער קרע־מער, האָט זיך מיט די ערשטע שוואַלבן אין דער קאָלאָניע באַזעצט און מורא געהאַט צו אָן אָקס צוצוגיין און איינשפּאַנען אים אין יאָך, ביז מען איז דערגאַנגען דערצו, אַז מען האָט איצט, ברוך־השם, אַ צעוואַקסן יידיש דאָרף מיט אַן אייגן בית־המדרשל, מקווה און רב, האָט ר׳ אשר פאַרענדיקט מיט דערציילן וועגן זיין האָב און גוטס, מיט וואָס גאָט האָט אים געבענטשט דאָ. קיין זאַך האָט גאָט אים, חלילה, נישט געקאַרגט. ער האָט אים געגעבן ערד גענוג, שוואַרצע, גוטע ערד, וואָס מען דאַרף כמעט נישט מיסטיקן, ווייל זי גיט איר ברכה אַליין; ער האָט אים אויך געבענטשט מיט מעלקנדיקע קי און ציגן, אַרבעטס־אָקסן און פערד, און שעפּסעלעך, וואָס גיבן זייער וואָל,

און עופות, און פיש אין טייכל, און פלאַקס און וויינטרויבן, און אַפילו טאַבאַק־בלעטער, אַפּגעבנדיק אַ שבח דעם אייבערשטן אין הימל פאַר זיין גרויסן גאָב, האָט ר׳ אָשר אָוועקגעשטעלט דאָס גלעזל היימישן וויין און מיט אַ וואָלקן אויפן אַלטן צעאַקערטן פּנים אויך גענומען ריידן וועגן די צרות וואָס גאָט אין הימל האָט אים ניט פאַרגעסן איינצוטיילן. די זין זיינען זיך צעלאָפן קיין אַמעריקע און שרייבן אַפילו קיין בריוו נישט, פאַרפאַלן געוואָרן ווי שטיינער אין וואַסער. די טעכטער האָבן חתונה געהאַט און זיך צעפאָרן. טאָמער איז נאָך דאָס ווייניק געווען האָט אים גאָט צוגענומען די אַלטע זיינע. ער האָט נאָך געהאַט איין גרויסע טרייסט — דעם יינגסטן זון, שאולקע, וועמען ער האָט געוואָלט איבערגעבן די ירושה, אַזוי, אַז ער אַליין זאָל שטאַרבן מיט אַ רואיק געמיט, זיכער אין אַ גוטן יורש און אין אַ גוטן קדיש־זאָגער. אָבער וויזט אויס, אַז גאָט אין הימל האָט אַנדערש געוואָלט. שאולקע איז צוגענומען געוואָרן אין דער מלחמה אַריין און מער נישט צוריקגעקומען. בלויז זיינע מלבושים זיינען געבליבן הענגען אויף דער וואַנט און דאָס תפילין־זעקל דערלעבן. אויסווישנדיק מיט דער פויסט אַ טרער, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אין דער געדיכטער באָרד אַריין, איז ר׳ אָשר צוריקגעגאַנגען פון טרויער צו בטחון, ווייל אַ מענטש דאַרף נעמען דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, דאַנקען גאָט דערפאַר, וואָס ער גיט און נעמט און ער האָט מיט אַ פאַרטאַבאַקטן פינגער אָנגעוויזן אויף דער יינגסטער טאָכטער ביי דעם אויוון אַז פון אַלץ איז אים געבליבן זי, דאָס אויג אין קאָפּ, וואָס איז צו אים אַלץ אויף זיינע אַלטע יאָרן — אַ מאַמע און אַ באַלעבאָסטע, אַ הילף אין שטוב און אין שטאַל, אין שייער און אין פעלד. אויסרעכענענדיק אַלע מעלות אירע, וואָס אי זי קאָכט, אי זי וואַשט, אי זי מעלקט די בהמות, גיט אַכטונג אויף די עופות און אַז מען דאַרף, שפּאַנט זי אויך איין די אָקסן אין יאָך און האָט אַפילו נישט קיין מורא אַרויפצוזעצן זיך אויף אַ פערד און צורייטן צו דער באַן־סטאַנציע, האָט ר׳ אָשר גערעדט אָפענע דיבורים מיטן רבנישן זון, גאַרנישט ווי אַ טאַטע פון אַ דערוואַקסענער טאָכטער טוט אַזוינס.

— פּנחס, דו געפעלסט מיר — האָט ר׳ אָשר געטענהט, — ביסט צו גאָט און צו לייט, און איך וויל דיר אָוועקגעבן מיין מיגדלען און אַלץ וואָס איך פאַרמאָג.

פּנחס האָט זיך גערויטלט ווי אַ יינגעלע און פּרובירט עפּעס אַנטקעגנרעדן קעגן ר׳ אָשרס רייד. דער אַלטער האָט אים ניט געלאָזט ריידן. אוודאי ווייסט ער, האָט ער געטענהט, אַז ער, פּנחס, איז אַ געלערנטער מענטש, וואָס האָט געענדיקט אַלע קלאַסן אין אַדעס. אַזוי איז ער געלערנט אין יידישע זאַכן,

אין לשון־קודש און אין ספרים, אַ למדן, ווי דער טאַטע זיינער, דער רב. אָבער די וועלט איז איצט איבערגעקערט נאָך דער מלחמה, די שטעט זיי־נען פול מיט בהלה און דלות. נישט עס איז דאָ תורה אין זיי, נישט סחורה. אויך זיינען די ווייבער אין די שטעט אַרויס פון די האַלאַבלעס, מען רעדט געגנוג דערפון אין דאָרף. צו גאַרנישט וועט ער, פנחס, דערשלאָגן זיך אין די שטעט. און דאָ, וואָס עס זאָל ניט זיין, איז די ערד בלייבט ערד, די בהמות — בהמות. דערצו גיט ער אים אַ טאָכטער אַן אוצר, אַ בריה אַ גאַטספאַרכטיקע און אַ געטרייע, אַ גוטע טויב אַ כשרע, וואָס קיינער אין דאָרף וועט קעגן איר קיין שלעכט וואָרט, חלילה, נישט זאָגן. און אַלץ וועט זיין זיינס, דאָס פאַרמעגן און דאָס געלט, די זאַכן און די קליידער, די וועש און די מכשירים און איר גרויסער אויסשטייער, וואָס זי האָט צוגעגרייט אין קאַסטן, פון בעטגעוואַנט ביז וועש, רייך־לייוונטענע.

— זאָג יאָ, פנחס און מירן ברעכן טעלער, מיט מזל, — האָט דער אַלטער נישט אויפגעהערט בעטן זיך ביי אים. — ביים לעבן וועל איך דיר אַלץ אָוועקגעבן. איך אַליין וועל זאָגן תהילים בלויז און דערנאָך צואוויגן אַן איינקל, אַז גאָט וועט שענקען ס'לעבן.

וויפיל פנחס האָט זיך נישט געמיט אויסצודערציילן פאַרן אַלטן וועגן זיינע פלענער, וואָס ער האָט, גאַנץ אַנדערע פלענער, ווייל ער איז דאָ און זיין האַרץ איז אין מזרח, האָט עס דער אַלטער ניט געוואָלט הערן. ער האָט גערעדט, געבעטן זיך, איינגעטענהט מיט פנחסעס עלטערן, מיטן פאָטער ווי מיט דער מוטער. ווי דער אַלטער ר' אָשר, אַזוי האָבן אויך פנחסעס עלטערן אַריינגערעדט אין זייער זון, ער זאָל זיך אָנכאַפּן אין גליק.

— ר' אָשר איז אַן אָנגעשטאָפּטער באַלעבאָס מיט כל־טוב, האָט ר' אברהם־יצחק, דער דאָרפישער רב, איינגעטענהט מיטן זון. דערצו איז ער אַן ערלעכער ייד, אַ בכבודער ייד, און די טאָכטער זיינען איז אַ מיידל אַ צנועה און אַ כשר קינד. וואָס דאַרף מען מער?

מער ווי דער פאָטער איז די מוטער צוגעשטאַנען צו פנחסן. באַקנדיק אירע ברויטן ביים פלאַמענדיקן פאַררויכערטן אויוון, שאַרנדיק מיט אַ קאָכ־לעפל אין די גרויסע טעפּ, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין קאָכן פאַר איר גרויסער משפחה, וואַשנדיק און רוימענדיק, האָט זי ניט אויפגעהערט דער־ביי אַריינריידן אין איר זון, דערציילן וועגן דער עשירות און וואוילטאָג פון ר' אָשרס הויז, וועגן יעדן שטיקל פאַרמעגן זיינעם.

— אַ שמאַלץ־גרוב איז עס, קינד מיינס — האָט זי געטענהט, אַריינ־לייגנדיק אַלע כוחות אין די רייד אירע. — און אַ מיידל וועסטו קריגן וואָס גאָט און לייט וועלן דיך מקנא זיין מיט איר. טו צוליב דער מאַמען, זון,

ביסט נישט קיין ייִנגעלע מער. צייט חתונה צו האָבן, זון, פאַרשאַפן דער מאַמען נחת פון דיר און פון אייניקלעך, מען זאָל עס דערלעבן.

דער מוטערס רייד האָבן פּנחסן געריִרט פון די האָר־וואָרצלען אין שוואַרצן קאָפּ ביז די טריט פון די פיס. אַ גרויסע וואַרעמקייט האָט גע־פלאַסן פון איר ווייכן ווייבערשן גוף, וואָס האָט אַ סך קינדער געבראַכט אויף דער וועלט, אַ וואַרעמקייט און גוטסקייט, וואָס איז געווען שווער ביי־צוקומען. אים האָט אַ גרויס רחמנות אַרומגענומען צו דער ווייכער מאַמען זיינער, וואָס אַלע אברים אירע האָבן געבעטן זיך ביי אים אַ ביסל נחת. ער האָט ניט געקענט קוקן גלייך אין אירע אויגן, גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן נאָך אַלץ נישט פאַרלאָרן די מיידלשע לויטערקייט און גלאַנץ. פּונקט אַזוי האָט פּנחס ניט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן ר׳ אשרס טאָכטער, ־ינדלען, וועמען אַלע האָבן אים געוואָלט געבן פאַר אַ ווייב.

אַ מאַט־הויטיקע, אַן אויסגעפּילטע, אַ רונדיקע, מיט גלאַטע שוואַרצע האָר, הייכע און צוגעגלעטע, חי מען וואָלט זיי געשמירט מיט בוימל, מיט אַפּענע פרידלעכע אויגן תמימותדיקע און ריינע, פון וועלכע די גוטסקייט אַליין קוקט אַרויס, מיט עטלעכע קלייען אויף דער פלײשיקער נאָז, וואָס האָט איר צוגעגעבן אַ באַזונדערע היימישקייט און חן, מיט זאַפטיקע ליפּן, תמיד עטוואָס געעפנטע אַביסל, דורך וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט אַביסל צו־גרויסע ציין, — האָט זי געהויכט מיט רייפקייט און צייטיקייט און ווייבערשער גרייטקייט צו געבן מנוחה און גליק דעם באַשערטן איריקן, וואָס וועט ווערן איר האַר און געביטער. די רייפקייט און צייטיקייט האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון אַלע אירע פולע גלידער, גרייטע צו זיין ווייב און מוטער. זי האָט ווייניק גערעדט מיט דעם, וועמען דער פאָטער, ווי גאַנץ איזראַעליטע, האָט אָפּגעמאַכט די אויסצוגעבן פאַר אים. זי האָט זיך געשעמט צו ריידן מיט דעם רבנישן זון, וועמען זי האָט באַגערט. זי האָט אויך, די דאָרפישע טאָכטער און ווייניק קענעוודיקע, ניט געהאַט וואָס צו ריידן מיט אַט דעם פּנחס פּראַדקין, וואָס מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט געענדיקט די קלאַסן, געווען אַ למדן, און אויך דורכגעמאַכט אַ וועלט אין די מלחמה־יאָרן. זי האָט אים בלויז אונטערטעניק צוגעטראָגן צום טיש די זאַפטן און איינגעמאַכטסן און געבעקסן, און געבעטן אים פאַרזוכן פון אירע מאכלים, וואָס וועלן אוודאי אים ניט שמעקן. זי האָט זיך אויך געדרויטלט צוהערנדיק דעם פאָטערס אָפענע רייד וועגן אירע מעלות און קיין וואָרט צום גאַסט ניט אויסגערעדט. אָבער איר מיידלשער צייטיקער קערפּער, אַלע גלידער אירע, האָבן גערעדט צו אים וועגן איר ליבשאַפט צו אים. די גלאַטע האָר, די רונדע היפּטן, די פולע אָרעמס, דער ווייכער האַלדז, די צייטיקע בריסטן, וואָס האָבן די בלוזקע צעשפּאַרט, די

צו־גרויסע ציין דורך די האַלב־געעפנטע פולע ליפּן, די תמימותדיקע ווייכע אויגן, יעדער זומער־שפּרינקעלע אויף איר פליישיקלעכער נאָז האָבן גערעדט און גערופן און געזאָגט — איך בין רייף און צייטיק און אָנגעברייט אָװעקצוגעבן לייב און לעבן פאַר דעם מאַן, וואָס וועט מיך נעמען און באַהערשן; גרייט צו זיין ווייב און מוטער.

פנחס פּראַדקין האָט ניט נאָר געהאַט מיטלייד צו דער אויסגעקנעטעטער דאָרפישער טאָכטער, וואָס האָט אים שטום באַגערט, נאָר ער האָט אויך געפילט אַ ליבשאַפט צו איר. נאָך די יאָרן פאַרברענגען אין דער אָדעסער מאָלדאַוואַנקע, נאָך די יאָרן קריג, אין וועלכע ער האָט זיך אָנגעזען דאָס גאַנצע הפקרות פון ווייבערשן מין אין צייט פון צערודערנישן, איז אים די תמימותדיקע דאָרפישע טאָכטער געווען באַזונדערס ליב און איינגעבאַקן אין האַרצן. זי האָט אים תמיד דערמאָנט אין די הייליקע אמהות פון חומש, אין די זיסע באַטעמטע רייד פון שיר־השירים — אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן איז מיין שוועסטער־כלה, אַ פאַרשלאָסענער ברונעם, אַ פאַרחתמעטער קוואַל. דער ריח פון דיין פּנים איז ווי עפּל, דיין גומען ווי גוטער וויין.

אָט דאָס איז עס געווען דער עפּל־געשמאַק, אין וואָס זי האָט אים דער־מאָנט. און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף בישט קומען אַזוי אָפט אין הויז צו איר פאָטערס טיש, ווייל זיין וועג איז אַן אַנדערער, בישט דאָ אין די פעלדער פון פרעמדער כערסאָנער ערד, נאָר דאָרטן אין מזרח, האָט ער אָבער ניט געקענט ביישטיין דעם גרויסן דראַנג צו גיין אין דעם הויז, וואָס איז אומעטום געווען פול מיט מינדלען, צו זען אירע אַראָפּגעלאָזענע אויגן, וואָס קוקן אויף אים מיט פאַרשעמטקייט און באַגער צוזאַמען.

אַזוי האָט ער אויך ניט געקענט קעגנשטעלן זיך דעם אַלטן ר׳ אָשר, די אייגענע טאַטע־מאַמע, די עלטערע שוועסטער און ברידער און דעם גאַנצן דאָרף, וואָס האָט מיט שטומע אויגן אים דורכגענומען, געשמייכלט צו אים און געבעטן, ער זאָל ברענגען היימישקייט און שמחה אין דעם דאָרף, אין וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן, און ער געהערט דערצו. עס האָט אויס־געזען, ווי דאָס וואָלט געווען אַ באַשערטע זאַך, אַן אָפּגעפּסקנטע פון אַלעמען, פון גאָט און פון די עלטערן, פון די באַלעבאַטים און פון יעדער יידענע אין דאָרף. אפילו די בהמות און די קעלבעלעך אין דאָרף האָבן אים באַטראַכט מיט אויסגעקיילעכטע אויגן, אויסגעשטרעקטע העלדזער און אַרויסגעזעצטע צונגען, ווי זיי וואָלטן אים בעטן, ער זאָל ניט פאַרשלעפּן און אָפּציען, נאָר בעסער אונטערגעבן זיך דעם, וואָס איז אָפּגעמאַכט און אָנגעצייכנט.

פנחס האָט דערפילט, אַז זיין שטענדיקע עקשנות ברעכט זיך אין אָט דער אָנגעזאָפּטער לופט, פול מיט היימישקייט, נאָענטקייט און פריינטשאַפט.

די מוטער זיינע האָט מער ניט גערעדט, נאָר געקוקט אויף אים מיט גליקלעכע מאַמעשע אויגן באַצייטנס, ווי עס האַלט ביי טעלער־ברעכן. אין איינעם אַ שבת־צו־נאַכטס נאָך הבדלה, ווען עס האָט שוין געהאַלטן ביים סאַמע לעצטן, ביים צונויפרופן דאָס דאָרף אין ר' אָשרס הויז און שרייבן תנאים, האָט אין פּנחסן אויפגעוועקט זיך זיין עקשנות, זיין יאָרן־לאַנגער באַגער, וואָס מען וויל אים דאָ דערשטיקן, און ער האָט גענומען האַסטיק פּאַקן אין פוטערנעם רוק־זאַק די עטלעכע געלאַטעטע העמדער זיינע און דאָס צעריסענע ספר מיט שירים פון ר' יהודה הלוי, מיט וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשיידט. די מוטערס אויגן זיינען געוואָרן טאָפּלט גרויס און רונדיק.

— פּנחס, וואוהין לויפסטו? — האָט זי געפרעגט אין שרעק, — איצט?

— פּנחס באַרעכן דיך, — האָט דער פאָטער אים געוואָרנט.

— פּנחס, בלייב מיט אונדז, — האָבן די שוועסטער און ברידער געבעטן.

פּנחס איז געווען האַרט, ווי די שטיינער אין מזרח, וועלכע ער האָט געגריים זיך אויסרייסן פון דער ערד, כדי צו באַארבעטן און באַפרוכפּערן זי.

— מאַכט מיר נישט שווערער, — האָט ער זיך געבעטן ביי זייניקע, — עס איז מיר אַזוי אויך שווער גענוג.

רחל פּראַדקין האָט איינגעזען, אַז רייד זיינען אַרויסגעוואָרפן, און זי האָט אים אפילו ניט דערמאָנט ער זאָל אַריינגיין אין ר' אָשרס הויז זאָגן אַ זיי־געזונט. כאָטש אַט די רייד זיינען איר געלעגן אויף דער צונג. זי האָט אים שוויגנדיק איינגעפּאַקט אַן איבערגעבליבענעם שבתדיקן קוילעטש, אַ קעזל מיטן זעקל און אַ פלעשל האָניק. ר' אַברהם־יצחק האָט אַריינגעלייגט אין פוטערנעם רוק־זאַק זיין זונס בחורישע תפילין, הגם ער איז ווייט ניט געווען זיכער, צי ער וועט זיי אָנטאָן אַמאָל.

— אַז ס'וועט דיר, חלילה, זיין שלעכט אין דער פרעמדער, געדענק, אַז דו האָסט אַ היים, קינד, — האָט רחל אָנגעזאָגט איר זון טוליענדיק זיין קאָפּ צו איר איבערגעיורענער ברוסט.

— איר וועט קומען צו מיר אַהין, — האָט פּנחס געזאָגט מיט בטחון, — ווי נאָר איך וועל דערגרייכן צו אַ שטיקל נחלה, וועל איך אייך אַלעמען אַריבערנעמען.

מיט דעם רוק־זאַק פאַרלייגט אויף דער פּלייצע און מיטן אויסגעקראַכענעם פוטערנעם היטעלע אַראָפּגערוקט איבער די אויגן, ווי מען גנבעט זיך אַרויס פון אַ געפערלעך מקום, האָט פּנחס פּראַדקין געשאַרט זיך ביי די פּלויטן פון זיין דאָרף ביז ער איז אַרויסגעקומען צום אָפענעם וועג, וואָס פירט צו דער ווייטער באַן־סטאַנציע. דער ווינט אין סטעפּ האָט געבלאָזן, געבראַכן מיט די שיטערע קוסטן, וואָס האָבן געשמעקט דאָ און דאָרט אין דער טונקלקייט

פון צעוואָרפענע האַרבסטיקע פעלדער, און געטריבן דעם איינציקן נאַכט־גייער
פאַרויס. פנחס איז אונטערגעלאָפן, ווי יעדע רגע וואָלט אים געוועזן צופיל
אין זיין אָנגעצייכנטן וויטן וועג.

3

זיי זיינען ניט געקומען, די שיפן פון מזרח, אין אָדעסער האַפן, ניט זיי,
ניט שיפן פון אַנדערע לענדער.

יעדן טאָג אויפסנײַ איז פנחס פראַדקין אַרויס צום ברעג; יעדער מאָל
אויפסנײַ איז ער אָוועק מיט גאָרנישט. דער האַפן איז געווען פוסט. מען
האָט ניט געזען מער דאָרטן ניט קיין פרעמדע סוחרים און מאַטראָזן, ניט קיין
אייגענע קאָמיסיאָנערן און מעקלערס, ניט קיין האַפן־טרעגער מיט זעק אויף
די קעפּ. די ריזיקע תבואה־קעלטערס, די שווערע שפּייכלערס, די צאָל־
קאַמערן, די האַנדלס־געביידעס, קאַנטאָרן, אַגענטורן, בנינים און ביידלעך —
אַלע זיינען זיי געשטאַנען פוסט און לער, מיט אויסגעבראָכענע שויבן אין די
פאַרגראַטעוועטע פענצטערלעך, מיט שווערע פאַרראָסטעטע שלעסער אויף די
מאַסיווע טירן. הויב־מאַשינען, וואַגאָנעטקעס, רעלסן האָבן געראָסטעט אין
זייער עובר־בטלדיקייט. די ווענט זיינען געווען באַקלעפּט מיט אָפּגעצוואָגענע
פּלאַקאַטן און אויפרופן, פון צאַרישע מיט צוויי־קעפּיקע אָדלערס, ביז דייטשע
און עסטרייכישע און רעוואָלוציאָנערע פון יעדן מין. לעבן זיי האָבן זיך
אויסגעלייגט אַלערליי מיאוסע רייד און צייכענונגען, וואָס לײַדיקגייער האָבן
אָנגעשריבן מיט קרייד, פאַרב און פעך. פון דאָ און דאָרט איז אַ פאַרנאַכ־
לעסיקטע שילד, אויפגעפרעסן פון ווינטן און געזאַלצענער ים־לופט, געהאָנגען
לויז איבער אַ חרובן האַפן־בנין און געשאָקלט זיך אין דעם ווינט, צוקלאַפּנדיק
טרויעריק צום געוויין פון ים. אין דער פאַנאַנדערגעוואָרפענער אָפּגעלאָזנקייט
האָבן בלויז בראָדיאַגעס פון יעדע געשלעכטער, פאַרביקע אין זייער קרוע־
בלועדיקייט און פאַרוואָקסנקייט, אַרומגעשלייכט זיך פאַרלאָרענע, זוכנדיק
שטיקלעך אייזן, שמאַטעס און אַנדערע מציאות. האַפן־זונות פון פאַר־מלחמה־
דיקע יאָרן האָבן פון אַלטער געוואוינהייט געמאַכט זייערע הקפות הין־און־
צוריק, אויסקוקנדיק פרעמדע מאַטראָזן, כאָטש זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז
קיינער פון זיי וועט מער ניט קומען, אַפילו הפקרדיקע הינט און קעץ, ווילדע
טויבן און מעוועס האָבן פאַרלאָזט דעם פאַרוואָרלאָזטן האַפן, אַנטוישט אין
זוכן שפּייז אומזיסט.

קיינער איז מער ניט געקומען אין דער אַמאָל־לוסטיקער האַפן־שטאָט,
ניט קיין שיפן, ניט קיין באַנען, ניט אַפילו קיין דאָרפישע פערד און וואָגנס
מיט גרינס און מילך. בלויז הונגער איז געקומען, הונגער און עפּידעמיעס

און אויפשטאַנדן און מושלים, אַלע מאָל אַנדערע, מיטברענגענדיק בליי אָון טויט. פּנחס פּראַדקין האָט זיך אַרומגעדרייט פּוסט־און־פּאַסט אין דער הפקר־דיקער שטאָט, עלנט, הונגעריק און פאַרלאָרן ווי קיינמאָל ניט פריער אין זיין לעבן. ווי אין די פאַר־מלחמה יאָרן, איז ער אַוועק צו דער מאָלדאַוואַנקע, וואו ער האָט אַמאָל געוואוינט און אין באַקאַנטע הייזער זיינע לשון־קודש שטונדן געגעבן. אָבער קיינער האָט אים איצט ניט געדאַרפט מער, ניט אים, ניט זיין לשון־קודש און דקדוק. אַזוי האָט ער אויך ניט געקענט קריגן קיין לעקציעס אין וועלטלעכע לימודים, אין מאַטעמאַטיק אָדער לאַטיין. מען האָט ניט געלערנט מער אין דער הפקרדיקער שטאָט. די שולן, אָן באַהייצונג, אָן ליכט, זיינען געווען געשלאָסן, אָדער האַלב־פּוסט. די לערערס זיינען זיך צעלאָפן וואו נאָר וועמער עס האָט געקענט: וועמער עס האָט אויסגעביטן אַלטע מלבושים און זאַכן אויפן „טאָלטשאָק" פאַר מעל און קאַרטאָפל; וועמער עס איז אַנטלאָפן אין דאָרף צו זוכן חיונה פון דער ערד; וועמער עס האָט זיך אַנגעשלאָסן אין אַן אַרמיי, אין איינער פון די פיל אַרמייען, וואָס איינע האָט געפירט מלחמה קעגן דער צווייטער. אַפילו די עלטערע לערער, וואָס האָבן צו קיין נייער באַשעפטיקונג מער ניט געטויגט און מיט ציין און נעגל געהאַלטן זיך ביי זייערע שולן, האָבן ניט געוואוסט וואָס צו לערנען, ווי אַזוי צו לערנען, ווייל יעדן טאָג האָבן זיי געהאַט נייע מושלים, וואָס האָבן זיי געגעבן נייע באַפעלן.

זיי האָבן זיך געביטן, די מושלים אין דער שטאָט, אַזוי אָפט, ווי די וועטערן ביים ים. נאָך די דייטשן מיט פּיקעלהויבן און די עסטרייכער מיט וויקל־שיך, וואָס זיינען אַוועק פון דער שטאָט, זיינען באַוואָפנטע אוקראַאינישע חיילות אַנגעקומען צו רייטן אויף פּויערישע פערדלעך, יונגען אין פעלצלעך און אין באַווידלטע היטלען, מיט הפקרדיקע אוקראַאינישע מלחמה־געזאַנגען אין זייערע מיילער און מיט געל־בלויע פענער אַרויפגעצויגן אויף לאַנגע פּיקעס. זיי האָבן די דייטשע אויפרופן אויף די ווענט באַקלעפּט מיט זייערע אויפרופן, פול מיט באַפעלן וועגן דער נייער אָרדענונג און געזעצן, וואָס זיי האָבן איינגעפירט. זיי האָבן אַראָפּגעריסן די נעמען פון גאַסן און פּלעצער און געקלעפּט נייע נעמען אויף זייער אָרט; זיי האָבן געהייסן פאַרשמירן די רוסישע ווערטער אויף שילדן און אויסמאָלן אוקראַאינישע ווערטער אויף זיי; זיי האָבן פאַרבאָטן פריערדיקע צייטונגען, זשורנאַלן און לער־ביכער און באַפוילן איינפירן נייע אויף זייער פּלאַץ. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַרעסטאַנטן פון געפענקענישן און אַריינגעזעצט פרייע לייט אויף זייער אָרט. זיי האָבן בטל געמאַכט די אַלע פריערדיקע געלטער, קערענקעס, צאַרישע פּאַפּירלעך, מאַרקן און קראָנען, און איינגעפירט „קאַרבאָוואַנצעס", באַנקנאָטן פון גע־

מיינסטן פּאַפּיר, באַדרוקט מיט דער געמיינסטער פאַרב. גלייך דערויף איז געוואָרן גרעסער דער יקרות און דער הונגער און דאָס גערדרענגעניש אויף די מערק, וואו מען האָט די פּאַפּירלעך אין האַנט ניט גענומען, נאָר געביטן סחורות אויף שפּייז. די באַווידלטע יונגען האָבן ניט אויפגעהערט כאַפּן מענטשן אויף די גאַסן און ענשטופּן אַלע געפּענקענישן מיט זיי. אין די פינצטערע נעכט האָט מען געהערט כסדרדיקע שיסערייען קולות פון גע־פייניקטע, הילף־רופן און אָפּהילכן פון מאַשין־געוועהר.

נאָך איידער די באַווידלטע יונגען האָבן זיך רעכט איינגענעסט אין דער שטאָט, זיינען זיי אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די רויטע רייטער, מענער מיט שטערנס אויף זייערע היטלען און מיט רויטע פלאַטערנדיקע פענער אַרויפגע־זעצט אויף באַיאָנעטן. כאָטש די נייע חיילות זיינען געווען אָנגעטאָן אין שלעכטע שינעלן, אָדער בלויז אין וואַטענע הויזן און אין לייבלעך, און זייערע ביקסן האָבן זיי געטראָגן אָנגעהאַנגען ניט אויף זעלנערישע רימענס, נאָר אויף שטריקלעך, זיינען זיי פונדעסטוועגן אָנגעקומען זייער האָפערדיקע, שפּילנדיק פריילעך אויף מעשענע טראָמייטן זייערע רעוואָלוציאָנערע פריי־הייטס־מאַרשן. זייערע עלטסטע, יונגעליים אין לעדערנע רעקלעך, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעהאַפטן גאָלדן־פּעדעמדיקע שטערנס; מיידלעך אַפילו, אָנגעטאָן אין מענערשע שטיוול און מיט רעוואָלווערן פאַרשטעקט אין די גאַרטלען איבער זייערע זעלנערישע העמדלעך, האָבן פייערדיקע רעדעס געהאַלטן פון פיעדעסטאַלן פון דענקמעלער און פון באַלקאָנען פון מלוכה־געביידעס. זיי האָבן אויך אויסגעהאַנגען די גאַסן מיט ריזיקע לייוונטן, אויף וועלכע רויטע לאָזונגען האָבן גערופן צו מלחמה קעגן די פּאַלאַצן און פרידן צו די כאַטעס. די ווענט פון די הייזער זיינען באַהאַנגען געוואָרן מיט פריילעכע פאַרביקע געמעלעכטסן, ווי אַזוי אַ רויט־אַרמייער שטעקט אַריין זיין באַיאָנעט אַ צאַרישן פעטן גענעראַל, אין סאַמע הינטן; ווי אַזוי אַ מוסקולירטער אַר־בעטער גיט שלום־עליכם אַ פריילעכן פּויער; ווי אַזוי פעטע גייסטלעכע, אַ פּאָפּ, אַ קאַטוילישער גלח, אַ פּאַסטאָר און אַ רב, האַלטן זיך אַלע אַרומגענומען און טאַנצן מיט זייערע פיס איבער די אויסגעדאַרטע גופים פון גלוּיביקע פּויערטעס און אַרבעטערינס. די יינגלעך אין די גאַסן האָבן אָנגעקוואַלן פון די פריילעכע און קאָמישע געמעלעכטסן. די באַוואָפנטע לייט האָבן אויך געהאַלטן אין איין מאַרשירן איבער די בולוואַרן און פּלעצער, קלאַפּן מיט זייערע צעפּאַרענע שטיוול איבער די ניט־גערייניקטע שטיינער, און רופן פּראָלעטאַריער אַנצושליסן זיך אין זייערע רייען אין קאַמף קעגן אַלע שונאים פון פּראָלעטאַריאַט.

מער ווי די פריערדיקע הערשער, האָבן די רויטע לייט פאַרקלעפּט די

וועגט פון די הייזער מיט אַן אַ שיעור באַפעלן און פאַראָרדענונגען: באַפעלן וועגן רעקוויזיציעס און וועגן אַרעסטן, וועגן אויסבאַהאַלטן שפּייז און שונאים. אַזוי האָבן זיי אויך אַרויסגעלאָזט אַרעסטאַנטן פון געפענקענישן און אַריינ־געזעצט פרייע לייט אויף זייער אָרט; פאַרבאָטן פריערדיקע צייטונגען, זשור־נאַלן און לער־ביכער און געהייסן איינפירן נייע אויף זייער אָרט; אַרויס־געוואָרפן גבירים פון וואוינונגען און באַזעצט קבצנים אויף זייער פּלאַץ. זיי האָבן אויך בטל געמאַכט אַלע פריערדיקע געלטער, וויפיל נאָר זיי זיינען געווען אין קורס, און איינגעפירט נייע, געלע פּאַפּירלעך פון ערגסטן סאָרט, באַדרוקט מיט פאַרב פון ערגסטן סאָרט. אין שטאָט איז גלייך געוואַקסן דער יקרות, הונגער, און דאָס געדרענגעניש אויף די מערק, וואו מען האָט די פּאַפּירלעך אין האַנט ניט געוואָלט נעמען, נאָר געטוישט סחורות אויף שפּייז. לאַסט־וואַ־גאַנען האָבן כסדר געפירט אַרעסטאַנטן צו די געפענקענישן אין שטאָט. אין די פינצטערע נעכט האָט מען געהערט קולות און שיסערייען. אַלץ האָט זיך געענדערט אין דער שטאָט, אַ חוץ דעם יקרות, הונגער, עפּידעמיעס און טויט.

נאָך איידער די באַוואָפנטע מענער מיט די שטערנס אויף די היטלען האָבן זיך רעכט באַוויזן איינצוזעצן, האָבן רייטער מיט עפּאָליעטן אויף די אַקסלען און מיט צאַרישע פענער פון רויט, בלוי און ווייס פאַרשטעקט אויף פּיקעס, אָנגעגריפן זיי פון אַלע זייטן און מיט הילכיקע געזאַנגען צו גאָט, ער זאָל באַשיצן דעם צאַר, אַריין אין דער שטאָט, וואָס איז ביים ברעג שוואַרצן ים. גלייך ווי זיי זיינען אַריין, האָבן די קלויסטער־גלאָקן גענומען קלינגען מיט האַסטיקע געדיכטע קלאַנגען. בערדיקע גלחים מיט גרויסע צלמים אין די הענט, אָפּגעריסענע מאַנאַכן אין שטייפע שפּיציקע יאַרמעלקעס, נאָנעס מיט וואַקסענע ליכט אין די בלאַסע הענט, גלויביקע המונים פון מענער און ווייבער, ווייבער אָן אַ שיעור, פון יעדער עלטער און אויסזען, זיינען געגאַנגען אין לאַנגע פּראָצעסיעס איבער די גאַסן, טראָגנדיק הייליקע בילדער, וואַק־סענע ליכט און צאַרישע פענער, זינגענדיק מיט באַנומענע קולות זייערע פרומע געזאַנגען און רופנדיק מיט היסטערישע קוויטשערייען צו נקמה אין די אַנטי־קריסטן, גאָט־לעסטערער און יידן, די אייביקע שונאים פון הייליקן רוסלאַנד און אירע רעכט־גלויביקע לייט. די הייליקע געזאַנגען זיינען באַגלייט געוואָרן פון געבראַזגערייַ פון אויסגעבראָכענע שויבן אין יידישע קראָמען און הייזער, פון געשרייען פון געשלאָגענע יידישע מענער און ווייבער; די הייליקע בילדער און די צאַרישע פּאָרטרעטן זיינען באַדעקט געוואָרן מיט פליענדיקע פעדערן, אַרויסגעלאָזענע פון יידישע פּערענעס און קישנס. אויף די פריערדיקע פּלאַקאַטן זיינען נייע אַרויפגעקלעפּט געוואָרן, פול מיט באַפעלן און געזעצן און פאַראָרדענונגען. ווידער איז די אַמאָליקע לוסטיקע

שטאָט פול געוואָרן מיט אָפּיצערן מיט זילבערנע און גאָלדענע עפּאָליעטן און קנעפּ. ווידער האָבן מחנות זונות אַרומשפּאַצירט איבער בולוואַרן און פּלעצער. ווידער האָבן זיך פּריילעכע קאַפע־שאַנטאַנען געעפנט, וואו זינגערינס מיט הייזעריקע שטימעס האָבן זיך געריסן די העלדזער וועגן דריי־פערדיקע שליטנס, וועגן פאַרפירטע געליבטע און וועגן געזעגענישן פון האַרץ־געבראָכענע מייד־לעך, וואָס זייערע געליבטע, העראָאישע אָפּיצערן, מוזן זיי פאַרבייטן אויף דעם שלאַכט־פעלד פון העלדישקייט און גלאָריע. ווידער האָבן קאַווקאַזער טענצער געדרייט זיך אין קאַמאַרינסקעס, געוואָרפן קינזשאַלן פון מיילער אויף פאַפּירענע באַנקנאָטן, וואָס מען האָט זיי געוואָרפן אויף דער ערד. ווידער האָבן קעלנער, אויסגעפּוצטע אין זייערע פאַרשמאַלצענעוואַטע פראַקן און אין שמוציקלעכער שטייפער וועש, אַרויסגעשאָסן קאָרקן פון שאַמפּאַן־פלעשער און אַריינגעשאָטן קאַקאַאין אין גלעזער פון שיכורע גאָלדן־עפּאָליעטיקע מענער און זייערע צוגעפאַרבטע דאַמען. צוזאַמען מיט די שיכורע גוזאַנגען האָבן זיך געטראָגן אין די נעכט קולות פון געפייניקטע, הילף־רופן פון געכאַפּטע, קרעכצן און שיסערייען. די רעדער פון לאַסט־אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן געפירט אַרעסטירטע צו עקזעקוציע־קעלערס, האָבן ניט אויפגעהערט טרייסלען איבער די שטיינער־געפלאַסטערטע פינצטערע גאַסן. ווידער האָט זיך אַלץ געענדערט אין דער שטאָט, די צייטונגען און די אָרדענונג און דאָס געלט. אַנשטאָט די פריערדיקע געלטער, וואָס זיינען בטל געוואָרן און שיכורע אָפּיצערן האָבן מיט זיי פאַררויכערט פּאַפּיראָסן, איז איינגעפירט געוואָרן ניי געלט, באַנקנאָטן פון געמיינסטן פּאַפּיר באַדרוקט מיט דער געמיינסטער פאַרב. אָבער דער יקרות און דער הונגער און די עפּידעמיעס און דער טויט זיינען געבליבן די אייגענע. נאָך זיי זיינען ווידער געקומען די באַווידלטע יונגען, שפּעטער ווידער די מענער מיט די רויטע שטערנס, דערנאָך אַלערליי אַנדערע, יעדער מיט זיינע פענער, פאַראָרדענונגען און שיסערייען ווי העלדיש יעדער פון זיי איז אַריין, אַזוי מיאוס איז יעדער פון זיי געווען ביים אַנטלויפן. איינמאָל זיינען אפילו פרעמדע שיפן אָנגעקומען און פאַראַנקערט היפּשלעך ווייט פון האַפן. פּנחס פראַדקין איז אַרויס זיי באַגעגענען. אָבער דאָס זיינען ניט געווען קיין האַנדלס־שיפן פון מזרח, נאָר קריגס־שיפן מיט אויסגעשטעלטע אָפענע מיילער פון האַרמאַטן אויף דעם דעק, געקומענע פון בריטישן אינדזל, ווי פון די פראַנצויזישע ברעגן אין ברעטאַניע. זיי האָבן קיינעם ניט אַרויפּ־געלאָזט. די פרעמדע באַוואָפנטע לייט, מיט קיינעם קיין עסקים ניט געהאַט, אַ חוץ מיט די זונות פון שטאָט, פּראָפעסיאָנעלע און ניט־פּראָפעסיאָנעלע. ווי אומגעריכט זיי זיינען געקומען, אַזוי אומגעריכט זיינען זיי פאַרשוואונדן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך שווערע שיף־ברומערייען און אַ סך שמוץ אין וואַסער

ביים ברעג, שאַכטלען פון קאָנסערוון, שטיקלעך פון ציגאַרעטן, זשור־נאַלן מיט אויסגעמאָלטע נאַקעטע מיידלעך, צעריסענע בריוו און איבער־בלייבעכטסן פון זנות. נאָכדעם איז דער האָפן געוואָרן נאָך פוסטער און לערער. אַפילו די אייביקע ראַצן זיינען אַוועק פון אים. דער ים האָט גע־שטורעמט, שלאָגנדיק מיט זיינע בליי־קאָלירענע כוואַליעס. די ווינטן האָבן געפייפט מיט עקשנות און רוגזה.

פנחס פראַדקין, אין זיינע אויסגעוואַקסענע מלבושים אויפן ניט־גע־וויקסיקן אָבער יוסט־געבויטן קערפּער, אין זיין פוטערן היטעלע אויפן צעקרייזלטן קאָפּ, האָט זיך געדרייט, ווי אַ פלעווע אין ווירבל־ווינט אין דעם תוהו־ובוהו פון דער הפקר־שטאָט. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין פאַדער־הייזער פון קעלערס, איבערגעשלאָפן אַ נאַכט אין בעקערייען ווען זיי האָבן אַמאָל געבאַקן, פאַרברענגט אַ וואָך־צייט אין אַ ווינקל פון אַ קיך, פאַרוואָס ער האָט אָפּגעצאָלט מיט אָנהאָקן אַ ביסל האָלץ אָדער מיט פאַרריכטן עפּעס אַ שטוב־זאַך. ער האָט געביטן הייזער און געסלעך אויף דער מאָלדאַוואַנקע גיכער ווי דאָס העמד אויפן לייב. אַזוי האָט ער אויך געביטן זיינע באַ־שעפטיקונגען. אַמאָל האָט ער געהאָלפן אַ יידענע אַהיימטראָגן אַ זאַק קאַרטאָפל פון מאַרק, אַמאָל האָט ער אָנגעטראָגן וואַסער אין אַ בעקעריי, אַמאָל האָט ער געדרייט אַ גאַנצע נאַכט אַ ראָד פון אַ דרוקעריי, וואָס האָט קיין עלעקטרישע קראַפט ניט געקענט קריגן צו טרייבן די מאַשין, אַמאָל איז ער געשטאַנען פאַר אַ באַלעבאָסטע אַ נאַכט אין אַ ברויט־רייע, כדי צו זיין פון די ערשטע אין דער פרי, ווען מען וועט עפענען די שטאָט־קראָם. מער פון אַלץ האָט ער געהונגערט. ער איז תמיד געווען הונגעריק אין דער הפקר־דיקער שטאָט, אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער, אָבער קיינמאָל האָט ער ניט געפילט דעם טעם פון זיין אינגאַנצן זאַט. ווי עס האָט געלויערט אויף אים דער הונגער אַזוי האָט געלויערט אויף אים דער טויט כסדר. פלעקן־טיפוס, בויך־טיפוס, דיזענטעריע, אַלע אַנדערע עפּידעמיעס האָבן זיך געקלעפּט צו דער געגנט. די טויערן פון די הייזער, תמיד פאַרקלאַפּטע אַפילו אין די טעג, אין מורא פאַר אָנפאַלער, האָבן זיך אָפט געעפנט פאַר דער שוואַרץ־באַדעק־טער עגלה, וואָס איז געקומען נאָך מתים. באַך קינדער איז אַפילו די עגלה נישט געקומען, בלויז אַ קבורה־ייד מיט אַ קעסטל אונטערן אָרעם. ווי די עפּידעמיעס, אַזוי האָבן געלאַקערט אויף פראַדקינ׳ען אַלערליי באַוואָפנטע לייט. ער האָט זיך כסדר געמוזט אויסהיטן פאַר כאַפּערס, וואָס האָבן געוואָלט אים נעמען צו גראָבן שוץ־גרובן, צו פאַרפּאַקן אים אין אַ תפיסה, צו שיקן אים אויף אַ פראָנט אָדער גלייך אויף יענער וועלט. אָבער ער האָט פונדעסטוועגן ניט אויפגעהערט אַרומצוגיין איבער די שלעכט־געפלאַסטערטע

גאַסן, אויסמעסטן די שטאָט פון עק צו עק, אַפילו ווען קוילן האָבן געהאָגלט איבער קעפּ. ער איז געוואוינט געווען צו סכנות, די גאַנצע פיר יאָר פון פראָנט־לעבן. אין די געפערלעכסטע טעג איז ער געלאָפן פון גאַס צו גאַס, פון הויז צו הויז צו דערוויסן זיך ווי אַזוי מען קען זיך אַרויסכאַפּן פון דער באַלאַגערטער שטאָט, ווי אַזוי מען קען צושלאָגן זיך צו ערגעץ אַ גרענעץ און אַוועק אַהין, קיין מזרח, וואו זיין האַרץ איז געווען.

ער האָט אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון ציוניסטישע טוער, פאַר וועלכע ער האָט אין ריינסטן העברעאיש דערציילט וועגן זיין בענקשאַפט צו קומען אַהיים. אָבער די מענטשן האָבן אַפילו ניט געוואָלט אויסהערן אים, דעם פאַרשוין מיטן פוטערנעם היטעלע און באַוואָקסענעם פּנים. ער איז געגאַנגען צו שמוגלערס, שוואַרצער; זיי האָבן אים אויסגעהערט, צוגעזאָגט אַפילו צו פירן אים צו דער רומענישער גרענעץ, ווי זיי טוען עס מיט אַנדערע לייט, וואָס רייסן זיך אַרויס פון לאַנד, אָבער זיי האָבן געפאָדערט געלט, אַ סך געלט, און נישט קיין שמאַטיקע פּאַפּירלעך, נאָר גאָלד־שטיקלעך אָדער זילבער פאַר אָט דער געפערלעכער אַרבעט. אַליין זיך לאָזן אין וועג האָט מען ניט געקענט. די באַנען זיינען זעלטן געגאַנגען, האָבן געפירט מיליטער אָדער פּאַסאַזשירן מיט דערלויבענישן, וואָס מען האָט זעלטן אַזעלכע געגעבן. צופוס האָט מען ניט געקענט גיין, ווייל באַנדעס רוצחים זיינען געווען פול אויף די וועגן. אין דער געוועזענער וועלט־שטאָט, וואָס איז איצט געווען אָפּ־געשניטן פון דער וועלט, אָפּגעריסן אַפילו פון שטעט אין אייגענעם לאַנד, האָבן די ווילדסטע קלאַנגען זיך אַרומגעטראָגן, די פאַנטאַסטישסטע ריידערייען און ידיעות, נישט־געשטויגענע, נישט־געפלויגענע. יעדן טאָג האָט מען דער־וואַרט אַ נייע מאַכט. איין טאָג האָט די שטאָט געוואוסט, אַז ענגלענדער קומען מאַכן אָרדענונג, אַ צווייטן טאָג — אַז פראַנצויזן וועלן באַזעצן דאָס לאַנד, אַ דריטן טאָג — אַז גריכישע שיפן דאַרפן אָנקומען, אַ פערטן טאָג — אַז רומענער דערנענטערן זיך, פּאָליאַקן גייען, טשעכן מאַרשירן. איינמאָל האָט זיך אַפילו געגומען טראָגן אַ בשורה, אַז דאָס נייע מלכות־ישראל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם צווייטן כורש, דעם לאָרד פון ענגלאַנד, שיקט אַריבער שיפן צום אָדעסער האַפן, שיפן מיט דער פלאַטערנדיקער בלוי־ווייסער פאָן, און אָט די שיפן וועלן אַלע יידן אַרויספירן פון לאַנד, וואו זיי זיינען הפקר, צו דעם לאַנד פון אייגענעם מלכות. פראַדקין האָט גיריק אויפגעכאַפּט אָט די ידיעה. האָט געגלויבט אַלץ וואָס מען האָט געזאָגט, ווייל ער האָט עס געוואָלט גלויבן, ווייל דאָס האָט אים געגעבן כוח און בטחון אַרומצוואַוואָגלען אין דער הפקרדיקער שטאָט אין בויט און אין הונגער, אין שמוץ און אין סכנה.

איינמאָל האָט ער אַפילו געפונען אויף אַ שטיקל צייט וואו דעם קאָפּ

אַנצושפּאַרן און אפילו אַנצוזעטיקן זיך. דאָס האָט אַ בעקער אין וועמעס קעלער ער האָט איבערגענעכטיקט, אַרויפגענומען אים צו זיך אין שטוב, געגעבן אים אַ בעטל מיט פריש שטרוי און בעטגעוואַנט. אַזוי האָט מען אים אויך אין דעם הויז געגעבן וואַרעם געקעכטס, ברויט צו דער זאַט. פּנחס פּראַדקין האָט געמיינט, אַז דאָס גיט מען אים פאַר שווערער אַרבעט אין דער בעקעריי, וואָס ער איז געווען צופרידן צו טאָן, אָבער דער בעקער האָט אים גאָר געריידט אַ שידוך מיט זיינער אַ שוועסטער, אַ מויד אין די היפּשע דרייסיקער, וואָס פון יאָרן זיצן אין גאָס מיט אַ קויש געבעקס, האָט זי געהאַט אַ פאַרהאַרטעוועט אָפּגעברענט פּנים, רויט און אויסגעשמיסן ווי אַ פעל, און אַזוי גראָב איז געווען איר הייזעריק קול פון אויסרופן איר געבעקס. די מויד האָט גלייך גענומען האַלטן פּנחסן ביי די הענט, שאַרן זיך גראָב צו אים און דערציילן אים מיט איר הייזעריקער שטים וועגן דעם גרויסן אויסשטייער, וואָס זי האָט ליגן אין אַ קויש. זי האָט אים טאַקע אויך געוויזן די זאַכן אירע, ער זאָל ניט מיינען, אַז זי באַרימט זיך בלויז. זי האָט אויס־געשפּרייט פאַר אים אַלע אירע העמדער מיט שפּיצלעך, אַלע אויסגעהאַפטענע מייטקעס און אַנדערע ווייבערשע זאַכן. אַזוי האָט זי געוויזן אים דעם נדן, וואָס זי האָט, ניט קיין פּאַפּירלעך, נאָר זילבערנע רובלס איינס־אין־איינס. דעם מיידלס יינגערער ברודער, אַ יונג מיט אַ פּונק־נייעם „פּרענטשט" און מיט אַ פּאָר קויל־שוואַרצע וואָנסעלעך איבער בלוט־רויטע ליפּן, וואָס האָבן קיינמאָל קיין פּאַפּיראָס ניט אַרויסגעלאָזט אויף אַ מינוט, אַ מאָלדאַוואַנקער „מאַלאַ־דיעץ" פון קאָפּ ביז די פיס, פלינק, עלעגאַנט און פריילעך, האָט גענומען באַצייטנס קלאַפּן פּראַדקינען אין פּלייצע, ווי ער וואָלט שוין געווען זיין שוואָגער, און אים דערציילט וועגן דעם גרויסן דרשה־געשאַנק, וואָס ער וועט אים געבן. דערביי האָט ער זיך באַרימט, אַז געלט איז ביי אים גאָרניט אין די צייטן, ווייל ער געהערט צו די „גאַליאַטשיקעס", צו דער סאַמע וויכ־טיקסטער באַנדע אַנפאַלער פון דער שטאָט, וועמעס „קאָמאַנדיר" איז גרישקאָ מאָלדאַוואַניעץ אַליין. פּראַדקין איז אַנטלאָפן פון דעם הויז ווי פון אַ מגפה. ער האָט אַפילו ניט געוויזן זיך אין דער גאַס מער. ער האָט ווידער געוואָגלט איבער די גאַסן, געטראָגן זיך אומעטום, גרייט צו אומגעוויינלעכע בשורות, צו גרויסע געשעענישן און ניסים, וואָס דאַרפן אָנקומען און אים אויסלייזן.

אין זיין אויפגעשרויפטער דערוואַרטונג האָט ער פאַרגעסן אין יעדער נויט און הונגער, אַפילו אין דער היים דער אייגענער. נישט ער האָט געשריבן צו די עלטערן, נישט ער האָט געקראָגן אַ וואָרט פון זיי. עס איז ניט געווען קיין פאַרבינדונג צווישן דער הפקר־שטאָט און דעם לאַנד, ניט קיין טעלע־גראַף, ניט קיין טעלעפאָן, ניט קיין פּאָסט אַפילו. בלויז פּאַנטאָפל־פּאָסט

איז געווען, פּאַטשטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון מויל צו מויל, פון גאַס צו גאַס. אין איינעם אַ וואַרעמען פרילינג־טאָג, ווען די ערשטע קנאָספּן האָבן זיך צעבליט אויף די שטאָטישע בוימער, וועלכע זיינען נאָך ניט געוואָרן אויסגעהאַקט אויף הייצן, און פייגל האָבן געזונגען זייער פריילעך געזאַנג; אין אַ פרילינג־טאָג, ווען יידן זיינען ווידער געגאַנגען פריי איבער די גאַסן, ווייל ווידער זיינען די מענער מיט די רויטע שטערנס און שלייפלעך אויף זייערע בריסטן און באַיאָנעטן אריין אין שטאָט; אין אַ ליכטיקן און וואַרעמען פרילינגס־טאָג, וואָס וועקט נייע האָפנונגען אין מענטשלעכע הערצער, — האָט מען פּנחס פּראַדקינען געבראַכט אַ ידיעה פון זיין היים אין דער יידישער קאָלאָניע. אַן עלטערער ייד, אין אַ צעריסענעם גויאישן פּעלץ, וואָס האָט ניט געפּאַסט ניט צום וואַרעמען פרילינגס־טאָג, ניט צום יידנס בלאַסן און פאַר־בערדיקטן פּנים, האָט פּלוצלונג אָפּגעשטעלט פּנחס פּראַדקינען אין גאַס, פאַרהאַלטנדיק אים מיט אַ שווערער האַנט.

— פּנחס, פּנחס דעם רבס! — האָט דער ייד אין פּעלץ גערופן, — דערקענסט מיך ניט?

פּנחס פּראַדקין האָט זיך דערפרייט מיטן ייד אין פּעלץ, אין וועלכן ער האָט דערקענט לייזער דעם קאָלאָניסט פון בערעזעווקע, אַ קאָלאָניע אין שכנות פון איזראַילעווקע.

— ר' לייזער בערעזעווקער, — האָט ער אויסגערופן אין שמחה און אויסגעשטרעקט אַ האַנט, — שלום עליכם, ר' לייזער, וואָס טוט איר אין אָדעס אין דער צייט פון אַקערן און זייען?

דער ייד האָט אַוועקגעמאַכט מיטן לעפישן אַרבל פון צו־שווערן פּעלץ.

— אויס זייען און אַקערן, פּנחס, — האָט ער געזאָגט, — שוין אָפּגע־אַקערט און אָפּגעזייט . . .

פּנחסעס פאַרשוואַרצט פּנים איז גלייך געוואָרן בלאַס, דערפילנדיק אַז אַ שלעכטע בשורה גייט אויף אים. דער ייד אין פּעלץ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— זיי האָבן אונדז שוין גוט פאַראַקערט און פאַרזייט, די רוצחים, — האָט ער געזאָגט, — און געשניטן אויך.

פּנחס האָט דערפילט ווי דאָס האַרץ וויל אים אַרויסשפּרינגען דורך דעם צו־ענגען מאַנטל.

— וואָס איז מיט איזראַילעווקע, ר' לייזער? מיט מיינע וואָס איז?

דער ייד האָט גענומען ווישן מיטן פּעלצענעם אַרבל די טרערן פון די אויגן.

— מיר האָבן שוין געהאַט דעם אמת'ן שניט, פּנחס, — האָט ער גערעדט

מיט אַ ניגון פון תשעה־באב קינות, — בערעזעווקע און איזראַילעווקע, און מאַיסעיעווקע און די אַנדערע יידישע ישובים . . .

צושפּאַרנדיק זיך אויף אַ טרעפּ פון אַ הויז, ווייל ער האָט ניט געפילט קיין כוחות אין די פיס, וואָס זיינען שלאַבעריק געוואָרן פון איבערלעבן דאָס אומגליק אויפסניי, האָט דער ייד אין פעלץ דערציילט אַלץ, דעם גאַנצן בראַך, וואָס איז געקומען אויף אים און אויף זייניקע. אין מיטן דער נאַכט, אין שושן־פּורים איז עס געווען, ווען אַלע זיינען געשלאָפן שוין, איז מיטקאַ באַראַניוק פון ווייטן דאָרף זיקעווקע באַפאַלן די יידישע ישובים מיט עטלעכע הונדערט באוואָפנטע שקאָצים. אומגעריכט זיינען זיי געקומען, ווי אַ דונער־שלאַג, און זיי האָבן געמאָרדעט וויפיל נאָר זיי האָבן געקענט, מענער און ווייבער, אַלטע און קינדער ניט געשוינט, און אַפילו די בהמות אין די שטאַלן, אַפילו הינט פאַר די טירן. מיט ביקסן זיינען זיי געווען באַוואָפנט, מיט שווערדן. ר׳ אָשר סטאַראָסטע האָבן זיי די באָרד אַנגעצונדן. די טאָכטער זיינע געפּייניקט . . . דאָס האָבן זיי אויך געטאָן מיט אַנדערע . . . זיי האָבן אויך צוגערויבט האָב און גוטס. איך מיט מיין אַלטער זיינען אַנטלאָפן אַזוי ווי מיר זיינען געגאַנגען און געשטאַנען. פון אַלץ, האָב איך געראַטעוועט די נשמה און דעם פעלץ . . .

פּנחסעס אָטעם איז געוואָרן אַלץ קירצער און אָפּגעהאַקטער, מיט יעדער טרויעריקער בשורה מער.

— וואָס איז מיט מיינע, ר׳ לייזער, — האָט ער געפרעגט, — מיט מיינע?

— פרעג נישט, פּנחס, — האָט דער ייד געזאָגט און זיך צעיאָמערט אויף דער גאַס, פאַרגאַנגען זיך מיט אַ קוויטש, ווי אַ יידענע בעת אַן אומגליק.

פּנחסעס פּנים איז געוואָרן גרוי און פאַרשטיינערט ווי די שמוציקע שטיינער אויף דער פאַרוואָרלאָזטער גאַס. די קניען זיינען אים לויז געוואָרן, ווי אויפגעקניפּט. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט. דער ייד אין פעלץ האָט אים גענומען אונטערן אָרעם ווי מען פירט אַן אבל צוריק פון אַ קבר, און אים געגלעט דאָס פּנים מיט די האַרטע צעאָקערטע הענט.

— קום, פּנחס, — האָט ער אים געמינטערט, — קום מיט מיר, זון מיינער.

פּנחס האָט זיך געריסן פון יידנס האַנט.

— כ׳וויל אַהיים, — האָט ער געמורמלט, — כ׳על גיין צופוס. לאָזט מיך, ר׳ לייזער.

דער ייד אין פעלץ האָט אים ניט אַרויסגעלאָזט דעם אָרעם.

— קום מיט מיר, זון, — האָט ער זיך געבעטן, — מירן אַריינגיין אין אַ בית־המדרש קדיש זאָגן.

פּנחס איז געגאַנגען ווי אַ בלינדער געפירט פון אַ וועגווייזער. דער ייד

האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַ בית־המדרשל, וואָס איז געווען שיטער מיט פרי־מאָרגן דאַוונער. ער האָט אים מיט אַ מעסערל געריסן קריעה אין לאַץ פון זײַן אויסגעוואָקסענעם צו־ענגן מאַנטל און אים צוגעפירט לעבן עמוד, בײַ וועלכן אַ בעל־תפילה האָט פאַרענדיקט שחרית.

— זאָג קדיש, זון מײַנער, — האָט דער ייד אין פעלץ אים געלערנט.

— נאָך אַלע דײַניקע.

פנחס האָט געזאָגט די ווערטער, וועלכע ער האָט אַליין אַפילו ניט געהערט. זײַנע ליפּן, אויסגעטריקנטע מיטאַמאָל, האָבן זיך ניט באַוועגט, זײַן צונג איז געווען פאַרדאַרט, האָט ניט געטראָפן צום גומען.

— איצט קום מיט מיר אַהיים — האָט דער ייד אין פעלץ געזאָגט, פירנדיק אים פאַר אַ האַנט, — איך בין בײַ מײַן אַלטערס קרובים. וועסט זײַן מיט אונדז צוזאַמען, פנחס.

נאָך דער שבעה, וואָס ער איז אָפּגעזעסן אין דער ענגער דירה פון ר׳ לייזער בערעזעווקערס קרובים, נאָך זיבן טעג פון זיצן אויף אַ קליין בענקעלע אין אַניטשעס אויף די פיס, אָנשטאָט זאָקן, האָט פנחס פּראָדקין אָנגעטאָן די צעפאַרענע שטיוול, אַרויפגעזעצט דאָס זעלנערישע פוטערנע היטעלע אויפן קאָפּ און אַוועק צו אַ גרויס הויז מיט זײַלן און פיגורן, אויף וועלכן עס איז געהאָנגען אַ שלעכט־געפאַרבטער האַמער און שטערן און אַן אויפשריפט, אַז דאָרט געפינט זיך די קאָמענדאַנטור פון דער רויטער אַרמיי.

— צו וועמען דאַרפסטו, חבר? — האָבן אים געפרעגט די באַוואָפנטע מענער, אָנגעטאָן אין וואַטענע לײַבלעך, כאָטש עס איז שוין געווען וואַרעם.

— צום חבר קאָמענדאַנט, חברים.

— מען דאַרף אַ פּאַסיר־שײַן, חבר — האָבן די וואַכן געזאָגט און אים צוגעפירט צו זייער עלטסטן בײַ דער טיר.

יענער האָט פּראָדקינען אַרומגעטאַפּט די קעשענעס, צי ער האָט ניט קיין געווער בײַ זיך, און אים אַרויפגעפירט אויפן ערשטן שטאָק.

— חבר קאָזיולין, דער חבר זאָגט אַז ער האָט דיר עפּעס וויכטיקס צו זאָגן, — האָט ער געזאָגט צום קאָמאַנדיר, אַ הויכן, גלאַט־געגאָלטן בלאָנדן בחור, וואָס איז געזעסן אין היטל אויפן קאָפּ בײַ אַ שרײַב־טיש, אײַנגעטונקען אין וואָלקן פון פּאַפּיראָסן־רויך. איבער דער וואַנט האָבן געהאָנגען פאַר־טרעטן פון היימיש־געצייכנטע רעוואָלוציאָנערע פירער, אויך לאָזונגען און מאַפּעס. חבר קאָזיולין האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר העל־בלויע אויגן, ווי נאָר וואָס אויסגעוואַשענע, אויף דעם פאַרוואָקסענעם מיטל־וואוקסיקן אָבער יוסט־געבויטן מענטש פאַר זײַן טיש.

— וואָס ווילט איר, חבר? — האָט ער געפרעגט שאַרף.

— איך וויל טאָן פּאַרטיזאַנישע אַרבעט פאַר אייער אַרמיי, — האָט פּראַדקין געזאָגט שטיל — ספּעציעל אין כערסאָנער געגנט, וואו מיטקאַ באַראַניוק מיט זיין באַנדע אַרבעט.

דער קאָמאַנדיר האָט אַריינגעצויגן אַ האַלבן פּאַפּיראָס רויך מיטאַמאָל און אויסגעצויגן די לאַנגע פּיס אין הויכע שטיוול ביז די קניען.

— איר זיינט אַ פּאַרטיי־חבר? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, חבר־קאָמאַנדיר.

— אַן ארבעטער?

— ניין, אַ לערער פון העברעאיש, חבר קאָמאַנדיר.

דער קאָמאַנדיר האָט אַנגעשטעלט אויף פּראַדקינען זיינע העלע אויגן.

— פאַרוואָס ווילט איר קעמפן קעגן אונדזערע קלאַסן־פיינט? — האָט ער געפרעגט מיטן לשון פון רעדנער־אינטעליגענטן, וועמען ער האָט אין זיין פּראַקטיק מקנא געווען פאַר זייער געלערנטקייט און געמיט זיך צו ריידן ווי זיי.

— מיטקאַ באַראַניוק מיט זיין באַנדע האָבן אומגעבראַכט מיינע עלטערן, מיינע שוועסטער און ברידער, — האָט פּנחס פּראַדקין געענטפערט מיט אַ קול, וואָס האָט געציטערט.

דער קאָמענדאַנט האָט פאַררויכערט אַ פרישן פּאַפּיראָס אין לעצטן שטיקל פון אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס.

— איר זענט אַ כערסאָנער? — האָט ער געפרעגט.

— געבוירן אין אַ דאָרף אין כערסאָנער געגנט. איך קען יעדער ווינקעלע דאָרט ווי מיינע צען פינגער.

— געדינט אין מיליטער?

— פיר יאָר געווען אויפן פראָנט.

— געענדיקט אַ שולע?

— געגרייט זיך צו האַלטן עקזאַמען אויף אַכט קלאַסן גימנאַזיע, אָבער ניט געקענט קריגן קיין אַטעסטאַט, ווייל אין די צאַרישע צייטן האָט מען אַ יידן ניט צוגעלאָזט צו בילדונג.

—אַ רוח זיי אין זייערע מאַמעס אַריין, די . . . — האָט דער קאָמענדאַנט גענומען דערלאַנגען אַ מי־שברך די צאַרישע לייט, וואָס האָבן מענטשן צו קיין בילדונג ניט צוגעלאָזט. אָבער ער האָט זיך באַצייטנס געכאַפּט, אַז אַזאַ פּראָסטע קללה שטייט ניט אָן אים, אַ באַוואוסטזיניקן, אַ קאָמאַנדיר דערצו, און ער האָט אַראָפּגעשלונגען די נישט־דערזאָגטע ברכה און אַריבערגעגאַנגען צו זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט זיין וויכטיקער מיליטערישער פּאָזיציע.

— וואָסערע נאָך שפּראַכן קענט איר, חבר, אויסער רוסיש? — האָט ער געפרעגט.

—העברעאיש, אַביסל לאַטיין.

— טאַטעלעך, — האָט דער קאָמאַנדיר געזאָגט אין פאַרערונג, — אָבער די שפּראַכן קענען אונדז קיין נוצן נישט ברענגען. קענט איר דייטש?

— אַביסל.

— נו, און מאַפּעס לייענען? מיט אַ קאָמפּאַס זיך באַגיין?

— זיכער, חבר קאָמאַנדיר.

דער קאָמאַנדיר האָט מכבד געווען פראַדקינען מיט אַ פּאַפּיראָס, ניט קיין געוויקלטן, נאָר מיט אַ מונדשטיק.

— ווי איז אייער נאָמען, חבר? — האָט ער געפרעגט.

פראַדקין האָט אים געזאָגט.

— הערט אויס, פראַדקין, — האָט דער קאָמאַנדיר גענומען ריידן מיט געקליבענע רייד, באַוואוסטזיניקע און אינטעליגענטע, — דאָס, וואָס איר זיינט נישט אַן אונדזעריקער, אַ פּאַרטייאישער, איז אַ שאָד. מיר האָבן ליב אַרבעטן מיט אייגענע, נו, אַזעלכע, וואָס קעמפן באַוואוסטזיניק קעגן קלאַסן־פיינט, נישט צוליב פּערזענלעכער נקמה. אָבער אייער ווילן צו ליקווידירן מיטקאָ באַראַניוק מיט זיין באַנדע, איז אַ גוטע זאַך. זיי טוען אונדז צרות אָן, מיטקאָ׳ס לייט; זיי רייסן איבער טעלעגראַף־דראָטן, שרויפן אָפּ רעלסן פון דער באַן־ליניע, באַפאַלן חברים, וואָס פאָרן אין די דערפער נאָך קאָרן און היי. זיי זיינען אַפילו אַ צוג באַפאַלן און אַוועקגעלייגט אונדזערע מענטשן, גוטע און נוצלעכע חברים. מיר קענען זיי נישט כאַפּן, ווייל די פּויערים אין יענער געגנט, רייכע און קולאַקעס, באַהאַלטן זיי אויס. ווי נאָר זיי זיינען אין גע־פאַר, די באַנדיטן, אַזוי באַגראָבן זיי די ביקסן, נעמען אַ לאָפּעטע אין האַנט, און מיינסט, אַז דו האָסט צו טאָן מיט אומשולדיקע פּויערימלעך . . . כיטרע זיינען זיי, די הינט, און אַ פרעמדער קען קעגן זיי ניט קעמפן. קענט איר מיטקאָ באַראַניוק און זיינע לייט?

— איך קען אַלעמען אין דער געגנט. איך וועל אויך מיטנעמען די יונגע מענטשן פון אונדזערע קאָלאָניעס. זיי קענען יעדן, ווייסן יעדן. מיר׳ן זיי כאַפּן, די טכוירן, איינס אין איינס. איך דאַרף בלויז געווער, חבר קאָמאַנ־דיר, — האָט פראַדקין געזאָגט געלאַסן.

דער קאָמאַנדיר האָט פאַרריכט דאָס היטל אויפן קאָפּ, כאָטש עס איז גע־זעסן ווי צוגעוואַקסן צו די גלאַטע, העלע האָר.

— אַ גוטער פּלאַן, — האָט ער צוגעגעבן, — מיר האָבן שוין אַרויסגע־

שיקט אַ שטראָף־באַטאַליאָן קעגן די קולאַקישע עלעמענטן, אָבער די סאָל־דאַטן זיינען געווען אוקראַינער, אומבאַוואוסטזיניקע, נו, האָבן די קולאַקעס זיי פאַרטונקלט די קעפּ, איבערגערעדט זיי און זיי זיינען זיך צעלאָפן. מיט פרעמדע וועט עס ניט אָנגיין. וויפיל רעכנט איר מיטצוברענגען פון אייערע, חבר?

— זיי וועלן אַלע גיין מיט מיר, אַלע פון די יידישע קאָלאָניעס, וועמעס אייגענע מיטקאַ האָט אויסגעקוילעט. פאַראַן צווישן זיי גוטע יונגען, רייטער און שיסער איינער אין איינער. איך דאַרף זיי בלויז אָרגאַניזירן, אַריבער־ברענגען און באַוואָפענען ריכטיק.

דער קאָמאַנדיר האָט באַוויזן אַ פול מויל מיט געטאָקטע ציין אין זיין שמייכלדיק מויל.

— צו וואָס פירן די קו אויפן בוידעם ווען מען קען אַראָפּנעמען פון בוידעם דאָס היי אין שטאַל אַריין? — האָט ער געזאָגט — איך האָב אַ פּאָר הונדערט באַוואָפנטע אויסלענדער. דייטשן, עסטרייכער, מאַדיאַרן, טשעכן, אַלץ פאַרבליבענע קריגס־געפאַנגענע, וואָס ווילן גיין קעמפן פאַר אונדז, ווייל עפּעס בעסערס וואָס צו טאָן האָבן זיי ניט. זיי זיינען גוטע סאָלדאַטן, אויספּרובירטע. זיי קענען זיך מיט די פּויערים ניט צונויפרעדן, און זיי וועלן טאָן וואָס מ׳וועט זיי הייסן. מירן צוזאַמענשטעלן פון זיי אַן אינטערנאַציאָנאַלע עקספּעדיציע. מיר וועלן מיטשיקן מיט זיי אַ באַוואוסטזיניקן חבר, אַ „פּאָ־ליטרוק״, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף דער פּאָליטישער זייט, אַזוי צו זאָגן. איר, פראַדקין, וועט דאַרפן פאַרשטענדיקן זיך מיט זיי אויף דייטש, נו, זיין זייער מיליטערישער קאָמאַנדיר. צוזאַמען מיט זיי וועט איר גיין קיין כערסאָן, צונויפנעמען אייערע לייט און זיי פאַראייניקן אין איין באַטאַליאָן. געוויער וועל איך מיטגעבן איבערגענוג. ווי מיינט איר, פראַדקין, איר וועט קענען אָנפירן אַזאַ עקספּעדיציע? האַלטן די קאָמאַנדע אין די הענט?

— איך וועל קענען, חבר קאָמאַנדיר, — האָט פראַדקין געענטפערט מיט אַזאַ זיכערער שטים, וואָס האָט קיין ספק ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך.

דער קאָמאַנדיר האָט אַריינגערופן אַן אונטערגעאָרדנטן און געהייסן אויס־שרייבן פאַר פראַדקינען אַ מיליטערישן „פּאַיאָק״ פון ברויט, צוקער, מאַכאָרקע און אַנדערע זאַכן, אַזוי אויך אַ דאָקומענט וועגן זיין דינסט און זיין ראַנג. דערנאָך האָט ער אים געהייסן אַריינפירן אין צעכהויז, און אויסקלייבן זיך הויזן און אַ בלוזע, שטיוול, אַ היטל, אַ העמדל און אַ שינעל, פון בעסטן נאָר, וואָס ער וועט געפינען דאָרט. ווען פראַדקין איז צוריקגעקומען אַ באַנייטער אין זיין רויט־אַרמייאישער אויסשטאַטונג, מיט אַ שינעל פון אַ דייטער מיט לאַנגע געשפּאַלטענע פּאָלעס, צו לאַנגע פאַר זיין געוואוקס, האָט

דער קאָמאַנדיר אַרויסגענומען פון טיש־שיפלאַד אַ שוואַרצן גרויסן פּיסטאָ־לעט, פון דעם „נאַגאַן"־קאַליבער, און פייערלעך אים דערלאַנגט.

— איר דאַרפט זיך אָפּגאָלן, חבר פּראַדקין — האָט ער געזאָגט אַ לאַכנ־דיקער — איר זעט אויס ווי אַ קאַטאָרזשניק. פּאַסט ניט פאַר אַ קאָמאַנדיר פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן באַטאַליאָן.

פּראַדקין האָט צערטלעך געגלעט דעם שוואַרצן „נאַגאַן", ווי מען גלעט די האַנט פון אַ געליבטער און אָנגעהאַנגען אים אין רימען איבער זיין צו־לאַנגן שינעל.

אין זיין מיטלוואוקסיקן אָבער יוסט־געבויטן קערפּער איז געלעגן גבורה און אַנטשלאָסנקייט. קאָמאַנדיר קאָזיולין האָט די גבורה און אַנטשלאָסנקייט דערפילט אין דער האַנט, וואָס פּראַדקין האָט אים געגעבן, אַ האַנט אַן אויס־געאַרבעטע און אַן ערלעכע. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט זיך אין פרעמדן אומבאַקאַנטן מענטשן ניט גענאַרט.

4

כאָטש אַלץ און אַלץ האָט קאָמאַנדיר קאָזיולין צונויפגעזאַמלט צווישן די פאַרבליבענע קריגס־געפאַנגענע און סתם פאַרבלאָנדזשעטע אויסלענדער אין שטאָט ניט קיין גאַנצע דריי הונדערט מאַן, וואָס האָט אויסגעמאַכט אַ העלפט פון אַ רעגולערן באַטאַליאָן און אַן אַכטל פון אַ רעגימענט, האָט ער פונדעסטוועגן אָנגערופן באַצייטנס די מיליטערישע גרופּע זיינע, וואָס ער האָט געשטעלט אונטער קאָמאַנדיר פּראַדקין, מיטן גדולדיקן נאָמען — אינטער־נאַציאָנאַלער פּאָלק.

ערשטנס האָט קאָמאַנדיר קאָזיולין געגלויבט אין פּראַדקינ'ס לייט, וואָס וועלן צושטיין צו דער גרופּע און די צאָל אירע שטאַרק פאַרגרעסערן, אפשר ביז אַ טויזנט מאַן, וואָס אין צייט פון בירגער־קריג האָט מען שוין אַזאַ צאָל אָפט פאַררעכנט פאַר אַ פּאָלק. צווייטנס, איז אים דער נאָמען אינטערנאַציאָנאַלער רעגימענט שטאַרק צום האַרצן געווען, אים, אַזוי גוט ווי די אויסלענדישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן. דריטנס, איז עס בכלל געווען קלוג ניט מדקדק צו זיין אין דער פּינקטלעכקייט פון דיוויזיעס און פּאָלקן, מגזם צו זיין די כחות, כדי אָנצוּוואַרפן אַ מורא אויף די שונאים, וואָס האָבן אויך זייערע כחות שטאַרק מגזם געווען.

די גרעסטע צאָל אין דער קאָמפּאַניע זיינען געווען די דייטשן און עסט־רייכער. אָט די קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן ניט געקענט אַרויסרייסן זיך צוזאַמען מיט די אָפּטרעטנדיקע חיילות זייערע, האָבן געציילט אַ קנאַפּע מאה דייטשן, מערסטנס לאַנדשטורמער, וואָס האָבן זיך גלייך אָרגאַניזירט

אין אַ „ספּאַרטאַקוס גרופּע״, און אַ קנאַפּע הונדערט און פופציק עסטרייכער, אַ געמיש פון טשעכן, פּאָליאַקן, גאַליציאַנער יידן, אונגאַרישע רייטער, באָס־ניער און הערצאָגאָווינער. די איבעריקע זיינען געווען סתם פאַרוואָלגערטע פרעמדע, לאַטישן, עסטאָנער, קאַלמיקן, עטלעכע כינעזער און אַפילו איין נעגער, אַ געוועזענער טענצער אין אַן אָדעסער קאַפע־שאַנטאַן, וואָס איז געבליבן הפקר אין פרעמדן לאַנד און דערפאַר זיך אַנגעבאָטן אין דער אַרמיי, אַבי צו האָבן ברויט צו דער זאַט. דער איינציקער רוס אין דער גרופּע איז געווען „פּאָליטרוק״ חבר לוקאָוו, דער פּאָליטישער משגיח און קאָמאַנדיר קאָזיולינס אַ מענטש. אָט דער פּאָליטרוק לוקאָוו, אַ נישט־פאַרענדיקטער סטודענט פון מאָסקווער אוניווערזיטעט, האָט אַ גאַנצן פּאַק מיט ליטעראַטור געפירט מיט זיך, אויך פּלאַקאַטן און צייכענונגען, און ער האָט גלייך גענומען קנעלן פּאָליטישע עברי מיט די אויסלענדישע סאָלדאַטן אין זיין ביסל פראַנצויזיש און אין די געציילטע ווערטער דייטש, וואָס ער האָט געקענט פון די גימנאַזיע־יאָרן. די סאָלדאַטן האָבן ניט פאַרשטאַנען, ניט געגעבן זיך די מי צו פאַרשטיין דעם סטודענטס רייד. אַ ווייס־הויטיקער, אַ מיידלערישער, מיט ווייכע בלויע אויגן און מיט גרויסע בלאָנדע געלאָקטע האָר, האָט פּאָליטרוק לוקאָוו גאָר ניט זעלנעריש אויסגעזען, כאָטש ער איז געווען באַצירט מיט אויסגעהאַפטענע שטערנס און באַוואָפנט מיט אַ לאַנגן מאַוזער־פּיסטאָלעט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ צערטלעכע בת־יחידה, אַ פריצישע טאָכטער, וואָס האָט זיך אויף אַ מאַסקן־באַל פאַרשטעלט פאַר אַ קריגס־העלד, אַפילו זיין קול איז געווען מיידלעריש און ווייך און געקלונגען ניט ווי ער וואָלט גערעדט, נאָר דעקלאַמירט. די פאַרהאַרטעוועטע קריגס־מענער האָבן גלייך דערפילט, אַז דער בחור איז אַ פרעמדער אין דער סאָלדאַטישער וועלט און זיי האָבן זיך ניט רעכט אומגעקוקט אויף אים, ניט געהערט זיינע רייד און באַפעלן. פּאָליטרוק לוקאָוו האָט געזען, אַז ער קען די סאָלדאַטן ניט איינבייסן און ער האָט דערפאַר זיך אַריינגעטאָן אין זיינע פּראָפּאַגאַנדע־פּאַפּירן און אין די צייכענונגען, און כסדר געשריבן עפּעס, פאַרקריכנדיק דערביי מיט דער צאַרטער מיידלערישער האַנט אין די גרויסע בלאָנדע לאָקן. די סאָלדאַטן זיינען געווען זיכער, אַז ער שרייבט גראַמען און ער האָט נאָך מער ביי זיי פאַרלוירן אין זייערע אויגן. בלויז די כינעזער האָבן אים אַרויסגעוויזן זייער פאַרערונג און אָפּשיי, ווי תמיד זיי האָבן פאַר אַ געלערנטן. די דייטשן האָבן אים געקרוינט מיט אַ צונאָמען: פרײַלין גרעטכען, האָבן זיי אים גערופן צווישן זיך. גענומען באַפעלן האָבן די סאָלדאַטן בלויז פון דעם קורצגעוויקסיקן, יוסט־געבויטן, שוויגנדיקן פראַדקין, וואָס דער זעלנער איז אים געלעגן אין די ביינער, דורך יעדן קנייטש פון זיין צו־לאַנגן שינעל .

פּנחס פּראַדקין האָט גלייך אין צוג, וואָס האָט געפירט קיין כערסאָן, גענומען צוגרייטן די מענער צו דער דינסט. ער האָט פאַנאַנדערגענומען די רוסישע ביקס, אָנגעוויזן אויף יעדן טייל אירן די פרעמדע סאָלדאַטן, וואָס זיינען געוואוינט געווען צו זייערע אייגענע ביקסן, און אויך איינגעחזרט מיט זיי די קאָמאַנדע אין רוסיש, אַזוי, אַז מען זאָל ניט דאַרפן באַפעלן יעדער גרופּע אין איר שפּראַך, נאָר אין רוסיש פאַר אַלעמען. די ווערטער זיינען געווען געציילטע, בלויז וועגן דערלאַנגען פייער, אַטאַקירן מיטן באַיאָנעט, וואַרפן האַנט־גראַנאַטן און אַנדערע אַזעלכע. די מענער האָבן כסדר געחזרט די עטלעכע פרעמדע רוסישע ווערטער, וועלכע פראַדקין האָט איבערגעזעצט אין דייטש. אַזוי האָט ער אויך אויסגעקליבן צווישן די סאָלדאַטן געוועזענע קאַרפּאָראַלן, צוג־פירער און סערזשאַנטן און געשטעלט זיי אין שפּיץ פון „ווזוואָדן". די מענער האָבן זיך דערפילט ווידער געהויבן מיט זייערע ראַנגען נאָך יאָרן פון שפלות אין געפאַנגענשאַפט.

וואָס ווייטער מען איז געפאָרן, אַלץ מער איז געוואַקסן די קאָמפּאַניע, געוואָרן גרעסער און שטאַרקער.

אָנגעהויבן האָט פּנחס פראַדקין רעקרוטירן קעמפער אין די אייגענע קאָלאָניעס. איינקוואַרטירנדיק זיינע סאָלדאַטן אויף עטלעכע טעג אין די קאַזאַרמעס פון כערסאָנער גאַרניזאָן, אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליטרוק לוקאָוו, איז ער אַליין, אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע צענדליק סאָלדאַטן, גוט־באַוואָפנטע און אויסגעקליבענע, צוגעפאָרן צו איזראַילעווקע. די ווייבער אין דער קאָלאָניע האָבן זיך צעיאָמערט אויפסניי, דערקענענדיק אין דעם מאַן אין צו־לאַנגן שינעל פּנחס דעם רב׳ס, וואָס האָט זיי דערמאָנט אויפסניי אין אומגליק אין דאָרף. פּנחס פּראַדקין האָט מיט אייזערנע כוחות איינגעהאַלטן אין זיך דעם יאָמער, וואָס האָט אים צוגעשטיקט צום האַלדז, כדי ניט אויס־צוגעבן זיך מיט זיין שוואַכקייט פאַר די באַוואָפנטע מענער, וועמעס עלטסטער ער איז, און ער איז אַוועק צו די מענער אין דער קאָלאָניע. ער האָט ניט געוואָלט אַריינגיין אין הויז זייערן, וואָס איז געשטאַנען פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך אויף דער טיר, מורא־האָבנדיק פאַר זיך אַליין, ער זאָל ניט גע־בראָכן ווערן; ער האָט ניט געוואָלט צוגיין צו ר׳ אָשר סטאַראָסטעס הויז זען די טאָכטער זיינע אין איר שאַנד. ער האָט בלויז צונויפגערופן די יידן אין שולכל, ווי דער פאָטער זיינער, דער רב, פלעגט עס טאָן בעת אַן אסיפה פון דער עדה, און אָנגעקלאַפּט מיט דער האַנט אין שולחן, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַן אויסגעריכטן סאַמעטענעם טישטעך, אויסגענייט מיט אַ מגן־דוד.

— ברידער יידן, — האָט ער גערופן מיט אָפּגעהאַקטע רייד, שווערע און

הייסע, ווי אָנגעגליטע שטיינער, — ווער נאָר עס האָט געדינט אין מיליטער, ווער עס קען האַלטן אַ געווער אין דער האַנט, קומט מיט מיר קעגן אונדזערע רוצחים און פייניקער.

אין אָנגעפּאַקטן דאָרפישן בית־המדרש'ל, אין וועלכן דאָסמאָל האָבן אויך די ווייבער זיך אַריינגעשטופּט ביי דער טיר, האָט אַ ווייבעריש שלוכצן, אַ זיפצעניש פון עלטערע לייט געגומען טראָגן זיך ווי צו הזכרת נשמות אין אַ יום־טוב.

— גאָט, זע צו אונדזער צער, — האָבן זיך געהערט רופן, — נעם נקמה פאַר אונדזער בלוט.

פּנחס פּראַדקין האָט אָפּגעהאַלטן דאָס געוויין.

— יידן, אַליין וועלן מיר נוקם זיין זיך פאַר דעם בלוט דעם פאַרגאָסע־נעם, — האָט ער גערופן און פאַרענדיקט מיט אַ פּסוק פון אב־הרחמים, וואָס מען זאָגט שבת נאָכן לייענען איבער געפאַלענע קדושים — יודע בגוים לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך.

גלייך נאָך דער פריער מנחה, וואָס דער עולם האָט שוין אָפּגעדאַוונט אין מיטן טאָג, און נאָכן קדיש, וואָס יעדער פון די מאַנסבילן האָט געזאָגט נאָך אייגענע, — האָבן דאָרפישע יונגעלייט און בחורים גענומען, שוויגנדיק, פּאַקן זייערע זאַכן אין זעקלעך און שטעלן זיך לעבן פּנחס דעם רב'ס. מען האָט צוגעהערט זיך צו זיינע רייד, ווי מען פלעגט צוהערן זיך צו דעם פאָטער זיינעם דעם רב אין ענינים פון תורה און יידישקייט. אַפילו די ווייבער האָבן ניט געוויינט, וואָס זייערע מענער און זין האָבן זיי איבערגעלאָזט. פּנחס פּראַדקין האָט איבערגעלאָזט אַ מנין ביקסן מיט אַ סך קוילן פאַר די עלטערע יידן אין דאָרף, וואָס האָבן אַמאָל פּאַניען געדינט, און צוזאַמען מיט זיינע לייט אַוועק קיין מאַסיעיעווקע, בערעזעווקע, צו אַנדערע ישובים. ווי יהודה דער זון פון מתתיהו בן יוחנן כהן גדול, וואָס האָט געזאַמלט די מענער פון יהודה אין מזרח צו גיין אין היליקן קריג קעגן זייערע באַצווינגער די יוונים, די רשעים און בייזוויליקע, אַזוי האָט פּנחס, דער זון פון ר' אברהם יצחק דעם אומגעקומענעם דאָרפישן רב, געזאַמלט די מענער פון די יידישע ישובים אין דרום צו גיין אין מלחמה קעגן די יוונים פון כערסאָנער ערד, די רוצחים פון יידישע זין, די פייניקער פון יידישע טעכטער.

דאָרפישע בחורים, יונגעלייט, האָבן אומעטום איבערגעלאָזט די דער־פער אויף דעם עלטערן עולם און אויף די ווייבער און געשטעלט זיך אונטער פּנחס פּראַדקין. פון די דערפער האָבן זיך פּראַדקינס פייערלעכע רייד גע־טראָגן צו שטעטלעך, ישובים. ווי פּראַדקין האָט געזאַמלט מענער מיט זיינע דרשות, האָט פּאַליטרוק לוקאַוו געזאַמלט מענער מיט זיינע רעדעס און פלאַ־

קאַטן, וואו נאָר ער האָט זיך איינגעקוואַרטירט. אומעטום זיינען זיי געווען אויסגעהאַנגען די פּלאַקאַטן זיינע, פאַרביקע און פריילעכע פּלאַקאַטן, אויף וועלכע אַ מוסקולירטער אַרבעטער און אַ מעכטיקער פּויער האָבן שותּפות געהאַלטן אַ ביקס אין די קרעפטיקע הענט און גערופן אַלעמען צו גיין אין זייער וועג. כאָטש סיי דער אַרבעטער, סיי דער פּויער זיינען געווען צו־פאַרביק און צו־שיין און צו־פריילעך, זיי זאָלן אויסזען ווי אמתע מענטשן, האָבן זיי פונדעסטוועגן אַרויסגערופן גרויס באַוואונדערונג ביי צושויער און געוועקט אַ חשק צו גיין וואוהין זיי רופן. ווי די אויסגעמאָלטע מענטשן אויף די פּלאַקאַטן, אַזוי האָבן אויך געוועקט חשק ביי יונגע מענטשן די פרעמדע סאָלדאַטן פון אינטערנאַציאָנאַלן רעגימענט, וואָס האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן, אונטער דער האָפערדיקער מוזיק פון מעשענע טראָמייטן.

וואָס מער מענטשן עס זיינען צוגעשטאַנען, אַלץ מער האָבן זיי גע־וועקט דעם חשק ביי אַנדערע צוצושטיין. צוזאַמען מיט יידן, האָבן אָנגעהויבן אַנשליסן זיך אַלערליי מענטשן פון אַנדערע פעלקער, פאַרבליבענע „ביע־זשענצעס". וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון זייערע געגנטן אין די טעג פון די ערשטע שלאַכטן און זיי האָבן ניט געקענט אהיימפאָרן; וואַנדערנ־דיקע טאַטערן, רומענער, בולגאַרן, דעזערטירן, אַרויסגעלאָזענע אַרעסטאַנטן, יעדער נאָר, וואָס איז געווען עלנט און געפּלאָגט און הונגעריק אין די טעג פון הפקרות און בירגער־קריג. ווען די צאָל האָט דערגרייכט קנאַפּע טויזנט מאַן, האָבן שוין אפילו אַלטע סאָלדאַטן ניט געזען קיין עוולה דעריך, וואָס מען האָט די עקספּעדיציע גערופן רעגימענט. פאַר די יאָרן פון מלחמה האָבן זיי קלענערע רעגימענטן שוין געהאָט געזען.

ווי פאַרשידן די מענטשן אין רעגימענט זיינען געווען מיט זייערע שפּראַכן, מנהגים און אויסזען, אַזוי פאַרשידן זיינען זיי געווען אין זייער קליידונג, באַוואפנונג.

די דייטשע לאַנדשטורמער האָבן נאָך אַלץ געטראָגן זייערע בלוילעכע פעלד־מונדירן, קורצע שטיוול מיט באַנאַגלטע זוילן, שפּיציקע פּיקעל־הויבען און רימענס מיט אַן אויסגעקריצטן אויפשריפט „גאָט מיט אונדז". די עסטרייכער זיינען געווען אַ מיש־מאַש פון פּוסגייער אין וויקל־שיך ביז אונ־גאַרישע רייטער מיט פאַרביקע קורטקעס, געפּאַסטע קאַוואַלעריע־הויזן אין הויכע באַשפּאָרנטע רייטער־שטיוול. זיי האָבן אַלע בלויז אַראָפּגעריסן די עפּאָליעטן פון זיך, איבערלאָזנדיק העלע פלעקן אויף די אַקסלען פון זייערע אָפּגעשאָסענע אוניפאָרמען. די איבעריקע מענער האָבן געטראָגן וואָס נאָר ווער עס האָט געהאַט אויף זיך, שטאָטישע רעקלעך און דאָרפישע לייבלעך, קהאַקי־העמדלעך און שינעלן, סוועטערס און לעדערנע רעקלעך, שפּענצערס

און „פרענטשן", שטיוול און שיך, לאַפּטיעס און לייוונטענע לאַטשן. אייניקע זיינען אפילו געווען באָרוועס. ווי זייערע קליידער, אַזוי פאַרשידנאַרטיק איז געווען זייער געווער. אין קאָמאַנדיר קאָזיולינס אַרסענאַל זיינען געווען ביקסן פון יעדער מין, רוסישע הויכע ווינטאָווקעס מיט שפּיציקע באַיאָנעטן; דייטשע ביקסן מיט ברייטע מעסערס, שאַרף און גלאַטיק פון איין זייט צו שניידן אין מענטשלעך לייב און געקאַרבט ווי אַ זעג פון דער צווייטער זייט, איבערצו־האַקן דראָט־פאַרצוימונגען; עסטרייכישע ביקסן; אונגאַרישע שווערדן; ענג־לישע קורצע ביקסלעך, ווי פון איין שטיק געגאָסן, צוגעשיקטע צו די צאַרישע חיילות אין די ערשטע מלחמה־חדשים; פראַנצויזישע ביקסן; אַמעריקאַנער ביקסן. אַלץ נאָר וואָס האָט געקענט שיסן, איז געהאַנגען אויף אַקסלען פון מענער, געהאַנגען אויף רימענס, אויף שטריקלעך, אַפילו אויף דראָט. איבער יעדנס ברוסט איז געווען פאַרלייגט אַ ברעזענטענער פּאַטראָנען־באַנד. אָנ־געפּיקעוועט מיט קוילן. אויסלענדישע סאָלדאַטן, געגיטע גראַנאַטן־שליי־דערער, האָבן געטראָגן האַנט־גראַנאַטן פאַרשטעקט אין די רימענס, צינערנע וואַסער־פלעשלעך, לאָפּעטקעס אויף גראָבען שוץ־גריבער. דער שטאָלץ פון דעם רעגימענט איז געווען דער איינציקער מאַשין־געווער, וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן קאָזעליאַק, נאָך קאָמאַנדיר קאָזיולין, און מען האָט אים געהאַלטן איינגעהילט אין אַ צעראַטן ציכל, קיין שטויבעלע זאָל ניט פאַלן אויף אים. די רעגימענט־פאָן איז געווען שפּאָגל־ניי און רויט און באַצירט מיט גאָלדן־געפאַרבטע ווערטער: „חברים פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך".

נאָך עטלעכע וואָכן מושטירונגען, איינלערנען מיט אַלע די רוסישע קאָ־מאַנדע, איינשטעלן פעלד־קיכן, סאַניטאַרן מיט טראָג־בעטלעך, פּראָוויאַנט־קוואַרטירמייסטערס, אָבאָזן־פירער, האָט קאָמאַנדיר פּראַדקין אַרויסמאַר־שירט אין פעלד לענגאויס דעם טייך דניעפּער, אין דער געגנט וואו ער פאַלט אַריין אין שוואַרצן ים.

אין די ערשטע טעג האָט ער זיך געהאַלטן האַרט ביי דער באַן־ליניע. ער האָט פאַרפעסטיקט די רעלסן, וואָס זיינען געווען דאָ און דאָרט אָפּ־געשרויפט, פאַרלייגט־צוריק אַרויסגערוקטע שוועלן, צוריקגעשטעלט די ליניע, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן אַלע מאָל אויפסניי נאָכדעם ווי מען האָט זי פאַרריכט. אַזוי האָט ער געלאָזט אָוועקשטעלן די טעלעגראַפן־ליניע, וואָס אירע דראָטן זיינען געווען איבערגעשניטן, די סלופּעס אומגעוואָרפן אָדער אונטערגעזעגט. פון פויערשע כאַטקעס איז פויערן־פאָלק אַרויסגעקומען און געגלאָצט אויף די אויסלענדישע באַוואָפנטע לייט. פּאָליטרוק לוקאָוו האָט גלייך אויסגעקלעפּט אויף די טעלעגראַף־סלופּעס זיינע פאַרביקע פּלאַ־קאַטן און געהאַלטן אַ רעוואָלוציאָנערע רעדע פאַר די פאַרזאַמלטע. די פויערים

זיינען געשטאַנען ווי די פלעקער, קראַצנדיק זיך און געגעצנדיק. אויפגע־לעבט זיינען זיי געוואָרן ווען דער רעדנער האָט גענומען טיילן פּראָקלאַ־מאַציעס. פּאָליטרוק לוקאָוו איז געווען מלא־שמחה איבער זיין גרויסן דער־פּאָלג. פּראַדקין האָט אים אָפּגעקילט די גדולה.

— זיי נעמען עס אויף וויקלען מאַכאָרקע, — האָט ער אים געזאָגט, — אַ שאָד דאָס פּאַפּיר.

גלייך דערויף האָט ער אויך גענומען ריידן צו די פּויערים, אָבער רייד קורצע און קלאָרע.

— ווער פון אייך איז דער סטאַראָסטע? — האָט ער געפרעגט.

— איך, חבר קאָמאַנדיר, — האָט זיך אָנגערופן אַ פּויערל מיט לאַפּטיעס און מיט אָניטשעס אויף די פיס, אַרומגעוויקלט מיט שטריקלעך, — איך, אַנטאָן איוואַניטש רובאַכאַ.

— הער אויס, וואָס איך זאָג, אַנטאָן איוואַניטש רובאַכאַ, — האָט פּראַדקין געזאָגט אין ריינסטן כערסאָנער אוקראַיִניש און געקוקט דעם פּויערל אַזוי גלייך אין די אויגן אַריין, אַז יענער האָט אַזש גענומען פּינטלען, — מיר פּאַרלאַנגען, אַז קיין איין שוועל זאָל ניט גערירט ווערן פון די רעלסן, קיין איין דראָט פון טעלעגראַף.

— מיר טוען עס ניט, חבר קאָמאַנדיר, — האָט דאָס פּויערל אין לאַפּטיעס געענטפערט, — דאָס קומען אַנדערע פון פרעמדע דערפער אַהער אין די נעכט און זיי טוען עס, ביי גאָט.

— יענע האָבן זייער אייגענע ליניע צו שעדיקן, אַנטאָן איוואַניטש רובאַכאַ, — האָט פּראַדקין געטענהט, — דאָס ווערט געטאָן פון דיין דאָרף, און מיר ווילן עס ניט האָבן מער. יעדער שאָדן, וואָס עס וועט דאָ ווערן געטאָן אין דער ליניע אַ וויאָרסט די לענג, וועט איר מוזן פאַררעכטן. איר וועט אויך צאָלן שטראָף, — אַ קו פאַר אַן אָפּגעשרויפטער שרויף, אַן אָקס פאַר אַן אַרויסגערוקטן שוועל, אַ פערד פאַר אַן איבערגעהאַקטן דראָט.

די פּויערים האָבן גענומען צלמען זיך געדיכט.

— מוטער הייליקע, — האָבן זיי געבעטן און געטענהט, — וואָס זיינען מיר שולדיק, אַז באַנדיטן מאַכן שאָדנס? מיר, ניט מיר ווייסן זיי, ניט מיר קענען זיי.

— איר לייגט, ברידערלעך, — האָט פּראַדקין געזאָגט געלאַסן, — איר קענט זיי און איר ווייסט זיי און איר באַהאַלט זיי אויס. אַז איר וועט ניט פאַרהאַלטן די שולדיקע, וועט דאָס גאַנצע דאָרף ליידן, שולדיקע צי אומ־שולדיקע.

די פויערים האָבן גענומען בוקן זיך טיף, אַראָפּנעמען די היטלען און חנפענען. פּראַדקין האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— איר קענט אָנטאָן די היטלען. מיר זיינען ניט קיין פּריצים, — האָט ער געזאָגט, — אָבער פירן פאַר דער נאָז וועלן מיר זיך ניט לאָזן.

דער סטאַראָסטע אין די לאַפּטיעס האָט פּלוצלונג גענומען איינקוקן זיך אין פּראַדקינען און פינטלען מיט די אויגן.

— דאַכט זיך אַ באַקאַנטער מענטש, חבר קאָמאַנדיר, — האָט ער גע־טענהט, — ניט אַמאָל אַ שכן?

פּראַדקין האָט זיך ניט געלאָזט דערקענען.

— מירן צוריקקומען אינגיכן, — האָט ער אָנגעזאָגט דעם עולם אַ בשורה און אַ טאַפּ געטאָן ביים „נאַגאַן" אין קעשענע — פאַרשטאַנען, ברי־דערלעך?

די פויערים האָבן צוגעשאָקלט מיט די פאַרקאַלטענע קעפּ, אַז זיי האָבן פאַרשטאַנען. פּראַדקין האָט געגעבן אַ באַפעל די באַוואָפנטע מענער צו מאַרשירן ווייטער.

די סאָלדאַטן זיינען געגאַנגען זיכערע און צופרידענע איבער די שטויביקע וועגן. די טעג זיינען געווען העלע און זוניקע, אָן איין וואָלקנדל אין דעם בלויען הימל, פאַרגאָסן מיט טייכן פון זילבער. די גרינע זאַנגען פון ניט־רייפן קאָרן האָבן זיך געוויגט לייכט אין שטילע ניט־זעבאַרע ווינטעלעך. סאָלדאַטן האָבן אויסגעריסן איינצלנע זאַנגען און צוגעטראָגן זיי צו די נעזער אָדער פאַרשטעקט אין אַ לעכעל פון אַ בלוזע. אויף לאָנקעס, איבער וועלכע עס האָבן זיך פרידלעך געפּאַשעט קי, פערד און שעפעלעך, האָבן אַרויסגע־וואונקען געלע, ווייסע און רויטע פעלד־בלימעלעך, פּעכערלעך, רומיאַשקעס, „קאַשע־מילך". קאָניטשינע, געלער און בלויער לוביען האָבן פאַרשמעקט מיט זייערע ריחות. געשניטן היי האָט געקיצלט אין דער נאָז. אויף קליינע שטילע וואַסערלעך זיינען גענדז און קאַטשקעס אַרומגעשוואומען, אונטער־טונקענדיק כסדר זייערע געלע שנאָבלען. דאָס זשומען פון פעלד־גרילן, גראָז־פערדלעך, ווילדע בינען און אַלערליי אַנדערע פליגן, האָבן ניט אויפ־געהערט זייער איביק זשומעניש. די זון האָט געבאַקן, סנאָפּעס שטראַלן בריוות געשאָטן, געשפּילט זיך מיט דער רויטער פאָן, געשטיפט מיט מעשענע זעלנערישע קנעפּ, מיט באַיאָנעטן אויף ביקסן. ביי פויערשע כאַטקעס זיינען מיידלעך אַרויס פאַר די טירן, הינט האָבן פריילעך געבילט. ברונעמער זיינען געשטאַנען פאַרחלומטע מיט זייערע פאַרריסענע „בושעלן" צום בלויען הימל. פרידלעכע רויכן האָבן זיך געוויקלט פון קוימענס אין דאָרפישע הייזלעך. דאָ און דאָרטן איז מען פאַרביי אַ צערקווע מיט ציבעלע־פאָרמיקע טורעמלעך און

טאָפּעלע צלמים און מיט שלעכט־געמאָלטע קדושים אויף טירן, פאַרביקע הייליקע מיט לאַנגע אויסגעצויגענע טויטע פּנימער און מיט רייפלעך איבער די שטרוי־קאָלירענע לאַנג־האָריקע קעפּ. די דאָרפישע צווינטערס האָבן געבאָדן אין דער זון זייערע צלמים, איבער וועלכע פייגל האָבן זיך געשפּילט אין יאָגעלעך. זעלטן אַז עמעצער האָט דורכגעשניטן די וועגן, בלויז אַמאָל איז אַ באָרוועסע פּויערטע געגאַנגען, טראָגנדיק צוויי קוישלעך אָנגעהאַנגען אויף אַ קאָראָמיסלע, אָדער אַ פּויערל איז פאַרבייגעפאָרן מיט אַ פּאָר אָקסן צוגעשפּאַנט צו אַ וואָגן היי. נאָך עטלעכע שעה מאַרשירן, האָט פּראַדקין געגעבן אַ באַפעל צו רוען, און די סאָלדאַטן האָבן זיך אויסגעלייגט אויף די לאָנקעס, געטרונקען וואַסער פון ציבערנע פּלעשלעך, געגעסן ברויט פון טאָרבעס, געריכערט מאַכאָרקע געוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר. אין די אָוונטן האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אין דערפער, איינגעקוואַרטירט זיך אין כאַטעס, אין שייערן, אין שטאַלן, אין סטויגעס היי, אין אויפגעשטעלטע ביידלעך, וואו נאָר עס האָט זיך געלאָזט. מען האָט געבראָטן קאַרטאָפל אין די פעלדער, געקויפט ביי די פּויערטעס פרישע מילך, נאָר וואָס אויסגעמאָלקענע, מען האָט אויסגעביטן אַ הויפן מאַכאָרקע פאַר אַ פּאָר אייער, מען האָט אַרומגעוואַשן מידע פיס ביי טייכלעך, אָנגעפילט ליידיקע ציבערנע וואַסער־פלעשלעך ביי ברונעמס, און געשטיפט מיט די דאָרפישע ווייבלעך און מיידלעך, מיט וועלכע די פרעמדע סאָלדאַטן האָבן דורכגערעדט זיך אויף שטום־לשון. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט מען אויך אָנגעצונדן שייטערס. אַן אונגאַרישער קאַוואַלעריסט, אָנגעטאָן אין אַ רייטער־רעקל און מיט געפּאַסטע הויזן, האָט אַרויסגענומען זיין האַנט־האַרמאָניע, וואָס ער האָט געפירט מיט זיך פון ערשטן טאָג מלחמה אָן, און געשפּילט פריילעכע אונגאַרישע וואַלסן. דער נעגער, דער טענצער, אָנגעטאָן אין זיינע געלע הויזן און אין געפּלאַצטע לאַק־שיך, וואָס זיינען אים געבליבן פון זיין גאַנצער טענצערישער קאַריערע, האָט געטאַנצט ווי אַ רוח צו דער מוזיק פון אונגאַרישן שפּילער. דער עולם האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט. דערנאָך האָט דער עולם פאַרלאַנגט פון כינעזער חבר טשאַנג, ער זאָל זינגען כינעזישע לידער. חבר טשאַנג, אַ דאַרער, מיט אַ פאַרשטיינערט פּנים און שפּיציקע אַקסלען, וואָס האָבן דורכגעשניטן זיך דורך זיין וואַטן לייבל, וואָס ער האָט געטראָגן אַפילו אין זומער, האָט געזונגען מיט ציקלדיקע דריידלעך און מיט אַ טרויעריק קול, וואָס פלעגט אָנוואַרפן אַן אימה. אָבער די סאָלדאַטן האָבן ליב געהאַט זיינע כינעזישע ניגונים, פון וועלכע זיי האָבן זיך געשטיקט פון געלעכטער. נאָך אים האָבן די דייטשן געזונגען מיט געמאַכטע אָפּעראַ־שטימען זייערע היימאַטס־לידער, די טאַטערן האָבן געציקלט זיך מיט זייערע אָריענטאַלישע זמרלעך, וואָס

האָבן דערמאָנט די יידן אָן די ימים־נוראימדיקע תפילות, די דאָרפישע בחורים פון די קאָלאָניעס האָבן ניט געהאַט דאָס האַרץ צו זינגען. זיי זיינען מערסטנס געווען אין אבילות. אָן אויסנאָם צווישן די יידן איז געווען דער קריגס־געפאַנגענער קאַמעראַד מאַקס שפּיצער, אַ לעמבערגער קונצנמאַכער, אַ קנאַכנדיקער יונג, וואָס ווי גרויס ער איז געווען, אַזוי רויט איז ער געווען. די האָר אויפן קאָפּ, די האָר אויף די פיס, די ברעמען, די פאַרשניצטע וואָנסעלעך — אַלץ האָט געשרפהט פון רויטקייט. אַזוי איז געווען רויט די הויט זיינע, באַדעקט מיט אַ נעץ פון זומער־שפּרענקעלעך, פון קאָפּ ביז די פיס. אַפילו זיינע אויגן־אַפּלען זיינען געווען מער רויט ווי ביר־קאָליר. אָט דער יונג איז געווען אַ ברען, וואָס אומעטום איז ער געווען פול, אומעטום איז ער אַריינגעדרונגען מיט זיינע רויט־באַברעמטע אויגן, אומעטום איז ער געווען מיט זיינע הענט, רויט־האַריקע, קניפּיקע און פלינקע. ווי גיך און אומרואיק זיינע הענט זיינען געווען, אַזוי איז געווען זיין מויל, אַ באַוועגלעך מויל, וואָס האָט גערעדט אַלע שפּראַכן פון זיינע לאַנדסלייט די סאָלדאַטן, דייטש און אונגאַריש, טשעכיש, פּויליש, אוקראַיניש און אַפילו באָסניש. און מער פון אַלץ האָט ער גערעדט זיין לעמבערגער יידיש, מיט אַלע „עכן" און מעכן" און פאַרענדיקט תמיד מיט דער אייביקער קללה:

— אַז דער שלאַק זאָל עס טרעפן . . .

אָט דער מאַקס שפּיצער איז געווען דער ליבלינג אין רעגימענט. מען האָט זיך די זייטן אָנגעלאַכט פון אים. אין דער ערגסטער צרה האָט ער ניט פאַרלוירן זיין פריילעכקייט און זיינע שמד־שטיקלעך. דאָ האָט ער אין מיטן מאַרשירן געכאַפּט אַ ציג אויפן וועג און איר אָפּגעשוירן די באָרד ביז צו דער פעל, דאָ האָט ער גערעדט צו אַ פּויערל אויפן וועג אין אָן אויסגעטראַכט לשון, וואָס ער אַליין האָט באַשאַפן, דאָ האָט ער גאָר אַראָפּגעכאַפּט ביי אַ פּויערטע אַ טיכל פון קאָפּ, אויפגעגעסן עס און עס גלייך צוריק אויסגעשפּיגן, צום שרעק פון דער פּויערטע, וואָס האָט זיך אָזש איבערגעצלמט אין איר פּחד פאַר כישוף. אין די פאַרנאַכטן ביים לאַגערן איז דער יונג געווען אָן אמתער אוצר פאַרן רעגימענט. ער האָט דערציילט די פאַנטאַסטישע מעשיות, וואָס אַלע האָבן זיי זיך געטראָפן מיט אים, אין לעמבערג טאָקע, און געשוואָרן זיך מיט אַלע שבועות אין דער וועלט, אַז זיי זיינען דער ריינסטער אמת; ער האָט געזונגען לידער אין אַלע שפּראַכן פון די פעלקער אין דער צעפאַלענער עסטרייכישער אימפּעריע; געטאַנצט אַלערליי טענץ, פון וועגערקעס ביז פּאָלקעס, קאָזאַקלעך און מצוות־טענצלעך. דער גרעסטער בריה איז ער געווען אין זיינע טענץ מיט דער ביקס, מיט וועלכער ער האָט מאַניפּולירט ווי מיט אַ פּאַרטנערין. ער האָט זי געוואָרפן, נאָכגעיאָגט זי,

ברוגז מיט איר געוואָרן, איבערגעבעטן זי. ווי פלינק ער איז געווען אין די טענץ, אַזוי פלינק איז ער געווען אין זיין מסחרן, וואָס ער האָט כסדר געמסחרט. אין זיין זעלנערישן רוקזאַק האָט ער געהאַט אַ גאַנצע קראָם: נאָדל־פאָדעם און קנעפ, שפּילקעס און ציגאַרעטן, פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר און בליי־שטיפטן, פּעשלעך קאָרטן און ראַזיר־מעסערס, שטיקלעך זייף און שמעקעדיק וואַסער. שטענדיק האָט ער פאַרקויפט, געקויפט, געביטן, געטריבן געשעפט. די סאָלדאַטן האָבן געמאַכט וויצן מיט אים.

— מאַקסל, דאָס ווינער ראַטהויז קען מען ביי דיר קויפן?

— וואַרט אויס, קאַמעראַדן, עד על געבן אַ קוק אין רוק־זאַק — האָט מאַקס געענטפערט לאַכעדיק.

דעם גרעסטן אויסוואַל האָט ער געהאַט אין זיין רוק־זאַק פון ווייבערשע שמוק־זאַכן: גלעזערנע פּאַטשערקעס, צינערנע קידושין־רינגעלעך, פאַרביקע בענדעלעך, אַלערליי גראַשיקע בלעכלעך און שמאַכטעס און צלימלעך, וואָס האָבן אויפגעריסן די אויגן ביי יונגע פּויערטעס און שיקסעס. פאַר אָט די זאַכן האָט מאַקס שפּיצער געקראָגן ביי זיי אייער און מילך און ברויט און אַפילו אַ הינדל אָפּצובראָטן. אין די אָוונטן פלעגט ער אויך אויסבייטן אַ שנירל פּאַטשערקעס אויף אַ ליבע.

— קום, קראַסאַוויצע, אַראָפּ צו די פעלדער, וועל איך דיר ווייזן עפּעס שיינס, — האָט ער גערעדט אין אוקראַיניש צו די שיקסעס, ביי וועמען די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פון ווייבערשן חשק צו די גלאַנציקע מציאות.

כאָטש זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דעם קנאָכיקן רויט־האָריקן יונג, וואָס דאָס געלעכטער האָט געשטראָמט פון אים פון אַלע זיינע זומער־שפּרענקעלעך, מורא געהאַט פאַר זיינע קניפּיקע רויט־האָריקע און פלינקע הענט, וואָס זיינען אומעטום געווען פול און אַלערליי כישוף געטריבן, זיינען זיי פונדעסטוועגן געגאַנגען מיט אים אין די פעלדער, ניט קענענדיק ביישטיין די מתנות, וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט.

— יידן, פרעגטס מעך גאָרניט, — פלעגט מאַקס שפּיצער שפּעטער טענהן צו די יידישע סאָלדאַטן, כאָטש זיי האָבן אים גאָרניט געפרעגט, — יידן, עד האָב מעך מחיה געווען מיט דער ערלית, אַ שלאַק זאָל עס טרעפן.

פאָליטרוק לוקאָוו האָט געקוקט מיט קרומע אויגן אויף די נאַרישע שפּילערייען פון די אינטערנאַציאָנאַלע קעמפער. ער האָט געקענט אַ סך רע־וואָלוציאָנערע לידער, וואָס ער האָט זיי געוואָלט אויסלערנען די סאָלדאַטן זינגען. אַזוי האָט ער אויך געוואָלט ביים פייער פון שייטער לערנען פּאָ־ליטישע עברי מיט זיי. דער עולם האָט בעסער געוואָלט הערן מאַקס שפּיצער.

— נישט גוט, חבר פּראַדקין, — האָט פאָליטרוק לוקאָוו געקלאָגט זיך

פאַר פראַדקינען, מיט וועמען ער האָט געגעכטיקט צוזאַמען אין אַ שטיבל פון אַ דאָרפישער כאַטע, — זיי ווילן גאָרניט לערנען, בלויז טאַנצן, שפּילן קאָרטן און אַרומטרייבן זיך מיט די פּויערטעס אין די פעלדער.

— לאָזט זיי, חבר לוקאָוו, — האָט פראַדקין אים געעצהט, — זיי וועלן דערפאַר בעסער קעמפן צומאָרגנס.

כאָטש ער האָט פריער געהאַט אַרומגעקוקט די גאַנצע געגנט, באַטראַכט יעדער בערגל און טאָל, יעדער טייכל, וועג און שטעג, און אויך אָוועקגע־שטעלט וואַכן וואו נאָר מען דאַרף, אויסצוהיטן זיך פון אַן אָנפאַל ביינאַכט, איז ער נאָכאַמאָל אַרויס אין דרויסן און אַרומגעגאַנגען די געגנט פון וואַך צו וואַך.

— שטיין בלייבן, איך וועל שיסן! — האָבן וואַכן געשריגן אין דער פינצטערניש.

— דאָס בין איך, קאָמאַנדיר פראַדקין, — האָט פראַדקין געענטפערט.

— פּאַראָל? — האָבן די וואַכן געפרעגט, כאָטש זיי האָבן דערקענט די שטימע פון זייער עלטסטן.

פראַדקין האָט געגעבן דעם פּאַראָל פון טאָג און געפּאַדערט פון די וואַכן זייער ענטפער. דערנאָך איז ער אַוועק צו זיין שטיבל אין אַ פּויערשער כאַטקע, וואָס איז געווען אַלץ צוזאַמען — שטאַב, „אַגיטבאַזע" און געלעגער פאַר צווייען — פאַר אים און פאַר פּאָליטרוק לוקאָוו. חבר לוקאָוו איז געזעסן איף דעם פרישן שטרוי, וואָס מען האָט אויסגעבעט פאַר אים, און גע־פּאָרקעט זיך אין זיינע פּראָקלאַמאַציעס, צייכענונגען און בראָשורן. פראַדקין האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף זיין אויסגעבעט שטרוי און ביים שיין פון אַ טריפנדיק ליכטל גענומען לייענען צום אומצאָליקסטן מאָל דאָס ספר שירים פון יהודה הלוי, וואָס ער האָט מיטגעפירט מיט זיך אין זיין רוק־זאַק. פּאָליט־רוק לוקאָוו האָט מיט חידוש אָנגעשטעלט זיינע בלויע אויגן אויף די פרעמדע אותיות אין צעריסן ביכל, אויסטערלישע אותיות, וואָס דער קאָמאַנדיר האָט זיי געלייענט פון רעכטס אויף לינקס.

— וואָס לייענט איר, חבר פראַדקין, יידישע רעוואָלוציאָנערע לידער? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, העברעאישע ציון־לידער, חבר לוקאָוו — האָט פראַדקין גע־ענטפערט שטיל.

פּאָליטרוק לוקאָוו איז געווען נייגעריק צו הערן כאָטש עטלעכע שורות איבערגעזעצט אין רוסיש, פראַדקין האָט אים צוליב געטאָן.

— איך בין ניט אימשטאַנד איבערצוגעבן די שיינקייט זייערע, די בענקשאַפט, אָבער די ווערטער קען איך אייך איבערזעצן, — האָט ער געזאָגט

און מיט וואָרעמקייט געגומען איבערגעבן אין רוסיש די פלאַמיקע שורות פון זיין ליבלינג־ליד „ציון הלא תשאלי". פּאַליטרוק לוקאָוו האָט געעפנט אין שטוינונג זיינע בלויע אויגן, הערנדיק די פּאַטריאָטישע אויסגוסן, וואָס האָבן געקלונגען אין זיינע אויערן ווי קאָנטער־רעוואָלוציע פון ערגסטן מין.

— צו וואָס לייענט איר דאָס, חבר פּראַדקין? — האָט ער געפרעגט אין איבעררעשונג.

— איך האָב עס ליב, חבר לוקאָוו, — האָט פּראַדקין געזאָגט.

פּאַליטרוק לוקאָוו האָט מיט דער צאַרטער האַנט צעקנאַדערט אַלע לאָקן אין זיין מיידלשן קאָפּ.

— איר זענט אַ מאָדנער, — האָט ער געמורמלט.

— מעגלעך, — האָט פּראַדקין צוגעגעבן און געלייגט זיך שלאָפן אויף דעם שטרויענעם געלעגער, געלייגט זיך אין די מלבושים, אין די שטיוול און אַפילו מיטן „נאַגאַן" אין קעשענע, גרייט צו יעדן פאַל.

פּאַליטרוק לוקאָוו האָט ניט פאַרשטאַנען פּראַדקינ׳ס פּאַרזיכטיקייטן.

— איר קענט זיך אויסטאָן, — האָט ער געזאָגט, — די געגנט איז שטיל, די פּויערים — רואיקע.

— מען קען קיינמאָל ניט וויסן, — האָט פּראַדקין געענטפערט געלאַסן,— יעדע מינוט קען ווערן הייס.

5

עס איז געוואָרן הייס אינגיכן, ווי פּראַדקין האָט נביאות געזאָגט.

שוין אויף דעם צווייטן טאָג, ווען מען איז אַוועק ווייטער פון דער באַן־ליניע און אַריין טיפער אין די דערפער, האָט מען גענומען שיסן פון קאָרן אַרויס אויף די מאַרשירנדיקע מענער פון אינטערנאַציאָנאַלן רעגימענט. פּראַד־קין האָט געהייסן דערלאַנגען פייער, און דערנאָך אַרומזוכן דאָס קאָרן־פעלד, פון עק ביז עק. אָבער מען האָט קיינעם ניט געפונען. ביינאַכט, ווען מען האָט געלאַגערט, האָט מען געשאָסן אויף די וואַכן עטלעכע מאָל. פּראַדקין האָט זיך מער ניט צוגעלייגט אַפילו אין די מלבושים און געגעבן אַ סיגנאַל צו די סאָלדאַטן, זיי זאָלן זיך אויפהויבן און אַרומזוכן די געגנט. ווען פאַרטאָג האָט מען געפונען דעם ערשטן טויטן וואַך־סאָלדאַט, מיט אַ קויל דורכגעשאָסן דורכן נאַקן, איז די פריילעכקייט פון ערשטן טאָג אינגאַנצן אויסגערונען. אַפילו מאַקס שפּיצער איז מער ניט געווען לוסטיק ווי שטענדיק. פּאַליטרוק לוקאָוו האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע פאַר דער קאָמפּאַניע, וואָס איז געשטאַנען אין פולער באַוואָפענונג ביים פריש־פאַרשאָטענעם קבר אין מיטן פעלד. ווי צו

די סאָלדאַטן, אַזוי האָט ער אויך געוואָרפן זיינע רעוואָלוציאָנערע רייד צו די פאַרזאַמלטע פויערים און פויערטעס, וואָס האָבן זיך געדיכט געצלמט.

— שלאָף רואיק, קעמפער פאַר דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע, — האָט פאַליטרוק לוקאַוו גערופן צום קבר, וואָס מען האָט באַלייגט מיט אָפּגע־האַקטע צווייגן, — דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט וועט דיך ניט פאַרגעסן.

פּנחס פּראַדקין האָט געגעבן אַ באַפעל, מען זאָל אויסשיסן אין דער לופט, לכבוד דעם געפאַלענעם. די פויערים האָבן זיך גענומען פאַנאַנדערגיין. פּראַדקין האָט זיי באַפוילן בלייבן אויפן אָרט.

— איך גיב איך איין שעה צייט אַרויסצוגעבן די באַנדיטן צווישן איך; אויך יעדער געווער, וואָס איר האָט באַהאַלטן אין דאָרף, — האָט ער געזאָגט און געקוקט אויף זיין ציבעלע־זייגער, פעסטצושטעלן די צייט. — פאַר נישט פאָלגן, וועל איך הייסן אַרויספירן אַ קו פון יעדער שטאַל.

די פויערים האָבן גענומען ריידן אַלע אינאיינעם, שווערן זיך, אַז זיי וויסן פון גאָרניט, אַז דאָס האָבן פרעמדע פון אַנדערע דערפער געטאָן. פויער־טעס האָבן זיך צעוויינט, געכאַפּט קושן פּראַדקינס הענט. פּראַדקין איז גע־שטאַנען אומבאַוועגלעך אין זיין קורץ־געוויקסיקער יוסטקייט.

— באַוואַכן אַלע וועגן! — האָט ער באַפוילן זיינע באַוואָפנטע לייט, — קיינעם ניט אַרויסלאָזן פון דאָרף. די בהמות פון די לאַנקעס צוריקטרייבן אין דאָרף אַריין.

די פויערים האָבן דערקענט אין די באַפעלן, אַז יעדער געבעט, שבועה און חניפה איז איבעריק, און אנשטאָט ווייטער טענהן מיט דעם באַפעל־געבער, האָבן זיי גענומען קריגן זיך צווישן זיך, וואַרפן מיט די הענט און דראָען זיך קעגנזייטיק.

— אַלץ איבער אייערע לייט, — האָט אַן אָרעם אויסגעדאַרט און געלאָ־טעט פויערל געשריגן צו פעטערע פויערים פון זיך, — מיר, אָרעמע, האָבן גאָרניט קעגן די סאָוועטן. דאָס טוט איר אַן, די רייכע, אַלע צרות. צוליב איך, הינטישע זין, וועט מען ביי אונדז די לעצטע קו צונעמען. איר האָט צו עטלעכע בהמות, איך האָב ניט מער ווי איין־איינציק קיעלע...

— אונדזערע בהמות זיינען דיר גרויס אין די אויגן, ניט־פאַרגינער, — האָבן די פעטערע פויערים געענטפערט, — מיר וויסן, אַז דו ווילסט כאַפּן אונדזערס, און דערפאַר מאַכסטו בלבולים, חזירשער אויער, וואָס דו ביסט.

די פויערטעס האָבן געקוויטשעט, געשפּרונגען איינער דער אַנדערער אין די אויגן פּראַדקין האָט זיך צוגעקוקט מיט הנאה צום דאָרפישן טומל און רייסעניש. ער איז געווען זיכער, אַז אין דער אייגענער קנאה־שנאה און רייסערייען וועט מען שוין ריידן ווערטער, אַרויסגעבן סודות. איידער

מען האָט זיך אומגעקוקט, האָבן פּויערים גענומען אַרויסשלעפּן באַהאַלטן געווער און אַוועקלייגן אין איין קופּע. פון אַלע זייטן האָט מען געטראָגן, פון יעדן מין — ביקסן און שווערדן, פּיקעס און באַ־יאָנעטן.

— אין די פעלדער געפונען חבר קאָמאַנדיר, אויף די וועגן, — האָבן די פּויערים געברומט, אַוועקלייגנדיק די כלי־זיין אין אַ הויפן, — פאַרשידענע סאָלדאַטן דורכגעגאַנגען און זיי האָבן עס איבערגעלאָזט, ביי גאָט.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן, — האָט פּראַדקין געענטפערט, קוקנדיק מיט שאַרפע דורכדרינגלעכע אויגן, — מער ברענגען. אַז מירן אַליין גע־פינען, וועט זיין ערגער.

די פּויערים האָבן זיך ניט געלאָזט בעטן, און נאָך די קליינע געווערן גענומען אַרויסשלעפּן שווערערע שטיקער, פאַרראָסטעטע קוילן־קעסטלעך, אַפילו אַ לייכטן אַרטילעריע־קאַנאָן.

— אויך געפונען אין די פעלדער? — האָט פּראַדקין געפרעגט.

— ניין, טאַטעלע, דאָס האָבן מיר ביי די אָפּטרעטנדיקע עסטרייכער געקויפט, פאַר ברויט, פאַר מילך.

— צו וואָס האָט איר עס געקויפט?

— ביליק געווען, פאַר אַ גאַנצן האַרמאַט האָבן זיי בלויז אַ פאַר ברויט־לעך פאַרלאַנגט, די עסטרייכער; האָבן מיר זיך געטראַכט, זאָל עס ליגן אין הויף. אַלץ קומט צונוץ אין אַווירטשאַפט.

פּראַדקין האָט געהייסן זיינע מענטשן צונעמען דאָס גאַנצע געווער, און געגעבן אַ נייעם באַפעל די פּויערים:

— איצט, ברידערלעך, אַרויס מיט דעם לעבעדיקן קאָנטראַבאַנד. ווי לאַנג ס'איז צייט.

די פּויערים האָבן ווידער גענומען שווערן און צלמען זיך, אַז ניט זיי האָבן געזען אַזעלכע, ניט זיי האָבן געהערט אַזעלכע. פּראַדקין האָט זיי אָפּ־געשטעלט:

— דערמאָנט איך, ברידערלעך, גוט דערמאָנט אייך, און איר וועט שוין אויסגעפינען. באַלד איז די שעה פאַריבער, און איך וועל הייסן אַרויס־פירן די קיעלעך.

די פּויערים האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. פּראַדקין האָט אויפגעכאַפּט זייערע בליקן.

— אָרעמע פּויערים, די וואָס האָבן בלויז צו איין קו, שטעלט זיך באַ־זונדער, — האָט ער באַפוילן.

אַ גאַנצע כאַפּטע פּויערים, צוזאַמען מיט זייערע ווייבער, האָבן זיך

אַרויסגערוקט פון עולם און אָפּגעטראָטן אין אַ זייט. פּראַדקין האָט זיך אויס־געדרייט צו זיי.

— איין קואיקע, הערט מיינע רייד, — האָט ער געזאָגט, — ווען מען וועט ביי זיי, די רייכערע, אַרויספירן אַ קו פון שטאַל, וועלן זיי נאָך אַלץ האָבן געננוג. ווען מען וועט ביי אייך אַרויספירן די לעצטע בהמה, וועט איר בלייבן ביי גאָרנישט. דעריבער איז מיין עצה צו אייך, איר זאָלט אַרויס מיט ווערטער. איר ווייסט ווער די קרעציקע שאָף זיינען אין דער סטאָדע.

די איין־קואיקע האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ. פּלוצלונג האָט זיך איינער פון זיי אַרויסגעשטעלט, דער זעלבער אויסגעדאַרטער און געלאַטעטער, וועמען די נגידים האָבן גערופן חזירישער אויער, און ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין דער דאַרער ברוסט.

— חבר קאָמאַנדיר, איך וועל ניט לאָזן צונעמען מיין קיעלע איבער די הינטישע זין — האָט ער געשריגן, — איבער איין קרעציקע שאָף וועט די גאַנצע סטאָדע קרעציק ווערן. איך וועל ריידן, ביי גאָט, ווי איך וועל . . .

מיטאַמאָל האָט ער פאַררוקט דאָס היטל איבערן קאָפּ און אויסגעשטרעקט אַ שמוציקן פינגער צו דער זייט פון די רייכערע.

— אָט איז ער, מיטקאַ באַראַניוקס גוואַרדייעץ, — האָט ער געטייטלט מיטן שמוציקן פינגער — צוליב אים און זייניקע איז קיין לעבן ניט אין דאָרף. אין שרעק האַלט ער יעדן, אָט דער מיכאַילאָ הוק, זינט ער איז פון דער מלחמה צוריקגעקומען. מיר איז שוין אַלצייאַנס. געננוג געליטן, ברי־דערלעך . . .

דער אַנגעוויזענער, אַ פאַרשוין מיט אַ טשופּרינע אנשטאָט אַ שטערן, אָנגעטאָן אין אַ רויט העמד איבער בלויע סאָלדאַטסקע רייטער־הויזן, איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, פול מיט גרויסע פערדישע ציין. ער האָט גע־גלאָצט מיט טעמפּע וואַסערדיקע אויגן. פּראַדקין האָט דורכגענומען זיין טעמ־פּע פאַרגליווערטקייט.

— פירט־צו דעם סטאָלב, — האָט ער געזאָגט צו די סאָלדאַטן, — און זוכט־דורך זיין הויז. גוט זוכט, די שטוב און דעם שייער, די שטאַלן און בוידעמס. אפילו אין די סטויגעס היי קוקט אַריין.

דער פאַרשוין מיט דער טשופּרינע אַנשטאָט אַ שטערן האָט געשוויגן. זיינע געעפנטע ליפּן מיט די ציין אין דרויסן האָבן זיך ניט באַוועגט. ווי ער האָט געשוויגן, אַזוי האָט זיין גויקע געליאַרעמט. אַ שפּיציקע, מיט אַ שפּיציקן טראָגעדיקן בויך אין די לעצטע חדשים, האָט זי גלייך געגומען יאָמערן און פאַרגיין זיך מיט אַ קול אַ שפּיציקס, ווי זי אַליין.

— אוי, מזל מיינער ביטערער, — איז זי זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ קוויטש, — אוי, אומגליקלעכע וואָס איך בין.

מיטאַמאָל האָט זי אויפגעהערט ברעכן די הענט און געוואָרפן זיך אויף דעם דאָרן פֿויערל, וואָס האָט אויף איר מאַן אָנגעוויזן.

— ער ליגט, דער חזירשער אויער, — האָט זי געמאַכט קולות, — דאָס נעמט ער נקמה, ווייל מיר האָבן אים פֿאַרנומען אַ חזיר, וואָס ער האָט אַריינגעטריבן צו אונדז אין גאָרטן. זאָג, מאַנעלע מיינער, סאָקאָליקל, אַז דו ווייסט פֿון גאָרניט, שוויג ניט, איינציקער מיינער. בעט די גוטע מענטשן.

דער פֿאַרשוין מיט דער טשופּרינע אָנשטאָט אַ שטערן האָט ניט אויפֿגעהערט קוקן זיין טעמפּ קוקעניש. די גויקע האָט זיך געוואָרפֿן פּראַדקינען צו די פֿיס.

— אוי, פֿיר אים ניט אַוועק, דעם גוטן מלאכל מיינעם — האָט זי גע־דרעוועט וועגן דעם מאַן אירן, וואָס פֿלעגט זי שלאָגן אַפֿילו אין די הויכע חדשים פֿון איר מעוברתדיקייט, — אוי, ער איז דאָך אַזאַ גוטינקער, אַ זי־סער אַזאַ. וואָס וועל איך טאָן, אומגליקלעכע, אָן אים? ניט ער ווייסט מיטקאָ באַראַניוק, ניט ער האָט אים פֿאַר די אויגן געזען. זאָלן זיי זאָגן, די פֿויערים.

די פֿויערים האָבן געשוויגן, קיין וואָרט ניט געזאָגט.

באַלד זיינען אָנגעקומען די סאָלדאַטן, וואָס האָבן דורכגעזוכט דעם פֿאַרהאַלטענעמס הויז. זיי האָבן געטראָגן מיט זיך אַ מיליטערישן זאַטל, אַ פּאָר פֿעלד־גלעזער און אַ קליין זילבערן דאַמען־זייגערל מיט אַ דין קייטעלע, ווי מען גיט אַזעלכע כלה־מתנות ביי אָרעמערע יידן. פּראַדקין האָט עס אויפֿ־געהויבן אין דער הייך און געוויזן עס די באַוואָפֿנטע מענער פֿון איזראַיילעווקע. זיי האָבן עס ניט דערקענט. ער האָט צוגערופֿן די מאָיסעעווקער, די בערע־זעווקער. איינער פֿון די בערעזעווקער האָט אַוועקגעשטעלט די ביקס אויף אַ וויילע, זיך צוגעקוקט צום חפֿץ און גלייך געגומען וואַרפֿן זיך מיט די פֿויסטן אויף דעם יונג מיט דער טשופּרינע אָנשטאָט אַ שטערן.

— רוצח! — האָט ער געשריגן, ביילנדיק פֿויסטן, — דאָס איז מיין שוועסטערס... וואָס זי האָט אַ מתנה פֿון איר חתן געקראָגן. איך דערקען עס. מיין הנהס איז עס . . . דאָס ביסטו זי באַפֿאַלן, מערדער.

דער יונג מיט דער טשופּרינע אָנשטאָט אַ שטערן האָט געשוויגן ווי פֿריער. זיינע אויגן און געעפֿנט מויל זיינען געווען שטאַר, טעמפּ, ווי אַ פּלאָקן. פּראַדקין האָט אָנגעהאָנגען די פֿעלד־גלעזער אויף זיך און באַפֿוילן דעם אַרעסטירטן זיך אויסטאָן. דער יונג האָט אויף אים געקוקט מיט אויפֿ־געריסענע בליקן. פּראַדקין האָט זיין באַפֿעל איבערגעחזרט:

— צי אַראָפּ די שטיוול, די הויזן. בלויז דאָס העמד קענסטו איבערלאָזן.

דער יונג האָט שווייגנדיק אַראָפּגעצויגן די שטיוול, די בלויע סאָל־דאַטסקע הויזן. פּראַדקין האָט צוגערופן דעם מערסטנס קרוע־בלועדיקן צווישן זיינע באַוואָפנטע לייט און אים אָוועקגעגעבן די שטיוול מיט די הויזן אַ מתנה. נאָכדעם האָט ער באַפוילן די פּויערים אָפּצורוקן זיך פון שייער, אַרום וועלכן זיי האָבן זיך געטוליעט. די טראַגנדיקע גויקע האָט איצט גענומען שלאָגן זיך מיטביידע פויסטן אין פאַרריסענעם מעוברתן בויך.

— ניין, — האָט זי געליאַרעמט, וואָרפנדיק זיך צו פּראַדקינען, — האָב רחמנות אויף אַ פרוי און קינדער . . .

פּראַדקין האָט זי אָפּגערוקט פון זיך.

— ער האָט ניט געהאַט קיין רחמנות אויף פרויען און קינדער, — האָט ער געזאָגט געלאַסן.

די פּויערים זיינען געשטאַנען אַרום צוזאַמענגעקוועטשט אין אַ קופּע, פול מיט שרעק און נייגעריקייט צוזאַמען. פּראַדקין האָט צוגערופן די בע־רעזעווקער און באַפוילן זיי צופירן דעם יונג צו דער וואַנט פון שייער.

— טוט אים זיין רעכט, ער געהערט אייך, בערעזעווקער.

אין דער זומערדיקער שטילקייט האָבן עטלעכע ביקסן־קוילן אָפּגעהילכט.

פּראַדקין האָט אַפילו ניט קיין מינוט זיך פאַרהאַלטן אין דאָרף.

— אויסשטעלן זיך, — האָט ער באַפוילן, — מאַרש!

דער ריח פון אויסגעשאָסענע קוילן האָט געקיצלט אין די נעזער.

אין אַנדערן דאָרף, אין וועלכן מען האָט געלאָגערט פאַרנאַכט, האָבן, אַנשטאָט קוילן, פּויערים מיט ברויט און זאַלץ באַגעגנט דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן רעגימענט.

— געסט אין דאָרף, גאָט אין דאָרף, — האָבן געזאָגט חניפהדיק די פּויערים, צו וועמען די נייס פון משפט אין פריערדיקן דאָרף האָט דערגרייכט נאָך איידער די סאָלדאַטן זיינען אָנגעקומען, — מיר זיינען פרידלעכע מענטשן, בונטעווען זיך ניט.

אַרום דעם סטאַראָסטעס הויז איז שוין פריעראויס געלעגן אָנגעוואָרפן געווער, צונויפגעלייגט אין אַ הויפן.

— דאָס האָבן די עסטרייכער אָוועקגעוואָרפן און מיר האָבן עס באַ־האַלטן פאַר דער מאַכט פון סאָוועטן, חבר קאָמאַנדיר, — האָבן די פּויערים געטענהט, — מיר האָבן אויך צוגעגרייט היי און שטרוי פאַר די סאָלדאַטיקלעך אייערע, אַלץ ווי פאַר געסט אייגענע . . .

פּראַדקין האָט ניט געענטפערט מיט קיין וואָרט אויף די פּויערשע

שקרים און אַרומגעגאַנגען דאָס דאָרף צו כאַפּן אַן אויג אויף דער פּאָזיציע פֿון דער געגנט און אויסצוגעפֿינען וואו מען דאַרף וואַכן אָוועקשטעלן.

— אויב עס איז דאָ עמעצער פֿון מיטקאַ באַראַניוקס לײַט צווישן אײַך, גיט אים גלײַך אַרויס, — האָט ער געעצהט די פּויערים, — אַז מירן אַליין אויסגעפֿינען, וועט זײַן ערגער פֿאַר אײַך.

— גאָט איז מיט דיר, חבר קאָמאַנדיר, — האָבן די פּויערים געענטפֿערט, — געווען אײנער, איז ער אַוועק . . . איצט איז קיין איין־אײנציקער ניטאָ.

די נאַכט האָט זיך פּראַדקין צוגעלײגט אויפֿן געלעגער, וואָס אַ פּויערטע האָט אים אויסגעבעט פֿון פֿריש שטרוי און איבערגעדעקט עס מיט אַ קלאָר לײַלעך פֿון גראָבער פּויערשער לײַוונט. די סאָלדאַטן האָבן ווידער געברענט פֿײַערן, געגעסן אײער און געטרונקען מילך, וואָס זײ האָבן געקראָגן בײַ די פּויערטעס פֿאַר פּאַפּירן־געלט. די גרעסטע מסחרים האָט געטריבן מאַקס שפּיצער מיט זײַנע ווײַבערשע מציאות. ווי אַלע מאָל אין אַ געראָטענער נאַכט, האָט ער, צוריקקומענדיק פֿון די פֿעלדער, געוועקט די גאַליציאַנער לאַנדסלײַט זײַנע און דערצײלט זײ וועגן זײַנע ליבעס.

— יידן, פֿרעגטס מעך בעסער נישט, — האָט ער געבעטן זיך, — עך האָב מעך מחיה געווען מיט דער ערלית, אַז דער שלאַק זאָל עס נעמען . . .

אויפֿן צווײטן טאָג, ווי נאָר מען האָט אָפּמאַרשירט עטלעכע שעה פֿון הכנסת־אורחימדיקן דאָרף, האָבן גענומען פֿליען קוילן פֿון אַלע קאָרן־פֿעלדער, קוסטעס און בערגלעך.

— לײגן זיך, — האָט פּראַדקין באַפֿוילן, — פֿײַער!

די סאָלדאַטן האָבן דערלאַנגט פֿײַער אין אַלע זײַטן. פּראַדקין האָט, פֿאַרשטעקנדיק זיך הינטער אַ צוואָקסענעם בוים, אַרומגעזוכט די געגנט מיט זײַנע פֿעלד־גלעזער.

— מיר זײַנען אַרײַן אין די גרענעצן פֿון מיטקאַ באַראַניוקס קעניגרײַך,— האָט ער געזאָגט דעם בלאָס־געוואָרענעם פֿאַליטרוק לוקאַוו, וואָס האָט נאָך קײן ריכטיקן פּולווער קײנמאָל פֿריער ניט געשמעקט.

נאָך עטלעכע זאַלפּן פֿון ביקסן, אויף וועלכע עס איז מער פֿון דעם אומזעבאַרן צד קײן ענטפֿער ניט געקומען, האָט פּראַדקין געהײסן זײַנע רײען זיך פֿאַנאַנדערוואַרפֿן אין אַ קײט און פֿון עטלעכע זײַטן גײן אויפֿן דאָרף. ווען מען איז אַרײַנגעקומען אינעווײניק מיט אָנגעשפּיצטע באַיאָנעטן, איז דאָס דאָרף געווען רואיק און פֿרידלעך. פּויערים זײַנען געשטאַנען אין די פֿעלדער, בײַ די שײַערס און שטאַלן, געגראָבן ערד, געשפּאַנט אָקסן אין יאָך.

— „זנאַט ניע זנאַיעם, וויעדאַט ניע וויעדאַיעם", — האָבן די אַרבעטער־

דיקע פויערים געענטפערט תמעוואטע. — דאָס האָבן פרעמדע געשאָסן אויף אייך. אונדזערע פרידלעכע לייט. אַרבעטן אין די פעלדער אַלע.

— מיך וועט איר מיט דעם פזמון ניט נעמען, ברידערלעך, איך קען מיך דערויף, — האָט פראַדקין געזאָגט און געהייסן די סאָלדאַטן גלייך אַרויס־פירן די קי און די פערד פון די שטאַלן, — אָדער די באַנדיטן אַרויסגעבן, אָדער די קו און פערד.

די פויערים האָבן זיך געקראַצט.

— זיי זיינען געווען, די הינטישע זין, — האָבן זיי שוין מודה געווען, — אָבער זיי זיינען אַנטלאָפן. זוך זיי ווי אַ פליעווע אין ווינט. באַהאַלטן זיך.

— פון אונטער דער ערד קריגט זיי מיר, — האָט פראַדקין געזאָגט געלאַסן, אַרויסנעמענדיק דעם ציבעלע־זייגער, — אַ פערטל שעה גיב איך אייך.

צום פערטל שעה, צו דער מינוט, האָבן די עלטערע פויערים געפירט פינף יינגערע פון זיך, געבונדן אין שטריק.

— דאָס זיינען זיי אַלע, די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן, חבר קאָמאַנדיר,— האָבן זיי געזאָגט, — ביי גאָט, ווי מיר זאָגן איצט דעם ריינעם אמת . . . גיט אונדז צוריק די בהמות.

דעם טאָג האָבן די סאָלדאַטן צוויי קברים געגראָבן פאַר זייערע קאַמע־ראַדן, וואָס האָבן געכאַפּט די ערשטע קוילן פון די קאָרן־פעלדער אַרויס. פאָליטרוק לוקאָוו האָט געמוזט מקצר זיין אין די רעדעס אויף די קברים, מקצר זיין אין זיינע הבטחות צום אומגעקומענעם חבר טשאַנג, דעם כינעזער, און צום געפאַלענעם מאָיסעעווקער קאָלאָניסט חבר גוזיק, וועגן דעם וואָס דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט וועט זיי אייביק געדענקען. אַזוי האָט קאָמאַנדיר פראַדקין מקצר געווען אין זיינע משפטים איבער די פינף אַרויס־געגעבענע לייט. נאָכדעם ווי ער האָט באַפוילן קאָנפיסקירן ביי זיי די פערד און די קי, האָט ער געהייסן צופירן די פאַרמשפּטע צו דער ערשטער בעסטער וואַנט און דערלאַנגען זיי דעם בליי, וואָס זיי האָבן פאַרדינט.

פון איצט אָן איז דער מאַשין־געווער ניט מער געטראָגן געוואָרן אויף די אַקסלען פון אַ פוס־גייער, נאָר געשלעפּט געוואָרן פון אַ וועגעלע, צוגע־שפּאַנט צו אַ קאָנפיסקירט פערד. די איבעריקע פערד האָט מען געגעבן צו פאַרפּאָסטנס יעדן מאָל, ווען מען האָט געדאַרפט אַרויסשיקן אויסשפּירער. דעם איינציקן קאַנאָן, כאָטש מען האָט צו אים קיין קוילן ניט געהאַט, האָט מען איינגעשפּאַנט צו צוויי אָקסן, כדי אָנצוואַרפן אַ שרעק אויף שונאים מיט דער אַרטילעריע.

וואָס ווייטער מען איז געגאַנגען, אַלץ קלענער זיינען געוואָרן פּאָליט־רוק לוקאָווס רעדעס אויף קברים פון געפאַלענע קאַמעראַדן, אַלץ ווייניקער

האָט קאָמאַנדיר פּראַדקין צערעמאָניעט זיך ביי שטעלן געכאַפּטע באַנדיטן צום וואַנט. די קאָנפיסקירטע פערד פון די דערשאָסענע האָבן פאַרגרעסערט מיט יעדן טאָג מער די צאָל רייטער אין רעגימענט. די אונגאַרישע רייטער זיינען געווען מלא־גדולה, וואָס זיי האָבן צוריק געהאַט פערד. פּראַדקין, כאָטש אַ סאָלדאַט אין אַ פוסגייער רעגימענט, איז ניט אָפּגעשטאַנען פון די אונגאַרן אין רייטן. פון קינדערווייז אָן איז ער געוואוינט געווען צו פערד אין דער קאָלאָניע, אויף וועלכע חברים האָבן אים געלאָזט רייטן. אין צו־לאַנגן שינעל, וואָס ער פלעגט טראָגן אין די קילע אָוונטן, אין פוטערנעם היטעלע אויפן קאָפּ, מיט דער ביקס אויפן אַקסל, איז ער געזעסן אויפן פערד ווי צוגעוואַקסן דערצו, און דורך די פאַרגרעסער־גלעזער אויסגעשפּירט די געגענט אַרום זיך. די אויסשפּירער האָבן אים געבראַכט כסדר ידיעות וועגן באַראַניוקס באַוואָפנטע טיילן, וואָס גייען אָפּן אין קריג אַרויס. דאָס האָבן צוגעגעבן די איינצלנע באַוואָפנטע פויערים, וואָס די פאַרפאָסטנס האָבן גע־כאַפּט דאָ און דאָרטן.

— איצט הייבט עס זיך אָן ווי עס געהערט צו זיין, חבר לוקאָוו, — האָט פּראַדקין געזאָגט דעם פּאָליטרוק, וואָס איז אים ניט אָפּגעטראָטן קיין רגע, ווי ער וואָלט זוכן שוץ אין אים, — און איך בין צופרידן אויך. אַז מלחמה, זאָל זיין מלחמה.

— זיכער, מלחמה זאָל זיין מלחמה, — האָט פּאָליטרוק לוקאָוו נאָכגע־זאָגט, צוצוגעבן זיך קוראַזש.

אַכט טעג צייט זיינען אַנגעגאַנגען רעגולערע שלאַכטן צווישן דעם אינ־טערנאַציאָנאַלן רעגימענט, אונטער דער קאָמאַנדע פון קאָמאַנדיר פּנחס פּראַד־קין, און צווישן די באַוואָפנטע לייט פון אַטאַמאַן מיטקאַ באַראַניוק.

פּראַדקין האָט געפירט די שלאַכטן לויט אַלע רעגעלן פון מלחמה, מיט פאַרפּאָסטנס, איינגראַבונגען, מיט אַרויסשטעלן פלאַנקען. מיט פאַרכאַפּן פּאָזיציעס אויף בערגלעך אָדער אויף פויערשע צווינטערס, וואו מען קען זיך אַמבעסטן שיצן הינטער צלמים און שטיינער, מיט גרופּן־פאַרבינדונגען און אַפילו מיט פעלד־טעלעפאָנען, וואָס קאָמאַנדיר קאַזיולין האָט אים מיט־געגעבן און די דייטשע לאַנדשטורמער פון דער „ספּאַרטאַקוס־גרופּע" האָבן זיי איינגעשטעלט. מיט אַ סטאָלאַרישער בלייפעדער, וואָס ער האָט געהאַט שטעקן אין דער כאָלעווע פון שטיוול, האָט ער אויף פּאָליטרוק לוקאָווס פּלאַקאַטן אָנגעצייכנט לאָקאַלע מאַפּעס פאַר די קאַרפּאָראַלן, סערזשאַנטן און צוג־פירער, וועלכע ער האָט אַרויסגעשיקט מיט באַוואָפנטע טיילן. די אויס־לענדישע געניטע מיליטער־לייט האָבן פון זיי געוואוסט וואו אייך און וואו

אויס אין דעם פרעמדן לאַנד. אומרואיקער ווי אין די טעג איז געווען אין די נעכט, ווייל באַראַניוקס לייט האָבן ליבער געהאַט נאַכט־אָנפאַלן. מען איז קיינמאָל ניט געווען זיכער פון וואַנען זייערע רייטער וועלן ניט אַרויסשפּרינגען פון דער פינצטערניש. פראַדקין האָט געהאַט זיינע פּאַטרולן אויף טריט און שריט באַהאַלטן הינטער קוסטעס, פאַרשטעקט אין ביימער, אין סטויגעס היי, אָבער וויפיל מען האָט זיך ניט באַוואַכט, האָט מען זיך ניט געקענט אויסהיטן אינגאַנצן פון מיטקאַ באַראַניוקס רייטער, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד און מיט שווערדן געוואָרפן זיך אויף די פאַרפּאָסטנס פון אינטערנאַציאָנאַלן רעגימענט. פראַדקין איז אינגאַנצן מער נישט געשלאָפן אין די נעכט. בלויז בייטאָג, ווען עס איז רואיק געווען און מען האָט איינ־קוואַרטירט זיך אין אַ דערפל, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף אַ פּאָר שעה אין די קליידער, שטיוול און מיטן „נאַגאַן" אין קעשענע, גרייט אויף יעדן פאַל.

פּאַליטרוק לוקאַוו האָט שוין אַפילו ניט געהאַלטן קיין רעדע אויף יעדן געפאַלענעם קאַמעראַד באַזונדער, נאָר אויף עטלעכע אומגעקומענע מיטאַמאָל, אַנזאָגנדיק זיי, זיי זאָלן שלאָפן רואיק, ווייל די רעוואָלוציע וועט זיי געדענקען. פראַדקין האָט איבער באַראַניוקס געכאַפּטע לייט אַפילו מער קיין משפטים ניט געמאַכט. אַרויסקריגנדיק ביי זיי וואָס עס האָט זיך געלאָזט וועגן זייער אַטאַמאַנס כוחות און פּאָזיציעס האָט מען פון זיי דערנאָך אָפּגעצויגן די מלבושים, וואָס מען האָט געדאַרפט פאַר די אָפּגעריסענע אייגענע טיילן, און מען האָט זיי אויסגערוימט אויף גיך, ווי זייערע פלעגן עס טאָן מיט די גע־פאַנגענע פון אינטערנאַציאָנאַלן רעגימענט.

דווקא ווייל מיטקאַ באַראַניוק האָט אויסגעמיטן בייטאָגיקע שלאַכטן, האָט פראַדקין געזוכט צו פאַרמעסטן זיך מיט אים אין העלן טאָג. מיטקאַ באַראַניוק האָט זיך צוריקגערוקט אַלץ נענטער צו זיקעווקע; פנחס פראַדקין איז אים נאָכגעגאַנגען אין זיינע פיס־טריט. ער איז געגאַנגען אויף אים פון אַלע זייטן, אַרומגענומען אים אין אַ רינג. דאָס לאַנד איז געווען פלאַך, אָן וועלדלעך, אָן באַהעלטענישן. מיטקאַ באַראַניוק האָט עטלעכע מאָל פּרובירט דורכרייסן זיך דורך דער רינג, וואָס האָט אים אַלץ ענגער אַרומגענומען. פראַדקין האָט אים צוריקגעטריבן מיט אַ געדיכטן זאַלפּ, סיי פון ביקסן, סיי גראַנגערענדיקן מאַשין־געווער, סיי פון האַנט־גראַנאַטן, וואָס די אויסלענדישע גראַנאַטן־שליידער האָבן מיט גרויס בריהשאַפט געוואָרפן.

דעם פייערדיקסטן קבלת־פנים האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער רעגימענט געקראָגן פון דער לעצטער פעסטונג, זיקעווקע אַליין, צו וועלכער ער האָט אין אַ שפּעטן זוניקן פרימאָרגן זיך צוגערוקט פון אַלע זייטן. פון אומעטום זיינע קוילן געפלויגן — פון הייזער און שטאַלן, פון שייערן און קאַרטאָפל־

קעלערס, פון ביימער און פון סטויגעס היי. די אַטאַקירנדיקע פרעמדע סאָל־דאַטן האָבן געשאָלטן די ערד אין אַלע שפּראַכן. פאַרוואונדעטע האָבן אין זייער נויט גערופן צו גאָט אין דייטש און אין אונגאַריש, אין יידיש און אין כינעזיש, אין טשעכיש און אין טאַטעריש. פראַדקין האָט אַרויסגעשטעלט דעם מאַשין־געווער אויפן דאַרף און, געדעקט פון אים, געגאַנגען מיט די גראַ־נאַטן־שליידערער פאָרויס.

— צילן אין די שטריענע דעכער, קאַמעראַדן! — האָט ער איבער־געשריגן דאָס גראַגערן פון מאַשין־געווער, — אויסברענען די באַנדיטי־שע נעסט.

די גראַנאַטן־שליידערער האָבן זיך פאַרמאַסטן און געוואָרפן אויפן לענגסטן שטח, וויפל נאָר עס איז אין זייערע כוחות געווען. אין דער בלויקייט פון זוניקן טאָג, אין וועלכן גרעלע רויכעלעך פון קוילן האָבן זיך פויל געוויקלט, האָבן פייערדיקע צונגען גענומען גלייך רייסן זיך צום הימל. באַלד איז דאָס קנאַלן פון ביקסן און מאַשין־געווער פאַרשטומט געוואָרן אין קנאַקן פון פייער, אין קולות פון מענטשן, אין רעווען פון דערשראָקענע בהמות, אין הירזשען פון צעווילדעוועטע פערד. פון טומלדיקן דאָרף זיינען די קוילן געקומען איצט אַלץ שיטערער און שיטערער. באַלד האָבן זיי אינגאַנצן אויפגעהערט.

— פאָרויס! — האָט פראַדקין באַפוילן.

אַנטקעגן אים איז געלאָפן אַ מחנה פויערים מיט אַ שטיק ווייסער שמאַטע פאַרשטעקט אויף אַ פלאָקן.

— „כאַי זשיווע, טאָוואַרישטשי“, — האָבן זיי געשריגן און סאַלוטירט די פלאַטערנדיקע פאָן, — הערט אויף, חברים, וואַרפן פייער אויפן דאָרף, מירן אַלע שיסער אייך אַהערברענגען.

— איר בלייבט דאָ מיט אונדז, — האָט פראַדקין געזאָגט, — זאָל בלויז איינער פון אייך גיין און הייסן די באַנדיטן אַרויסקומען מיט אויפגעהויבענע הענט.

נאָך איידער דער שליח איז צום דאָרף צוגעלאָפן, האָבן שוין פון אַלע זייטן גענומען אַרויסקריכן פויערים פון אַלע לעכער. זיי זיינען געלאָפן, טראָגנדיק אין ביידע פאַרריסענע הענט איבערן קאָפּ זייערע ביקסן, וועלכע זיי האָבן געוואָרפן צו דער ערד אין אַ הויפן. אין זייערע פּנימער איז געווען טעמפּ־קייט און פחד גלייכצייטיק פאַר דעם, וואָס דאַרף קומען. דער הויפן פון ביקסן איז געוואָרן אַלץ העכער און העכער. פראַדקין איז אַריין אין ברע־נענדיקן דאָרף, וואָס פויערים האָבן געלאָשן.

— וואו איז מיטקאָ באַראַניוק? — האָט ער געפרעגט.

די פויערים האָבן זיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע און געשוויגן. באַלד האָבן זיי געגומען ריידן.

— אָט דאָרט איז מיטקאָס פּאָטערס באַלעבאַטישקייט, — האָבן זיי אָנגעוויזן אויפן עק דאָרף, וואו עס האָט זיך געזען אַ הויז, גרעסער פון אַלע איבעריקע הײַזלעך, אַרומגערינגלט מיט אַ סך שייערן און שטאַלן — ער האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין פּאָטער'ס הויז.

פּראַדקין איז צוגעגאַנגען מיט די האַנט־גראַנאַטן־שליידערער נאָך זיך און אַרומגערינגלט דאָס הויז. ביים טירל אין געפלאָכטענעם פּלויט איז שוין געשטאַנען וואַרטנדיק אַ מיטליאַריקער קרעפּטיקער פּויער מיט אַ רויטער גע־דיכטער באָרד. זיין פּנים איז געווען אַזוי רויט ווי די באָרד זיינע. ער האָט זיך געבוקט פאַר פּראַדקינען ביזן גאַרטל פון זיין העמד איבער די פּלודערן.

— דו ביסט דער פּאָטער פון באַנדיט מיטקאַ באַראַניוק? — האָט פּראַד־קין שאַרף געפרעגט.

— אַזוי איז חבר קאָמאַנדיר, — האָט דער רויט־בערדיקער פּויער געענט־פערט מיליטעריש, — איך בין מיקיטאַ גאַווריליטש באַראַניוק, און דאָס איז מיין באַבע, חבר קאָמאַנדיר.

ער האָט אָנגעוויזן אויף אַן איינגעשרומפּן גויקעלע, וואָס האָט ביידע הענט געהאַלטן אויף דער פּלאַכער ברוסט.

— איך פאַרלאַנג, זאָלסט אָנווייזן וואו דיין באַנדיטישער זון מיטקאַ באַהאַלט זיך, — האָט פּראַדקין געזאָגט, האַלטנדיק די האַנט אויפן הענטל פון „נאַגאַן".

— נישט איך וויל וויסן פון אים, נישט איך ווייס וואו זיין געביין געפינט זיך, דער ליידיקגייער און הולטאַי, — האָט דער רויט־בערדיקער גוי גע־ענטפערט.

פּראַדקין האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן פּויערס פעסטן אַקסל און אים דורכגענומען מיט די שוואַרצע אויגן.

— הער אויס, מיקיטאַ גאַווריליטש באַראַניוק, — האָט ער גערעדט גע־לאַסן, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין, — אַז וועסט אָנווייזן וואו מיטקאַ איז, וועלן מיר בלויז אים צונעמען און דיך ניט טשעפּען. מיר שטראָפן ניט עלטערן פאַר קינדער. אויב אָבער וועסט מאַכן זיך תמעוואַטע, חוזק מאַכן פון מיר, וועל איך קיין איין בהמה, קיין איין חזיר, קיין הון אַפילו ניט לאָזן אין דיין ווירטשאַפט. און דאָס הויז מיט די שטאַלן וועלן מיר אויך אויסברענען, אויף גלאַטיק. האָסט פאַרשטאַנען וואָס איך זאָג?

— אַזוי איז, חבר קאָמאַנדיר, — האָט דער רויט־בערדיקער פּויער גע־ענטפערט און געשוויגן אַ צייט.

פּראַדקין האָט אים געלאָזט שווייגן. מיטאַמאָל האָט דער גוי זיך אײַבערגעצלמט דריי מאָל און אַנגעוויזן אין אַ ווינקל אויף אַ בערגלדיק שטיקל ערד, וואָס איז געווען אַזוי פאַרוואַקסן מיט גראָז, אַז מען האָט קיין עפענונג דערין ניט געזען.

— אָט־אָ, אין קאַרטאָפל־קעלער, — האָט ער געזאָגט שטיל און געוויזן די פאַרמאַסקירטע עפענונג.

דאָס איינגעשרומפּענע גויקעלע האָט גענומען יאָמערן.

— פאַרשאָלטענער, — האָט זי געשריגן אויף דעם צעוואַקסענעם רויטבערדיקן מאַן אירן, — טײַוול קודלאַטער. אַן אייגענעם זון גיסטו אויס . . . זיי וועלן אים שיסן . . .

זי האָט זיך געוואָרפן אויף אים מיט די קליינע איינגעשרומפּענע פויסטלעך. דער מאַן האָט זי אָפּגעשטופּט פון זיך.

— שווייג, באַבע נאַרישע, — האָט ער געזאָגט מיט אַ באַס־שטימע, — אַ זון קען מען אַן אַנדערן האָבן, אומזיסט. קיין ווירטשאַפט אַן אַנדערע וועסטו אומזיסט ניט קריגן... גאַטס ווילן אַזוי.

די פויערים אַרום האָבן געגלאָצט פאַר זיך מיט טעמפּע בליקן.

שיינע עטלעכע מינוטן־לאַנג האָט פּראַדקין איינגעקוקט זיך אין מיטקאַ באַראַניוק, וועמען מען האָט מיט געבונדענע הענט אַרויסגעפירט פון קעלער. ער האָט געוואָלט דערגיין דעם כוח פון דעם יונג, וואָס כאָטש ער איז נאָך קיין גאַנצע איין־און־צוואַנציק יאָר ניט אַלט געווען, האָט ער שוין אַזאַ מורא אַנגעוואָרפן אויף דערפער, געווען דער באַלעבאָס איבער לעבן און טויט פון הונדערטער באַוואָפנטע לייט זיינע. ער האָט גאָר ניט געזען אין דעם רויטלעך־האָריקן, פול־באַקיקן און קורץ־נעזלדיקן יונג, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין קורצע געפּאַסטע שטיוול, אין ברייטע בלויע קאָזאַקן־הויזן און אין אַ ווייס העמדל אויסגענייט מיט רויטן פאָדעם אַרום קאָלנער, ראַספּער און אַרבל. ער האָט גאַרניט אין זיך געהאַט פון קיין אַטאַמאַן. אַפילו דאָס וואָנסעלע זיינס איז געווען קליין און רויטלעך און ניט־אַנזעעוודיק. נאָך קלענער און יינגלשער און נעבעכדיקער האָט דער יונג אויסגעזען, ווען מען האָט אַראָפּגענומען פון אים די הויזן און די שטיוול און אים איבערגעלאָזט אין בלויזן אויסגענייטן העמד, וואָס דורך דער עפענונג ביי דער ברוסט האָט אַרויסגעקוקט אַ צינערן צלמל אויף אַ דין קייטעלע. זיינע נאַקעטע פיס, בלויז אין שמוציקע אָניטשעס, האָבן אויסגעזען לעפּיש און נעבעכדיק. זיינע הענט, קליינע, יינגלשע האָבן אַראָפּגעהאַנגען לאַנג און הילפלאָז. פּראַדקין האָט באַטראַכט די נאָכהענגענדיקע יינגלשע הענט, וואָס האָבן אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן, וואָס

האָבן אַזוי פיל רציחה און שאַנד געטאָן צו זײַנע אייגענע און נאָענטע. ער האָט אים געלאָזט שטיין אַ צייט פאַר אַלעמען אין אָט דעם הילוך, אַ נעבעכ־דיקן און איינגעשרומפּענעם אין זײַן העמד ביז די אַראָפּגעלאָזטע קניען. דער־נאָך האָט ער באַפוילן אים צוצופירן צו דער וואַנט פון דער חזיר־שטאַל און אַליין פון „נאַגאַן" אַרײַנגעיאָגט אין אים אַלע קוילן, וויפיל נאָר עס האָבן געשטעקט אין מאַגאַזין.

די סאָלדאַטן פון אינטערנאַציאָנאַלן רעגימענט האָבן זיך פאַרנומען מיט די קלענערע פישלעך פון מיטקאָס באַנדע. דאָס דאָרפישע הילצערנע קלויסטערל האָט ניט אויפגעהערט קלינגען סיי אויף די קבֿרים, וואָס די פּויערים האָבן געגראָבן אויפן צווינטער פאַר זייערע לייט, סיי אויף די קבֿרים, וואָס די סאָלדאַטן האָבן געגראָבן אין פעלד פאַר זייערע געפאַלענע. פּאָליטרוק לוקאָוו האָט אויסגערעדט זיך פאַר אַלע צייטן אין זײַנע רעדעס צו די געפאַלענע, וואָס מעגן שלאָפן רואיק, ווײַל דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט וועט גע־דענקען אין זיי. אין אָוונט האָבן די סאָלדאַטן ווידער געגעסן אייער און קעז און מילך, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון די פּויערטעס מיט דער ברייטער האַנט. ביי די שײַטערס אין פעלד בײַנאַכט האָט ווידער דער אונגאַרישער האַרמאָניע־שפּילער אויסגעשפּילט זײַנע אונגאַרישע וואַלסן, און דער נעגער, דער גע־וועזענער טענצער פון אָדעסער קאַפע־שאַנטאַן, האָט אויסגעטאַנצט זײַנע טענץ. מאַקס שפּיצער האָט געטריבן מסחר אויף וואָס די וועלט שטייט. האָפּערדיקער ווי תמיד האָט ער געוועקט זײַנע גאַליציאַנער לאַנדסלייט פון שלאָף און דער־ציילט זיי וועגן זײַנע ליבעס אין פעלד.

— יידן, פרעגטס מעך בעסער ניט, — האָט ער זיך געבעטן, — עך האָב מעך מחיה געוועזן מיט דער ערלית, אַ שלאַק זאָל עס טרעפן.

אין אַ פּויערישער שטוב, אויסגעבעטט מיט פרישׂ שטרוי, זײַנען געלעגן אויסגעלייגט אויף זייערע שטרויענע געלעגערס קאָמאַנדיר פּראַדקין און פּאָ־ליטורק לוקאָוו. אַ קליין נאַפט־לעמפּל האָט געוואָרפן אַ טריבן שײַן אויף די זוענט פון אַלטע בערוועגעס. פּאָליטרוק לוקאָוו האָט ניט אויפגעהערט ריידן וועגן דער שמחה אין קאָמאַנדיר קאָזיולינס שטאַב, ווען ער וועט דערהאַלטן די טעלעפאָנאָגראַמע וועגן מיטקאַ באַראַניוקס סוף. ווידער־אַמאָל און אָבער־אַמאָל האָט ער פון זײַן שטרויען געלעגער אַרויסגעזאָגט זײַן באַגײַסטערונג און פאַרערונג פאַר זײַן מיטשלאָפער אָקעגנאַיבער אים. מיטאַמאָל איז ער אַראָפּ פון זײַן שטרוי, האָט זיך צוגעזעצט צו פּראַדקינס געלעגער און, מיט מיידלשער באַוואונדערונג פאַר אַ העלד, געקוקט אים אין די אויגן.

— וואָס רעכנט איר טאָן, חבר קאָמאַנדיר, ווען דער בירגער־קריג וועט זיך ענדיקן? — האָט ער געפרעגט מיט נייגעריקייט — בלייבן אַ העכערער קאָמאַנדיר אין אונדזער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, ניט אמת?

פראַדקין האָט געקוקט אויף פּאָליטרוק לוקאָווס נייגעריק־מיידלעריש פּנים און געשמייכלט.

— ניין, חבר לוקאָוו, — האָט ער געזאָגט, פאַרדרייענדיק אַ מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס — איך וועל אַוועקפאָרן מיט אַ שיף צו מזרח . . . ערד דאָרטן אַר־בעטן אין אַ קאָלאָניע . . .

פּאָליטרוק לוקאָווס גרויסע בלויע אויגן זיינען געוועזן הוילע שטוינונג.

— איך . . . איך באַנעם עס נישט, — האָט ער געזאָגט שטאַמלענדיק, — איך פאַרשטיי אייך נישט, חבר קאָמאַנדיר.

— אַזעלכער בין איך שוין, חבר פּאָליטרוק, — האָט פראַדקין גע־זאָגט און אַראָפּגעצויגן די שטיוול פון די פיס, דאָס ערשטע מאָל פאַר אַ לאַנגער צייט, זיכער אַז פון איצט־אָן קען ער און זייניקע שלאָפן רואיק.

אין דרויסן האָט אַ האָן געמאַכט אַ טעות אין דער ליכטיקער נאַכט, וואָס ער האָט אָנגענומען פאַר טאָג, און זיך צעקרייעט, צעקרייעט זיך הויך, פול מיט הענערישער האָפערדיקייט און בשורה.

דאָקטאָר דזשאָרדזשי

1

פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו דזשאָרדזשי וועוריק רויטע, קופּער־קאָלירטע האָר און אַזאַ צעוואַקסענקייט אין די גלידער, האָט קיינער אין שטוב ניט פאַרשטאַנען. אי די מאַמע זיינע, אַן איבערגעבויגענע יידענע, וואָס קריכט קיינמאָל ניט אַרויס פון שטענדיקן קאָכן און רוימען, אי דער טאַטע זיינער, וואָס אַרבעטביים אַלטן אייזן זיינעם פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, זיינען ניט געווען רויט־האָריק קיינמאָל, אויך זיינען זיי ניט געווען העכער פון מיטעלן וואוקס.

פונקט אַזוי האָבן עס נישט פאַרשטאַנען די ווייבער, וואָס פלעגן קומען צו מר. וועווריק אין דער סטאָרקע, וואָס איז אין אַ קעלער צו דער גאַס אַרויס, אין דער סאַמע גערדיכטער איסט־סאַיד. וויפיל מאָל זיי האָבן זיך אַראָפּגעכאַפּט אין מר. וועווריק'ס סטאָרקע פון אַלט אייזן, צו פאַרריכטן אַ קינדער־וועגעלע, איינצוהאַנדלען אַן אַלט בייסיקל פאַר אַ יינגל, אָדער אויסצוזוכן אַ פאָר גליטש־רעדלעך אין אָפּפאַל, פלעגן זיי קוקן אויף דעם רויט־האָריקן צעוואַקסענעם דזשאָרדזשי מיט אויפגעריסענע אויגן.

— מר. וועווריק, — האָבן נייגעריקע ווייבער געפרעגט מיט אַ זינדיק שמייכעלע אויף די ליפּן — פון וואַנען האָט זיך עפּעס פאַרנאַדיעט צו אייך אַ רויטער? האַ, מר. וועווריק? . . .

מר. וועווריק האָט אויפגעהערט אַ ווײַלע קלאַפּן מיטן האַמער אין די אייזנס. ער האָט אָפּגעווישט מיט אַ פאַרראָסטעטער האַנט דעם שטויב פון פּנים און ער האָט געוויזן מיטן הענטל פון האַמער צום ווינקל פון דער סטאָרקע, וואו זיין ווייב האָט געפּאָרעט זיך ביי דעם גאַז־קיכל און די טעפּ.

— דאָס איז מיין ווייבס אַ רויטער זיידע אָדער אַ באָבע מסתמא אַרויס־געשפּרונגען מיט אַמאָל אין דעם יונג. פון מיין זייט זיינען קיינמאָל קיין רויטע ניט געווען . . .

— און איך זאָג דיר, אַז נאָר פון דיין משפּחה איז עס דזשאָרדזשי גע־קומען — האָט די איבערגעבויגענע יידענע אין ווינקל אָפּגעשלאָגן איר מאַן. — נישט אומזיסט איז דיין פאַמיליען־נאָמען וועווריק. דאָס האָט מען דיינע

זיידעס אַזאַ נאָמען געגעבן, ווייל זיי זיינען אוודאי געווען רויטע, ווי די ווערוויקעס . . .

דזשאָרדזשי אַליין, איבער וועמעס רויטקייט עס איז אָנגעגאַנגען די מלחמה צווישן טאַטע־מאַמע, האָט זיך גאָרנישט איבערגענומען דערמיט, פון וואַנען די קופּער־קאָלירענע האָר זיינען אים געקומען, פון טאַטנס זייט אָדער פון דער מאַמעס זייט. ער איז געזעסן אַ לאַכעדיקער אין די קופּעס אַלט אייזן, צווישן רעדלעך, שרויפן, שטיקער ניקל, שפּרינגפעדערס און אַלערליי מאָטאָרס און מעכאַנישע זייגערס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין זיין טאַטנס סטאָרקע. ער האָט מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן אַן עפּל, קייענדיק אויף אַלע ווייסע געזונטע ציין, וואָס האָבן אַרויסגעבלענדט פון די שיינע מיידלשע רויטע ליפּן זיינע, און ער האָט אַלע מאָל אַ האָסטיקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַרויף, וויפל מאָל די לאַנגע פּאַסמעס קופּערנע האָר זיינען אים אַראָפּגעפאַלן אין די בלוי־גרינלעכע אויגן אַריין.

ער האָט זיך גאָרנישט געזאָרגט איבער זיין רויטקייט, דזשאָרדזשי. וואָרעם כאָטש ער איז נאָך גאָר אַ ייִנגל געווען, קוים אַ בר־מצווה, האָבן שוין די שכנהשע מיידלעך אין זיין עלטער, די ייִדישע, ווי די איטאַליענישע, נאָכגע־קוקט אים מיט הייסע בליקן און געשיקט אים אַפילו קליינע צעקנייטשטע ליבע־בריוולעך, ער זאָל גיין מיט זיי אין די מואוויס, וואו קיינער וועט זיי ניט זען. דזשאָרדזשי האָט די בריוולעך אַוועקגעוואָרפן און די מיידלעך געטריבן פון זיך. ער איז ביי זיינע דרייצן יאָר געווען אַ גרויסער, אַ צעוואַקסענער, מיט לאַנגע ביינערדיקע הענט, וואָס זיינען שטענדיק אַרויסגעקראָכן צופיל פון די קורצע אַרבל פון זיין גרינעם סוועטער. און אים איז ניט אָנגעשטאַנען אַרומצופירן זיך מיט נאַרעשע מיידלעך, וואָס האַלטן אין איין לאַכן, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס. וויפל מאָל זיי פלעגן אים נאָכשרייען פון די ווינ־קעלעך אַרויס, „דזשאָרדזשי, דזשאָרדזשי!״, האָט ער זיי אָנגעזידלט.

— „שאַראַפּ, פוליש גוירלס!״ — האָט ער זיי איינגעשטילט, נאָכשפּאָטנדיק זייערע דינע פּישטשענדיקע קולעכלעך.

— „רעד דזשאָרדזשי, רעד דזשאָרדזשי!״ — האָבן זיי אים נאָכגעשריגן און געוויזן אַ צונג.

דזשאָרדזשי האָט זיי נישט געענטפערט. עס איז אים ניט אָנגעשטאַנען צו יאָגן זיך נאָך די נאַרעשע גענדז. ער איז אַוועק פון זיי מיט שטאָלצע טריט. אָבער הנאה געטאָן האָט אים פונדעסטוועגן, וואָס די מיידלעך עסן אים מיט די אויגן. און דאָס, וואָס זיי שרייען אים נאָך „רויטער״, האָט ער געוואוסט, איז עס ניט דערפאַר, וואָס זיינע האָר געפעלן זיי ניט. פאַרקערט, זיינע האָר זיינען די מיידלעך שטאַרק געפעלן געוואָרן. זיי פלעגן אים רייסן די האָר

אפילו פאַר אַנטציקונג, און זיי האָבן געזאָגט, אַז ווען זיי וועלן עלטער ווערן, וועלן זיי זיך אויך אָפּפאַרבן די האָר אויף אַזאַ רויטקייט.

די יינגלעך אין גאַס פלעגן אים אַפילו יאָ אַמאָל נאָכשרייען: „רעד דזשאָרדזשי", אָבער דזשאָרדזשי האָט זיי אַזוי צעקלאַפּט דערפאַר, אַז זיי האָבן ניט געוואָגט נאָכאַמאָל אַ וואָרט צו ריידן קעגן אים. ניט אומזיסט איז ער געווען דער העכסטער און שטאַרקסטער אין דער גאַנצער גאַס. די שווערסטע אייזנס האָט ער אויפגעהויבן, ווען דער פאָטער זיינער פלעגט ברענגען צופירן אַלט אייזן צו זיין סטאָרקע.

אַ לאַנגער, אַן אויסגעגלייכטער, ווי אַ ריטל, מיט אַ פאַרריםן שקאָציש נעזל, מיט בלענדנדיקע ציין פון רויט־מיידלערישע ליפּן אַרויס, תמיד אין אַ גרינעם אויסגעוואַקסענעם סוועטער, מיט ווייסע אויסגענייטע בוכשטאַבן „דזשאָרדזשי" סיי אויף דער פּלייצע, סיי פון פאָרנט איבער דער ברוסט, האָט ער גאָרניט אויסגעזען ווי אַ זון פון ליטווישע טאַטע־מאַמע פון דער איסט־סאַיד. מען האָט אים אָנגענומען פאַר אַן איירישן. עס איז אים געפעלן דאָס איירישע אין דער רויטלעכקייט פון זיין הויט, אין אָפענעם בליק פון די גרינלעכע אויגן, וואָס האָבן אַלעמען אין דער ערד און האָבן פאַר קיינעם קיין מורא ניט, און מער פון אַלץ אין די ציין, גרויסע, שטאַרקע און חיהשע, וואָס תמיד קייען זיי עפּעס. ניט איינמאָל ביי אַ געשלעג אין גאַס צווישן יינגלעך, פלעגן אים די איירישע, וואָס זיינען געווען געציילטע אין דער געגנט, אָננעמען פאַר אַ זייעריקן און רופן אים צו הילף קעגן די יידישע און איטאַליענישע באַיעס, וואָס האָבן פאַרפירט מיט זיי אַ מלחמה.

— דזשאָרדזשי! — האָבן זיי אים גערופן, לויט זיין אויסגענייטן נאָמען אויפן סוועטער, — „קאָם אָן, דזשאָרדזשי, סמעק טהעם, די שיניס ענד דהי וואָפּס" . . .

דער טאַטע זיינער, דער אויסגעהאָרעוועטער ייד, וואָס תמיד פאַרעט ער זיך ביי אַלט אייזן, האָט גרויסע האָפנונגען געלייגט אויף זיין דזשאָרדזשין. ווי מערסטנס עלטערן פון זיין גאַס, האָט ער געוואָלט זען זיין זון אַ דאָקטאָר אַמאָל.

קעגנאיבער זיין סטאָרקע, וואָס אין קעלער, איז געשטאַנען אַ רויט־געפאַרבט הויז פון צוויי שטאָק, מיט געדיכטע פאָרהענגלעך ביי די פענצטער. אויף די עטלעכע טרעפּ, וואָס פירן צו דער גרין־געפאַרבטער טיר, זיינען תמיד געזעסן אויסגעזעצט ווייבער, מערסטנס יונגע און באַלייבטע. דאָס האָבן זיי געוואָרט שעהן לאַנג, ביז מען וועט זיי אַריינלאָזן אין דער גרינער טיר צום דאָקטאָר מיראָן יאַפּע. וועגן אָט דעם דאָקטאָר יאַפּע, אַן אַלטן בחור, האָט מען פאַרשידן גערעדט אין דער געדיכטער גאַס. מען האָט געזאָגט

אַז ער פירט ליבעס מיט די ווייבלעך, וואָס קומען זיך צו אים היילן, אַז הינטער די געדיכטע פאָרהענגלעך פון זיינע פענצטער, טוען זיך זינדיקע זאַכן אָפּ. אַמאָל פלעגט אַפילו אַ פאַרהאָרעוועטער, אייפערזיכטיקער מאַן, אין די אָוועראַלס טאַקע, קלאַפּן מיטביידע פויסטן אין דער גרין־פאַרמאַכטער טיר און שרייען צאָרנדיק, מען זאָל אים שוין אַריינלאָזן זען זיין ווייב, וואָס זאַמט זיך דאָרט צו לאַנג.

אָבער געוואוסט האָט מען אויך אין גאַס, אַז דאָקטאָר מיראַן יאַפּע, דער אַלטער בחור, איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. ער ווייסט גאָר אַליין ניט וויפל ער פאַרמאָגט, האָט מען גערעדט, און ער לעבט אַ חזירש לעבן. אין דער גאַס פון געדיכטע הייזער, אָרעמע אויסגעהאָרעוועטע מענטשן, שטויב און שמוץ, איז דאָקטאָר יאַפּעס הויז געשטאַנען אַ באַזונדערס, אַ פאַרשלאָסנס, מיט ווייסע פאָרהאַנגען ביי די פענצטער און מיט בלומען פאַרזעצט אויפן באַלקאָן, די איינציקע בלומען אין דער גאַס. איינער אַליין, בלויז מיט אַ שוואַרצער דינסט, האָט דער דאָקטאָר באַוואוינט דאָס צוויי־שטאָקיקע רויטע הויז. פּונקט ווי זיין הויז, וואָס איז געווען אַלט, אָבער צוגעפּאַרבט און ציכטיק, איז געווען דאָקטאָר יאַפּע אַליין. היפּש אין די יאָרן, מיט גראָבע בייטעלעך אונטער די רויטלעכע אויגן און מיט שיטערלעכע וואָנסן, אָבער תמיד אויסגעפּוצט ווי צו אַ חתונה אַ שטייגער. די לאַק־שיך האָבן ביי אים געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל; די ווייסע שטייפע וועש אין אַ געוויינלעכן טאָג האָבן געשימערט פון קלאָרקייט און שטייפקייט; די שוואַרצע קאָסטיומען אויסגעפּרעסט, ווי נאָר וואָס פון דער פּרעס־מאַשין אַרויס; דער ווייסער אַטלעסענער קראַוואַט ווי צו אַ באַל אויסגעבונדן. דערצו האָט ער געטראָגן היפּש צירונג אויף זיך, דער דאָקטאָר יאַפּע, בריליאַנטענע פינגערלעך אויף די פינגער, אַ פּערל אין קראַוואַט, אַלערליי גאָלדענע קייטלעך און ברעלאָקלעך אין די קעשענעס פון וועסטל, אַ חוץ אַ גאָלדענעם מאָנאָגראַם אויף זיין שוואַרצן שטעקן. אין דער גאַנצער אַרומיקער אָרעמקייט און וואָכעדיקייט, האָט סיי דער דאָקטאָר יאַפּע, סיי זיין הויז, אַרויסגעשיינט נאָך שאַרפער מיט זייער יום־טוב אין דער וואָכן. — אַלע אויגן פון דער גאַס האָבן געקוקט אויף דעם הויז, און מער פון אַלע, — מר. וועווריק פון זיין אייזן־סטאָרקע, וואָס איז געלעגן אין אַ קעלער טאַקע פּונקט אַנטקעגן דעם דאָקטאָרס הויז.

זיצנדיק צווישן די אַלטע שטיקער אייזן, שרויפן, רעדלעך און קלאַפּנדיק מיטן האַמער, האָט מר. וועוועריק פונדעסטוועגן געהאַלטן אויג אויף די ווייבער, וואָס גייען צום דאָקטאָר יאַפּע. ער האָט אויסגערעכנט גענוי, וויפל דער דאָקטאָר דאַרף מאַכן אַ טאָג פאַרדינסט.

— הערסט, שוין די דרייסיקסטע פּרויקע האָב איך אָנגעציילט, — האָט

ער איבערגעשריגן צו זיין ווייב, דער איבערגעבויגענער יידענע, וואָס האָט זיך געפּאַרקעט ביי די טעפּ עסן אין סאַמע ווינקל פון דער סטאַרקע. — ווען מען זאָל רעכענען צו צוויי טאָלער פון יעדערער, האָט ער אַריינגענומען זעכציק טאָלער. וואָס זאָגסטו דערצו, האַ, מיסעס? . . .

— וואָס זאָל איך זאָגן? — האָט די יידענע איבערגעשריגן די קאָכעדיקע טעפּלעך. — הלוואַי וואָלסטו עס געמאַכט ביי דיין „דזשאָנק" אין אַ וואָך,גאָ־טעניו אין הימל . . .

— כ'וועל באַשטיין יעדע צוויי וואָכן, — האָט מר. ווערוויק אָפּגעלאָזט פון פאַרדינסט און אַ פעסטן קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער אין אייזן, אַז פונקען זיינען געשפּרונגען.

ביי די פריערדיקע קינדער זיינע איז אים ניט איינגעפאַלן, מר. ווערוויקן, צו מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן זיי און דעם דאָקטאָר יאַפּע. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ קבצן, וואָס קוים וואָס ער אַרבעט אויס זיין אָרעם ברויט, און ער האָט בלויז געהאַפט, אַז זיינע קינדער זאָלן זיין גוטע סיילסלייט ערגעץ אויף גרענד סטריט אָדער אויף דילענסי סטריט. ביים יינגסטן זיינעם, ביי דזשאָר־דזשין, איז אים פּלוצלונג איינגעפאַלן אַ העזהדיקער געדאַנק, אַז פאַרוואָס אייגנטלעך זאָל זיין דזשאָרדזשי ניט קענען זיין אַזאַ ווי דער דאָקטאָר יאַפּע אַנטקעגנאיבער אים? וואָס, אַז ער האָט אַ טאַטן אַן אָרעמאַן, קען ער קיין דאָקטאָריי זיך ניט אויסלערנען?

צי דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס דזשאָרדזשי איז געווען דער יינגסטער און ער האָט אים מער ליב געהאַט פון די אַנדערע קינדער, צי דערפאַר, וואָס דזשאָרדזשי איז געוואַקסן אין קעלער גרויס און שיין, אַזוי אַז אַלע האָבן אים נאָכגעקוקט אין גאַס, צי אפשר דערפאַר, וואָס דאָס יינגל האָט געהאַט גאָלדענע הענט און אויסגעטויגט זיך אין אַלץ, געקענט פאַרריכטן די עלעקט־ריע, צענעמען אַ זייגער און צוזאַמענשטעלן, אַרומגיין אַרום מעכאַניזמען — ווי עס זאָל נישט זיין, מר. ווערוויק האָט שטאַרק געגלויבט אין זיין יינגסטן זון, דזשאָרדזשי, פון קינדווייז אָן אין אים געגלויבט, און געהאַפט צו האָבן פון אים אַ סך נחת נאָך.

— דזשאָרדזשי! — האָט ער אים גערופן צו זיך און אים אַוועקגעזעצט ביים פאַרשטויבטן פענצטער — זעסט אַנטקעגן איבער דאָס הויז?

— „שור, פּאַ, — האָט דזשאָרדזשי געזאָגט.

— ווייסט ווער עס וואוינט דאָרט?

— שור, פּאַ, דער דאָק . . .

— לערן זיך גוט אין סקול, לייען ביכער, לויף נישט אַרום, וועסטו אויך זיין אַזוי ווי דאָקטאָר יאַפּע, — האָט מר. ווערוויק געראַטן דזשאָרדזשין. —

אַן אייגן הויז וועסטו האָבן, געלט אַ סך . . . ווייבער וועלן קומען, צוויי טאָלער פֿאַר אַ ווייזט צאָלן . . . וועסט ניט דאַרפֿן, ווי דיין טאַטע, אַרומגיין פֿאַר־שמירט שלעפּן דזשאַנק, און וואוינען אין אַ קעלער . . . שיינע קליידער וועסטו טראָגן, ניט אַרבעטן. און אַלע וועלן דיך קענען. דאָקטאָר דזשאָרדזש וועוריק! — וועט מען ווייזן מיט די פֿינגער . . . ניט אַזוי, דזשאָרדזשי? . . .

דזשאָרדזשי האָט האַסטיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, כדי אַרויסצוואַרפֿן די רויטע פֿאַסמעס האָר, וואָס זיינען אים אַריין אין די אויגן. ער האָט אַראָפּ־געצויגן דעם גרינעם סוועטער, וואָס שטענדיק איז ער געווען צו קורץ אויף אים אין די אַרבל, און געאיילט זיך אַוועקצוגיין פֿון פֿענצטער, כדי ניט מער צו קוקן אויף דעם „דאַקס" הויז מיט די פֿאַרשטעלטע פֿאַרהענגלעך.

ער האָט ניט ליב געהאַט דאָס רויט־געפֿאַרבטע הויז קעגן זייער סטאָרקע, צו פֿייערלעך איז עס געווען צווישן אַלע הייזער, צו צירלעך־מאַנירלעך. ניט מען האָט געקענט וואַרפֿן אַ באַל אין דעם, ניט מען האָט זיך געקענט אַוועק־זעצן אויף די טרעפּ און שפּילן אין פֿעניס. טאָמער פֿלעגט אַמאָל אַ באַל אַנקלאַפּן אין פֿענצטער, פֿלעגט די שוואַרצע מאַכן אַ גוואַלדיקן טומל, און דער דאָקטאָר יאַפּע האָט אַפֿילו טעלעפֿאָנירט נאָך פּאָליציי. פּונקט אַזוי האָט דזשאָרדזשי ניט איבעריק ליב געהאַט דעם דאָקטאָר יאַפּע אַליין. עפּעס פֿלעגט ער דורכגיין די גאַס ווי דורך אַ בראַנד, בלאָזן זיך און אָפּשאַרן מיטן שטעקן די קינדער אין גאַס, זיי זאָלן אים ניט אַמאָל פֿאַרשמוצן די יום־טוב־דיקע קליידער, נאַרוואַס ווי פֿון דער פּרעס אַרויס.

— „דיאַוואָלי, סוואָלאַטש", — האָט ער געברומט אויף די קינדער אין גאַס.

כאָטש דזשאָרדזשי האָט ניט ריכטיק פֿאַרשטאַנען די פֿרעמדע ווערטער, האָט ער אָבער פֿאַרשטאַנען פֿון זייער טאָן, אַז קיין גוטס מיינט ער ניט, דער דאָקטאָר, וועגן די קינדער אין גאַס. און אַז דזשאָרדזשי איז געווען קליין, פֿלעגט ער טאַקע, צוזאַמען מיט אַלע קינדער, נאָכשרייען אים אויף אַ קול אַ קאָמיש לידל, וואָס די יינגלעך אין גאַס האָבן פֿאַרפֿאַסט וועגן דאָקטאָר, און טאַקע אין גראַמען דערצו.

ניין, ער האָט ניט געהאַט קיין חשק צו זיין אַזוי ווי דאָקטאָר יאַפּע. ניט ער האָט געוואָלט וואוינען אַזוי איינער אַליין, אָן חברים און פֿריינט, ניט ער האָט געוואָלט היילן קראַנקע, ניט ער האָט געוואָלט אויסזען אַזוי קאָמיש ווי דער אויסגעפּוצטער דאָקטאָר מיטן שטעקן אין האַנט. קיין בעסערס ווי דעם טאַטנס סטאָרקע מיט אַלט אייזן האָט ער זיך גאָרניט פֿאָרגעשטעלט. פֿון אַלע זייטן רעדלעך, שרויפֿן, שפּרינגפֿעדערס, מעשלעך און אַלערליי בלעכ־לעך. אַ סך מאָל ברענגט דער פֿאָטער אַהיים אויך אַן אַלט בייסיקל, וואָס

דזשאָרדזש נעמט עס גלייך אין די הענט אַריין, שרויפט, קלאַפּט און אַרבעט, ביז ער פאַרריכט עס אויס און לאָזט זיך דערויף פאָרן לענגאויס זייער גאַס. אַמאָל קויפט דער טאַטע זייגער אויך אָפּ אַן אַלטע מאַשינקע, בלויז אויף שמעלץ. דעמאָלט האָט דזשאָרדזשי גאָר אַ סך צו טאָן. ער ציט אַראָפּ די רעדער, שרויפט, דרייט און דערגייט דעם גאַנצן מעכאַניזם פון מאָטאָר. איינמאָל האָט ער אַפילו אָנגעזעצט אַ גאַנצע מאַשין ייִנגלעך אויף אַזאַ צעבראָכן פאָרדל, וואָס דער פאָטער האָט אָפּגעקויפט, און געלאָזט זיך פאָרן איבער דער גאַס. פון אַלע זייטן איז געוואָרן אַ טומל, ווייבער האָבן געשריגן, אַ פּאָליסמאַן איז אָנגעלאָפן און קוים פאַרהאַלטן די מאַשינקע. עס איז שוין איינמאָל געווען „פּאַן״!

ער האָט דעריבער זייער ליב געהאַט דעם טאַטנס סטאָרקע, דזשאָרדזשי, און ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם פאָטער זיינעם, וואָס ער איז אַזוי מקנא דעם קאָמישן דאָקטאָר און וויל אים אויך מאַכן פאַר אַזעלכן. ער האָט טאַקע ניט געוואָלט פירן זיך לייטיש, ווי דער פאָטער האָט אים געבעטן, ניט גע־וואָלט לייענען קיין ביכער און ניט געמיט זיך צו זיין דער בעסטער אין סקול. ער איז בעסער געזעסן צווישן די אייזנס, ווען נאָר ער האָט צייט געהאַט. אַלץ איז געווען אין זיינע הענט. דער פאָטער האָט עס ניט געקענט ליידן.

— דזשאָרדזשי, גיי אַוועק פון מיסט — האָט ער אים געטריבן.

ווען דזשאָרדזשי האָט ניט געפאָלגט, האָט דער פאָטער פּרובירט ריידן צום שכל.

— דאָקטאָר דזשאָרדזשי וועוריק, — האָט ער אים גערופן באַצייטנס מיטן טיטול — קוק זיך אָן וואָסער פּנים דו האָסט? אויסגעשמירט ווי אַ נעגער.

איין זאַך, וואָס האָט דעם אַלטן באַאומרואיקט, איז געווען זיין נאָמען. אין זיין ליטוויש שטעטל, אין דער אַלטער היים, האָט ער פון זיין נאָמען וועוריק גרויסע צרות געהאַט. ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, האָט פון אים חוזק געמאַכט צוליבן קאָמישן נאָמען. ער האָט טאַקע ניט איינמאָל ייִנגלוויז פאַרשאָלטן דעם זיידן זיינעם, וואָס האָט שוין קיין אַנדער נאָמען ניט געקענט זיך אויסקלייבן ווי וועוריק, אויף לייטנס געלעכטער. אַז ער איז אָנגעקומען אין אַמעריקע, האָט ער געטראַכט דעם נאָמען צו ענדערן, אָבער ער האָט קיינ־מאָל קיין צייט ניט געהאַט דערצו. ער האָט גאָר פון זיין אַלט אייזן ניט גע־קענט אַרויסקריכן. זינט ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דזשאָרדזשין צו מאַכן פון אים אַ דאָקטאָר, איז אים דאָס אַלטע עגמת־נפש פון זיין נאָמען ווידער צוריקגעקומען. עפּעס האָט זיך אים ניט געלייגט אויף דער צונג אַרויסצוזאָגן „דאָקטאָר וועוריק״. ער האָט פאַרשטאַנען — דאָקטאָר יאַפּע. דאָס קלינגט

שיין. אָבער דאָקטאָר וועווריק! חלשות! ווייבער וועלן זיך נאָך שעמען צו זאָגן, אַז זיי גייען צו דאָקטאָר וועווריק.

איינמאָל, אין אַ געוויינלעכן אַרבעטס־טאָג, האָט ער אָפּגעוואַשן די הענט פון ראָסט און אייזן, אַרויפגעצויגן אַ פּאָר לייטישע הויזן, אנשטאָט די אָווער־אָלס, און געלאָזט זיך גיין צו אַ לאָיער, ער זאָל אים ענדערן זיין נאָמען.

— זעסט, דזשאָרדזשי, צוליב דיר טו איך עס . . . — האָט ער געזאָגט דעם יינגל, — נאָר צוליב דיר . . . ווייל איך וויל ניט זאָלסט האָבן טראָבל, ווען וועסט דאַרפן עפּענען אַן אָפיס . . . זע צו לערנען זיך גוט . . .

אָבער דזשאָרדזשי האָט ניט פאַרשטאַנען די טובה, וואָס דער פאָטער וויל אים טאָן.

— „וואָט איז די מעטער וויהט די נעים, פּאָפּס״? — האָט ער גע־פרעגט אַ פאַרוואונדערטער, קוקנדיק מיט גרינע אויגן אויפן פאָטער.

דער פאָטער האָט אים אין זייער אַ גרייזיקן ענגליש דערקלערט וואָס וועווריק מיינט אין יידיש. דזשאָרדזשי האָט אַרויפגעשאָרט האַסטיק די קופּער־קאָלירטע פאַסמעס האָר און ער האָט דעם פאָטער ניט געלאָזט גיין צום לאָיער.

- - ס'איז גאָרנישט, פּאָפּס, וואָס אין יוראָפּ איז דאָס ניט שיין — האָט ער געזאָגט פעסט, — דאָ איז עס אַ שיינער נאָמען . . . זייער אַ שיינער . . . און אַן אַמעריקאַנער אויך . . .

מר. וועווריק האָט שווייגנדיק באַטראַכט זיין זון און מיט אַ זיפץ צוריק גענומען זיך צו זיין האַמער און די אייזנס. עפּעס האָט אים באַצייטנס דאָס האַרץ געשראָקן, אַז זיין דזשאָרדזשי וועט ניט זיין ווי דער דאָקטאָר יאָפּע אַנטקעגנאיבער.

— אַ טאַטע איז דאָ אַ הונט, נישט קיין טאַטע — האָט ער געברומט פון די אייזנס אַרויס צום ווינקל, וואו זיין איבערגעבויגן ווייב איז געשטאַנען ביי די טעפּ.

2

ער איז ניט געווען אומזיסט אומרואיק, מר. וועווריק, איבער זיין דזשאָר־דזשין.

וואָס גרעסער ער איז געוואַקסן, דער יונג, אַלץ ווייניקער נחת האָט דער טאַטע זיינער פון אים געהאַט. דער פאָטער האָט פאַר די לעצטע טאָלער געקויפט אים לייטישע קליידער, אָבער דזשאָרדזשי האָט זיי ניט געוואָלט אָנטאָן און גאָרניט אַרויסגעקראָכן פון זיין שטענדיק אויסגעוואַקסענעם סוועט־טער, וואָס איז כמעט תמיד אויסגעריבן אין די עלנבויגנס. פּונקט אַזוי האָט ער ניט געוואָלט אַראָפּנעמען פון דער פּלייצע דעם אויסגענייטן נאָמען זיי־

נעם. אין קיין בוך האָט ער ניט געוואָלט אַריינקוקן, אויסער אין די קאָליר־טע ביכלעך וועגן פּראַיז־פּאַיטערס און באַנדיטן. אויך האָט ער מיט קיין ליטישע קינדער ניט אָנגעהאַלטן קיין חברשאַפט, נאָר אַרומגעטריבן זיך מיט די יונגען פון גאַס, אַן אויסגעוואַקסענער, העכער מיט אַ קאָפּ פון אַלע.

— דזשאָרדזשי, וואָס וועט זיין פון דיר? — האָט דער פאָטער אים גע־פרעגט אַ פאַרזאָרגטער, — האַ, דזשאָרדזשי?

דזשאָרדזשי האָט אויסגעקליבן באַשעפטיקונגען איינע ערגער פון דער אַנדערער. פריער האָט ער געוואָלט זיין אַ גאַסן־קערער און טראָגן אַ ווייס היטל. דערנאָך איז אים אויסגעגאַנגען דאָס חיות צו זיין אַ מאָטאָרמאַן. שפּע־טער איז ער אָפּגעשטאַנען שעהן לאַנג ביי די פייערלייט און געחלשט זיין איינער פון זיי. ער האָט אויך געדרייט זיך אַרום די פּאָליסלייט אין גאַס, גערופן זיי ביי די נעמען און געטאַפּט ביי זיי די רעוואָלווערס מיט גרויס צערטלעכקייט. דערנאָך איז ביי אים געבליבן ניט אַנדערש, ווי צו פאַר־שרייבן זיך אין דער אַרמיי אָדער פאַרדינגען זיך פאַר אַ מאַטראָז אויף אַ שיף, וואָס פאָרט קיין כינע.

מר. וועוווריק האָט ניט איינמאָל געלאָזט אַ טרער אין זיין אַלט אייזן אַריין, קוקנדיק דורך דעם פאַרשטויבטן פענצטער פון זיין קעלער, ווי דער זון זיינער יאָגט זיך אַרום מיט די איטאַליענישע יונגען איבער דער גאַס, שרייענדיק מיט ווילדע צעלאָזענע קולות.

צו זעכצן יאָר האָט שוין דזשאָרדזשי געהאַט אַריבערגעשפּרונגען זעקס פוס, און דער פאָטער זיינער האָט אים דערגרייכט צום אַקסל. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געשפּילט מיט יינגלעך, פיל יינגערע פון זיך, און אָפּגעטאָן אַלער־ליי שלעכטע זאַכן אין גאַס. ער האָט מיט דעם האַרטן באַל אויסגעשלאָגן שויבן, און שכנים זיינען געקומען זיך קלאָגן צו מר. וועוווריק. טאָמער האָט עמעצער איבערגעלאָזט אַ ווילע אַן אויטאָמאָביל פאַר דער טיר, האָט דזשאָר־דזשי גלייך זיך אַוועקגעזעצט ביים רעדל און געכאַפּט אַ טרייב. ער האָט אויך ליב געהאַט אָנצוטאָן אַלערליי שאָדנס די מאַשין־טרייבערס. ער האָט אַראָפּ־גענומען די גלאַנציקע קעפּ פון די רעדער און פאַרקויפט זיי פאַר אַ דאַים אַ שטיק, פאַרוואָס ער האָט געקויפט אייז־קרים אָדער ציגאַרעטן פאַר זיך און פאַר זיין חברה. ער האָט מיט אַן אַלטער קישקע אַרויסגעצאַפּט דעם גאַזאָלין פון שטייענדיקע אויטאָמאָבילן און פאַרקויפט אים ביליק צו דעם שכן, דעם לאַנדרימאַן, פאַר זיין אַלט מאַשינדל. אַ סך מאָל האָט ער גאָר אָפּגעטאָן שפּיצלעך, וואָס האָבן אים קיין נוצן ניט געבראַכט, נאָר בלויז צוליב שקאָ־צעריי, צוליב „פאָן" פאַר זיך און פאַר די חברים. ער האָט אָפּגעשרויפט

דעם גאַזאָלין־דעקל פון אַן אויטאָמאָביל און אַריינגעשאָטן דאָרטן אַלערליי חזיריי, כדי קאַליע צו מאַכן די מאַשין. אַן אַנדער מאָל האָט ער אַריינגעזעצט אַ נאָגל אין אַ ראָד אָדער גאָר אַ שניט געטאָן מיט אַ מעסער דעם גומי, און ער האָט געקוואָלן שפּעטער פון נחת, ווען דער טרייבער האָט געהאַט צרות מיט אַ „פלעט". פאַרשיידנס האָט ער געטאָן צו דער פרייד פון די יונגען און צו דעם צער פון טאַטע־מאַמע.

— אַט לויפט ער, דיין דאָקטאָר, משטיינס געזאָגט, — האָט מר. וועווריק געוויזן דורכן פאַרשטויבטן פענצטער צו זיין ווייב, גליך זי וואָלט שולדיק געווען אין אַלעם. — נאַ, זע, ווי ער פליט מיט דעם באָל. הלוואי, דער יונג זאָל אונדז קיין חרפות און בושות ניט אָנטאָן . . .

די יידענע האָט געשוויגן, אָבער אירע זיפצן האָבן שטיקער האַרץ אויסגעריסן. פונקט ווי איר מאַן ביים אייזן, איז זי ניט רואיק געווען ביי אירע טעפּ וועגן דעם יונג, וואָס מיט יעדן טאָג איז ער אַלץ געוואָרן גרעסער, געוואַקסן ווי אויף הייוון. כאָטש קיינער פון זיי האָט עס פאַרן מויל ניט געבראַכט, האָבן זיי פונדעסטוועגן ווי אָפּגערעדט, ניט אויפגעהערטביידע צו טראַכטן, אַז דער יונג וועט ענדיקן שלעכט. טאָג־טעגלעך זיינען אַנדערע יינגלעך אין גאַס אַוועק פון גוטן וועג, צוגעשטאַנען צו „גענגס", אַרומגעטראָגן זיך מיט רעוואָלווערן, און זייערע פאַרשעמטע טאַטע־מאַמע זיינען געלאָפן געוואָרן אין די געריכטן. אַמאָל פלעגן אַפילו אַגענטן אַראָפּקומען און איינעם פון זיי אַוועקפירן מיט אַ קייטל אויף די הענט, פאַרשידנס פלעגט טרעפן. מר. וועווריקן האָט געציטערט דאָס האַרץ פאַר די איטאַליענישע יונגען, מיט וועלכע דזשאָרדזשי האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין די ווינקעלעך און געריכערט באַצייטנס ציגאַרעטלעך. שכנים אין גאַס האָבן גערעדט שלעכטס אויף די יונגען, געזאָגט, אַז זיי באַפאַלן מענטשן אין די שפּעטע אָוונטן. יעדעס מאָל, ווען דזשאָרדזשי איז ניט אַהיימגעקומען צו דער צייט, איז שוין דער טאַטע זיינער געשטאַנען אַן אומרואיקער און געריבן מיט דער האַנט דעם שטויב פון פענצטער, כדי צו זען, צי עס איז עפּעס קיין שלעכטס ניט געשען. אַליין ניט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט ער גענומען שרעקן זיך פאַר פּאָליסלייט, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען די גאַס. עס האָט זיך אים נאָר געדוכט, אַז זיי גייען צו אים, אָנזאָגן אים אַ שלעכטע בשורה וועגן זיין דזשאָרדזשין.

אָבער אין אַ שיינעם העלן טאָג, גאָר אומגעריכט, איז דזשאָרדזשי אַהיימגעקומען אַ צעוואָרעמטער, אַ לאַכעדיקער און געהייסן זיך גראַטולירן, אַז ער איז אָנגענומען אין קאָלעדזש.

— אויף דאָקטאָר? — האָט מר. וועווריק אַרויסגעשריגן אַן איבערראַשטער פון די אייזנס אַרויס.

— ניין, פּאַפּס, אויף אינזשעניער — האָט דזשאָרדזשי געענטפערט און אָפּגעביסן פון עפּל זיינעם אַ גאַנצע העלפט מיט איין ביס.

מיר וועווריק איז געבליבן מיטן האַמער פאַרגליווערט אין דער האַנט.

כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע מענטשן, וואָס זיינען אינזשיניערן, האָט ער קיינמאָל אַזעלכע ניט באַגעגנט. קיין איינער פון זיינע באַקאַנטע אין גאַס האָט ניט געהאַט קיין זון קיין אינזשיניער. ער האָט געוואוסט פון דאָקטוירים, דענטיסטן, פון לאָיערס און לערערס. דזשאָרדזשיס אויסוואַל איז געווען ניי, פרעמד, וואָס האָט ווילד צום אַלטנס אויערן אָנגעשלאָגן.

— וואָס וועסטו טאָן, אַז דו וועסט ענדיקן אויף אינזשיניער? — האָט ער געפרעגט אַ טרויעריקער.

— כ'וועל בויען בריקן, פּאַפּס, — האָט דזשאָרדזשי געזאָגט אַ פריי־לעכער.

— בריקן? — האָט מר. וועווריק איבערגעזאָגט שטיל און אומעטיק.

ער האָט עס ניט באַגריפן. כאָטש ער האָט אָפט געזען די בריקן אין שטאָט, האָט ער זיי אָבער קיינמאָל ניט געזען בויען. זיי זיינען געשטאַנען ווי אייביקייטן. אַנדערש איז עס געווען מיט דאָקטוירים. יעדן טאָג זיינען אַלע טרעפּלעך ביים דאָקטאָר יאָפּע געווען באַזעצט מיט קראַנקע ווייבער. איבע־ריקס האָט ער געהאַט געהערט אין שולכל, וואו ער פלעגט זיך אַמאָל אַריינ־כאַפּן צו אַ יאָרצייט, אַז די זאַכן זיינען ניט קיין יידישע פּרנסות. קיינמאָל האָט ער נאָך ניט געהאַט געהערט, אַז איינער פון זיינע באַקאַנטע יידן אָדער ווײַ־בער זאָלן זיך באַרימען מיט זייערע זין די אינזשיניערן. שטענדיק האָבן זיי גערעדט מיט שטאָלץ וועגן זייערע זין די דאָקטוירים, אָדער די לאָיערס. אַליין ניט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט מר. וועווריק געשראָקן דאָס האַרץ פאַר זיין דזשאָרדזשיס נייער און פרעמדער באַשעפטיקונג. צום ערשטן האָט ער פרו־בירט ריידן מיט דזשאָרדזשין, ער זאָל אים ניט פאַרשעמען, ער זאָל אים צוליב טאָן און בעסער זיך נעמען צו דאָקטאָריי. אָבער דזשאָרדזשי האָט ניט געוואָלט הערן.

— פּאַפּס, הער אויף! — האָט דזשאָרדזשי געשריגן. — איך וויל ניט פּאַטשקען זיך מיט קראַנקע און ווייבער . . . ברר . . .

אַז דער פאָטער האָט געזען, אַז מיט גוטן קען ער ביים זון ניט פּועלן, איז ער איבערגעגאַנגען צו בייזן.

— מיין נישט, באָיעלע, אַז איך וועל דיך אויסהאַלטן עטלעכע יאָר — האָט ער געשריגן, — פאַר דאָקטאָריע וואָלט איך אַלץ געטאָן, געהאָרעוועט

שווער און ביטער און דיך אויסגעהאַלטן, אָבער פאַר נאַרעשקייטן וויל איך ניט . . . כ'וויל ניט! . . .

געמיינט האָט מר. ווענוריק, אַז דערמיט וועט ער פועל'ן, אָבער דער יונג האָט זיך גאָר ניט דערשראָקן דערפאַר. ער איז אַריין אין גאַס־ווינקל צו אַ גאַראַזש און אַוועקגעשטעלט זיך אַרבעטן ביים וואַשן אויטאָמאָבילן פאַר עט־לכע דאָלער אַ וואָך. אין די אָוונט שעהן האָט ער, מיט אַ צעריסענעם פאָרט־פעל אָנגעפאַקט מיט ביכער, ליניעס און צירקלען, געשפּרייזט מיט גרויסע טריט צו דער אינזשיניערן־שול. געגאַנגען איז ער אַלץ אין אויסגעוואַקסענעם סוועטער מיט די לאַנגע הענט פון די צו־קורצע אַרבל, גאָרניט ווי ער וואָלט געווען אַ סטודענט, נאָר דער אַמאָליקער דזשאַרדזשי אין פּאָבליק סוקל. פונקט אַזוי האָט ער אין אַ פרייער שעה אַרומגעיאָגט זיך מיט די יונגען מיטן באָל, רייסנדיק זיך אויף אַלע ציין ביי יעדן וואָרף.

מר. ווענוריק האָט געזען, אַז עס איז פאַרפאַלן, און ער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן שטאַרק זיך אינטערעסירן מיט אינזשענעריע. פונקט ווי פריער האָט ער ניט אָפּגעלאָזט קיין אויג פון רויטן הויז און געציילט די ווייבער, כדי צו וויסן וויפל דאָקטאָר יאַפּע פון אַנטקעגנאיבער פאַרדינט אַ טאָג, אַזוי האָט ער איצט אויפגעהערט קוקן אויף דעם הויז מיט די גרינע טירן. וואָס האָט אים אינטערעסירט איצט דער דאָקטאָר יאַפּע, אַז סיי־ווי־סיי האָט ער שוין געזען, אַז פון זיין דזשאַרדזשי וועט קיין דאָקטאָר ניט זיין? עס איז ניט באַשערט געווען, האָט ער געזען, אַז ער זאָל אויף די עלטערע יאָרן האָבן נחת פון אַ זון. ער האָט טאַקע געוואָלט מאַכן פון זיין זון אַ דאָקטאָר, וואָס זאָל זיין אי כבוד פאַר אַ טאַטן צו ריידן וועגן דעם מיט מענטשן, אי טאַקע אַ שטיצע אויף דער עלטער, ווען מען וועט שוין ניט קענען אַרבעטן ביים אַלטן אייזן. גאָט אין הימל איז אַן עדות, וויפל ער האָט געבעטן דערויף. אָבער, וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס אַ מענטש וויל. אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. ניין, גאָט האָט ניט געוואָלט, אַז מר. ווענוריק זאָל דערלעבן אַ ביסל נחת אויף דער עלטער פאַר אַלע יאָרן פון שווערער אַרבעט און נויט. אָבער זינדיקן דערפאַר, האָט מר. ווענוריק געוואוסט, דאַרף מען אויך ניט. עס האָט נאָך געקאָנט זיין ערגער אויך. אַנדערע טאַטעס שניידן נאָך ערגער אָפּ מיט זייערע קינדער.

ער האָט דעריבער געוואָלט וויסן גענויער וועגן אינזשעניערעריי, צו וועלכער זיין זון האָט זיך גענומען. ער האָט אָפט געזען דזשאַרדזשין זיצן צווישן אַלטן אייזן, שרייבנדיק, צייכענענדיק און פּלאַנעווענדיק אין פּאַפּירן. וואָס ער טוט אַזוינס האָט ער ניט געוואוסט. עפּעס צייכנט ער און מעסט, מעקט און צייכנט ווידער, און עס איז גאָרניט צו זען. אָבער פאַרשטאַנען האָט ער,

אַז אינגאַנצן אומזיסט איז מסתמא די אַרבעט ניט. און ער האָט אָנגעהויבן פרעגן ביי מענטשן, וואָס קומען צו אים אַריין, זיי זאָלן אים זאָגן עפּעס וועגן אינזשענעריע, וואָס דאָס איז אַזוינס, צו וואָס מען דאַרף עס, וואו מען דאַרף עס, און דער עיקר צי מ׳קען עפּעס מאַכן אַ לייטיש לעבן דערביי.

— ער צייכנט און צייכנט, מיין דזשאָרדזשי — האָט ער געזאָגט צו די באַקאַנטע זיינע — אָבער וואָס ער וועט אַזוינס אויסצייכענען, הייב איך ניט ניט אָן צו וויסן.

טייל יידן האָבן ניט געהאַלטן דערפון, פון אַט דעם צייכענען.

— ביז ער וועט אויסצייכענען אַ פייגעלע, וועט ער אויפעסן אַן עקסע־לע, — האָבן זיי נביאות געזאָגט.

אַנדערע יידן האָבן ניט אַזוי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט דאָס אינ־זשעניערעריי. אַז גאָט העלפט, האָבן זיי געזאָגט, און מען קריגט אַ גוטן „דזשאָב", קען מען דערביי מאַכן מער ווי ביי דאָקטאָריע. פיל מער... מען דאַרף נאָר האָבן מזל, אַריינצופאַלן אין די ריכטיקע הענט...

אָט וועגן דעם טאַקע האָט דאָס מר. וועוועריק געוואָלט דערגיין. אין וועל־כע הענט וועט דאָס דזשאָרדזשי אַריינפאַלן? ער האָט פּלוצלונג אנגעהויבן ריידן מיט מענטשן וועגן בריקן, וואָס מען בויט אין לאַנד, וויפל אַזעלכע בריקן קאָסטן אָפּ און ווי אַזוי מען מאַכט זיי. די שווערע מיליאָנען, וואָס מענטשן האָבן געזאָגט, אַז בריקן קאָסטן, האָבן אַביסל אויפגעהויבן זיין שווער געמיט. אַמאָל אין אַ שבת־טאָג, ווען ער האָט ניט געאַרבעט, פלעגט ער אַפילו אָוועקגיין צו איינער פון די בריקן, וואָס זיינען פאַרוואָרפן איבער דעם איסט־ריווער, און ער האָט זיי באַטראַכט פון אַלע זייטן. זיי האָבן געקאָכט, די בריקן, פון באַוועגונג און רעש, געציטערט אינגאַנצן. מר. וועוועריק האָט ניט גאַנץ געגנוי פאַרשטאַנען, וואָס די אַלע שווערע אייזנס פון אַ בריק האָבן צו טאָן מיט עפּעס צייכענונגען, וואָס זיין דזשאָרדזשי מאַכט אויף שטיקלעך פּאַפּיר, אַלערליי שטריכעלעך, פּאַסיקלעך און ציפערן. אָבער געגלויבט האָט ער, אַז אויב דזשאָרדזשי זאָגט, אַז דורכדעם בויט מען בריקן, איז עס מסתמא אמת. וואָס, וואָס, נאָר קיין ליגנער איז דזשאָרדזשי ניט געווען, קיינמאָל ניט.

צוקוקנדיק זיך צו די גרויסע בריקן, וואָס הענגען איבער דעם טייך און שלינגען אַריין אין זיך אַזויפיל מאַשינען, לאַסט־אויטאָמאָבילן און באַנען, האָט ער זיך דערפילט אַפילו געהויבן, וואָס זיין דזשאָרדזשי וועט אַמאָל אַזעלכע בריקן בויען. מען דאַרף האָבן אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס אַזעלכע בריקן אויפצובויען, האָט מר. וועוועריק געטראַכט, אפשר נאָך אַ גרעסערן קאָפּ ווי צו באַטראַכטן אַ קראַנקן; שוין אָפּגערעדט, אַז דאָס איז מער קונץ ווי אַרויס־שלעפּן אַ צאָן עמעצן פון מויל.

דאָס האָט אים שוין געבראַכט צו העכערע געדאַנקען, אַפילו צו גאָר הויכע. אפשר איז עס גאָר אַ גאָט־זאַך, וואָס דער זון זיינער האָט אַוועק־געוואָרפן דאָקטאָריע און גענומען זיך צו אַזאַ אַרבעט. קיין זאַך ווערט ניט געטאָן אָן גאָטס ווילן. ער האָט טאָקע גאָלדענע הענט אויך, דזשאָרדזשי, פון קינדווייז אָן איז ער געווען אַ מזיק צו בויען און פאַנאַנדערצונעמען יעדער מאַשינדל, יעדן מעכאַניזם. זעט אויס, אַז ניט אומזיסט האָט אים געצויגן דערצו. ווער ווייסט, צו וואָס ער קען נאָך דערגייך מיט אַזעלכע גאָלדענע הענט, ווען ער וועט גוט אַריינאַרבעטן. אַז גאָט וועט וועלן, קען ער נאָך אויס־וואַקסן גאָר גרויס, דזשאָרדזשי, קען קריגן אַזעלכע בריקן צו בויען, ביי וועלכע ער וועט מאַכן פאַרמעגנס. דעמאָלט וועט ער, מר. וועוווריק, אַוועק־וואַרפן זיין סטאָרקע מיטן אַלטן אייזן, ער וועט זיך באַזעצן ביי זיין זון אין אַ רייך הויז און לעבן אַ טאָג. ער וועט פייפן אויף די אַלע, וואָס האָבן אים געזאָגט, אַז דאָס איז ניט קיין אַרבעט פאַר אַ יידן. ער וועט אַפילו ניט וועלן ריידן מיט די טאַטעס פון זין דאָקטוירים און לאָיערס. ווי קומען דאָקטוירים און לאָיערלעך צו אַן אינזשעניער, וואָס בויט בריקן פאַר מי־ליאָנען! . . .

מר. וועוווריק האָט שוין באַצייטנס, נאָך איידער דער זון זיינער האָט געענדיקט, גענומען ריידן מיט די קאָסטאָמער זיינע אין דער סטאָרקע וועגן די בריקן, וואָס זיין דזשאָרדזשי וועט בויען, וועגן די מיליאָנען, וואָס די בריקן וועלן קאָסטן. ער זאָל זיך ניט אַרומפירן מיט אַ ליאַדע וועמען אין גאַס, וואָרעם פאַר אַן אינזשעניער שטייט עס ניט אָן. ער האָט אויך פּרוּ־בירט אים אָפּשניידן פון וואַשן קאָרס אין גאַראַזש, ווייל עס פּאַסט ניט, אַז אַזאַ מענטש זאָל זיך אַרומדרייען אין אויסגעשמירטע אָוועראָלס און וואַשן פרעמדע קאַרס פאַר עטלעכע פאַרדאָסטע דאָלער אַ וואָך. ער האָט געוואָלט, אַז דזשאָר־דזשי זאָל בלויז זיצן ביי די צייכענונגען און ביכער און אַריינאַרבעטן אין דער אינזשעניעריע אַריין. און וואָס ער דאַרף, וועט ער, דער פּאָטער, אים געבן. פאַר די לעצטע עטלעכע דאָלער וועט ער אים קויפן קליידער און ביכער. נישקשה, זאָל ער נאָר ענדיקן, קריגן אַ בריק צו בויען, און ער וועט אים אָפּגעבן, דזשאָרדזשי, פאַר אַלץ וועט ער דעם טאַטן אָפּצאָלן.

אָבער אין לעצטן יאָר, שוין פאַרן ענדיקן, איז דזשאָרדזשי איין מאָל אַהיים געקומען אין דער סטאָרקע און אַוועקגעוואָרפן די ביכער מיט די צירקלען אין ווינקל אַריין, צווישן די קופּעס אַלט אייזן, אָפּפאַל און מיסט.

— וואָס איז געשען, דזשאָרדזשי? — האָט דער פּאָטער געפרעגט אַ דער־שראָקענער.

— „טו העל וויט אינדזשינירינג‟, — האָט דזשאָרדזשי געשאָלטן, —

סיי־ווי־סיי וועט עס מיר גאָרניט ניט געבן, טויזנטער אינזשיניערן זוכן צו ווערן טראָק־דרייווערס. צו וואָס זיך מאַטערן אומזיסט? . . .

מר. וועוווריק האָט דערפילט אַזאַ שטייפקייט אין דער רעכטער האַנט, אַז ניט ער האָט געקענט אַרויסלאָזן דעם האַמער פון דער האַנט, ניט ער האָט געקענט פאַרענדיקן אַריינצוקלאַפּן דעם טשוואָק, וואָס ער האָט אָנגעהויבן פריער.

— דזשאָרדזשי, — האָט ער געמורמלט — און די בריקן?

— נישטאָ קיין בריקן, פּאַפּס, — האָט דזשאָרדזשי געזאָגט אַ ביי־זער, — אויף איין בריק זיינען דאָ טויזנט אינזשיניערן . . . און אַ ייד קען גאָרנישט צוקומען... זיי פרעגן אין וועלכער „טשוירטש" מען דאַוונט...

מר. וועוווריק האָט אַרויסגעלאָזט דעם האַמער פון האַנט. די אַלע גוטע יאָרן, וואָס ער האָט אויסגעוואָרעמט אין זיין קאָפּ צווישן די אייזנס וועגן דזשאָרדזשין און זיך אַליין, זיינען מיט איינמאָל אויסגערונען, ווי אין וואַסער אַריין.

— גאָט, — האָט ער געפרעגט ביי דעם פאַררויכערטן באַלקן פון זיין סטאָרקע, — פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף?

אָבער דזשאָרדזשי איז גאָרניט געווען טרויעריק, אויף אַ האָר ניט. ער האָט גיך אָפּגעשניטן אַ שטיק ברויט, באַשמירט עס גראָב מיט פּוטער, און אָפּבייסנדיק דערפון אַ ריזיקן ביס, האָט ער מיט אַ פול מויל גענומען ריידן צו דעם פינצטערן ווינקל, וואו זיין איבערגעבויגענע מוטער איז גע־שטאַנען ביי די טעפּ.

— מאַ, ווייסט, — האָט ער געזאָגט, — כ'האָב אַ סוויטהאַרט. ראָוז איז איר נאָמען. כ'וויל זי דאָ אַריינפירן, מאַ . . .

די יידענע האָט אויפגעהויבן די אויגן צו איר איבערגעוואַקסענעם זון.

— נישט דאָ, דזשאָרדזשי, — האָט זי געבעטן, — ווי אַ הקדש זעט דאָ אויס. ס'איז מיר אַ חרפּה פאַר אַ פרעמדן מענטש . . .

— אָבער ראָוז איז ניט קיין פרעמדע, — האָט דזשאָרדזשי געזאָגט, אָפּבייסנדיק אַ שטיק ברויט, — ראָוז איז מיין ווייב, מאַ . . .

מר. וועוווריק און זיין ווייב האָבן ביידע מיט אַמאָל באַגעגנט זיך מיט די בליקן און פאַרגליווערט געגלאָצט איינער אויפן אַנדערן. זיי האָבן זייערע אייגענע אויערן ניט געגלויבט, און זיי האָבן געוואָלט זען איינער אין דעם אַנדערנס אויגן, צי איז עס ניט אַמאָל אַ שפּאַס, וואָס דזשאָרדזשי מאַכט, אָפּצולאַכן אַביסל פון די אַלטע טאַטע־מאַמע. אָבער איידער זיי האָבן באַוויזן רעכט צו קומען צו זיך, איז שוין דזשאָרדזשי אַרויס פאַר דער טיר, אַ פייף

געטאָן און טאָקי באַלד אַריינגעפּירט אַ מיידל אין קעלער אַריין, אַן אויסגע־פּוצטע אין עסיק און אין האָניק, וואָס לעבן דזשאָרדזשיס אויסגעוואָקסענעם סוועטער און ברייטע, צעקנייטשטע סאַמעטענע הויזן, האָט זי נאָך רייכער אויסגעזען, ווי אין דער אמתן.

— „קערפול, האָני", — האָט ער זי געוואָרנט, פירנדיק זי איבער די טרעפּלעך אין קעלער אַריין און זי גלייך פאָרגעשטעלט פאַר טאַטע־מאַמע:

— דאָס איז ראָוז, מיין קליין ווייבעלע . . . און דאָס זיינען מיין פּאַפּס און מאַ . . . „נייס פּיפּל, ראָוז" . . .

ביידע, אי דער פאָטער אי די מוטער, האָבן קיין וואָרט ניט געקענט אַרויס־ברענגען פון זייערע מיילער. דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר זיי אין איין מאָל. זיי האָבן געקוקט מיט פאַרשטאַרטע בליקן אויף דעם קליינעם שוואַרצן מיידל, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ רייכער פלעק אין טונקעלן, אָרעמן קעלער. זי האָט דערגרייכט דזשאָרדזשין ביז צו דער ברוסט. מיט אַ דראָבנע הענטל, וואָס עטלעכע ברילינאַנטענע פינגערלעך האָבן דערפון אַראָפּגעבליצט, האָט זי זיך געקלאַמערט אין דזשאָרדזשיס גרויסער און רויט־האָריק באַוואָקסענער לאַפּע, וואָס איז לאַנג אַרויסגעקראָכן פון אויסגעוואָקסענעם אַרבל פון זיין סוועטער.

— „האַו דו יו דו ?" — האָט זי געזאָגט אַ דערשראָקענע, בלישטשענדיק מיט די פייערדיקע שוואַרצע אויגן פון דעם עלטערן מאַן צו דער פרוי און פון דער פרוי צום מאַן.

אירע ציינדלעך, ווייסע און געדיכטע, האָבן ווי פּערל אַרויסגעשיינט פון די באַוועגלעכע שטאַרק־אָנגעפאַרבטע ליפּן. דאָס גרינע פעדערל אויף איר רויט היטעלע, אויפגעהויבן מיט אַ שפּיץ אין דער הייך, האָט נערוועז געציטערט.

די ערשטע איז געקומען צו זיך מיסעס וועווריק, זי איז אַוועק פון די טעפּ, צוגעטראָגן אַ שטול, וועלכן זי האָט אָפּגערייניקט פריער מיטן פאַרטעך, און געבעטן די פרעמדע זיצן. דאָס קליינע, פלינקע ווייבעלע איז ווי אַ קוועק־זילבער צוגעפאַלן צו דער איבערגעבויגענער יידענע און איר מיט די רויטע אָנגעשמירטע ליפּעלעך דאָס גאַנצע פּנים באַשמירט.

— „אַי'ם סאָ גלעד, מאַ", — האָט זי געמורמלט הייס און געדריקט צו איר ברוסט די אַלטע אויסגעהאָרעוועטע יידענע.

דזשאָרדזשי איז געשטאַנען און געלאַכט מיט אַלע גרויסע ציין פון נחת.

— פּאַ, — האָט ער גערופן דעם פאָטער, — צעקוש זיך מיט ראָוז.

דער פאָטער האָט ניט געענטפערט.. דזשאָרדזשי האָט עס ניט פאַר־שטאַנען.

— „וואָס׳ס די מעטער״? — האָט ער געפרעגט אַן איבערראַשטער, — מיר האָבן זיך שוין לאַנג ליב געהאַט און מיר האָבן זיך רעדזשיסטרירט. מיר האָבן געהאַט אַ סך „פאַן״ . . .

דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר מר. וועוריק. דער אויסגעוואָקסענער יונג, וואָס אַנשטאָט אַן אַטעסטאַט פון אַן אינזשיניער האָט ער געבראַכט אים גאָר אַן אומגעריכטע שנור אין שטוב אַריין, האָט אין אים דאָס בלוט אָנגעצונדן. די גאַנצע ייִנגלערישקייט איז געלעגן אין דעם פריש־געבאָקענעם מאַן פון אַ ווייב. עס איז געלעגן די הפקרות סיי אין זיין אויסגעוואָקסענעם סוועטער, אויף וועלכן דער נאָמען איז געווען אויסגענייט, סיי אין זיין געלעכטער, און מער פון אַלץ איז זיין זאָרגלאָזן זאָגן, אַז זיי האָבן געהאַט אַ סך „פאַן״ פון חתונה האָבן. קיינמאָל אין זיין לעבן האָט נאָך מר. וועוריק ניט געהערט אַזעלכע רייד וועגן חתונה האָבן. זיין אַלט בלוט האָט אויפגעזאָטן.

— מזל־טוב! — האָט ער געשריגן מיט כעס צו זיין שנור, וועלכע ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען, — איר האָט שוין בעסער געדאַרפט וואַרטן, ביז אונדז איינצולאַדן אויף אַ ברית . . . וואָלט די שמחה געווען טאָפּלט . . .

מיסעס וועוריק האָט עס ניט געקענט הערן.

— וואָסערע רייד? — האָט זי געמוסרט, ברעכנדיק די פינגער, — געדענק אין גאָט.

מר. וועוריק האָט נישט געוואָלט געדענקען אין גאָט.

— גאָלדענער פאַרדינער מיינער, — האָט ער געשריגן צום זון, — איך וועל ניט אַרבעטן שווער און ביטער אויף דיר מער . . . אַליין וועסטו דאַרפן אויסהאַלטן דיין ראָוז . . . אַליין . . .

דזשאָרדזשי האָט אַרומגענומען מיט זיין גרויסער האַנט זיין קליין דערשראָקן ווייבעלע, ווי אַ קינד, און ער האָט אָפּגעשלאָגן דעם פאָטערס צאָרן.

— „נעווער מאַינד, פּאָפּס״, — האָט ער געזאָגט אַ זאָרגלאָזער, — איך וועל שוין קריגן עפּעס אַרבעט. וועסט זען! פאַר ראָוז וועל איך אַלץ טאָן . . .

— „יו אַר ע האָני, ע סוויטהאַרט״, — האָט דאָס קליינע ווייבעלע געמורמלט הייס און מיט די געפּוצטע נעגעלעך געקלאַמערט זיך אין אויסגעוואָקסענעם אַרבל פון זיין גרינעם סוועטער, — קיינער וועט מיך ניט צונעמען פון דיר . . . קיינער ניט.

מיט דעם ווייבעלע אין איין האַנט און מיט אַ האַלבן ניט־דערעסענעם עפּל אין דער צווייטער האַנט, איז דזשאָרדזשי אַרויס פון טאַטע־מאַמעס קעלער.

3

ניט קיין בעסערן קבלת פּנים ווי אין דער היים, טאַקע אַ סך אַן ערגערן, האָט דזשאָרדזשי וועוריק געקראָגן אין דער היים פון זיין שווער און שוויגער, ווען ראָוז האָט אים אַרויפגעפירט דאָס ערשטע מאָל, אַ רויט־האָריקן און צע־וואַקסענעם, און געהייסן זיך אָפּגעבן מזל־טוב.

פונקט ווי מר. וועוריק, דער הענדלער פון אַלט אייזן אין אַ קעלער אויף דער איסט סאַיד, אַזוי האָט אויך זיין מחותן, מר. באַקאַליי‏ניק, אַ באַלעבאָס פון עטלעכע הייזער אַפּ־טאַון, געהאָפּט צו האָבן אַ דאָקטער אין זיין משפּחה. פון זיינע זין האָט עס דער ייד ניט געקענט האָבן. וויפיל ער האָט זיך אויף זיי ניט געלאָזט קאָסטן אויף לערער, האָבן זיי ניט געוואָלט לערנען. פון דער טאָכטער זיינער, דער בת־יחידה, האָט ער געוואָלט האָבן דעם נחת צו געבן איר מאַן אַ דאָקטער.

אין זיין גרויס, רייך הויז, טאַקע וואו ער אַליין, מר. באַקאַליי‏ניק האָט געוואוינט, האָט ער שוין אַפילו באַצייטנס געלאָזט שטיין דעם ערשטן שטאָק ליידיק, כדי צו האַלטן אים גרייט פאַר אַן איידעם אַ דאָקטער, ווי נאָר גאָט וועט אים צושיקן.

ער האָט ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין געהאַלטן אומפּאַרדונגען די גרויסע וואוינונג, מר. באַקאַליי‏ניק. ער האָט געהאַט אַן אויג אויף עפּעס.

אין דער שול „שערי ירושלים“, וואו ער איז געווען פּרעזידענט דאָרט שוין אַ היפּשע צייט, האָט געדאַווענט דער רעווערענד פינקעלשטיין, אַ שוואַרץ, פּיפּיק יידל, וואָס אין דער היים ביי זיך אין דער ליטע איז ער געווען אַ מעקלער און שדכן, נאָר אין ניו־יאָרק האָט ער זיך גענומען צו זיין אַ מסדר־קדושין און מוהל און דערפאַר טאַקע זיך אַ נאָמען געגעבן רעווערענד. אָט דער רעווערענד פינקעלשטיין, וואָס זיין צינגל איז געווען אַזוי שאַרף, ווי זיין מוהל־מעסער, האָט געהאַט אַ זון, אַ פריש געענדיקטן דאָקטער, וואָס האָט פּראַקטיצירט שוין אין אַ לייטישן שפּיטאָל. צוליב זיינע קענטשאַפטן מיט די דאָקטוירים און די קראַנקן־שוועסטער אין די שפּיטאָלן, וואו ער קומט מל זיין קינדער, האָט דער רעווערענד פינקעלשטיין אויסגעפּועלט, אַז דער זון זיינער זאָל גיך אָנקומען אין אַ שפּיטאָל, און טאַקע אין ניט אַ ליאַדע שפּיטאָל, נאָר אין אַ גרויסן און אַ באַרימטן, אַזוי, אַז ער זאָל קענען מאַכן אַ גוטע קאַריערע.

דאָך האָט דער זון זיינער ניט אָפּגעצאָלט דעם פאָטער פאַר אַלע טובות זיינע. פאַרקערט, ער האָט אַ תל געמאַכט פון טאַטנס בכבודיקן נאָמען. דעם „פינקל“ האָט ער אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן און דעם געבליבענעם „שטיין“ האָט ער איבערגעמאַכט אויף אַן ענגלישן „סטאָון“. אָט דער דאָקטער סטאָון

האָט דאָס מר. באַקאַלייניק געהאַט אין זינען, ווען ער האָט באַצייטנס אָפּ־גערוימט דעם ערשטן שטאָק פון זיין רייך הויז, כדי צו האַלטן אים גרייט אויף איינצוואָרדענען דאָרט אַ לייטישן דאָקטאָרישן אָפּיס, עס זאָל זיין באַקוועם פאַר די פּאַציענטן. פּונקט אַזוי איז ער געווען גרייט איינצוקויפן אים אַלע נייעסטע מאַשינען און אינסטרומענטן, וואָס נאָר אַ היינטיקער דאָקטאָר דאַרף, קויפן אים אַ טייערן אויטאָמאָביל און געבן אים דערצו אויך אַ לייטישן נדן, אַזוי ,אַז ער זאָל נעמען די געגנט מיט שטורעם.

דאָקטאָר סטאָון האָט געטאָן אַלץ, כדי געפעלן צו ווערן דעם פּרעזידענטס טאָכטער.

גלייך פון שפּיטאָל פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין מר. באַקאַלייניקס רייכער וואוינונג און אויפזוכן ראָוז אין געדיכט־אָנגעשטעלטן זאַל, וואָס איז פול מיט ווייכע שטולן, טעפּיכער, קישעלעך און ליבע־סאָפּקעלעך.

— „האַלאָ, דיר", — האָט ער זי באַגריסט פאַמיליאַר, — איך האָב געבראַכט אַ נייעם וויץ פון האָספּיטאַל, אַ ניט גאַנץ אָנשטענדיקן, אָבער אַ גוטן, ערשט־קלאַסיקע סחורה . . .

דערביי האָט ער ניט אַרויסגעלאָזט דעם מיידלס וואַרעמע האַנט פון זיינער און געזוכט זי אַוועקצוזעצן לעבן זיך אויף איינער פון די זיידן־געדעקטע און ווייכע ליבע־סאָפּקעלעך.

מר. באַקאַלייניק און זיין ווייב האָבן געטאָן אַלץ, אַבי צו לאָזן אַליין זייער ראָוזי מיט דאָקטאָר סטאָון. אַליין אַ געוועזענער קצב, וואָס האָט געמאַכט געלט פון ניט־כשר פלייש, האָט ער שטאַרק געוואָלט האָבן אַ יחוס אין דער משפחה. צוגעוואוינט נאָך פון דער אַלטער היים זיינער, אַז אַ קצב איז אַ פּסול און אַ כלי־קודש איז אַ יחוס, איז אים זייער אָנגעשטאַנען צו האָבן פאַר אַ מחותן דעם רעווערענד פּינקעלשטיין, דעם שיינעם ייד און גרויסהאַלטער. נאָך מער איז אים אָנגעשטאַנען צו האָבן אין זיין הויז אַ דאָקטאָר, ניט קיין ציין־דאָקטאָר, נאָר טאַקע אַן אמתן דאָקטאָר. מר. באַקאַלייניק האָט געגלויבט אין דאָקטאָר סטאָון. פּונקט ווי זיין פאָטער, דער מוהל, איז אויך דאָקטאָר סטאָון געווען פּיפּיק, מיט אַ צינגל אויף שרויפן, אַ מענטש, וואָס טויג זיך צו דער וועלט, קען אומעטום זיך אַריינקריגן און ווייסט ווי אַזוי צו גיין אויף דער וועלט. ניין, מען האָט אים ניט געדאַרפט האַקן דאָס צינגל, דעם דאָקטאָר סטאָון, ער האָט זיין שטעטל געקענט באַשטיין. און מר. באַקאַלייניק האָט אַ סך געגלויבט אין זיין מערכה . . .

— ראָזעלע, מיין קינד, — האָט ער געלערנט טייטש זיין טאָכטער, — זיי גוט צו אים, צום דאָקטאָר, און וועסט האָבן אַ מאַן, אַז אַלע וועלן דיך מקנא זיין . . .

אָבער ראָוז איז ניט געווען גוט צו דאָקטאָר סטאָון, ווי איר פֿאָטער האָט זי געלערנט. זי האָט זיך פֿלינק אַרויסגעדרייט פֿון די הענט יעדעס מאָל וואָס דער דאָקטאָר האָט זי געוואָלט פֿאַרנאַרן צו די ליבע־סאָפּקעלעך. זי האָט בעסער געוואָלט זיצן ביי דער פּיאַנאָ און אויסשפּילן די נייעסטע ראָמאַנסן, צו־זינגענדיק מיט אַ פֿאַרליבט לירישן סאָפּראַנדל.

דאָקטאָר סטאָון איז ניט אָנגעשטאַנען, וואָס דאָס מיידל ווייזט אים ניט אַרויס אַזוי פֿיל כבוד און ליבע, ווי ער האָט געמיינט, אַז אים קומט. ער האָט געטאָן פֿאַרשידענעס, אַבי צו באַהערשן דאָס קוועקזילבערדיקע מיידל, וואָס גליטשט זיך אים פֿון די הענט אַרויס. צוערשט האָט ער געפּרואווט אָנוואַרפֿן אויף איר אַ מורא מיט זיין וויכטיקייט און געלערנטקייט. ער האָט איר אויס־דערציילט אַלע שווערע פֿאַלן וועגן קראַנקייטן און אָפּעראַציעס פֿון זיין האָספּיטאַל, אין וועלכן ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין סאַמע אויבן־אָן. ער האָט אָנגענומען זייער אַ וויכטיקע פּראָפֿעסאָרישע מינע פֿאַרן מיידל און געשאָטן מיט מעדיציניש טערמינען און לאַטייניש ווערטער. אָבער ראָוז האָט זיך דערמיט ניט איבערגענומען און בעסער געוואָלט אויסשפּילן ראָ־מאַנסן.

— „דאָק, סטאָפּ איט", — האָט זי אים איבערגעריסן, — איך האָב פֿיינט צו הערן פֿון קראַנקייטן... איך האָב ליב פֿריילעכקייט...

האָט דאָקטאָר סטאָון אָוועקגעוואָרפֿן זיין געלערנטקייט און גענומען אין דער אַרבעט אַריין זיין צינגל, דאָס שאַרפֿע און גלאַטיקע, וואָס קען אַ וועלט די ציין פֿאַרדרייען. אין האָספּיטאַל זיינעם האָט ער פֿון די דאָקטוירים אַ וועלט מיט וויצן געהערט, וויצן ניט קיין איבעריק אָנשטענדיקע, אָבער זייער פֿריילעכע, פֿון וועלכע די פֿלעגערינס האָב זיך געהאַלטן ביי די זייטן פֿון געלעכטער. אָט די וויצן האָט ער מיט גרויס בריהשאַפֿט איבערדערציילט פֿאַר ראָוזן, אָנגעבנדיק פֿיל פֿון זיי אין זיין אייגענעם נאָמען, זיי זאָלן אַרויס־רופֿן פֿאַר אים באַוואונדערונג. דאָס מיידל האָט געקוואָלן, געלאַכט אויפֿן גאַנצן קול. אָבער אַז דאָקטאָר סטאָון האָט דערוויַיל פּרובירט זי אַרומנעמען מער ווי ביי דער טאַליע, איז זי אין מיטן געלעכטער געוואָרן וואַך און זיך פֿלינק פֿון אים אַרויסגעגליטשט.

— „סטאָפּ איט, דאָק!" — האָט זי זיך געבייזערט, — כ׳גליך עס ניט...

דאָקטאָר סטאָון האָט זיך פֿאַרן מיידל געפּוצט אין עסיק און אין האָניק. כאָטש ער האָט נאָך דערוויַיל ווייניק פֿאַרדינט אין האָספּיטאַל, האָט ער זיך געקליידט אין די בעסטע פֿירמעס. זיינע קראַוואַטן זיינען געווען פֿון טייערסטן זייד. די טיכעלעך פֿון די אויבערשטע קעשענעס האָבן ביי אים עלעגאַנט אַרויסגעקוקט אין אַלע קאָסטיומען. אָוועקזעצנדיק זיך מיט פֿאַרלייגטע פֿיס

אויף אַ ווייכער שטול, האָט ער זייער געשיקט פּאַרהויבן דעם אויסגעפּרעסטן קנייטש פון זיינע הויזן, באַוויזנדיק זיינע דינע פיס אין די בעסטע זיידענע זאָקן. אויך האָט ער געלערנט זיך אַלע נייע טענץ, אַזוי, אַז צו יעדער צייט זאָל ער קענען נעמען דאָס מיידל פאַר דער טאַליע און אַוועקגיין מיט איר אַ טאַנץ איבערן זאַל, ביי דער מוזיק פון דער ראַדיאָ. אָבער דאָס מיידל איז ניט נתפּעל געוואָרן פון אַלע זיינע מעלות און ניט געוואָלט אים פאַרגעטערן, ווי ער האָט שטאַרק חשק געהאַט דערצו.

צי איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס ראָוז האָט שוין צופיל געזען, אַז ער מיינט ניט אַזוי זי אַליין, ווי דעם טאַטן אירן, דעם גביר; צי דערפאַר, וואָס זי אַליין איז געווען אַ קליינס, אַ שוואַרצס אַ רירעוודיקס, האָט זי ניט ליב געהאַט אַ מאַן, וואָס איז קליין, שוואַרץ און רירעוודיק, ווי זי אַליין. צי אפשר איז עס גאָר געווען דערפאַר, וואָס ביי זיין גאַנצער עלעגאַנץ איז דער דאָקטאָר סטאָון געווען קאָמיש מיט זיין אויסזען. דער קאָפּ זיינער איז געווען ניט לויט זיין פיגור, אַביסל צו שווער און צו וויכטיק. די געדיכטע שטאַרק־שוואַרצע ברעמען זיינע, די שמאָלע שוואַרצע וואָנצעלעך, די היפּשע געבויגענע נאָז און מער פון אַלץ די שאַרף־געצייכנטע ליניעס און קנייטשן אַרום זיין מויל זיינען געווען צו פעסט פאַר דעם קליינעם גופל. נאָך פרעמדער איז געווען די שטימע זיינע, אַ דיקע און אַ באַסיקע, וואָס איז געווען אַן איבעראַשונג, ווען זי איז געקומען פון אַזאַ קליין־געוויקסיקן מאַן. מעגלעך גאָר, אַז שולדיק אין דעם אַלעם זיינען געווען זיינע הענט, שמאָלע, דאַרע, אָבער זייער באַוואָק־סענע, ווי ביי אַ חיהלע. די בינטלעך שוואַרצע האָר זיינען געוואַקסן אויף די פינגער, נאָך מער אויף דעם שמאָלן ביין, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון דעם שטייף־אָנגעקראָכמאַלעטן מאַנקעט פון העמד. עפּעס גיריקס איז געלעגן אין די האָריקע, בלאַסע, דאַרע הענט פון דר. סטאָון. יעדער מאָל ווען ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו ראָוזעס טאַליע, וועלנדיק זי אַרומנעמען, האָט איר אַן עקל אָנגעכאַפּט. עפּעס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אַ האָריק לאַפּקעלע פון אַ קליין מיאוס מאַלפּעלע שטרעקט זיך צו איר.

וואָס עס זאָל ניט האָבן געווען די סיבה, די קליינע, פלינקע ראָוז האָט אים ניט גערן געהאַט, דעם דאָקטאָר סטאָון, וואָס די עלטערן אירע זיינען אויסגעגאַנגען פאַר אים. אַ קאָכעדיקע, אַ קוועקזילבערדיקע און אַ פאַנטאַ־זיאָרקע דערצו, האָט זי געוואַרט אויף אַ ליבע אַ הייסע, אַן אויסערגעוויינלעכע און אַן אַוואַנטוריסטישע, אַזוי ווי מען זעט עס אין די מואוויס. טאָקע דער־פאַר, וואָס זי איז געווען אַזוי קליין און שוואַרץ און פעפּערדיק, האָט זי תמיד אַרויפגעריסן די אויגן צו יונגען הויכע, שטאַרקע און הפקרדיקע. ווי אַלע מיידלעך אין אירע יאָרן, האָט זי געהאַט איר ליבלינג צווישן די פילם אַק־

טיאָרן, אַ גרויסן צעוואָקסענעם יונג, וואָס האָט שטענדיק געטראָגן אַ סוועטער, האָט געפּייפט אויף דער וועלט און אָפּגעטאָן שפּיצלעך אַלע פיינע לייט און אַנגעבלאָזענע אַריסטאָקראַטן. אויך איז ער געווען גראָב צו מיידלעך, וועלכע האָבן אים דערפאַר געליבט. אויף וועלכן בחור זי האָט געקוקט, האָט זי געזוכט אין אים אַן ענלעכקייט צו איר ליבלינג פון פילם. אָבער זי האָט עס ניט געפונען. צום ווינציקסטן האָט זי עס געפונען אין דר. סטאָון.

דערזען האָט זי עס אין דזשאָרדזשין פון ערשטן בליק גלייך.

געטראָפן האָבן זיי זיך צופעליק אין אַ הייסן זומער־אָוונט אין אַ רעסטאָראַן ביים ברעג ים. ראָוז מיט אַ חברטע אירער זיינען געזעסן ביי אַ טישל אויף דער טעראַסע צום ים און צוגעקוקט זיך צו די טענץ פון די פּאָרלעך. דער פּלאַץ איז געווען פון די בעסערע, וואו די מענער זיינען געווען אָנגעטאָן אין ווייסע קאָסטיומען און די פרויען שטאַרק אויסגעפּוצט. ראָוז האָט שטאַרק חשק געהאַט צו טאַנצן, זי האָט ניט געהאַט קיין קאַוואַליער, האָט זי איינ־געלאַדן איר חברטע צו אַ טאַנץ. ווי יעדער מאָל, ווען מיידלעך טאַנצן צו־זאַמען, האָבן די צוויי מיידלעך אין רעסטאָראַן דערביי איבערגעטריבן גע־לאַכט, כדי צו ווייזן די מענער ,אַז נישקשה, מיידלעך מיט זיך אַליין קענען אויך גוט פאַרברענגען און מען דאַרף אויף זיי קיין רחמנות ניט האָבן. פּלוצלונג האָט צווישן אַלע טאַנצנדיקע אויסגעפּוצטע פּאָרלעך דורכגעשאַרט זיך אַ הויכער, צעוואָקסענער יונג אין א פּאָר ברייטע הויזן און אין אַ סוועטער און ראָוזן פון איר חברטע צוגענומען.

— קאַם־אָן, טוץ!״ — האָט דער יונג גראָב געזאָגט און זי מיט כוח אַ נעם געטאָן אין די הענט צום טאַנץ — מיין נאָמען איז דזשאָרדזשי.

ראָוז איז געבליבן צעטומלט פאַר איבערראַשונג און פאַרדרוס. זי האָט פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הייך, כדי אָנצוקוקן דעם, וואָס זי דאַרף זידלען. אָבער אין דעם אויגנבליק האָט זי דערזען אין אים איר חלום. פונקט אַזוי האָט אויסגעזען דער ליבלינג אירער אין פילם. אַפילו די הויזן און דער סוועטער דער אייגענער. דער יונג האָט זי דערביי שנעל אַ נעם געטאָן פאַר דער טאַליע און גיך געלאָזט זיך איבער דער טעראַסע, מאַכנדיק אַלערליי ווילדע פיגורן און שפּרייזן, צופייפנדיק הויך צו דער מוזיק, אַזוי, אַז אַלע האָבן זיך אומגעקוקט.

און זי האָט פאַרגעסן, ראָוז, אַז זי דאַרף זידלען דעם יונג, פאַרגעסן אין איר חברטע, וואָס איז געבליבן איינע אַליין אין מיטן טאַנצן.

נאָך דר. סטאָונס הענט האָט זי צום ערשטן מאָל דערפילט אַ מענלעכע האַנט אַרום זיך. אַ גרויסע, אַ קרעפטיקע און אַ הערשנדיקע. זי האָט אָנ־געשפּאַרט איר קאָפּ אין יונגס ברוסט, צו וועלכער זי האָט קוים דערגרייכט,

און אונטערטעניק געלאָזט זיך פירן פון אים, נאָכגייענדיק אַלע זיינע משוגענע פיגורן און אומגעלומפּערטע שפּרייזן.

ווען זיי האָבן זיך צוגעזעצט צום טישל, איז שוין איר חברטע ניט געווען. ראָוז האָט זיך געפילט געקרענקט צוליב איר ברוגזער חברטע. דער יונג אין סוועטער האָט געלאַכט דערפון, אויף אַלע גרויסע ציין.

— „דזשאָנק", — האָט ער געענטפערט אויף דער מיידלס זאָרגן און מיט איין צי אויסגעזופּט דאָס גלאָז ארענדזש זאַפט, וואָס איז געבליבן אומגע־רירט נאָך דעם אַוועקגייענדיקן ברוגזן מיידל.

אין זעלבן אָוונט האָט דער יונג אין סוועטער גענומען ראָוזן אויף אַ רייזע איבער אַלע הוידעלקעס, גליטש־באַנען, שיפלעך, שווינדל־טרעפּ און אַלערליי אַנדערע טרייסל־וועגעלעך, וואָס שאָקלען די נשמה אַרויס. ראָוז האָט געשריגן, געקוויטשעט, געבעטן זיך ביי דעם יונג, ער זאָל זי אַרויסלאָזן, ווייל זי וועט חלשן, אָבער דער יונג האָט געלאַכט און זי פון די הענט ניט אַרויסגעלאָזט. ווי אַלע מאַטראָזן און הפקר־יונגען, האָט ער זי געדריקט פעסט צו זיך, אַרומגענומען זי פאַר אַלעמען אין די אויגן און געקושט איר גלייך אין די ליפּן.

זי האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך, געשריגן אַז זי האָסט אים, און אַז מער וועט זי אים פאַר די אויגן ניט זען. אָבער דער יונג האָט געלאַכט, גע־ברומט: „דזשאָנק", און געזאָגט, אַז זי וועט אים ווידער טרעפן, ביים סאָבוועי לעבן דער אינזשיניערן שול, ווען ער גייט צוריק. און זי האָט אים געטראָפן דאָרט, פּונקט צו דער מינוט, ווען ער האָט איר אָנגעזאָגט צו זיין.

פון דאַמאָלט אָן האָבן זיי זיך אָפּט געטראָפן. זי, אויסגעפּוצט לויט דער סאַמע לעצטער מאָדע, און ער אין די ברייטע סאַמעטענע הויזן און אין סוועטער מיטן נאָמען דזשאָרדזשי אויף דער ברוסט און אויף די פּלייצעס.

ווען איינמאָל איז ראָוז געקומען צום סאָבוועי אַ בלאַסע און דערשראָקענע און אַריינגעוויינט אין דזשאָרדזשיס סוועטער אַריין, אויפן סאַמע אויסגענייטן נאָמען, אַז זי איז אומגליקלעך, אַז זי וועט דאַרפן זיך אין ים אַריינוואַרפן, און אַז די עלטערן וועלן זי פון שטוב אַרויסטרייבן, האָט דזשאָרדזשי קיין אַנדער ענטפער ניט געהאַט ווי אַ הילכיק, רוי און ווילד געלעכטער.

— דו לאַכסט? — האָט ראָוז געפרעגט אַ דערשראָקענע, און אין איר האַרץ האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן.

— „שור, טוץ", — האָט דער יונג געזאָגט און זיך נאָך שטאַרקער פאַנאַנדערגעלאַכט.

ראָוז האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די קני, ווי די שלעסער וואָלטן אין זיי לויז געוואָרן. אין איין רגע האָט זי דערפילט, אַז אירע טאַטע־מאַמע

זיינען געווען גערעכט, וואָרנדיק זי אַזוי שטענדיק קעגן הפקר־יונגען. זי האָט געקוקט אויף דעם צעוואַקסענעם יונג מיט אַ פּלוצלונגדיקן האַס.

— לאָך נישט, נאַר! — האָט זי געשריגן, — איך גיי האָבן אַ בייבי, פאַרשטייסט, אַ בייבי!

דער יונג האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכן.

— „אָקעי״, — האָט ער געזאָגט, — אַ בייבי איז אַ בייבי.

ראָוז האָט געעפנט די אויגן טאָפּלט גרעסער ווי שטענדיק.

— אָבער מיר זיינען ניט מאַן־און־ווייב! — האָט זי געשריגן היסטעריש, פאַרגעסנדיק גאָר, אַז מענטשן קענען זי הערן.

— „דזשאַנק״, — האָט דזשאָרדזשי געענטפערט, — מיר קענען עס זיין.

אויף ראָוזעס פאַרוויינטע אויגן האָט אַ גליקלעכער שמייכל זיך אויסגעלייגט, כאָטש זי האָט דעם יונג ניט געגלייבט. דזשאָרדזשי האָט זי אָנגענומען מיט זיין גרויסער רויט־האָריקער האַנט און געפירט מיט זיך.

— האָסט עפּעס געלט? — האָט ער געפרעגט, — גיב עס מיר. איך האָב בלויז אַ ניקל אויף דער סאַבוויי, און מען דאַרף צאָלן פאַר די לאַיסנס . . .

אַ דערשראָקענע, אַן איבעראַשטע, אַ גליקלעכע און אומרואיקע גלייכצייטיק, האָט ראָוז נאָכגעטענצלט מיט דריבנע טריטלעך נאָך דעם יונגס גרויסע שפּאַנען און געטוליעט זיך צו זיין סוועטער.

אין די ברייטע צעקנייטשטע סאַמעטענע הויזן, אין אויסגעוואַקסענעם סוועטער, אויסגעריבן אין די עלנבויגנס, האָט דזשאָרדזש וועוריק געשוואוירן פאַרן גענעצדיקן באַאמטן, דעם מסדר־קדושין, אַז ער וועט זיין אַ געטרייער מאַן צו זיין ווייב ראָוז באַקאַליינִיק, אין גוטן ווי אין שלעכטן.

גלייך צומאָרגנס האָט ער אָוועקגעוואָרפן די ביכער, צייכענונגען און צירקלען, וואָס ער האָט עטלעכע יאָר געשלעפּט יעדן טאָג אין זיין צעריסענעם פּאָרטפעל, כאָטש ער האָט נאָך געהאַט איין יאָר צו ענדיקן אויף אינזשיניער, און אַרומגעפירט זיך ביי די הענט מיט זיין קליין ווייבעלע.

— האַלאָ, — האָט ער אָפּגעהאַלטן יעדן באַקאַנטן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין גאַס, און פאַרגעשטעלט זיין ווייבל, — דאָס איז מיין ראָוז . . . קענסט אונדז גראַטולירן . . .

ראָוז איז געווען דערשראָקן פון דעם, וואָס עס איז געשען. גענוג האָט איר דזשאָרדזשי געמוזט איינריידן, זי זאָל מיטגיין מיט אים צו זיין טאַטע־מאַמע אין קעלער. דער יונג האָט זי מיט כוח אַריינגעפירט. נאָך דעם חלק, וואָס זי האָט געכאַפּט פון דעם שווער אירן, דעם פאַרשטויבטן ייד אַרום אַלטן אייזן, האָט זי געציטערט אַריינצופירן דעם מאַן אירן אין אירע עלטערנס דייכער הויז. כאָטש זי איז געווען אַ בת־יחידה, האָט זי געוואוסט, אַז דער

טאַטע אירער וועט איר די בושה, וואָס זי האָט אים אָנגעטאָן, ניט מוחל זיין. זי האָט אים גוט געקענט, דעם טאַטן אירן. געגנוג האָט אים געקאָסט ביז ער איז געוואָרן פּרעזידענט פון דער שול, אַ לייטישער באַלעבאָס, און ער וועט שפּרינגען פון דער הויט, וואָס אַנשטאָט אַן איידעם אַ דאָקטאָר און אַ מחותן אַ רעווערענד, וועט זי אים ברענגען אַ יונג אַ לײַדיקגייער, אַ זון פון אַ דזשאַנק־דילער פון דער איסט־סאַיד.

מיט אַלע ווייבערישע קונצן, וואָס נאָר זי האָט פאַרמאָגט, האָט זי געגריט דזשאָרדזשין צו זיין שווערער באַגעגעניש אין איר הויז. זי האָט אים געפּוצט און געפּאָלירט, געטאָן אַלץ אין דער וועלט, עס זאָל אַראָפּ פון אים דאָס הפקרות. אָבער קיין זאַך אין דער וועלט האָט אים ניט געקענט ענדערן. דער אויסגעוואָקסענער קאָסטיום, וואָס האָט שיר ניט געפּלאַצט אויף זיין צעוואָקסענקייט, דאָס העמד מיטן קראַוואַט, אַפילו דער העלער הוט און די געלע שיך האָבן פאַר קיין גראָשן לייטישקייט ניט צוגעגעבן דעם רויט־האָריקן צעוואָקסענעם יונג, וואָס איז געוואוינט געווען תמיד צו ברייטע סאַמעטענע הויזן און אַ סוועטער. דורך אַלע קליידער האָט אַרויסגעקוקט דער הפקר־יונג.

מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ, מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן איז ראָוז אַרויף מיט דזשאָרדזשן צו איר היים.

— דזשאָרדזשי, — האָט זי אים געבעטן, — זיי גוט צו מיין פּאַ . . . איך האָב מורא . . .

דזשאָרדזשי איז געווען רואיק ווי שטענדיק און געלאַכט מיט אַ פול געלעכטער.

— האַלאָ! — האָט ער אַ פרייליכער באַגריסט דעם שווער זיינעם, אַ רויט־באַקיקן שווערן ייד מיט אַרויסגעזעצטע שוואַרצע אויגן, בולטע און קיילעכדיקע, ווי זיי וואָלטן חשק געהאַט אָט־אָט אַרויסצולויפן פון פּנים.

דער רויט־באַקיקער ייד האָט אויפגעהויבן די אויגן זיינע איבער די העכער זעקס פיס פון יונגס דערוואָקסנקייט. ער האָט אים באַטראַכט פון דער פייערדיקער רויטער טשופּרינע, וואָס פאַלט אים שקאַציש אין די אויגן, ביז די לאַכנדיקע גרויסע ציין, ביז דעם ענגען קאָסטיום און די גרויסע געלע שיך . . .

— דאָס איז דזשאָרדזשי . . . דזשאָרדזשי, — האָט ראָוז געמורמלט אַ פאַרציטערטע — מיין מאַן, פּאַפּאַ . . . גיב אים די האַנט . . .

אַנשטאָט אויסשטרעקן די האַנט צו זיין איידעם, ווי די טאָכטער האָט אים געבעטן, האָט דער ייד אויפגעהויבן די האַנט אין דער הייך און געוויזן צו דער טיר.

— „געט אוט! באָמ!“ — האָט ער געשריגן הייזעריק, — אַרויס פון מיין שטוב, טרעמפּ, אַרויס!

דזשאָרדזשי האָט אָנגענומען זיין ווייבל ביי אַ האַנט און גלייך ווי גאָר־ניט, אַרויס פון שטוב.

— „דזשאַנק“, — האָט ער געברומט ווי שטענדיק.

4

דזשאָרדזשי וועוריק האָט שוין צוויי יינגלעך, גרויס־געוויקסיקע און רויט־האָריקע, ווי ער אַליין, וואָס גאַנצע טעג שפּילן זיי זיך ווילד, לאַכן און מאַכן פול די גאַס מיט זיך, אָבער ער טראָגט נאָך אַלץ קורצע אויסגעוואָקסע־נע סוועטערס, פון וועלכע די לאַנגע הענט קריכן צופיל אַרויס פון די קורצע אַרבל. פּונקט אַזוי טראָגט ער אויסגענייט זיין נאָמען אויף דער ברוסט און אויף דער פּלייצע. דערביי איז דער נאָמען זיינער ניט אַ פּולער, ווי פּאַר אַ טאַטן פון קינדער פּאַסט, נאָר אַ יינגלשער. „קאָל מי דזשאָרדזשי“, שטייט אויסגענייט מיט ווייסע בוכשטאַבן אויף זיין סוועטער. דאָס זעלבע איז אָנגעשריבן אויף זיין קליין היטעלע, וואָס האָט אויך אויסגעמאָלט אַ קאָפּ פון אַ וואָלף אויף זיך. אַלע רופן אים טאַקע אַזוי, ווי דער אויפשריפט שרייבט. אָבער צום נאָמען גיט מען אים אויך צו אַ טיטול — דאָקטאָר דזשאָרדזשי, — רופט מען אים.

דאָס איז דערפאַר, וואָס דזשאָרדזשי האָט אַן אייגענעם האָספּיטאַל; אָבער ניט אַ האָספּיטאַל פאַר קראַנקע ווייבער, ווי דער טאַטע זיינער האָט געהאָפּט, נאָר אַ האָספּיטאַל פאַר קראַנקע אויטאָמאָבילן. „דזשאָרדזשיס אוי־טאָמאָביל האָספּיטאַל“ איז אָנגעשריבן איבער זיין גאַראַזש, וואָס געפינט זיך אין אַ זייטיקער גאַס, ניט ווייט פון זיין שווערס רייכע הייזער אויף דער הויפּט־גאַס. און פון אַרום און אַרום קומט מען צו אים מיט מאַשינען אויס־צוהיילן. די געפערלעכסטע קאַליקעס ברענגט מען צו אים, און ער היילט זיי אויס, דזשאָרדזשי. ער איז דער בעסטער מעכאַניקער אין דער געגנט, אַ מומחה איינער אין דער וועלט. דערצו איז ער נישט קיין באַרייסער. ער רעכנט אויף דער האָר, וואָס אים קומט פאַר אַן אָפּעראַציע, צום מייסטן קומען צו אים אָרעמע מענטשן מיט אָפּגעריבענע און צעקנייטשטע אַלטע מאַשינדלעך, וואָס קוים די נשמה האַלט זיך אין זיי. אָט די לייט האָבן אים טאַקע אַ נאָמען געגעבן דאָקטאָר.

— האַלאָ, דאָקטאָר דזשאָרדזשי! — קלאַפּט מען אים אין פּלייצע און מען איז אים מכבד מיט ביליקע ציגאַרן. — זיי אַ גוד־באָי און קוק מיר אַריין אין דער מאַשינקע, זי איז קראַנק. זע, וואָס איז דער מער, דאָק . . .

דזשאָרדזשי שטעקט אַריין דעם רויטן קאָפּ מיטן קליינעם היטעלע אין מאָטאָר אַריין, פּאַרציט ערנסט דעם שטערן אין אַ סך קנייטשן, שפּיצט אָן די אויערן, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צום האַרץ פון אַ חולה־מסוכן.

כאָטש ער האָט אַ שוואַרצן אין זיין האָספּיטאַל, אַ העלפּער אין דער אַר־בעט, געטרויט ער אים אָבער ניט צוצוגיין צו אַ קראַנקער מאַשין. ער ווייסט וואָסערע פוילענצער און פּאַרטאַטשעס עס זיינען דאָ צווישן די גאַראַזש־מענטשן. זיי האָבן ליב אָפּצופּטרן, מאַכן שלעכטע אַרבעט, און ער קען עס ניטליידן. ביי דזשאָרדזשין איז אַ מאַשין ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש. אַן ערנסטער, ווי אַ דאָקטאָר צו אַ קראַנקן מענטש, אַזוי הערט ער זיך צו צו יעדער קראַנקער מאַשין, וואָס מען ברענגט אים. ער איז ניט יוצא בלויז מיט אַ לייכטן קוק, ווי אַנדערע אין זיין פאַך; ער באַטראַכט יעדער רערעלע, שריי־פעלע און קישקעלע, ער הערט זיך גוט איין צו יעדן אָטעם פון מאָטאָר, ווי אַזוי ער אַרבעט, ווי ריין ער אַרבעט; ער צענעמט יעדער טייל, קלערט נאָך און זוכט אויס יעדן פעלער. און נאָך אַ גרויסן שווייגנדיקן ישוב, זאָגט ער אַרויס זיין מיין צו די וואַרטנדיקע מענטשן, די באַלעבאַטים פון דער קראַנקער מאַשין. פּונקט אַזוי איז ער זיך גוט מיישב ביים אויסרעכענען דעם געניויסטן לוין, וואָס אים קומט פאַר זיין אָפּעראַציע. קיין סענט נעמט ער ניט מער ווי מען דאַרף פאַר זיין אַרבעט.

— נישט ווייניקער ווי אַ באָק מיט אַ קוואָדער, באָדי, — זאָגט ער ענדלעך נאָך אַ לאַנגן טראַכטן, אָפּווישנדיק אין די אָוועראָלס די פאַרשמירטע רויט־האָריקע הענט.

די מענטשן דינגען זיך ניט מיט אים. מען ווייסט, אַז אויב דזשאָרדזשי זאָגט אַ פּרייז, איז עס אַ מציאה, וואָס מען וועט ערגעץ אַנדערש ניט קריגן פאַר דריי מאָל אַזוי פיל; און די אַרבעט, ווייסט מען, וועט אויך זיין אַ גוטע, די בעסטע וואָס קען נאָר זיין, מען קען דזשאָרדזשין אַרום און אַרום. מען ווייסט, אַז דזשאָרדזשי וועט ניט איינריידן מעשיות און אויסרעכענען טיילן, וועלכע מען דאַרף געאַרניט, ווי אַ סך טוען עס, כדי צו מאַכן אַ לייכטן טאָלער. מען ווייסט, אַז דזשאָרדזשי וועט אַפילו ניט אָפּנאַרן אַ גרינעם טרייבער, אויב ער וועט קומען צו אים אַן אומבאַהאָלפענער. ער נעמט ניט אויף זיכער די גרינע טרייבערס, כאָטש זיי וויסן גאָרניט אין מאַשינען און מען קען זיי איינריידן אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז.

— „דזשאָנק", — זאָגט דזשאָרדזשי צו אַזאַ גרינעם טרייבער, — דיין מאַשין איז געזונט, מען דאַרף נאָר וויסן ווי אַזוי מיט איר אומצוגיין . . .

און ווען דער גרינער פאַרשעמט זיך פאַר זיין עם־הארצות און פרעגט,

וואָס עס קומט פאַר אַן עצה, מאַכט דזשאָרדזשי אַוועק מיט זיין גרויסער רויט־האָריקער האַנט און נעמט זיך צו אַן ערנסטער קראַנקער מאַשין.

— קויף מיר אַ ציגאַר פאַר אַ ניקל, — ברומט ער, — און אָקעי . . .

ראָוז, זיין ווייב, איז ניט צופרידן מיט דזשאָרדזשיס פירן די ביזנעס. כאָטש ער אַרבעט טאָג און נאַכט, גייט גאָרניט אַרויס פון זיין גאַראַזש, מאַכט ער קוים אַן אָרעם לעבן. און ווען ניט דער טאַטע אירער, וואָס העלפט איר אַרויס מיט געלט, וואָלט זי ניט געקענט פירן קיין לייטישע שטוב.

— ביזט אַ נאַר, אַ גרויסער אומגעלומפּערטער אָקס, — זאָגט זי צו אים יעדער מאָל, ווען ער קומט אַהיים און גיט איר אַוועק אַלע צעקנייטשטע און אויסגעשמירטע באַנק־נאָטן, וואָס ער שלעפּט פון די קעשענעס פון די אָוועראָלס, ביזן לעצטן. —דו אַרבעטסט ווי אַ פערד און פאַרדינסט אַ קרענק.

דזשאָרדזשי ציט אַראָפּ פון זיך די אָוועראָלס, טוט אויס דאָס היטעלע מיטן אויסגעמאָלטן וואָלפן־קאָפּ און וואַשט אין באָד־צימער די הענט, וואָס זיינען איינגעגעסן מיט אויל, גאַזאָלין און שמוץ. ער ענטפערט ניט קיין איין וואָרט אויף ראָוזעס טענות. ער האָט ניט וואָס צו ענטפערן. ראָוזן פאַרדריסט יעדער מאָל אויף ס'ניי זיין שווייגן. זי איז אַליין אַ באַריידעוודיקע, אַ קוועק־זילבערדיקע; איר קליין מיילעכל, שטאַרק רויט אָנגעשמירט, איז באַוועגלעך, רירעוודיק און פאַרמאַכט זיך גאָרניט. קיין זאַך פאַרדריסט זי ניט אַזוי ווי אַז מען שוויגט, ווען זי רעדט.

— וויפיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, זאָלסט ניט קומען אין שטוב אַריין מיט די אָוועראָלס! — בייזערט זי זיך — איך קען ניט פאַרטראָגן דעם גערוך פון אויל און געזאָלין. עס מאַכט מיך קראַנק.

דזשאָרדזשי ציט אויס די ביינער נאָך די לאַנגע שעהן אַרבעטן און עפנט דעם אייז־באָקס, צו זען וואָס עס איז דאָרט דאָ צו עסן. זי גרייט אים ניט שטענדיק צו דאָס עסן, ראָוז. כאָטש זי איז שוין עטלעכע יאָר פאַר זיך, האָט זי זיך נאָך אַלץ ניט צוגעוואוינט צו קיין אַרבעט. זי ווערט באַלד מיד פון אַרבעט. אויך וויל זי זיך ניט אַ תל מאַכן פון די הענט. די הענט זיינען שטענדיק ביי איר געווען די שענסטע פון איר גאַנצן קערפּער. אַלע מענער האָבן עס איר געזאָגט, און זאָגן עס איר נאָך איצט אויך. און זי וויל ניט פּטרן אירע שיינע הענט ביי די טעפּ און וואַשן טעלערס. נישקשה, דזשאָרדזשי האָט גרויסע געזונטע לאַפּעס, וואָס זיינען געוואוינט צו שווערער אַרבעט, און ער מעג אַליין קאָכן און וואַשן. דער רוח וועט אים ניט נעמען.

דזשאָרדזשי פילט ביי זיך, אַז נאָך די שווערע שעהן אַרבעט אין גאַ־ראַדזש וואָלט ער געמעגט האָבן דעם פאַרגעניגן, ער זאָל קומען צו אַ גרייטן טיש, ניט אַליין זוכן אין אייז־באָקס שפּייז און פאַרקען זיך ביי דער קיך.

אָבער ער וויל ניט מאַכן קיין טענות דערפֿון. ער האָט מורא פֿאַר זיין קליין ווייבעלע, מער פֿון אַלץ פֿאַר איר מיילעכל פֿאַר די שטאַרק אָנגעפּאַרבטע רויטע ליפּעלעך, וואָס אַז זיי הייבן אָן צו ריידן, האָבן טענות און קלאָגן זיך, קענען זיי זיך שוין מער ניט פֿאַרמאַכן. דזשאָרדזשי ווייסט גאַרניט פֿון וואַנען עס נעמט זיך אַזאַ כוח צו אָט דעם קליינעם מיילעכל. ווי אַ מילכל מאַלט עס, גיך, גיך, גאַרניט צו דעריאָגן. און ער שוויגט בעסער און גרייט זיך אַליין צו עסן. ער בייסט גרויסע ביסן פֿון ברויט, שלינגט מיט אַ שטאַרקן אַפּעטיט די לעפּל עסן, וואָס ער האָט זיך אַליין אָפּגעקאָכט; אָבער ראָוז איז נאָך אַלץ ניט צופֿרידן.

— איך וויל ניט זאָלסט מיר צוקומען צום הויז מיט דיין צעבראָכענער מאַשינקע! — כעסט זי זיך — עס איז מיר אַ חרפּה פֿאַר די שכנים.

דזשאָרדזשי קוקט זי אָן מיט גרויסע גרינע אויגן. ער ווייסט ניט, וואָס זי האָט צו זיין מאַשינקע. די מאַשינקע, כאָטש ער האָט זי אָפּגעקויפֿט פֿאַר אַ פֿינף־און־צוואַנציקער אינגאַנצן, האָט ער זי אַזוי אויסגעשטאַט, אַז זי לויפֿט ווי אַ רוח. די בעסטע מאַשינען יאָגט ער איבער מיט איר, און ער וואָלט זי איצט פֿאַר קיין הונדערטער ניט אַוועקגעגעבן, אַזויפֿיל אַרבעט האָט ער אין איר אַריינגעלייגט. אמת, זי איז ניט שיין זי איז אָפּגעריבן, צעקנייטשט און פֿאַרראָסט: אָבער דאָס איז אַלץ פֿון דרויסן. דער מאָטאָר אירער איז ווי ניי, און די הויפּט־זאַך ביי אַ מאַשין איז דאָך דער מאָטאָר, ווי אַ האַרץ ביי אַ מענטש. אָבער ראָוז האָט אַן אַנדער מיינונג אין די זאַכן. ביי איר, זאָגט זי, איז דער עיקר די אויסערלעכקייט. דאָס פּנים פֿלאַמט איר פֿאַר חרפּה, ווען ער שטעלט זיך אָפּ פֿאַרן טויער מיט זיין אָפּגעריבענער, קבצנישער מאַשינקע, וואָס פּאַסט פֿאַר מיסט־פֿירער.

— קענסט זי ניט אָפּפֿאַרבן, אַמווייניקסטנס? — פֿרעגט זי אַ צאָרנדיקע.

— אָפּפֿאַרבן?

געוויס קען ער זי אָפּפֿאַרבן. וואָס קען ער ניט, דזשאָרדזשי? ניטאָ די זאַך גאָר, וואָס ער זאָל ניט קענען; אָבער ווער האָט צייט צו אַזעלכע זאַכן? אַז ער קומט אַזוי אויך נישט אויס מיטן טאָג. פֿון פֿאַרטאָג אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט ליגט ער אָפּ אין זיין האָספּיטאַל און ער קען אַלץ ניט אָפּטאָן די אַרבעט.

— אָקעי! — זאָגט ער ענדלעך, כדי איינצושטילן ביי זיין ווייבל איר מאָלנדיק מיילעכל. — איך וועל איבערבלייבן אַ נאַכט אין גאַראַזש און אָפּ־פֿאַרבן די מאַשינקע. נו, ווע‏סטו שוין זיין צופֿרידן?

אָבער זי איז ניט צופֿרידן דערמיט, ראָוז. זי זעט ערשט איצט איין, ווי גערעכט עס זיינען געווען אירע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן זי געוואָרנט קעגן

אָפּטאָן אַ נאַרעשקייט. זיי האָבן געוואָלט איר גוטס, שאַפן פאַר איר אַ לעבן אַ באַקוועמס, אַ פריילעכס; אָבער זי איז געווען נאַרעש, ווי אַ ווילדע ציג, און זיי ניט געהערט, אָנגעכאַפּט זיך אין אַ גרויסן, ווילדן, נאַרעשן יונג. זיי האָבן זי געבעטן, די עלטערן, געוואָלט איר געבן אַ גוטן דאָקטאָר פאַר אַ מאַן, אַ גרויסן נדן, אַ טייערע מאַשין קויפן, שיינע מתנות, אַפילו אַ וואוינונג האָבן זיי שוין געהאַט צוגעגרייט פאַר איר אין זייער הויז; אָבער זי האָט טאַטע־מאַמע ניט געפאָלגט, אַריינגעלאָזט זיך אין עסקים מיט אַ הפקר־יונג. איצט האָט זי אירס דערפאַר. אַנשטאָט צו זיין אַ ווייב פון אַ לייטישן מאַן, אַ דאָקטאָר, וואָס עס זאָל זיין אַ כבוד זיך צו באַווייזן מיט אים צווישן מענטשן, האָט זי אַן אויטאָמאָביל־„דאָקטאָר", אַ פאַרהאַרעוועטן גאַראַזש־יונג, אַן אויסגעשמירטן, וואָס הערט זיך מיט גאַזאָלין און אויל אויף ווי ווייט. פון די פאַרשמאַלצע־ווטע דאָלערס, וואָס ער ברענגט אַהיים האָט מען קוים אויסצוקומען אין דחקות.

זינט ער איז אַריין אין גאַראַזש דזשאַרדזשי, איז ער גאָר געוואָרן אַן אַנדערער. עס איז ניט דער אַמאָליקער דזשאַרדזשי. ניט ער לאַכט, ניט ער וויל גיין ערגעץ, ניט מען זעט אים אין שטוב. טאָג און נאַכט איז ער אין האָספּיטאַל זיינעם, שטענדיק טרעפט מען אים ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, אַרום די מאָטאָרס, אונטער די מאַשינען. ער קומט אַהיים שפּעט, ווען ראָוז שלאָפט שוין. ניט קיין רו־טאָג האָט ער, ניט קיין יום־טוב. ווי אַן אלמנה קומט אויס ראָוזן צו גיין אַליין אומעטום. מענטשן האָבן רחמנות אויף איר; און עס איז טאַקע דאָ פאַרוואָס רחמנות צו האָבן. ער איז תמיד מיד, ווען ער קומט אַהיים. און אַפילו ווען אין אים דערוועקט זיך שוין דער אַמאָליקער דזשאַרדזשי אויף אַ ווייל און ער נעמט זי אַרום מיט זיינע שטאַרקע גרויסע הענט, קען זי אים ניט פאַרטראָגן נאָענט לעבן זיך. דער גאַזאָלין מיטן אויל זיינען איינגעגעסן אין זיינע ביינער, עס איז גאַרניט זיי אַרויסצוטרייבן. עס איבלט איר דער גערוך, עס מאַכט זי קראַנק. צו די אַלע זאַכן איז ער אַזוי אַריינגעטאָן אין די מאַשינען, אַז קיין זאַך אין דער וועלט אינטערעסירט אים ניט. די מאַשינען זיינען ביי אים אַלץ, טייערער פון דער שטוב, פון ווייב. דעם טאַטן מיט דער מאַמען וואָלט ער אַוועקגעגעבן פאַר די מאַשינען. און פון דער גאַנצער אַרבעט זיינער, פאַר דער שווערער האָרעוואַניע קען ער אַפילו רעכט קיין לייטיש לעבן ניט מאַכן. ביי לייטן ביי אַזאַ אַרבעט וואָלט מען אין גאָלד געגאַנגען; מענטשן וואָלטן געטאָן די אַרבעט און אַליין וואָלט מען אַרומגעגאַנגען ליידיק, אויסגעפּוצט. דער נאַרישער דזשאַרדזשי האָרעוועט ווי דער שוואַרצער, וואָס ער האָלט. און פון זיין אַרבעט, ווען ניט די עלטערן וואָס העלפן אַרויס, וואָלט מען קיין לייטישע שטוב ניט געקענט פירן.

זי טראַכט וועגן דעם אָפּט, זיצנדיק אַליין אין איר וואוינונג, וואָס זי האָט אויסגעפּוצט מיט אַלערליי קישעלעך, צאַצקעס, קריגעלעך און פאַרביקער גלאָזוואַרג. זי האַלט איר לעבן פאַר פאַרשפּילט, אַפילו די קינדער, די צוויי יינגלעך, וואָס זי האָט, זיינען ניט קיין טרייסט אין איר פאַרשפּילט לעבן. אמת, זיי זיינען גרויסגעוואוקסיקע, די קינדער, געזונטע און לאַכעדיקע; אָבער זיי זיינען פּונקט אַזוי ווילד און אומגעצוימט ווי זייער פאָטער איז געווען, ווען זי האָט אים געזען דאָס ערשטע מאָל. זיי טומלען, שלאָגן זיך, דרייען איבער אַלע צאַצקעס און שיינע זאַכן אין שטוב, מאַכן שאָדנס, און נאָר זיי ווילן עסן, אַ גאַנצן טאָג וואָלטן זיי געגעסן. ראָוז האָט ניט קיין כוח צו זיי. זי איז צו קליין און שוואַך פאַר די מזיקים. זי קען גאָרניט געגוג אַרומגיין אַרום זיי, קאָכן פאַר זיי אַזוי פיל, וויפל זיי וואָלטן געוואָלט אַריינעסן. און זי פאַרשטופּט זיי די מיילער מיט „פראַנקפורטערס", וואָס מען קען קויפן גרייט און מען דאַרף ניט קאָכן. פּטור צו ווערן פון זיי, שיקט זי זיי אַוועק צום פאָטער, צו זיין גאַראַדזש, וואָס זיי האָבן אַזוי ליב. דאָרט קוקן זיי זיך צו צו די מאַשינען, צו די מענטשן, צום פאָטערס אַרבעט. דער פאָטער האָט זיי ליב, די צוויי רויטע יונגאַטשעס. אין מיטן דער אַרבעט באַפאַלט אים אַזאַ ליבע צו די רויט־האָריקע יונגען, אַז ער ווישט אָפּ די הענט אין די אָוועראָלס און ער הייבט זיי אויף אין דער הייך אייגעם נאָכן אַנדערן ביז איבער דעם קאָפּ.

— וואָס וועט איר זיין, באָיס אַז איר וועט עלטער ווערן? — פרעגט ער זיי, פּונקט ווי זיין פאָטער פלעגט אים פרעגן, ווען ער איז געווען אַ ייִנגל.

— אַ מעכאַניק, זאָגן ביידע מיטאַמאָל, — ווי דו, פּאָ. . . .

דזשאָרדזשי לאַכט פון נחת מיט אַלע זיינע גרויסע ציין. זיי זיינען אים ליב, אַזוי ווי ער האָט זיי ליב. ער טרייבט זיי ניט אַהיים. ער האָט ליב צו זען די צוויי רויטע קעפּעלעך, ווען ער ליגט אונטער אַ מאַשין ביי דער אַרבעט.

ראָוז פאַרברענגט דערווייל די פרייע צייט ביי אירע חברטעס, וואָס זיינען געווען קליגער פאַר איר און חתונה געהאַט מיט דאָקטוירים און לאָיערס. ווי זייערע עלטערן האָב געוואָלט. זי שפּילט אין קאָרטן, רעדט וועגן קליידער און לויפט איבער די דעפּאַרטמענט־סטאָרס איינהאַנדלען מציאות, אָדער אָנמעסטן קליידער, וואָס זי קויפט זיי גאָרניט, נאָר זי האָט בלויז הנאה פון אָנמעסטן זיי.

צום גאַראַזש קומט זי זעלטן, בלויז אַמאָל אין דער וואָך, אין זונטיק. זי קומט ניט אומזיסט. אין דעם פרייען טאָג ברענגט דאָקטאָר סטאָון זיין מאַשין צו דזשאָרדזשיס האָספּיטאַל, ער זאָל זי דורכקוקן. אמת, ער האָט אַ טייערע מאַשין, דאָקטאָר סטאָון, אַ צוויי־טויזנט דאָלערדיקע, וואָס ער האָט

געקראָגן צו דער חתונה זיינער, נאָכדעם ווי ראָוז האָט אים געלאָזט מיט אַ גאַז. אָבער עס שאַדט ניט אַפילו די בעסטע מאַשין צו לאָזן דורכקוקן פון צייט צו צייט; און יעדן זונטיק, איידער ער לאָזט זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר הינטער דער שטאָט, פאַרפאָרט ער צו דזשאָרדזשיס האָספּיטאַל און ער זאָגט מיט אַ שמייכל צו דזשאָרדזשין:

— דאַק, כ׳בין געקומען מיט אַ וויזיט . . .

יעדער מאָל אויף ס׳ניי טוט אים הנאה פון זיין וויץ, וואָס ער מאַכט.

דזשאָרדזשי באַטראַכט דעם מאָטאָר און ענטפערט כמעט תמיד דאָס אייגענע:

— אָקעי, דאַק . . . אַ גוטע מאַשין, זייער אַ גוטע . . .

דאָקטאָר סטאָון הייסט אָנגיסן גאַזאָלין, וואַסער, אָנפּאָמפּען לופט געווג אין די רעדער. ווען דזשאָרדזשי, אַ פאַרשמירטער, אַן אויסגעפּעטסטער אין אויל, גיסט אָן די גלאַנציקע מאַשין זיינע, אין וועלכער מען קען זיך שפּיגלען, כאַפּט דערוויל דער דאָקטאָר סטאָון אַ שטילן שמועס מיט זיין אַמאָליקער פריינדין, וואָס האָט אים אויסגעביטן אויף דזשאָרדזשין. ער ווייסט, אַז איר טוט באַנק דאָס, וואָס זי האָט אים פאַרביטן אויף אַן אַנדערן. הארציק באַנק טוט איר. און ער איז צופרידן דערפון.

— וועל, — זאָגט ער מיט אַ בייז שמייכעלע אונטער זיינע שווארצע וואָנ־סעלעך, — ווי גייט עס, דיר ראָוז?

— נישט אינגאַנצן געזונט, דאָקטאָר, — זאָגט ראָוז, — זינט איך האָב חתונה געהאַט, בין איך ניט די אייגענע . . . אַלע מאָל לייד איך פון עפּעס אַנדערש . . .

— הם, קום אַריין צו מיר אין אָפיס, ראָוז, — זאָגט דאָקטאָר סטאָון מיט אַ פּראָפעסאָרישן טאָן, — מיר וועלן זען, וואָס מיר קענען טאָן . . .

ווי אַלע גרויסע פּראָפעסאָרן, רעדט ער וועגן זיך אין מערצאָל.

דזשאָרדזשיווישט אַרום מיט צערטלעכקייט די טייערע מאַשין, פּוצט אויס דאָס גלאָז און דערלאַנגט דאָקטאָר סטאָון אַ רעכענונג. דאָקטאָר סטאָון באַצאָלט נאָכלעסיק פאַר אַלעם און ער וויל ניט נעמען די עטלעכע סענט אויס־גאָב, וואָס עס קומט אים.

— אָקעי, דזשאָרדזשי, — זאָגט ער הויך, אַזוי, אַז ראָוז זאָל הערן.

דזשאָרדזשי רויטלט זיך און קען ניט אָפּזאָגן.

— „טהענקס, דאַק,“ — ברומט ער, כאַטש די עטלעכע סענט בריען אים די פינגער.

דאָקטאָר סטאָון, אַ צופרידענער, אַ שטאָלצער, סיי מיט זיין טייערער מאַשין, סיי מיט זיין גוטער פּראַקטיק, וואָס ער האָט, סיי מיט זיין עלעגאַנטן

אויסזען אין פאַרגלייך מיט דעם ליבעס־קאָנקורענט זיינעם, דעם אויסגעצ־שמירטן און פאַרפעטסטן, דרייט אויס די מאַשין און פאָרט אַ שטאָלצער אַרויס.

— באַי־באַי, ראָוז, — זאָגט ער דורכן אָפענעם פענצטערל, — קום אַריין צו מיר אין אָפיס, וועלן מיר זען וואָס מיר קענען טאָן . . .

ראָוז קוקט אים נאָך און זי זיפצט שווער אָפּ צום לויטערן הימל.

— „גאָד!" — מורמלט זי און קוקט מיט האַס אויף דעם הויכן, אויסגעצוי־גענעם מאַן אירן. — ווי גוט עס וואָלט געווען אַרויסצופאָרן אַזוי הינטער דער שטאָט אויף אַ שפּאַציר. אַזאַ הערלעך וועטער . . .

— יע, הערלעך וועטער, — גיט דזשאָרדזשי צו און מייסטרעוועט ביי אַ מאָטאָר פון אַ קראַנקער מאַשין.

דער זעצנדיקער רויך פון דער שלעכט־אַרבעטנדיקער מאַשין פאַרפּעס־טעט די קלאָרקייט און פרישקייט פון דעם שיינעם הערלעכן זונטיק־טאָג.

אַ פּרעמדער

אַז די פּויערים אין דאָרף לעשנאָווקע האָבן זיך אין דער פּרי דער־וואוסט, אַז מ׳האָט ביי זייער שכן רפאל דעם מילנער אַרויסגעפירט ביי־נאַכט ביידע פערד זייגע פון שטאַל אַרויס, האָבן אַלע געלאָזט שטיין די אַרבעט אין פעלד און אַוועק צו דער מיל.

אויפן גרויסן פאַרמעליקטן הויף, איבער וועלכן היגער האָבן געפּיקט קערנער, איז די שטאַל געשטאַנען אויפגעפּראַלט. די אייזערנע שטאַבע אויף דער טיר פון שטאַל איז געווען איבערגעשניטן אויף דער העלפט. רפאל דער מילנער, אַ ברייט־ביייניקער ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד, וואָס איז פאַרוויסט פון מעל און מיט געצויגענע פלייצעס פון שלעפן זעק תבואה, האָט געקוקט מיט אומעטיקע שוואַרצע אויגן פון זיין פאַרמעלט פּנים אַרויס און באַטראַכט די צוויי געשפּאַנען, וואָס האָבן איבעריקע גע־האַנגען אויף דער וואַנט. ביילע, זיין ווייב, אַ יידענע מיט אַ הויכן בוזים, וואָס איז באַשטעקט מיט שפּילקעס און נאָדל־פאָדעם, האָט געבראָכן די הענט און געיאָמערט מיט אַ ניגון פון אַ באַווייגערקע:

— אַזאַ פּאָר ליכטיקע פערד — האָט זי נאָכגעזאָגט שבחים און גע־וויינט אין פאַרטעך אַריין — אַזאַ פּאָר טייערע לייבן.

רפאלס הונט „בורעק", אַ גרויסער ברוין־הויטיקער כלב, וואָס אַז ער פלעגט אַריין אין צאָרן, פלעגט ער איבעררייסן די קייט מיט וועלכער ער איז געווען צוגעבונדן, איז געלעגן אין מיטן הויף, אַ דערשטיקטער, מיט אַ לאַנגער בלויער צונג אַרויסגעשטעקט. פליגן האָבן געזשומעט און געדרייט זיך אין קאַראַהאָדן אַרום דער הינטישער צונג. די פּויערים האָבן מיט די שפּיץ־שטיוול צוגעגלעט די דערשראָקענע אויפגעשטעלטע האָר איבער דעם הונטס רוקן און געשאָקלט מיט די קעפּ:

— אוי, ראַפאַל, ראַפאַל, אַ שווערע עוולה איז דיר געשען — האָבן זיי אים באַדויערט.

רפאל איז געגאַנגען איבערן הויף און געזוכט סימנים פון די פערד־דישע פּאַדקאָוועס. אָבער קיין שום שפּורן זייגען נישט געווען.

— סיידן מיט כישוף זיי אַרויסגעפירט — האָבן די גויעס געמורמלט — קיין סימן פון קיין טריט נישטאָ.

— וואָס פאַר אַ כישוף? — האָט יאַן דער שמיד אָװעקגעמאַכט מיט דער פאַרקאַשערטער און אויסגעשמירטער האַנט — זיי האָבן די פיס מיט זעק אַרומגעבונדן, די הינטישע זין, און ס׳איז קיין סימן נישטאָ...

פון דאָרף זיינען אַלץ נייע פויערים אָנגעקומען. די איבערגעשניטענע אייזערנע שטאַבע, דער געהרגעטער הונט אויפן הויף האָבן געוועקט צאָרן און מורא צוזאַמען אין די פויערישע הערצער:

— שניידן לעבעדיקע פּאַסן דאַרף מען פון די גנבים — האָבן רויע קולות זיך געהערט.

— און דערנאָך באַשיטן מיט זאַלץ — האָבן אַנדערע צוגעגעבן.

זיי זיינען געווען אויסער זיך פון צאָרן, רפאל דעם מילנערס שכנים.

ערשטנס, איז רפאל געווען אַן אייגענער אין דאָרף. ניט נאָר ער אַליין, נאָר אפילו דער פאָטער זיינער איז געבאָרן געוואָרן אין ליעשנאָוועקע. אַלטע פויערים האָבן נאָך אפילו זיין זיידן געדענקט, ווען ער איז געווען אַ פּאַכטער ביים פּריץ אין הויף. אויך האָט ער זיך געפירט ווי די פויערים אין דאָרף, רפאל, גאָר ווי קיין ייד נישט. נישט ער האָט אַ קרעמל געהאַלטן, נישט ער האָט זאַכן אויפגעקויפט. צוגלייך מיט אַלע ליעשנאָוועקער באַלעבאַטים האָט ער אַליין באַאַרבעט די ערד זיינע, האָט האָלץ פון וואַלד געפירט, בהמות געהאַדעוועט. צוגלייך מיט די פויערטעס אין דאָרף האָט ביילע זיין ווייב געגראָבן קאַרטאָפל, געמאָלקן די קי, און אויף יעדן יאַריד אין שטעטל געפאָרן צו פאַרקויפן געגנדז, הינער און אייער. אין דער אַלטער ווינט־מיל זיינער, האָבן אַלע פויערים פון אַרום געמאָלן זייער קאָרן. רפאלס וואָג, האָט מען געוואוסט, איז אַ פּינקטלעכע, מען קען זיך אויף איר פאַרלאָזן. אחוץ דעם וואָס ער האָט ניט דערמאָנט אין רעדן די הייליקע מוטער, יעזוס־קריסטוס און זיינע הייליקע וואונדן, האָט ער גערעדט פּויליש מיט אַלע פויערים גלייך. און אפילו אין כוחות איז ער נישט אָפּגעשטאַנען פון די שטאַרקסטע באַלעבאַטים אין דאָרף. זייער גרינג איז ער מיט אַ „קאָרץ״ תבואה געגאַנגען איבער די שמאָלע טרעפּ פון זיין מיל. זיי האָבן אים דערפאַר פאַר אַן אייגענעם געהאַלטן, פאַר אַ ליעשנאָוועקער, און זיי האָבן זיך עוולה געפילט ווי זייערס אַן אייגענע.

צווייטנס, זיינען זיי אומרואיק געווען פאַר זיך אַליין. דער איינציקער

אין דאָרף, וואָס האָט געהאַט אַן אייזערנע שטאַבע איבער דער טיר פון זיין שטאַל, איז געווען רפאל דער מילנער. אויך אַ הונט האָט ער געהאַט אַ גרעסערן און בייזערן פון אַלע אַנדערע שכנים אין דאָרף. אויב מען האָט פון זיין שטאַל געקאָנט די פערד אַרויספירן, איז שוין דאָס דאָרף הפקר, איז קיינער מיט זיין פערדל נישט זיכער.

תחילת האָבן פויערים גענומען טענהן, אַז דאָס האָבן ציגיינער געטאָן. זיי גנבענען שטענדיק פערד, די שוואַרצע געצנדינער, און נאָר ביי זיי דאַרף מען זוכן. אָבער יאַן דער שמיד, דער חכם פון דאָרף, וואָס קען לייענען און שרייבן, האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער פאַרקאָשערטער אויסגעשמירטער האַנט:

— נאַרעשקייטן רעדט איר, מענטשן — האָט ער געזאָגט מיט ווירדע, ווי תמיד, ווען ער, דער געלערנטער, רעדט צום פּראָסטן המון — ערשטנס, האָבן שוין ציגיינער לאַנג דאָ זייערע געצעלטן נישט פאַרלייגט. צווייטנס, האָבן ציגיינער ליב צו גיין אויף אַ לייכטער גנבה. שניידן אייזערנע שטאַבעס קענען זיי ניט, און דאָס איז נישט זייער אַרבעט.

— אויב אַזוי, האָט עס יונה דער שינדער געטאָן — האָט אַן אַלט פויערל געפּרוּווט טרעפן — ער איז אַ שטאַטישער און ער ווייסט ווי אַזוי צו מייסטערעווען ביי אייזן.

יאַן האָט נאָכאַמאָל ערנסט באַטראַכט די איבערגעשניטענע שטאַבע און דעם געדאַנק וועגן יונה דעם שינדער אויך אָפּגעוואָרפן:

— יונה קען אָפּדרייען אַ שלאָס — האָט ער געזאָגט — אָבער שניידן אַ שטאַבע קען ער נישט. דערצו וואָלט יונה זיך נישט אָנגעהויבן מיט קיין הונט. אַ ייד האָט פּאַר אַ הונט מורא. באַקאַנט...

די פויערים האָבן זיך געקראַצט די קעפּ:

— ווער דען האָט עס געקאָנט טאָן? — האָבן זיי געפרעגט ביים שמיד — זאָג דו, יאַן...

יאַן האָט געלאָזן אויסגעגלעט מיט די אויסגעשמירטע פינגער ביידע בלאָנדע וואָנצעס אויף רעכטס און אויף לינקס און גערעדט געלאָזן:

— דאָס איז דעם בלינדן צעגעלעקס אַרבעט. ער איז אַמאָל אַ שמיד געווען. דערצו איז ער געזעסן אין קרימינאַל מיט שטאָטישע גנבים און זיי האָבן אים אויסגעלערנט שניידן אייזן.

— ריכטיק, יאַן — האָבן די פויערים זיך דערפרייט — דאָס איז עס טאַקע. און מיט הינט קען ער אויך אומגיין, צעגעלעק, נאָך פון די

צייטן ווען ער איז א הונט־שלעגער געווען. אזעלכע קענען דעם גרעסטן הונט בייקומען...

פון וועג איז דער עלטסטער פון דארף אנגעקומען, דער „וואיט". ער איז געגאנגען מיט געלאסענע טריט, ווי פאר אן עלטסטן פאסט. דאס בלעכל פון זיין אמט איז געווען צוגעטשעפעט צו דער ברוסט. די פויערים האבן זיך פאנאנדערגערוקט און געמאכט אים א וועג צו דער שטאל. ער האט באטראכט די ליידיקע שטאל און געלאזט הערן זיין אפי־ציעל ווארט:

— ארויסגעפירט די פערד — האט ער געזאגט פייערלעך, ווי ער וואלט א נייס אנטדעקט — און קיין צייכנס זיינען נישטא.

— מיר זיינען נישט זיכער מיט די פערד אין די שטאלן.

— מען דארף זוכן ביי צעגעלעקן.

— מ'דארף צעגעלעקן איינזעצן.

— ס'גאנצע דארף ליידט פון דעם גנב!

— לאמיר גיין צו צעגעלעקן!

— לאמיר גיין צו צעגעלעקן — האט דער „וואיט" געזאגט.

ער איז געגאנגען פריערויס. לעבן אים, יאן דער שמיד און רפאל דער מילנער. נאך זיי די פויערים, צו לעצט די ווייבער און די קינדער. פון א זייט פון דארף, אפגערוקט פון אלע הייזער, אויף א בערגל איז גע־שטאנען צעגעלעקס הייזל, אפן צו אלע ווינטן, אן איין שטיקל פלויט, אן איין ביימל. פאר דער טיר איז געשטאנען צעגעלעק און געהאקט א קרומען ווארצל פון א בוים, וואס ער האט אויסגעגראבן פון דער ערד. כאטש ער האט געזען די מענטשן דערנעענטערן זיך צו זיין הויז, האט ער נישט אומגעקוקט זיך אויף זיי און ווייטער געהאקט האלץ. ערשט ווען דער הונט זיינער האט גענומען רייסן זיך אויף דעם קייטל און מיט וויל־דער רציחה בילן אויף די אנקומענדיקע, האט ער געלאזט שטעקן די האק אין האלץ און איינגעשטילט דעם הונט.

— טשיכא, פשא יוכא! (שוויג, הינטיש בלוט) — האט ער אנגע־שריגן אויף דעם הונט און אים געווארפן א שטיקל האלץ.

די פויערים האבן זיך דערנעענטערט, אבער ניט באגריסט אים מיט דעם געוויינלעכן „זאל זיין געלויבט יעזוס כריסטוס". צעגעלעק, א קורץ־געוואוקסיקער, א שטארק־געבויטער, ווי א דעמבן־קלעצל, מיט א גרויסער גלאטער טשופרינע, וואס פאלט אים אין די אויגן אריין, האט מיט

פעסטע פיס אָנגעשפּאַרט זיך אין דער ערד און באַטראַכט די מענטשן מיט איין אויג, אַ שאַרפס, אַ דורכדרינגלעכס און אַ קלוגס. דאָס צווייטע אויג איז געווען ביי אים אַן אויסגערונענס, אַ רויט שפּעלטל בלויז. דער עולם האָט געוואַרט, ער זאָל אָנהייבן רעדן, אָבער צעגעלעק האָט געשוויגן. דער „וואַיט" האָט זיך אויסגעהוסט, כאָטש ער האָט עס נישט געדאַרפט, און אָנגעהויבן רעדן:

— צעגעלעק, מען האָט די נאַכט ביי רפאל, דעם מילנער אַרויסגעפירט די פערד פון שטאַל.

— נו? — האָט צעגעלעק אַ ברום געטאָן.

— נו, זאָגט מען, אַז דאָס איז דיין אַרבעט, צעגעלעק.

אַנשטאָט געבן אַן ענטפער, האָט צעגעלעק געלאָזן אַרויסגענומען פון אַ חזירשער בלאָז אַביסל מאַכאָרקע, ער האָט פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס, אָנגעקלאַפּט צוויי צינד־שטיינדלעך און פאַררויכערט. ערשט נאָכן פאַר־ציען אַ היפּש ביסל רויך און אַרויסלאָזנדיק עס צוריק דורך דעם מויל און דער נאָז, האָט ער עטלעכע געציילטע ווערטער אַרויסגעזייעט:

— אַז איר וועט זיי געפינען ביי מיר, קענט איר זיי נעמען.

די פויערים האָט אויפגעקאָכט זיין געלאַסנקייט:

— קיינער האָט זיי נישט גענומען, נאָר דו — האָבן זיי געשריגן — אַלע זאָגן אַזוי.

צעגעלעק האָט ווידער אַריינגעצויגן אַ היפּש ביסל רויך:

— זאָגן קען מען אויף יעדן — האָט ער גערעדט געלאַסן — אַפילו אויפן גלח אַליין. פון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן... מען דאַרף געפינען אָדער האָבן עדות.

די פויערים זיינען נאָך מער אויפגעקאָכט געוואָרן. טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט אַזוי גלאַטיק גערעדט, און זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, זיינען זיי נאָך בייזער געוואָרן. דער „וואַיט" האָט ברייט געעפנט צעגעלעקס אָרעמע שטאַל. אַ ציג האָט אויף אים געמעקעט פון דעם שטאַל אַרויס.

— אפשר איז דאָס דיינע, ראַפאַל? — האָט צעגעלעק געשפּאָט — נעם זי און מעלק זי אויס.

רפאל האָט די שוואַרצע באָרד אויסגעקראַצט פון מעל:

— הער אויס, צעגעלעק — האָט ער געזאָגט — די פערד זיינען ביי מיר טייערע. פינף און צוואַנציק רובל אין מזומנים וועל איך געבן, אַז

מען וועט זיי מיר צוריק אריינשטעלן אין שטאַל אַריין. אַלע מענטשן הערן.

צעגעלעק האָט אויף אים געפינטלט מיטן בלינדן אויגל.

— ביסט כיטרע, ראַפאַל, — האָט ער געזאָגט מיט האַס, — אָבער צע־געלעק איז קליגער פון דיר. נישט איך האָב דיינע פערד גענומען, נישט איך ווייס ווער עס האָט זיי גענומען.

ער האָט אַנגעשפּיגן זיך אין ביידע הענט און גענומען האַקן ווייטער דעם קרומען וואָרצל, נישט אומקוקנדיק זיך אויף די מענטשן מער.

די פּויערים זיינען אַוועק בייזע פון בערגל.

זינט עטלעכע יאָר האָבן זיי געהאַט פון צעגעלעקן אַ סך צרות אויס־צושטיין. זינט ער איז צוריקגעקומען פון קרימינאַל און זיך אויפן בערגל באַזעצט, איז קיין מנוחה נישט געווען אין דאָרף. דאָ איז אַ לאָפּאַטע אַוועקגעקומען פון פעלד, אויב מען האָט זי פאַרגעסן אריינצונעמען; דאָ איז אַ האַק פאַרפאַלן געוואָרן; דאָ האָט אַ קאַטשקע געפעלט פון דער סטאַדע וואָס איז געקומען פון טייכל. פונקט ווי קליינע גנבות, זיינען אויך גרעסערע גנבות אַנגעגאַנגען. אַמאָל פלעגט אַ געשפּאַן פאַרשווינדן פון שטאַל אַרויס. איינמאָל האָט מען ביים פּריץ דאָס פענצטער ביי־נאַכט געעפנט, און דעם גאָלדענעם זייגער אַרויסגעגנבעט; דער גלח האָט זיך געקלאָגט, אַז אין דער קירכע פעלט געלט פון דער פּושקע. כאָטש דער „וואָיט” איז אַלע מאָל נאָך יעדער גנבה אין דאָרף געגאַנגען אויפסניי זוכן ביי צעגעלעקן און אויפסניי גאָרניט געפונען, האָבן אַלע געוואוסט, אַז דאָס אַלץ שטאַמט פון זיין הויז; אַז די קליינע גנבות מאַכן זיין ווייב און קינדער, און די גרויסע — צעגעלעק אַליין. פריער זיינען קיינמאָל אַזעלכע זאַכן נים פאַרגעקומען אין דאָרף.

טאָמער איז נאָך געווען ווינציק די גנבות, האָט צעגעלעק אויך אַלערליי אַנדערע שאָדנס און שטיקלעך דעם דאָרף אָפּגעטאָן. איין מאָל האָט דער יידישער קרעמער פון דאָרף געפונען אין דער פרי, אַז עמעצער האָט אויסגעבויערט אַ לעכל אין פאַס נאַפט, וואָס ער האָט געהאַט שטיין אין פעדער־הייזל, און דער גאַנצער נאַפט האָט אויסגערונען. כאָטש מען האָט קיינעם נים געכאַפּט ביי דער האַנט, האָט מען געוואוסט אַז דאָס האָט צעגעלעק געטאָן. דאָס האָט ער זיך נוקם געווען דערפאַר, וואָס דער קרעמער האָט נישט געוואָלט געבן אויף באָרג זיין ווייב אַ קוואַטירל נאַפט פאַרן לעמפּל. עס האָט געפעלט אַ האָר, אַז דאָס גאַנצע דאָרף זאָל

אפגיין מיטן פייער. אַן אַנדערש מאָל פלעגט ער אָנצינדן די ראַצן, וואָס ער האָט געכאַפּט ביי זיך אין הויז, און לאָזן זיי ברענענדיקע לויפן איבער די פעלדער, און גראָד דאַן ווען די טריקעניש איז גרויס. אַ סך מאָל פלעגט ער גאָר חוזק מאַכן פון די פויערים, אָפּנאַרן און מאַכן זיי צו לייטנס געלעכטער.

פאַר די עטלעכע יאָר צייט האָבן די פויערים נישט איין מאָל געפּאַ־דערט ביים „וואַיט", מען זאָל דעם צעגעלעק אַרויסטרייבן, די שוואַרצע קרעציקע שאָף פון דער ריינער סטאַדע אַרויסנעמען. אָבער דער „וואַיט" האָט גאָרניט געטאָן דערצו.

— אַז מען האָט אים נישט געכאַפּט ביי דער האַנט, קאָן מען גאָר־נישט ניט טאָן — האָט ער געטענהט — אַזוי איז דאָס געזעץ.

איצט, נאָך די פערד, וואָס מ'האָט אַרויסגעגנבעט פון רפאלס שטאָל אַרויס, האָט דאָס בלוט ביי אַלעמען געקאָכט פון צאָרן קעגן צעגעלעקן.

— וואָס פאַר אַן עלטסטער ביסטו? — האָבן זיי געשריגן צום „וואַיט"

— אַז דו קענסט דאָס דאַרף נישט אָפּהיטן פון שלעכטס?

— וואָס פאַר אַ באַלעבאָס ביסטו, אַז מיר זיינען נישט זיכער מיט די פערד אין די שטאַלן?

דער „וואַיט" אַ פאַרלאָרענער, אַ צעטומלטער פון די געשרייען אויף אים, איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. פּלוצלונג האָט ער אויסגעגליכן די ברוסט, אַרויסגעזעצט דאָס בלעכל פון זיין אַמט, און אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן אין דר'ערד:

— וואָס שלעפּן זיך דאָ די „באַבעס" מיט די קינדער הינטער די טריט? — האָט ער זיך געגומען בייזערן — מען קען קיין וואָרט נישט אויסרעדן — אַהיים, ווייבער, אַהיים!

די ווייבער האָבן אַ בליק געכאַפּט צו די מענער, צו זוכן זייער הילף, אָבער די מענער האָבן זיי קיין הילף נישט געגעבן. זייערע אויגן זיינען געווען בייז. האָבן די ווייבער פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען איבעריק דאָ, און זיי האָבן גענומען די קינדער און אומווילִיק אַוועק אַהיים. אַז די ווייבער זיינען שוין געווען היפש דערווייטערט, האָט דער „וואַיט" אויפגעהויבן די האַנט און געגעבן אַ צייכן, מען זאָל אים הערן.

— מענטשן — האָט ער געזאָגט שטיל — די צונג צווישן די ציין האַלטן קענט איר?

— אַז מ'דאַרף, ווערט מען האַלטן — האָבן קולות געענטפערט.

— הערט זשע, וואָס איך רעד צו אייך — האָט דער „וואַיט" סודותדיק געזאָגט — איך קען צעגעלעקן גאָרנישט טאָן. איך האָב גאָרנישט גע־פונען. אָבער צו וואָס דאַרפט איר מיך? פויערים דאַרפן אַליין זיך

קענען אַן עצה געבן מיט אַ גנבֿ, איך װעל פֿון גאָרנישט ניט װיסן...

איידער עמעצער נאָך האָט אַ װאָרט אויסגערעדט, האָט דער „װאָיט" זיך איינגעװיקלט אין זיין ברוינער קאַפּאָטע און גיך אַװעק.

די פּויערים האָבן זיך איבערגעקוקט:

— רייכטיקע רייד!

— שוין לאַנג געדאַרפֿט טאָן.

— אַז די פּאָליציי גיט אונדז נישט קיין גערעכטיקייט, װעלן מיר אַליין זי נעמען.

— פּויערישע גערעכטיקייט, ברידער!

— צו ציגעלעקן צוריקגיין!

—אָפּרוימען אים, דעם הינטישן זון!

— די קישקעס אַרויסלאָזן!

יאַן דער שמיד האָט אויפגעהויבן אַ פאַרשמירטע פּאַרקאָשערטע האַנט.

— שרייט נישט אַלע װי די גענדז — האָט ער געזאָגט — אַ זאַך דאַרף מען טאָן באַרעכנט; קיינער זאָל נישט װיסן, און נישט מיט די בלויזע הענט. צעגעלעק איז אַ שלעגער, מעגלעך ,אַז ער האָט אַ ביקס אין שטוב.

— ריכטיק — האָבן די פּויערים צוגעגעבן — קלוגע רייד רעדסטו, יאַן.

דער שמיד האָט אַ שמייכל געטאָן אין זיינע װאָנצעס אַריין פֿון די שבֿחים װאָס מען גיט אים, און געגעבן באַפֿעלן װי אַן עלטסטער.

— גייט יעדער צו זיך אַהיים —האָט ער באַפֿוילן — און רעדט קיין װאָרט נישט, אפֿילו פֿאַר די אייגענע װייבער נישט. ביינאַכט, װען די װייבער און קינדער װעלן שוין שלאָפֿן, נעמט יעדער אין דער האַנט װאָס עס לאָזט זיך, אַ האַק, אַ מעסער אָדער אַ שטעקן און קומט זיך צונויף ביי רפֿאלס מיל. פֿון דאָרט װעלן מיר שטילערהייט אַװעק צו צעעגלעקן. אַז פּאָליציי װעט צומאָרגנס קומען, זאָל קיינער פֿון אונדז נישט װיסן גאָר־נישט. געדענקט זשע ביי דער מיל טרעפֿן מיר זיך!

די פּויערים זיינען שװייגנדיק זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען יעדער צו זיין היים, צו זיין אַרבעט. רפֿאל דער מילנער איז אַװעק צו זיך. אָבער אָנ־שטאָט אַריינצוגיין אין מיל, איז ער אַריין צום װייב אין קיך.

— ביילע — האָט ער געזאָגט שטיל — אַ ניי אומגליק אויף מיין קאָפּ.

ביילע האָט פֿאַרבראָכן די הענט, נאָך איידער זי האָט געװאוסט עפּעס. רפֿאל האָט איר אַ דערשראָקענער דערציילט, װאָס מען האָט אים אָנגע־זאָגט נישט צו דערציילן.

— און מיך האָבן זיי געדופן מיט זיך — האָט ער מיט שרעק גערעדט — וואָס טוט מען?

רפאל און זיין ווייב זיינען געזעסן שווייגנדיקע. זיי האָבן גאַרנישט געוואוסט וואָס צו טאָן. פון שטענדיקן וואוינען אין די דערפער, האָבן זיי גוט געוואוסט וואָס פויערים קענען אָפּטאָן, ווען זיי טיילן אויס גע־רעכטיקייט. קיין שום רחמנות איז נישטאָ ווען זיי טראָגן אַרויס אַ משפט קעגן אַ זינדיקן. איבערהויפט זיינען זיי ביטער, ווען זיי פּאַקן אַ פערד־גנב. ביסלעכווייז דערהרגענען זיי אַזעלכן. און כאָטש רפאל און זיין ווייב האָבן גע־גלויבט, ווי די איבעריקע איינוואוינער אין דאָרף, אַז ניט קיין אַנדערער ווי צעגעלעק האָט זיי די פערד אַרויסגעפירט פון שטאַל אַרויס, האָבן זיי אויפגעשוידערט פון געדאַנק בלויז, אַז מ'וועט אים דערהרגענען אין דער נאַכט.

— ווי איז מיר — האָט רפאל געזיפצט — אַ האַק האָבן זיי מיר אַנגעזאָגט מיטצונעמען.

כאָטש רפאל איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, האָט ער געוואוסט, אַז רציחה איז דאָס ערגסטע אין דער וועלט. אין זיין גאַנצן לעבן האָט ער קיינמאָל קיין בלוט נישט פאַרגאָסן, נישט נאָר פון אַ מענטשן, נאָר אַפילו נישט פון קיין חיה. ער האָט אַפילו נישט רעכט פאַרטראָגן, ווען די שכנים פלעגן קוילן אַ חזיר און דער חזיר האָט ס'גאַנצע דאָרף מיט זיינע קולות פאַרטויבט. נאָך ווינציקער האָט ער געקענט ליידן, ווען די פויערים אין דאָרף פלעגן זיך אַמאָל שיכורע צעשלאָגן און מיט „קלאָ־ניצעס" פון די וואָגנס די קעפּ זיך עפענען. ביי זיין גאַנצן כוח, האָט ער געפילט אַן עקל צו בלוט. אפילו ווען ער פלעגט אַמאָל אַראָפּברענגען דעם שטעטלשן שוחט צו זיך אין דאָרף און שעכטן אַ קעלבל, האָט ער ניט געקענט צוקוקן זיך צו דער שחיטה. דער שוחט פלעגט אים אויס־רעדן:

— אַז מען מאַכט אַ ברכה, פילט די בהמה נישט קיין ווייטיק, ר' רפאל — האָט ער אים געזאָגט.

רפאל האָט דעם שוחט געגלויבט, אָבער קוקן פונדעסטוועגן ווי מען שעכט אַ קאַלב, האָט ער נישט געקאָנט. אַ חלשות פלעגט אויף אים אָנ־פאַלן. איצט האָבן די שכנים אים געהייסן קומען מיט אַ האַק, אָפּצו־רוימען אַ מענטשן ביינאַכט, די קישקעס אים אַרויסצולאָזן.

— „וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? — האָט ער געפרעגט זיך אַליין, ווייסנדיק גאַנץ גוט אַז ער האָט נישט קיין תשובה.

רעדן צו די פויערים וועגן רחמנות האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט

געקענט די שכנים זיינע, געוואוסט, אַז כאַטש זיי האַלטן פון אים, וועלן זיינע רייד קיין פעולה נישט האָבן. ער וועט זיך בלויז נאַרעש מאַכן, דאָס אַלץ. אָפּזאָגן זיך פון מיטגיין, האָט אוודאי קיין זין נישט געהאַט. זיי וועלן אים האַלטן פאַר אַ פחדן, וואָס היט זיך די אייגענע פעל, ווען אַלע אַנדערע שטעלן זיך איין. דערצו האָבן זיי זיך אָנגענומען פאַר אים. צוליב זיינע פערד וואָס מען האָט אַרויסגעפירט פון שטאַל, ווילן זיי צעגעלעקן אַפּרוימען. וואָס פאַר אַ פנים וועט עס האָבן, ווען ער וועט זיי אַזוי אָפּצאָלן דערפאַר.

ביילע האָט אַרויסגענומען פון דער קיך אַ טאָפּ פאַרעדיקע קאַרטאָפל און אָנגעשאָטן אין ליימענע שיסלען. זי האָט אַרויסגענומען פון קעלער קאַלטע זויער־מילך און אָוועקגעשטעלט אויף דעם טיש. דערצו האָט זי אויך אַ יונגע ציבעלקע צעשניטן און פאַרבראָקט די הייסע קאַרטאָפל. די געשמאַקע פאַרע איז זיך צעגאַנגען איבער דער קיך.

— רפאל — האָט זי געזאָגט — גיי צו עסן. האָסט נאָך היינט אין דיין מויל נישט געהאַט.

רפאל האָט נישט געקאָנט עסן. אַ שווייגנדיקער איז ער אַרויס אין דרויסן. אין הויף איז נאָך אַלץ דער געהרגעטער הונט געלעגן. רפאל האָט אים אָוועקגעשלעפּט הינטערן הויף און אַ טיפן גרוב פאַר אים אויסגעגראָבן. אַ מידער פון גראָבן און פון עגמת־נפש איז ער אין דער מיל אַריין און זיך אין די ליידיקע זעק אַריינגעוואָרפן.

— גאָט — האָט ער גערופן, אויפהייבנדיק די שוואַרצע אויגן צו די אויסגעפוילטע קראָקוועס — העלף מיר, טאַטע זיסער אין הימל.

ער האָט זיך איבערגעדעקט מיט אַ זאַק און שווער איינגעשלאָפן.

***

אַ גאַנצן טאָג און אַ שטיק אין אָוונט אַריין איז רפאל אָפּגעשלאָפן אין מיל. ווען די הינט אין דאָרף האָבן אָנגעהויבן שטאַרק בילן אויף דער נאַכט, וואָס איז אָנגעקומען, האָט ער אויפגעעפנט די אויגן און אַרומגעקוקט זיך אַרום זיך. דורך אַ נישט־פאַרלאַטעטן לאָך אין שינדל־דאַך האָט אַ שטיקל אויסגעשטערנטער הימל אַריינגעקוקט. רפאל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דורכגעלאָזט אַ מנחה און אַריין אַ מרה־שחורה־דיקער אין שטוב. ביילע זיין ווייב האָט אים ווידער גערופן עסן:

— רפאל, וועסט דאָך פאַלן פון די פיס — האָט זי געזאָגט — גיי צו און עס עפּעס אָפּ.

— כ׳וועל דאַווענען מעריב — האָט רפאל געענטפערט, און ער האָט זיך געוואַשן די הענט.

אין מיטן דער שמונה־עשרה האָט ער דערהערט טריט, וואָס דער־נעענטערן זיך. ער האָט גיך אָפּגעזאָגט די שמונה־עשרה און אַרויס־געקוקט דורכן פענצטער. די ערשטע פּויערים האָבן גענומען אָנקומען און זיך אויסגעזעצט אויפן קלאָץ אין הויף. די פּייערלעך פון זייערע מאַכאָרקע־פּאַפּיראָסן האָבן געלויכטן און געלאָשן זיך אין דער טונקלקייט.

— זיי קומען אָן — האָט ער געשעפּטשעט — וואָס טוט מען, ביילע?

א ווײלע איז ביילע געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטע, מיט בײדע הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט. באַלד איז איר אַ געדאַנק איינגעפאַלן. פון איר באָבע דער אַרענדאַרקע האָט זי קינדוויז נישט איין מאָל געהערט ווי אַזוי זי פלעגט ראַטעווען דעם זיידן, ווען דער פּריץ פלעגט זיך אָנ־שיכורן און געוואָלט אים שלעכטס טאָן. שטענדיק פלעגט זי אים אין בעט אַריינלייגן, אַ הייסע שטאַרץ צום בויך צולייגן און אָנגעזאָגט אים, ער זאָל קרעכצן, מיט אַלע כוחות קרעכצן. אָט דער באָבעס עצה איז ביילען איצט אין קאָפּ אַריין. זי האָט שנעל צערודערט דאָס שטרוי אין מאַנס בעט, עטלעכע קישנס אַוועקגעלייגט צוקאָפּנס, ווי געוויינלעך מען מאַכט פאַר אַ קראַנקן און רפאלן אַריינגעוואָרפן אונטער דעם איבערבעט.

— ביזט קראַנק — האָט זי אים אָנגעזאָגט — הערסט! קראַנק ביזטו, דער בויך טוט דיר ווײ.

רפאל האָט זיך געשעמט:

— ביילע, גאָט איז מיט דיר — האָט ער געמורמלט — זיי האָבן דאָך מיך אין דער פרי געזען.

— רעד נישט און צי בעסער אַראָפּ די שטיוול פון די פיס — האָט ביילע באַפוילן.

איינס און צוויי האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אַ פייערקע פון דער קיך, איינ־געוויקלט זי אין שמאַטעס און צוגעלייגט רפאלן צום בויך; דערנאָך האָט זי אים איבערגעדעקט און אַוועקגעזעצט זיך אויפן ברעג בעט לעבן אים.

— קרעכץ, — האָט זי אים געזאָגט, — ווי גאָט איז דיר ליב, רפאל, קרעכץ.

די שטימען אין דרויסן האָבן זיך אַלץ מער געהערט אויפן הויף. באַלד האָט זיך דורכגעשניטן אַ פייף. אַז קיינער איז נישט אַרויס, זיינען די פּויערים אַריין אין שטוב.

— ראַפּאַל — האָבן זיי גערופן — וואו ביזטו?

ביילע האָט זיך געשטעלט לעבן בעט ווי אַ שוץ.

— רפאלן האָט דער בויך געכאַפּט — האָט זי געזאָגט אַ קרעכצנדיקע

— כ'האָב אים שוין עטלעכע שטאַרצן צוגעלייגט און עס העלפט נישט. אַלץ פון עגמת־נפש איבער די פערד, אָט ליגט ער.

די פויערים האָבן געקוקט אויף דער שוואַרצער באָרד זיינער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון בעטגעוואַנט אַרויס, און שווער געשוויגן. דער שמיד, מיט אַ שטיק אייזן אין האַנט, האָט אָפּגעדעקט די פּערענע.

— דער בויך געכאַפּט — האָט ער נאָכגעשפּעט ביילען — מיר קען מען אַזעלכע זאַכן נישט איינרעדן. איך פאַרשטיי מיך אויף יידישע קונצן.

רפאל האָט דערפילט אַן אמתן וויטיק אין די געדערים:

— שכנים, — האָט ער געמורמלט, — האָב איך אייך שוין אַמאָל אָפּגענאַרט?

יאַן האָט מיט כעס צוגעדעקט אים צוריק מיט דעם איבערבעט:

— גלייבט אים נישט מענטשן — האָט ער געזאָגט צו די פויערים — דאָס וויל ער זיך אויסדרייען פון מיטגיין, דער ייד... אָפּטיילן זיך פון דאָרף ווי אַ פרעמדער.

ביילע האָט ביידע הענט פאַרבראָכן:

— מענטשן האַרציקע — האָט זי אָנגעהויבן רעדן.

יאַן האָט איר איבערגעריסן:

— שוויַיג, ביילע — האָט ער געזאָגט מיט צאָרן — מיר'ן אַליין ניין. אָבער מירן עס געדענקען — קומט, מענטשן!

— קומט! — האָבן די פויערים געזאָגט, און אַרויסגעשפּאַרט זיך פון שטוב.

אין דער שטילער אויסגעשטערנטער נאַכט האָבן די פויערים פון ליעשנאָוועקע צוויי משפטים אַרויסגעגעבן איבער מענטשן, וואָס קענען ניט זיין מיט דער עדה: דעם גנב צעגעלעק האָט מען דערהרגעט, מיט דרענגער דאָס האַרץ אונטערגעהאַקט. רפאל דעם מילנער האָט מען מיט שטיינער די שויבן פון שטוב אויסגעשלאָגן.

גלייך אויף צו מאָרגנס האָט רפאל גענומען זוכן אַ קונה אויף זיין מיל און די פעלדער.

— כ'וועל פאַרקויפן אין מקח — האָט ער געזאָגט צו די מעקלערס — כ'וויל אַריבער צו יידן אין שטאָט.

סענדער פּראַגער

1

מיטן טאָג צוגלייך האָבן די וואַרשעווער שנאָרערס גענומען זאַמלען זיך אַרום דעם רויט-געפאַרבטן רעסטאָראַן „פּראַגא", וואו עס זיצן די אַקסנהענדלער און די וואוילע יונגען פון דער געגנט.

אין די פאַרלאָפענע שויפענצטער פון רעסטאָראַן, וואו עס שטייט שטענדיק אַרויסגעשטעלט אַ געבראָטן גענדזל מיט אַ שטעקעלע אַרײַנגעשטעקט אין בויך, אויף וועלכן עס איז צוגעקלעפּט אַ קוויטעלע „כשר", און אַ פאַלימעסיק מיט עטלעכע ריזיקע פיש-קעפּ מיט מייערלעך אין די אָפענע מיילער — איז דאָס מאָל געווען אויסגעהאָנגען אַ פּריילעכע בשורה פאַר אָרעמעלייט. מיט קרומע געכתיבהטע אותיות איז געווען אויסגעצייכנט שוואַרץ אויף ווייס:

„היערמיט ווערט געמאָלדן, דאָס צוליב דער מזלדיקער האָכצייט פון אייגנטימער פון רעסטאָראַן, סענדער פּראַגער, מיט זיין כלה עדזשע באַרענבוים, וואָס שטאָטפינדעט אין דער סאַליע 'ווענעציע', בין איך מנדר אַ פרייען מיטאָג פאַר אַלע אָרעמעלייט פון דער געגנט, מענער עט פרויענצימער, פון צוויי ביז פיר אוהר. יעדער וועט באַקומען אַ טעלער הייס קרויט אונד אַ מוציא ברויט גיבייטלט עט אַ פּאָרציאָן געפילטע קישקע. קיינער זאָל נישט קומען פריער און מען זאָל זיך נישט שטופּן, ווייל עס איז אָנגעגרייט פאַר אַלעמען גענוג. פון מיר דער חתן סענדער פּראַגער".

כאָטש די מעלדונג אין פענצטער האָט דייטלעך געזאָגט, אַז קיינער זאָל נישט קומען פאַר צוויי אַזייגער און מען זאָל זיך נישט שטופּן, האָבן די אָרעמעלייט פון דער געגנט געזאַמלט זיך אַרום רעסטאָראַן פון באַלד אין דער פרי אָן און געשטופּט זיך אַרום דער טיר, וואָס אירע שויבן זיינען געווען אָפּגעפאַרבט ביז אין דער העלפט אַריין, מען זאָל נישט קענען אַריינקוקן אינעווייניק.

דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, אַ שנייאיקער. די מצבות אויפן נאָענטן בית-עולם זיינען געווען שטאַרק פאַרשאָטן. די אָרעמעלייט האָבן געוואוסט, אַז אין אַזאַ טאָג קומט קיינער נישט אויף קבר-אבות. אַ חוץ

קראַען, זעט מען קיין לעבעדיקן נפש נישט דאָרטן. און זיי האָבן געקלעפּט אַרום דעם רויטן רעסטאָראַן, ווי פליגן אַרום אַ פאַרבליבן שטיקל צוקער.

— מזל טוב סענדערשי — האָט אַלעמאָל אַן אַנדער שנאָרערקע אַריינגעשריגן מיט חניפה אין דער געעפנטער טיר, ווען אַ גאַסט איז אַרויס פון שענק, מיטשלעפנדיק מיט זיך אַ זייל געדיכטע פּאַרע, פול מיט ריחות פון געקעכטס — אַ גליקלעך מזל זאָלסטו האָבן, טאַטע געטרייער אין הימל.

„בריטאַן", דער גרויסער מאָפּס, וואָס האָט געהאַלטן וואַך ביי דער רעסטאָראַן־טיר, אויפהייבנדיק די אַראָפּגעפאַלענע אויערן יעדן מאָל, וואָס ס'גלעקל איבער דער טיר האָט זיך צעקלונגען, האָט מיט בייזע בלוט־פאַרלאָפענע אויגן געקוקט אויף די שנאָרערס, וואָס האָבן זיך פּרובירט אַריינרייסן אינעווייניק. פון יאָרן האָדעווען זיך אין רעסטאָראַן, האָט ער געקענט אונטערשיידן פון אַ גאַסט ביז אַ בעטלער. און ער איז קיינמאָל נישט געווען צופרידן פון די אָפּגעריסענע לייט, וואָס קומען אין רעסטאָראַן נאָך גראָשנס. מער פון אַלע מאָל האָבן זיי דאָס מאָל זיך געשטויסן ביי דער טיר, אַריינגעקוקט, אַריינגעשטעקט די קעפּ, און דער הונט האָט בייז געכאָרכלט מיטן נידריקן גראָבן האַלדז און געשטשירעט די צוויי גרויסע שנייד־ציינער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט דורך זיין פאַר־דיסענער ליפּ. אים האָט גוואַלדיק געצויגן צו די לאַנגע קבצנישע פּאָלעס און פאַרשלומפּערטע ווייבערישע קליידער, פולע מיט צויטן, אָפּצורייסן אַ שטיק. נאָר דער באַלעבאָס זיינער, סענדער פּראַגער, דער חתן, פּונקט אַזאַ קרעמפּער, קורץ־האַלדזיקער און גראָב־ליפּיקער ווי דער הונט זיינער, האָט אים אָפּגעהאַלטן ביים גראָבן געבויגענעם מאָפּסישן קאַרק.

— „בריטאַן", זיי גוט צו אַרעמעלייט — האָט ער אים געוואָרנט, קנייפּנדיק אים אין קאַרק — היינט ביינאַכט איז מיין חתונה, הערסט, „בריטאַן" ?

האָט דער הונט אַראָפּגעשלונגען דאָס בילן, וואָס איז אים געשטאַנען אין האַלדז, און ער האָט פאַרגלייזט די רויטע בלוטיקע אויגן מיט אומ־ווילן און אונטערגעביקייט, גאַווערנדיק פויל פון אָפענעם מאָפּסישן מויל אַרויס.

אין דער קיך פון רעסטאָראַן, וואָס ליגט אין קעלער און וואָס גלי־טשיקע, שטיינערנע און געדרייטע טרעפּ פירן דאָרט אַראָפּ, איז די פּאַרע געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט קוים אַנגעזען די פאַרשוויצטע רויטע עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָבן דאָרטן געברענט בייטאָג. ביי די גרויסע קעסלען האָבן זיך געפּאָרעט אַלע רעסטאָראַן־דינסטן, די יידישע ווי

די גויאישע. זיי האָבן געשאָטן גאַנצע פּעסלעך זויער־קרויט אין די קעסלען, פולע שיסלען מיט געדרייטע קישקעס. פאַר כעס, וואָס זיי מוזן האָרעווען פאַר די שנאָרעס, האָבן זיי נישט אָפּגערייניקט ווי געהעריק די געדערים, האָבן זיי נישט אויסגעקליבן דאָס פאַרפוילטע קרויט פון גוטן.

— זיי וועלן אַזוי אויך אויפפרעסן, די שנאָרעס — האָבן זיי געזאָגט מיט כעס — די כאָלעריע וועט זיי נישט נעמען...

די יידישע מוידן האָבן געווישט מיט די ברעגן פאַרטעכער די טרערן פון די אויגן און זיך איינע די אַנדערער געגעסן די לעבער.

— האָסט דיר איינגערעדט, אַז ער וועט גיין מיט דיר צו דער חופה, סענדערל — האָבן זיי זיך קעגנזייטיק געררייצט — איצט שטיי און קאָך פאַר אַ פרעמדער חתונה...

די גויאישע דינסטן, וואָס פון לאַנג דינען אין יידישע הייזער, האָבן זיי גערעדט יידיש ווי די יידענעס, האָבן געלאַכט פון זייערע יידישע חברטעס אין קיך. די געלע מאַנקע, אַ קנאָכיקע שיקסע מיט גרינע משוגע־וואָטע אויגן, אַ לצעכע און אַ צעלאָזענע, האָט פאַרלייגט ביידע הענט אויף די אויגן, ווי צו ליכט־בענטשן, און באַזונגען די וויינענדיקע יידישע דינסטן.

— כלהשי, כלהשי, וויין — האָט זי געזונגען מיט אַ ניגון פון אַ בדחן — וועט מען דיר געבן צו עסן אַ טאָפּ מיט כריין...

כאָטש זיי האָבן אויך געהאַט עסקים מיט סענדערן, זייער באַלעבאָס, ווי די יידישע דינסטן, האָבן זיי נישט פאַרגאָסן קיין טרער, וואָס ער איז געגאַנגען צו דער חופה. פון לאַנג דינען אין הייזער, האָבן זיי געוואוסט, אַז יעדער באַלעבאָס איז אַ חזיר, אַז יעדער זאָגט צו גליקן אַ דינסט און דערנאָך האָט ער זי אין דער ערד, דערקענט זי אַפילו נישט. אַזוי זיינען די מאַנסבילן, ווי די הינט אין גאַס, און וויינען דערויף איז נישטאָ צוליב וואָס. אויף יידישע יונגען איז אוודאי נישטאָ וואָס צו קלאָגן. מען ווייסט פריער, אַז פון דעם קאָרן וועט קיין מעל נישט זיין. אַנדערש איז עס געווען מיט יידישע דינסטן אין סענדערס קיך. כאָטש זיי האָבן געהערט פון פריערדיקע מוידן וועגן סענדערס ליבעס, וואָס ער פירט מיט אַלע דינסטן זיינע און נאַרט אַלעמען אָפּ, איינע נאָך דער אַנדערער, האָט יעדע פון זיי געגלויבט ביי זיך, אַז מיט איר וועט ער זיין אַנדערש און גיין צו דער חופה, ווי ער זאָגט עס צו, ווען מען איז מיט אים אויג אויף אויג. ווי לאַנג טאַקע ער האָט מיט קיינער נישט חתונה געהאַט, האָבן זיי נאָך אַלץ גערעכנט אויף אים, האָט יעדע פון זיי געהאָפט, געוואָלט גלייבן, אַז ער וועט זי אָוועקנעמען פון דער קיך און אָוועקשטעלן ביים

בופעט, ביי דער קאַסע, ציילן געלט. איצט איז אַ פּאַפּיר געהאַנגען אין פענצטער, אַז היינט ביינאַכט גייט ער צו דער חופּה מיט עדזשאַ באַרענ־בוים אין דער סאַליע „וועגעציע". אַפילו אַ מיטאָג פאַר אָרעמעלייט גיט ער, קרויט מיט געפילטע קישקע, וואָס זיי, די דינסטן זיינע, מוזן מיט די אייגענע הענט צוגרייטן, און זיי האָבן נישט געקענט איינהאַלטן די טרערן, וואָס זיינען געפלאָסן פון זייערע אויגן אין קרויט אַריין פאַר פאַרדרוס, חרפּה און קנאה.

— גאַטעניו — האָבן זיי געבעטן מיט פאַרריסענע אויגן צום נאַסן באַלקן, פון וועלכן טראָפּנס האָבן געטריפט ווי אין אַ באָד — זאָלסט אים נאָר באַצאָלן, ווי דו קענסט, פאַר אונדזער בושה...

סענדער אַליין האָט זיך אין קיך, אין קעלער, היינט נישט באַוויזן. קיין איין מאָל אַפילו נישט אַריינגעשמעקט דאָרטן.

ערשטנס, איז ער שוין געווען יום־טובדיק אָנגעטאָן. אַ שטייפער, הויכער, שניי־ווייסער קראָגן האָט אַרומגענומען זיין נידעריקן פעטסטן קאַרק, אויף וועלכן שוואַרצע פלעסטערלעך האָבן תמיד זיך געשפּרייט. די אָנגעפּאַקטע רויטע באַקן זיינע זיינען געווען אויסגעגאָלט ביזן וואָרצל, אַזש בלוי זיינען זיי געווען פון קראַצן. דער שוואַרצער קאָפּ האָר איז געווען שטאַרק צוגעגלעט און געגלאַנצט פון פּאָמאַדע. דאָס קעלנישע וואַסער און די שמעקעדיקע זייפן האָבן פאַרריסן מיט זייערע ריחות. און סענדער האָט נישט געוואָלט קריכן אין זיין יום־טובדיקייט אין דער שמו־ציקער פאַרעדיקער קיך. חוץ דעם האָט ער געפאַסט אין טאָג פון זיין חופּה, ווי דער דין איז. אָבער מער פון אַלץ, האָט ער אויסגעמיטן צו קומען אין קיך צוליב די דינסטן זיינע, וואָס זיינען געשטאַנען ביי די קעסלען און געקאָכט דעם אָרעם־מאַלצייט לכבוד זיין חתונה.

ער האָט זיך נישט געוואָלט טרעפן מיט זיי אויג אויף אויג אין טאָג פון זיין חופּה. נישט מיט זיי, נישט מיט זיין „קאָנטאָרל", וואָס איז אין קעלער, אין שכנות מיט דער קיך.

דאָס „קאָנטאָרל" זיינס האָט זיך בלויז גערופן קאָנטאָרל, צוליב לייטישקייט וועגן. אָבער אָנשטאָט אַ שרייבטיש מיט ביכער, ווי אין אַ קאָנטאָרל דאַרף זיין, איז דאָרט בלויז געשטאַנען אַ רויט־פּליושענע סאָפע און איבער איר אַ ליטאָגראַפיש בילד פון אַ שטאַרק־בלאָנדער און שטאַרק ראָזע־קאַלירנדיקער שיינהייט, נאַקעט ווי די מאַמע האָט זי געהאַט. אויך עטלעכע פאַרביקע פלעשער קאָניאַק און גלעזלעך זיינען דאָרט תמיד גע־שטאַנען גרייט. וואָרעם נישט אויף שרייבן און רעכענען האָט סענדער פראַגער דאָס קאָנטאָרל געהאַלטן. ער איז נישט געווען קיין גרויסער

מזיק אין רעכענען, און שרייבן האָט ער אויך קיין סך נישט געקענט, קוים זיין נאָמען געקענט חתמענען אויף אַ פּאַפּיר. געהאַלטן דאָס קאָנטאָרל האָט ער פאַר זיינע פילע ליבעס, וואָס ער האָט געפירט אין זיין לאַנג אַלט־בחוריש לעבן. אַלע דינסטן, וויפל נאָר עס זיינען דורכגעגאַנגען זיין רעסטאָראַן, גויאישע און יידישע, ייִנגערע און מיטליאַריקע, האָבן זיין קאָנטאָרל געמוזט דורכגיין. אָפּטמאָל פלעגט ער אויך דאָרט שטילערהייט אַ פריילעך וויבל אַראָפּפירן, אַ וויבל אַ שכנה, וואָס האָט נישט געקענט ביישטיין דעם רייץ פון זיינע גלאַנציקע שוואַרצע אויגן, וואָס זעען אויס, ווי מען וואָלט זיי נאָר וואָס אָפּגעפּרעגלט אויף פּוטער, און דעם פעסטן קאָרק, וואָס תמיד איז ער באַקלעפּט מיט שוואַרצע פלעסטערלעך.

אַלע, נישט נאָר די מענטשן אין רעסטאָראַן, נאָר אויך די שטאַם־געסט, אפילו די שכנים אין גאַס, האָבן געוואוסט וועגן סענדערס קאָנ־טאָרל. מענער פון גענדזלערינס, קצבטעס און פישערקעס, האָבן נישט געלאָזט אַליין גיין זייערע ווייבער, די סוחרטעס, אָפּצורעכענען זיך מיט סענדערן פאַר סחורה, מורא האָבנדיק, ער זאָל זיי נישט פירן אין קאָנ־טאָרל. ווייבער אין די הויפן האָבן אין זייערע מחלוקתן מיט שכנטעס, פאַרגעוואָרפן זיי הויך, אַז זיי זיינען געווען דינסטן ביי סענדערן אין רעסטאָראַן. די אָקסנהענדלערס, סענדערס שטאַם־געסט, האָבן אפילו אַ היימישן נאָמען פאַר סענדערס קאָנטאָרל געהאַט. סענדערס יחוד־שטיבל, האָבן זיי עס גערופן.

און סענדער האָט אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט זיין קאָנטאָרל אין טאָג פון זיין חופּה. די אָקסנהענדלערס, וואָס זיינען געזעסן ביי די מאַרמאָרנע טישלעך, רויכערנדיק, טרינקענדיק און רעכענענדיק אויף די טישטעכלעך, האָבן גערופן סענדערן צו זיך.

— סענדער — האָבן זיי גערופן — קום צו, מאַך אַ שנעפּסל מיט אונדז. זיי נישט אַזאַ צדיק. איין שנעפּסל מעג מען נעמען אפילו אין אַ תענית.

אַנדערע האָבן פּרובירט מאַכן פּעטע וויצן, ווי אַלעמאָל ערב אַ חתונה.

— סענדער — האָבן זיי אים געפרעגט — די אונטערפירערס האָבן דיך שוין אויסגעלערנט די דינים, סענדערל?...

אַ דיקע יידענע, די איינציקע פרוי צווישן אַלע מאַנסבילן, וואָס האָט געהאַנדלט מיט אָקסן, אַ הייזעריקע פון שרייען און אַ רויטע פון די פילע שנאַפּסן, וואָס זי מאַכט יעדעס מאָל ביים שליסן אַ מסחר, האָט דווקא געוואָלט וויסן, וואָס סענדער האָט בדעה צו טאָן מיט זיין קאָנטאָרל.

— סענדערשי, — האָט זי געשריגן, — האָסט שוין געכשרט דיין קאָנטאָרל, חתן־בחור? . . .

סענדער, וואָס האָט קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט זיך צוצוגיין צו אַ טישל און מאַכן אַ שנאַפּס מיט געסט, האָט נישט צוגערירט זיך צו קיין טישל דאָס מאָל. נישט ער האָט געוואָלט ברעכן דעם תענית, נישט ער האָט געוואָלט רעדן מיאוסע רייד, נישט ער האָט געוואָלט הערן די אָנצו־הערענישן וועגן זיין זינדיקן לעבן. ער האָט געוואָלט פאַסטן אין זיין חופּה־טאָג, תשובה טאָן, אַ סך תשובה טאָן.

— מאַריץ, — האָט ער שטיל גערעדט צום קעלנער זיינעם, דעם רויט־האָריקן פרישטשעוואַטן יונג מיטן שמוציקן פאַרטעכל אונטער דעם פאַרשמאַלצעוועטן שוואַרצן רעקל — מאַריץ, גיי אַראָפּ אין קיך און זע, מען זאָל דאָס קרויט פאַר די אָרעמעלייט מאַכן פעט. אַ סך מאַרך־ביינער אַריינלייגן דערין. זאָלן זיי הנאה האָבן. און געפילטע קישקע זאָל מען אָפּקאָכן אַ סך. נישט זשאַלעווען . . .

מאַריץ, אַ יונג אַ ממזר, וואָס פאַרשטייט זיך אויפן וואונק, האָט דאָס מאָל געמאַכט זיך תמעוואַטע. טאָקע דערפאַר וואָס ער האָט געוואוסט אַז דער באַלעבאָס זיינער האָט קיין חשק נישט געהאַט צו ווייזן זיך אין קיך צווישן די דינסטן, האָט ער אים דווקא געוואָלט אַראָפּפירן אַהין.

— זאָל דער „אַלטער" אַליין זיי זאָגן — האָט ער גערעדט פרום — מיך פאָלגן זיי נישט, די שמאָדערס, זיי טרייבן מיך פון קיך אַרויס מיט די נאַסע האַנטעכער. זיי וויינען . . . זאָל זיי דער „אַלטער" גיין טרייסטן...

סענדער האָט חשק געהאַט צו געבן דעם יונג אַ שטויס אין הינטן, ער זאָל אויף אַלע פיר זיך אַראָפּלאָזן איבער די טרעפּ אין קיך אַריין, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן. ער האָט נישט געוואָלט אויפהייבן קיין האַנט אויף קיינעם אין טאָג, ווען ער דאַרף תשובה טאָן.

— מאַריץ — האָט ער גערעדט איידל — גיי, אַראָפּ, איך בעט דיך, און זע, ס'עסן זאָל זיין פעט, און אַ סך.

אין דעם, וואָס די אָרעמעלייט וועלן האָבן אַ סך עסן, פעט קרויט און גענוג קישקע, האָט ער געזען אַ פאַרגעבונג פאַר זיך, אַ פאַרגעבונג פאַר זיין זינדיקן לעבן.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דעם בופעט וואו אין אַ נייַ־פּליושן רויט טלית־זעקל איז געלעגן זיין נייער טלית. ער האָט פאַנאַנדערגע־וויקלט דעם נייעם טלית זיינעם, איבערגעציילט די ציצית, צי אַלע פעדעם זיינען דאָ, און גלייכגעלייגט אים פינקטלעך און אויפמערקזאַם. דערנאָך

האָט ער דורכגעפּירט די קורצע דיקע פינגער איבערן פּליוש דערפילט די ווייכקייט דערפון און מיט מי איבערגעלייענט די אויסגענייטע לשון־קודשדיקע ווערטער, וואָס זיין כלה האָט אויסגענייט אויפן זעקל, צוזאַמען מיט אַ מגן־דוד און עטלעכע בלימעלעך.

פון דער ווייכקייט פון פּליוש און פון דעם נייעם לייש־גאָלד, מיט וועלכן דאָס אויסנייעכץ איז געווען געמאַכט, האָט ער דערפילט אַ וואַרעמקייט. אים איז געקומען אויפן געדאַנק די כלה זיינע, דאָס באַלעבאַטישע מיידל, וואָס וואָלט געקענט זיין זיין טאָכטער, און אים האָט געשראָקן און הנאה געטאָן גלייכצייטיק וואָס באַלד, אין עטלעכע שעה אַרום, וועט ער מיט איר גיין צו דער חופּה און אָנהייבן אַ נײַ לעבן, אַ באַלעבאַטיש און אַ לייטיש.

— מאַריץ — האָט ער אַ רוף געטאָן דעם קעלנער — לאָז אַריין די אָרעמעלייט.

מאַריץ האָט פאַררירסן די אויגן צום פּאַרלאָפּענעם וואַנט־זייגער.

— זאָל דער „אַלטער" זען, ס'איז ערשט איינס אַזייגער.

— זאָל זיין — האָט סענדער געענטפערט — לאָז זיי אַריין פריער, זאָלן זיי נישט שטיין אויף דער קעלט און וואַרטן.

דורך דער אָפענער טיר האָט אַ קנויל־שמאַטעס זיך אַריינגעשטויסן, טומלענדיק און בענטשנדיק.

2

פאַר די גאַנצע פיר און פערציק יאָר פון זיין לעבן איז סענדער פראַגער נישט געווען אַזוי אומזיכער און אומבאַהאָלפן, ווי ער איז עס געווען פאַר די עטלעכע וואָכן צייט, וואָס ער איז אַ חתן געוואָרן מיט עדזשע באַרענבוים, אַ מיידל, אַ העלפט יינגער פון אים.

ער איז אַ חתן געוואָרן אומגעריכט, סענדער, פּלוצלונג, פון זיינע לאַנגע אַלט־בחורישע יאָרן, פון פּראַקטיקעס מיט ווייבער אין זיין רעסטאָראַן, האָט ער נישט קיין געהויבענע מיינונג געהאַט וועגן ווייבערישן מין. ער האָט זיי נישט שטאַרק געגלויבט, די ווייבער, נישט די חתונה־געהאַטע, נישט די מיידלעך, און ער האָט זיך שטאַרק געהיט נישט אַריינצופאַלן צו איינער פון זיי. די שכנים אין גאַס האָבן אים מיט גוואַלד געוואָלט חתונה מאַכן. מענער, וואָס האָבן אויסצושטיין קאַלט און וואַרעם פון זייערע ווייבער מרשעתן, האָבן אים נישט פאַרגונען דאָס לייכטע בחורישע לעבן און אים כסדר געגעדט שידוכים. נאָך מער האָבן די ווייבער פון גאַס געאַרבעט מעשים, דעם יונג צו פאַרשלייערן. אין דעם,

וואָס סענדער האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון נעמען אַ ווייב, האָבן זיי געזען אַ פאַרשווערונג קעגן זייער מין, אַ בונט קעגן דער שוואַכער ווייבערישקייט, וואָס איר כוח ליגט אין פאַריאָכן דעם שטאַרקערן מין.

— די סמעטענע וויל ער און די זויערמילך וויל ער נישט — האָבן די ווייבער גערעדט מיט צאָרן קעגן דעם יונג, וואָס ליבעס פירט ער, נאָר איינשפּאַנען זיך אין יאָך האָט ער קיין חשק נישט — נישטאָ אַזוי גוט אויף דער וועלט.

שדכנים האָבן אים די שוועלן פון רעסטאָראַן אָפּגעהאַקט.

— נו, סענדער, גיב שוין אַ יידן פרנסה — האָבן זיי זיך געבעטן — וויפל איז דער שיעור צו רייסן זוילן צוליב דיר.

אָבער סענדער האָט זיך נישט געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענדקע.

— צו וואָס דאַרף איך אַ ווייב פאַר אַנדערע, אַז איך קען האָבן אַנדערע ווייבער פאַר מיר — האָט ער געטענהט מיט חוזק צו די מענטשן.

יונגע אלמנות און גרושות, פעטע, פריילעכע ווייבלעך, וואָס האָבן פון זייערע פריערדיקע מאַנען געירשנט שיין געלט אין מזומנים, צירונג, קליידער, בעטגעוואַנט, פולע קוישן מיט טייערע וועש און אַ סך געניט־שאַפט אין ליבע, האָבן אַלע זייערע ווייבערישע גבורות און רייצן אָנגע־שטעלט אויף סענדערן. זיי האָבן אַן אויג געהאַט אויף זיין רעסטאָראַן, וואָס האָט געשמט פאַר אַ שמאַלץ־גרוב, אי אויף אים אַליין, דעם פעסטן יונג מיט די גלאַנציקע אויגן און פעטע שוואַרצע האָר. זיי האָט שטאַרק געצויגן צו שטיין ביים רעסטאָראַן־בופעט, צווישן פלעשער שנאַפּס, גע־בראָטענע גענדזלעך, מענערישן געלעכטער, און ציילן געלט מיט די פעטע אויסגעבריליאַנטעוועטע פינגערלעך. זיי האָבן זיך געפּוצט פאַר דעם יונג, געדרייט זיך אויף די הויכע קנאַפּלס פון די שיכלעך, געוויגט מיט די רונדע היפּטן, אויגלעך צו אים געמאַכט, פאַרחלשטע ציינדלעך פון צווישן שטאַרק רויטע ליפּן געוויזן, זינדיקע אָנצוהערענישן געגעבן. זיי האָבן אַלע פאַרפירערישע שטיק געפּראָוועט, וואָס לוסטיקע ווייבער האָבן אַזוי פיל אין זייער רשות צו פאַרנאַרן אַ מאַן, ווען זיי ווילן.

סענדער האָט פון די זיסע ווייבערישע מתנות זיך נישט אָפּגעזאָגט, אָבער אָפּצאָלן מיט אַ תכלית דערפאַר האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט געלאַכט פון דער וועלט. אין גאַס האָט מען שוין אָנגעהויבן מיאש זיין זיך אין אים.

— דעם יונג וועט מען שוין באַגראָבן אין אַ טלית־קטן, נישט אין קיין טלית — האָבן באַוויבטע מענער גערעדט וועגן אים מיט קנאה — אַ חכם אַ יונג, לאָזט זיך דעם קאָפּ נישט פאַרדרייען.

אָבער אויפֿן פֿיר־און־פֿערציקסטן יאָר זיינעם, ווען קיינער האָט זיך נישט געריכט מער דערויף, און אַמווייניקסטן פֿון אַלע סענדער אַליין, איז ער פֿלוצלונג אַ חתן געוואָרן, און דוקא דורך אַ שדכן, גאָר ווי אַ בחור אַ סטאַטעק.

ניין, נישט קיין פּראָסטער שדכן האָט איינגעבראַכן סענדערן. דאָס האָט דער רבי זיינער געגומען אים אין די הענט אַריין, דאָס יאַרטשעווער רבילע, וואָס האָט געוואוינט טאַקע אַנטקעגנאיבער סענדערס רעסטאָראַן.

כאָטש סענדער איז קיין גרויסער צדיק נישט געווען, קיינער האָט עס אויף אים נישט געקענט זאָגן, האָט ער פֿונדעסטוועגן מורא געהאַט פֿאַר גאָט, געציטערט פֿאַר דעם, וואָס זיצט ערגעץ אין די פֿאַררויכערטע הימלען וועלכע שפּרייטן זיך איבער דער יידישער געגנט אין וואַרשע. ספּעציעל איז ער אומרואיק געווען פֿאַר די הימלען אין די פֿאַרנאַכטן, ווען די זון, אַ רויטע, אַ קיילעכדיקע און אַ גרויסע צעלייגט זיך אַ פֿאַרכ־טיקע און צינדט אַלץ אַרום זיך אין רויט. סענדער האָט געזען אין דעם דאָס גהינום, דעם גרויסן און פֿלאַקערדיקן, וואָס סמאַליעט פֿאַר רשעים, אַזעלכע ווי ער אַליין, סענדער, איז. און ער פֿלעגט זיך אָפֿט אַריינכאַפּן צום יאַרטשעווער רבילע, וואָס האָט געוואוינט אין שכנות און אין גאַס האָט מען אים געהאַלטן פֿאַר אַ הייליקן און אַן אַלץ־וויסנדיקן. ביי אים, דעם קליינגעוויקסיקן עלטערן יידל מיט דער גרויסער לאַנגער באָרד, וואָס שטענדיק איז ער איינגעהילט אין געלן פֿוטער — אין אַ געלן ספּאָדעק אויפֿן קאָפּ, אין אַ זשופּיצע מיט געלן פֿוטער ביי די לאַצן און ביי די ברעגן פֿון די אַרבל — איז סענדער אַלע גאָטס זאַכן דערגאַנגען: ווען ער האָט יאָרצייט נאָך טאַטע־מאַמע, ווען עס פֿאַלט אויס יום־טוב, ווען מען דאַרף מזכיר נשמות זיין און אַ סך אַנדערע דינים, וואָס אַ ייד דאַרף וויסן. דערפֿאַר פֿלעגט ער אים געבן אָפֿטע פּדיונות, פּעטע און ברייטע, און אויך מיט מאַריצן דעם קעלנער אַ פּעט געבראָטן גענדזל אַריינשיקן אַ מתנה, אַ געשמאַקן געפֿילטן קאַרפּ מיט אַ סך ציבעלעס און מייערלעך.

דאָס יאַרטשעווער רבילע, דאָס קליין־געוויקסיקע יידעלע, וואָס אַז ער זיצט אין אַ גרויסער פֿאָטער־שטול, קען ער נישט דערלאַנגען מיט די פֿיסלעך צו דער ערד, האָט סענדערן אַלע עבירות פֿאַרקוקט. נישט ער האָט אים געפֿרעגט וועגן דער באָרד, וואָס ער גאָלט, נישט וועגן תפֿילין צי ער לייגט, נישט אפֿילו וועגן שבת, וואָס ער היט נישט אָפּ און דער רעסטאָראַן זיינער איז אָפֿן אין הייליקן טאָג. אַ פֿריילעך יידעלע, מיט רויטע באַקן און גלאַנציקע אויגן, פֿול מיט בטחון און שמחה, האָט ער

פיינט געהאַט צופיל צו מוסרן די חסידים זיינע, אַלע פון פראָסטן שטייגער, באַלעגאַלעס, קצבים, דינסטמיידלעך און אפילו נישט גאַנץ כשרע לייט, ווי גנבות־אויפקויפערס און פעטערס פון הייזלעך. אָבער איין זאַך, וואָס דאָס רבילע האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, איז געווען דאָס, וואָס סענדער האָט נישט חתונה געהאַט און נישט געפירט זיך מיט מענטשן צוגלייך. דאָס יאַרטשעווער רבילע האָט געהאַלטן פון שמחות, פון חתונות, בריתן, תנאימס, בר־מצוות. און וויפל מאָל סענדער איז צו אים ארויפגעקומען, האָט ער אים אָוועקגעזעצט לעבן זיך און אים מיטן פינגער פון זיין קליין הענטל געוואָרנט.

— איי, סענדער, סענדער — האָט ער געזיפצט — לא טוב להיות האדם לבדו, נישט גוט איז אַ מענטש צו זיין אַליין, האָט גאָט געזאָגט, ווען ער האָט באַשאַפן אדמען. אַ ייד דאַרף האָבן אַ ווייב, קינדער... וואָס וועט זיין דער תכלית פון דיר, סענדער?...

— סענדער פלעגט דעם רבין ענטפערן ווי אַלעמען:

— רבי, אַז ס'איז נישטאָ קיין איינע קיין רעכטע.

אָבער דער יאַרטשעווער רבי האָט דערפון נישט געוואָלט הערן. ער האָט ביידע אויערן מיט די פוטערנע מאַנקעטן פון די אַרבל פאַרשטאָפּט.

— סענדער, אַ ייד טאָר אַזוי נישט רעדן אויף ידישע טעכטער — האָט ער זיך געבייזערט — בנות ישראל כשרות הן, — זאָגט די הייליקע תורה. יידישע טעכטער זיינען כשרע.

סענדער האָט געלאַכט:

— רבי, פרעגט מיך, יעך וויס בעסער. דער רבי מעג זיך אויף מיר פאַרלאָזן. און זאָל דער רבי נישט רעדן דערפון.

אָבער דער יאַרטשעווער האָט יאָ געוואָלט רעדן דערפון.

— סענדער, וואָס דו טוסט, טוסטו — האָט ער אים געמוסרט — אָבער אַז דו וועסט דיר נישט צוגרייטן אַ קדיש באַציִיטנס, וועסטו פאַר־פאַלן ווערן אין גיהנום... מיין נישט, אַז ס'איז הפקר אַ וועלט.. מען ברענט און מען בראָט דאָרט... און נאָר אַ קדיש קען ראַטעווען... גיב מיר די האַנט, אַז דו וועסט חתונה האָבן.

סענדער האָט פאַרן רביס רייד וועגן גיהנום מורא געהאַט, אָבער געבן אים די האַנט האָט ער נישט געוואָלט.

— אַז כ'וועל עלטער ווערן, רבי — האָט ער זיך אָפּגעבעטן — דערווייל בין איך נאָך יונג און כ'וויל מיר דעם קאָפּ נישט פאַרדרייען. כ'על צייט האָבן ביי פופציק.

ביים פיר־און־פערציקסטן יאָר האָט סענדער דערפילט, אַז ער איז

נישט מער אַזוי יונג ווי ער האָט געמיינט. אין די נעכט פלעגט ער פלוצ־לונג דערפילן אַ שטאָך אין אַ זייט, אַ קראַמף אין בויך, אַ ווייטיק אין רוקן. ער האָט די ווייטיקן פאַריאָגט מיט אַ כוסה, ווי זיינע געסט, די אָקסן־הענדלערס, פלעגן אים לערנען, אַז אין עצה איז דאָ פאַר אַלע קראַנקייטן, אַ שנאַפּס. אָבער דער שנאַפּס פלעגט נישט אַלעמאָל העלפן. די ווייטיקן פלעגן אָנהאַלטן. סענדער פלעגט זיך פילן זייער אומרואיק אין זיין בחורשער וואוינונג איינער אַליין צווישן די אַלע קישעלעך און צאַצקעלעך, וואָס ווייבער האָבן אים געגעבן מתנות. אין דער פרי, ביים צעקעמען זיך אין שפּיגל, האָט ער אויך אין זיינע שוואַרצע האָר דערטאַפּט אַ גרויע. ער האָט זי אויסגעריסן, אָבער נאָך דער איינער אויסגעריסענער, האָבן זיך באַוויזן צוויי אַנדערע. סענדער האָט געזען, אַז דאָס צופּן האָט קיין פּעולה נישט. מען קען צופּן האָר, אָבער נישט קיין יאָרן.

— וועדסט אַלט, סענדער — האָט ער געברומט צו זיך אַליין אין שפּיגל.

דער שלאָף זיינער האָט אויך אָנגעהויבן ווערן אַביסל שוואַכער, ער איז שוין נישט אָפּגעשלאָפן מער מיט איין צי אַ גאַנצע נאַכט ווי פריער, נאָר איינמיטן נאַכט זיך אויפגעכאַפּט און שווער דערנאָך צוריק אַנטשלאָפן געוואָרן. לייענען האָט ער נישט געקענט, נישט געפילט קיין טעם דערין. ער האָט קיינמאָל נישט געלייענט. דאָס האָט אים נאָך מער געמאַטערט. אַלערליי שלעכטע געדאַנקען זיינען אים געקראָכן אין קאָפּ. ווען ער דערפילט זיך פלוצלונג נישט גוט, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, וואָלט ער אפילו נישט געהאַט קיינעם, ווער עס זאָל אים אַביסל וואַסער דער־לאַנגען. מעשיות וועגן יענער וועלט זיינען אים געקומען אין זכרון. דער גיהנום, וועגן וועלכן דער רבי זיינער פלעגט אים אַזוי אָפּט דערציילן, איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן, פול מיט פייערדיקע צונגען און פעסער קאָכעדיקן פּעך, אין וועלכע שלעכטע מלאכים וואַרפן אַריין נאַקעטע רשעים, ווי ער איז. ווען ער זאָל פלוצלונג שטאַרבן, האָט אים געעגבערט אין מוח, וואָלט אַלץ, וואָס ער האָט, געבליבן הפקר. פרעמדע וואָלטן זיך מיט זיין פאַרמעגן צעטיילט. יעדער וואָלט געכאַפּט, און קיינער וואָלט אפילו אים נישט דערמאָנט, קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט נאָך אים, קיין קדיש, קיין יזכור, קיין מצבה אפילו נאָך אים נישט אוועקגעשטעלט, ווי נאָך אַ הונט אין גאַס.

נאָך איינער אַזאַ נאַכט, אַ שלאָפלאָזער און אַ ביטערער, איז ער אַוועק צום רבין זיינעם, ווי תמיד בעת אַן עגמת־נפש. דער יאַרטשעווער רבילע האָט פאַרקאַשערט דעם געלן ספּאָדעק איבערן קאָפּ און געוויזן מיט

אַ פינגער צום באַלקן, אויף וועלכן פליגן האָבן געזשומעט און געיאָגט זיך.

— דאָס איז אַ צייכן פון אויבן, סענדער — האָט ער פייערלעך געזאָגט — פאָלג מיר און גיב מיר אַ תקיעת־כּף.

סענדער האָט זיך פּרובירט וואַקלען.

רבי, אַז כ'גלייב זיי נישט, די ווייבער, — האָט ער געמורמלט, — אַז כ'קען זיי.

דער רבי האָט נישט געוואָלט הערן.

— רייס מיר נישט איבער — האָט ער געצאַרנט, טופּנדיק אין דער לופט מיטן פינגער, וואָס דערגרייכט נישט צו דער ערד — נאָך פאַראָן ייִדישע כּשרע טעכטער, געלויבט צו גאָט. אַזוי גרויס גאָלד זאָל איך האָבן. און איך וועל דיר רעדן אַ שידוך... איך אַליין. גיב די האַנט, אַז וועסט אין אַלץ מיך פאָלגן, וואָס איכ'ל דיך הייסן.

סענדער האָט נישט געהאַט קיין כּוח געגנוג דאָס מאָל צו לאָזן הענגען דעם רבינס אויסגעשטרעקטע האַנט. ער האָט זיינע קורצע פולע פינגער אין רבישן ווייכן הענטל אַריינגעשטעקט. דער רבי האָט פּאָר נחת עטלעכע שמעק טאַבאַק געגומען איינעם נאָכן אַנדערן, גוט די נאָז אויסגעשנייצט מיט רחבות און נצחון, און געהייסן דעם שמש, ער זאָל שוין אַריבערגיין צו חנה דער אלמנה, דער שוחטקע, און זי הייסן קומען צו אים, למען־השם, און טאַקע באַלד, ווארעם עס גייט אין אַ תוך־זאַך.

— איך גיב דיר אַ באַלעבאַטיש ייִדיש קינד, אַ שוחטס אַ טאָכטער — האָט דער רבי געזאָגט אַ פריילעכער — און וועסט קיין חרטה נישט האָבן, סענדער. זי איז אַ יתומה, אָרעם, אָבער אַ כּשר קינד, הערסט!

נאָך אין דער זעלביקער וואָך, שבת פאַרנאַכט, האָט סענדער אָנגעטאָן דעם נייעם קאָסטיום, וואָס איז געלעגן ווי אויסגעגאָסן אויף זיין קרעמפּן גוף, ער האָט זייער פּינקטלעך אויסגעלעגט דעם ברייטן שרונט אין שוואַרצן קאָפּ, נייע פלעסטערלעך, אָנגעקלעפּט אויף דעם קאַרק און געלאָזט זיך קריכן פיר שטאָק שמוציקע טרעפּ צום בוידעם־שטיבל פון דער אלמנה, דער שוחטקע. אַ הויכע ברוינע ייִדענע, אָן איבערגעוואַקסענע און געבויגענע, אין ברייטע אַלטמאָדישע קליידער פון איר חתונה נאָך, האָט אים געעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט אין אַ שבתדיק צוגעראַמטער שטוב, וואָס האָט געשמעקט מיט זיס־זויערלעכע ריחות פון טשאָלנט, שבתדיקער טיי, צוגעצלעגן אויבס און שלוש־סעודותדיקן אומעט.

אויפן טיש, לעבן די פּאָרטריפּטע מעשענע לייכטער, איז געשטאַנען אָנגעגרייט באַצייטנס כּיבוד. אויף אַ בלוי־געפּאַרבטן טעלער מיט פייגל און בלומען זיינען געלעגן אויסגעלייגט עטלעכע רויטע צוגעפּרוירענע עפּל

און דאָרע ראַזשינקעס, אַרומגעפּוצט אין די זייטן מיט קרום־געשניטענע שטיקלעך שטרודל. אַ קורץ־געוויקסיק מיידל מיט אַ צו־הויכן בוזים און מיט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, ברייט געעפנטע און דערשראָקענע, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַן אויסטערלישע בשורה געהערט, האָט אים אויסגעשטרעקט אַ פּוקלע בלוי־און־בלוילעכע האַנט, וואָס זעט אויס ווי געפרוירן.

— כ'האָב מיך די ערע פאָרצושטעלן — האָט זי געזאָגט, דרייענדיק זיך אויף די הויכע דינע קנאַפּלס — עדזשע באַרענבוים.

סענדער האָט געקוקט אַן איבערראַשטער אויף דער טונקעלער שבת־פּאַרנאַכטיקער שטוב, וואָס דורכן אַריינגערוקטן בוידעם־פענצטער קוקן אַריין אַ סך קוימענס און דעכער, און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו רעדן. ס'ערשטע מאָל איז ער געווען אין אַזאַ שטוב, ס'ערשטע מאָל מיט אַזאַ מיידל זיך געטראָפן. ער האָט נישט געוואוסט געגוי, צי זי איז אַ שיינע, צי אַ מיאוסע. נאָך ווייניקער האָט ער געוואוסט ווי אַזוי מיט איר צו רעדן. פון פאַרלעגנהייט האָט ער זיך איינגעקוקט אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטער פאָטאָגראַפיע פון אַ ייד מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ און מיט אַ בולבעוואַטער נאָז, וואָס קריכט אַרויס פון אַ גרויסע געדיכטעניש פון באָרד און פיאות.

— דאָס איז מיין טאַטעשי, עליו השלום — האָט דאָס מיידל געזאָגט — ער האָט זיך נישט געוואָלט פאָטאָגראַפירן. ר'איז געווען אַ שוחט. האָט מען אים אַראָפּגעכאַפּט, ווען ר'האָט נישט געוואוסט.

— אַ שיינער ייד, קיינע הארע — האָט סענדער לייטיש גערעדט נישט וויסנדיק, אַז וועגן אַ טויטן זאָגט מען נישט קיין עין הרע.

— יעך על מעך נישט אַליין לויבן — האָט דאָס מיידל געזאָגט, אונטערהאַלטנדיק ווייבעריש די ברוסט מיט איר האַנט — אָבער יעך בין איינגאַנצן איין אָנבליק מיט מיין טאַטעשי, עליו השלום. געניסן זי עפּעס.

די אלמנה, אין די אַלטמאָדישע קליידער, נאָך פון איר חתונה, האָט צוגעטראָגן אַ שבתדיק גלאָז טיי און גערעדט מיט אַן אלמנה־שטים.

— אוודאי — האָט זי געזאָגט — ווען מיין מאַן, עליו השלום, וואָלט געלעבט, וואָלט איך גענומען פאַר מיין טאָכטער אַ לערנער. אָבער אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט, איז מסתמא אַזוי באַשערט.

דערביי האָט זי געלאָזט אַ טרער.

דאָס מיידל האָט געקוקט מיט דערשראָקענע שוואַרצע אויגן.

— שוין, ווייסט שוין, מאַמע! — האָט זי געבייזערט זיך — ס'איז דאָך דאָ אַ מענטש אין שטוב.

די אלמנה האָט אויסגעווישט די טרער און ווידער גענומען רעדן מיט איר שטום פון אַ וויינערקע. זי האָט דערציילט וואָסער ליכטיק מזל זי האָט געהאַט ביים מאַן אירן דעם שוחט, ווען ער האָט געלעבט, און זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דער טאָכטער.

— ווען ער זאָל וויסן — האָט זי געוויזן אויף דער פאָטאָגראַפיע — אַז אונדזער טאָכטער וועט מוזן זיין אויף אַ שטעלע אין אַ שפּייז־געוועלבל, אַרויפטראָגן יעדערן אַ פּעקל אין שטוב אַריין...

זי האָט ווידער געוואָלט וויינען, נאָר די טאָכטער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט די שוואַרצע דערשראָקענע אויגן, האָט זי זיך פאַרשאַרט אין אַ ווינקל און געלאָזט הערן אירע שבת־פאַרנאַכטיקע תפילות מיט אַ וויינענדיקן תחינה־ניגון. דאָס מיידל האָט כסדר אונטערגערוקט סענדערן דעם בלוי־געפאַרבטן טעלער מיטן כיבוד.

— זי געניסן גאָרנישט — האָט זי געזאָגט — עס מוז אין גישט שמעקן.

גלייך נאָך שבת האָט מען געבראַכן טעלער. די חתונה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ חודש.

— צו וואָס אָפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק אַריין? — האָט געזאָגט דאָס יאַרטשעווער רבילע, וואָס האָט געשריבן די תנאים — ביסט נישט קיין בר־מצווה בחורל, סענדער.

סענדער האָט דעם רבין אַלץ געפאָלגט, ווי ער האָט אים די האַנט געגעבן. ער האָט געמאַכט פאַר דער כלה אַן אויסשטייער, בעטגעוואַנט, מתנות איר געקויפט. אפילו געלט אויף אַ טלית, וואָס כלהס צד דאַרף קויפן, האָט ער פון זיין קעשענע געגעבן. דער כלהס מוטער האָט ער געלאָזט אַ גיי שייטל מאַכן, אויך אַ קלייד אויף דער חתונה.

אַז ער איז מיט אַלץ געוואָרן פאַרטיק, האָט ער זיך נאָך אַריינגעכאַפּט צו זיין שכן שאַיע איטשע דעם פעלדשער, ביי וועמען ער פלעגט זיך שערן און אויך היילן זיך, אַז ס'האָט זיך עפּעס געמאַכט אין זיין בחוריש לעבן. שאַיע איטשע האָט איבערגעלאָזט אין מיטן אַרבעט אַ ניט־דערגאָלטן יונג און אַריינגעפירט סענדערן אין זיין פינצטערן אויפנעם־שטיבל, וואָס איז פול מיט פלעשער פאַרביקע פליסיקייטן, גלאַנציקע צווענגעלעך און פינצעטן. ער האָט אָנגעטאָן די פענסנע אויף זיין לאַנגער נאָז, וואָס פאַרקריכט אים מיטן שפּיץ אויף דער אונטערשטער אַרויסגעזעצטער גראָבער ליפּ, און שפּיציק געלאַכט.

— געכאַפּט אַ פּאַרציע פון דער מומע ליבע, סענדערל, האַ? — האָט

ער געפרעגט מיט הנאה — נו, מילא, ס'אַ יידישע זאַך... נישט ס'ערשטע מאָל ביי דיר. מירן זען, וואָס מיר קענען טאָן.

ער האָט גערעדט אין מערצאָל און סענדערן האָט געקיצלט אין זייט. ער האָט געוואָלט רעדן ניבול־פה. אָבער סענדער איז געווען ערנסט.

— ר' שאַיע איטשע — האָט ער אים איבערגעריסן — ס'איז מיר גאָרנישט. נאָר כ'וויל חתונה האָבן מיט אַן אָרענטלעך מיידל. און כ'וויל וויסן צי איך מעג. איר קענט דאָך מיך, רב שאַיע איטשע. זאָגט מיר.

האָט שאַיע איטשע אויפגעהערט צו לאַכן און גענומען זיך צו סענדערס גוף, דעם גרויסן און צעוואַקסענעם.

— אפילו מיט אַ רבינס אַ טאָכטער מעגסטו גיין צו דער חופה — האָט שאַיע איטשע געזאָגט — מעגסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר.

סענדער איז אַוועק דינגען אַ חתונה־זאַל, דעם שענסטן אין דער געגנט. ביים נאָענטסטן דרוקער האָט ער באַשטעלט חתונה־בילעטן, מיט גילדענע ווערטער און מיט צוויי טייבעלעך, וואָס קושן זיך אין די שנעבעלעך. ער האָט אויך אַ נייעם סורדוט ביים שניידער געלאָזט זיך אויפנייען, אַ בכבודיקן און שיינעם, ווי פאַר אַ לייטישן חתן בחור פּאַסט. אָבער רואיק אינגאַנצן איז ער נישט געווען. די חסידישע שטוב, די וויינענדיקע מחותנתטע, וואָס תמיד רעדט זי וועגן איר מאַן דעם שוחט, די משפחה פון כלהס צד, בער־דיקע פרומע יידן, וואָס רעדן מיט לשון־קודש־ווערטער, זייערע ווייבער, וואָס לאָזן גאָטס נאָמען פון מויל נישט אַרויס, און מער פון אַלץ די כלה אַליין, די חסידישע טאָכטער, וועמעס טאַטע ער וואָלט געקענט זיין, און וואָס קוקט אויף אים מיט גרויסע שוואַרצע דערשראָקענע אויגן, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אַן אויסטערלישע בשורה געהערט. דאָס אַלץ האָט אים באַאומרואיקט, געשראָקן און געהאַלטן געשפּאַנט.

— כ'וואָלט שוין געוואָלט, עס זאָל זיין נאָך אַלעמען — האָט ער אויסגערעדט זיך פאַר זייגע פריינט די אָקסנהענדלערס.

3

אַ גאַנצע גרויסע ווינטער־נאַכט, שיעור נישט ביזן גרויען טאָג אַריין, האָט זיך געצויגן סענדערס חתונה אין שרייענדיק־באַלויכטענעם חתונה־זאַל „ווענעציאַ".

סענדער איז שוין לאַנג געזעסן אין אַנגעטוענער אין נייעם חתן־סור־דוט און אומגעדולדיק געוואַרט ביז צוויי אונטערפירערס פון כלהס צד וועלן עגדלעך געקומען אים נעמען צום חתונה־זאַל. כאָטש דער זאַל איז

געווען נאַענט, האָבן זיי געהייסן סענדערן נעמען אַ דראָשקע, ווי עס פּאַסט נישט פאַר אַ חתן צו גיין צופוס.

— נו, חתן, גרייט זיך. גיכער, גיכער, נישטאָ קיין צייט — האָבן די צוויי יידן אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס און אין סאַמעטענע היטלען מחותניש געיאָגט, כאָטש זיי אַליין האָבן געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן.

סענדער האָט צונויפגערוקט זיך אין דער דראָשקע צווישןביידע חסידים, וואָס קיינמאָל איז ער מיט אַזעלכע נישט געווען קיין מחותן. די יידן האָבן נישט אויפגעהערט רעדן צו אים וועגן יידישקייט, חתן־דינים, מנהגים, אַלץ אין פרעמדע לשון־קודשדיקע רייד, וואָס סענדער האָט אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן געוואָלט וויסן, צי ער פאַסט כאָטש אין טאָג פון זיין חופּה, צי ער האָט צוגעגרייט זיך אַ קיטל, צי ער האָט אַריינגעמאַכט ציצית אין טלית. זיי האָבן אויך געוואָלט זען, צי דאָס קידושין־רינגל איז גלאַטיק און קיילעכדיק און געגנוג שווער, ווי אַ רינגל דאַרף זיין לויטן דין. דערביי האָבן זיי זיך שרעקלעך געאיילט, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס. ס'האָט זיי פון אָרט געהויבן זיצנדיק אין דראָשקע.

— איי, וויי, שפּעט, שפּעט — האָבן זיי געברומט, — ביסט אַ מבין . . .

סענדער האָט זיך געפילט שטאַרק געפּאַלן זיצנדיק איינגעפּרעסט צווישן אָט די צוויי חסידישע יידן. ער האָט מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדן, ער זאָל נישט זאָגן, וואָס מען דאַרף נישט. ער זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ שלעכט וואָרט.

נאָך געפּאַלענער איז ער געוואָרן ביי זיך, ווען די צוויי יידן האָבן אים גענומען אונטער די הענט און אים אַרויפגעפירט מיט פּאַראַד אין זאַל איבער די אויסגעריבענע רויט־פּליושענע געדעקטע טרעפּ פון חתונה־זאַל.

— מזל־טוב, חתן, אין אַ שעה מוצלחת, שלום עליכם! — האָבן אים בערדיקע יידן אין צעשיטע אַטלעסענע און זיידענע קאַפּאָטעס באַגעגנט, שטרעקנדיק ווייכע מאַכטלאָזע הענט. דער בדחן האָט אים גלייך גענומען אויפן צימבל, געשאַטן תורה ווי פון אַ זאַק אַרויס.

פון סענדערס צד איז זעלטן ווער געווען. קיין טאַטע־מאַמע האָט ער שוין לאַנג נישט געהאַט. אויך קיין משפחה האָט ער נישט געהאַט אין דער פרעמדער שטאָט, אין וועלכער ער איז אָנגעקומען אַלס אַ שיק־ייִנגל אין אַ גאַר־קיך און אַרויפגעאַרבעט זיך צו אַן אייגענעם רעסטאָראַן. אַ סך פון זיינע חברים האָט ער מורא געהאַט איינצולאַדן, זיי זאָלן נישט אָפּטאָן עפּעס קיין שלעכטע זאַכן, ווען זיי וועלן נעמען אַן איבעריקע כוסה. די אַקסנהענדלערס זיינע האָבן נישט געהאַט קיין חשק צו רייבן זיך צווישן

די „אַטלעסענע קאַפּאָטעס", וואָס מיינען, אַז די גאַנצע וועלט איז זייערע און קוקן פון אויבן־אַראָפּ אויף עם־הארצים. דאָס גאַנצע רעדל האָט געפירט כלהס צד. אַלעמאָל איז אַן אַנדער קרוב צוגעגאַנגען צום חתן, באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס און געמורמלט:

— דאָס איז דער חתן? נו, מילא, זאָל זיין אַזוי, אַבי אין אַ מזלדיקער שעה...

סענדער האָט זיך יעדן מאָל אויפסניי געריטלט, ווי אַ יינגעלע, הערנ־דיק די רייד פון די שיינע יידן, די מחותנתטעס פון כלהס צד, ווייבער אין אַנגעקאַרבירטע שייטלען, באַהאַנגען מיט צירונג, האָבן יחוסדיק געגווידערט זיך, געשאָקלט מיט די אוירינגלעך אין די אויערן און געבלאָזן זיך ווי די אינדיקעס. וואָס זייער קרובה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און אַ פּראָסטן שידוך געטאָן.

— מסתמא איז אַזוי באַשערט — האָבן זיי געמורמלט, שנורעוונדיק ליפּעלעך — זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה.

געברוינטע צרות האָט סענדער געהאַט אויסצושטיין פון דער כלהס אַ פעטער און מומע, נגידים און בכבודיקע לייט, דאָס שיינדל פון דער משפחה. פאַר די עטלעכע וואָכן צייט, וואָס ער איז אַ חתן געוואָרן, האָט ער כסדר געהערט רעדן פון פעטער שמואל לייב און פון דער מומע פעסעלע. אָט דער פעטער שמואל לייב, אַ דיקער ברייטבייכיקער געלאָסענער ייד, אַ גרויסהאַלטער און מיוחס, וואָס האָט קיין גראָשן נישט געוואָלט געבן צושטייער צו דער חתונה, האָט זיך שטאַרק געמישט אויף דער שמחה און דעם גאַנצן זאָל פול געמאַכט מיט זיך. אים האָט אונטערגעהאַלטן זיין לאַנגע אויסגעדאַרטע יידענע, וואָס האָט אויף קיין רגע נישט אָוועקגענומען דעם לאָרניאָן פון די פאַרוויינטע רויטע אויגן. געקומען זיינען זיי שפּעט, די לעצטע, ווי פאַר מיוחסים שטייט אָן. די קלעזמער האָבן זיי אויפגעג־שפּילט מיט גרויס טאַראַראַם. דער בדחן איז זיך צעגאַנגען אין שבחים און אין לויב־לידער פאַר די אָנגעלייגטע געסט. ר' שמואל לייב האָט זיך גלייך אָוועקגעזעצט לעבן חתן, אויבנאָן, ווי עס וואָלט אים געקומען, און טאַקע גלייך גענומען סענדערן אויף אַ שטאַרקן פאַרהער.

— נו, מילא, סענדער — האָט ער גערעדט לאַנגזאַם, ציילנדיק יעדן וואָרט, ווי רענדלעך — קיין למדן, ווי איך בין מיך משער, ביסטו נישט. האַלסט כאָטש פון יידישקייט, האַ?

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער ווידער גענומען פרעגן קשיות. ער האָט געוואָלט וויסן, צי איז אין רעסטאָראַן זיינעם גענוג כשר, צי היט ער אָפּ שבת, צי טוט ער אָן די תפילין יעדן טאָג,

צי פרעגט ער אַ שאלה, אַז עס מאַכט זיך און צי ווייסט ער עפּעס אין יידישקייט.

— דאַרפסט וויסן, חתן, אַז דיין שווער, עליו השלום, איז געווען נישט קיין ליאַדע ווער, אַ שוחט און אַ טייערער ייד...

— איי איז דאָס געווען אַ ייד — האָט די מומע פּעסעלע צוגעהאָלפן איר מאַן, שטייענדיק אין אַ זייט און באַטראַכטנדיק דורך איר ליאָרניאָן דעם חתן פון קאָפּ ביז די פיס — מ׳זעט גאַרנישט מער אַזעלכע יידן היינט...

דערביי האָט זי זיך צעזיפצט, קוקנדיק אויף סענדערן, ווי זי וואָלט באַדויערט, וואָס אַזאַ יונג איז אַריינגעפאַלן אין זייער משפחה אַריין.

סענדער וואָס איז געווען אַ בריה אין זיין רעסטאָראַן, אַ מזיק צווישן די אָקסנהענדלערס און דינסטן, איז געזעסן ווי אַ פאַרשעמט ייִנגל צווישן אָט די שוואַכע אַטלעסענע יידן. דער שטייפער קראַגן האָט אים געשטיקט אין האַלדז. דער האַרטער הוט אויפן קאָפּ האָט זיך אים איינגעפּרעסן מיט זיין שטייפקייט. געוואוינט שטענדיק צו זיצן אין בלויזן קאָפּ, האָט סענ־דער פּרובירט אַראָפּנעמען דעם נייעם הוט אויף אַ ווײַלע. אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט וואו ער איז און אים פעסטער אַרויפגעזעצט.

— ס׳הייס — האָט ער געברומט, אַבי צו רעדן אַ וואָרט.

— נאַ דיר מיין יאַרמולקע — האָט דער פעטער שמואל לייב געזאָגט, און נישט פרעגנדיק סענדערן, האָט ער אים אַראָפּגענומען דעם הוט פון קאָפּ און אים אָנגעטאָן זיין ברייטע שמאַלציקע יאַרמולקע, וואָס איז אים אַריבערגעפאַלן איבער די אויגן.

דערפילט זיך אַביסל פרייער האָט סענדער, ווען פון זיין צד איז ענדלעך אָנגעקומען דער יאַרטשעוווער רבילע. דאָס קליינע יידעלע מיט דער גרוי־סער באָרד, איינגעהילט אינגאַנצן אין געלן פוטער, האָט גלייך אַריינגע־בראַכט היימישקייט און פריילעכקייט צווישן אָט די אָנגעבלאָזענע יידן. ער האָט ווייבעריש געטונקען לעקעך אין בראַנפן, געקייט מיט גרויס הנאה דעם געווייקטן לעקעך און געפּאַטשט האַנט אין האַנט.

— נו, חתן, ביסט הונגעריק? — האָט ער געפרעגט קייענדיק — נו, מילא, שוין נישט לאַנג צו וואַרטן. באַלד וועל איך מסדר־קידושין זיין, בלי נדר, אוודאי אַזוי.

דער פעטער שמואל לייב האָט גלייך געוואָרפן אַ פיינטלעכן בליק אויף דעם קליין־געוויקסיקן און פריילעכן רבילע. ווי יעדער חסיד, וואָס פאָרט צו אַ גרויסן רבין, האָט ר׳ שמואל לייב געקוקט מיט חוזק אויף די קליינע רבילעך, וואָס זייערע חסידים זיינען פּראָסטאַקעס און ווייבער. חוץ דעם האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דאָס רבילע האָט זיך געגרייט מסדר־

קידושין זיין חתן־כלה. געוואוינט שטענדיק צו כיבודים. צו סנדקאות אויף בריתן, צו דאַווגען פאַרן עמוד, צו בענטשן מזומן, צו אַלערליי אַנ־דערע כיבודים, איז ר׳ שמואל לייב אַליין געווען אַ בעלן מסדר־קידושין צו זיין. ער האָט געקענט פון אויסנווייניק אָט די אַלע זאַכן, געבן חופּה וקדושין, לייענען אַ כתובה, זאָגן שבע ברכות. ער האָט זיך געהאַט שוין געגרייט צו זיין דער מסדר־קידושין, ווי פּאַר אַזאַ חשובן פעטער שטייט אָן, און ער איז געוואָרן אויפגעקאָכט, ווען דאָס קליינע יידעלע האָט אים געוואָלט אויסכאַפּן די מצווה.

— הם . . . סענדער איז דאָס אייער . . . אייער חסיד? — האָט ער געפרעגט ביי דעם יידעלע מיט חוזק — אַזוי, האַ?

און כדי צו ווייזן דעם רבילע ווער עלטער איז, האָט ער אים געגומען אויף אַ פאַרהער אין תורה, אויף אַ שאַרפן פאַרהער, אַזוי, אַז דאָס ווייבע־רישע רבילע איז אינגאַנצן אַ צעטומלטער געוואָרן.

— דער זיידע, זכרונו לברכה, פלעגט זאָגן — האָט דאָס רבילע פּרו־בירט איבערדערציילן עפּעס אַ תורה פון זיין זיידן, כדי זיך אַרויסצודרייען פון דעם אַנגרייפנדיקן יזדן. אָבער ר׳ שמואל לייב האָט זיך נישט געלאָזט פאַרדרייען.

— וואָס טויג מיר דאַרטן, וואָס דער זיידע האָט געזאָגט — האָט ער איבערגעריסן, — יעדן וויל בעסער וויסן, וואָס איר זאָגט, האַ?

סענדער האָט אָנגעשטרענגט זיך צוגעקוקט צו אָט דער מלחמה אין ווערטער, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן דעם בייכיקן פעטער און זיין רבין. אים איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות, אַז זיין רבי זאָל דעם בעל־גאווהדיקן פעטער דערלאַנגען אַ חלק, מאַכן אים אויסצודרייען, אָבער דאָס רבילע איז בלויז קלענער געוואָרן ווי תמיד און נערוועז געטונקען דעם לעקעך אין בראַנפן.

— כ׳מיין, ס׳איז צייט צו גיין צו דער חופּה — האָט ער געזאָגט, אָבי אַרויסצוקריכן פון דער נעץ, אין וועלכער דער קעגנער זיינער האָט אים געצויגן — חתן־כלה זיינען הונגעריק. זיי האָבן געפאַסט אַ גאַנצן טאָג... אַ רחמנות אויף יידישע קינדער...

ביי דער חופּה איז סענדער געווען אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט פאַר־געסן צו זאָגן ווי געהעריק דעם הרי־את. כאָטש ער האָט אַזוי פיל מאָל זיך דעם פּסוק איינגעחזרט אויף אויסנווייניק. די יידן אַרום האָבן געזיפצט. העכער פון זיי אַלע האָט געזיפצט דער פעטער ר׳ שמואל לייב.

— נו אַ, הרי את — האָט ער אים געלערנט — כדת משה וישראל...

די סעודה האָט זיך געצויגן לאַנג. דער פעטער ר׳ שמואל לייב האָט

געזונגען ווילדע חסידישע ניגונים און האָפּקעס מיט אַ שמאַלציקער פּעטער שטים. ער האָט זיך געגאַרגלט, אונטערגעהאַלטן זיך מיט אַ האַנט פאַרן אויער, באַלעקט זיך פון אייגענער אַנטציקונג איבער זיין קול בגינה, און אַלעמאָל אָנגעהויבן אַ נייעם ניגון, כאָטש קיינער האָט אים נישט געבעטן. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן זינגען, האָט ער געשאָטן מיט תורה. וואָס דער יאַרטשעווער רבילע האָט געוואָלט זאָגן אַ וואָרט, האָט אים דער ברייטער ייד איבערגעריסן און אַליין געזאָגט.

פונקט ווי די יידן האָבן געזאָגט אַ סך תורה און געזונגען אַ וועלט מיט זמירות, אַזוי האָבן זיי געגעבן ווייניק דרשה־געשאַנק, אָפּגעפּטרט זיך מיט קליינינקייטן. די שבע ברכות, וואָס דער פעטער ר׳ שמואל לייב האָט געפּראַוועט, האָבן זיך געצויגן ווי פעך. דאָס, וואָס ער האָט אָנגע־וואָרן ביי דער חופה ביים סידור־קידושין, האָט ער זיך אָפּגענומען זיינס ביי די שבע ברכות און ביים בענטשן. ער האָט געזאָגט גאָר אָן אַ שיעור, געזונגען, געגאַרגלט זיך, אַז סענדערן האָט אַזש אַ שוויס באַגאָסן. דערנאָך ערשט האָבן אַלע חסידים גענומען טאַנצן דאָס מצווה־טענצל מיט דער כלה. יעדערער האָט אָנגענומען אָן עק פאַטשיילע און געדרייט זיך. מער פון אַלע האָט געדרייט זיך דער פעטער ר׳ שמואל לייב.

שוין פאַרטאָג, אָפּצאָלנדיק פון זיין אייגענער קעשענע די קלעזמער, די סאַרווערס, דעם בדחן, די דינסטן און אַלערליי שמשים און לאַפּיטוטן, וואָס דרייען זיך אויף יידישע חתונות, האָט סענדער גענומען זיין כלה און אַהיימגעפאָרן מיט איר אין זיין נייער דירה, וואָס ער האָט געדונגען נישט וויט פון זיין רעסטאָראַן.

די קאַלטע פאַרטאָגיקע לופט האָט אים אָפּגעפרישט פון דער געדריקט־קייט און היץ. די דראָשקע האָט פריילעך געהעצקעט זיך איבער די שלעכט־געפלאַסטערטע שפּיציקע שטיינער.

— גיכער, קוטשער — האָט סענדער געברומט צו דעם באַלעגאָלע אין דער בלויער קאַפּאָטע און ער האָט גענומען זיין באַשערטע ביי דער האַנט, ס׳ערשטע מאָל פאַר די עטלעכע וואָכן, וואָס זיי האָבן זיך געקאָנט.

די שטוב איז געווען ניי. צווישן אַלע אָפּגעבליאַקעוועטע שכנישע טירן, איז די טיר פון סענדערס שטוב געווען פריש געשמירט, געשמעקט נאָך פון פאַרב. פונקט אַזוי זיינען געווען די ווענט אינעווייניק, די טיר און פענצטער, די פאָדלאָגעס. אַלץ האָט ער צוגעגרייט, סענדער. אַלץ שפּאָגל־ניי אַריינגעשטעלט. די בעטן, דאָס בעטגעוואַנט, די שאַפעס, די טישן און שטולן, די שענקלעך און סאָפקעלעך, אַלץ האָט געקנאַקט פון נייקייט, געגלאַנצט פון פרישקייט. ווען אַלץ האָט ער געדענקט, ווען

כלים און גלאָזוואַרג, וועגן ראָזע טעפּיכלעך ביי די בעטן. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן אַלערליי פאַרצעלייענע פיגורעלעך און מלאכימלעך אָנצו־שטעלן אויף די נאַכט־טישעלעך און אויפן שפּיגל, און אַ גרינעם גראַמאַפאָן מיט אַ סך פּלאַטן פון חזנים און אַקטיאָרן אַוועקצושטעלן אין מיטן שטוב. די בעטן זיינען געשטאַנען אויפגעבעט, די ראָזע אַבאַזשורן און שיינען פון די לאַמפּן האָבן אַלץ געהילט אין אַ געדעמפּטער ראָמאַנטישער שיין, ווי פאַר אַ וואוינונג פון אַ פּאָרל נאָך דער חתונה פּאַסט.

— ווי ניי אַלץ איז, ניי און שיין! — האָט די כלה געמורמלט שטיל.

— אויך אונדזער לעבן וועט זיין ניי — האָט סענדער געענטפערט אַ גליקלעכער — ניי און שיין.

פון געגילדעטן שטייגל, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ גרינער שנור לעבן פענצטער, האָט אַ קאַנאַריק דאָס שנעבעלע אומגעריכט אַרויסגערוקט און פריילעך זיך צעזונגען. סענדער האָט מיט אַ פאַרכטיקער האַנט אַראָפּגע־נומען דאָס חופּה־קלייד פון זיין באַשערטער, ווי ער פלעגט אַראָפּנעמען דאָס מענטעלע פון אַ ספר־תורה אין ימים־נוראים אין יאַרטשעווער רבי׳לעס בית־המדרש.

4

אַז סענדער האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין כלה איז ווייט נישט געווען אַזאַ כשרע יידישע טאָכטער, ווי דער רבי זיינער, דער יאַרטשעווער, האָט אים צוגעזאָגט, האָט ער נישט אויסגעפּרעגט זי, נישט געשריגן אויף איר. נישט קיין טענות געהאַט. ער האָט איר בלויז אַ פּאַטש דערלאַנגט, ווי יעדער מאָל, ווען עמעצער טוט אים אָן עוולה, און ער איז אַ שווייגנדיקער אַוועק אין רעסטאָראַן צו זיך.

פאַרבייגייענדיק פאָרן באַזאַר, וואו ווייבער האָבן פאַרטויבט מיט זייערע קולות, האָט ער דערפילט אַ שלעכטן ריח פון פאַרלעגענע פיש. ער איז באַכגעגאַנגען דעם ריח ביז צו אַ שטעל און אויסגעקליבן דעם סאַמע ערגסטן העכט, וואָס נאָר ער האָט געקענט קריגן. ער האָט דעם עיפּושדיקן פיש אַוועקגעטראָגן אין קיך און איבערגעגעבן אים דער געלער מאַנקע, זי זאָל אים אָפּשאָבן און אָנפילן.

די געלע מאַנקע, די קנאַכיקע הויכע שיקסע, וואָס האָט ליב געהאַט סענדערן נישט ווייניקער פון זיינע קאַניאַקס, האָט אויפגעעפנט אַ פּאָר גרויסע, גרינע משוגעוואַטע אויגן, פול מיט איבערראַשונג און ליבשאַפט גלייכצייטיק צום אויסגעפּוצטן באַלעבאָס אירן.

— פאַניע סענדער — האָט זי געמורמלט — מען האָט אייך די אמתע סחורה אַריינגערוקט... כ׳גיי אים שוין אַרויסוואַרפן.

— פיל אים אָן מיט אַ סך צימערינג און פעפער, עס זאָל זיך גאַרנישט פילן — האָט סענדער שטיל באַפוילן — און רעד נישט פאַר קיינעם קיין וואָרט, הערסט, מאַנקע.

— כ׳הער, פאַניע סענדער, — האָט די שיקסע געזאָגט אַ גליקלעכע, עסנדיק סענדערן מיט די גרינע משוגעוואַטע אויגן.

ווען דער פיש איז געווען פאַרטיק, האָט אים סענדער אויסגעלייגט אויף אַ שיינעם פּאַלימעסיק, באַפּוצט אים מיט מייערלעך, ציבעלעס און געווירצן און מיט מאַריץ דעם קעלנער געשיקט אים צום יאַרטשעווער רבילע אַ מתנה צו שבע ברכות.

אַ גאַנצן טאָג איז סענדער נישט אַפּגעטראָטן פון דער שויבן־טיר אין רעסטאָראַן. ער איז געווען אומגעדולדיק, ווי אַ ייִנגל, צו זען עפּעס פון רבילעס הויז. שפּעט אין אָוונט האָט ער זיך דערוואוסט. פון רבינס טויער איז דער שמש געלאָפן אַ צערודערטער און געשריגן הויך צום פעלדשער אַנטקעגנאיבער דער גאַס.

— רב שאַיע־איטשע, רב שאַיע־איטשע, דער רבי איז פאַרביי . . . קומט גיכער די געדערעם דרייען זיך אים איבער.

סענדער איז אָוועק אַ צופרידענער פון דער טיר און גענומען עט־לעכע קאָניאַקס, איינעם נאָכן אַנדערן.

אַהיים געקומען איז ער שפּעט, דער לעצטער נאָך אַלע געסט אין רעסטאָראַן. זיין ווייב האָט אויף אים געוואַרט. מיט אויגן גרעסערע, שוואַרצערע און דערשראָקענערע ווי שטענדיק, האָט זי געקוקט אים אין די אויגן אַריין, נאָכגעגאַנגען זיינע פוסטריט, חלשנדיק, ער זאָל צו איר אַ וואָרט אויסרעדן. סענדער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט.

— די מאַמע איז דאָ — האָט דאָס ווייבל געזאָגט — זי וואַרט אין קיך. פון בייטאָג אָן. זי וויל מיט דיר רעדן.

— איך האָב נישט מיט איר וואָס צו רעדן — האָט סענדער געענט־פערט — און זאָל זי זיך מער בעסער פאַר די אויגן נישט ווייזן, וואָרעם זי וועט האָבן ביי מיר אַן עוולה.

ער איז צו צום קאַנאַריק און אויסגעפייפט פאַר אים אַ לידל, אונטער־צוגעבן אים חשק צו זינגען. אָבער דער קאַנאַריק האָט קיין חשק נישט געהאַט צו זינגען, האָט אים סענדער אָפּגעלאָזן און גענומען „בריטאַנען״ צו זיך אויף דער שויס. דער הונט איז ווילד געוואָרן פון גדולה און זיין

באַלעבאָס געלעקט און געצערטלט. אַנשטאָט דעם יונגן ווייבל, איז „ברי־טאָן״ געלעגן ביי סענדערס זייט אין בעט די נאַכט.

צומאַרגנס, באַלד אין דער פרי, זיינען מומעס געקומען, פעטערס, שיינע יידן איינס אין איינס.

— סענדער, — האָבן זיי געבעטן — לאָז רעדן צו דיר. מאַכסט אַ בילבול אויף אַ יידיש קינד, אַ יתומה.

— מיר קען מען נישט פאַרקויפן קיין קאַץ אין זאַק — האָט סענדער געענטפערט — איך בין נישט קיין ישיבה־בחור.

— סענדער, לאָמיר גיין צו אַ רב — האָבן די מענטשן געטענהט — וואָס דער רב וועט זאָגן, אַזוי וועט זיין.

— איך פייף אויפן רב — האָט סענדער געענטפערט — כ׳ווייס שוין וואָס רבנים זיינען.

די יידן האָבן נישט געקענט הערן אַזעלכע רייד.

— סענדער, האָב מורא פאַר גאָט, געדענק אָן יענער וועלט.

— איך לאַך מיך אויס פון יענער וועלט — האָט סענדער געזאָגט אין כעס.

ער האָט אין גאָרנישט מער נישט געגלויבט, סענדער. ניט אין דער וועלט, נישט אין יענער וועלט. נישט אין די הימלען, וואָס ציגדן זיך אין רויטקייט, נישט אין גאָטס לייט, די צדיקים אין ספּאָדעקעס און אין זייַדענע פּוטערס. אויב די פרומע לייט האָבן אים געקענט אַזוי אָפּנאַרן, איז קיין שום זאַך נישטאָ מער אויף דער וועלט.

אין די ערשטע טעג האָט ער זיך אַ לעבעדיקן אויפגעגעסן. ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין, וואָס אים, סענדערן, האָט מען אַזוי מיאוס געפירט אין באָד אַריין, פאַרשלייערט אים ווי אַ באַרעש בחורל עפּעס. נאָך מער געקרענקט האָט אים דאָס, וואָס ער איז אַזוי געפאַלן פאַר אָט די פרומע לייט, אונטער זייערע טריט געלעגן. זיי האָבן אים באַליידיקט, גע־קרעכצט איבער אים, געגרויסט זיך קעגן אים. ער האָט זיך אויסגעברענגט פאַר זיי, אַלץ אַליין געצאָלט. אפילו מיט זיינע חברים האָט ער זיך איינ־געריסן, נישט פאַרבעטן זיי אויף דער חתונה, אַלץ אַבי געפעלן צו ווערן די חסידאָקעס מיט די אַטלעסענע קאַפּאָטעס, און די ווייבער מיט די שייטלעך. די גאַנצע עטלעכע וואָכן דערנידערונג, געפאַלנקייט זיינען אים געשטאַנען ווי אַ בייך אין האַלדז, נישט אַרונטערצושלינגען. ער האָט נישט געקענט שלאָפן אין די נעכט, נישט געקענט עסן אין די טעג.

— אָקס — האָט ער זיך אַליין געזידלט, קוקנדיק אויף זיך אין שפּיגל — יאָלד באַרעשער...

תחילת האָט ער שטאַרק חשק געהאַט אַנצונעמען אַט די חסידישע טאָכטער ביים קאַרק, אַרויספירן זי פון שטוב און דערלאַנגען איר אַזאַ שטויס פון הינטן, זי זאָל אויף אַלע פיר אַראָפּפאַרן פון די טרעפּ. נאָר דאָס, האָט ער געפילט, וואָלט אים געקילט זיין בלוט. זאָל זי נישט מיינען, אַז סענדער איז עפּעס אַ ייִנגעלע, וואָס מען נאַרט אים אָפּ, וואָס מען רעדט אים איין אַ לונג און לעבער אויף דער נאָז. ניין, ער איז נישט פון די צוויי פּאַר אַ דרייער. קיינמאָל האָט ער זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאָשע אַריין, אַפילו פון שטאַרקערע פון זיך. און פון גנבישע חסידאַקעס וועט ער זיך אוודאי נישט לאָזן פירן ביי דער נאָז. אַלץ וועט ער ביי איר צונעמען, אַפילו די קליידער, וואָס ער האָט איר געלאָזט מאַכן פאַר זיין געלט, אַפילו דאָס רינגל פון פינגער און די אוירינגלעך פון די אויערן. מיט דעם, וואָס זי איז געקומען, מיט דעם קען זי גיין, און אַראָפּ פון מאַרק!

באַלד האָט ער געגומען טראַכטן, אַז ער וויל גאָרנישט פון אַט דער חסידישער קו. זאָל זי נעמען אַלץ, וואָס ער האָט איר געמאַכט, די קליידער מיט די שיך, מיט די אוירינגלעך, מיט די אַלע איבעריקע גוטע זאַכן. ער וועט איר נאָך צוגעבן אַפילו אַביסל געלט, אַבי זי זאָל אים אָפּלאָזן. באַפּט דער רוח דאָס געלט. ס'האָט געקאָסט אַזויפיל, זאָל קאָסטן נאָך. אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ, אַבי אַרויס פון עסק. גאָרנישט וועט ער איבערלאָזן פון דער שטוב. אַלץ, דאָס מעבל, דעם גראַמאָפאָן, דעם טלית, דעם חתן־סורדוט, אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס ער האָט אייגעהאַנדלט צו דער חתונה זיינער, וועט ער פאַר גראָשנס פאַרקויפן, אומזיסט אַוועקגעבן, און זאָל ער עס נישט האָבן מער פאַר די אויגן. ער וועט צוריק זיך אין זיין בחורשער וואוינונג אַריינציען, לעבן פריי, ווי פריער, און פאַרגעסן גאָר, אַז עפּעס איז געשען אין זיין לעבן.

נאָך עטלעכע שלאָפלאָזע נעכט טראַכטן, האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז דאָס בעסטע וועט זיין גאָרנישט צו טאָן. לאָזן לויפן ווי עס גייט. צו וואָס מאַכן פון זיך לייטיש געלעכטער? דינסטן אין קיך וועלן נקמה נעמען. די ווייבלעך אין גאַס, וואָס האָבן זיך געשדכנט צו אים, וועלן לאַכן אים אין די אויגן אַריין. די געסט וועלן ריידן פון אים ביי די טישלעך. פאַר אַ יאָלד וועט מען אים האַלטן, פאַר אַ לעקיש. ער וועט זיך צווישן מענטשן נישט קענען ווייזן. ניין, ער וועט קיינעם נישט אָנטאָן דאָס פאַרגעניגן. דאָס בעסטע איז צו לאָזן גיין ווי עס גייט. זאָל זי זיך אַרומדרייען אין הויז, די נאַרעשע גאַנדז, עלעהיי אַ דינסט אין שטוב. האָט סענדער אָפּגעמאַכט ביי זיך.

און אַזוי האָט ער זי טאַקע געלאָזט אַרומדרייען זיך.

נישט ער האָט גערעדט צו איר, נישט געבייזערט זיך, נישט קיין טענות געהאַט, נישט אַפילו אומגעקוקט זיך אויף איר. ער האָט געהייסן אין די קראָמען, מען זאָל אַלץ אַרויפטראָגן צו אים וואָס מען דאַרף, און ער האָט זי געלאָזט אַליין אין דער נײַ־אויסמעבלירטער שטוב.

סענדער האָט זייער אַ פרײַ לעבן גענומען פירן, אַ פיל פרײַערס ווי אין די בחורשע יאָרן. ערשטנס, האָט ער געטרונקען. אויך פריער האָט ער פון קיין גלעזל זיך נישט אָפּגעזאָגט, ווען די געסט זײַנע פלעגן אים צובעטן צו זייערס אַ טיש׳ל. אָבער ער פלעגט זיך האַלטן אין דער מעלה, נישט אַריבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט שטענדיק געוואוסט, ווען אָפּצו־שטעלן זיך און נישט נעמען מער ווי מען דאַרף. איצט האָט ער אויפ־געהערט ציילן. ער איז כסדר געזעסן בײַ די טישלעך מיט די אָקסנ־הענדלערס און וואוילע יונגען, גערעדט, געררויכערט, אין קאָרטן געשפּילט און מיט כוסות פאַרביסן. די יונגען האָבן פון אים אָנגעקוואָלן.

— סענדער בלײַבט סענדער — האָבן זיי געזאָגט מיט צופרידנקייט, וואָס ער איז נישט געוואָרן קיין לייטיש באַלעבעסל ווי ער האָט זיך געשבּיטן דערויף פאַר דער חתונה.

אין איינעם אַ טאָג האָט ער אויך געהייסן מאַנקען, זי זאָל אויפ־רוימען זײַן קאַנטאָרל, וואָס איז געשטאַנען פאַרלאָזן אַ צײַט. מאַנקע האָט מיט גרויס פלײַס די רויט־פּליושענע סאָפע אויסגעקלאַפּט, אַז דער גאַנצער שטויב זאָל פון איר אַרויס. זי האָט גוט אַרומגעוואַשן די ווענט, די פּאָד־לאָגע מיט אַ טעפּיכל אויסגעשפּרייט, דעם שפּינוועבס פון דער נאַקעטער שיינקייט אַראָפּגענומען און שטילערהייט, פאַר אייגן געלט, וואָס זי האָט געהאַלטן אין זאַק, אַפילו עטלעכע פאַפּירענע בלומען געקויפט און אַוועק־געשטעלט אויפן טיש׳ל. דערנאָך האָט זי זיך אַליין אָפּגעוואַשן, די דינע ליפּן אין רויט אָנגעשמירט, די בלאַסע באַקן מיט רוזש פאַררויטלט, מיט ביליקן פּאַרפיום זיך גוט אויסגעשפּריצט און אַרײַנגעפירט איר באַלעבאָס.

— שיין, פאַניע סענדער? — האָט זי געפרעגט, וואַרטנדיק אויף אַ קאָמפּלימענט.

געטרונקען האָט מאַנקע נישט אײן קאָניאַק, נאָר עטלעכע. נאָכן פינפטן גלעזל איז זי געוואָרן ווילד, ווי תמיד.

— איר מעגט מיך הרגענען, שלאָגן, פאַניע סענדער, אָבער אַוועקגיין פון דאַנען וועל איך נישט — האָט זי געשוואוירן זיך — ווי אַ הונט וועל איך דאָ ליגן . . .

סענדער האָט זי נישט געטריבן.

אַפּטער ווי אין די בחורישע צייטן, איז סענדער געגאַנגען איבער די געדרייטע טרעפּ אין קעלער אַריין, וואו דאָס קאַנטאָרל זיינס איז געווען. די דינסטן אין קיך האָבן געהאַלטן אין איין אַרומרייסן זיך אַרום אים. פּונקט אַזוי האָבן זיי ווידער געקלעפּט צו אים די ווייבלעך אין גאַס, וואָס האָבן נישט געקענט ביישטיין דעם גלאַנץ פון זיינע אויגן און זיין פעסטן קאַרק, וואָס תמיד איז ער באַקלעפּט מיט פלעסטערלעך. זיי האָבן פאַר־שטאַנען, אַז ער האָט נישט איבעריק געטראָפן מיט דער חסידישער טאָכטער, מיט וועלכער ער איז צו דער חופּה געגאַנגען, און מיט ווייבערישער אויס־געריכטקייט און גערולד געמיט זיך אים געפעלן צו ווערן, טאָמער וועט פאָרט עפעס אַרויסקומען דערפון.

סענדער איז גראָב געווען צו די ווייבער, געהאַסט זיי פאַר זייער פאַלש־קייט, וואָס אַפילו די בעסטע פון זיי קען מען נישט געטרויען. ער האָט נקמה גענומען אָן זיי, ווען זיי זיינען מיט אים פאַרבליבן אַליין, דערנידעריקט זיי, גראָבע רייד צו זיי גערעדט. אָבער וואָס מער ברוטאַל ער איז געווען צו זיי, אַלץ מער האָבן זיי זיך צו אים געקלעפּט.

אַהיימקומען פלעגט ער שפּעט ביינאַכט, שיר נישט פאַרטאָג. אַ מידער, אַן אָנגעטרונקענער פלעגט ער זיך אַריינוואַרפן אין בעט אַריין, וואָס זיין ווייב האָט אים אויסגעבעט, און אָפּשלאָפן די עטלעכע שעה אין איין אָטעם. „בריטאַן", זיין הונט, איז געלעגן אים צופוסנס. ווי נאָר ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז ער צוגעגאַנגען צום קראַניק און אים געשפּריצט און געוואַשן.

— סענדער, איך האָב דיר געמאַכט אָנבייסן — האָט זיין ווייב געזאָגט אָן אונטערטעניקע.

— כ'עס אין רעסטאָראַן — האָט סענדער געענטפערט, צופּענדיק ביים שפּיגל די גרויע האָר פון שוואַרצן קאָפּ.

— סענדער, דו האָסט געקרעכצט אין שלאָף — האָט דאָס ווייבל גערעדט — מוזט זיין קראַנק.

— קענסט שלאָפן אין דער אַנדערער שטוב, וועסטו נישט הערן — האָט סענדער איר געגעבן אַן עצה.

דאָס ווייבל האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט

— זידל מיך, שלאָג מיך, אַבי גיי נישט אום און שוויג — האָט זי געיאָמערט — ווי אַ הונט דריי איך מיך אַליין אַרום אין שטוב, גאַנצע נעכט וואַרט איך.

— קענסט צוריקגיין צו דיין מאַמען — האָט סענדער אַ ברום געטאָן

און פארהאַקט די טיר פון זיין שטוב, די נייע פריש געפּאַרבטע טיר, וואָס איז געשטאַנען צווישן אַלע שכנישע אָפּגעלאָזענע טירן, ווי אַ נגיד צווישן קבצנים.

אַ סך מאָל פלעגט ער אינגאַנצן נישט קומען אַהיים נעכטיקן אויך. נאָכן שליסן זיין רעסטאָראַן שפּעט ביינאַכט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין די גויאישע גאַסן צו די גרויסע רעסטאָראַנען, די העל־באַלויכטענע און פריילעכע, און באַשטעלט קאָניאַקס איינס נאָכן אַנדערן.

— העי, ווי דערלאַנגסטו? — האָט ער זיך געבייזערט אויף די אויסגעפּוצטע קעלנערס — נישט אַזוי דערלאַנגט מען צום טיש.

און מיט אַמאָליקער קעלנערישער געניטקייט האָט ער געוויזן ווי אַזוי מען באַדינט אַ גאַסט. די שאַנסאָנעטקעס האָבן אים אַנגענומען פאַר אַ גרויסן העכט און געקלעפּט אַרום זיין טישל. סענדער האָט זיי מכבד געווען מיט קאָניאַקס און, ווי די פריילעכע אַפּיצירן, געבראָכן גלעזלעך אין דער ערד.

אַהיימקומען פלעגט ער מיטן טאָג צוגלייך און אָפּשלאָפן אין אַנטועכץ אויף דער סאָפע זיינער אין קאַנטאָרל היפש אין טאָג אַריין.

ווי פריער דער יאַרטשעווער רבי, פלעגט איצט שאַיע איטשע דער פעלדשער, אָפּט מוסרן סענדערן פאַר זיינע זינד. יעדעס מאָל, וואָס סענדער איז אַריינגעקומען צו אים גאָלן זיך און אויסקלעפּן זיך דעם קאַרק מיט נייע פלעסטערלעך, האָט אים שאַיע איטשע גענומען מיט די קאַלטע פינ־גער פאַרן דופּק און געקוקט אויף זיין ציבעלע־זייגער, וואָס ער האָט געקראָגן ביי „פּאַניען" אַ מתנה פאַר פעלדשעריי.

— סענדער, ער קלאַפּט גיך דער פּולס — האָט ער געמורמלט — צו גיך...

כאָטש סענדער האָט נישט געוואָלט, האָט אים שאַיע איטשע אַריינ־געשלעפּט אויפס כוח צו זיך אין אויפנעם־שטיבל, וואָס איז פול מיט פלעשער פאַרביקע פליסיקייטן, צווענגלעך און פינצעטן, און צוגעלייגט זיינע גרויסע אויערן צו זיין ברייטער ברוסט.

— טרינק נישט, רויכער נישט און הולטאַיעווע נישט אַזויפיל, סענ־דער — האָט שאַיע איטשע געוואָרנט מיט אַ פינגער אין דער הייך — ביסט נישט מער קיין יינגעלע.

סענדער האָט פאַררויכערט אַ פרישן פּאַפּיראָס אין דעם אויסגעבערענטן און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— בלויז איינמאָל פגרט אַ קאָזע, האָט ער געזאָגט אַ הייזעריקער.

5

די גרויע האר אין סענדערס שווארצן קאפ האבן געמערט זיך מיט יעדן טאג. איבערנאכט זיינען זיי אויסגעוואקסן. סענדער האט אלץ פרובירט זיי ארויסצופען אין דער פרי ביים שפיגל, אבער וואס מער ער האט געצופט, אלץ מער זיינען זיי געקומען. האט ער א שפיי געטאן און געלאזט זיי וואקסן, ווי זיי ווילן. פונקט ווי די האר, האבן אויך די אויגן זיינע פארלוירן זייער שווארצן גלאנץ און איבערגעצויגן זיך מיט א טריבער פארלאפנקייט. זיי האבן אפט געטרערט נאך די נעכט פון שיכרות, רויך, אויסגעלאסנקייט און וואך זיין. די שטענדיקע ריינע ווייסלען זיינען געווען רויט, דערכגעוועבט מיט בלוטיקע אדערלעך.

אפטער ווי פריער האט ער דערפילט ווייטיקן אין די גלידער, אלע מאל אין אן אנדער זייט. ער האט זיי פארטרונקען מיט שנאפס, ווי אויף צו להכעיס זיך אליין, דעם אייגענעם שמארצנדיקן גוף האט ער געגעסן אלערליי גערויכערטע פליישן, געזאלצענע פישן, שארפע שפייזן, וואס האבן געזויערט אין זיינע איינגעווייד. דאס ברענעכץ פון הארץ האט ער ווידער מיט בראנפן געלאשן. פאפיראסן האט ער איינעם אין צווייטן פאררויכערט. ער האט געשלונגען אין זיך דעם רויך פון אין דער פרי, עפענענדיק די אויגן, ביז שפעט אין דער נאכט אריין, שליסנדיק זיי מיט א מונדשטוק אין מויל.

די מלבושים האבן אנגעהויבן ווערן ענג אויף זיינע אנגעבלאזענע גלידער. דער בויך האט דאס וועסטל צעשפארט. די נאז זיינע האט גערויטלט זיך, דורכגעווארפן זיך מיט דינינקע ברוינע און בלאע אדערלעך. פונקט ווי דעם קערפער, האט ער געגומען פארנאכלעסיקן זיינע קליידער. דא האט א קנעפל געפעלט אים אין וועסטל, דא זיינען די לאצן זיינע פארשאטן געווען מיט אש, דא זיינען די שיך זיינע געווען נישט אפגעפוצט ווי עס דארף צו זיין. ער האט אפילו אויפגעהערט צו ראזירן זיך רעגלמעסיק און ארומגעגאנגען א באוואקסענער, מיט שטעכיקע שווארצע לאטעס אויף די באקן, וואס זיינען אזש אריינגעפאלן אין בלוי. די ווייבלעך אין גאס האבן געגומען פון אים ווייכן.

— גייען זי, זי זיינען אן אלטער מאן — האבן זיי אים אפגעשטויסן פון זיך ווען ער איז צוגעשטאנען צו זיי ווי אמאל — און זי שטעכן מיט דער באָרד ווי מיט א ריבאייזן.

די דינסטן אין קיך האבן אויפגעהערט זיך ארומצורייסן איבער אים. סענדער האט זיי געלאזט לויפן און אריינגעלאזט זיך אין עסקים מיט די גאסן־מיידלעך, וואס האבן זיך ארומגעדרייט אין ראג, לעבן דעם רעס־

טאַראַן זיינעם. אָפּטמאָל, ביים שליסן דעם רעסטאַראַן, האָט ער מאַריצן דעם קעלנער פאַר דער טיר אַרויסגעשיקט, ער זאָל אים איינע פון זיי ברענגען צו זיך אין קאַנטאָרל.

— וועלכע רופן? — האָט געפרעגט מאַריץ, קענענדיק יעדע פּרוי פון זיי מיטן נאָמען.

— אַלע זיינען זיי גלייך, די ווייבער — האָט סענדער געענטפערט מיט האַס — איין כפרה...

דעם רעסטאַראַן האָט ער אָפּגעלאָזן, די קאַסע איבערגעלאָזט אָפּט ביי מאַריצן אין די הענט. יעדעס מאָל ביים אָפּרעכענען זיך שפּעטער, האָט סענדער געקנאַקט מיט דער פויסט איבער די מאַרמאָרנע טישלעך, גע־שריגן, אַז מאַריץ באַגנבעט אים. מאַריץ האָט געשוואָרן ביי טאַטע־מאַמע אין קבר, אַז ער האָט קיין איין גראָשן נישט אַראָפּגעלאָזט. סענדער האָט אים געגעבן אין באַק, ווי יעדעס מאָל ווען עמעצער טוט אים אַן עוולה, געשוואָרן, אַז קרענקען זאָל ער, אויב ער וועט נאָך דעם יונג איינמאָל צולאָזן צו דער קאַסע. אָבער צומאָרגנס האָט ער אים ווידער געלאָזט ביים געלט און אַליין אַוועק אין די גאַסן אָדער געכראָפּעט אין קאַנטאָרל.

אַז די וויטיקן פלעגן אים אַזוי צודריקן, אַז ער האָט נישט געקענט אויפהייבן זיך, איז ער געבליבן ליגן אין בעט, שעלטנדיק, קרעכצנדיק און זידלענדיק.

— זאָל איך גיין רופן אַ דאָקטאָר, סענדער — האָט זיין ווייב גע־פרעגט שטיל.

— איך דאַרף נישט קיין דאָקטאָר — האָט סענדער געענטפערט אַ בייזער.

— לאָז, וועל איך דיך אויסשמירן — האָט זי געמורמלט און פאַר־קאַשערט די אַרבל פון דער בלוזקע איבער די עלנבויגנס.

— איך בין דיר מוחל דיין שמירעכץ — האָט סענדער געברומט.

— וואָס דען ווילסטו?

— דעם קאָניאַק דערלאַנג און אַ גלעזל.

אַ דערשראָקענע, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס אַ גאַנצע וועלט מורא איז דאָ אין זיי, האָט דאָס ווייבל געקוקט אויף איר טרינקענדיקן מאַן אין קראַנקן־בעט.

— סענדער — האָט זי געמורמלט — דער רעסטאַראַן איז אַליין — איך וועל אַריבערגיין כאַפּן אַ בליק — מ׳וועט אונדז באַגנבענען.

— האָב נישט קיין מורא, ס׳וועט דיר בלייבן גענוג נאָך מיין טויט — האָט סענדער געענטפערט טרינקענדיק — גיי נישט אַהין, איך וויל נישט.

ער האָט מיט מי עטלעכע גרייזיקע ווערטער אויפגעשריבן מיט א בלייפעדער אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, דאָס בריוועלע אַרונטערגערוקט „ברי־טאַנען” אונטערן לעדערנעם האַלדזבאַנד און אים געשיקט אין רעסטאָראַן.

— גיי, בריטאַן, אין קיך אַריין — האָט ער אים אָנגעזאָגט — און פּאַמעלעך ביים אַריבערגיין די גאַס, מען זאָל דיך נישט איבערפאָרן.

„בריטאַן”, געוואוינט צו שליחותן, איז אַוועק מיט זיינע געזונטע שווערע מאָפּסישע טריט.

באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט דער געלער מאַנקע, אַ קנאַכיקע, אַן אָנגעפּאַרבטע, אַן אָנגעשמירטע, אַ צעלאָזענע, איז זי גלייך געוואָרן די באַלעבאָסטע אין שטוב. זי האָט געעפנט די קרעדענצן, געקאָכט, גע־פּאָרעט זיך, עסן סענדערן דערלאַנגט אין בעט אַריין און אים אויך מיט גרויס אייפער דעם האָריקן פליישיקן קערפּער מיט האַרבע עסיקס גע־שמירט. אין ווייבס אויגן האָט זי זיך געטוליעט צו אים און אים איבער די הענט געפּאַטשט.

— שלאָפן! — האָט זי באַפוילן ווי אַ מאַמע באַפעלט אַ געליבט צע־לאָזן קינד — שלאָפן, שייגעץ, וואָרעם כ'על אָנפּאַטשן גוט...

מיט קעצישער רשעות אין די משוגענוואַטע אויגן האָט זי געקוקט אויף סענדערס דערשראָקן ווייב, איר שפּאָט איר אַרויסגעוויזן און אַרומ־געטאַנצט פון איין שפּיגל צום אַנדערן, וויקלענדיק גיך די לעקעלעך פון איר געלן קאָפּ אַרום די שפּיצקע פינגער.

עדזשע האָט געוויינט אין קיך אויף איר ביטער מזל.

ווי נאָר דער אָנפאַל פלעגט אים אָפּלאָזן אַביסל, איז סענדער אַרויס פון בעט און ווידער אָנגעהויבן זיין טאָג־טעגלעך לעבן, דאָס צעלאָזענע און אומזיניקע.

— איינמאָל בלויז פּגרט אַ קאָזע — האָט ער געזאָגט צו די אָקסנ־הענדלערס ביי די טישלעך.

אין אַ שפּעטער סוף־ווינטער נאַכט, אין אַ טריבער און נאַסער, ווען פון אַלע רינעס און דעכער האָט נישט אויפגעהערט טריפן און רינען און קעץ האָבן פּאַריאָמערט מיט זייערע געוויינען, האָט סענדער דערפילט אַ שווינדל אין קאָפּ און אַ חלשות אין די פיס. ער איז צו צו די שטיינערנע געדרייטע טרעפּלעך, וואָס פירן אין קעלער אַריין, כדי באַצייטנס זיך אָוועקצולייגן אויף דער סאָפע אין קאַנטאָרל. אָבער ביים ערשטן טרעפּל האָט ער פאַרלאָרן דעם גלייכגעוויכט און אַראָפּגעקייקלט זיך איבער אַלע טרעפּלעך ביז דעם לעצטן.

מאַריץ דער קעלנער, וועלכער איז געשטאַנען אין דער האַלב־פּאַר־מאַכטער טיר פון רעסטאָראַן און געפּייפט צו די מיידלעך ביים לאַמטערן, האָט דערהערט דעם טעמפּן קלאַפּ און אַראָפּ אין קעלער. ער איז געווען זיכער, אַז דער באַלעבאָס זיינער איז געפאַלן פון שיכרות און ער האָט אים געריסן ביי די אַקסלען.

— אַלטער, הייבט זיך אויף! באַלעבאָס, גיט אַ האַנט.

סענדער האָט זיך נישט אָנגערופן.

זעענדיק, אַז דער באַלעבאָס זיינער רייסט נישט, וואָס עס טוט זיך מיט אים, האָט מאַריץ אים גענומען זידלען:

— גראָבער טרעלבוך, ריר זיך! — האָט ער אים געריסן.

אַז סענדער האָט זיך אַלץ נישט אָפּגערופן, האָט אים מאַריץ גענומען שלאָגן, בוכצען אים אין די זייטן, שטויסן מיט די פיס אַז ער זאָל דערפילן, ווי עס באַדאַרף צו זיין. אָבער אויך דערויף האָט סענדער זיך נישט אָפּ־גערופן. איז מאַריץ געוואָרן אומרואיק און געלאָפן וועקן שאַיע איטשע דעם פעלדשער, דעם שכן.

אַ פאַרשלאָפענער, אַ צעשויבערטער, בלויז מיט אַן אויסגעקראָכן פוטערל אויף די אונטערוועש אַרויפגעוואָרפן, האָט שאַיע איטשע, צוזאַמען מיט מאַריצן, שטאַרק געאַרבעט ביים אַרויפשלעפן סענדערן אויף דער סאָפע. אין זיין ציען צו דער ערד איז געלעגן די שווערקייט פון אַ מת.

— בלוט, בלוט — האָט מאַריץ געדופן אַ דערשראָקענער — פון קאָפּ רינט עס.

— דאָס איז גאָרנישט — האָט שאַיע איטשע אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — כ'האָב מורא פאַר עפּעס ערגערס.

ער האָט אַראָפּגעצויגן סענדערן די שיך פון די פיס און גענומען שטעכן אים מיט אַ נאָדל די טריט. סענדער האָט זיך נישט אָפּגערופן. שאַיע איטשע האָט נאָך טיפער געשטאָכן, אָבער סענדער האָט נישט באַוועגט זיך. נישט ער האָט געקרעכצט, נישט ער האָט מיט די פיס גערירט. שאַיע איטשע האָט אַוועקגעלייגט די נאָדל און אַראָפּגעלאָזט די לאַנגע נאָז זיינע ביז דער אונטערשטער גראָבער ליפּ.

— אויס סענדער — האָט ער געזאָגט.

מאַריץ האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן.

— ער לעבט נישט, ר' שאַיע איטשע?

— לעבן לעבט ער, אַז אָך און ווי — האָט שאַיע איטשע געזאָגט — אָבער ער איז געליימט. רירט מיט קיין אבר נישט. מ'דאַרף רופן זיין ווייב.

אַ פֿאַרלאָרענע, אַן איבערראַשטע, מיט אויגן מער שוואַרצע און דער־שראָקענע ווי שטענדיק, איז עדזשע געשטאַנען ביי דער סאָפע און געקוקט אויף איר מאַן אַ שווערן און צעלייגטן.

— סענדער! — האָט זי געהופן — דאָס בין איך... איך...

סענדער האָט געגלאָצט מיט אַ פּאָר אָפענע אויגן, גרויסע און פֿאַנאַנ־דערגעעפֿנטע, אָבער גלעזערנע און שטאַרע. פֿון זיין אויסגעקרימט מויל איז גערונען שפּייעכץ, ווי ער וואָלט געשפּיגן אויף דער וועלט. עדזשע האָט גאָרנישט געוואוסט וואָס צו טאָן. דאָס ערשטע מאָל ווי זי איז אין רעסטאָראַן געווען, ס'ערשטע מאָל אין קאַנטאָרל, אין קעלער, וועגן וועלכן זי האָט אַזוי פיל געהערט, נאָר קיינמאָל עס נישט געזען. עפּעס אַ זיידן ווייבעריש העמד האָט געהאָנגען אויף אַן אָרם־בענדל אויף אַ טשוואָק. די ראָזע נאַקעטע שיינהייט האָט אַראָפּגעקוקט פֿון דער וואַנט מיט פֿאַר־שייטע אויגן גלייך אויף איר. עדזשע האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין.

— וואָס טוט מען? — האָט זי געמורמלט, נישט אין צער, נאָר אין פֿאַרלעגנהייט.

זי האָט דערפֿילט, אַז עפּעס זייער וויכטיקס איז געשען אין איר לעבן אין דער שפּעטער נאַסער נאַכט, אָבער וואָס צו טאָן אַזוינס האָט זי נישט געוואוסט. זי איז אינגאַנצן געווען צעטומלט. פּונקט ווי זי איז געווען פֿאַרלאָרן, איז מאַריץ דער קעלנער געווען וואַך, קלאָר. קודם כל האָט ער ביים ליגנדיקן באַלעבאָס זיינעם אַלע קעשענעס אויסגעליידיקט. פֿון אַלע זייטן, פֿון די הויזן, פֿון וועסטל, פֿון רעקל האָט ער געלט אַרויסגע־צויגן, באַנקנאָטן צעקנייטשטע, קליין־געלט. דערנאָך האָט ער דעם גאָל־דענעם זייגער און קייט אָפּגעשפּיליעט פֿון וועסטל און דעם בריליאַנטענעם רינג אַראָפּגעצויגן פֿון סענדערס פֿינגער.

— זאָל די „אַלטע" עס נעמען — האָט ער מער באַפֿוילן ווי געראָטן. עדזשע האָט אים געפֿאָלגט.

דערנאָך האָט ער סענדערן אָנגעטאָן די שיך און געהייסן שאַיע איטשען אַרויסרופֿן אַ קאַרעטע פֿון שפּיטאָל.

שאַיע איטשע האָט זיך געקווענקלט.

— נעמט אים בעסער אַהיים — האָט ער געזאָגט — איך וועל ברענגען אַ דאָקטאָר.

— צו וואָס אַהיים — האָט מאַריץ געזאָגט פֿעסט — דאָס בעסטע איז אין שפּיטאָל אים אָפּצופֿירן.

שאַיע איטשע האָט געקוקט אויף דעם ווייבל, זי זאָל עפּעס זאָגן. אָבער זי האָט געשוויגן. זי האָט געקוקט מאַריצן אין מויל אַריין. האָט

שאַיע איטשע איינגעטוליעט זיך אין פוטערל און מיט אַ זיפץ אַוועק אַהיים. מאַריץ האָט אים נישט פאַרהאַלטן. מיט גרויס געשיקטקייט האָט ער זיין באַלעבאָס אַוועקגעפירט אין שפיטאָל, פאַרשריבן דאָרט זיין נאָמען, עלטער, שטאַנד, אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס מען האָט געדאַרפט.

— ווער איז די פרוי? — האָט דער שפיטאָל־מענטש געפרעגט אויף דער שוויגנדיקער עדזשע.

דער שפיטאָל־מאַן האָט זי באַטראַכט מיט חידוש און אַ נאַכלעסיקן גענעץ געטאָן.

— צאָלן דאַרף מען פינקטלעך — האָט ער געלערנט — און באַזוכן דאַרף מען בלויז אין די באַשטימטע שעהן... איר הערט, פרוי?

— איך הער — האָט עדזשע געענטפערט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן אין בושה, אַליין נישט ווייסנדיק פאַר וואָס.

ערשט ביים אַרויסגיין, שוין ביי דער טיר, האָט זי זיך דערמאָנט צו פרעגן וועגן דעם, וואָס זי לאָזט איבער דאָ.

— ווי אַזוי איז ער? — האָט זי האַסטיק אַ פרעג געטאָן — נישט געפערלעך?

דער שפיטאָל־מאַן האָט אַ קרים געטאָן מיט דער נאָז.

— אַ לאַנגע געשיכטע — האָט ער געברומט — געליימט ווי אַ שטיין.

מיט דער זעלבער ענערגיע ווי פריער, האָט מאַריץ אַריינגעזעצט זיין באַלעבאָסטע אין אַ דראָשקע און אַהיים געפירט זי איבער די שלעכט־געפלאַסטערטע ביינאַכטיקע גאַסן. שוויגנדיק האָט ער זי אַרויפגעפירט אויף די טרעפ, די טיר אויפגעשלאָסן און צוזאַמען מיט איר אַריינגעגאַנגען אין שטוב. אין דרויסן האָט שוין געגומען בלויען.

— מאַך טיי — האָט ער איר פלוצלונג געזאָגט „דו״.

זי האָט געטאָן וואָס ער האָט געהייסן.

מאַריץ האָט אַראָפּגענומען די פלאַש קאָניאַק, וואָס איז געשטאַנען אויפן קרעדענס, און אָנגעגאָסן אין דער טיי אַרייַן צוערשט זיך, דערנאָך זיין באַלעבאָסטע.

— איך האָב עס נישט ליב — האָט עדזשע געזאָגט.

— ס׳גוט, ס׳דערוואַרעמט — האָט מאַריץ געענטפערט — טרינק.

זי האָט געטרונקען.

נאָך עטלעכע גלעזלעך קאָניאַק, איז מאַריץ צו צו דער באַלעבאָסטע זייגער און זי פעסט אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס.

— וואָס טוט איר? ניין... — האָט עדזשע געמורמלט.

מאַריץ האָט נישט געענטפערט. ווי אַ מאַן אַ ווייב האָט ער זי גענומען. זי האָט זיך נישט געווערט.

שפּעטער אין מאָרגן האָט מאַריץ זיך אויפגעהויבן פון שלאָף. ער האָט אָנגעטאָן סענדערס מאָרגן־ראָק, וואָס איז געהאַנגען ביים בעט, די שטעקשיך, וואָס זיינען געשטאַנען ביים בעט און מיט דעם באַלעבאָס ראַזיר־כלים אויסגעגאָלט זיך דאָס פּנים.

— עדזשעלע — האָט ער גערופן אָן אָנגעזייפטער — טיי האָב איך ליב מיט מילך אין דער פרי, און אייער געפּרעגלט.

דערנאָך האָט ער גענומען די שליסלען און מיט עדזשען אַוועק עפענען דעם רעסטאָראַן.

די דינסטן אין רעסטאָראַן האָבן געטומלט, גערעדט וועגן אומגליק. די געלע מאַנקע האָט געוויינט אויפן קול. מאַריץ האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל און געמאַכט אָרדענונג.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שטייעניש? — האָט ער געבייזערט זיך — גייט אַראָפּ אין קיך אַריין צו דער אַרבעט!

די מוידן האָבן זיך איבערגעקוקט, אָבער זיי האָבן געפאָלגט.

מאַריץ האָט אויסגעזוכט זיין קעלנער־פּאַרטעך און אָנגעטאָן עס דעם געהילף זיינעם, וואָס האָט ביז איצט אַראָפּגענומען פון די טישן. אַליין האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים בופעט, ביים ביר און בראַנפן, וואו סענדער פלעגט שטענדיק שטיין. עדזשען האָט ער אַוועקגעזעצט ביי דער קאַסע און געלערנט זי ווי אַזוי אומצוגיין מיטן רעגיסטראַטאָר.

— זעסט, דאָ דאַרף מען אַ דריק טאָן, ווען מען נעמט געלט — האָט ער איר אָנגעוויזן — וועסט הערן אַ קלונג.

ביי דער שוועל איז געזעסן „בריטאָן" מיט אַן אָפן מויל, פון וועלכן אַ גאַווער איז גערונען, און טרויעריק געוואָיעט.

דאָרפס ייִדן

1

ווען רב אורי לוי שאַפּיר, דער פּריץ פון קריניוויץ, האָט ביסלעכווייז אַרום זיין גוט באַזעצט אַ צוויי מנינים ייִדן, — עטלעכע אײדעמס אויף קעסט, אַ וואַלד־שרייבער, אַ פּאָר שינדלמאַכערס, אַ טעפּער, אַ קוילן־ברענער, אַ סמאָלע־ציער, אַ דאָרפישן מלמד און אַ פּאָר משרתים — האָבן אַרומיקע לומדישע יונגעלייטלעך, וואָס שניידן זיך אויף כּלי־קודש, געוואָרפן אַן אויג אויף דעם ישוב.

דורכפאָרנדיק מיט בוידן און וואָגנס איבער יאַמפּאָלע אויפן וועג צו אַן אַנדער ייִדישער שטאָט כּלומרשט, האָבן די קעסט־אײדעמלעך אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ נאַכט אין קריניוויצער הויף, וואָס איז געלעגן אין אַ זייט צווישן אָזערס און וועלדער. אָנגעטאָן האַלב באַלעבאַטיש, האַלב רבניש, מיט ריפּסע־נע זשופּעצעס מיט די קעשענעס פון הינטן, מיט גרויסע רבנישע אויסגע־קרייזלטע פּיאות, אָבער אָן פּליושענע קאַפּעליושן, נאָר בלויז מיט גרויסע סאַ־מעטענע היטלען אויף יאַרמעלקעס, זיינען זיי געזעסן ביי ר׳ אורי לוי׳ס גרויסן דעמבענעם טיש, וואָס איז געווען באַלויכטן פון אַ מעשענעם בליץ־לאָמפּ אויף קייטן. זיי האָבן געגעסן לייטיש די פעטע גבירישע וועטשערע, געשאָטן מיט לומדות, און צווישן איין תּורה און דער צווייטער, אַריינגעוואָרפן רייד וועגן אַ תּכלית־זאַך.

— רב אורי לוי, — האָבן זיי געמאַכט לייכטע אָנצוהערענישן, — אייער דאָרף ווערט קיין עיר־הרע אַ ישוב. ווען איר בויט אויס אַ בית־המדרשל און זעצט אַריין אַ רב, וואָלט איר פאַרשפּאָרט זיין אַ ישובניק און וואָלט געווען אַ שטאָטישער באַלעבאָס מיט באַלעבאַטים צוגלייך . . .

רב אורי לוי האָט צום וויפלטסטן מאָל אויפסניי אויסגעלייגט די זיל־בערנע באָרד, וואָס האָט אַזוי אויך געבלענדט פון זויבערקייט און ווייסקייט אַרום דעם אָפּגעברענטן און ווינטיקן פּנים, און ער האָט געענטפערט מיט אַ קאַטאָוועס, ווי זיין שטייגער איז געווען.

— עס לוינט מיר נישט דער עסק, יונגערמאַן, — האָט ער געזאָגט. —

אַזוי בין איך מיר אורי לוי און דו, יונגערמאַן — אַן איידעמל אויף קעסט. גלייכע מחותנים. לאָמיך דיר אָבער נאָר אָנטאָן אַ ספּאָדעקל, ווערסט דו שוין איבער מיר אַ כלי־קודש און איך מוז וואַרטן מיטן דאַוונען ביז דיר וועט זיך פאַרגלוסטן אויסצוגיין שמונה־עשרה. נו, דאַרף איך עס, כ׳פרעג דיך?

ניט קענענדיקביישטיין רב אורי לוי׳ן אין חכמה, האָבן די יונגעלייטלעך פּרובירט אים נעמען מיט תורה. קרייזלענדיק די באַצייטנס גרויסע רבנישע פּיאות, האָבן זיי מיט אַ וועלט מיט תורה אויפגעוויזן ווי בייטיק עס איז, אַז קריניווויץ זאָל אויפהערן זיין אַ דאָרף און ווערן אַ קהילה־קדושה, מיט שטעט און שטעטלעך צוגלייך. גלעטנדיק ברייטלעך די באָרד, האָט רב אורי לוי פּונקט מיט אַזוי פיל תורה אויפגעוויזן, אַז קריניווויץ דאַרף דורכאויס בלייבן אַ דאָרף.

— אַ האַרטער בעל־דבר, — האָבן די יונגעלייטלעך געמורמלט, אַהיים־פאַרנדיק אומצופרידענע פון די אומזיסטע הוצאות, וואָס זיי האָבן געמאַכט — אַ וויסטער עקשן.

אַן עקשן איז ער טאַקע געווען, רב אורי לוי, אָבער קיין האַרטער איז ער שוין גאָרנישט ניט געווען.

ביי זיין שווערן דעמבענעם טיש, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דער גרויסער עס־שטוב, איז תמיד געווען אַן עדה יידן, אָנגעפּאַרענע פון גאָר דער וועלט. דאָרפס־גייער, מדינה־לויפער, נשרפים, טאַטעס פון דערחאַקסענע טעכטער, וואָס פאָרן אַרום זאַמלען אויף הכנסת־כלה, מחברים, אייניקלעך מיט זייערע גבאים, אַפילו אַ ירושלמי פון צפת מיט אַ זיידענעם טיזליק אין פאַסן — אַלע האָט מען געקענט טרעפן אין קריניוויצער הויף. יידן נצרכים האָבן זיך שוין איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן, אַז פון קריניוויץ פאָרט מען ניט אַוועק מיט ליידיקן. אי מען קריגט אַ פעטן מאַלצייַלט, אי נאַכט־לעגער אויף פרישן שטרוי, איבערגעצויגן מיט קילע, קלאָרע ליילעכער פון היימישער פּויערישער לייוונט, אי מען כאַפּט עטלעכע גילדן, אי מען ווערט דערנאָך אָפּגעפירט מיט אַ הויפישן גוט־אויסגעאַרבעטן וואָגן ביז צום שליאַך אַרויס, וואו וועגן צעשיידן זיך אין אַלע זייטן. און כאָטש קריניווויץ איז געלעגן אין אַ זייט, פאַררוקט צווישן וועלדער און אָזערעס, באַרג אַרויף, היפּשלעך פאַר־וואָרפן פון יאַמפּאָלע, האָבן יידן געמאַכט אַן אומוועג און אַרויסגעפאָרן צום הויף. די פּויערים אויף די וועגן האָבן שוין געוואוסט, וואוהין יידן פאָרן, און זעענדיק אַ וואָנדערנדיקן ייד מיט אַ זעקל, אָדער אַ יידישע בויד שניי־דנדיק זיך אין די זאַמדן, האָבן זיי אָנגעוויזן מיט אַ גראָבן פינגער צו דער זייט פון הויף.

— גלייך מיט דער נאָז, זשידקעס, — האָבן זיי געחוזקט פון די „אום־גלויביקע”, — און איר וועט אָנקומען קיין קריניוויץ.

אורחים מיוחסים פלעגן אָפּזיצן טעג, און אַפילו וואָכן אין הויף. מען האָט זיי ניט געפרעגט ווער זיי זיינען, פון וואַנען זיי קומען און ווען זיי פאָרן. קיינער, אַ חוץ די אַנטוישטע קעסט־איידעמלעך אין די ריפּסענע זשו־פּיצעס, האָט ניט געקענט זאָגן, אַז רב אורי לוי איז אַ האַרטער בעל־דבר. אַז רב אורי לוי איז אַן עקשן אַ ייד, דאָס האָט מען גראָד יאָ געוואוסט.

— שוין איינמאָל אַ קרומער האָקן, — האָט מען געמורמלט וועגן אים, — און אַ קאַטאָוועסניק, סכנת נפשות . . .

מען האָט ניט גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין. מען האָט וואויל געוואוסט, וואָס מען רעדט. מילא, וואָס ער האָט ניט געוואָלט האָבן קיין ספּאָדעקל ביי זיך אין הויף, כדי נישט צו וואַרטן צוליב שמונה־עשרה, האָבן אים יידן אין יאַמפּאָלע ווי נישט איז מוחל געווען. אַ נגיד אַ ייד, האָט ער זיך זיינע משוגעתן. אָבער דאָס, וואָס ער האָט נישט געהאַלטן פון די גרויסע ספּאָדעקעס, פון די סויבעלנע, וואָס צדיקים און גוטע יידן טראָגן, דאָס איז שוין געווען צופיל. יידן חסידים איז עס געגאַנגען אין לעבן רב אורי לוי זאָל „פאָרן” ערגעץ. צו וועלכן רבין ער וויל, אַבי ער זאָל „פאָרן”.

— ר׳ אורי לוי, אַזאַ ייד אַ למדן און אַן עושר, קיין עין־הרע, ווי איר זענט, דאַרף פאָרן ערגעץ, — האָבן באַלעבאַטים אים געמוסרט. — אַ וועלט מיט יידן פאָרן, דאַרף מען אויך פאָרן . . . זייט נישט קליגער פון דער גאַנצער וועלט.

רב אורי לוי האָט יאָ געוואָלט זיין קליגער פון דער וועלט. אַפילו אַריבערכאַפּן זיך קיין טשאַרטקאָוו, וואָס דאָרט איז דער הויף שוין געווען אַ פּריצישער, שיריים האָט מען ניט דערלאַנגט מיט דער האַנט, נאָר מיט אַ זילבערנעם גאָפּל, און דער רבי אַליין איז אַרויסגעפאָרן שפּאַצירן אין אַ קאַטש מיט דריי פערד באַשפּיץ, אַפילו דאָרט צוצופאָרן, אויף טשיקאַוועס בלויז, האָט ער זיך ניט געלאָזט צורעדן. יידן האָבן די העלדזער אויסגעצ־טריקנט ריידנדיק. רב אורי לוי איז געבליבן ביי זיינס. פונקט אַזוי האָט ער, אַלע מעקלערס און פאַקטערס צו־להכעיס, ניט געוואָלט לייען פּריצים קיין געלט אויף פּראָצענט און היפּאָטעקן, כאָטש די יידן האָבן זיך געשוואוירן, אַז ער קען מאַכן קורחס אוצרות, און אַז ער איז אַ גזלן אויף זיך אַליין. פונקט אַזוי האָט ער ניט געוואָלט אויסגעבן די טעכטער צו זין פון הימישע גבירים, כאָטש שדכנים האָבן אים די פּאָלעס אָפּגעריסן, נאָר אויסגעזוכט איידעמס פון הינטער די הרי־חושך, טייל פון יענער זייט גרענעץ, פון גאַליציען — גאָלדן־

ברייליקע דייטש־קענער און גרויסהאַלטערס; טייל פון רוסלאַנד, משכילים מיט צוגעשוירענע בערדלעך און מיט סורדוטן ביז די קניען. פונקט אַזוי האָט ער פאַר קיין געלט אין דער וועלט ניט געוואָלט פאַרלאָזן קריניוויץ, כאָטש מען האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף עס ווי אַ לאָך אין קאָפּ.

אַרומגערינגלט מיט וועלדער און אָזערעס, איז קריניוויץ פונדעסטוועגן געווען אומפּרוכטבאַר און מאָגער. אין די פיל הונדערטער אַקער ערד איז געווען ליים און טאָרף און זאַמד און זומפּן, און לאַנקעס אַ סך, אָבער תבואה איז דאָרט שלעכט געוואַקסן. אויפגעגאַנגען שפּעט און שיטער. די עפּל־קאַרשן־און־פלוימעןביימער זיינען געווען נידעריק, אויסגעהויקערט, קנאָכיק און צעדרייט. די פּרוכטן זיינען שפּעט צייטיק געוואָרן און אַרויסגעקומען נישט געראָטן. בלויז קאַרטאָפל זיינען געוואַקסן לרוב, און אין גראָז איז געווען אַ מזל־ברכה. די גראָזן זיינען אַזוי הויך געוואַקסן, אַז מען האָט קוים אַרויס־געזען די פערד, וואָס זיינען אין זיי אַרומגעקראָכן. די זומפּן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט אויסגעטריקנט, האָבן געקראָכט מיט פרעש, פליגן, ווערעם און שרצים, זשומענדיק, קוואַקענדיק און ברומענדיק כסדר, באַזונדערס אין די נעכט. אין די זומער־נעכט האָבן לייכטנדיקע גלי־ווערעם געשלייכט זיך אין דער לופטן. פאַרפוילטע וואַרצלען האָבן בלויע פאָספאָר־פייערן געצונדן. קליינע וואַסער־פרעש האָבן געדיכט געקוואַקעט, ווערנדיק איבערגעריסן פון די מאָנאָטאָנע קלאַגענישן פון ווייכע גרויסע יבשה־פרעש. סאָוועס און גרילן האָבן געקלאָגט אין די נעכט. אַ סך מאָל האָט זיך דער טאָרף אַליין אָנגע־צונדן און געברענט די לאַנקעס.

רב אורי לוי האָט פון דער קריניוויצער ערד גאָרנישט אַרויסגענומען. פאַרקערט, דאָס וואָס ער האָט פאַרדינט פון די וועלדער, האָט ער נאָך אַריינ־געבראָכט אין דער אומפּרוכטבאַרער קריניוויצער ערד. יידן אין יאַמפּאָלע האָבן דעריבער ניט אויפגעהערט אַריינצורעדן אין רב אורי לוי׳ן, ער זאָל פאַרקויפן דעם הויף.

— רב אורי לוי, פאָלגט אונדז און פאַרקויפט די זשאַבעשע מלוכה, — האָבן זיי אין אים אַריינגעטענהט, — ס׳איז אַן אָרט פאַר גויים . . . צוליב די וועלדער דאַרפט איר נישט זיצן אין דאָרף. איר קענט וואוינען בכבוד אין יאַמפּאָלע, אַ ייד צווישן יידן . . .

רב אורי לוי האָט נישט געקענט הערן, ווי מע רעדט שלעכטס אויף זיין קריניוויץ.

ווייסנדיק ביי זיך אין האַרצן, אַז די יידן אַרום זיינען גערעכט, האָט אים פונדעסטוועגן אונטערגעהויבן, וואָס זיי לאַכן פון זיין גוט, וואָס זיי רופן עס זשאַבעשע מלוכה. ערשטנס, האָט ער דאָס גוט געירשנט פון זיין טאַטן,

עליו השלום. צווייטנס, האָט ער דערין אַ סך געלט און מי אַריינגעלייגט. און ווי אַ מאַמע, וואָס האָט צום ליבסטן איר אומגעראָטן קינד, וואָס זי האָט דערויף אַ פאַרמעגן אויף דאָקטוירים און רפואות געפּטרט, האָט רב אורי לוי ליב געהאַט דאָס אומגעראָטענע גוט, וואָס אַלע האָבן דערפון חוזק געמאַכט. די לייכטע געלטער, וואָס ער האָט געמאַכט אין די וועלדער, האָט ער כסדר אין הויף אַריינגעבראָכט. דאָ האָט ער אַ וואַסער־מיל אָוועקגעשטעלט. דאָ האָט ער אַ ציגל־פאַבריק אויסגעבויט, כדי פון ליים צו מאַכן ציגל. ער האָט אויך אַ שטיבל פאַר אַ ייד אַ טעפּער אויסגעבויט, ער זאָל מאַכן טעפּ פון ליים; אַן אַנדער שטיבל פאַר אַ סמאָלע־ייד אָוועקגעשטעלט, ער זאָל ברענען סמאָלע און צאַפּן טערפּענטין. ער האָט לאַנגע שינדל־דעכער אויף סלופּעס אַנגעשפּאַרט און שינדל־מאַכער אַראָפּגעבראַכט, זיי זאָלן אויסאַרבעטן שינדלען פון האָלץ. מיט געוואַלט האָט ער געוואָלט באַפּעסטיקן דעם קריניוויצער הויף. און אויפ־געקאָכט פלעגט ער ווערן יעדעס מאָל, וואָס די יאַמפּאָלער באַלעבאַטים האָבן חוזק געמאַכט פון זיין קריניוויץ און אים געראָטן, ער זאָל זיך אַריינציען קיין יאַמפּאָלע.

— כ׳וויל נישט יאַמפּאָלע, — האָט ער געשריגן אויפן קול, גאַרגישט ווי פאַר אַ נגיד און למדן פּאַסט, — כ׳וויל נישט, יידן זאָלן מיר דאַסן אויף די ווענט . . .

יאַמפּאָלע איז געווען באַליידיקט.

יאַמפּאָלע האָט שטאַרק געוואָלט האָבן רב אורי לוי׳ן אין שטאָט ביי זיך, ערשטנס, האָט יאַמפּאָלע ניט געהאַט קיין גביר. עס זיינען אַפילו יאָ געווען עטלעכע גבירים אין מאַרק, אָבער נישט פון ריכטיקן אויסזען, אַן דעם גע־העריקן געשטעל. און יאַמפּאָלע איז ניט אַנגעשטאַנען פאַר דעם שכנהשן שטעטל גלוסק, וואָס האָט געהאַט אַן אמתן גביר. וויפיל מאָל גלוסקער יידן אויף אַ יאַריד האָבן זיך באַרימט מיט זייער גביר, האָט יאַמפּאָלע ניט געהאַט וועמען אַרויסצושטעלן פון איר צד. מיט רב אורי לוי׳ן וואָלט מען שוין ניט געהאַט וואָס אָפּצושטיין. צווייטנס, איז רב אורי לוי געווען אַ חשוב ביי פּריצים, אויך ביים מלכות אין יאַמפּאָלע. דער געל־בערדיקער נאַטשאַלניק אַליין פלעגט מיט אים פאַרן צוזאַמען אויף דער הויפישער בריטשקע. עס וואָלט דעריבער געווען אַ שטיק ישועה, ווען מען זאָל קענען צו אים אַריינגיין בעטן אַ טובה יעדעס מאָל, ווען מען האָט אַ צרה מיט מלכות. דריטנס, איז ניט געווען באַקוועם צו שלעפּן זיך וויאָרסטן ווייט איבער זאַמדיקע וועגן, באַרג אַרויף, ביזן קריניוויצער הויף יעדעס מאָל, ווען מען האָט געדאַרפט אַ גרעסערן גמילת־חסד ערב אַ יאַריד, איינלייגן אַ נדן, בעטן עטלעכע סלופּעס אויף אונטערצושפּאַרן אַ חרובע נחלה, אָדער גלאַט פרעגן אַן עצה. מידע,

ווישנדיק דעם שווייס און פרייכענדיק פון היץ, האָבן יידן געגעבן אויפסניי אנצוהערן דעם קריניוויצער פריץ, אַז ער האָט זיך צו ווייט פאַררוקט פון קהל.

— מען דאַרף דאָך צו אייך עולה־רגל זיין ווי קיין ירושלים, רב אורי לוי, — האָבן יידן געהאַט תרעומות — ווען וועט איר זיך שוין אַריבערציען קיין יאַמפּאָלע?

— וואָס דאַרף איך קומען קיין יאַמפּאָלע, אַז יאַמפּאָלע קומט צו מיר? — האָט רב אורי לוי געענטפערט מיט אַ קאַטאָוועסל.

מיט די אייגענע קאַטאָוועסן איז ער אָפּגעקומען יענטעלען זיין ווייב.

ווי די יידן אָרום, האָט אויך יענטעלע, די קריניוויצער פריצטע, געהאַט טענות צו איר מאַן. אַליין אַ צדקניות, אַ פרומע נשמה, האָט זי געהאַלטן אַ וועלט פון צדיקים און מיוחסים. כאָטש איר מאַן האָט ניט געקאַרגט קיין נדבות, האָט זי פונדעסטוועגן פון איר זייט באַזונדער, שטילערהייט, אַריינגע־רוקט שיינע נדבות צו די מיוחסדיקע אורחים, וואָס זיינען אַראָפּגעקומען אין הויף. איבערהויפּט האָט זי זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט פאַר די אייניקלעך, וואָס זיינען מיט בוידן, מיט אַ באַלעגאָלע און גבאי, פאַרפאָרן אין הויף אַריין. זי האָט געשיקט דעם משרת קיין יאַמפּאָלע צום שוחט, שעכטן יונגע הינדלעך, און געמאַכט יאַיכלעך אין דער וואָכן פאַר די יידן אין די ספּאָדעקעס. זי האָט זיי אַריינגעגאָסן האַלבע גלעזער שמאַנד אין דער מילך, טיי מיט איינגעמאַכטס זיי אַליין צוגעטראָגן, און פעטע פדיונות, גאָלדשטיקלעך, זיי אַריינגערוקט. זי האָט דעריבער ניט געקענט ליידן, וואָס איר מאַן האָט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט די צדיקים און מיוחסים. רב אורי לוי האָט ליב געהאַט חוזק צו מאַכן פון די רבילעך, וואָס זיינען צו אים פאַרפאָרן. דווקא דערפאַר, וואָס זיי זיינען קנאַפּע לומדים געווען, האָט ער מיט זיי פאַרפירט שמועסן אין תורה, געשאָטן מיט לומדות, קוועלנדיק אין דער באָרד אַריין, וואָס זיי פּלאָנטערן זיך ווי פליגן אין שפּינוועבס. כדי זיך צו ראַטעווען, האָבן די גוטע־יידלעך פּרובירט דערציילן מופתים און מעשיות וועגן זייערע זיידעס די בעל־שמס, אין וואָס זיי האָבן זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים, אָבער רב אורי לוי האָט זיי ניט געלאָזט אַרויסדרייען זיך פון דער נעץ, אַריינציענדיק זיי צוריק אין ים פון תורה. זיי האָבן געשוויצט ווי די ביבערס, די יידן אין די ספּאָדעקעס, אין דרייען זיך געדרייט. מער פון זיי האָט געליטן יסורים יענטעלע, רב אורי לוי׳ס ווייב. זי האָט געצי־טערט, איר מאַן זאָל ניט ברענגען קיין צרה אויפן הויז דערמיט, וואָס ער שפּילט זיך מיט פייער.

— אורי לוי, — האָט זי געמורמלט אַ דערשראָקענע, ציטערנדיק מיט אַלע

גוידערלעך אין האַלדז, — זאָל שוין זיין געגוג געאַמפּערט זיך, לאָז דעם רבין, זאָל לעבן, באַקומען דאָס עסן.

אָבער רב אורי לוי האָט ניט אָפּגעלאָזט.

— וואָס טויג מיר דאַרטן מופתים? — האָט ער געזאָגט צו די יידן אין די ספּאָדעקעס, — איך האַלט בעסער פון תורה... תורה...

גאָר אַ פאַרציטערטע פלעגט יענטעלע ווערן, ווען רב אורי לוי האָט חוזק געמאַכט פון די גרויסע גוטע יידן, די צדיקים, וואָס האָבן אייגענע הויפן, און טויזנטער יידן פאָרן צו זיי. זי האָט נאָך מיט איר ווייבערישן שכל געקענט פאַרשטיין, אַז אַ ייד אַ למדן זאָל אַוועקמאַכן מיט דער האַנט קליינע ווייבערישע רבילעך, וואָס פאָרן אַרום מיט בוידן. אָבער, אַז אַ ייד זאָל זיך אָנהייבן מיט די גרויסע, דאָס איז שוין געווען איבער איר ווייבערישן שכל. וויפיל מאָל עס איז עפּעס געשען אין הויז, אַ קינד איז געוואָרן שווער קראַנק, אָדער עס האָט געהאַלטן ביי אַ פּריזיוו, אָדער ביי אַן אַנדער צרה, איז יענטעלע אויפסניי צוגעשטאַנען צו איר מאַן, ער זאָל ניט זיין קיין חכם און אַריבערפאָרן צו אַ גוטן־ייד, צו אַ צדיק, צו ווענען אַ וועלט מיט יידן פאַרט. נישקשה, עס מעג אים, אורי לוי'ן, אָנשטיין צו פאָרן. אָבער אורי לוי האָט איר אָפּגעפּטרט מיט אַ קאַטאָוועס, ווי ער האָט אָפּגעפּטרט די יאַמפּאָלער באַלעבאַטים.

— יידענע, וואָס דאַרף אורי לוי פאָרן צו די רבישע הויפן, אַז די רביים פאָרן צו אורי לוי'ן אין הויף? — האָט ער געפרעגט מיט אַ גמרא־ניגון.

און ער האָט טאַקע געפירט אַ הויף, רב אורי לוי, אַ הויף מיט הויפן גלייך. זיין טיש איז געווען אַרומגערינגלט מיט עסערס, ווי אַ רבינס אַ טיש. איידעמס, טעכטער, אייניקלעך, משרתים, אורחים, סתם יידן, זיינען סיי אין די שבתים, סיי אין דער וואָכן, געזעסן אַרוםביידע זייטן פון גרויסן דעמבענעם טיש און מיט דרך־ארץ צוגעהערט זיך צו רב אורי לוי'ס חכמות, גלייכווערטלעך, מעשיות און תורהס, וואָס האָבן געפלאָסן פון אים ווי פון אַ קוואַל. שבת און יום־טוב האָט אַ מנין געדאַוונט אין רב אורי לוי'ס לערן־שטוב, וואו עס איז געשטאַנען אַן עמוד מיט אַ מעשענעם ששה־נרות, און אין אַ היימישן ארון־קודש האָבן זיך געטוליעט עטלעכע ספר־תורות.

בלויז דריי מאָל אין יאָר, צוויי מאָל צו טאַטע־מאַמעס יאָרצייט, און איין מאָל אויף ימים נוראים, האָט רב אורי לוי געדאַוונט אין יאַמפּאָלע. מיט אַ בריטשקע, געשפּאַנט אין אַ פּאָר אויסגעפּאַשעטע פערד, געטריבן פון אַ גרויס־וואָנסענדיקן פויער, פלעגט רב אורי לוי פאַרפאָרן ביז צום שול־געסל. חדר־ייִנגלעך זיינען ניט אָפּגעטראָטן פון די הויפישע פערד, וואָס פון זאַט־קייט און לייכטער אַרבעט האָבן זיי מער האָבער געוואָרפן אַרום זיך, ווי

געגעסן. די הינער און די פייגל האָבן געאַרבעט מעשים אַרום זייערע פּיס. כאָטש זיי האָבן מורא געהאַט צו ציען סטרונעס פון די פערדישע עקן, ווייל די הויפישע פערד האָבן זיך ניט געלאָזט קיין עוולה טאָן, איז עפּעס אַנגעפאַלן אַ פרייד אויף די חדר־יינגלעך, קוקנדיק אויף די זאַטע רונדיקע און הירזשנ־דיקע פערד פון יידישן הויף. פונקט אַזוי האָבן זיך געפילט געהויבן די יידן אין שטעטל מיטן קרינעוויצער פּריץ. זיין ווייסע רייזע־בורקע מיט די גרויסע קנעפּ, ברייטע לאַצן, נאָכהענגענדיקע פעטלעך און שפּיציקן קאַפּושאָן, האָט אַ העלע פריילעכקייט מיט זיך אין שטעטל מיטגעבראַכט. יידן באַלעבאַטים האָבן געטרונקען בראָנפן און לעקעך, וואָס רב אורי לוי האָט געטיילט נאָכן קדיש־זאָגן אין בית־המדרש... אַרעמעלייט האָבן געקראָגן נדבות. מען האָט זיך דערפילט געהויבן.

מער נאָך דערהויבן האָבן יאַמפּאָלער יידן זיך דערפילט ווען רב אורי לוי פלעגט אַראָפּקומען דאַווענען אין שטעטל אַריין אויף ימים־נוראים. ראש־השנה און יום־כיפור האָט רב אורי לוי ניט געדאַוונט אין דאָרף מיט זיין היימישן מנין, נאָר ער איז, צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפחה, אַראָפּגעקומען קיין יאַמפּאָלע, ווי אַלע ישובניקעס אַרום. ערשטנס האָט ער אין די מוראדיקע טעג ניט געוואָלט זיין אין אַ דאָרף מיט אַ מנין דאָרפסלייט, נאָר צווישן אַ גרויסער עדה יידן, וואו מ'פילט זיך זיכערער ביים רבונו־של־עולם; צווייטנס, האָט ער פון לאַנגע יאָרן געהאַט אַ חזקה צו לייענען די תורה אין יאַמפּאָלער שול. און ער האָט געלאָזט שפּאַנען פערד און וואָגנס, געלאָזט מיטנעמען אַ סך עופות, פּרוכטן, פיש און האָניק, און ער איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין. די חדר־יינגלעך האָבן נישט נאָכגעשריגן נאָך די הויפישע וואָגנס — „פּאַרפלוכטע באָרלעך", ווי זיי פלעגן נאָכשרייען אַלע ישובניקעס, וואָס זיינען געקומען אין שטאָט אַריין אויף ימים־נוראים. די נגידים אין שול האָבן אָפּגעטראָטן זייערע שטעט אויף דער מזרח־וואַנט פאַר רב אורי לוי'ן, זיין זון עוזר און פאַר די אויסגעפּוצטע איידעמס. מיט זיין ברייטן קיטל, מיטן טערקישן טלית, באַצירט מיט זילבערנע עטרות פון אויבן און אין דער מיט, מיט אַ זילבער אויסגעשטיקטער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און מיט דער צע־קעמטער גביריש־ווייסער באָרד, וואָס איז נאָך ווייסער געוואָרן אַרום דעם זון־פאַרברענטן און ווינטיקן פּנים, האָט רב אורי לוי אַ סך יום־טוב און געהויבנקייט אַריינגעבראַכט אין דער געוועלבטער אַלטער שול, אין וועלכער פייגל זיינען דורך די לעכער אין דאַך אַריינגעפלויגן. גרעסער איז דער יום־טוב געוואָרן, ווען רב אורי לוי האָט געלייענט די תורה, ווי זיין חזקה איז געווען. אַ בעל־דקדוק, אַ לשון־קודש קענער, האָט ער אַ סך מי אַריינגעלייגט אין לייענען. ער פלעגט אַזוי פּייערלעך אויסזינגען דעם טראָפּ, אַזוי באַטעמט

אַריינלייגן די ווערטער אין מויל אַריין, אַז אַפילו עם־הארצים האָבן פאַרשטאַנען די ווערטער. דערביי איז זיין קול געווען אַזוי זאַפטיק און מענלעך ברוסטיק, אַז ווייבער אין ווייבער־שול האָבן די קעפּ דורך די פאַרהענגלעך אַרויסגעשטעקט, דערפילנדיק זינדיקע מחשבות אין די סאַמע הייליקע טעג.

— ואדוני פקד את שרה כאשר אמר — האָט ער אויסגעזונגען די מעשה וועגן שרהס פאַרגיין אין טראָגן מיט אַזוי פיל האַרץ און ניגון, אַז אין שול האָט אַ שמעק געטאָן מיט לאַנד כנען, מיט מילך און האָניק, מיט שאָף און רינדער, און מיט אַ סך הבטחות פון גאָט צו אברהמען, אַז זיינע זוימען וועלן זיין ווי דאָס זאַמד אויפן באָרטן פון ים, ניט צו ציילן.

קינדעריש צעשפּילט איז דער עולם געוואָרן, ווען רב אורי לוי פלעגט נאָך דער עליה, וואָס ער האָט געהאַט, לאָזן דעם שמש מאַכן אַ וועלט מיט מי־שברכס — פאַרן רב, פאַרן בית־המדרש, פאַרן הקדש, פאַר אָרעמעלייט, מנדר זייענדיק געלט, ליכט, האָלץ, קאַרטאָפל און אַלערליי אַנדערע גוטע זאַכן פאַר יאַמפּאָלע, דער קהילה און אירע אָרעמעלייט. דער שמש האָט אַלע מאָל אויפסניי צוגעלייגט דאָס אויער צו רב אורי לוי׳ס מורמלענדיקע ליפּן און אויסגערופן פייערלעך, מיט אַ ניגון:

— בעבור שיתן עגלה עצים לבית המדרש... בעבור שיתן עגלה אם תפוחי ארץ לאביונים... בעבור שיתן פרוכת חדש לספר תורה... בעבור שיתן נרות לבית הכנסת... עם כל ישראל אחיהם ונאמר אמן...

ייִדן האָבן זיך דערפילט תקיפער ביי זיך. נישקשה, ס׳איז וואויל דאָ אַ גאָט אין הימל און זיינע גוטע שליחים אויף דער ערד.

ביי דער מזרח־וואַנט, אַריינקוקנדיק אין גאָלד־געליישטן מחזור, איז געשטאַנען עוזר, רב אורי לוי׳ס איינציקער זון צווישן אַלע טעכטער, וואָס ער האָט געהאַט, און געגרויסט זיך מיט זיין טאַטן, מקנא־זייענדיק אים דערביי זיין גרויס־געראָטנקייט, הדרת־פּנים און גדלות, וואָס ער האָט געשפּרייט אַרום זיך. אַ קאָפּיע פון פאָטער מיטן פּנים און געשטעל, האָט אָבער עוזר בלויז גענומען ביי אים די איינגעשפּאַרטקייט און טראָציקייט, אָן אַ סימן פון זיין שמחה און רחבות. אַ שווייגער, אַן איינגעזעסענער אין זיך, אַ צוריקגעהאַלטענער און אַ שעמעוודיקער, האָט עוזר זיך פאַרלוירן צווישן מענטשן, געענטפערט מיט ברומען מער ווי מיט רייד. אַפילו קיין ברעקל פון פאָטערס קול האָט ער ניט געירשנט. זיין ברכה ביי דער תורה איז אַרויסגעקומען שטיל, טרוקן, קוים מען האָט געהערט אַ וואָרט. און פּונקט ווי דאָס מזל איז רב אורי לוי׳ן נאָכגעלאָפן, אין די הענט אַריין אים אַריינגעפאַלן, אַזוי האָט עס פון עוזרן זיין זון געוויכט. אַ טאַטע פון קינדער שוין, האָט ער אַלע יאָר אויפסניי געמוזט אָנקומען צום פאָטער, ער זאָל אים געבן אַ נייעם נדן אויף צו קויפן

אַ שטיקל וואַלד, צו וועלכן ער האָט מערסטנס דערלייגט. און כאָטש רב אורי לוי האָט דעם איינציקן זון זיינעם מכבד געווען, איבערגעטריבענעם כבוד צווישן מענטשן אים אַרויסגעוויזן, געלט אומגעציילט אים אין די קעשענעס אַריינגעשטופּט, האָט עוזר פונדעסטוועגן געפילט אַ באַהאַלטענע קנאה צום פאָטער דעם בעל־מוצלח. צוזאַמען מיטן גרויסן דרך־ארץ צו אים, ווי אַ יינגל פאַרן טאַטן, האָט די קנאה אַנגעפילט זיין האַרץ, אויפגעפרעסן אים אַ לעבעדיקן.

2

אַז רב אורי לוי׳ס פערד האָבן זיך פּלוצלונג דערשראָקן פאַר אַ פאַרביי־לויפנדיקן הירש אין וואַלד און איבערגעקערט די ברישטשקע, האָט אַנטעק דער קוטשער אונטערגעהויבן מיט די פּלייצעס דעם וואָגן, וואָס איז געלעגן אויף אים און גערופן זיין באַלעבאָס, ער זאָל דער ערשטער אַרויסקריכן.

— ליכטיקער האַר, — האָט ער ניט פאַרגעסן צו רופן דעם באַלעבאָס זיינעם מיטן פולן טיטול, וואָס אַ פּריץ קומט, — קריכט איר אַפּער דער ערשטער . . .

רב אורי לוי האָט זיך ניט אָפּגערופן.

דער קוטשער האָט מיט אַלע כוחות געהאַלטן די משא אויף זיינע פּלייצעס.

— ביי גאָטס זון און זיינע הייליקע וואונדן, — האָט ער גערופן מיט כעס שוין, — קריכט אַרויס, האַר, איך וועל נאָך אָפּלאָזן די ברישטשקע.

אָבער רב אורי לוי האָט אַלץ ניט געענטפערט. איז דער קוטשער לאַנג־זאַם אַרויסגעקראָכן פון אונטער דער משא און פאַרזיכטיק אָפּגעוואָרפן די איבערגעקערטע רעדער אין אַ זייט.

— יעזוס מאַריאַ, — האָט דער גוי געברומט, אויפהייבנדיק דעם צוגע־דריקטן באַלעבאָס פון דער ערד, — עפּעס אַ טייוול האָט ער געמוזט זיין, ניט קיין הירש . . . האַלט מיך צו מיט די הענט, האַר . . . נעמט מיך אַרום ביים האַלדז, וועל איך אייך אַרויפלייגן אויף דער ברישטשקע . . .

אָבער רב אורי לוי איז געווען ניט נאָכגעביק, שווער, און געצויגן זיך צו דער ערד. דער גוי האָט דערזען דערין אַ שלעכטן סימן. מיט די לעצטע כוחות האָט ער דעם שווערן אַלטן מאַן אַרויפגעשלעפּט אויף דער ברישטשקע. כאָטש ס׳איז געווען וואַרעם, האָט דער גוי אים אַרומגעדעקט מיט דער האָ־ריקער דעקע, מיט וועלכער מען דעקט צו די פערד אין רעגן. ווי דערמיט וואָלט ער וועלן אים ראַטעווען. שמייסנדיק מיט רציחה די פערד, אויף וועלכע ער האָט קיין מאָל קיין בייטש ניט אויפגעהויבן, האָט ער ניט אויפגעהערט צלמען זיך, זידלען און שעלטן.

— וויאַ, שדים פאַרשאָלטענע, די מגפה זאָל אייך נאָר אויסדישען, — האָט ער געשאָלטן די גאַלאָפּירנדיקע פערד, — נאַט אייך אין די פעל, טייוולאָ־נים אומריינע, פאַר איבערדרייען אַ בריטשקע . . . נאַט אייך, נאַ, נאַ!

ער האָט געשמיסן איבער די פערדישע הינטנס ניט נאָר מיט דער קני־פּיקער בייטש, נאָר מיטן לאַנגן שטעקן. דעם גאַנצן בלוטיקן כעס און שרעק האָט ער אין די שמיץ אַריינגעלייגט.

מיט דער אייגענער רציחה האָט ער געיאָגט די פערד צוריק קיין יאַמ־פּאָלע ווי נאָר מען האָט רב אורי לוי'ן אַראָפּגענומען פון וואָגן און אים אַוועקגעלייגט אין בעט.

— טרייב, אַנטעק, — האָט עוזר גערופן דורך דער אָפענער טיר, — יאָג די נשמה אַרויס און קום גיך מיטן דאָקטאָר.

יענטעלע, עוזר, די טעכטער, די איידעמס, אַלע זיינען געשטאַנען אַרום בעט אומבאַהאָלפענע און געבעטן ביים חולה אין געבעט, ער זאָל עפענען די אויגן.

— דאָס בין איך, אורי לוי, איך — האָט יענטעלע געבעטן, — הערסט אורי לוי? קוק מיך אָן . . .

— טאַטע, האַלט דיך ביז דער דאָקטאָר וועט קומען, טאַטע — האָבן די טעכטער געבעטן זיך רחמים — הערסט, טאַטע טו עס פאַר אונדז . . .

אָבער רב אורי לוי האָט קיין אויג נישט געעפנט. פון דער וויסער באָרד, וואָס האָט אַ צעקנייטשטע און פאַרבלאָטיקטע, געהויבן זיך אַרויף און אַראָפּ, האָט מען געזען אַז ער אָטעמט שווער. פּלוצלונג האָט ער געעפנט די אויגן, אַ קוק געטאָ אויף אַלע מיט שטוינונג, ווי ער וואָלט זען פרעמדע מענטשן אַרום זיך, און אָפּגעשטעלט זיין בליק אויף דעם איינציקן זון.

— עוזר, — האָט ער געמורמלט, — זאָלסט בלייבן אין קריניעוויץ, הערסט, בכור מיינער.

עוזר איז צוגעפאַלן צום פאָטער.

— טאַטע, מירן זיין מיט דיר צוזאַמען .. . צוזאַמען . . . — האָט ער געררופן מיט אַ פרעמד קול.

רב אורי לוי האָט אַ קרומען שמייכל געטאָן אין דער באָרד אַרייַן, ווי זיין שטייגער איז געווען צו שמייכלען ווען עמעצער רעדט נאַרעשקייטן, און צו־ריק פאַרמאַכט די אויגן און ס'מויל. די טעכטער האָבן פאַרשטאַנען די סכנה און גענומען מונטערן אים, אָפּשרייענדיק ווייבעריש דעם גזר. רב אורי לוי האָט זיך מער ניט אומגעקוקט. עטלעכע מאָל האָט די באָרד שטאַרקער זיך געהויבן און געבליבן פאַרשטעקט אין דער הייך, אויסגעשפּיצט. אַ פאַר־גייענדיקע זון האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף רב אורי לוי'ס פנים, ווי אַ חתימה

איבער זיין פאַרענדיקט לעבן. אַפילו די משכילישע נישט־גלויביקע איידעמס האָבן דערפילט אַ פרומען פחד פאַרן טויט.

נאָך דער שבעה האָט זיך אָנגעהויבן ס׳כאַפּעניש, ווי תמיד אין נגידישע שטובן, וואו עס בלייבן אַ סך יורשים.

די גאַליציאַנער איידעלע יונגעלייטלעך אין גאָלדענע ברילן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט פון עסן קעסט ניט אַרויסגעלאָזט שילערן און לעסינגן פון מויל; די צוגעשווירענע רוסישע משכילים, וואָס האָבן געזונגען שבחים צו דער הימלישער טאָכטער, דער השכלה, זיינען פּלוצלונג זייער וואָכעדיקע לייט געוואָרן און געכאַפּט נאָכן געשטאָרבענעם שווער אַלץ וואָס איז זיי גע־קומען אונטער דער האַנט: זילבערנע לעפל און גאָפּל, בעכערס, לייכטער, בשמים־ביקסן, חנוכה־לאָמפּן, מנורות, גאָלדענע זייגערס, טאַבאַק־שקעטלעך. אַפילו אויף די עטלעכע ספר־תורהס, וואָס זיינען געשטאַנען אין רב אורי לוי׳ס לערן־שטוב, באַצירט מיט זילבערנע קרוינען, בלעכן, עץ־חיימס און ידן, האָבן די קעסט־איידעמס געוואָרפן אַן אויג. מיט אַלץ האָט מען זיך געטיילט, מיט די ספר־תורות, מיט די מגילות אין זילבערנע שיידן, מיט די אתרוגים־פּוש־קעס און פּסחדיקע קערות; דינגענדיק און אַרומרייסנדיק זיך איבער יעדער חפץ.

עוזר, דער איינציקער זון, מיט אַ פרישן קריעה־ריס אין לאַץ פון זיין גוט־גענייטער אַלפּאַקענער געהאַקטער קאַפּאָטע, האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ברוגזער איבער די פילע שטובן, וואָס זיינען פּלוצלונג געוואָרן הפקר, אָבער געוואַרט זיך קעגן דעם כאַפּעניש האָט ער ניט. ער איז געווען צופיל מיוחס, האָט צו שטאַרק געהאַלטן פון זיך, ער זאָל זיך אַריינלאָזן אין אַ מחלוקה מיט די מאַנען פון זיינע שוועסטער צוליב שטוב־זאַכן, וואָס זיי כאַפּן. אָבער דעם פאַרדראָס דערפון האָט ער געפילט, אַ פאַרדראָס און אַ באַליידיקונג. און ווי זיין שטייגער איז געווען, ווען ער האָט געפילט זיך באַעוולט, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזער, ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט ביי זיך, אַז די גערעכ־טיקייט איז אינגאַנצן אויף זיין זייט, און פאַרביסן געשוויגן. בלויז פון צייט צו צייט האָט ער אויסגעזוכט עפּעס אַ פאַרוואַלגערט חפץ, אַ בעכער אָדער אַ זאַלץ־מעסטל, און צוגעטראָגן עס פייערלעך צו די שוואָגערס.

— אַט וואַלגערט זיך נאָך אַ שטיקל זילבער, — האָט ער שטיל געזאָגט, — אַן עבירה איבערצולאָזן . . . נעמט עס . . . נעמט, נעמט. . . .

פּונקט אַזאַ ברוגזער און נאָכגעביקער איז ער געווען, ווען עס איז געקומען דערנאָך צו דער גרויסער צעטיילונג, צו דער ירושה פון פאַרמעגן.

קיינער פון די איידעמס, וואָס האָבן יאָרן לאַנג געגעסן קעסט, האָט קיין חשק ניט געהאַט צו בלייבן שטעקן אין דאָרף. זיי האָבן געוואָלט געלט,

מזומנים, און וואָס מער, כדי באַצייטנס זיך אַריבערצוכאַפּן אין שטאָט און אַריינקריכן אין מסחר. עוזר איז געזעסן גאַנצע טעג און נעכט מיט די שוואָגערס ביים גרויסן דעמבענעם עס־טיש, רעכענענדיק, שרייבנדיק און מעקנדיק. אַ וועלט מיט פּאַפּירן זיינען געווען דורכצוזוכן, חשבונות, קאָנטראַקטן, וועקסלען, ביכער, ביכעלעך, פֿאַרשריבענע קאַלענדאַרן, רוסישע פּאַפּירן, פּוילישע פּאַפּירן, לשון־קודשדיקע פּאַפּירן, דייטשע פּאַפּירן, האַלב־ייִדישע און האַלב־לשון־קודשדיקע פּאַפּירן, און צעטעלעך, קליינע און גרויסע און גאָר פּיטשינקע, אָנגעפּיקעוועט מיט ראשי־תיבות, מיט רמזים, אָנצוהערענישן, צושרייבענישן, און ציפֿערן, ציפֿערן און ציפֿערן . . . צוזאַמען מיט די געעשפּטס־בריוו פֿון אַלערליי יאָרן, האָבן זיך געוואַלגערט פֿאַרגעלטע בויגעלעך פּאַפּיר, פֿאַרשריבענע מיט געדיכטע געציקלטע אותיותלעך אין האַלב־רונדיקע בויגן־אַרטיקע שורות. דאָס זיינען געווען חידושים, וואָס רב אורי לוי האָט מחדש געווען, אי צו דער תורה, אי צו דער גמרא, אויך באַטראַכטענישן וועגן וועלט און מענטשן, וואָס ער האָט געהאַט אַ טבע צו פֿאַרצייכענען אויף שטיקלעך פּאַפּיר און אַריינוואַרפֿן אין אַלע שיפֿלאָדן פֿון די טישן און שאַפֿעס. ניט עוזר, ניט די שוואָגערס זיינע, די משכּילים, האָבן געקענט דערגיין אַ טאָלק אין די אַלע חשבונות און פּאַפּירן און ציפֿערן. פּונקטלעך־עסטוועגן האָט יעדער באַזונדער גוט דורכגעקוקט יעדער פּאַפּירעלע, יעדער שורה. אָנגעזאָטלט מיט אַ פּאָר זילבער־געראַמטע ברילן אויף דער שטאַרקער אָדלער־נאָז, וואָס ער האָט פֿרי געגומען טראָגן ביים לייענען צוליב זיין שטאַרקער ווייטזיכטיקייט האָט דער ברוגזער עוזר צוגערוקט יעדער שטיקל פּאַפּיר צו די שוואָגערס זיינע, זיי זאָלן עס גוט דורכקוקן איידער ער לייגט עס אַוועק. די שוואָגערס, נאַרעשלעך פֿאַרשעמטע פֿון זייער כאַפּעניש, האָבן אַוועקגעמאַכט מיט די הענט.

— מיר גלויבן דיר, עוזר, — האָבן זיי געברומט, — מ׳דאַרף די׳ר נישט נאָכקוקן.

אָבער עוזר האָט זיי ניט געוואָלט צוליב טאָן און געגייט זיי, יעדן באַזונדער, זיי זאָלן אים נאָכקאָנטראָלירן יעדער וואָרט.

— כ׳וויל ניט מ׳זאָל מיר גלויבן, — האָט ער גערעדט אַן אָנגעברוגזטער, — נאָט, זעט.

די ווייבער אין שטוב, אין שטעקשיך און אין אָפּגעלאָזטע קליידער, אַ זכר נאָך פֿון דער שבעה, פֿון וועלכער זיי זיינען אַלץ ניט אַרויסגעקראָכן, האָבן צוגעטראָגן גלעזער טיי מיט מילך, געגרופּן די מענער עסן.

— גייט שוין אַמאָל אַוועק פֿון די פּאַפּירן, — האָבן זיי זיך געבעטן, — ס׳נעמט דאָך גאָר קיין סוף ניט.

אָבער עוזר איז ניט אָפּגעטראָטן, בלויז אַז עס איז געקומען צו מנחה און מערב, האָט ער מיטן מנין אָפּגעדאַוונט אין שטוב, קדיש אָפּגעזאָגט און באַלד ווידער אַריינגעקראָכן אין די חשבונות. נאָך עטלעכע וואָכן האָט ער אַלעמען אויסגעצאָלט די אַלע נדנס, משכנות, איינגעלייגטע געלטער און אָפּ־שפּאָרונגען, וואָס יאַמפּאָלער יידן האָבן געהאַלטן ביי זיין פאָטער אין פּעל־געדעקטן, אייזן־געשמידטן קופערט אויף רעדלעך.

די שטעטלשע יידן און ווייבער, וואָס זיינען באַלד נאָך דער שבעה געקומען צולויפן אַן אָטעם אין הויף אַריין, פול מיט זאָרג וועגן זייערע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע קערבלעך, האָבן גלייך, ווי עוזר האָט יעדן אויסגעצאָלט זיינס, חרטה געקראָגן אויפן אָרט פאַרוואָס זיי האָבן זיך צוגעאיילט.

— זאָל עס ליגן ביי אייך געזונטערהייט, רב עוזר, — האָבן זיי גע־בעטן, — זאָלן מיר דאָס פאַרמאָגן, וואָס מיר געטרויען אייך.

עוזר, אַ ברוגזער דערפאַר, וואָס מען איז אָנגעלאָפן אויף אים מיט אַזאַ בהלה, האָט ניט געוואָלט האַלטן קיין איין מינוט מער די פרעמדע פאַרמעגנס. ער האָט אויסגעליידיקט דעם פעל־געדעקטן קופערט ביזן דנאָ, איבערלאָזנ־דיק אין אים בלויז די ריחות פון דומפּיקייט און מאָל. פונקט אַזוי ליידיק איז געבליבן דער הויף נאָכדעם ווי אַלע זיינען זיך צעפאָרן, איבערלאָזנדיק אַ מבול מיט געזעגענישן, ווינטשענישן, טרערן און קושעריי. אין הויף־אויסגעבעטענע הויפישע וואָגענס, באַגלייט מיט פעק, זעק, זיינען זיי אַרויס־געפאָרן ביז צו דער ווייטער באַן — די מענער און די ווייבער, די קינדער און די דינסטן. אין אַ שוואַרץ־אבלים־טוך אויפן קאָפּ, אַ דערשראָקענע און פאַר־לוירענע פאַרן נייעם לעבן אין אירע אַלטע יאָרן, איז מיטגעפאָרן די אלמנה יענטעלע. עוזר האָט זי געוואָלט פירן באַזונדער מיט דער בריטשקע, אָבער זי האָט נישט געוואָלט אָוועקזעצן זיך אויף דער בריטשקע, מיט וועלכער עס איז געשען דאָס אומגליק מיט איר מאַן. אַזוי האָט זי נישט געוואָלט פאַר־בלייבן מער אין הויף, וואו זי האָט פאַרברענגט אירע יאָרן, ניט געוואָלט בלייבן אין דער שטוב, פון וואַנען אורי לוי איז אַוועק.

עטלעכע טעג צייט איז אין הויף געהאַנגען אַ בהלה אין דער לופט, אַ הפקרות ווי תמיד נאָך אַ געשעעניש. די ערד איז געווען פול מיט סמנים פון די אָפּפאָרנדיקע. אַלע צעקנייטשטע ווייבערישע קאַפּעליושן, פאַרפּוצטע מיט פאַרביקע פייגל, שטיקער פישביין פון ווייבערישע קליידער, בענדלעך, שלייפעלעך, שמאַטעס, צוזאַמען מיט אַלערליי פלעשעלעך און פודעלעך פון רפואות, האָבן זיך געוואַלגערט אין הויף, צוזאַמען מיט פערדיש מיסט און צעשאָטענע קערנער. די באָרוועסע שקאָצים און שיקסלעך, די קינדער פון

די הויפישע „פּאַראַבקעס", האָבן גערויעט אין די פאַרבליבענע מציאות, ווי די הינער האָבן זיך גערויעט אין די בערגלעך פערדישן מיסט.

איבער די ליידיקע שטובן האָבן עוזרס טעכטערלעך, מאַליע און דאַליע, אַרומגעשלענדערט זיך. כאָטש זיי זיינען שוין ניט קיין קינדער געווען ביידע, מאַליע, די עלטערע, אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, און דאַליע יינגער פון מאַליען מיט אין יאָר בלויז, זיינען זיי מיט קינדערשער פרייד אַרומגעלאָפן איבער דעם אויסגעליידיקטן הויף, ניט ווי נאָך אַ טרויער, נאָר ווי עפּעס נאָך אַ שמחה. די אויסגעליידיקטע שטובן נאָך די מומעס, די פלעקן אין די ווענט נאָך די שאַפעס, קאָמאָדן און סאָפעס, וואָס מען האָט אַרויסגענומען, די סימנים פון אַראָפּגענומענע ריינדלעך און פאַנען אויף די בלוילעך געקאַלכטע ווענט, די הפקרות פון שטובן, וואָס בלייבן פּלוצלונג פריי נאָך לאַנגע יאָרן פון אייג־געזעסנקייט, — דאָס אַלץ האָט אָנגעפילט מיט אומפאַרשטענדלעכער פרייד, מיט פרייקייט און אומבאַשטימטע האָפנונגען אויף עפּעס, וואָס דאַרף קומען. זיי האָבן איינגעפלאָכטן אין זייערע פּעך־שוואַרצע צעפּ צעקנייטשטע זיידענע סטענגעס, וואָס זיינען נאָך די מומעס פאַרבליבן, זיי האָבן זיך איינגעשטייפּט אין אַלטע קאָרסעטן, וואָס האָבן זיך פאַרוואַלגערט אין די ווינקלען, און זיי האָבן גערופן מיט אומפאַרשטענדלעכע קולות אין די פּוסטע שטובן, כדי צו הערן די רויע ווידער־קולות, וואָס זיינען פול אין אויסגעליידיקטע הייזער. אַליין ניט ווויסנדיק פאַרוואָס, האָבן זיי געלאַכט, געלאַכט הויך, ווילד.

דערנאָך איז געוואָרן מאָדנע שטיל און אומעטיק אין גרויסן קריניוויצער הויף, וואָס איז פּלוצלונג טאָפּלט גרעסער געוואָרן. דאָס מעקען פון די בהמות האָט זיך געטראָגן מיט בענקשאַפט אין דער פּוסטקייט.

עוזר איז גאַנצע טעג ניט געווען אין דער היים. פון מאַגנטיק אין דערפרי ביז פרייטיק צו ליכט־צינדן איז ער אַרומגעפאָרן מיט דער הויפישער בריטש־קע איבער שטעטלעך און דערפער. נאָך די שוואָגערס, וואָס ער האָט באַזאַרגט, האָט ער איצט געהאַט אַ וועלט מיט עסקים, ביי פּריצים, ביי אַדוואָקאַטן און נאָטאַריוסן, ביי אַסעסאָרס, וואַלד־פערשטמער און בעלי־חובות. אין דעם ווייסן רייזע־כאַלאַט מיט אַ קאַפּושאָן פון הינטן און מיט אַ גרויס האַלב־יידיש און האַלב־פּריציש היטל, האָט ער זיך כסדר געהאַצקעט אויף דער היי־אויס־געבעטער בריטשקע, פאַרפאַרנדיק צו פּריצישע הויפן און צו פאַרדומפּענע מלוכהשע אַמטן. און פון יעדער קאַנצעלאַריע איז ער אַרויסגעקומען אַלץ מער ברוגזער און שוויגנדיקער. גאָרנישט קיין גוטס איז געווען צו הערן פון די אַלע מענטשן, וואָס דער פאָטער האָט מיט זיי עסקים געהאַט. די אַדוואָקאַטן האָבן אָנגערעדט אַ וועלט מיט שווערע אויסלענדישע ווערטער, נאָר קיין געלט פון זיי איז נישט געווען צו קריגן. פאַרקערט, זיי האָבן פאַרלאַנגט אַלץ מער

נייע און פרישע הוצאותן, צו פירן די פּראָצעסן מיט פּריצים און מיט דער מלוכה. די נאָטאַריוסן האָבן געפאָדערט אַן אַ שיעור פּאַפּירן און קאָפּיעס אונטערצושרייבן און אַן אַ שיעור מאַרקעס אויף די פּאַפּירן אָנצוקלעפּן. עוזר האָט גאָרניט אויפגעהערט צו שלעפּן אַסיגנאַציעס פון גרויסן לעדערנעם בייטל. די גויאישע בלאַנדע שרייבערלעך האָבן מיט נודנער וויכטיקייט געציקלט די ווערטער אויף די קאַזיאָנע פּאַפּירן, ניט געאיילט זיך, און עוזרן טעג גאַנצע געהאַלטן אין די פאַרשטויבטע פינצטערלעכע קאַנצעלאַריעס און אַרכיוון. די פּריצים, די בעלי־חובות, האָבן געצויגן די וואָנסן, אָנגעזאָגט אַ סך שבחים וועגן פאַרשטאָרבענעם, וואָס כאָטש אַ ייד, איז ער געווען אַ פיינער מענטש, אָבער אָפּגעבן די חובות האָבן זיי זיך ניט געאיילט.

— שווערע צייטן, הינטיש בלוט, — האָבן זיי זיך געקלאָגט, פילנדיק דערביי זיך שטאַרק געהויבן אין זייער פּריצישקייט, וואָס זיי גיבן קיין געלט ניט צו דעם ייד אין ווייסן רייזע־כאַלאַט.

— איר וועט שוין מוזן צוואַרטן פּאַניע שאַפּיר, — האָבן זיי געזאָגט, — אַ יידיש קעפּל וועט שוין בעסער זיך אַן עצה געבן אין געלט ווי אַ פּוילישער שליאַכטיטש . . .

עוזר האָט איצט אָפּטמאָל אַהיימגעשיקט בריוועלעך צו זיין ווייב אין קרינבוריץ, זי זאָל זיך נישט זאָרגן וואָס ער וועט מוזן אַפילו די שבתים פאַר־ברענגען אין דער קרייז־שטאָט.

נאָכדעם ווי ער האָט איר אָנגעשריבן אַ גרויסן לשון־קודשדיקן טיטול: „לזוגתי היקרה, הצנועה והמיוחסת מרת חנה שתחיה״, האָט ער איר אין אַ פאַרדייטשמערישטן יידיש, ווי פון אַ בריוונשטעלער אַרויסגענומען, קורצע עטלעכע ווערטער געשריבן, אַז זי וועט מוזן מאַכן קידוש פאַר זיך אַליין און אַז זי זאָל אַכטונג געבן אויף די קינדער, זיי זאָלן זיך גוט לערנען. אונ־טערגעשריבן האָט ער זיך: „בעלך עוזר בן ר׳ אורי לוי ז״ל שאַפּיר״.

חנה, רב עוזרס ווייב, האָט געלייענט די קורצע טרוקענע בריוועלעך, איבערגעדרייט זיי אויף דער צווייטער זייט, כאָטש זי האָט געוואוסט פריער אַז דאָרט וועט גאָרנישט זיין צוגעשריבן, און זי האָט געפילט אויפסניי אַ שטאָך אין דער ברוסט פון ווייבערישן צער, וואָס זי האָט ניט געפונען קיין חן אין איר מאַנס אויגן.

היפּשע יאָרן שוין נאָך דער חתונה, אַ מאַמע פון אונטערגעוואַקסענע קינ־דער, האָט זי, ווי אין די סאַמע ערשטע וואָכן נאָך דער חופּה, נאָך אַלץ ניט געקענט זיך מוחל זיין, וואָס עוזר צאָלט איר ניט אָפּ מיט דער ליבשאַפט, וואָס זי האָט צו אים. די קורצע טרוקענע בריוולעך, מיט די גרויסע טיטולן, אָבער אָן איין ליבלעך וואָרט דערביי, האָבן באַליידיקט איר ווייבערישן שטאָלץ.

עטלעכע מאָל אויפסניי האָט זי זיי איבערגעלייענט, כדי צו געפונען אין זיי דאָס וואָס עס האָט געפעלט. כדי זיך אַליין צו פאַרשרייען, האָט זי גענומען פלוצלינג רופן ביידע טעכטערלעך, צו דערציילן זיי אַז דער טאַטע וועט ניט קענען קומען אויף שבת.

— מאַליע, דאַליע! — האָט זי גערופן דורך דער אָפענער טיר אין הויף אַריין, — קינדער קומט אַריין, וועט איר לייענען דעם טאַטנס גרוס.

— מאַליע און דאַליע האָבן גאַנץ גוט געהערט דער מוטערס רוף. זייערע קליינע אויערן, פאַרדעקט מיט שוואַרצע קרייזלען, געוואוינט צו דאָרפישער שטילקייט, האָבן דעם מינדסטן שאָרך פון ווי ווייט אויפגעכאַפּט, ווי די באַ־שעפענישן אין הויף. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך ניט אָפּגערופן. זיי האָבן ניט ליב געהאַט דער מוטערס רופן, ווייל שטענדיק זיינען זיי געווען פול מיט מוסר קעגן זייער אומלייטישקייט, מיט שטראָף־רייד קעגן זייער געלעכטער. זיי האָבן זיך דעריבער אַריינגעגנבעט אין סטויג היי, פון וועלכן די פאַרביי־גייענדיקע בהמות האָבן שטיקער אַרויסגעכאַפּט אויספרעסנדיק אַ היפּשן לאָך דערין. זיכער אין באַהעלטעניש, אַז די מוטער וועט זיי ניט זען, הנאה האָבנדיק פון קול, וואָס האָט אומזיסט אַלץ שוואַכער דורכן היי זיך דורכ־געטראָגן, האָבן זיי זיך ביידע פלוצלונג אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך דערזען ס׳ערשטע מאָל אין לעבן, און צוזאַמען אַרויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, אין אַ קלינגענדיק מיידלעריש געלעכטער, וואָס לאָזט זיך גאָרניט אָפּשטעלן. דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגענומען פאַר די הענט און פלינק און געשיקט, ווי יונגע הירשלעך, געלאָזט זיך לויפן איבער די לאָנקעס, ווייט, ווייט, ביז צו דער פוסטער ציגל־פאַבריק, וואו אַ פאַרקאָפּטשעטער קוימען האָט זיך פון קורצע דעכער אויף סלופּעס צום רונדן בלויען הימל געריסן.

געדרוקט איינע פון דער אַנדערער מיט אַ יאָר, זיינען זיי געווען ווי אַ צווילינג. ביידע האָבן זיי געהאַט דעם טאַטנס פעך־שוואַרצע האָר און גע־דיכטע ברעמען און וויעס, און דער מאַמעס גרינלעכע אויגן, ברייט־געעפנטע און פאַרחידושטע, ווי זיי וואָלטן נאָר־וואָס אַן אויסערגעוויינלעכע בשורה דערהערט. און ווי מיט זייערע ענלעכע פאַרצויגענע נעמען, צום גראַם, זיינען זיי ענלעך געווען צו זיך מיט אַלעס איבעריקן, מיט דער געוויקסיקייט, מיט די דינע לאַנגע פיס, מיט די דיקע שוואַרצע צעפּ, און מער פון אַלץ מיטן געלעכטער, וואָס איז זיי שטענדיק געשטאַנען אין האַלדז, גרייט אַרויסצו־שיסן יעדע רגע אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוואָן. כאָטש עס איז גאָרנישט געווען קיין לאַכעדיקס אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין היי פאַר דער מוטער, זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ ווילד געלעכטער דערפון.

אויף דעם ליימיקן שטיק פעלד, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן מיט צע־

בראָכענע ציגל, שטיקלעך גלאָז און שערבלעך, האָבן מחנות קראָען חתונות געפּראַוועט. שפּרינגענדיק, שוועבנדיק, דרייענדיק און אַרומשמייענדיק ווי מחותנתטעס ביי אַ שמחה, האָבן די שוואַרצע פייגל פאַרעקשנט געקראָקעט. מאַליע און דאַליע האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און אַזוי לאַנג געטאַנצט, ביז זיי זיינען אַוועקגעפאַלן אויף דער ליימיקער ערד.

— באַטשאַן המלך, דער חתן קומט צופליען, — האָבן זיי גערופן צו די פייגל.

דער פוסטער פאַרלאָזענער פּלאַץ האָט מיט אַ סך ווידער־קולות נאָכגע־שפּעט די קלינגענדיקע מיידלערישע געשרייען.

די מוטער אין שטוב, נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף די מיידלעך, האָט זיך אין איר איינזאַמקייט צוגעזעצט צום שלאָפנדיקן קינד אין וויגל און געקוקט דערויף מיט אַזוי פיל מאַמעשער דורכדרינגלעכקייט, אַז דאָס קינד האָט עס דערפילט אין שלאָף און געעפנט די אייגלעך. חנה איז צו־געפאַלן דערצו מיט אַ גוואַלדיקן ברען.

— אוצר, גליק, נחת, זיסקייט, נחמה — האָט זי געדיכט געשעפּטשעט, באַדעקנדיק עס מיט קושן פון קעפּל ביז די פיסלעך. אַפילו אין הינטער־חלקל האָט זי עס ניט פאַרגעסן צו קושן.

אַ פרוי פאַר די פערציקער, גרייט נאָך צו טראָגן און האָבן, האָט זי גע־פילט צום קינד אַזאַ איבערגעטריבענע ליבשאַפט, ווי עס וואָלט געווען דאָס לעצטע פאַר איר פאַרוועלקן. גאַנצע צוועלף יאָר האָט זי געוואַרט דערויף נאָך דאַליען. דערצו איז עס געווען אַ יינגל, דאָס איינציקע יינגל, און קושנדיק הייס דאָס קינדערשע פּוכקע לייב, האָט זי פאַרגעסן אין אַלע צרות פון מאַנס פרעמדקייט, די טעכטערס אָפּגעזונדערטקייט, און דאָרפישער איינזאַמקייט.

— עלעניו, האָסט ליב די מאַמע? — האָט זי געפרעגטביים קינד אומ־אויפהערלעך, — עלעשי, האָסט שטאַרק ליב די מאַמע? זאָג עלענקע...

ס׳קינד האָט געקייכט פון געלעכטער יעדער מאָל ווען די מוטער האָט עס געקיצלט מיט די ליפּן אין ווייכן געפּאַלדעוועטן העלדזל.

3

די אויסגעשניטענע ליניע פון רעדער, וואָס האָט געפירט אויפן שמאָלן וועג פון יאַמפּאָלע קיין קריניוויץ, האָט זיך אַלץ מער אָפּגעווישט, איז פאַר־שאָטן געוואָרן מיט זאַמד.

עוזר שאַפּיר, דער איינציקער יורש, וואָס איז געבליבן ביים גוט, האָט מיט קיינעם אין יאַמפּאָלע זיך ניט אַריינגעלאָזט אין קיין מחזקות, נישט דער־ציילט וועגן זיינע שלעכטע בעלי־חובות, פאַרדרייטע עסקים, און אָנגעהאַלטן שטאָט, ווי פאַרן קריניוויצער הויף פּאַסט. אָבער יידן אין יאַמפּאָלע האָבן

ניט געדאַרפט מען זאָל זיי אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל. זיי האָבן שוין אַליין דערשנאַפּט, אַז דער גייער קריניווויצער יורש איז ניט ווערט קיין שמעק טאַבאַק, און אַז נישט ער האַלט דעם הויף, נאָר דער הויף האַלט אים.

די פּאָר נגידים אין שטעטל, וואָס האָבן ניט ליב געהאַט דעם קריניוויצער הויף, ווייל ער האָט זיי קאַליע געמאַכט די נגידישע מערכה אין יאַמפּאָלע, האָבן אַוועקגעמאַכט מיט די הענט יעזן מאָל, ווען עוזר אין ווייסן רייזע־כאַלאַט איז פריציש פאַרפאָרן מיט די פּאָר פערד און בריטשקע צום גויאישן אַדוואָקאַטס הויז.

— עוזר דלים הושיעה נא, — האָבן זיי געזונגען מיט אַ שמחת־תורהדיקן ניגון, אַן אַנצוהערעניש אויף עוזר דעם דלפון.

— אפילו די בייטש איז נישט זיין אייגנס, — האָבן מעקלערס־קבצנים געחנפהט די נגידים — אַ וועלט ווייסט וואויל.

דאָס ערשטע האָבן יאַמפּאָלער באַלעבאַטים אויפגעהערט דראַפּען זיך באַרג אַרויף צום הויף. נאָך דעם האָבן רבילעך, נשרפים, הכנסת־כלה־זאַמלער, מחברים און מגידים אויפגעהערט אַנלייגן וועג פון יאַמפּאָלע קיין קריניוויצע. עוזר האָט קיינעם נישט געטריבן. פאַרקערט, נאָכגייענדיק דעם פאָטערס וועגן, חלשנדיק צו זיין דער אמתער יורש פון טאַטן, האָט ער שיינע נדבות אָרעמע־לייט געגעבן, מער וויפיל ער האָט געקענט. אויך האָט ער איינגעלאַדן פרעמדע צו זעצן זיך אַרום דעם גרויסן דעמבענעם טיש, באַכטלעגערס אויפן פרישן היי געהייסן אויסבעטן פאַר אורחים. אָבער די מענטשן האָבן ניט געפילט קיין נאָענטקייט אַרום זיך, קיין וואַרעמקייט, ווי מען האָט עס געפילט יאָרן־לאַנג ביים פאָטער. ווי אַ ברוגזער איז עוזר געזעסן ביים טיש. און כאָטש ער האָט צוגעמורמלט, מען זאָל עסן, איז דער ביסן געבליבן די פרעמדע שטעקן אין האַלדז. און איינער נאָכן אַנדערן האָט אויפגעהערט קומען. בלויז פראָסטע הייזער־גייער מיט טאָרבעס האָבן זיך געברענגט צו שלעפּן. דער שמאָלער זאַמדיקער וועג באַרג אַרויף איז געוואָרן פאַרוואַרלאָזט, באַוואַקסן מיט שי־טערע גראָזן. מיט דער צייט האָט עוזר אַליין אויך אויפגעהערט דורכשניידן דעם וועג. עס איז ניט געווען צוליב וואָס אַרומצופאָרן מיט דער בריטשקע צו קאַנצעלאַריעס און הויפן. מער ווי דאָס לעבעדיקע אויפן טויטן האָט מען נישט געלייגט. חוץ דעם האָט מען אי די פערד, אי דעם קוטשער גע־דאַרפט אין הויף צו דער אַרבעט, און עוזר האָט אַוועקגעהאַנגען דעם ווייסן רייזע־כאַלאַט אין דער שאַפע, זעלטן אַראָפּגענומענדיק אים.

דאָס ערשטע יאָר, ווי לאַנג ער האָט געדאַרפט קדיש זאָגן, האָט ער נאָך אַלץ אַ מנין געהאַט יעדן טאָג אין פאָטערס לערן־שטוב, וואו איין ספר־תורה איז נאָך פאַרבליבן אין ארון־קודש. די עטלעכע שינדל־מאַכער, דער טעפּער,

דער קוילן־ברענער, דער סמאַלע־ציער, דער דאָרפישער מלמד זיינען זיך פון אַלע ווינקעלעך צונויפגעקומען צוויי מאָל אַ טאָג אין עוזרס הויז. מיט קעשענע־פּאַטשיילעס אַרומגעבונדן די לענדן אַנשטאָט מיט גאַרטלען, מיט פּאַרקאָפּטשעטע און אויסגעשמירטע פּנימער פון דער שווערער, פּראָסטער אַרבעט, האָבן זיי, אַנרייבנדיק די מאַזאָליסטע הענט אין די שויבן פון די פענצטער, געבראָמט זייערע מידע תּפילות, נאָכזאָגנדיק פרומע אמנס נאָך עוזרס קדישים פאַר רב אורי לוי'ס נשמה. נאָכן יאָר, האָבן זיי איינער נאָכן אַנדערן פאַרלאָזט קריניוויץ. צום ערשט זיינען אַוועק די שינדלמאַכער. עוזרן איז עס קיינמאָל ניט געגאַנגען מיט די וועלדער. ווען דער פאָטער האָט גע־לעבט, האָט ער אים אַלע יאָר אויפסניי אַ נדן געגעבן, כדי ווידער צו פּרובירן דאָס מזל. איצט איז נישט געווען ווער עס זאָל געבן געלט. די שינדלמאַכערס האָבן איבערגעלאָזט דאָס הייזל, וואָס רב אורי לוי האָט געהאַט אויפגעבויט פאַר זיי. זיי האָבן אויך איבערגעלאָזט שיינע עטלעכע טויזנט שינדלען, אַנגעשני־טענע שטיקלעך האָלץ, שפּענער און אַ סך געקרייזלטע הובלעכטס, און אַוועק מיט די העק, פּיגעס, מעסערס און שטאַמפּן. מאַליע און דאַליע האָבן זיך גאַרנישט געקענט געבוג געבן אַנלאַכן, ווען זיי האָבן צוגעטשעפּעט צו זייערע האָר ביי די שלייפן די הילצערנע קרייזלען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי גרויסע רבנישע פּאות.

— אוי, מיני, שמיני, ביני, — האָבן זיי זיך געמאַכט לערנען גמרא, שאָקלענדיק זיך פרום ווי רבילעך, וואָס פלעגן אַמאָל פאַרפאָרן אין הויף אַריין. חנה איז געוואָרן אויפגעקאָכט, זעענדיק די נאַרעשע שטיק פון די מיידלעך.

— מאַליע, דאַליע שעמען מעגט איר זיך אין אייער וויסן האַלדז אַריין אַזוי זיך נאַרעש צו מאַכן, — האָט זי גערעדט מיט צער און פאַרדראָס. — מיר אין אייער יאָרן האָט מען שוין שידוכים גערעדט, און איר, נאַרעשע מוידן, קריכט אויף די גלייכע ווענט. גייט אַריין מאַכן די לעקציעס, דער מלמד זוכט אייך אַרום . . .

מאַליע האָט געוואוסט, אַז די מוטער איז גערעכט. וואָרעם כאָטש זי איז לאַנג געכיכיקעט ביז זייערע גרויסע אויגן האָבן אַש געגומען טרערן. דער מוטערס כעס איז אַריבער אין באַליידיקונג. געפאַלן ביי זיך צוליב דעם מאַנס פרעמדקייט צו איר, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אַלע מאַכן פון איר חוזק, אַפילו די אייגענע קינדער.

— אַלץ דו, מאַליע, — האָט זי געשטראָפט די עלטערע טאָכטער, — דו ביסט אַליין קאַליע ביזן ביין און מאַכסט פון דאַליען אויך אַ תל . . . הער

אויף לאַכן, זאָג איך דיר. וואָס איז דער געלענדער אַנגעפּאַלן אויף דיר? אַזוי גוט איז אונדז?

מאַליע האָט געוואוסט, אַז די מוטער איז גערעכט. וואָרעם כאָטש זי איז בלויז עלטער געווען פון דאַליען מיט איין יאָר, און מיט קיין האָר ניט גרעסער פון איר, האָט פונדעסטוועגן די ייִנגערע שוועסטער אַרויפגעקוקט צו איר, און נאָכגעטאָן אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ווי אַן עלטערע, דאַרף זי פאַר דאַליען זיין אַ מוסטער פון לייטישקייט, קענעוודיקייט און דערציאונג. זי האָט אויך געוואוסט, אַז אין הויף איז גאָרניט אַזוי פויגלדיק און אַז פאַר אַ מיידל פון איר עלטער פּאַסט ניט צו מאַכן זיך נאַרעש און לאַכן אָן אַן אויפהער.

— מע, — האָט זי געזאָגט, אַרומנעמענדיק זיך ביי דער טאַליע, — נו, זיי נישט ברוגז . . . איך וועל שוין מער נישט . . . זאָל איך אַזוי לעבן . . .

מיט אַלע כוחות האָט זי זיך געוואָלט איינהאַלטן פון געלעכטער, וואָס איז איר געשטאַנען אין האַלדז. זי האָט זיך ספּעציעל דערמאָנט אָן זיידן, כדי צו ווערן ערנסט. זי האָט זיך אַפילו אַ קניפּ געטאָן אין דער האַנט, עס זאָל איר וויי טאָן, נאָר קיין זאַך האָט ניט געקענט פאַרטרייבן די פרייד, וואָס האָט אַרויסגעקוועלט פון איר.

— נו, וואָס זאָל איך טאָן, מאַמע, אַז איך קען מיך נישט איינהאַלטן, — האָט זי אויסגעשאָסן אין אַ ניי געלעכטער, אַ קלינגענדיקס און אַ געזונטס.

דאַליע, ווי אַ ווידער־קול, האָט אונטערגעהאַלטן דער עלטערער שוועסטער. חנה איז אוועק אַ ברוגזע, אָן אַנטוישטע. אַרומקוקנדיק זיך אויף דעם ליידיקן הייזל, אַרום וועלכן עטלעכע שמוציקע פּאַפּירענע קעלנערלעך האָבן זיך געוואַלגערט נאָך די פאַרשוואונדענע שינדל־מאַכער, האָט זי דערפילט דעם גאַנצן עלנט, וואָס רוקט זיך אָן אויפן הויף.

מ׳לויפט, — האָט זי טרויעריק געמורמלט, — אַלע מאָל עמעץ אַנדערש.

נאָך די שינדל־מאַכער איז דער סמאָלע־ציער אוועק, דער קוילן־ברע־נער. דער איינציקער איז פאַרבליבן אָשר דער טעפּער. ער איז געווען צו אַרעם צו דינגען אַן אַלקער אין יאַמפּאָלע, אַפילו אין אַרעמסטן געסל, און ער איז געבליבן אין זיין הייזל אין עק פון הויף צוזאַמען מיט זיין משפחה און מיט די ליימענע טעפּ, וואָס ער האָט יעדן דאָנערשטיק אַרויסגעטראָגן אין אַ קויש היי צום שטעטלשן מאַרק. נישט נאָר אין דער וואָכן, נאָר אַפילו אום שבת איז מער קיין מנין אין הויף נישט געווען. די ספר־תורה אין ארון־קודש איז געשטאַנען פאַרלאָזט אין רב אורי לוי׳ס לערן־שטוב. פּונקט אַזוי זיינען געשטאַנען די לעדער־געבונדענע ספרים, וואָס זיינען געבליבן אין די שאַפעס.

עוזר האָט ניט געהאַט ניט קיין צייט, ניט דעם קאָפּ צו לערנען. ער האָט

שוין געוואוסט קלאָר איצט, אַז פון אַלע פאַרמעגנס וואָס מען האָט געשאַצט דעם פאָטער, איז קיין צעבראָכענער שילינג ניט געבליבן מזומנים. דאָס איינציקע, וואָס איז פאַרבליבן, איז געווען דער הויף: די געביידעס, בהמות, די פערד און וואָגנס און די ערד, די הונדערטער אַקער ערד, וואָס האָבן ליים און זאַמד און טאָרף, אָבער ווייניק ברויט. און עוזר האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער ערד, וואָס איז אים פאַרבליבן, מיט די נעגל זיך געדראַפּעט אין איר. יידן מעקלערס, איינגייערס צו פריצים, האָבן געלאָכט פון אים. מיט פאַרלייגטע הענט הינטער די קאַלאָטלעך, מיט פאָכענדיקע שטעקעלעך אין די הענט פון אייביקן אַרומגיין פוסט און פּאַס, זיינען זיי געקומען אין הויף, אַריין, אַרומגעשמעקט מיט די נעזער, געטאַפּט די ווענט, און געגעבן אָנצוהערן, אַז פאַר אַ ביליקן פרייז, אין מקח, וואָלטן זיי געקענט געפינען פריצים בעלנים, וואָס וואָלטן אָפּגעקויפט דאָס ביסל ליים און זאַמד משטיינס געזאָגט.

— ס׳איז ניט פאַר אייך, רב עוזר, — האָבן די מעקלערס געטענהט, — איר וועט דאָ פאַרפאַלן ווערן . . . דאָס איז אַן עסק פאַר עשו. פאָלגט וואָס יידן זאָגן אייך, און פאַרקויפט די ערד . . . פאַרן ביסל געלט, וואָס איר וועט קריגן, וועט איר עפענען אַ שניט־קראָם אין יאַמפּאָלער מאַרק און לעבן ווי אַלע יידן.

עוזר האָט ניט געוואָלט הערן. ערשטנס, האָט ער געוואָלט האַלטן די צוואה, וואָס דער פאָטער האָט אים אויפן טויטן־בעט אָנגעזאָגט. צווייטנס, האָט ער פיינט געהאַט מסחרים. אפילו צום וואַלד האָט ער זיך ניט שטאַרק אויסגעטויגט. פון שניט־סחורה, ביטן און דינגען האָט ער גאָר ניט פאַרשטאַנען. דריטנס, האָט ער ניט געקענט סובל זיין יאַמפּאָלע, נישט אירע ריחות און נישט אירע באַלעבאַטים. געבוירן און דערצויגן אין קריניווויץ, פלעגט אים פאַרכאַפּן דער אָטעם, ווען ער האָט אַמאָל געדאַרפט פאַרברענגען דאָרט עטלעכע שעה. אַזוי האָט ער ניט געקענט אויסקומען מיט די מענטשן דאָרט. ער האָט מער געברומט ווי גערעדט מיט זיי. אָפּאָטעמען פרייער פלעגט ער, ווען די פערד פלעגן אַרויס צו די אָפענע וועגן. און ער האָט ניט געוואָלט הערן די מעקלערישע גליקן.

— כ׳וויל ניט קיין שניט־קראָם אין יאַמפּאָלער מאַרק, — האָט ער געברומט אַ ברוגזער צו די מעקלערס. — גייט אייך געזונטערהייט, יידן, פון וואַנען איר זענט געקומען.

אין די ערשטע צייטן האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן גרויסן שטח ערד און געבאַלעבאַטעוועט מיט דעם צענדליק גויים און גויעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין הויף. מיט אַן אויסגעפּעכלטער שוואַרצער באָרד, צוגעשוירן בגנבה אין די שפּיצן, זי זאָל זיין רונדיק, מיט אַ שניי־ווייסן געפּרעסטן

קראַגן און מיט דער גילדערנער חתן־קייט, פאַרוואָרפן איבערביידע קעשענעס פון סאַמעטענעם געשפּרענקלטן וועסטל, איז ער געקראָכן צווישן די קאַרטאָפל בייטן און תבואה־פעלדער, איבער די טיפע לאָנקעס און ליימענע פלעצער און מיט אַ פּריצישן פויליש, אַ גראָבריישיקן און באַפעלערישן, קאָמאַנדעוועט מיט די באָרוועסע גויים און גויעס, זיי זאָלן צולייגן אַ האַנט. ביסלעכווייז האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די פּריצישע מלבושים, צוערשט דעם געפּרעסטן קראַגן, דערנאָך דאָס סאַמעטענע וועסטל, און אַליין צוגעלייגט אַ האַנט צו דער אַרבעט.

אים צו הילף זיינען נאָכגעגאַנגען ביידע מיידלעך, מאַליע און דאַליע, אַרבעטנדיק, לאַכנדיק און זינגענדיק. דער דאָרפישער מלמד האָט געהאַט טענות, אַלמאַי זיי שרייבן נישט איבער מיט אַ שיינער האַנטשריפט די אויס־געציקלטע שורה־גריזלעך, וואָס ער האָט פאַר זיי אָנגעשריבן. די מוטער האָט אָפּגעווײַנט די יאָרן, אַז פון די מיידן וועט אויסוואַקסן אַלדאָס בייז, חלילה, צווישן די פויערים און די שיקסעס. זי האָט זיי געוואָלט לערנען היימישע זאַכן, וואָס בכבודע יידישע טעכטער דאַרפן קענען: אויסנייען און שטריקן, העפטן און צערעוועץ. די מיידלעך האָבן ניט געוואָלט איבערשרייבן די שורה־גריזלעך פון דאָרפישן מלמד, נישט אויסנייען בלומען און בלעטער אויף לייוונט. מיט איינגעפלאָכטענע קרענצלעך פון ווייסע פעלד־בלימלעך אין די פעך־שוואַרצע קעפּ, באָרוועסע, צוגלייך מיט אַלע הויפישע שיקסלעך, מיט פאַרקאַשערטע קליידלעך ביז די קניען, זיינען זיי אומעטום געווען פול. זיי האָבן אָפּער גענומען אייער פון הינערישע נעסטן, אָנגעטרונקען די קעלב־לעך ביי דעם הויפישן ברונעם, געמאָלקן די קי אין די שטאַלן און געגראָבן קאַרטאָפל אין די פעלדער.

און אַפילו אין די אָוונטן פלעגט דער מוטער אָנקומען מיט צרות זיי אַריינצורופן אין שטוב. יעדן פאַרנאַכט פלעגט דער הינקעדיקער פאַסטעך באַליעק אַרויסטרייבן די פערד אין די לאָנקעס, ווייט ביים סאַמע גרענעץ פון פאַלוואַרק. מיט אַ הילצערנעם פוס, געשמידט מיט אייזן, האָט דער אַלטער באַליעק זייער גיך געיאָגט זיך נאָך די פערד. פּענטענדיק זיי די פאַדערשטע פיס זיי זאָלן ניט פאַרקריכן צו ווייט, האָט ער זיי אַריינגעטריבן אין די פּייכטע טאָלן, וואו זיי האָבן זיך קוים פון די הויכע געדיכטע גראָזן אַרויס־געזען. אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בערגל, אויסגעשניטן פייפלעך פון צווייגן און צעצויגענע אומעטיקע פאַסטעך־לידער געזונגען.

און מאַליע און דאַליע האָבן געקלעפּט צום הינקעדיקן אַלטן באַליעק, צו אים אין די פאַרנאַכטן צו די לאָנקעס אַרויסגעקומען און אים פאַרבלי־בענע שבתדיקע חלה פון שטוב מיטגעבראַכט. באַליעק האָט מיט די עטלעכע פאַרבליבענע ציין אין מויל געגעסן גיריק די יידישע חלה און מיט אַ פאַר־

דומפּטן קול דערציילט מעשׂיות פון אַמאָל. אַ וועלט מיט מעשׂיות האָט באַליעק געהאַט צו דערציילן. פון דער מלחמה, וואו ער האָט אַ פּוס פאַרלוירן, פון אַלערליי פּריצים, וואו ער האָט געדינט, פון זייערע הויפן, בעלער, טעכטער, הינט און פערד. אָבער מער פון אַלץ האָט ער געוואוסט צו דערציילן פון די פעלדער, וועלדער און לאָנקעס אַרום. באַליעק האָט געוואוסט, אַז די גלי־פליגן, וואָס שוועבן אַרום לייכטנדיקע איבער די קריניצעוויצער לאָנקעס, זיינען ניט קיין ברענענדיקע ווערעם, ווי מען מיינט, נאָר פאַרבלאָנדזשעטע נשמות, וואָס האָבן אַ סך געזינדיקט אויף דער וועלט און דעריבער קענען זיי נישט אַנקומען אין גן־עדן, נאָר זיי בלאָנדזשען אַרום אין דער לופטן; אין די זומפּן, וואו אַלערליי פרעש קוואַקען, האַלטן זיך שדים אויף, וואָס לויערן אויף מיידלעך, וועלכע גייען פאַרנאַכט אַרויס אַן פאַרטעכער, און אויף פערד, וואָס פּאַשען זיך אויף די לאָנקעס. די פערד־שדים זיינען זייער שעדלעכע און לצים גרויסע. זיי האָבן ליב אויספלעכטן צעפּלעך אין פערדישע גריוועס און אין טאָרף האַלטן זיך בייזע נשמות אויף. דערפאַר טאַקע קען מען זען דעוועץ זיי אַזוי לאַנג, ביז זיי ציען די קאַפּיטעס אויס. און אַפילו פעלד־מיז זיינען אויך ניט קיין פּראָסטע נאַכט־באַשעפענישן, נאָר טייוולאָנים אַזעלכע, וואָס האָבן ליב זיך אַריינצוכאַפּן אין האָר פון מיידלשע קעפּ, צו מאַכן קאָלטנס פון זיי. אָדער אין פערדישע גריוועס. אויך אין פאַרפוילט האָלץ און אין טאָרף האַלטן זיך בייזע נשמות אויף. דערפאַר טאַקע קען מען זען ווי אַ בלוי פייער גייט אויף פון זיי. כאָטש קיינער האָט זיי ניט אונטער־געצונדן. אַפילו דעם טאָרף צינדן זיי אָן. פון די שדים איז באַליעק אַריבער צו גזלנים אין די וועלדער, צו ציגיינער, מכשפים און מכשפות. מאַליע און דאַליע האָבן געקראַגן גרעסערע און גרינערע אויגן, הערנדיק דעם אַלטן פּאַסטעכס מעשׂיות. כאָטש זיי האָבן עס שוין ניט איינמאָל געהערט, האָבן זיי געוואָלט וויסן נאָכאַמאָל אויף ס'ניי, פאַרוואָס באַליעק איז געבליבן איינער אַליין אויף דער וועלט.

— אַלץ איבערן פּוס, מיידלעך, — האָט באַליעק געברומט, — די דאָר־פישע מיידלעך האָבן מיך ניט געוואָלט קענען. הילצערנער פּוס, האָבן זיי מיך גערופן, און איך בין שוין אַזוי געבליבן איינער אַליין . . . פון גאָט אוודאי אַזוי באַשערט געווען . . .

חנה האָט געמוזט אַ סך מאָל שרייען אין דער שטילער דאָרפישער נאַכט; צענדליקער מאָל גערופן מאַליע און דאַליע, ביז די מיידלעך האָבן זיך אָפּ־געריסן פון אַלטן באַליעק און זיינע מעשׂיות.

אומעטיק פלעגט ווערן אין קריניצעוויץ אין די שבתים און אין ווינטער. דערהויפּט אין די רעגנדיקע האַרבסט־טעג.

חנה האָט פּונקט ווי פֿריער, ווען דער שווער האָט געלעבט, אויסגע־שפּרייט אַ ווייס טישטעך איבערן גרויסן דעמבענעם עס־טיש, געבענטשט ליכט אין די זילבערנע לייכטער, וואָס נאָך אַלע כאַפּענישן, זיינען נאָך אַלץ היפּש געבליבן אין שטוב. אויך האָט זי אויף זיך לכבוד שבת אַלע פּערל אָנגעהאָנגען די גרויסע אויערינגען אין די אויערן פֿאַרשטעקט. אָבער דאָס דאַוונען אָן אַ מנין האָט קיין שבתדיקן טעם ניט געהאַט. עוזר האָט זיך וואָכעדיק אַרומ־געדרייט הין און צוריק איבער דער שטוב און שטיל, קוים וואָס מען האָט אַ וואָרט געהערט, געברומט די לכה־דודיס. דער דאָרפֿישער מלמד אין אַ שבתדיק היטל, נאָר אין אַ וואָכעדיקער קאַפּאָטע, האָט מיטגעהאַלטן דעם באַלעבאָס אין זיין וואָכעדיקן ברומען. פּונקט אַזוי אומעטיק איז צוגעגאַנגען דאָס עסן ביים טיש. עוזר איז געזעסן אויפֿן פּאָטערס שטול, אָבער דער קידוש זיינער איז געווען אָן שבתדיקן ניגון און ריח. דריי פּערטל פֿון טיש איז געווען פּוסט. דער דאָרפֿישער מלמד האָט אָפּט אונטערגעקרעכצט. אַמאָל, אַז אַ הייזער־גייער האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט אין הויף און געבליבן איבער שבת, האָבן מאַליע און דאַליע געהאַט אַביסל פֿאַרגעניגן. כאָטש זיי האָבן זיך גע־מיאוסט צו עסן פֿון דער חלה, פֿון וואַנען די אָרעמעלייט האָבן געשניטן מוציאָס מיט זייערע ברודיקע גרויס־נעגלדיקע הענט, האָבן זיי זיך מחיה געווען פֿון די האַוואַיעס, וואָס די הייזער־גייער האָבן געמאַכט ביי דער אכילה.

אויסגעהונגערטע, מיט רימענס אַרומגעגאַרטלט די אָפּגעשליסענע קאַפּאָ־טעס אין די לענדן, אָפּטמאָל קאַליקעס, הויקערס, שטאַמלער אָדער טויבע, האַריקע, פֿאַרקאַלטנטע, האָבן זיי געכליאַפּטשעט ביים עסן, געכאַפּט גרויסע ביסנס, געקייט ווי בהמות, אויסגעלעקט די טעלערס און ניט אויפֿגעהערט ברומען צו זיך אַליין אומפֿאַרשטענדלעכע רייד. מאַליע און דאַליע האָבן זיך געקניפּט איינע דער אַנדערער, שטיקער פֿון זיך געריסן, און כאָטש זיי האָבן זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות צו זיצן לייטיש ביים טיש, האָבן זיי ביידע אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער פֿון די בעטלערישע שטיק. עוזר מיט זיין ווייב האָבן זיך גלייך אָנגעקוקט.

די מיידלעך ווערן פֿאַרווילדעוועט אין דאָרף, — האָט חנה געזיפֿצט — זיי האָבן גאָר קיין דרך ארץ ניט.

— מאַליע! דאַליע! — האָט עוזר געברומט אַ ברוגזער, — שבת!...

די פֿיר און צוואַנציק שעה שבת זיינען געווען אַן אָפּקומעניש. ניט מען האָט געטאָרט עפּעס טאָן, ניט מען האָט געטאָרט אַרומלויפֿן. צו וואָס מען האָט זיך ניט צוגערירט, האָט מען מחלל־שבת געווען, געטאָן אַן עבירה. חנה האָט אויפֿגעמישט דעם טייטש־חומש און מיט אַ ניגון געלייענט פֿאַר די טעכטער. אָבער מאַליע און דאַליע האָבען שוין די אַלע מעשיות געוואוסט

פון פאַראַיאָרן, פון פאַר צוויי־יאָרן, און זיי האָבן זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות ניט אַרויסצולאָכן פון די פאַרצייטישדיקע רייד, וואָס די מוטער האָט געזונגען מיט אַ פרומען ניגון. איבערהויפּט האָט זיי געמאַכט לאַכעדיק דער רבינו בחיי. יעדעס מאָל, וואָס די מוטער האָט געזאָגט: — דער רבינו בחיי זאָגט, — איז אויף זיי אַ ווילד געלעכטער אָנגעפאַלן. חנה איז געוואָרן רויט פון צאָרן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין לאַכן פון אַ צדיק? — האָט זי געוואָלט וויסן. — וואָס איז דאָ צו לאַכן פון רבינו בחיי?

די מיידלעך האָבן זיך געבויגן אין דרייען.

— כ'ווייס ניט, אָבער ס'איז זייער לאַכעדיק, — האָט מאַליע געענטפערט און געכיכיקעט.

— זייער לאַכעדיק, — האָט דאַליע נאָכגעזאָגט ווי אַ ווידער־קול.

נאָך אומעטיקער ווי אין די שבתים איז געווען אין ווינטער, איבערהויפּט אין די רעגנדיקע טעג פון האַרבסט. די ליימיקע ערד איז געוואָרן ווייך, קלעפּיק, אַזוי אַז מען איז אַריין מיט אַ פוס, האָט מען אים קוים געקענט אַרויסשלעפּן. שטיקער ליים האָבן געקלעפּט צו די שיך פון די הויפישע מענטשן, צו די באָרוועסע פיס פון די פויערים און פויערטעס, צו די האָריקע פיס פון די בהמות. די שטרויענע דעכער האָבן געטריפט מיט רעגן. ווינטן האָבן געדרייט מיט דיביימער, געפייפט, געקלאָגט. פון די לאַנקעס און טאָרףפעלדער זיינען געדיכטע נעפּלען און דעמפּעניש אויפגעגאַנגען. דער ניט־רויכערנדיקער קוימען פון דער פאַרלאָזענער ציגל־פאַבריק האָט זיך עובר־בטלדיק געשטרעקט אין דער הויך. די קראָען, וואָס האָבן זיך אין אים פאַר די רעגנס אויסבאַהאַלטן, האָבן גרילציק געקראַקעט. מאַליע און דאַליע זיינען אַרומגעקראָכן אין די רעגנס, אויסגעשמיסן זיך אין די ווינטן, דורכגענעצט זיך ביזן ביין. מיט זיי זיינען מיטגעלאָפן די צוויי הויפישע הינט, בורעק און בריטאָן, אַ מאַמע און זון, וואָס האָבן געלעבט ווי אַ הונט און אַ צויג. דורכגעווייקטע, אַז אַ פאַרע איז אַזש געגאַנגען פון זייערע האָריקע פעלן, האָבן זיי זיך ניט אויפגעהערט אַרומשמעקן, שפּילן זיך, בייסן זיך, איבערקוילן זיך און שפּרינגען אַלע ווילע מיט ליימיקע פיס אויף מאַליעס און דאַליעס נאַסע קליידלעך. פּונקט ווי די הינט, האָבן ביידע שוועסטער, דורכגעווייקטע, פאַרעדיקע, געשטויסן זיך איינע די אַנדערע, געיאָגט זיך איבער דער ליימיקער ערד, פאַר די האָר זיך געריסן, ביי די הענט זיך געכאַפּט, געקושט זיך און געלאַכט. אויסגעהונגערטע ווי די וועלף, פלעגן זיי אַריינפאַלן מיט די ליימיקע שיך אין שטוב אַריין.

— מאַמע, עסן!

חנה האָט פאַרבראַכן מיט די הענט, זעענדיק די אויסגעווייקטע און פאַר־לײמיקטע טעכטער.

— ניט אַנדערש, די מיידן זיינען משוגע געוואָרן, — האָט זי געקרעכצט.

מאַליע און דאַליע האָבן געריסן שטיקער פון די מוציאס ברויט מיט פוטער און געלאַכט.

אין די אָוונטן זיינען זיי אַוועק צו אָשר דעם טעפּער.

ביי אַ קליין נאַפט־לעמפּל, וואָס האָט געוואָרפן מער שאָטן ווי ליכט, איז געזעסן אָשר דער טעפּער מיט פאַרקאַשערטע באָרוועסע פיס איינגע־טונקען אין ליים און גיך געדרייט ביים רעדל, ציענדיק מיט די הענט שטיקער ליים, וואָס ער האָט אויסגעדרייט אין אַלערליי טעפּ, שיסלען און קרוגן. פּרוי־טשע זיין זון, אַ שוואַרץ־האָריקער און שוואַרץ־אויגיקער יונג, ענלעך צו אַ ציגיינער, און אַ שווייגער אַ גרויסער, איז געזעסן דערלעבן מיט פאַרקאַשערטע צעריסענע הויזן, איבער וועלכע אַ קליין ציצה־כנפות׳על האָט זיך געבאַמבלט, און געהאָלפן דעם טאַטן אין דער אַרבעט.

— דריי, דריי, ריר מיט די פיס, פּרויטשע — האָט אשר געמונטערט דעם זון, ציענדיק בריהש דאָס ליים אַרום דעם פלאָקן.

ביים גרויסן אויוון, וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבע שטוב, איז געשטאַנען כאַשע די אשרעכע אין אַן אונטער־הייבל מיט רויטע בענדער אויפן געשווי־רענעם קאָפּ און מיט פאַרקאַשערטע הענט געטריקנט די טעפּ אין אויוון. טאַטע און מאַמע האָבן גערעדט. גערעדט פון טעפּ, וואָס זיינען וואָלוול און פון שפּייז פאַר די טעפּ, וואָס איז טייער; גערעדט פון דעם ווייטן מהלך, וואָס מען האָט צו שלעפּן די טעפּ אין קוישן היי פון קריניצוויץ ביז יאַמפּאָלע, און פון דער מזל־ברכה אין טעפּער אויפן מאַרק, אַזוי אַז עס זיינען שוין דאָ מער טעפּ ווי קונים.

— וואָס קען זיין גוט, — האָט באַשע אַרויסגעשריגן פון אויוון, — אַז יעדער פויער מאַכט אַליין טעפּ?

פּרויטשע איז געזעסן אַ טונקעלער, מיט בינטלעך פעכיקע האָר, וואָס האָבן זיך געריסן פון אַלע זייטן פון אונטערן קליינעם טוכענעם היטעלע און מיט קיין איין וואָרט זיך ניט אָפּגערופן. מאַליע און דאַליע האָבן געוואָלט מיט אים ריידן, געצויגן אים ביי דער צונג, אָבער זיי האָבן קיין וואָרט פון אים ניט געקענט אַרויסקריגן.

— פויער, וואָס ענטפערסטו ניט, רב עוזרס טעכטער ריידן דאָך צו דיר?
— האָט דער פאָטער אים געמוסרט, — ביסט שטום?

פּרויטשע האָט געשוויגן. ער האָט בלויז גיכער געדרייט מיט די פיס

אין ליים. אויף מאַליען איז אָנגעפאַלן אַ געלעכטער, אַליין ניט וויסנדיק פאַר וואָס.

— פרויטשע, ווילסט מיך פאַר אַ כלה? — האָט זי געפרעגט לאַכנדיק.

דאַליע האָט זיך געבויגן אין דרייען.

איבער די קליינע שייבלעך, פאַרשטופּטע אין די אויסגעבראָכענע ווינקלען מיט שמאַטעס, האָט אַ קרומער האַרבסטיקער רעגן געפּאַטשט און צעפלאָסענע טראָפּנס האָבן איבערן טונקל־באַלויכטענעם גלאָז געוויינט. די הינט פאַר דער שוועל אין דרויסן האָבן געבילט, מען זאָל זיי עפענען די טיר.

4

אַז מאַליע און דאַליע האָבן אַזוי אַרויפגעשאָסן אין דער הייך, אַז די מוטער האָט זיי דערגרייכט צום אַקסל, האָט חנה גענומען אַרומגיין אַרום איר מאַן מיט פאַרזיכטיקע טריט, זוכנדיק אַ גוטע מינוט, ווען עוזר איז אויפגעלייגט, כדי צו ריידן מיט אים וועגן תכלית־זאַכן.

די מיידלעך זיינען אומעטום געווען איצט אין חנהס אויגן מיט זייער געוויקסיקייט און ווייבערישער רייפקייט. איבערהויפּט האָבן זיי געבלענדט מיט זייערע הענט און פיס, לאַנגע און שלאַנקע, אין וועלכע זיי האָבן אַ גוואַלדיקע מזל־ברכה געהאַט. אַרומשלייכנדיק זיך מיט זייערע שלאַנקע בויגיקע קערפּערס אין די קורצע ציצענע קליידלעך, וואָס זיי האָבן זיך אַליין אויפגענייט, און פון וועלכע די נאַקעטע הענט און פיס האָבן זיך אַרויסגעריסן, האָבן זיי אויסגעזען ווי זיי וואָלטן פון בלויז הענט און פיס באַשטאַנען. חנה האָט כסדר אָט די לאַנגע הענט און פיס געהאַט פאַר די אויגן.

— מאַליע, דאַליע — האָט זי געמוסרט, — דעקט זיך צו, אַ בושה פאַר די גויים.

מאַליע האָט געלאַכט, ווי תמיד, און דאַליע האָט איר אונטערגעהאַלטן.

מער נאָך ווי די טעכטערס צעוואַקסנקייט, האָט חנהן געעגבערט אין קאָפּ די פּלוצלונגדיקע קאָפּ־ווייטיקן, וואָס פלעגט די מיידלעך באַפאַלן און אָנהאַלטן שעהן גאַנצע און אַפילו טעג. די ערשטע האָט מאַליע דערפילט די שטאַרקע קאָפּ־ווייטיקן. זי האָט מיט אַ ווייס טיכל אַרומגעבונדן דעם שטערן, איבער וועלכן די פּעך־שוואַרצע האָר זיינען נאָך שוואַרצער געוואָרן און פייערדיקער. זיי האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן ברענען אין זייער שוואַרצקייט. נאָך מאַליען, ווי אַ שאָטן, האָט דאַליע אָנגעהויבן אַרומגיין מיטן ווייסן טיכל אַרומגעבונדן דעם קאָפּ. זייערע אויגן, שטענדיק ברייט־צעעפנטע און פאַרחידושטע, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַן אויסערגעוויינלעכע בשורה דערהערט, האָבן כסדר זיך געביטן. אָט זיינען זיי שטאַרק פריילעך און שקאָציש

צעשפּילט געוואָרן, ברענענדיק די לופט אַרום זיך און באַלד מיט אַ פֿײַנלעך פֿאַרחלשטן טרויער זיך פאַרצויגן, פונקט אַזוי איז געווען זייער געמיט — אַט שטיפעריש צעלאָזן, באַלד פֿײַנלעך טרויעריק. חנהן האָבן די ווײַסע טיכלעך אַרום די מיידלשע קעפּ און די ווילדע ענדערונגען איר מאַמעשן געמיט צע־טרייסלט. כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט קיינמאָל קיין גרויס נחת ניט פון אַרײַנלאָזן זיך אין דיבורים מיט עוזרן, האָט זי זיך געדרייט אַרום אים, געקוקט אים אין די אויגן, זוכנדיק אַ געלעגנהייט צו ריידן צו אים וועגן דער שטוב.

— עוזר, — האָט זי געזאָגט שטיל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי זי וואָלט שולדיק געווען אין דעם, וואָס זי האָט צו זאָגן, — עוזר, מאַליע איז שוין געוואָרן צוואַנציק יאָר ביז הונדערט און צוואַנציק.

— נו ? — האָט עוזר געפרעגט טרוקן.

חנה האָט גענומען גלעטן דעם קאָפּ ביים בן־יחיד אירן, וואָס זי האָט אים שטענדיק געהאַלטן ביי איר פאַרטעך, ווי אַ סימן אויפן קדיש, וואָס זי האָט איר מאַן געבוירן נאָך די טעכטער.

— דאַליע איז אויך קיין עין־הרע שטאַרק אויסגעוואַקסן, — האָט זי גע־זאָגט. — זיי וואַקסן ווי אויף הייוון, די מיידלעך.

— דעריבער ? — האָט עוזר געברומט, כאָטש ער האָט געוואוסט, צו וואָס חנה צילט.

פון נאָך דער חתונה אָן, זינט דער פאָטער זײַנער האָט אים חתונה גע־מאַכט מיט חנהן, כאָטש ער איז שטילערהייט געווען פאַרליבט אין אַ ווייט־געשווּעסטער־קינד, האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט גלייך צו זיין ווייב, נאָר ברוגזלעך, מיט קורצע ענטפערס, פון אויבן אַראָפּ. חנה האָט זיך יעדער מאָל אויפסטיי דערפילט זייער נאַרעש פון מאַנס טראַציקע ענטפערס און פון שפּאָ־טיקן טאָן.

— קריניוויץ איז נישט קיין אָרט פאַר דערוואַקסענע טעכטער, — האָט חנה געמורמלט.

עוזר איז געוואָרן אויפגעקאָכט.

— וואָס־זשע, זאָל איך מיך אפשר אַרײַנציען קיין יאַמפּאָלע אין מאַרק ?— האָט ער געפרעגט.

כאָטש חנה האָט ניט געזען קיין עוולה דערין, האָט זי ניט געוואָגט עס צו זאָגן איר מאַן.

— ווער רעדט פון יאַמפּאָלע ? — האָט זי זיך פאַרענטפערט. — כ׳מיין בלויז, אַז מ׳דאַרף טראַכטן . . . ביסט דאָך אַ טאַטע . . .

עוזר האָט אויסגעבאַרשט די צוגעשווירענע באָרד, וואָס ער האָט געהאַלטן

אין פּריצישער ריינקייט און אָפּגעפּטרט חנהן מיט אַ ביטול, ווי זיין שטייגער איז געווען.

— ס׳ברענט נישט, יידענע, — האָט ער זיך געבייזערט, — כ׳זאָל אַזוי האָבן אַ זאָרג מיט אַלע אַנדערע זאַכן, ווי כ׳האָב אַ זאָרג מיט די מיידלעך... גיי, גיי...

כאָטש ער האָט געוואוסט ביי זיך, אַז חנה רעדט ווי אַ מענטש, וועגן תכלית־זאַכן, האָט ער ניט געקענט פאַרטראָגן, וואָס זי טראָגט אָן ווייבערישע דאגות אויף זיין קאָפּ. ער האָט פיינט געהאַט דאגות, עוזר, פיינט געהאַט טראַכטן תכלית־זאַכן. זיין שיינער שוואַרצער קאָפּ האָט אנשטאָט קלערן ליב געהאַט זיך ברוגזן און חלומען: ברוגזן זיך אויף דער וועלט, וואָס גיט ניט עוזר שאַפיר אַלץ וואָס ער וויל, און חלומען וועגן אומגעריכטע גאָלדענע צייטן, וואָס וועלן זיך סוף־כל־סוף אָנטראָגן קיין קרינ־יוויץ און באַשענקען אים מיט אַלעם גוטן. ליגנדיק בייטאָג נאָכן מיטאָג אויף דער פּליושענער קאַנאַפּע, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט אַ קישעלע, אויף וועלכן חנה האָט כלה־ווייז אויסגענייט אַ גראָם אין דייטשע־גאָטישע בוכשטאַבן, אַז מאָרגן־שטונדע האָט גאָלד אים מונדע, האָט עוזר ניט אויפגעהערט חלומען וועגן דעם קרינ־יוויצער הויף, וואָס וועט אינגיכן אויפגעריכט ווערן און וועגן דער גרויסער פּריציש־קייט, וועלכע ער וועט נאָך פירן.

עס איז ניט געווען בלויז אַ גלויבן אין די לאָטערי־צעטלעך, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטן, אָדער אין פּאָטערס חובות, וואָס פּריצים וועלן פּלוצ־לונג אָנהייבן באַצאָלן, אָדער אין די פאַרשלעפּטע פּראָצעסן, וואָס אַדוואָקאַטן וועלן מיט דער צייט געווינען ביים מלכות. עס איז געווען וועגן דער באַן־ליניע, וואָס מען האָט גערעדט, אַז זי וועט אינגיכן דורכגעפירט ווערן דורך דער קרינ־יוויצער ערד און מ׳וועט אים, עוזרן, אַ שלל מיט גאָלד באַצאָלן פאַר לאָזן דורכפירן די באַן איבער זיין גרונט. כאָטש מען האָט יאָרן לאַנג שוין גערעדט דערפון, און ס׳איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, האָט עוזר שטאַרק גע־גלויבט אין אָט דער באַן־ליניע. וויפל מאָל אים איז אויסגעקומען צו זיין אין יאַמאָפּלע, האָט ער נישט פאַרגעסן אַריינצוגיין צום געל־בערדלדיקן נאַ־טשאַלניק, כדי אים איבערצופרעגן וועגן דעם. דער פעטער נאַטשאַלניק מיט די שמאַלציקע אויגן, אַ כאַבאַרניק, אַ זולל־וסובא און אַן עולם־הזהניק, וואָס האָט ליב צו לעבן און לעבן לאָזן, האָט יעדן מאָל אויפסניי צוגעזאָגט עוזרן, אַז אין פּעטערבורג טראַכט מען דערפון, זייער ערנסט טראַכט מען דערפון, און מען דאַרף רואיק וואַרטן, עס וועט קומען. עוזר פלעגט אַהיימקומען אַן אויפגעהייטערטער און וואַכן לאַנג דערנאָך טראַכטן דעריבער אויף דער ווייכער פּליושענער קאַנאַפּע.

מיט חנהן האָט ער ווייניק גערעדט דערפון. ערשטנס, איז ער געווען אָנ־געשטויסן אויף איר אַלץ נאָך דערפאַר וואָס זי האָט אים געשטערט אין דער שטילער ליבע, וואָס ער האָט בחורוויז געהאַט מיט אַ ווייט געשוועסטער־קינד. צווייטנס, האָט זי אים ניט מיטגעהאַלטן אין זיינע חלומות. מיט וויבערשער פּראַקטישקייט האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ איבער זיינע פאַנטאַ־זיעס, ווי מע באַדויערט אַ קינד, וואָס רעדט נאַרעשקייטן. עוזרן האָט אונטער־געהויבן די דאָזיקע יידענישע קליינקעפּלדיקייט. אָבער פאַר די טעכטער האָט ער זיך געלאָזט וואוילגיין. אַ שווייגער בטבע, איז ער געוואָרן זייער ריידעוודיק, ווען עס איז געקומען אויסצודערציילן, ווי אַזוי קריניוויץ וועט אויסזען, ווען די גוטע שעה וועט קומען און מ׳וועט דורכפירן די באַן־ליניע. מאַליע און דאַליע, וואָס האָבן פון פאָטער ניט גענומען זיין ברוגז, אָבער דערפאַר האָבן זיי אים איבערגעשטיגן אין חלומות־שפינערייַ, האָבן גערן זיך צוגעזעצט צום פאָטערס קאַנאַפּע יעדן מאָל, ווען ער האָט זיי גערופן כדי זיך אויסצורייידן פאַר זיי.

אַרומזועצנדיק זיך לעבן אים צוקאָפּנס און צופוסנס, גלעטנדיק אים און פוצנדיק זיין באָרד, האָבן די צוויי דערוואקסענע מיידלעך, פולע מיט העגט און פיס, צוגעהערט זיך מיט מויל און אויערן צום פאָטערס זיסע רייד.

— נאָר נישט זאָרגן זיך, מיידלעך — האָט עוזר גערעדט, פלאַמעדיק מיט די שוואַרצע אויגן — איר וועט נאָך זען וואָסער הויף קריניוויץ וועט זיין.

אַ שטענדיקער מרוק, אַ מענשט, וואָס ברומט מער ווי ער רעדט מיט מענטשן, איז עוזר געוואָרן אַ קוואַל פון זיסע רייד, ווען ער האָט פאַר די טעכטער אָפּגעמשלט די קריניוויצער מלוכה, וואָס וועט אויפבליען ווען די גוטע שעה וועט אָנקומען. די באַן וועט אַ פאַרמעגן מיט געלט אָפּצאָלן פאַר די טאָרף־פעלדער און פאַר די לאָנקעס, וואָס ער וועט פאַרקויפן, כדי דורכצו־ציען די ליניע. פאַר דעם געלט וועט מען קויפן נייע פערד, מאַשינען. צוליב דער נייער ליניע וועט יעדער אייל הויפישע ערד ווערן מיט גאָלד צוגלייך. די ציגל־פאַבריק, וואָס שטייט און פוסטעוועט, ווייל עס איז שווער צו פירן ציגל אויף די זאַמדיקע וועגן אין גרעסערע שטעט, וועט צוריק אָנהויבן אַרבעטן און אַרויסגעבן וואַגאָנען ציגל יעדן טאָג. די חרובע וואַסער־מיל וועט ווידער אָנהייבן מאָלן מעל. געלט וועט זיך שיטן. דעמאָלסט וועט מען איבערבויען די בנינים אין הויף, מען וועט ניי, שיין מעבל ברענגען צופירן פון שטאָט. שניידערס וועט מען אַראָפּברענגען אין הויף אַריין, זיי זאָלן שיינע קליידער אויפנייען פאַר אַלעמען. מען וועט אויך אַ קאַרעטע קויפן, נייע געשפּאַנען פאַר די פערד. דער קוטשער וועט שפּאַנען די פערד יעדער מאָל ווען מען וועט נאָר וועלן און מיט גאַלאָפּ זיך לאָזן אין שטעטל אַריין. יאַמפּאָלע

וועט די היטלען אַראָפּנעמען, ווען פון קריניצער הויף וועלן די מענטשן אין אַ קאַרעטע פּאַרפאָרן. דערנאָך וועט מען חתנים נעמען פאַר ביידע, צום ערשט פאַר מאַליען און דערנאָך פאַר דאַליען; די רייכסטע און שענסטע בחורים וועלן חלשן משדך צו זיין זיך מיט קריניוויץ.

פאַנטאַזיאַרקעס, צעשפּילטע פון פאָטערס רייד, האָבן מאַליע און דאַליע געקראָגן אַזעלכע גרויסע אויגן, פול מיט חידוש און גליק, אַז דער פאָטער אַליין איז געוואָרן פאַרגאַפט איבער דער שיינקייט פון זיינע טעכטער.

— אסור אויב ביי גראַף גאָטאָצקין אין פּאַלאַץ זענען דאָ אַזעלכע טעכ־טער ווי אין קריניוויץ, — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ.

מאַליע און דאַליע האָבן זיך אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך געזען ס'ערשטע מאָל און אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, אין אַ קלינגענדיק קוואַלנדיק גע־לעכטער. איבערפולט מיט גליק, וואָס איז צו שווער געווען צו פאַרטראָגן, האָבן ביידע מיידלעך גענומען די לאַנגע פיס אין די הענט און געלאָזט זיך לויפן אַרויס צו די לאָנקעס, זיך אָנצולאַכן און אָנצוקושן איינע די אַנדערע. חנה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ פאַר צער, וואָס דער פאָטער מאַכט די מיידלעך משוגע מיט זיינע פאַנטאַזיעס, פירט זיי פון גלייכן וועג אַראָפּ.

וויפל מאָל זי האָט פּרובירט אַריינוואַרפן עטלעכע ווערטער פאַר די מיידלעך, אַז זיי זיינען נישט קיין קינדער מער, אַז זיי דאַרפן זיך האַלטן אין דער מעלה, וואָרעם מ'דאַרף זאָרגן וועגן אַ תכלית און קיין נדן איז נישטאָ, האָבן די מיידלעך געלאַכט פון איר. פּונקט אַזוי האָבן זיי געלאַכט פון די שדכנים, וואָס פלעגן אַמאָל אַרויסקומען פון יאַמפּאָלע אין הויף אַריין, פון די חתן־בחורים, אויף וועלכע חנה האָט געהאָט אַן אויג.

חנה האָט גענומען די זאַך אַליין אין די הענט אַריין. זעענדיק, אַז מיט עוזרן איז נישטאָ וואָס צוריידן, ביט ער הערט זי, ניט ער טראַכט וועגן אַ תכלית, נאָר האָט שטעקן דעם קאָפּ אין נאַרעשע חלומות, האָט זי אַליין גענומען זאָרגן וועגן אַ תכלית פאַר די איבערגעוואָקסענע טעכטער. צווישן די חשובערע אורחים, וואָס פלעגן נאָך אַמאָל פאַרבלאָנדזשען און האַלטן שבת אין קריניוויץ, צווישן די וואַלד־שרייבערס און בראַקאַרעס פון די אַרומיקע וועלדער, וואָס פלעגן אַמאָל פאַרפאָרן צום הויף, האָבן זיך אָפּט געפונען יידן בר־דעתן, וואָס קענען אַ וועלט און אַ וועלט קען זיי. חנה האָט מיט לייכטע ווייבערשע אָנ־צוהערענישן פּרובירט אויסטאַפּן וועגן עפּעס אַ לייטישן שידוך פאַר דער עלטערער, מאַליען, אַזוי עפּעס אַ וואוילן בחור, וואָס יאָגט זיך ניט אַזוי נאָך געלט, ווי נאָך אַ שיין געראָטן מיידל פון אַ יחוסדיקער, בכבודער שטוב. די יידן האָבן פאַרשריבן אין די ביכלעך און זיי זיינען אַ בעלן געווען אָנצוקוקן ס'כלה־מיידל, צו וויסן מיט וועמען מ'גייט צום טיש. חנה האָט געוואָלט,

אַז מאַליע זאָל לייטיש צוטראָגן כיבוד צום טיש און פירן זיך בכבוד ווי פּאַר אַ כלה־מיידל, וואָס שטייט אין שידוכים, שטייט אָן. אָבער מאַליע האָט זיך ניט געפירט בכבוד ווי די מוטער האָט געוואָלט. אָנגעטאָן אין אַ היימיש־אויפ־געניייט ציצן קורץ קליידל, פון וועלכע די הוילע הענט און די באָרוועסע פיס האָבן אַרויסגעקוקט, ניט פאַרקעמט, נאָר מיט צעפלאָסענע שוואַרצע האָר, איז זי שקאָציש פאַרבייגעלאָפן די שטובן, זינגענדיק פויערשע לידלעך און צופייפנדיק. די יידן האָבן אַנטוישטע געקוקט אויף איר.

— אַזוי, — האָבן זיי געזאָגט, ציענדיק שפּיצן באָרד, — דאָס איז זי טאַקע, ס'כלה־מיידל, רב אורי לוי'ס אייניקל? נו, מילא, נו, מ'עט זען . . .

חנה האָט געקראָגן רויטע פלעקן אין פּנים.

— מאַליע, וואָס איז דאָס פאַר אַ הילוך? — האָט זי געפרעגט מיט פאַר־דראָס, — מ'קען דאָך מיינען, אַז דו האָסט קיין קליידל ניט.

מאַליע האָט זיך צעלאַכט די מענטשן אין די אויגן. דאַליע האָט איר צוגעהאָלפן.

נאָך ערגער האָט זי זיך אויפגעפירט, ווען די יונגע וואַלד־שרייבערס פלעגן פאַרפאָרן אין הויף.

חנה האָט זייער שיין אויפגענומען די יונגע וואַלד־שרייבערס. אָפּגע־ברענטע, געוויקסיקע בחורים, מיט הויכע שטיוול און מיט געלע איינגעלייגטע קוביקן צו מעסטן האָלץ, האָבן זיי שטאַרק געקלעפּט צום קריניוויצער הויף, וואו דערוואַקסענע מיידלעך האָבן זיך געהאָדעוועט. צווישן זיי זיינען געווען עטלעכע נגידישע קינדער, וואָס האָבן ביי זייערע פאָטערס, וואַלד־סוחרים, גע־אַרבעט, און שדכנים האָבן זיי וועלטן מיט שידוכים געשדכנט, איינעם בעסער פון אַנדערן. חנה האָט מיט איר מאַמיש אויג געזען, אַז די אָפּגעברענטע בחורים קומען ניט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין אין קריניוויצער הויף, נאָר אַז זיי מיינען תכלית. זיי גייען אויס נאָך רב אורי לוי'ס אייניקלעך. זי האָט דעריבער פאַר זיי שטאַרקע שמעקעדיקע טיי געמאַכט, טעלערס מיט איינגעמאַכטס אָנגעשטעלט, און גערופן די מיידלעך צום טיש, זיי זאָלן זיך באַווייזן אין זייער גאַנצער שיינקייט און געראָטנקייט.

— מאַליע, טאָכטער, — האָט זי זיס גערעדט צו דער עלטערער, ווי תמיד עסריידן מאַמעס צו טעכטער, וואָס דאַרפן געפעלן ווערן, — וועסט צוטראָגן צום טיש איינגעמאַכטס, וואָס דו האָסט געמאַכט.

דאָס איז געווען אַ אָנצוהערעניש צו די וואַלד־בחורים וועגן מאַליעס בריהשאַפט אין מאַכן איינגעמאַכטס אַליין, אָבער מאַליע האָט קאַליע געמאַכט דער מוטערס מערכה.

— מיינסט אודאי, דיין איינגעמאַכטס, מאַמע, — האָט מאַליע פאַר־ריכט דער מוטערס ליגן. — איך קען קיין איינגעמאַכטס ניט מאַכן.

חנה איז געוואָרן רויט פון שייטל ביז דעם פאַרמאַכטן האַלדז.

— רב אורי לוי׳ס איניקל, — האָט זי געזאָגט, דראָענדיק מיט אַ פינגער אין שפּאַס, כדי צו פאַררייבן די אומאַנגענעמע געשיכטע. — גאָר מיט קאָ־טאָוועס, ווי דער שווער, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן.

מאַליע האָט געגעסן לעפל איינגעמאַכטס פון טעלער, גאָרנישט ווי פאַר אַ כלה־מיידל פּאַסט, באַלעקט זיך פון זיסקייט, און פול געווען מיט אירע גרויסע הענט און פיס אומעטום. בשום אופן האָט זי ניט געוואָלט אָנטאָן זיך דאָס קליידל, כאָטש די מוטער האָט כסדר געוואונקען צו איר מיט די אויגן, זי זאָל עס טאָן. אַזוי האָט זי ניט געוואָלט ריידן אײדעלע רייד פון די ביכלעך אַרויס, כאָטש זי האָט אַ סך פוילישע ביכלעך געשלונגען. אנשטאָט שיינע רייד, האָט זי געלאַכט, אָנגעזאָגט נאַרעשקייטן און אַפילו קאָטאָוועס געטריבן מיט די שעמעוודיקע בחורים. די בחורים האָבן נאַרעשלעך גע־שמייכלט, אַליין ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך. צווישן די כלה־מיידלעך, מיט וועלכע מען האָט זיי געהאַט צוגיפּגעפירט אויף זעענישן, איז קיין איינע ניט געווען ווי די קרינבוויצער טעכטער. זיי האָבן דעריבער ניט געוואוסט, וואָס צו ריידן, וואָס צו טאָן מיט זיך אין דער פרעמדער שטוב. דאַנקענדיק צופיל מאָל דער באַלעבאָסטע פאַר די נייע טעלערלעך כיבוד, צו וועלכע זיי האָבן אין לייטישקייט זיך ניט צוגערירט, האָבן זיי געפילט זיך איבעריק און נאַרעש לעבן די צוויי לאַכעדיקע מיידלעך, וואָס מען האָט ניט געקענט דערגיין פאַרוואָס זיי לאַכן אַזוי פיל. אָפּגעשטויסענע און פאַרכאַפּטע גלייכצייטיק האָבן זיי זיך גיך אָפּגעזעגנט, כדי אָפּצואָטעמען פרייער פון יענער זייט הויף.

— ס׳איז געווען זייער אנגענעם, — האָבן די בחורים געזאָגט, שטעקנדיק די הענט און טאַפּנדיק ביי די דאַשקעס פון די היטלען, ניט וויסנדיק צי דאַרפן זיי אַראָפּנעמען די היטלען, צי נישט.

חנה האָט אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין ווי נאָר זי איז געבליבן אַליין מיט די טעכטער.

— לאַכטס, לאַכטס, — האָט זי געװאָרפן, — לאַכן וועט דער וואָס וועט לאַכן צום לעצטן.

כאָטש זי האָט מורא געהאַט פאַר עוזרן צו מאַכן טענות מיט אים, האָט זי זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אַרויסגעלאָפן אים געבן אַ חלק פאַר די טייערע טעכטער זיינע, וואָס ער מאַכט זיי משוגע מיט זיינע גענג.

— די מיידן וועלן פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ, — האָט זי געוואָרנט, — הלוואַי זאָל איך זיין אַ ליגנערין . . .

מאַליע מיט דאַליען זיינען אַרויס אין פעלד און זיך שטיקער פלייש אויס־געקניפּט איינע דער אַנדערער אין ווילדן געלעכטער.

נאָכמאָכנדיק די פאַרשעמטע בחורים, זייער איבערגעטריבענע לייטישקייט ביים פאַרזוכן דאָס איינגעמאַכטס, זייערע שטאַמלענדיקע רייד, האָט מאַליע זיך געבויגן ביז דער ערד אין געלעכטער, וואָס האָט זי געשטיקט.

— זיי זיינען געווען שרעקלעך קאָמיש, דאַליע, — האָט זי געכיכיקעט.

דאַליע האָט געווישט די טרערן פון די אויגן, וואָס איר געלעכטער האָט אַרויסגעקוועטשט.

— האָסט געדאַרפט זען די מאַמען, — האָט זי דערמאָנט, נאָכמאָכנדיק דער מוטערס שאָקלען מיטן גוידערל.

חנה, אַ באַליידיקטע, אַ פרעמדע צווישן מאַן און די טעכטער, האָט געטוליעט זיך צום בן־יחיד אירן, באַדעקנדיק מיט הייסע קושן זיינע אַנגע־בלאָזענע באַקן.

ער איז געווען שטאַרק ענלעך צו דער מאַמען, דער קליינער עליע, אַ ווייכער און אַ לייטישער, גאָרנישט ווי די עלטערע שוועסטער זיינע.

אויך האָט ער געקלעפּט צו דער מאַמען, און פון פאָטער זיך געהאַלטן פון דערווייטנס, מורא געהאַט פאַר אים. חנה האָט דעריבער איר גאַנצע טרייסט אין בן־יחיד געזען. כאָטש ער איז נאָך אַ יונג יינגל געווען, האָט זי שוין געחלומט הויכע זאַכן וועגן אים. אים וועט זי נישט האַלטן אין דאָרף, האָט זי געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, מעג עוזר זיך איינשפּאַרן וויפל נאָר ער וויל. צו גוטע מלמדים וועט זי אים שיקן, צו טייערע לערערס. אַ מענטש וועט ער אין שטאָט אויסוואַקסן, אַ טרייסט פאַר אַלע אירע צרות אין לעבן וועט ער זיין. און זי האָט איר מאַמעש האַרץ אין יינגל אַריינגעלייגט.

— דו האָסט ליב די מאַמען, עליעשי? — האָט זי געשעפּטשעט הייס, — דו ביסט דער מאַמעס זון, עליע־לעבן, דער מאַמעס אוצר, דער מאַמעס נחמה...

5

זייער גיך, איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, האָבן יאַמפּאָלער שדכנים אָנגעהויבןריידן, אַז פון עוזר קריניוויצערס טעכטער וועלן זיי קיין נחת ניט האָבן און ס'איז אַן עבירה די פיס און די רייד, וואָס מע פטרט אויף זיי.

— פון דעם קאָרן וועט קיין מעל ניט זיין! — האָבן די יידן געזאָגט איינער צום אַנדערן, — זיי ווייסן ניט וואָס זיי ווילן.

— פאַרריסענע קבצנים און גרויס־האַלטערס, — האָבן ווייבער גערעדט אין מאַרק.

צו דער אייגענער מסקנא זיינען אויך געקומען די בחורים פון די אַרומיקע שטעטלעך. זיי האָבן אויפגעהערט אַראָפּצוכאַפּן זיך אין הויף אַריין.

עוזר האָט זיך קיין סך ניט געמאַכט דערפון. די האָפענונגען אויף דער באַן־ליניע, וואָס אָט, אָט דאַרף זי ווערן דורכגעפירט דורך זיין קריניוויץ, האָבן אַלץ אָנגעפילט זיין שיינעם קאָפּ. יעדער יאָר אויפסניי האָט ער געוואַרט דערויף, געזען דאָס גליק, וואָס וועט פּלוצלונג אָנקומען. מאַליע און דאַליע האָבן געלאַכט. יעדער מאָל אויפסניי, וואָס שדכנים זיינען געקומען, מחותנת־טעס זיינען פאַרפאָרן אָנקוקן און חתן־בחורים האָבן געררויטעלט זיך ביים עסן איינגעמאַכטס, האָבן זיי געהאַט אויפסניי אַ לעבן אויף אַ לאַנגער צייט, אויף לאַכן, קנייפּן זיך איינע די אַנדערע, נאָכמאַכן און נאָכקרימען. די איינציקע, וואָס האָט געזען ס׳אומגליק, איז געווען חנה. אָבער זי האָט געשוויגן. זי האָט שוין געזען, אַז צווישן מאַן און די טעכטער וועט זי בלייבן דער שטענדיקער נאַר, און זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך ניט צו ריידן. בלויז מיט ווייבערישער פּראַקטישקייט האָט זי געקוקט אויפן גרייטן, געזען ווי די מיידלעך קוילענען זיך אַליין.

אַלץ איז געגאַנגען מיטן אַלטן שטענדיקן גאַנג, ווי תמיד ביי איינגע־רעדטע מיידלעך, וואָס האַלטן פון זיך אַ וועלט. חנה האָט געזען אַזעלכע זאַכן, צום ערשט, ווען די נגידישע וואַלד־בחורים זיינען געקומען און געחלשט פאַר די מיידלעך, האָבן מאַליע און דאַליע געהאַלטן זיך הימל־הויך און געלאַכט. די בחורים האָבן חתונה געהאַט און שטאָלצע מיט זייערע ווייבער ספּעציעל אַמאָל פאַרבייגעפאָרן דעם קריניוויצער הויף. מאַליען האָט די בחורשע חוצפּה פאַרדראָסן, כאָטש זי האָט זיך אויסגעלאַכט פון די קאָמישע בחורים, וואָס זיינען געזעסן אַזעלכע פאַרשעמטע ביי זייער טיש, ניט געטראַכט וועגן זיי, האָט זי זיך געפילט געטראָפן, וואָס אָט די בחורים האָבן אַזוי גיך אָפּ־געשאָקלט זיך פון קריניוויץ און געאיילט זיך צו פאַרבינדן מיט אַנדערע. די ווייבערישע געפאַלנקייט האָט, צוזאַמען מיטן כעס אויף די מאַנסבילן, אַרויס־גערופן אויך אַן אָפּשיי צו זיי. דער גאַנצער קאָמיזם זייערער איז אויסגערונען, ווען זיי זיינען ברייטע און זיכערע פאַרפאָרן מיט זייערע אויסדערוויילטע צום הויף.

— ווייסט, דאַליע זיי זיינען גאָרניט אַזוי נאַרעש, — האָט מאַליע איינגע־רוימט דאַליען ערנסט, און גאָרנישט געלאַכט דערביי.

— טאַקע נישט, מאַליע, — האָט דאַליע נאָכגעזאָגט, ווי שטענדיק ווען די עלטערע האָט עפּעס געזאָגט.

שפּעטער זיינען אַנדערע בחורים פאַרפאָרן, אָבער מיט אַ שטאָפּל נידע־ריקער שוין פון די ערשטע, וואָס מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. חנה האָט זיי

אויך געבעטן צום טיש און געהייסן מאַליען אַנשטעלן אַ סך כּיבוד. מאַליע, אין איר באַליידיקונג, האָט אַפילו רעכט ניט געוואָלט ריידן מיט אָט די צווייט־ראַנגיקע בחורים.

— מאַמע, — האָט זי געזאָגט מיט אַ געבייזער שוין, — כ׳וויל נישט יעדער גאָרנישט זאָל מיך קומען אָנקוקן. שיק זיי פֿון וואַנען זיי זייַנען געקומען.

כּדי צו פֿאַרשרייען איר געפּאַלנקייט, האָט זי גענומען מאַכן חוזק פֿון די בייע פֿאַרשוינען פֿאַר דאַליען און לאַכן אויפֿן אַלטן שטייגער, ביז טרערן זיך פֿאַרגאַנגען אין געלעכטער. דאַליע האָט מיטגעהאַלטן דער שוועסטער.

מיט יעדן יאָר ווייטער, זייַנען אַלץ ערגערע און ערגערע בחורים פֿאַרפֿאָרן. אַז ס׳איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, האָבן שדכנים און בחורים גאָר אַ שפּיי געטאָן און געלאָזט קריניוויץ לויפֿן. איינמאָל איז נאָך יאָ אַ לייטישער חתן־בחור פֿאַרפֿאָרן, אַ בכּבֿודיקער און פֿון אַ גוט הויז, אָבער ער האָט מער געקוקט אויף דאַליען, דער ייִנגערער, ווי אויף איר עלטערער שוועסטער מאַליען. דאַליע איז געווען אַזוי באַליידיקט צוליב איר עלטערער שוועסטער, וועמען זי האָט פֿאַרגעטערט, אַז זי האָט דעם בחור געוויזן אַ בייז פּנים און אַפילו מיט אים קיין צוויי ווערטער ניט געוואָלט אויסריידן. מאַליע האָט געמוסרט די ייִנגערע שוועסטער.

— ביזט אַ נאַרעש מיידל, דאַליע — האָט זי איר געזאָגט, — דער בחור האָט דיך מיט די אויגן געגעסן. און ער איז אַ שיינער אויך.

— אַזאַ אידיאָט! — האָט דאַליע ניט געקענט זיך מוחל זייַן, וואָס אימעצער האָט געוואַגט אויסצומיידן מאַליען, איר מאַליען, וואָס איז די שענסטע, די געראָטנסטע, די קליגסטע אין דער וועלט.

ווי תּמיד האָט עס זיך פֿאַרענדיקט מיט נאָכקרימען, קושן זיך איינס ס׳אַנדערע און מיט לאַכן, לאַכן אָן אויפֿהער.

דערנאָך זייַנען אַוועק יאָרן פּוסטע און שטילע, ענלעך איינס צום אַנדערן, ווי אַ טראָפּן וואַסער. עוזר האָט געצופּט ביים שפּיגל די ווייַסע האָר פֿון דער שוואַרצער באָרד, אָבער אויף יעדער איין־אויסגעצופּטער, זייַנען אָנגעוואַקסן אַ טוץ אַנדערע גרויע האָר. האָט ער זיי געלאָזט גיין ווי עס גייט און מער זיי ניט געטשעפּעט. חנה איז געווען פֿאַרטאָן מיט איר בן־יחיד עליע. דער מלמד איז שוין מער ניט געווען אין קריניוויץ. ניט מען האָט אים געדאַרפֿט, ניט מען האָט אים געקענט צאָלן. עליע האָט געלערנט ביי לערער אין דער גובערניע־שטאָט, און חנה האָט אים געהאַלטן אין איין שיקן פּעקלעך פֿון דער היים: קיכעלעך, פּוטער, דאַרע קעזלעך, פֿלעשלעך האָניק און אַפילו שנירלעך מיט שוואָמען, וואָס זי האָט געטריקנט יעדן זומער. צו די פּעקלעך האָט זי אים צוגעשריבן בריוו, לאַנגע בריוו, אָנגעפּיקעוועט פֿון אַלע זייטן, פֿולע

מיט בקשות, ער זאָל זיך למען־השם גוט לערנען, ער זאָל עסן צו דער צייט, ניט לאָזן זיך, חלילה, פאַרחלשן דאָס האַרץ; און דער עיקר, ער זאָל זיך חברן מיט לייטישע קינדער פון זיין גראַד, ניט אַריינלאָזן זיך מיט שלעכטע חברים; וואָרים ער איינער איז דער מאַמעס טרייסט, דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג און די איינציקע האָפענונג אין איר ביטער לעבן.

מאַליע און דאַליע האָבן געאַרבעט, געליענט ביכלעך, אַליין זיך קליידלעך אויפגענייט, איבערגעמאַכט די קליידלעך, איבערגעשניטן, לענגער געמאַכט, קירצער געמאַכט און געלאַכט.

חנה האָט דאָס געלעכטער ניט געקענט פאַרטראָגן.

— וויפל איז דער שיעור צו לאַכן? — האָט זי ניט פאַרשטאַנען, — אַזוי גוט איז אייך?

מאַליע האָט דער מאַמען געגעבן אַ חלק.

— יאָ, אַזוי גוט איז אונדז, — האָט זי זיך געבייזערט, — און קרעכץ ניט איבער אונדז.

חנה האָט געקראָגן רויטע פלעקן אין פּנים.

— עוזרס טעכטער, — האָט זי געמורמלט, — אַ קלייניקייט, די קרוין אַנגערירט.

מאַליע האָט זיך אָנגענומען דעם טאַטנס עוולה:

— יאָ, יאָ, עוזרס טעכטער, — האָט זי געזאָגט מיט צאָרן, — און מיר לאַכן פון יאַמפּאָלע מיט אַלע אירע פאַרראָצטע בחורים... פאַרשטייסט?!

מיט פאַרריסענע קעפּ זיינען ביידע שוועסטער אַרויס צו די פעלדער און אַריינגעוואָרפן זיך אין דער אַרבעט.

זיי האָבן אַ סך אַרבעט געהאַט צו טאָן, מאַליע און דאַליע. מיט יעדן יאָר מער איז אַן אַנדער פויער אַוועק פון הויף צו אַנדערע אַרומיקע פּריצים. עוזר האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן. קיין געלט איז ניט געווען. די געביידעס זיינען געוואָרן אַלט, אָפּגעלאָזן, און עס איז ניט געווען מיט וואָס זיי צו פאַרריכטן. די קי זיינען געוואָרן אַלט און ניט געמעלקט זיך מער. די פאַרבליבענע פויערים און פויערטעס זיינען געוואָרן פויל און אָפּגעלאָזן אין דער אַרבעט. עוזר איז געוואָרן עלטער, שוואַכער. ער האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעגעבן זיינע חלומות, ליגנדיק אויף דער פּליושענער קאַנאַפּע, פון וועלכער די דראָטן און פעדערס האָר זיינען שוין אַרויסגעקראָכן. אָבער קיין איבעריקן מוט האָט ער שוין ניט געהאַט. ער האָט ניט געקענט אַזוי פּריציש־באַפעלעריש מונטערן די גוים זיי זאָלן צולייגן אַ האַנט. און מאַליע און דאַליע האָבן דעם גאַנצן הויף געהאַלטן אין די הענט. זיי האָבן געהאָלפן מעלקן די קי, אויסשלאָגן פּוטער אין די פּוטער־פעסלעך, אַכטונג געגעבן אויף די הינער,

גענדז, קאַטשקעס און אינדיקעס און אַפילו אין שניט־צייט געבונדן גאַרבן אין פעלד, אויסגערייניקט די קאַרטאָפל־פעלדער פון ווילד־גראָז. די פויערים און די פויערטעס האָבן מער חשק געקראָגן אין דער אַרבעט זעענדיק די מיידלעך פאַרנומען אין די פעלדער פון פאַרטאָג ביז זון־אונטערגאַנג.

צו דעם אַלעם האָבן זיי נאָך געפּוצט די שטוב, פאַרגלעט און פאַרשמירט דעם דלות, וואָס האָט זיך געקלעפּט צום אָפּגעפּאַרענעם מעבל, געפּרעסט קראַגנס און מאַנקעטן פאַרן פאָטער. אין זיין גאַנצער געפאַלנקייט האָט ער נאָך אַלץ אָפּגעהיט זיין אַלטע פריצישקייט, געבאַרשט די באָרד, געפּוצט די שיך אויף אַ גלאַנץ און געטראָגן געפּרעסטע קראַגנס און מאַנקעטן אין דאָרף. די מיידלעך האָבן די גאַנצע ליבשאַפט צום פאָטער אַריינגעלייגט אין די געפּרעסטע העמדער זיינע. פּונקט ווי זיי האָבן דער מוטער קיין הויך וואָרט ניט געלאָזט אויסריידן, אַרומגעריסן זיך מיט איר פאַר יעדער קלייניקייט, אַזוי האָבן זיי פאַרן פאָטער גרויסן אָפּשיי געהאַט, ווי ווען זיי זיינען נאָך קליינע מיידלעך געווען.

און כאָטש זיי האָבן מער ניט געגלויבט אין זיינע חלומות וועגן די קאַרעטן, וואָס ער וועט קויפן פאַר זיי, האָבן זיי עס אים ניט געזאָגט. זיצנדיק צופוסנס ביי דער קאַנאַפּע, האָבן זיי אויסגעהערט זיינע מעשיות וועגן דער באַן־ליניע, וואָס מען וועט דורכפירן, און וועגן דעם גרויסן שטאָט, וואָס ער וועט נאָך פירן.

— נאַר נישט זאָרגן, מיידלעך, — האָט ער גערעדט, — קוקט און זעט דאָס גרייטע. איך גיב אייך מיין וואָרט דערויף, איך עוזר שאַפיר.

— מיר גלויבן דיר, טאַטע, — האָבן זיי אים צוגעבאַמקעט.

זיי האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיין שטאָלץ, פאַר זיין ניט וועלן אַריבער־קלייבן זיך קיין יאַמפּאָלע און מער פון אַלץ פאַר זיין ניט ריידן צו זיי וועגן תכליתים און חתנים, ווי די מוטער טוט עס.

אין איינעם אַ זומער, אין שניט־צייט, ווען די זון האָט געבאַקן די גאַרבן אויף די קריניוויצער שיטערע קאָרן־פעלדער און די בהמות זיינען אַרומגעגאַנגען און מיט חשק געצופּט די שטעכעדיקע פריש־אָפּגעשניטענע פעלדער, האָט זיך אַ בריטשקע מיט אַ פּאָר שוואַרצע פערד, געשפּאַנט אין אַ רוסיש געשפּאַן מיט אַ סך לעדערלעך און רימענס, דורכגעשניטן דורכן שמאָלן, זאַמדיקן, פאַרלאָזטן וועג און אָפּגעשטעלט זיך ביי די טאַרף־פעלדער פון קריניוויצער הויף. די מענער, מיט קנעפּלעך אויף די היטלען, האָבן געקוקט מיט שפּאַקטיוון, געצייכנט אויף פּאַפּירן און געמאָסטן.

די פויערים האָבן אָנגעשפּאַרט די שנייד־מעסערס אין דער ערד און

אראָפּגענומען די גרויסע שטרויענע געלעכערטע קאַפּעליושן. די ווייבער האָבן אַרויפגערוקט די רויטע טיכלעך איבער די שטערנס און פאַרלייגט הענט צו די העלע אויגן כדי בעסער צו זען. די פּויערישע האַלב־נאַקעטע קינדער זיינען גיך געלאָפן אין הויף אַריין אַנזאָגן דעם באַלעבאָס די בשורה. עוזר האָט געכאַפּט אויף זיך די אַלפּאַגענע געהאַקטע קאַפּאָטע, אָן איבעריק מאָל אויסגעבערשטלט די באָרד מיט די פינגער און געאיילט צו די פעלדער. מאַליע און דאַליע האָבן אַראָפּגעלאָזט די פאַרקאַשערטע קליידלעך און פאַרריכט די האָר. אַפילו חנה, וואָס האָט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז אימעצער וועט אַמאָל אַראָפּקומען צו דער פאַרלאָזענער קריניוויצער ערד, ווי איר עוזר האָט איר איינגערעדט, איז אומרואיק און איבערראַשט געוואָרן דערהערנדיק וועגן די מענער, וואָס מעסטן די פעלדער, און זי איז אַרויס צו די טאָרף־פעלדער.

— שטילער, נאַרעשע כלבים! — האָט זי איינגעשטילט די הינט, וואָס האָבן ווילד זיך צעהאַוקעט, דערשמעקנדיק פרעמדע לייט אין דאָרף.

מאַליע און דאַליע האָבן זיך שוויגנדיק אָנגעקוקט מיט די גרויסע אויגן, וואָס זיינען אינגאַנצן געווען איצט איין גרויסער חידוש, און זיך פאַנאַנדער־געלאַכט. עוזר איז געשטאַנען אַ פייערלעכער און געוואַרט, אַז די מענער זאָלן אים רופן. כאָטש אים איז אויסגעגאַנגען ס'חיות צוצוגיין נעענטער און הערן דאָס, אויף וואָס ער האָט געוואַרט אַ גאַנץ לעבן, איז ער פונדעסטוועגן געשטאַנען אויף זיין אָרט, אַריינגרוקנדיק און אַרויסנעמענדיק כסדר די הענט פון די קעשענעס פון זיין אַלפּאַגענער געהאַקטער קאַפּאָטע. ער האָט בלויז נאָכגעפאָלגט פון דערווייטנס יעדער באַוועגונג פון די פרעמדע לייט, יעדן ריר זייערן. אַפילו די ווייטע געדרייטע רויכלעך פון זייערע פּאַפּיראָסן האָט ער אָנגעשטרענגט מיט די אויגן באַגלייט. דער פריץ איז אים נאָך אַלץ געלעגן אין די ביינער, און ער האָט ניט געוואָלט אַרויסווייזן זיין אומרואיקייט.

נאָך אַ היפּש ביסל קוקן, צייכענען און מעסטן זיינען די מענער איינגע־זעסן אין בריטשקע און אַזוי גיך פאַרשוואונדן ווי גיך זיי זיינען אָנגעקומען.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער זיינען אָנגעקומען מחנות זעלנער אין כאַקי העמדלעך, מיט איינגעלייגטע שינעלן איבער די אַקסלען, אויפהויבנדיק זיילן שטויב מיט זייערע שווערע סאָלדאַטסקע שטיוול. זיי האָבן צעטראָטן דאָס קאָרן, וואָס איז נאָך ניט געווען אַראָפּגענומען פון טייל פעלדער, און אויסגע־גראָבן גריבער אין דער ערד. דערנאָך האָבן זיי צוגענומען דאָס האָלץ, וואָס איז געלעגן אין הויף, געמאַכט פלאָקנס דערפון און זיי אַריינגעקלאַפּט אין דער ערד. איבער זיי האָבן זיי שטעכעדיקן דראָט דורכגעצויגן.

די מלחמה איז אָנגעקומען קיין קריניוועץ.

6

עטלעכע יאָר צייט האָבן סאָלדאַטן אין אַלערליי מונדירן געשלאָגן זיך און געטויט איבער דער זאַמדיקער, ליימיקער און זומפּיקער קריניוויצער ערד.

צום ערשט זיינען געקומען די גרוי־שינעליקע רוסן מיט די ברייט־בעזיקע שטיוול. דערנאָך זיינען אָנגעקומען די העל־בלוי מונדירטע עסטרייכער מיט אַ סך בלעכלעך אין די רונדע היטעלעך און מיט וויקל־בענדער אַרום די פֿיס. דערנאָך זיינען ווידער אַנגעלאָפֿן די גרוי־שינעליקע אויף אַ צייט, שפּעטער ווידער די בלוי־מונדירטע. דערנאָך זיינען די גרין־מונדירטע פּאָליאַקן מיט שפּיציקע היטלען, ווי המן־טאַשן, אויף פֿויערשע לייטער־וואַגנס אָנגעפֿאָרן. דערנאָך זיינען ווידער די גרוי־שינעליקע אָנגעקומען, אָבער אנשטאָט עפּאָ־ליעטן האָבן זיי רויטע שלייפֿלעך געטראָגן. צולעצט זיינען ווידער די גרין־מונדירטע מיט די המן־טאַשן אויף די קעפּ אָנגעקומען.

יעדער מאָל אויפֿסניי האָבן די באַוואָפֿנטע מענער צעגראָבן די קריני־וויצער ערד, די ביימער אויסגעהאַקט, די פֿערד פֿון די שטאַלן אַרויסגעפֿירט, די קי פֿון די לאָנקעס אַראָפּגענומען, די עופֿות פֿון די קאַמערלעך אַרויסגע־יאָגט, די תבואה און דאָס היי פֿון די שייערס אויסגעליידיקט, געבנדיק דער־פֿאַר קוויטלעך, רעקוויזיציע־קוויטלעך מיט רוסישע אָדלערס, מיט עסטריי־כישע אָדלערס, מיט פּוילישע אָדלערס. יעדער מאָל אויפֿסניי, ווען ביקסן האָבן אָנגעהויבן קנאַלן, ווי פּאַרקאַנעס וואָלטן זיך געבראָכן, און מאַשין־געווערן האָבן אָנגעהויבן קרעקן זיך, ווי אַ ביין וואָלט זיי געשטאַנען אין האַלדז, האָט עוזר גענומען ווייב און קינדער, איינגעפּאַקט בעטגעוואַנט, שבתדיקע לייכטער, מלבושים און כלים און אַנטלאָפֿן קיין יאַמפּאָלע, כדי איבערצובײַדעווען אין שטעטל ביז דער צאָרן וועט אַריבער. און יעדער מאָל אויפֿסניי, ווי נאָר עס איז שטיל געוואָרן און די זיגער האָבן איבערגעמאָלט די וועגווייזערס און די שלאַגבאַנען אויף זייערע פֿאַרבן, האָט עוזר געפּאַקט די זאַכן און צוריקגעפֿאָרן קיין קריניוויץ.

די יאַמפּאָלער באַלעבאַטים, ווייטע קרובים, פֿריינט, — אַלע האָבן גע־שאָקלט מיט די קעפּ אויף עוזרן יעדער מאָל אויפֿסניי, ווען ער האָט זיך געלאָזט צוריק צום גוט זיינעם.

— עוזר, ס'אַ מעשה אָן אַ סוף, — האָבן זיי געטענהט, — בלייבט אין יאַמפּאָלע צווישן יידן. וואָס ס'וועט זיין מיט כל ישראל, וועט זיין מיט רעב ישראל. זאָל קריניוויץ ברענען.

חנה האָט געוויינט יעדער מאָל ווען מען האָט אויפֿסניי גענומען פּאַקן די פּעק בעטגעוואַנט.

— עוזר, גענוג געשלעפּט זיך ווי די ציגיינער, — האָט זי געיאָמערט, —

אין אַ צייט פון סכנה דאַרפן יידן זיין צווישן יידן. גאָט וועט אונדז ניט פאַרלאָזן.

עוזר האָט ניט געוואָלט הערן.

די טעג אין יאַמפּאָלע, וואו ער האָט געמוזט איבערליגן, זיינען געווען פאַר אים אַן אָפּקומעניש. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די לופט, די ריחות, די מענטשן, די רייד זייערע, די תנועות. ער איז רעכט פאַר דער טיר נישט אַרויסגעגאַנגען. אַפילו דאַוונען אין בית־המדרש האָט ער אויסגעמיטן צו גיין און געדאַוונט ביחידות אין שטוב. כאָטש די באַלעבאַטים אין שטעטל האָבן אים דעם גוט־מאָרגן אָנטקעגנגעטראָגן און אַפילו געחנפעט טייל מאָל, האָבן זיי פונדעסטוועגן באַהאַלטן אַ חוזק צו אים אין זייערע בערדעלך, ווי צו אַן אָפּגעקומענעם, אַ יורד. חוצפּהניקעס האָבן אַפילו קאַטאָוועסלעך געמאַכט. עוזרן האָט דאָס בלוט צוגעשלאָגן צו די אויערן און ער האָט דערפאַר אויסגעמיטן מענטשן. גאַנצע טעג איז ער געלעגן אויף דער קאַנאַפּע און געוואַרט אויף גוטע נייס פון קריניוויץ. צום וויפלטן מאָל אויפסניי האָט ער איבערגעציילט די רעקוויזיציע־קוויטלעך מיט די אַדלערס, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין גרויסן טייסטער. יאַמפּאָלע האָט ניט שטאַרק געהאַלטן פון די קוויטלעך מיט די אַדלערס.

— נאָט אייך אַ שמעק־טאַבאַק פאַר די אשר־יצר־פּאַפּירלעך, — האָבן שטעטלשע באַלעבאַטים געטענהט.

עוזר האָט די פּאַפּירלעך געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. ווי אַמאָל ווען ער האָט געגלויבט אין דער באַן־ליניע, האָט ער איצט געגלויבט אין די פּאַפּירלעך וואָס מלכות האָט אַרויסגעגעבן, מיט חתימות געחתמעט און מיט אַדלערס באַצירט. זאָל זיך נאָר איינשטעלן אַ מאַכט, און ער וועט אַלץ אָפּנעמען פאַר דעם וואָס מען האָט צוגענומען ביי אים.

פונקט אַזוי זיינען מאַליע און דאַליע געזעסן אין שטוב פאַרשטעקט הינטער די פאַרהאַנגען, וואָס זיי האָבן אָנגעהאַנגען אויף די פענצטער און הינטער די בלומען־טעפּ, וואָס זיי האָבן געדיכט אויף אַלע פענצטער־ברעטלעך אָנגעשטעלט. זיי האָבן קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיטצונעמען די בלומען־טעפּ יעדעס מאָל ווען מען האָט געדאַרפט אַנטלויפן.

יאַמפּאָלע האָט גראָד חשק געהאַט צו זען די הויפּישע טעכטער, וואָס מען האָט גערעדט וועגן זיי, אַז זיי האָבן אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאַרזיצן. חנה וואָס האָט אין דאַרף זיך שוין אָנגעהויבן מיאש צו זיין פון דערלעבן אַמאָל נחת פון די איינגעעקשנטע טעכטער, האָט אין יאַמפּאָלע צווישן יידן ווידער בטחון אין רבונו־של־עולם געקראָגן. זי האָט אָנגעהויבן אַרומשמעקן צווישן מענטשן. שדכנים זיינען געקומען צו איר אין הויז.

— ר׳ עוזרס ווייב, — האָבן זיי געדונגען זיך וועגן די נישט־געהויבענע חתנים, וואָס זיי האָבן פאַרגעלייגט, אלמנהס און גרושהס, — פאַרגעסט ניט, אַז ס׳איז מלחמה־צייט. יעדער שטיקל מאַנסביל איז מיט גאָלד צוגלייך. און אייערע טעכטער, נעמט ניט פאַראיבל, זיינען מער ניט קיין מיידלעך . . . כאַפּט אַריין איידער ס׳ווערט שפּעט.

חנה האָט שטאַרק זיך געוואָלט באַווייזן מיט די טעכטער אירע, וואָס האָבן נאָך אַלץ מיט זייער שיינקייט און געשטעל פאַרדעקט אַלע יאַמפּאָלער באַלעבאַטישע טעכטער. אָבער מאַליע און דאַליע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין שטוב, ווי דער פאָטער זייערער, אויסקוקנדיק אויף גוטע בשורות פון דאָרף.

און ווי נאָר אַ מאָכט האָט זיך איינגעזעצט, האָבן זיי גיך געפּאַקט די פּעק בעטגעוואַנט, ניט פאַרגעסן די בלומען־טעפּ אַראָפּצונעמען פון די פענצטער, און צוריקגעפאָרן אַהיים.

מיט פולע ברוסטן האָבן זיי אַריינגעצויגן די דאָרפישע לופט, די ריחות פון גראָז, וואַסער און פאַרפוילטע וואָרצלען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די וועלדער, פעלדער און טייכן. און מיט באַנייטע כוחות, אָנגעזאָמלטע אין די פוסטע טעג, האָבן זיי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער פאַרוואָרלאָזטער היים און ערד.

אַ סך אַרבעט איז געווען צו טאָן אין דעם אָפּגעלאָזטן גוט. אויף די פעלדער האָבן שטיינער, אויסגעשאָסענע קוילן, בלעכערנע פּודעלעך פון קאָנסערוון, שמאַטעס, צעבראָכענע ביקסן און ציגערנע טרינק־פלעשלעך זיך געוואַלגערט. די אויסגעגראָבענע גריבער זיינען געווען פול מיט מיסט און אומריינקייט. דאָס שטעכעדיקע דראָט האָט דורכגעשניטן די ערד, געוואַלגערט זיך אומעטום אונטער די טריט. די נידעריקע דעכער פון דער ציגל־פאַבריק, וואו מען פלעגט אַמאָל טריקענען ציגל, זיינען געווען האַלב פאַרברענט. בלויז דער געשפּאָלטענער הויכער קוימען איז געבליבן ווי פריער. און אויף די טאָרף־פעלדער איז אַ קליין זעלגעריש בית־עולמל געבליבן, אַרומגעצוימט מיט דראָט און באַזעצט מיט קליינע צלמלעך, צוזאַמענגעקלאַפּט פון קרומלעכע סאָסנע־צווייגן. די שטובן זיינען געווען פול מיט שמוץ, פּאַפּירן, שמאַטיקע באַנדאַזשן; די שויבן אויסגעבראָכן; די ווענט באַדעקט מיט מיאוסע צייכענונגען און ווערטער אין אַלערליי שפּראַכן.

מאַליע און דאַליע זיינען פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט אַרומגעקראָכן אין זייערע פאַרשטעקטע קליידלעך און גערייניקט. עוזר מיט די עטלעכע פּויערים, וואָס זיינען צוריקגעקומען, האָבן געאַרבעט ביי די פעלדער. די אַרומיקע שכנים, וואָס האָבן אין דער בהלה געכאַפּט עפּעס פון הויף, אַ קעלבל, אַן עוף, אָדער אַ געשפּאַן, האָבן צוריקגעבראַכט דאָס וואָס זיי האָבן גענומען.

אויך אַשר דער טעפּער איז צוריקגעקומען מיט זיין ווייב און זיך אַריינגעצויגן אין זיין הייזל ביים עק פון הויף. בלויז פּרויטשע זייער זון, וואָס האָט געהאָלפן אַמאָל קנעטן מיט די פיס אין ליים ביים מאַכן טעפּ, האָט געפעלט. ער איז פאַרבליבן מיט די גרויע רוסישע שינעלן און ניט געלאָזט פון זיך הערן. די פויערים האָבן אָפּגערייניקט די ערד, צעגראָבן זי און פאַרזייט. עוזר האָט אַרויסגענומען פון באַהעלטעניש דאָס ביסל זילבער — די לייכטער, בעכערלעך, גאָפּל און לעפל — וואָס איז געבליבן נאָכן פּאָטער; אויך חנהס כלה־מתנות, די פּערל, ציטער־נאָדלען, בראָשקעס, פינגערלעך און אוירינגלעך, און צוזאַמען מיטן גאָלדענעם חתן־זייגער זיינעם איינגעפּאַקט אין אַ טיכל און אַוועקגעפאָרן דערמיט אין דער גובערניע־שטאָט צו פאַרקויפן. פאַר דעם געלט האָט ער פּערד איינגעהאַנדלט אויפן יאַמפּאָלער יאַריד, קי עטלעכע, עופות. די פויערים האָבן די פאַראָסטעטע אַקער־אייזנס און שנייד־מעסערס מיט נאַפט גערייניקט. קרינעוויץ האָט אָנגעהויבן אויסזען ווי פריער.

שטיל, אָפּגעזונדערט און פאַרוואָרפן איז צוריק געלעגן די קרינעוויצער ערד, איבער וועלכער מענער אין אַלערליי מונדירן האָבן זיך געשלאָגן און געטויט. די פרעש אין די זומפּן, די קראָען אַרום דעם געשפּאָלטענעם קוימען, די סאָוועס אויף די ביימער האָבן אָנגעהאַלטן זייער אייביק מאָנאָטאָן געזאַנג. מאַליע און דאַליע זיינען אין די אָוונטן אַרומגעקראָכן אַרום די טאָרף־פעלדער און מיט מורא און נייגעריקייט באַטראַכט די צלמלעך אַרום דעם בית־עולם, אונטער וועלכע מענער פון גאַר דער וועלט זיינען געלעגן.

די אומגעקומענע יונגע מענער האָבן אַ טרויער צוזאַמען מיט אַ הייםישקייט אַנגעטראָגן אין דעם העק, וואו מען האָט קיין מענטש ניט געזען. אַלעמאָל אויפסניי האָבן די מיידלעך איבערגעלייענט די פרעמדע נעמען פון די אומגעקומענע, וואָס זיינען מיט צעדרייטע שלעכט־געשריבענע אותיות אויף די צלמים געווען אָנגעשריבן. אין מיטן לאַכן פלעגן פלוצלונג טרערן אָנהויבן רינען פון די מיידלשע גרויסע אויגן, טרערן אויפן גורל פון אומגעקומענע יונגע מענער אויף פאַרוואָרפענער ערד, טרערן אויפן אייגענעם אומקומענדיקן לעבן. די גלי־פליגן, וואָס באַליעק דער פּאַסטעך האָט געזאָגט, אַז דאָס זיינען פאַרוואָגלטע נשמות, האָבן געלויכטן אין דער פינצטערניש. פוילעכטס האָט געגליט מיט בלויען פאָספאָר־פייער אין די שוואַרצע סאַמעטענע נעכט.

ווען די פוילישע זעלנער אין די המן־טאַשן היטלען האָבן די לעצטע פרעמדע מונדירן פאַרטריבן פון דער געגנט און אַלע סלופּעס איבערגעפאַרבט מיט רויטע און ווייסע פאַסן, באַצירט מיט ווייסע אדלערס, האָט עוזר מער פון דאַרף זיך ניט געריירט. שלום איז געקומען צוריק אויף דער ערד. די

באַוואָפּנטע מענער האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דאָס געווער. צוזאַמען מיט אַלע שכנישע יונגען, וואָס זײַנען צוריקגעקומען אַהיים צו זייערע דערפֿער, איז אויך עוזרס בן־יחיד, עליע געווען. אַן אָפּגעברענטער פֿון דער זון, אַ פֿאַרהאַרטעוועטער, מיט צעוואַקסענע הענט פֿון גראָבן גריבער און אַרבעטן מיט דער ביקס עטלעכע חדשים צייט, וואָס ער איז אין פֿעלד געווען, איז ער אין איינעם אַ טאָג אין אַ קורצן אויסגעוואַקסענעם מונדיר און מיט צעריסענע געלע זעלנערישע שיך צופֿוס קיין קריניוויץ אָנגעקומען.

חנה, עוזר, מאַליע און דאַליע, די הינט אין הויף, אַלע זײַנען זיי אים באַפֿאַלן, געקושט, אַרומגעטאַפּט און ניט דערקענט. אָפּגעריסן בלויז אויף עטלעכע חדשים פֿון דער לערע אין שטאָט, איז ער געווען פֿרעמד אי מיט זײַן פּלוצלונגער אויסגעוואַקסנקייט ,אי מיט זײַן קול, וואָס איז פֿאַרגרעבט געוואָרן, אי מיט דעם ריח פֿון לעדער, שטויב און רויך, וואָס האָט געווייעט פֿון אים. חנה האָט אים געטוליעט צו איר ברוסט, ווי אַ קינד.

— עליעשי, עליע לעבן, קינדס מיינס, — האָט זי געפּליסטערט מאַמעש צו דעם יונג אין די זעלנערישע קליידער, — מיר זאָל זײַן פֿאַר דײַן מינדסט נעגעלע.

עליע, דער פֿאָטער, די שוועסטער, אַלע האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט פֿון די מאַמעשע פּיעשטשענדיקע רייד, וואָס די יידענע האָט געשעפּטשעט צו דעם פֿאַרהאַרטעוועטן זעלנער.

נאָך עטלעכע וואָכן רו, האָט עליע אַראָפּגעוואָרפֿן דעם זעלנער פֿון זיך און צוריק אַרײַן אין די לערנ־ביכער, פֿון וועלכע מען האָט אים אָפּגעריסן אויף עטלעכע חדשים און אים אין זעלנערישע קליידער אַרײַנגעפּאַקט. ער האָט צוריק געלאָזט אָנוואַקסן די טשופּרינע, אויסגעהיילט די בלאָזן אין די הענט, און גאַנצע טעג געמאַכט מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבן אין די העפֿטן. ער איז געווען דער מאַמעס זון, עליע. ער האָט פֿײַנט געהאַט דאָס דאָרף, קיין אָרט זיך ניט געקענט געפֿינען דאָ. אים האָט געצויגן צו דער שטאָט, צו שולן און ביכער. חנה האָט אים אָנגעבאַקן אַ סך קיכעלעך, פֿלעשער מיט קאַרשן־זאַפֿט אים אָנגעגאָסן, האָניק פֿון בינשטאָק, דאַרע קעזלעך, אויסגעקאָכטע אייער און עפּל אָנגעפּאַקט אין זײַן רייזע־טעשל און מיט אַזוי פֿיל שפּייז באַוואָרנט, ע׳ס זאָל אים גענוגן אויף וואָכן לאַנג.

— אוצר, נחת, טרייסט מײַנער, — האָט זי געפּליסטערט צו אים, קושנדיק אים אומצאָליקע מאָל אין די אויסגעפּילטע באַקן. — דו איינער, מײַן קינד, וועסט מיר אָפּצאָלן פֿאַר אַלע פּײַן.

עוזר האָט זיך באַזעצט איצט אויף פֿעסט אין קריניוויץ.

ער האָט ניט מער געוואָרט איצט אויף אומגעריכטע גליקן, ווי אַמאָל.

ניט אויף באַן־ליניעס, ניט אויף גוטע באַלוינונגען פאַר די רעקוויזיציע־קוויטלעך, וואָס מען האָט אים אָנגעגעבן. ער האָט שוין איצט געזען, אַז מיטן שווייס פון זיין פנים וועט מען מוזן ציען חיונה פון דער אומפּרוכטבאַרער קריניוויצער ערד. אָבער ער האָט געפילט די גוטס פון רו נאָך די אַלע וואָגלע־נישן און שלעפּענישן. און ער האָט פאַרשטאָפּט די אויערן יעדן מאָל, וואָס חנה האָט פּרובירט אויפסניי אַריינוואַרפן אַ וואָרט וועגן יאַמפּאָלע.

— דאָ בין איך געבוירן געוואָרן און דאָ וועל איך שטאַרבן, — האָט ער געענטפערט פעסט.

ער האָט זיך געגרייט צו אַ לעבן אַ האַרטס, אָבער אַ רואיקס, ווייט פון מענטשן און טומל, צו אַ לעבן פון טאַטעס און זיידעס, אויף ערד אין מנוחה.

אָבער אין שטילן פוסטן קריניוויץ איז מער קיין מנוחה ניט געווען זיגט די פויערשע זין פון אַרום זיינען אין זייערע שפּיציקע פּוילישע היטלען און אין פראַנצויזישע געלע שיך פון די שלאַכט־פעלדער צוריקגעקומען.

זיי האָבן ניט, ווי עליע, עוזרס זון, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די זעלנערישע קליידער; זיי האָבן זיי געטראָגן אויף זיך, ניט אַרויסגעקראָכן פון זיי. פּונקט אַזוי האָבן זיי געטראָגן מיט זיך די זעלנערישע הפקרות, ליידיקגייעריי, חשק צו רציחה און רויב, צום שטוינען פון זייערע אונטערטעניקע, אַרבייטזאַמע טאַטעס און מאַמעס.

צום ערשטן האָבן זיי זיך גענומען צו זייער שכן זלמן סמאַלאַרניק, וואָס האָט געהאַלטן אַ קרעמל אין שכנישן דאָרף דאָמבּראָוועקע, וואָס ליגט אויפן וועג צווישן קריניוויץ און יאַמפּאָלע. ביים שייד־וועג, וואו אַן אַלטער אויס־געבויגענער צלם שטייט אונטערגעשפּאַרט, באַהאַנגען מיט אַ נאַקעטן יויזל, באַצירט מיט פאַפּירענע בלומען, האָט זלמן, דער קריניוויצער סמאָלע־ציער, וואָס האָט ביי רב אורי לוי'ן אין הויף אַמאָל געוואוינט, אַן אָפּגעברענט הייזל געהאַט שטיין, אַן אַ פלויט און צוימל, נאַקעט צו אַלע ווינטן און סכנות אויס־געשטעלט. מיט אַן אָפּגעברענטן דאַך פון די פאַרביילויפּנדיקע קוילן אין די מלחמה־יאָרן, מיט צוגעסמאַליעטע קראָקוועס אַרום דעם אַרויסשטאַרטשענדיקן דינעם קוימען, פריי פאַר שטורעמס און רעגנס, איז דעם יידס הייזעל אין פראַנט געשטאַנען, באַצירט מיט אַ קליין שילדל, אויף וועלכן אַ פאַס מיט נאַפט איז געווען פאַרטאַטשיש אויסגעמאָלט.

אין דעם קליינעם שטיבל, וואו עס זיינען געשטאַנען צוויי בעטן, אַ שאַקל־דיק טישל מיט צעבראָכענע בענקלעך, און אויף אַ פּאָליצע זיינען געלעגן טלית און תפילין, שבתדיקע מעשענע לייכטערלעך, געטריקנטע קעזלעך און שלאָפעדיקע הינער, האָט דער ייד געהאַלטן אַ פאַס נאַפט, אַ זעקל זאַלץ, גרינע שטיקער זייף, אַ קעסטל טשוועקעס און אַ ביסל פליגן־באַשפּרענקלטע

פעקלעך טיטון און פּאַפּיראָסן. די פאַרלאַטעטע טיר איז געווען פאַרשריבן מיט קרייד, פול מיט ציפערן פון די חובות וואָס די אָרומיקע פויערים האָבן געמאַכט, נעמענדיק סחורה אויף באָרג.

אויף אָט דעם זלמן סמאָלאַרניק, וואָס האָט שטענדיק געטראָגן אַ צעקנעפּלט ציגן כאַלאַט פול מיט פלעקן און ריחות פון נאַפט, הערינג, זייף און דזשיעגאַכץ, האָבן די אויסגעדינטע דאָרפישע יונגען אין די זעלנערישע קליידער זיך שטאַרק פאַרלייגט. ניט נאָר האָבן זיי ניט באַצאָלט פאַר די פּאַפּיראָסן, וואָס זיי האָבן אָנגעקויפט ביי אים, נאָר זיי האָבן אויך אָנגעשריבן מיאוסע ווערטער מיט קרייד אויף זיינע ווענט, אָנגעצייכנט צלמים און שפּאַט־בילדער. טייל פון זיי האָבן געוואָרפן שטיינדלעך אין די שויבן און זיי אויסגעהאַקט. יעדן מאָל אויפסניי איז זלמן אַוועק אין יאַמפּאָלע און געבראַכט דעם גלעזער מיטן קעסטל גלאָז, ער זאָל אַריינשטעלן נייע שויבן. יעדן מאָל אויפסניי האָבן די אויסגעדינטע יונגען זיי אויסגעהאַקט. דערנאָך האָבן זיי אים אָנגעטאָן אַנדערע צרות, געוואָרפן שטיינער אין די לאָדנס ביינאַכט, פאַראומרייניקט די שוועל פאַר דער טיר, אָנגעשמירט די קליאַמקע מיט סמאָלע. זלמן סמאָליאַרניק האָט אַראָפּגענומען דאָס פאַרפּעטסטע היטל פון קאָפּ און אָן געבייזער, הכנעהדיק זייער און שטיל, געפרעגט ביי די היימישע באַקאַנטע יונגען, וואָס זיי האָבן צו אים.

— גאָרנישט, ידליק, — האָבן די יונגען געענטפערט, — נאָר דו דאַרפסט דאָ נישט זיצן אין דאָרף. מיר ווילן דיך ניט.

— וואוהין זאָל איך גיין? — האָט זלמן הכנעהדיק געפרעגט.

— קיין פּאַלעסטינע, — האָבן געענטפערט די דאָרפישע יונגען, וואָס אין דער מלחמה האָבן זיי זיך קלוגע זאַכן וועגן נייע לענדער אויסגעלערנט, — אָדער קיין יאַמפּאָלע גיי, צו די אַנדערע יידן . . .

זלמן איז געבליבן. וויפיל צרות מען האָט אים ניט אָנגעטאָן, האָט ער געשוויגן. ער האָט בלויז אַראָפּגענומען דאָס פאַרשמאָלצעוועטע היטל פאַר די אויסגעדינטע יונגען, ווי פאַר פּריצים. אָבער אַז אין איינער אַ נאַכט האָבן די יונגען די טיר פון זיין קרעמל געעפנט, דעם צאַפּן פון פאַס נאַפט אַרויסגענומען און דאָס זעקל זאַלץ מיטן זייף, טאַבאַק און מעל מיט דעם אויסגערונענעם נאַפט פאַרגאָסן, האָט זלמן סמאָלאַרניק איינגעפּאַקט דאָס ביסל אָרעמקייט זיינס, וואָס איז אים פאַרבליבן, געדונגען אַ פויעריש וועגעלע און אַוועקגעפאָרן קיין יאַמפּאָלע, איבערלאָזנדיק דאָס הייזל אויף הפקר.

איינער פון די אויסגעדינטע יונגען האָט דאָס הייזל אויספאַרריכט, זלמנס נאָמען אויף דעם שילדל מיט פאַרב פאַרשמירט און דערויף אָנגעשריבן „קריסטלעך געוועלב". דערנאָך האָט ער אַ זעקל זאַלץ פון שטעטל געבראַכט,

אַ פּאָס נאָפּט, אויך קאַלבאַסן און חזיר־פּעטס. אויף דער וואַנט האָט ער אויסגעהאַנגען אַ הייליק בילד, עטלעכע גענעראַלן, אַ פּאַפּירן פענדל פון רויטער און ווייסער פאַרב, און ער האָט גענומען האַנדלען. די אַנדערע יונגען זיינען טעג און נעכט אַפּגעזעסן אין דער נייער קראָם, געדריכערט, געטרונקען, אויף האַרמאָשקעס געשפּילט, מיט מוידן געטאַנצט, און רעדעס געהאַלטן, רעדעס, ווי זיי האָבן געהערט פון גאַסן־רעדנער אין די גרויסע שטעט, דורך וועלכע זיי זיינען דורכגעגאַנגען.

פון אָט דער קראָם האָבן די אויסגעדינטע יונגען אָפּט אין קריניוויצער הויף זיך גענומען ווייזן. תחילת האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט שווייגנדיקע, באַטראַכט אַלץ, געבעטן זיך געבן וואַסער צו טרינקען און אַן אַ דאַנק אַוועק. וואָס וויטער האָבן זיי אָנגעהויבן זיך פילן היימישער אין יידישן הויף, ווי ביי זיך אין די כאַטעס. באַלד האָבן זיי גענומען אַרויסטראָגן פון הויף, צום ערשטן מאָל אַ ביסל ציגל, וואָס איז נאָך געלעגן קופּעסווייז אַרום דעם געשפּאָלטענעם קוימען; באַלד אַ ביסל שינדלען, ברעטער, און וואָס עס האָט זיך געלאָזט. עוזרן האָט צוגעשלאָגן דאָס בלוט צו די אויערן.

— העי, צוריקלייגן פון וואַנען מען האָט גענומען! — האָט ער באַפוילן.

די יונגען האָבן פון אים געלאַכט. אַנדרייענדיק אַ פּאַלע פון אַ זעלנערישן רעקל. ווי אַ חזיריש אויער, האָבן זיי געמאַכט מיאוסע האַוואַיעס צום קריניוויצער פּריץ, — מ־ע־ע, — האָבן זיי געמעקעט ווי ציגן, אַן אַנצוהערעניש אויף דעם יידנס באָרד. אַז דאָס איז זיי אָפּגעגאַנגען, האָבן זיי זיך גענומען צו גרעסערע זאַכן. זיי האָבן אַריינגעלאָזט די בהמות אין די קריניוויצער לאַנקעס, אַריינגעטריבן די חזירים אין די קאַרטאָפל־פעלדער, די פערד פאַריאָגט אין האָבער אַריין, און אַפילו אין קאָרן. מאַליע און דאַליע האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין די אָוונטן צו די לאַנקעס, ווייל די יונגען האָבן זיי מיאוסע ווערטער אַריבערגעשריגן, געיאָגט זיך נאָך זיי. פּלוצלונג האָבן שטיינער אָנגעהויבן פליען אין אָוונט אין די פענצטער, ווי פריער ביי זלמן דעם סמאָליאַרניק.

חנה איז געבליבן זיצן אַ בלאַסע, אַן איין טראָפּן בלוט אין פנים, ווען דער ערשטער שטיין האָט אַ שויב אין עס־שטוב אויסגעהאַקט. אירע אויגן זייענען געוואָרן אַזוי שטאַר, ווי די שטיקלעך גלאָז, וואָס זיינען געווען צעשפּריצט אויף דער פּאָדלאָגע.

— עוזר, — האָט זי געמורמלט, — לאָמיר אַריבערציען זיך אין שטעטל. איך האָב מורא.

עוזר איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער. כאַפּנדיק אַ שטעקן אין איין האַנט

און אַ לאָמטערן אין דער אַנדערער, האָט ער זיך געלאָזט אַרויסלויפן פאַר דער טיר.

— די קעפּ וועל איך עפענען, אַז כ׳על פּאַקן איינעם פון זיי! — האָט ער געשריגן.

אָבער ער האָט קיינעם ניט געפּאַקט. ווי פון אונטער דער ערד איז דער שטיין געקומען. אַפילו די הינט האָבן קיינעם ניט דערשמעקט.

צומאָרגנס איז עוזר געגאַנגען צו די שכנים אַרום, געקלאָגט זיך אויף די עוולות. די פּויערים האָבן אויסגעהערט, אָבער מער ווי שאָקלען מיט די קעפּ האָבן זיי גאָרניט געקענט טאָן.

— זיי האָבן פאַר גאָט ניט קיין מורא, עוזר, — האָבן זיי געברומט, — טאַטע־מאַמע זיינען ווי הינט ביי זיי, זיגט זיי זיינען צוריקגעקומען פון די קאַזאַרמעס.

נאָך די שויבן האָבן די יונגען זיך גענומען צו די ווענט פון עוזר׳ס הויז. נישט מיט קרייד, נאָר מיט סמאָלע, נישט אַפּצואוואַשן, האָבן די אויסגעדינטע יונגען פאַרשמירט עוזר׳ס הויז, די שייערן און שטאַלן. זיי האָבן אויסגע־מאָלט שענדלעכע בילדער, מיאוסע רייד אויף די מיידלעך אָנגעשריבן, צלמים אָנגעצייכנט, און דראָאונגען אָנגעקלעפּט, אַז זיי זאָלן זיך אַרויסציען וואָס פרי־ער, די יידן, ווייל מען וועט דעם הויף מיטן רויך אַוועקלאָזן.

חנה איז אַרומגעגאַנגען אַ דערשראָקענע אין שטוב, די הענט האָבן איר כסדר געציטערט. יעדן מאָל, וואָס זי האָט געהערט אַ שאָרך אין דער נאַכט, האָט זי געוועקט דעם מאַן.

— עוזר! — האָט זי גערופן, קלאַפּנדיק אַ צאָן אָן אַ צאָן, — איך הער טריט . . . מאַליע און דאַליע, שטייט אויף . . .

עוזר האָט אָפּגעלאָזט די הינט פון די קייטן, געלאָזט איינעם פון די פּויערים זיינע ער זאָל האַלטן וואַך; אָבער חנה האָט ניט געקענט איינשלאָפן. זי האָט אים כסדר געוועקט פון שלאָף. זי האָט געוויינט אין די נעכט:

— עוזר, מירן מיטן לעבן באַצאָלן פאַר דיין עקשנות . . . לאָמיר אַוועק פון דאָרף . . .

עוזר האָט זיך אומגעדרייט צו דער וואַנט.

— שלאָף, יידענע, און קלאָג ניט איבער מיינע יאָרן, — האָט ער זיך גע־בייזערט — אַפילו די גאַנצע וועלט זאָל זיך אויפן קאָפּ שטעלן וועל איך פון קריניוויץ נישט אַוועק. דאָ בין איך געבאָרן און דאָ וועל איך שטאַרבן.

ער איז געפאָרן קיין יאַמפּאָלע, אָנקלאָגעס צו דער פּאָליציי געשריבן, און אַפילו שטילערהייט אַ רעוואָלווער זיך איינגעהאַנדלט און געהאַלטן אים אונטערן קישן.

— זאָלן זיי נאָר קומען, — האָט ער געוואָרנט, פאָכנדיק מיטן רעוואָל־ווער פאַרן שלאָפן גיין, — איך וואָלט עס וועלן!

די זיינען געקומען.

אין איינער אַ נאַכט האָבן די הויפישע הינט גענומען בילן מיטאַמאָל, רייסן זיך מיט באַנומענע קולות. חנה האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענע און גענומען וועקן דעם מאַן, די טעכטער. פון דעם הינטישן וואָיען האָט עוזר פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאָל איז עפּעס. צוזאַמען מיטן געבילערײ האָט אַ מאָדנע ליכטיגקייט אַריינגעריסן זיך דורך די שפּאַרעס פון די לאָדן, כאָטש עס איז נאָך געווען ווייט צו טאָג און די הענער האָבן ניט געקרייעט. עוזר איז אין העמד אַרויס פאַר דער טיר. דער קעגנאיבערדיקער שייער האָט געזעצט מיט רויך. פייערדיקע צונגען האָבן זיך געריסן צום דאַך, אַ לויף צו טאָן צום שטרוי. די אויפגעוואַכטע הענער האָבן פּלוצלונג אָנגעהויבן קרייען. פון די שטאָלן האָבן די בהמות געברומט אין שרעק.

די אויפגעוועקטע פּויערים, עוזר מאַליע און דאַליע האָבן איינער נאָך דעם אַנדערן עמערס וואַסער פון ברונעם געשעפּט און אויפן פייער געגאָסן, פאַרלעשנדיק עס באַצייטנס.

אָבער אַז חנה האָט שפּעטער זיך אַוועקגעזעצט אין איר כלה־זשאַקעט ביי דער שוועל פון דער טיר און געשוואָרן ביי אירע געשטאָרבענע עלטערן, אַז אַזוי וועט זי זיצן ווי לאַנג עוזר וועט ניט אַוועק פון קריגיוויץ, האָט עוזר אַנגעוואָרן זיין עקשנות און בלויז שווייגנדיק באַטראַכט זיינע טעכטער. זיי האָבן געשוויגן, מאַליע און דאַליע, קיין איין וואָרט נישט געזאָגט קעגן דער מוטער. בלויז שרעק איז געלעגן אין זייערע גרויסע פאַרחידושטע אויגן. עוזר האָט געזען, אַז אַפילו אין זיי האָט ער מער קיין אָנהאַלט ניט, און ער האָט זיך אונטערגעגעבן.

צוזאַמען מיט דער יאַמפּאָלער פּאָליציי, וואָס איז מיט אַ פּויערישער פור געקומען אין הויף אַריין, כדי צו מאַכן אויספאָרשונגען און פּראָטאָקאָלן, זיינען אַרומיקע פּויערים אַראָפּגעקומען, בעלנים אויף קויפן עטלעכע אַקער ערד אַ מציאה. גויאישע מעקלערס, וואָס צוזאַמען מיט די פּרנסות האָבן זיי איבער־גענומען באַצייטנס אַלע מעקלערישע תנועות פון די יידן, האָבן אַרומגעדרייט זיך פּוסט־און־פּאַסט איבערן הויף. זיי האָבן געקאָפּעט מיט די שפּיץ שטיוול אין דער ערד, געשנעלט מיט די נעגל אין די ווענט פון די געביידעס און גע־מאַכט צו קליינגעלט דעם יידנס פאַרמעגן.

— פאַרפּוילט האָלץ, — האָבן זיי געברומט, — פאַר זייער ביליק געלט קען מען קריגן בעלנים.

עוזר האָט געפֿילט, אַז ס׳בלוט שלאָגט אים צו די אויערן פֿון דעם באַציי־טיקן באַלעבאַטעווען פֿון די פֿרעמדע לייט.

— מירן דורכקומען, — האָט ער אַ בייזער געענטפֿערט.

7

אין אַ גרויסן פֿיר־עקיקן וואַרשעווער הויף, אין וועלכן אַן איינצלנער קראַנקער, אויסגעהויקערטער בוים שטייט איינגעקוועטשט אין שטיין און אין צעמענט, און ווייבער הענגען וועש אויף זיינע צעדרייטע צווייגן, וואוינט שוין אַ צייט־לאַנג דער קרינעוויצער פּריץ עוזר שאַפּיר.

צווישן אַלע פֿאַרשטויבטע פֿענצטער אין הויף שיינען אַרויס די לויטערע אויסגעפּוצטע פֿענצטער פֿון עוזרס וואוינונג, באַלאַדענע מיט בלומען־טעפּ, וואָס זיינען אונטערגעשפּאַרט מיט הילצערנע לייטערלעך, זיי זאָלן האַלטן גלייך. די ציבעלע פּלאַנצן זיינען מיט רויטע בענדער אַרומגענומען, זיי זאָלן זיך ניט צופֿיל צעשפּאַרן.

פּונקט ווי מיט די פֿענצטער און די בלומען־טעפּ, טיילן זיך אויס די קרי־ניעוויצער איינוואוינער מיט זייער שטילקייט און אָפּגעזונדערטקייט פֿון גאַנצן גרויסן געדיכט־באַוואוינטן הויף. דער הויף איז אַ רוישיקער, אַ טומלדיקער. אַלטוואַרג־הענדלער, מאַרק־ווייבער, קונצנמאַכער און בעטלער שרייען און רופֿן פֿון פֿאַרטאָג ביזן אָוונט. פֿון אָפֿענע פֿענצטער, אַן פֿאַרהאַנגען, אויסגע־שטעלט פֿאַר אַלעמענס אויגן, קלאַפּן ניי־מאַשינען, קריגן זיך פֿאָר־פֿאָלקן, זינ־גען מיידלעך, וויינען קינדער, רייסן זיך גראַמאָפֿאָנען. מען קען דאָ איינער דעם אַנדערן, מען ווייסט וואָס ביי יעדן אין טעפּל קאָכט זיך, יעדנס ליידן און פֿריידן. פֿון אַלע פֿענצטער קוקט מען צו די לויטערע שויבן, פֿאַרשטעלט מיט בלומען־טעפּ, כדי צו דערגיין ווער עס זיינען די פֿרעמדע, וואָס האַלטן זיך אָפּגעזונדערט פֿון הויף. אָבער מען קען גאָרניט דערגיין. גאָרניט איז צו זען דורך די לויטערע שויבן, אַ חוץ די בלומען און פּלאַנצן, אונטערגעשפּאַרט מיט הילצערנע לייטערלעך און אַרומגענומען מיט רויטע בענדער. פּונקט אַזוי איז די טיר צו דער אָפּגעזונדערטער וואוינונג אַנדערש פֿון אַלע טירן אַרום — אָפּגעוואַשן, אָפּגעפּוצט און שטענדיק פֿאַרשלאָסן פֿון אינעווייניק. כאָטש אַ מזוזה איז צוגעשלאָגן צום ביישטידל, וואַקלען זיך אַרעמעלייט, וואָס גייען נאָך נדבות, אַנצוקלאַפּן אין טיר, ווי אַ שטייגער צו אַ גויאישער דירה.

זיי זיינען גוואַלדיקע שטוב־זיצערס, די קרינעוויצער מענטשן, פֿון זינט זיי זיינען געקומען אין דער גרויסער שטאָט.

עוזר גייט זעלטן אַרויס. כאָטש ער וואוינט שוין אַ צייט אין שטאָט, קען ער קיינעם כמעט ניט, גייט ער ניט אין ערגעץ. אַפֿילו דאַוונען גייט ער ניט אין שול אַריין. ער דאַוונט פֿאַר זיך, ווי פֿריער אין דאָרף, אין דער וואָכן און

אַפילו אום שבת. בלויז אין דער פרי גייט ער זיך איבער צום זאַקסישן גאָרטן, אָנצוקוקן אַ שטיקל גראָז אין דער שטאָט פון שטיין און צעמענט. מיט אַ האַלב־פּריציש און האַלב־יידיש היטל, מיט אַ גלאַנציקער אַלפּאַגאַנער קאַפּאָטע, וואָס גרייכט אים ביז צו די קני, ווי אַ ראָק, מיט די שטענדיק־געפּרעסטע מאַנ־קעטן און קראַגן, וואָס ווערן נאָך ווייסער אַרום זיין ברוין אָפּגעברענטער הויט, מיט אַ שטעקן מיט אַ ביינערנעם קאָפּ אין דער האַנט, גייט ער דורך מיט אַזאַ אויסגעגליכטן טראָט דעם הויף, אַז איינוואוינער האָבן ניט די העזה אים אָפּצושטעלן און אַריינציען אים אין אַ שמועס. דער סטרוזש פון הויף, וואָס זינט ער דינט אין אַ יידיש הויז, האָט ער זיך אָפּגעוואוינט אַראָפּצונעמען דאָס היטל פאַר שכנים, טאַפּט מיט די פינגער ביים דאַשעק פון זיין פאַרשמאַלצע־וועט היטל. אַליין ניט וויסנדיק, צי דאַרף ער אַראָפּנעמען ס׳היטל פאַר דעם מאָדנעם שכן, צי ניט . . .

וויניקער פון פאָטער באַווייזן זיך מאַליע און דאַליע אין הויף. גאַנצע טעג זיינען זיי פאַרנומען אין הויז מיט רוימען, פּוצן נייען, שטריקן און לייענען ביכלעך. כאָטש עס איז קיינער ניטאָ אין שטוב, וואָס זאָל צעשטערן די זוי־בערקייט, האַלטן די מיידלעך אין איין אויסגלייכן און צוגלעטן.

— זאָל שוין זיין געגנוג געפּוצט, — קען חנה ניט ליידן.

די מיידלעך הערן זי ניט, ווי זיי האָבן זי קיינמאָל ניט געהערט, און טוען ווייטער זייער אָפּשטויבן, באַרשטן און ווישן. מער פון אַלץ היטן זיי אָפּ די בלומען־טעפּ אויף די פענצטער. זיי באַגיסן די ערד, רייניקן אויס די פאַר־טריקנטע בלעטער, קאָכן טאַבאַק אין וואַסער, מיט וועלכן זיי באַשפּריצן די פלאַנצן, אַז ווערעם זאָלן זיך אין זיי ניט אַריינכאַפּן. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס דערמאָנט זיי אין דאָרף, אין קריניוויץ. בלויז אין די פאַרנאַכטן טוען זיי זיך אָן אין די שטאָטישע קליידער, פאַרלייגן היטעלעך אויף זייערע קעפּ, נעמען שירעמלעך אין די הענט און גייען געאָרעמט איבער די שיינע גאַסן, באַקוקנדיק אין די גרויסע שויי־פענצטער די נייע קליידער, היט און דאַמען־וועש. כאָטש זיי זיינען ניט באַזונדערס אויסגעפּוצט, בייגן זיך שכנים אַרויס פון די פענצטער, צו כאַפּן אַ בליק אויף די צוויי פרעמדע, וואָס גייען מיט איילנדיקע טריט פאַרביי דעם הויף. אויף זייערע פּנימער ליגט נאָך אַלץ די פרישקייט און געזונטקייט פון דאָרף. דערצו זיינען זיי הויך געוואַקסן, שטאַרק אויסגעגליכט און טרעטן פעסט אויף דער ערד, גאַרנישט ענלעך צו די קרענקלעך־אויסגעפּוצטע שטאָטישע אַרבעטער־מיידלעך און פאַרקויפע־רינס, וואָס קוים זיי האַלטן זיך אויף די הויכע שמאָלע קנאַפּל פון די אויס־געשניטענע שיכלעך. נאָך מער קוקט מען פון די פענצטער ווען זיי קומען צוריק, פּונקט אַזוי געאָרעמט, ווי זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען.

קיינמאָל קומען זיי נישט באַגלייט פון בחורים, ווי מערסטנס הויפּישע מיידלעך. און דאָס ברענגט גאָר דעם הויף פון געדולד אַרויס. מען קען ניט דערגיין וואָסערע מין מענטשן דאָס זיינען.

דער איינציקער מאַנסביל, וואָס קומט צו דער מאָדנער שטוב, דאָס איז עליע. זיין קליין סטודענטיש היטעלע, וואָס ליגט אים אויפן שפּיץ־קאָפּ, האָט אַן אויסגעהאַפטענעם מגן־דוד מיט עטלעכע גאָלדענע בלעטער, וועלכע גלאַנצן שטאַרק יעדעס מאָל ווען ער גייט דורך דעם הויף. גאַרנישט גלאַנצנדיק איז זיין ביליקער געלבלעכער רעגן־מאַנטל, וואָס ער טראָגט סיי זומער, סיי ווינטער. תחילת, ווען דער בחור אין קליינעם סטודענטישן היטל האָט זיך געוויזן, האָבן ווייבער געהאַלטן אַן אויג אויף אים. זיי זיינען געווען זיכער, אַז ער איז אַ חתן, און זיי האָבן געוואָלט וויסן וועמעס פון די שוועסטער ער איז. אָבער דער סטרוזש פון הויף האָט זיי אויסגעזאָגט, אַז דאָס איז אַ ברודער, און די ווייבערישע נייגעריקייט איז אָפּגעפאַלן. אָבער די אַנגעשפּיצטקייט צו די אויסטערלישע מענטשן איז נאָך אַלץ פאַרבליבן.

מען זאָגט אויף זיי פאַרשידן. טייל האַלטן, אַז זיי זיינען גבירים, וואָס עסן פון גרייטן, אַנדערע טענהן, אַז זיי האָבן רייכע קרובים אין אַמעריקע, וואָס שיקן זיי פון אַלעם גוטן; אַ סימן, אַז דער בריוו־טרעגער קומט אָפט צו זיי מיט אַ פּאַק בריוו. און אַנדערע דרינגען גאָר, אַז זיי זיינען מענטשן פאַרדעכטיקע, אַנזעצערס, אָדער אונטערצינדערס, וואָס היטן זיך אויס פון מענטשנס אויגן.

אַזוי ווי די שכנים אין הויף, ווייסן אויך ניט די איינוואוינער אין הויז וועגן זיך אַליין, וואָס עס וועט ווערן פון זייער זיצן דאָ אין דער פרעמדער שטאָט, וואָס וועט זיין דער תכלית פון זייער לעבן.

דאָס אָפּגעשפּאַרטע געלט, וואָס עוזר האָט געקראָגן פאַר זיין קריביוויץ, ווערט אַלץ ווייניקער און ווייניקער אין דעם פעל־געדעקטן, אייזן־געשמידטן קופערט, אין וועלכן דער אַלטער רב אורי לוי האָט אַמאָל געהאַלטן יאַמפּאַלער נדנס און אָפּשפּאָרונגען. יעדן טאָג אויפסניי, ווען מען נעמט אַרויס געלט אויף דער הוצאה, זיפצט חנה אַזוי הויך, אַז עס רייסט שטיקער האַרץ אויס.

— עוזר, וואָס וועט זיין דער תכלית? — פרעגט זי דעם מאַן, וואָס ליגט גאַנצע טעג אויף דער קאַנאַפּע, פאַרטיפט אין צייטונגען.

עוזר ענטפערט ניט. ער האָט ניט וואָס צו ענטפערן. אין די ערשטע צייטן, אַז ער איז נאָר וואָס אָנגעקומען אין דער פרעמדער שטאָט, האָט ער געלאָזט פירן זיך פון חנהן צו אַלערליי קראָמען מציאות, וואָס זיינען געווען צו פאַרקויפן. אָבער תמיד זיינען עס געווען שפּייז־קרעמלעך, וואָן פאַרמעליקטע קרעמער אין כאַלאַטלעך האָבן פאַרזאָרגטע זיך אַרומגעדרייט פּוסט און פּאַס,

אויסקוקנדיק אַ קונה, אָדער נאַפּט און זייף־קראַמען, וואָס האָבן די נאָז פּאַר־כאַפּט מיט זייערע ריחות. עוזרן האָט גלייך אַ שלאָג געטאָן צו חלשות פון אַט די ריחות. ער האָט זיך דערמאָנט אין זלמן סמאָלאַרניק, וואָס תמיד האָבן פון אים ריחות פון נאַפּט, הערינג און זייף געיאָגט. ווי אַ געליימטער איז ער געשטאַנען, אויסהערנדיק די הייסע רייד, וואָס די קרעמער האָבן אין אים אַריינגערעדט, אַז ער כאַפּט אַ מציאה, אַז ער קויפט אַ ברויט מיט אַ מעסער....

— נו, וואָס זאָגסטו, עוזר? — האָט חנה געוואָלט וויסן.

— מ׳וועט זען — האָט עוזר געענטפערט, אַבי אַרויסצוקריגן זיך וואָס גיכער פון די שלעכטע ריחות און הייסע קרעמערישע רייד. — איך וועל קומען אַן אַנדערש מאָל.

ער איז קיינמאָל ניט געקומען.

שפּעטער האָט ער אַפילו שוין ניט געוואָלט מער גיין אָנקוקן די מציאות. ער איז בלויז געלעגן טעג גאַנצע אויף דער קאַנאַפּע, גראָבנדיק די שוואַרצע גרויסע אויגן אין די צייטונגען, פון שורה צו שורה. אויף אַלע טענות חנהס וועגן אַ תכלית האָט ער געשוויגן. אַזוי האָט ער אויך געשוויגן אויף די טענות פון זיין בן־יחיד, עליע.

ווי די מוטער זיינע, האָט אויך עליע געוואָלט וויסן וואָס דער תכלית וועט זיין פון אים.

פאַר די היפּשע יאָרן אָנגעשטרענגטן לערנען אין די הויך־שולן, זוברע־ווען אין די ביכער און צייכענען אין פּאַפּירן, האָט ער שוין אַלערליי געביטן אין אינזשינעריע דורכגעמאַכט, עלעקטריע, מאַשינען־בויעריי, אַרכיטעקטור אַפילו. אָבער גאָרניט איז געווען צו דערוואַרטן פאַר אים אין לאַנד, וואו הונדערטער ווי ער האָבן זיך אַרומגעדרייט ליידיק, אָדער אַרומגעשלעפּט זיך איבער די קראָמען פאַרקויפן עלעקטרישע לעמפּלעך. איינגעשפּאַרט, מיט אַן איינעסנ־דיקער עקשנות, איז ער זייער פּינקטלעך געגאַנגען אין פּאָליטעכניקום, דורכ־געטראָגן באַליידיקונגען פון די גויאישע סטודענטן, געכאַפּט קלעפּ, אַפילו אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון מאָל צו מאָל, ניט דוכלאָזנדיק דערביי קיין איין לעקציע, ניט פאַרפעלנדיק קיין טאָג. מיט דערזעלבער עקשנות איז ער געזעסן אין דער היים, געצייכנט, געלערנט, געחזרט אויף אויסנווייניק. אָבער ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז סיי דאָס לערנען, סיי די בזיונות, סיי די געלטער, וואָס די עלטערן לייגן אויף אים אויף לערע און ביכער, זיינען אַרויסגעוואָרפן. גאָר־ניט וועט עס ברענגען פאַר אים, דעם מענטש מיטן נאָמען עליע שאַפּיר, פון משהס גלויבן. און אין מיטן צייכענען ליניעס אויף די בלויע פּאַפּירן, איז אויף אים פלוצלונג אַזאַ יאוש אָנגעפאַלן, אַז ער האָט מיט כעס אָוועקגעוואָרפן די

צירקלען און די בליישטיפטן און געריסן דעם פאָטער פון זיינע צייטונגען אַרויס.

— נאָר דו לייענסט, טאַטע, — האָט ער געהאַט טענות, — וואָס וועט זיין דער סוף פון מיר, וויל איך וויסן? וואָס? . . .

וויסנדיק גאַנץ גוט, אַז דער פאָטער איז דאָ גאָרניט שולדיק, אַז ער האָט קיין תשובה ניט אויף זיינע פרעגענישן, האָט ער פונדעסטוועגן ניט געקאָנט ליידן, וואָס דער פאָטער ליגט אַזאַ שווייגעדיקער, פאַרקאָכט אין די צייטונגען. ער האָט כאָטש געוואָלט אַ וואָרט פון אים הערן, אַן איינציקן וואָרט, וואָס זאָל אים מאַכן גרינגער זיין געמיט.

עוזר האָט אים ניט געענטפערט, ווי ער האָט ניט געענטפערט זיין ווייב, און איינגעגראָבן נאָך טיפער זיינע שוואַרצע אויגן אין די קליינע געדיכטע שורהלעך. זיי זיינען געווען פול, די צייטונגען, געדיכט מיט ידיעות פון דער גאַנצער וועלט, וואו נאָר יידן וואוינען, איינע ביטערער פון דער אַנדערער. עוזר האָט געלייענט וועגן גירושים, בילבולים, באַליידיקונגען, גזירות, דראָאונגען, באַגרענעצונגען, ידיעה נאָך ידיעה, בלאַט נאָך בלאַט. און ער האָט פאַרגעסן אין זיך, זיין ווייב און קינדער, די פרעמדע וואוינונג צווישן פרעמדע מענטשן.

ווי אַמאָל אין דאָרף, ווען ער האָט געוואָרט אויף אומגעריכטע ישועות, וואָס דאַרפן אָנקומען, האָט ער אויך געוואָרט איצט אויף אומגעריכטער הילף, וואָס דאַרף קומען פאַר די, וואָס די וועלט האָט זיך אויף זיי פאַרלייגט, עפעס אַ גרויסע אומגעריכטע הילף. ער איז ניט געווען איבריקס פרום ,עוזר, ער האָט ניט געגלויבט מער ווי ייִנגלווייז, אַז אין מיטן טאָג וועט אַ שופר אָנהויבן בלאָזן, אַ בת־קול וועט רופן, אַז די גאולה איז געקומען און אַלע יידן וועלן זיך אויפֿזעצן אויף אַ וואָלקן און פאָרן צום פאַרשפּראָכענעם לאַנד. אָבער ער האָט אויך ניט געקענט גלויבן, אַז אַלץ אויף דער וועלט איז הפקר, אַז ס'איז ניטאָ קיין דין און קיין דיין. ווי יעדער דאָרפס מענטש, וואָס איז אויסגעוואָקסן אויף דער ערד, האָט ער געזען גאָט'ס האַנט אין יעדער זאַך, אין שפּראָצן פון די גראָזן, אין די אויפגאַנגען פון זון און שטערן, אין יעדער שטורעם און געוויטער, אין אויפבליען און פאַרוועלקן פון שפּראָצונגען, חיות און מענטשן, אין יעדן וואונדער פון דער ערד און אירע ברואים.

— נײַן, אַזוי קען עס ניט אָנגיין — האָט ער געברומט יעדן מאָל, ווען ער האָט אָוועקגעוואָרפן די בלעטער נאָכן איבערלייענען זיי פון אויבן ביז אַרונטער, — עפעס וועט מוזן קומען . . . ס'וועט מוזן . . .

ווי זייער פאָטער האָבן אויך מאַליע און דאַליע געוואָרט אויף עפעס אַן אויסערגעוויינלעכער זאַך, וואָס וועט אָנקומען.

גאָרניט טוענדיק אויף אַריינצולעבן זיך אין דער גרויסער שטאָט, אויס־

מיידנדיק מענטשן און אַנטלויפנדיק פון יעדן מאַנסביל, וואָס פּרובירט זיי פּאַרטשעפּען אין גאַס, געדעגט פון זייער דאָרפישער פרישקייט און בויגעוו־דיקער ווייבערישקייט, האָבן זיי אַלץ ניט געקענט איינלעבן זיך מיטן געדאַנק, אַז אַזוי וועט עס טאַקע בלייבן, אַז אַזוי וועט זייער לעבן פאַרבייגיין. ווי זייערע קערפּערס, פרישע און זאַפטיקע, כאָטש באַלאָדן מיט יאָרן, זיינען אויך געווען זייערע הערצער יונג, צאַפּלדיק און פול מיט האָפענונגען. און ווי אַמאָל אין דאָרף, ווען זיי זיינען נאָר קינדער געווען און אַרומגעלאָפן איבער די לאָנקעס, לאַכנדיק פון גאָרניט אין דער וועלט, האָבן זיי אויך איצטער פלוצלונג זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע, באַטראַכט זיך מיט די גרויסע צעעפנטע אויגן, וואָס זיינען פול מיט חידוש, און אַרויסגעפּלאַצט אין אַ גע־לעכטער, אין אַ קלינגענדיקן מיידלשן געלעכטער.

חנה איז אויפגעשפרונגען פון שטול, וואו זי איז געזעסן פאַרטיפט אין צערעוועט זאָקן, אַרויפגעצויגן אויף אַ גלאָז.

— וואָס איז דאָס געלעכטער? — האָט זי ניט פאַרשטאַנען, — אַזוי גוט איז אונדז?

מאַליע און דאַליע האָבן זיך נאָכאַמאָל אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך זען ס׳ערשטע מאָל, און נאָך העכער און קלינגענדיקער צעלאַכט זיך אין דער שטילער שטוב.

פון אַלטן וואַנט־זייגער האָט אַ הילצערנע קוקו אַרויסגעשטעקט דאָס קעפּל און אויסגעקלאַפּט די שעהן.

אין די בערג

1

די באַרגיקע ערד אין אָקוויל איז האַרט, דורכגעקניפּט מיט וואָרצלען פון אויסגעהאַקטעביימער, פאַרזייט מיט שטיינער, מיט ברוך פון מאַשינען, מיט פאַרראָסטעטע בלעכלעך. דאָ און דאָרט בלייכט זיך אַרויס אַ קינבאַק פון אַ פערדישן שאַרבן, שוואַרצט זיך אַ פאַרדאַרטער פּגר פון אַ געפאַלענעם פויגל.

עס איז פאַרטאָג, פאַר זון־אויפגאַנג.

דער ברייטער, קיילעכדיקער הימל איז גרינלעך־בלוי און קאַלט. ביי די ברעגן זיינע, וואו ער פאַרטשעפּעט די בערג־שפּיצן, איז ער אַרומגעזוימט מיט פאַרביקע פאַסן, גראַנאַטענע, רויטע און געגילדעטע. די בערג־שפּיצן רויכערן. פישטשענדיקע שפּערלינגען שניידן־דורך די לופט אין מחנות און ביחידות. צוריקגעקומענע רויט־ברוסטיקע ראָבין־פייגל זינגען האַפּערדיק, אַנזאַגנדיק בשורות פון פרילינג. זי איז נאַקעט. בלויז דאָ און דאָרט שפּרייט זיך אַ ביסל גראָז, אָבער דאָס איז אַן איבערבלייבעניש פון פאַראַיאָריקן זומער, און עס איז מער געל ווי גרין, אויסגעפּרוירן. אונטער געדיכטע דעמבעס, וואו די זון האָט קיין צוטריט ניט, ליגן נאָך פאַרשוואַרצטע ביסלעך שניי. קראָען דרייען זיך אין הקפות אַרום די לעצטע שניי־בערגלעך, טאַנצן־אויס אויף זיי פאַנטאַסטישע געמעלרייען מיט זייערע עופישע פיסלעך, קראַקענדיק דערביי מיט איינגעקשנטע קראַקערייען. פון צייט צו צייט שפּרינגט אַ וועוורק פון ערגעץ אַרויס, קוקט זיך אַרום מיט חידוש און כאַפּט זיך גיך אַרויף אויף אַ בוים.

אויף דער משופּעדיקער ערד, פון אונטן אַרויף, שלעפּן צוויי דאַרע ברוינע פערד אַן אַקעראייזן. זיי גייען געבויגן אין שפּאַן, פאָכען מיט די אויסגעדאַרטע זייטן, דורך וועלכע מען קען ציילן יעדע ריפּ, און טרעטן פאַרזיכטיק, אויסצוהיטן זייערע טלאָיען פון שטיינער און שטרויכלונגען. הינטער זיי, אַרומגעבונדן די פאַרדאַרטע לייצעס אַרום דער פּלייצע, אָנגעשפּאַרט מיטביידע הענט אָן אַקער, גייט־נאָך זייער אָנטרייבער, שלום מעלניק. זיין הויכער בייגערדיקער קערפּער איז אַ ביסל איבערגעבויגן, ווי געווייכלעך

ביי מענטשן, וואָס האָרעווען צופיל אין זייער לעבן. זיינע האָריקע הענט, צו־שווערע, נישט פּראָפּאָרציאָנעל צום ביינערדיקן גוף, זיינען פּאָקאָשערט. זיין שוואַרץ־האָריקער קאָפּ איז דורכגעוואָרפן מיט גרויע בינטלעך האָר. די ווייסע אָוועראָלס זיינע, צו־ברייטע און לויזע, זיינען באַדעקט מיט אַלערליי פאַרב־פלעקן, סימנים פון די פילע יאָרן, וואָס שלום מעלניק האָט זיי געניצט ביים שמירן ווענט אין ברוקלין. גראָבנדיק טיף דעם אַקעראַייזן אין דער האַרטער ערד, גיט ער אונטער חשק זיינע פערד אין אַ געמיש פון ענגלישע, יידישע און פּוילישע ווערטער.

— וויאָ, קינדערלעך, גידיאַפּ, ווישטאָ, העי, — רעדט ער צו זיי, צו־קנאַקנדיק מיט דער צונג אין גומען, — העיטאָ, וויאָ!

די פערד, כאָטש אויפגעהאָדעוועט אין די קעטסקיל־בערג, פאַרשטייען זייער באַלעבאָס׳ לשון. אָנגעשפּיצט די אויערן צו יעדן באַפעל זיינעם, גייען זיי אין שפּאַן מיט אַלע כוחות. אָבער די וואָרצלען אין דער ערד, די שטיינער האַלטן אָפּט אָפּ דעם אַקעראַייזן. שלום מעלניק ציט מיט די פּלייצעס די לייצן אויף צוריק.

— טפּררר, האָו, — וואָרנט ער די פערד, זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן באַצייטנס און נישט צעברעכן דעם אַקעראַייזן אָן אַ שטיין.

אויב דער שטיין איז ניט צו גרויס, גראָבט ער אים אויס מיט די הענט פון דער ערד און טראָגט אים אַוועק אין אַ זייט. אויב ער איז ניט צום רירן פון אָרט, גייט ער אים אַרום מיטן אַקעראַייזן. די פערד בויגן דערווייל אַראָפּ די קעפּ, כדי אַ שמעק צו טאָן די עטלעכע פאַרבליבענע געלע גראָזן פון פאַראַיאָרן זומער.

אָפּגערוקט אַ היפּש שטיק פון פאָטער גייט שלום מעלניקס זעכצן־יאָרי־קער זון, בען. ער טראָגט גרויסע שווערע פאַרמער־שיך, צו־גרויסע פאַר זיינע יינגלשע פיס. ער רייניקט־אָפּ די ערד פון שטיינער, בלעכלעך, שמאַטעס און שטיקער שטעכיקן דראָט, וואָס וואַלגערן זיך אויף טריט און שריט.

— פּאָ! — רופט ער פון ווייט — העי, דעד!

— וואָס איז, בנימין? — ענטפערט דער פאָטער צוריק אויף אַ קול.

— „דהער איז עי דעד סקאַנק״, — דערציילט בען אין ענגליש. כאָטש דער פאָטער רעדט תמיד צו אים יידיש.

— מאַך אַ בורא מיני בשמים, קדיש מיינער, — גיט אים דער פאָטער אַן עצה.

בען פאַרשטייט ניט ניט די לשון־קודש ווערטער, ניט דעם קאָטאָוועס,

און ער איז אומצופרידן, ווי תמיד ווען דער פּאַטער רעדט צו אים אומ־פאַרשטענדלעכע רייד.

— „די אַלד סטאַף", — ברומט ער, איבערגייענדיק מיט אַ שפּיץ שוך איבער דער פעל פון דער פּגירה.

די בערג אַרום ענטפערן־אָפּ מיט הילכיקע ווידער־קולות יעדער וואָרט פון די מענטשן, די יידישע, ווי די ענגלישע.

בען פּאַרעט זיך אַרום דעם טויטן טכויר. ער האָט ליב אַלע באַשעפענישן, בען, ניט נאָר די אייגענע פערד, קי, דעם הונט „טשאַק", און די קעץ אין דער קו־שטאַל, נאָר אויך יעדן האָז, קראַליק און קראָט. און אַפילו צו פּגירות האָט ער אַ ווארעמקייט אין זיין ייִנגלישן האַרץ. מיט צערטלעכקייט שלעפּט ער אַוועק דעם טכויר ביי די פיסלעך און טרייבט־אָפּ דעם הונט „טשאַק", וואָס וואַרפט זיך מיט אַ גוואַלדיקן כעס אויף דעם טויטן באַשעפעניש.

— „טשאַק, סטאָפּ איט", — שרייט ער צום שעפער־הונט, וואָס דרייט זיך אין אַ רעדל אַרום טכויר, פול מיט רציחה אין די אויפגעשטעלטע האָר פון זיין קאַרק, גרייט צו פאַרצוקן, — „קאַט איט אַאוט, פּילטי מאַט" !

כאָטש עס איז אַ פּגירה, קען בען ניט ליידן, אַז דער הונט זאָל זי צע־רייסן. איבעריקס, טראַכט ער, אַז מען קען האָבן אַ נוצן פון דער פעל און עס איז כדאי דעם טכויר צוצושלעפּן צום שפּיץ־באַרג, וואו עס וואוינט דער אַלטער דע־לוקאַס, אַ שינדער און אויסשטאָפּער פון חיות און פויגל. „טשאַק" קען גאַרנישט איינשטילן זיין רציחה. זיינע געדיכטע בילערייען טראָגן זיך אַ צייט־לאַנג איבער די בערג ; די בערג בילן־מיט.

שלום מעלניק הייבט־אָן צו אַקערן אַ נייע בייט אין דער האַרטער ערד. מחנות פייגל גייען אים נאָך אין זיינע פיס־טריט, פּיקענדיק די פריש־צעאַקערטע ערד, אין וועלכער זיי זוכן ווערעמלעך. זיי דרייען מיט די עקלעך, האַצקען זיך, שאַרפן די שנעבעלעך און זינגען געדיכט אין דער פאַרטאַגיקער לופט, וואָס ווערט רויט באַלויכטן פון די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. מיטאַמאָל גיבן זיי זיך אַלע אַ לאָז פליען, ווי זיי וואָלטן אַ זייער וויכטיקע שליחות געהאַט אָפּצוטאָן. דאָס שוועבעריי פון זייערע פליגעלעך טראָגט זיך אין דער שטילקייט פון פרימאָרגן, ווי אַ ווייכע כוואַליע פון אַ טייך. שלומען ווערט פלוצלונג אַזוי גוט אויפן האַרץ אי פון פייגל־געזאַנג, אי פון דער פייערדיקער זון, וואָס צינדט די בערג־שפּיצן, אַז ער שטעלט אָפּ אויף אַ ווילע די פערד אין זייער גאַנג.

כאָטש ער איז שוין אַ יאָר צייט אין די בערג, קען ער נאָך אַלץ ניט

אויפהערן זיך חידושן איבער דער שיינקייט פון די באַגינענס און זון־אויפ־גאַנגען, וואָס צענעמען אים אינגאַנצן, יעדער מאָל אויפסניי. און הגם ווייט ניט קיין אָפּגעהיטער ייד מער, וואָרעם זינט ער איז געקומען פון גראָביצע אין דער גאָלדענער מדינה, האָט ער גלייך גענומען מחלל־שבת זיין — דער־פילט ער אַ פרומקייט אין זיין האַרץ. זעענדיק די פייערדיקע זון און די רויכערנדיקע בערג. עס קומען אים אויפן זכרון אַלטע זאַכן פון חדר, פון באַרג סיני, אויף וועלכן גאָט האָט געגעבן די תורה.

„וההר עשן", און דער באַרג האָט גערויכערט, — דערמאָנט ער זיך ווי דער מלמד רב יעקב קורטשעווער האָט מיט אים געלערנט.

דער הימל צינדט זיך אַלץ מער אָן און דערמאָנט אים אין הייליקן פייערדיקן טייך דינור, וואָס, ווי די יינגלעך אין חדר פלעגן זאָגן, גאָט אַליין טובלט זיך אין אים יעדן פרימאָרגן. שלום מעלניקס גרינע אויגן, איינגעראַמט אין געדיכטע שוואַרצע ברעמען און וויעס, הויבן פלוצלונג אָן זען געשטאַלטן, וואָס ער האָט קיינמאָל פריער ניט באַמערקט. אָט איז עס אַ משונהדיקער שטיין מיט אַ פּנים פון אַ מענטש, אָט איז עס אַ בוים אַ פאַרזעעניש, וואָס מיט זיינע צעקרימטע צווייגן און אַרויסקריכנדיקע וואָרצלען דערמאָנט ער אָן אַ מכשפה; באַלד איז עס אַ יונג ביימל, וואָס האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן רוקן פון אַן אַלטן איינגעפאַלענעם דעמב, פון וועלכן ער ציט חיונה און כוחות; און פלוצלונג איז עס אַ געדיכטעניש פון ביימער־וואָרצלען, וואָס אין דראַנג נאָך וואַקסן און אויסשפּרייטונג, ברעכט ער זיך דורך אַ שטאַרקן פעלז און צעלעכערט זיינע שטיינערנע אינגעווייד. דער איבערגעבויגענער מענטש אין די צו־לויזע אָווראַלס דערזעט אין דעם גרויסע געטלעכע כוחות, וואָס זיינען ניט פאַר זיין קאָפּ צו פאַרשטיין. עס גלוסט זיך אים שטאַרק זאָגן אַ יידיש וואָרט, אָט אַ שטייגער ווי ווען ער איז געווען אַ יינגל און ער פלעגט מאַכן אַ ברכה איבער אַ דונער אָדער איבער אַ רעגנבויגן. אָבער ניט קענענ־דיק קיין וואָרט אַרויסברענגען איבער דער געטלעכער גרויסקייט אַרום זיך, שרייט ער בלויז אָן אויף די פערד, זיי זאָלן גיין צוריק אין שפּאַן.

— גידיאַפּ, וויאָ, — בייזערט ער זיך, גלייך ווי זיי, די פערד, וואָלטן שולדיק געווען אין אומזיסטן שטיין — רירט זיך, פויליאַקעס.

בייט נאָך בייט קערט ער איבער די האַרטע ערד אויף דער לינקער זייט.

ווען די זון קריכט־אַרויס היפּש וויטער פון די בערג־שפּיצן אין הימל אַריין און שלום דערפילט אַ נאָגעניש ביים גריבל פון האַרץ, שטעלט ער אָפּ דעם אַקער אין מיטן בייט, איינגעגראָבן אין דער ערד. ער נעמט אַרויס די צוים־קייטלעך פון די פערדישע מיילער, זיי זאָלן קענען באַקוועם עסן

דאָס ביסל היי, וואָס ער שפּרייט פאַר זיי אויס, און ער שרייט אַריבער צום זון זיינעם, וואָס קלייבט שטיינער און ברוך.

— בנימין, הער אויף קלייבן די אוצרות. קום אַהיים אָפּעסן.

מיט שווערע לאַנגזאַמע טריט גייען טאַטע און זון באַרג־אַראָפּ צום טאָל, וואו עס שטייט זייער הויז, האַלב פון שטיין, האַלב פון האָלץ, אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן שייער, אַן אַלטן און פאַרלאַטעטן, מיט שטאַלן, קעמערלעך און הינער־שטייגן. טשאַק לויפט פאַראויס, יאָגנדיק זיך נאָך פייגל. אויפן וועג גייט שלום דערוויל אַריין אין שטאַל צו די קי. פּאַרטאָג האָט ער זיי אַרויס־געטריבן אויף דער לאָנקע; ניט דערפאַר ווייל עס איז געווען וואָס צו עסן פון דער נאַקעטער ערד, נאָר דערפאַר, זיי זאָלן זיין אויף דער פרישער לופט. אָבער די טראָגעדיקע בהמות, אַרומשמעקנדיק די הוילע ערד אָן גראָז, האָבן קיין חשק ניט געהאַט אַרומצוגיין גלאַט אַזוי אָן תכלית, און פוילע צוריק אויסגעלייגט זיך אין שטאַל, מרוקענדיק אין בענקשאַפט צו די קעלבער, וואָס זיי האָלטן אַ ליאַדע־טאָג ביים ברענגען אויף דער וועלט. שלום טרייבט זיי צוריק פון שטאַל אַרויס.

— גערעכטע, פוילע קימפּעטאָרינס, — זידלט ער די שווערע בהמות, שטויסנדיק לייכט אין זייערע שאַרפע רוקנס — פּאַשלאַ! . . .

בעת גייט־אַריין צו די הינער אויסצוזוכן עטלעכע אייער. קיין סך אייער זיינען נישטאָ. די האַלבע מאה הינער זיצט מערסטנס און בריט־אויס הינדלעך. בעת טרייבט־אַוועק אַ דאַרן האָן, וואָס פירט מלחמה מיט אַ קריגערישער קוואָקע צוליב אַן אויסגעבריט איי, וואָס ער האָט חשק צו צעפּיקן, און זאַמלט־אָן אין היטל זיינעם געציילטע אייער, וואָס וואַלגערן זיך צווישן שטרוי און קערנער.

אין שטוב זיינען די בעטן צעוואָרפן, מיט אויסגעפּרעסטע סימנים פון די מענטשן, וואָס זיינען ביינאַכט געלעגן אין זיי. שלום גלייכט־צו די בעטן מיט מאַנסבילישער אומגעשיקטקייט אין ווייבערישער אַרבעט, און גייט אַריין אין דער אָפּגעלאָזענער קיך צוצוגרייטן אָנבייסן פאַר זיך און פאַרן זון. אויף די פּאָליצעס און אין די שיפלעדלעך איז גאָרניט נישטאָ, נישט קיין פּוטער, נישט קיין מילך. די טראָגעדיקע בהמות גיבן גאָרנישט. שלום זוכט־אויס אַ בלעכן קענדל, פון וועלכער ער שיט־אויס אַביסל ברוינע בעבלעך, וואָס ער דערוואַרעמט, און שניידט־צו אַלט־געבאַקן ברויט. בעת עסט אָן חשק די בעבלעך מיט ברויט.

— אפשר דיר אָפּקאָכן אַן איי, בנימין? — פרעגט דער פאָטער.

— נאָ, — ענטפערט דאָס ייִנגל קורץ, אומצופרידן דערפון, וואָס דער פֿאָטער רופט אים ניט „בען”, ווי אַלע רופן אים.

שלום קאָכט־אויף קאַווע אויף דעם שוואַרצן אייזערנעם אויוון, און רעדט וועגן דער אַלטער היים, וואו זיין פֿאָטער, עליו השלום, האָט געהאַט עטלעכע אַקער ערד.

— אין גראַביצע וואָלט מען געלאַכט, מען זאָל הערן, אַז אַ פּאַרמער עסט געקעגנטע בעבלעך און געקויפט ברויט. אַלץ האָט מען דאָרט געהאַט אייגנס.

— פאַרוואָס ביסטו אַהערגעקומען, אַז אַלץ איז געווען אַזוי גוט אין יוראָפּ? — פרעגט בען, באַליידיקט דערפון, וואָס מען שטעלט העכער אַ פרעמדע וועלט איבער אַמעריקע, איבער זיין אַמעריקע.

שלום גיסט אָן צוויי טעפּלעך קאַווע און שיט אַריין אין זונס קאַווע מיט איין לעפעלע צוקער מער ווי אין זיין אייגענער קאַווע. בען גיט זיך אַ וואָרף.

— פּאָ, איך בין ניט קיין מיידל, — ברומט ער, — איך דאַרף ניט מער צוקער ווי דו.

— דו דאַרפסט ערשט וואַקסן, — זאָגט שלום זופנדיק די קאַווע, — איך וואַקס שוין אַראָפּ.

בען טרינקט זיין קאַווע אָן אַנגעכמורעטער און לאָזט זיך ניט איינגעמען פון פֿאָטער אויף וועמען ער האָט אַ האַרץ.

ער האָט ליב דעם פֿאָטער, בען, שטאַרק ליב, טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט אים אַזוי ליב, האָט ער איבערגעלאָזט די האַי־סקול אין ברוקלין און אַרויסגעקומען צו דער פאַרם צוצוהעלפן אים אין דער אַרבעט. אָבער ער האָט פאַרדראָס אויפן פֿאָטער, פילט אַפילו אַ פאַראַכטונג צו אים דערפאַר וואָס ער לאָזט זיך קריכן אויפן קאָפּ פון דער מוטער, וואָס ער דערלאָזט דערצו, אַז די מוטער זאָל זיצן אין ברוקלין, איבערלאָזנדיק אויף הפקר דאָס הויז אין דאָרף. נאָך אַ טאָג אַרבעט איז קיינמאָל קיין לעפל וואַרעמס נישט צוגעגרייט. מערסטנס עסט מען קאָנסערווירטע שפּייזן, דער עיקר בעבלעך, וואָס קריכן שוין פון האַלדז. אויך איז די שטוב אָפּגעלאָזט, אומהיימלעך. אַ גאַנץ יאָר צייט, זינט מען האָט די פאַרם געקויפט, פייניקט מען זיך אַזוי, אָן אַ באַלעבאָסטע אין שטוב. און בען קען עס ניט מוחל זיין דעם פֿאָטער. וואָס ער קען ניט נעמען אַ ווייב אין די הענט אַריין, ווי אַ מאַן דאַרף. דער פֿאָטער ווייסט דעם ייִנגלס געדאַנקען, כאָטש יענער זאָגט זיי ניט אַרויס, און ער פּרובירט אים איינצונעמען.

— זאָרג זיך ניט, בנימין, מאַמע וועט קומען אינגיכן. עס דאַרף דויערן ביז אַ געבוירענע פון וויליאַמסבורג זאָל זיך צוגעוואוינען צו אַ דאָרף.

דערמאָנענדיק זיך אין אַ לשון־קודש וואָרט, וואָס ער פלעגט אַמאָל הערן בחור־ווייז פון אַ מגיד אין בית־המדרש, זאָגט ער עס איבער פאַר בענען.

— כל התחלות קשות, שטייט געשריבן. דו ווייסט דאָך אוודאי, למדן מיינער, וואָס דער טייטש דערפון איז?

בען מאַכט אַוועק מיט דער ייִנגלשער האַנט, וואָס איז זיך צעוואַקסן און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אויף דער פאַרם, ווי תמיד, קען ער ניט פאַרטראָגן דעם פאָטערס לשון־קודש ווערטער און די תורות.

— „די אָלד סטאָף״, — מורמלט ער — וואָלסט בעסער געלערנט זיך פון די פאַרמערס ווי אַזוי צו האַלטן אַ ווייב אין די הענט, מאַכן איר אַרבעטן.

שלום פאַרשעמט זיך פאַר זיין טאַטעשער חשיבות, וואָס ווערט געטראָטן מיט די פיס.

— קדיש מיינער, ווי אַזוי רעדסטו וועגן דער מאַמען? — פרעגט ער מיט אַ פאַרוואורף.

בען ענטפערט ניט און שאָקלט בלויז צו מיטן קאָפּ, ווי אַן אַלטער מאַן שאָקלט מיטן קאָפּ איבער אַ ייִנגערן און גאַרעשערן פון זיך וואָס מען איז זיכער, אַז ער וועט שוין גאָרניט לערנען און יעדער איבעריק וואָרט איז אַרויסגעוואָרפן.

— כ׳וועל אַריבערשלעפּן דעם טכויר צום אַלטן דע־לוקאַס אויפן באַרג,— זאָגט ער און גייט אַרויס פון שטוב.

טשאַק לויפט אים נאָך מיט אַ פריילעך בילעריי.

שלום קלאַפּט די פאַרשטאָפּטע קורצע ליולקע אין גרויסן שטיין, וואָס שטייט ווי אַ דענקמאָל אין מיטן הויף, ער רייניקט אויס דעם פאַרשטאָפּטן טאַבאַק און אַש, און ער קוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אויף דער אָפּגעלאָזענער פאַרם. צוזאַמען מיטן כעס, וואָס ער פילט צו זיין בעטי, וואָס זי וויל ניט העלפן אים אין זיין ניי לעבן אויף דער פאַרם, אין וועלכן ער איז שוין איינגעשפּאַנט אַ גאַנץ יאָר צייט, — פילט ער אויך אַ בענקשאַפט צו איר, צו איר און צום טעכטערל זיינס, לוסי, וואָס איז צוזאַמען מיט דער מוטער אין שטאָט. ער בענקט נאָך דעם באַטעמטן ווייבל זיינס, וואָס זייט העכער אַ יאָר האָט ער ניט געפילט איר ווייבערשע וואַרעמקייט. ער איז אויך ניט גאַנץ רואיק איבער איר אין דער גרויסער שטאָט, וואו זי איז דאָרט אָן אים.

— אוי, גאָט, גאָט, — מורמלט ער אַרויסלאָזנדיק דעם רויך פון דער ליולקע, וואָס גייט אין קרייזלעך אַרויף, אַ סימן אַז דאָס וועטער וועט זיין שיין.

פון די היגער־שטייגן קאַראַדאַטשען די קוואָקעס געדיכט און פאַרעקשנט.

אַנזאָגנדיק דער וועלט אַ בשורה, אַז זיי טוען זייער חוב און ברייען אויס נייע היגערישע דורות.

2

כאָטש שלום מעלניק טרייסט זיין בן־יחיד, אַז די מוטער וועט סוף־כל־סוף באַזעצן זיך אין דער פאַרם און פירן אַ הויז ווי אַלע ווייבער אין דער שכנה־שאַפט, איז ער גאָרנישט אַזוי זיכער ביי זיך, אַז עס וועט אַזוי גיך קומען דער־צו. ער ווייסט אַליין, אַז ער לייגט זיך פייגעלעך אין בוזעם.

שוין העכער אַ יאָר צייט ווי עס איז ניטאָ קיין שלום־בית צווישן דעם פאַרמער מעלניק און זיין ווייב בעטי.

קיין גרויס שלום־בית איז אייגנטלעך קיינמאָל ניט געווען צווישן מאַן און ווייב, אַפילו ווען ער, שלום, האָט נאָך ניט געטראַכט צו באַזעצן זיך אין אַ העק אין די בערג, נאָר ער האָט געוואוינט אין וויליאַמסבורג און גע־מאַכט אַ לעבן פאַר ווייב און קינדער פון פאַרבן וועבן. צו שווערע מחלוקות און אַפילו צו אַ ברוך אין צוזאַמענלעבן איז געקומען, ווען שלום מעלניק, קראַנק ווערנדיק פון בליי־פאַרגיפטונג, אַ חולאת וואָס ער האָט אָפּגעשפּאַרט פון אַרומגיין יאָרן־לאַנג אַרום פאַרב, האָט אַוועקגעוואָרפן זיין אַרבעט, אָפּגע־קויפט אַ פאַרלאָזענע פאַרם אין די בערג און ניט אַנדערש געוואָלט, נאָר אַז זיין ווייב זאָל זיך באַזעצן דאָרט מיט אים און מיט די קינדער. יעדער מאָל אויפסניי, ווען מאַן און ווייב באַגעגענען זיך פון צייט צו צייט, ווערט די מחלוקות אָנגעהויבן פון ס׳ניי. שלום פאַרלאַנגט פון בעטין, זי זאָל זיין אַ ווייב צו אים און אַ מאַמע צו די קינדער זיינע און ניט צעברעכן אַ שטוב אויף צוויי טיילן. בעטי שווערט ביי טאַטע־מאַמע, ביי אַלעם הייליקן, אַז זי וועט ניט נאָכגיין איר מאַנס משוגעת און זיך ניט באַגראָבן יונגערהייט אין אַ העק. עס איז איר גענוג ביטער און פינצטער, וואָס ער, דער מאַן אירער, האָט דעם יינגל פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַוועקגענומען אים פון דער לערע און באַגראָבן אין אַ פאַרם. זי, בעטי, וועט זיך ניט לאָזן באַגראָבן אין אַ קבר ביים לעבן, ניט זיך און ניט איר טעכטערל, ליוסי.

אין די שלעכטע ווינטער־חדשים, ווען עס רעגנט און שנייט, שמעקט בעטי אַפילו ניט אַריין אין מאַנס פאַרם. זי שרייבט בלויז בריוולעך פון שטאָט, ניט אַזוי צום מאַן, ווי צום יינגל, וואָס האַלט מיטן פאָטער. אין יעדן בריוול באַ־שרייבט זי אויפסניי ווי ליכטיק און לעבעדיק עס איז אין שטאָט, וואָסערע שיינע פילמען זי און ליוסי האָבן געזען און זי רופט בענען, ער זאָל ניט זיין קיין גולם און אַהיימקומען צו דער מאַמען און צו דער שטאָט. בלויז פון בענס ענטפערס, געשריבן מיט אַ בלייפעדער אויף ניט־ריין און צעקנייטשט פּאַפּיר,

ווערט איר קאַלט אין די ביינער. ניט נאָר בלאָזן מיט קעלט בענס ברוגזע אַפּזאָגענישן, נאָר אַפילו דאָס פּאַפּיר און דער קאָנווערט, וואָס קומען פון די פּאַרשנייטע בערג. ווען די נאָסע חדשים גייען פאַריבער און אויף די שטאָ־טישע גאָסן פאַרקויפן בלומען־הענדלער די ערשטע ווערב־ריטלעך מיט זילבערנע בערשטלעך, כאַפּט זיך בעטי אַרויס, צוזאַמען מיט איר טעכטערל, אויף אַ זונטיק אין אַקוויל, כדי צו זען זיך מיט בענען, דעם טאַטנס זונדל.

מאַט־הויטיקע מיט גלאַנציקע אויגן, ווי אָפּגעפּרעגלט אויף פּוטער, פּולע און ווייבעריש באַטעמט, פאַלן ביידע, מאַמע און טאָכטער, אַריין אין דער פאָרם ווי מענטשן פון אַ פרעמדער וועלט. זייערע געלע מאַנטלען און היטעלעך, זייערע שלייפלעך און בענדלעך שרייען אַרויס נאָך שטאַרקער מיט זייער פאַרביקייט אין דער גרויקייט פון דער נאַקעטער פאָרם. בעטי, די מוטער פון צוויי קינדער, איז אויף קיין האָר ניט גרעסער פון איר פופצן־יאָריקער טאָכטער לוסי. זי איז אויך אַזוי פריש און אויסגערונדיקט און פאַרפּוצט אַזוי, אַז זי זעט גיכער אויס ליוסיס אַן עלטערע שוועסטער, איידער איר מאַמע. די פעקלעך, וואָס זיי טראָגן, געפּאַקט אין זייער פאַרביקע פּאַפּירן, די געלע קליידער זייערע, דאָס שטאָטישע געלעכטער זייערס, מאַכט די פאָרם נאָך אָרעמער און גרויער. שלום און בען, אין זייערע געלאַטעטע אָווערראָלס און אין די שווערע פאַרבלאָטיקטע שיך, האָבן אַ פּנים לעבן זיי ווי קנעכט לעבן הארענטעס.

— בען, בענעלע! — רופט בעטי אויס מיט אַ ווייבעריש קוויטשל און שטרעקט אויס אירע פולע ברוינע הענט צום שווייגנדיקן זון. — בענעלע, גיב אַ קוש מאַ, נאָר שמיר מיך ניט אויס.

— העלאָו, מאַ! — ענטפערט בען ברומענדיק און רירט קוים אָן מיט די ליפּן דער מוטערס שטאַרק אָנגעפּודערטע און אָנגעפאַרבטע באַקן.

ליוסי לאַכט געדיכט ווען דער פאָטער הייבט זי אויף אין דער הייך און קושט איר אויס דאָס פּנים עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד.

— אָאוטש, קיצלסט מיט דער שטעכיקער באָרד, פּאָ, — זאָגט זי כי־כיקענדיק, — און עס פילט זיך פון דיר מיסט.

אָפּפּוצנדיק איר מאַנטעלע פון פאָטערס באַרירונג, גייט ליוסי צו צו בענען און דערלאַנגט אים די באַק אירע, ער זאָל איר אַ קוש טאָן. זי טוט עס מיט דער וויכטיקייט און גנעדיקייט ווי זי זעט גרויסאַרטיקע דאַמען טוען עס אין די פילמען. בען שאַרט זי אַוועק מיט דער ייִנגלשער אויסגעאַרבע־טער האַרטער האַנט, אויף וועלכער ער איז זייער שטאָלץ.

— „נאָ קיסינג, לאַליפּאָפּ", — ענטפערט ער מיט אַ געמיש פון אַ סאָפּראַ־נאָ און באַס.

ער איז נאָך אין די יאָרן, ווען דאָס קול בייט זיך, און ער רעדט אָט ייִנגלעריש־קוויטשיק, אָט ברוסטיק־מענלעך, ווי דער פֿאָטער. אָפּטמאָל פֿאַרענדיקט ער מיט אַ קריי, מיט וואָס ער שעמט זיך שטאַרק, איבערהויפּט פֿאַר מיידלעך. און כאָטש ליוסי איז זיין אייגענע שוועסטער, שעמט ער זיך פֿאַר איר, פֿילט זיך פֿרעמד מיט איר, באַזונדערס זינט זיי זיינען ניט צוזאַמען. כדי ניט אַרויסצואווייזן זיך מיט זיין פֿאַרלוירענקייט, מאַכט ער זיך גראָב און רופֿט זי מיט אַ צונאָמען „לאַליפּאָפּ", אַן אָנצוהערעניש אויף איר זיסקייט. ליוסי בלאָזט זיך אָן ווי אַ באַליידיקטע בת־מלכה און ווייזט אים אַ ראָזע קעצישע צונג.

— „האָרסרעדיש"! — רופֿט זי אים פֿאַר זיין האַרטקייט און האַרבקייט. — קום, ווייז מיר ווי הינדלעך קריכן אַרויס פֿון אייער.

בעטי קושט זיך איינגאַנצן ניט מיטן מאַן. זי פֿרעגט אים בלויז וואָס ער מאַכט און וואַרט אַפֿילו ניט אויף קיין ענטפֿער.

— ביסט געקומען מיט דער באַן? מיטן באָס? — פֿרעגט שלום.

— ניין, אַ מאַן האָט אונדז מיטגענומען מיט זיין מאַשין, — זאָגט בעטי פֿריילעך, — כ'האָב מיר איינגעבראָכט עטלעכע דאָלער.

שלום קלאַפּט אויס די פֿאַרשטאָפּטע ליולקע אין שטיק, וואָס שטייט אין מיטן הויף ווי אַ דענקמאָל, ער שטופּט זי אָן מיט טאַבאַק און פֿאַררויכערט.

תמיד טרעפֿן איר ניסים, ווייסט ער, תמיד קריגט זי שוין אַ מאַן, וואָס נעמט זי מיט מיט זיין מאַשין און ברענגט איר איין עטלעכע דאָלער. אָבער ער זאָגט עס ניט. ער שווייגט. בעטי פּאַקט אויס די בלעכענע קענדלעך שפּייז, וואָס זי האָט איינגעקויפֿט אין שטאָט, קענדלעך מיט זופּ, גרינסן און פֿרוכטן; זי נעמט אַרויס פֿון די שאַכטלען די נייע נאָז־טיכלעך און אונטערוועש, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פֿאַר דעם זון אַ מתנה, און זי דערציילט וועגן די גליקן, וואָס זי מאַכט אין שטאָט ביים פֿאַרקויפֿן ווייבערישע זאַכן און וועש אין די הייזער פֿון אירע פֿאַרמעגלעכע חברטעס און פֿריינדינס.

— וואו איך קום, קויפֿט מען ביי מיר. מען נעמט מיך שיין אויף און מען איז מיך אַפֿילו מכבד מיט קאַווע, — באַרימט זי זיך פֿאַר איר מאַן. — אַ סך מאָל מוז איך אויך פֿאַרבלייבן צו דינער. מען לאָזט מיך גאָר ניט אַוועקגיין, אַזוי פֿרייט מען זיך מיט מיר.

שלום הערט אויס מיט ניט קיין איבעריקן גלויבן די גליקן פֿון זיין ווייב, ווען ער מוז אָפּט אָוועקשיקן די לעצטע עטלעכע דאָלער אויף דער הוצאה אין שטאָט, און ער וויל וויסן, צי ער זאָל עפּעס אָפּקאָכן פֿאַר איר און פֿאַר ליוסין. בעטי שאָקלט זיך אָפּ פֿון איר מאַנס איינלאַדונג ווי פֿון אַ מיאוסן פֿאָרשלאָג. ניט נאָר מיאוסט זי זיך צו עסן אין דער פֿאַרמושבטער

שטוב, נאָר אַפילו זיך אַוועקזעצן אויף אַ שטול. זי האַלט אין איין אָפּבלאָזן פון אַ שטול, זי פּוצט די עלנבויגנס, וואָס זי האָט אין פאַרגעסענערהייט אָנ־געשפּאַרט אויף אַ טיש, און זי ניסט פון דער בלוי־ער לופט, וואָס שמעקט מיט שימל און אָפּגעלאָזנקייט. אירע קורצע ברוין־הויטיקע און פּוכקע פינגער, באַדעקט מיט אַ סך פינגערלעך, האַלטן אין איין רייניקן און פעכלען זיך. איר פלוטעוואַט נעזל, ווייס פון פּודער, פלאַטערט מיט די קליינע רונדע נאָז־לעכער, איבערהויפּט ווען זיי שמעקן צום נישט־פרישן בעטגעוואַנט פון בענס בעט.

— כ׳וואָלט געקענט ווערן איינס צו פינף, אַז דו האָסט נאָך קיין איין מאָל ניט אויסגעלופטערט דעם באָיס מאַטראַץ, — זאָגט זי, פאַרקרימענדיק זיך. — אָרעמער בען!

— אַז דו ביזט אַזאַ געטרייע מאַמע, זיצט מען דאָ און מען גיט אַכטונג אויף אַ זון, — זאָגט שלום, ניט קענענדיק מער איבער־טראָגן בעטיס אָפּע־געם עקל צו אַלץ אַרום זיך.

בעטי וואַרט נאָר אויף דער גוטער געלעגנהייט אָנצוהייבן אויפסניי די אַלטע מחלוקה, וואָס ציט זיך שוין אַ צייט.

— כ׳וועל ניט באַגראָבן ליוסין דאָ צוליב דיינע משוגעתן, — זאָגט זי מיט איבערגעטריבענער מאַמעשער געטריישאַפט, גלייך ווי זי מיינט ניט זיך אַליין, נאָר איר קינד, — ווען דו וואָלסט געווען אַ טאַטע ווי ביי לייטן טאַטעס, וואָלסטו גאָרניט פאַרלאַנגט פון אַ מיידל אַזאַ משוגעת. ווען די וואָלסט געווען אַ טאַטע, אַ מענטש, וואָלסטו אויך ניט געלאָזט בענעלען אויסוואַקסן אַ פּויער און אַ קבצן. וואָלסט אים געלאָזט ענדיקן האַי־סקול און גיין אין קאָלעדזש ווי אַלע יינגלעך.

אָנפּודערנדיק אויף גיך דאָס קליינע נעזל, וואָס איז איר רויט געוואָרן פון אויפרעגונג אין דער מחלוקה, אָפּווישנדיק מיט דעם באַוועגלעכן צינגל די פאַרב פון די ליפּן, כדי אָנצושמירן זיי מיט פרישער פאַרב, פאַרריכטנ־דיק כסדר די שווערע לאָקנס אין איר קאָפּ, וואָס זיינען אַזש בלוי פון שוואַרצקייט, הערט זי ניט אויף ריידן, מאָלן ווי אַ מיל באַוויזנדיק אירע פּערלדיקע ציין, רויטע ביי די ברעגן פון ליפּסטיק.

— אַן אַגענט האָט מיר אָנומלט געוויזן אַ לאַנטשאַנעט אין וויליאַמס־בורג — זאָגט זי שמייכלענדיק, — אַ גאָלדענע ביזנעס.

זי באַלעקט זיך מיטן שפּיץ צינגל, ווי זי וואָלט באַצייטנס געפילט דעם גוטן טעם פון דער גאָלדענער ביזנעס און זי קוקט מיט די גלאַנציקע פּוטער־אויגן גלייך אין מאַנס גרינע אויגן, באַברעמטע מיט שווערע, שוואַרצע ברע־מען און וויעס. שלום, וויסנדיק צו וואָס זי צילט, ענטפערט ניט און רויכערט

געדיכט זיין ליולקע. בעטי נעמט אים אָן ביים אָרבל, צו מאַכן אים ווייכער און גייט אָן מיט אירע רייד, גלאַטע און קיילעכדיקע, וואָס שיטן זיך ווי אַרבעס פון איר קליין מיילעכל.

— קום אַרויס אויף אַ טאָג און זע די ביזנעס, — רעדט זי היים, — אַ קוק טאָן מעגסטו דאָך.

שלום רויכערט נאָך געדיכטער די ליולעק און שוויגט. בעטי טרייבט אָפּ דעם שלעכטן ליולקע־רויך מיט איר טיכעלע, אַ פּיצעלע אויסגעהאַפּטן טיכעלע, און נעמט זאָגן דעם מאַן נביאות.

— וועסט אויסציען די קאַפּיטעס ביי דער גאָלדענער פאַרם דיינער, — וואָרנט זי, וויזנדיק אַ גרויסן אָפּגעטאָקטן שפּיציקן נאָגל גלייך אין מאַנס אויגן אַריין. וועסט רואינירן דיך און בענעלען. פאָלג מיך, פאַרקויף די חזירשע פאַרם, קום צוריק אין שטאָט אַריין און מירן נעמען אַ סטאָרקע. מירן לעבן ווי אַלע יידן אין ניו יאָרק.

שלום גייט אַרויס פון געדולד.

— כ׳וויל נישט קיין סטאָרקעס, — שרייט ער — כ׳האָב אַ פאַרם און כ׳על זיצן אין איר. ביז דער לעצטער רגע פון מיין לעבן וויל איך בלייבן דאָ.

בעטי שאָקלט אויף אים מיטן קאָפּ. אַלע לעקעלעך אירע טרייסלען זיך אין באַדויערונג איבער די אומזיניקע רייד פונם מענטש אין די אויסגע־שמירטע אָוועראָלס.

— וויל ביסט אַן אָקס, אַ באָק אַן איינגעשפּאַרטער, — זאָגט זי אים, — ביי לייטן ווייבער האָבן מאַנען מענטשן. איך האָב אַ מאַן אַ באָק . . .

ווי תמיד לייגט זי צו איר קליין אויסגעהאַפּטן טיכעלע צו די ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, וואָס טראַכטן אַפילו ניט פון וויינען, און זי באַדויערט איר אומגליקלעך לעבן, פאַרגלייכנדיק עס צום גוטן לעבן פון אַנדערע ווייבער ביי זייערע מאַנען. ביי לייטן ווייבער האָבן אַלדאַסגוטס ביי זייערע מאַנען, די ביזנעסלייט . . . ביי לייטן — מענער, אין ברוקלין . . .

שלומען אַרט ניט אַזוי דאָס, וואָס זיין ווייב רופט אים אָקס און באָק, ווי דאָס, וואָס זי הערט ניט אויף ריידן פון ברוקלין, וואוהין ער דאַרף זיך אומקערן.

— נישטאָ קיין ברוקלין! — ברומט ער, קלאַפּנדיק מיט דער פויסט אָן טיש — פאַרברענט געוואָרן ברוקלין . . . אָפּגעווישט ווי סדום און עמורה . . .

ער ציט אויס אַ האַנט צו דער זייט וואו ניו יאָרק ליגט, צו באַווייזן ווי אַזוי די שטאָט איז נישטאָ מער, אָפּגעווישט פון דער ערד.

בעטי קוקט אויף אים מיט דעם גרעסטן ביטול און פאַראַכטונג, וואָס ווייבער האָבן צו מענער, וועלכע טויגן זיך ניט אויס צו דער וועלט, און זי

באַווייזט מיט אַ פוכקען פינגער אויפן שטערן, אַ סימן, אַז דער מאַן אירער איז ניט ביי די קלאָרע געדאַנקען.

— ליוסי, מאַמעלע — נעמט זי רופן איר טעכטערל מיט אַזאַ בהלה, ווי' עס וואָלט געווען פאַר דער קליינער אַ סכנה צו בלייבן אַפילו אַן איבעריקע מינוט ביי אַזאַ צעדרייטן טאַטן. — ליוסי, לאָמיר פאָרן אַהיים. שוין לאָמיר פאָרן!

ווי אַלעמאָל, פּרובירט זי שוין אין איין וועגס אויך מיטנעמען בענען.

— ביי לייטן באַיס גייען אין קאַלעדזש, — זאָגט זי אים, — וואַקסן אויס דאַנטיסטן . . .

— כ'וויל נישט אויסוואַקסן קיין דאַנטיסט, — ברומט בען.

— האָסט דאָך אַפילו קיין האַי־סקול ניט געמאַכט, — רעדט בעטי ווייטער, — מאַך כאָטש האַי־סקול.

— כ'דאַרף נישט קיין האַי־סקול, — ברומט בען צוריק.

— וואָס דען דאַרפסטו? אַרומגיין מיט די בהמות? וויקן זיך אין מיסט?

— יעפּ, — ענטפערט בען מיט דעם לשון פון די פאַרמער־יונגען אַרום.

דער קורצער גראָב־יונגעריש ענטפער פילט שוין אויף אַן אמת אַן בעטיס אויגן מיט טרערן. זי כאַפּט זיך צום קליינעם אויסגעהאַפטענעם טיכעלע. בען, וועלכער האָסט טרערן מער פון אַלץ אין דער וועלט, לאָזט זיך גיין צום שטאַל.

— פיר אונדז צו מיט דער מאַשין צום סטעישאַן, „האָרסרעדיש״, — זאָגט ליוסי, בייז אויף דעם ברודער, וואָס רעדט גראָב צו דער מאַמען.

— גיי צופוס! — גיט איר בען אַן עצה. ס'איז בלויז אַ פּאָר מייל. דו קענסט צוגיין, די מאַמע אויך.

דאָס איז שוין צופיל פאַר בעטין און זי קריגט אַזעלכע רויטע פלעקן אין פּנים, אַז זי פאַרווייסט זיי מיט אַ היפש ביסל פּודער.

דעם טאַטנס זונדל! — זאָגט זי, קוים איינהאַלטנדיק די טרערן, און זי טוליעט צו צו זיך ליוסין, צו ווייזן, אַז אויב זי האָט ניט קיין לייטישן מאַן און זון, האָט זי כאָטש אַ טאָכטער אַ לייט, דאַנקען גאָט.

— קום, מאַמעלע. קום, לאָמיר גיין צופוס, — איילט זי דער קליינער, — קום, קום.

שלום וויל איינהאַלטן די צעקאָכטע בעטי.

— וואָס איז דאָס לויפן? — פרעגט ער באַליידיקט, — מאָרגן אין דערפרי, פאָר איך סיי־ווי־סיי צום סטעישאַן, וועל איך דיך מיטנעמען.

ער לאָזט אַראָפּ דערביי דעם קאָפּ, כדי בעטי זאָל ניט זען די רויטקייט זיינע, וואָס האָט אים באַגאָסן, ווי אַ יונג בחורל, וואָס וויל צוריידן זיין גע־

ליבטע צו אַן ערשטער זינד. ער שעמט זיך צו קוקן אין די אויגן אַריין דער אייגענער ווייב זיינער, וואָס ער באַגערט זי מיט דער אויסגעהונגערטקייט פון אַ מאַן, וואָס האָט צו־לאַנג קיין ווייב ניט געהאַט. בעטי פאַרשטייט צו וואָס ער צילט און זי וויל אָפילו ניט הערן זיינע רייד.

— שוין וועל איך מיך אַריינלייגן אין דיינע האַרטע בעטן, — זאָגט זי מיט עקל. — ליוסעלע וועט ניט קענען שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

שלום לאָזט אַראָפּ נאָך טיפער דעם קאָפּ, ווי אַ חדר־ייִנגל, וואָס האָט געוואָלט אויסנאַרן עפּעס מיט שלויקייט, נאָר מ׳האָט זיך דערויף פאַרשטאַנען, און ער גייט אַרויס אָנוואַרעמען די מאַשינקע זיינע, כדי אַוועקצופירן זיין ווייב און טאָכטער. דאָס אַלטע פאָרדל זיינס, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט צוזאַמען מיט דער פאַרם, וויל זיך ניט אַזוי גיך דערוואַרעמען נאָך אַ מעת־לעת שטיין אין דער קעלט. דער מאָטאָר ניסט, הוסט און קרעכצט ביז ער קומט צו די כוחות. שלום עפנט אויף דאָס טירל, וואָס קוים עס האַלט זיך, און הייסט די פרויען אַריינקריכן אינעווייניק.

— בנימין, געזעגן זיך מיט דער מאַמען און מיט ליוסין און גיב אַכטונג אויף די בהמות, — גיט ער באַפעלן, כדי צוצוגעבן זיך אַביסל חשיבות אין זיין געפאַלנקייט, — איך קום באַלד צוריק.

בען געזעגנט זיך שנעל מיט דער מוטער, קושט זי פון יוצא וועגן אין דער אָנגעפּודרעטער באַק, פּטרט אָפּ ליוסין מיט נאָך ווייניקער צערעמאָניע, און לאָזט זיך לויפן צו דער שטאַל, פילנדיק צום פאָטער רחמנות און פאַר־אַכטונג גלייכצייטיק פאַר זיין שוואַכקייט. ער קען אים ניט מוחל זיין וואָס ער פּטרט צייט און געזאָלין אומזיסט, אין דער צייט, ווען מ׳קען מאַכן עטלעכע מייל צופוס איינס און צוויי. ביי אים וואָלטן זיי שוין געגאַנגען צופוס, ווען ער וואָלט געווען אויפן פאָטערס אָרט, טראַכט ער גייענדיק צו דער שטאַל.

בעטי זעצט זיך אַריין מיט עקל אין איר מאַנס צעפאָרענער טאַראַטאַיקע, וואָס דאָס געזעס איז באַדעקט מיט שטויב און שמאַטעס.

— מאַמע! — רופט זי אויס יעדן מאָל, ווען די מאַשינקע גיט זיך אַ העצקע איבער די בערגלעך און גריבלעך פון דעם שלעכטן ניט־געפלאַסטערטן וועג, וואָס פירט פון דער פאַרם צום הויפּט וועג אַרויס. — ליוסעלע, האַלט זיך אָן אָן מיר.

שלום האַלט איין די שלעכטע „ברעיקס". בייט דעם צו־לויזן „גיער" און פאַרטיידיקט זיין קבצנישע מאַשינקע:

— כ׳פאָר מיט איר אין די גרעסטע שנייען, אָפילו ביינאַכט, און ס׳האָט נאָך, חלילה, גאָרנישט געטראָפן מיט איר. הלוואי ווייטער נישט. ס׳איז נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן.

ביי דער באַן־סטנציע, אַרום וועלכער מען זעט קיין לעבעדיקן מענטש נישט אין דער צייט פון יאָר, שלעפּט שלום אַרויס עטלעכע צעקנייטשטע דאָלאַרן פון זיין הינטערשטער קעשענע אין די אָוועראָלס, פון וואַנען עס קוקט תמיד אַרויס אַ שרויפן־ציער, און ער דערלאַנגט זיי שוויגנדיק זיין ווייב. ביזן לעצטן דאָלער גיט ער איר אַוועק. בעטי וואַרפט נאַכלעסיק אַריין די פּאַפּירלעך אין איר גרויסן בייטל און איילט צו איר טעכטערל.

— גענוג געקושט זיך, — זאָגט זי צו דער לאַכעדיקער מיידל וועמען דער פּאָטער הערט ניט אויף באַדעקן מיט קושן. — קום אַריין אין וואַגאָן, ליוסי.

אָנפּודערנדיק זיך צום לעצטן מאָל, פאַרריכטנדיק מיט די פּוכקע, געניטע פינגער יעדן לאָקעלע פון איר שוואַרצן קאָפּ, אָנפאַרבנדיק די ליפּן אויף גוט אַזוי, אַז זיי זאָלן שוין האַלטן ביז איבער דער רייזע, באַשפּריצט זיך בעטי מיט עטלעכע טראָפּנס פּאַרפיום, אָפּצואווישן יעדן שלעכטן גערוך פון דער פּאַרם און פון די מענטשן אַרום, און זי שמייכלט מיט אַ באַהאַלטענער ווייבערשער הנאה פון איר קונציקן אַרויסדרייען זיך צו בלייבן נעכטיקן אַ נאַכט מיט איר מאַן.

— גאָט אין הימל; ווי אַזוי האָט זי געקענט אַמאָל ליב האָבן אָט דעם מאַן אירן? — קען זי אין קיין פאַל ניט באַגרייפן. — וואו זיינען אירע אויגן געווען?

כאָטש עס איז שוין אַ געשיכטע פון גאַנצע זיבעצן יאָר, זינט זי האָט חתונה געהאָט מיט איר מאַן, קען זי אַלץ ניט פאַרגעסן די עוולה וואָס איז איר געשען, צו זיין דאָס ווייב פון שלום מעלניק. פון גרויס רחמנות צו זיך אַליין פילט זי אַ באַדערפעניש צו ווערן באַדויערט פון עמעצן.

— ליוסי, גיב אַ קוש מאַ, — זאָגט זי, אויסשטעלנדיק דאָס קליינע אָנגעפאַרבטע מיילעכל — און נעם מיך אַרום, מאַמעלע.

ליוסי, אַ בעלנית אויף צערטלען זיך, קושט די מוטער הייס און אומרואיק.

— וואָס איז דער מער, מאַמאַ דאַרלינג? — פרעגט זי דערשראָקן.

— מאַמאַ איז אומגליקלעך, — באַדויערט זיך בעטי און נעמט זיך צום קליינעם אויסגעהאַפטענעם טיכעלע. — מאַמאַ איז זייער אומגליקלעך.

ווען זי פאָרט אַריבער די בריק און דערזעט די ערשטע ליכט פון די וויליאַמסבורגער באַלויכטענע פילם־טעאַטערס און דראַג־סטאָרס, הייבן אירע שוואַרצע אויגן אָן גלאַנצן מיט אַלע פריילעכע פייערלעך, וואָס שפּיגלען זיך אין זיי. כאָטש זי איז דאָ געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אָט דער אָרעמער געגנט, ווערן איר גאַרנישט מיאוס די געדיכטע וויליאַמסבורגער גאַסן און

הייזער. זי איז פֿאַרליבט אין זיי. אַלע חנען אין דער וועלט האָבן זיי פֿאַר איר איצט, נאָך דער גרויקייט אויף איר מאַנס פּאַרם.

— גאָש, ווי ליכטיק עס איז, — קוועלט זי אָן, ווי זי וואָלט געזען די געגנט ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן.

3

דער איינציגער אין דער משפּחה, אַ חוץ בענען, וואָס איז אויף שלום מעלניקס צד אין די מחלוקת מיט זיין ווייב, איז דער שוועגער זיינער — דער איינ־בינרער נח פּעפּערמינץ, פֿון וויליאַמסבורג. יעדער מאָל, ווען זיינע אַלע אויס־געגעבענע טעכטער קומען זיך צוזאַמען צו אים אין הויז און ריידן צום הונ־דערטסטן מאָל אַרום די מחלוקת צווישן בעטין און איר מאַן, שטייט מר. פּע־פּערמינץ שטאָל און אייזן פֿאַר דעם אײדעם זיינעם:

— שלום איז גערעכט, — טענהט ער, רייניקנדיק מיט אַ מעסערל די פֿאַרפֿאַפּטע נעגל, וואָס לאָזן זיך קיינמאָל ניט אויסרייניקן פֿון דעם איינגע־געסענעם קלעפּאַכטס. — אַזוי שטייט געשריבן אין דער תורה: והוא ימשול בה — און ער דאַרף געוועלטיקן איבער איר.

די טעכטער זיינע, אַלע געבוירענע אין ברוקלין, גלוסט זיך זיי לאַכן אי פֿונעם אַלטנס לשון־קודש רייד, אי פֿון זיינע המצאות, אַז אַ מאַן דאַרף הערשן איבער זיין ווייב.

— אָ, דאָס איז געשריבן געוואָרן פֿון גרינהאָרנס אין יוראָפּ, פּאַפּס — גיבן זיי אים צו פֿאַרשטיין. — אין אַמעריקע טוט אַ מאַן וואָס זיין ווייב וויל. לעידיס פֿוירסט, אָלד־מען . . .

זעענדיק, אַז זיינע פּסוקים נעמען ניט שטאַרק אויס ביי די טעכטער, פּרובירט ער זיי נעמען מיט וועלטלעכע זאַכן, וואָס ער ווייסט פֿון האָבן צו טאָן מיט ביכער אין זיין אַרבעט.

— וואָס זשע דאַרף מען מער, אַפֿילו צווישן באַשעפֿענישן גייט אויך די נקבה נאָך דעם זכר — טענהט מר. פּעפּערמינץ. — אַפֿילו צווישן נאַרעשע עופֿות גייט דער האָן פֿאַראויס און די הינער גייען אים נאָך, ווייל דאָס איז דער שטייגער פֿון דער וועלט אַזוי . . . נעיטשער . . .

אָבער דאָ כאַפּט ער אַזאַ חלק פֿון הענען, זיין ווייב, אין די אויגן פֿון אַלע טעכטער, אַז ער פֿאַרזאָגט זיך ניט צו ריידן מער אַזעלכע רייד.

— גיי, גיי, גרויסער פֿאַרדינער מיינער, — טרייבט אים הענע פֿון שטוב, — גיי אין שולכל צו דיינע לאַנדסלייט, וועסטו זיי דערציילן דיינע חכמות וועגן טשיקענס. אַז כ'וועל דיך דאַרפֿן, וועל איך שיקן נאָך דיר, מר. פּע־פּערמינץ . . .

דערמיט דערמאָנט זי אים, ער זאָל וויסן ווער ער איז — אַן אייַנבינדער, אַ קבצן, וואָס דער קאָפּ ליגט אים מער אין שולכל ווי אין ביזנעס, און ער דאַרף דעריבער ניט מישן זיך אין תכלית־זאַכן, בפרט ניט דעמאָלט ווען זי, הענע, האַלט זיך אַן עצה מיט אירע אַמעריקאַנער טעכטער.

— געהערט אַ משל? ער פאַרגלייכט דאָך אונדז גאָר צו טשיקענס — קען זי נישט פאַרגעבן דעם מאַנס העזה — קוקט אים נאָר אָן, דעם בריהשן האָן — —נח פעפערמינץ . . .

מר. פעפערמינץ גלייכט אויס מיט די פאַרפּאַפּטע פינגער דאָס גרויע בערדל, ווי עס וואָלט זיך צעשויבערט פון הענעס קולות, און ער גייט אַוועק אין אַ ווינקל לייענען די שבתדיקע צייטונג, פון וועלכער ער קען גאָרניט אַרויסקריכן אַ גאַנצע וואָך.

— פיר דו די גרענדע, — ברומט ער צום ווייב, — צערייס אַ שטוב, דערפיר צו אַ גט, שאַלטעווע און וואַלטעווע . . .

הענע צעשניידט דעם גרויסן קוכן, וואָס זי האָט אָפּגעבאַקן לכבוד אירע טעכטער, וואָס אַלע זייַנען זיי, גאָט צו דאַנקען, גליקלעך אויסגעגעבן און פאַרמעגלעך, און זי באַדויערט אויפן קול די ייַנגסטע טאָכטער, בעטי, די „בייבי” אין שטוב, וועמען ס׳מזל האָט ניט צוגעשפּילט און זי איז אַרייַנ־געפאַלן צו שלום מעלניקן.

— כ׳וועל ניט לאָזן אָפּהאַקן מיין קינד דעם קאָפּ יונגערהייט — טענהט זי, גלייך ווי דער איידעם אירער וויל ניט אַנדערש ווי נאָר אָפּהאַקן זיין ווייב דעם קאָפּ דאָרט אויף דער פאַרם—און טאָמער וועט ער זיך וועלן גטן, וועל איך מיך ניט אַוועקזעצן וויינען. אַזאַ מציאה ווי שלום מעלניק וועט זי נאָך קריגן. זי איז ניט קיין פאַרפוילט עפּעלע.

אַלע טעכטער זייַנען מסכים מיט „מאַדהער”. עסנדיק מיט הנאה דער מוטערס היימיש־געבאַקענעם קוכן, וואָס אַזעלכן קריגט מען אַפילו ניט אויף סאַמע איסטערן פאַרקוועי, וואו זיי וואוינען. זיי שאָקלען צו צו יעדן וואָרט, וואָס די מוטער זאָגט, און זיי באַדויערן שטאַרק די ייַנגסטע שוועסטער זייערע, וואָס איז, נעבעך אַזוי אַרייַנגעפאַלן.

— „פּור בייבי”, — רופן זיי זי, גלעטנדיק און קושנדיק זי.

בעטי דערפילט זיך זייער געהויבן אין איר מאַרטירערשאַפט און קריגט גרויס רחמנות אויף זיך אַליין. אַנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויף דער מוטערס גרויסער צעווירענער ברוסט, וואָס האָט אַ סך קינדער געזויגן, פּיעשטשעט זיך ווי אין די קינדערשע יאָרן.

— אַ, מאַמע, פאַרוואָס איז בעטי אַזוי אומגליקלעך? — פרעגט זי, אָנ־

רופנדיק זיך אַליין ביים נאָמען אין איר זעלבסט־באַדויערונג — פאַרוואָס, מאָמע טייערע?

מר. פעפערמינץ קען שוין מער ניט רואיק איינזיצן ביי זיין אַלטגעבאַ־קענער ציימונג און ער וואַרפט ווידער אַריין זיין וואָרט, כאָטש ער האָט אָפּ־געמאַכט ביי זיך מער זיך ניט צו מישן.

— וואָס האָט איר זיך אַוועקגעזעצט קלאָגן איבער איר, ווי איבער אַ מת? — שרייט ער צום ווייב און די טעכטער, — וואָס איז דער אומגליק, אַז זי וועט זיצן מיטן מאַן אויפן דאָרף?

העניע גיט אויף אים אַ שטעל אָן אויגן, ציין און נעגל, ווי אַ פרומע קאַץ, וואָס ווערט באַפאַלן פון אַ בייזן כלב.

— דאָס האָסט דו געקוילעט דאָס קינד אָן אַ מעסער — שיפעט זי אין איר צאָרן, — דאָס האָסט דו אַריינגעפירט דעם גרינהאָרן אין שטוב אַריין. דו, דו, דו . . .

כאָטש אַליין ניט קיין געבוירענע דאָ אין לאַנד, נאָר אַן אַריינגעוואַנדערטע פון פוילן, האַלט אָבער העניע זיך פאַר אַן אמתע אַמעריקאַנערקע צוליבן זכות פון די טעכטער אירע, וואָס אַלע זיינען זיי געבוירן געוואָרן אין וויליאַמס־בורג, און נאָך מער צוליב זייערע מאַנען, אַמעריקאַנער דזשענטלמענער, איינס אין איינס. און קיין גרעסערע באַליידיקונג ווי „גרינהאָרן", האָט זי גאָרניט פאַר די, צו וועמען זי פילט פאַראַכטונג. מיט דעם נאָמען רופט זי תמיד דעם ניט געראָטענעם איידעם, שלום מעלניק. מיט דעם נאָמען רופט זי אויך איר אייגענעם מאַן, ווען זי האָט אויף אים אַ האַרץ. וואָרעם כאָטש ער איז דער פאָטער פון אירע אַמעריקאַנער־געבוירענע טעכטער און דער שווער פון זייערע מאַנען, האַלט העניע פונדעסטוועגן איר מאַן פאַר אַ גרינהאָרן צוליב זיינע אַלטמאָדישע דרכים, צוליב זיין קבצנישער מלאכה, ביי וועלכער ער איז געבליבן, צוליב זיין ווייקן זיך אין שולכל איבערן קאָפּ, צוליב זיין הילוך און אויסזען און אַפילו צוליבן אַלט־פרענקישן נאָמען זיינעם — נח פּע־פערמינץ. זי, העניע, איז זיכער ביי זיך, אַז אויב אירע טעכטער האָבן, אָן אַ פּעני נדן, געגומען גוטע מאַנען, ביזנעסלייט, איז עס נאָר איר פאַרדינסט. דאָס האָט זי געפירט אַ לייטישע שטוב, די קינדער גוט דערצויגן און זיי אַרויפּ־געשטופּט צו אַ שטאַפּל העכער פון זיך. פונקט אַזוי זיכער איז זי, אַז אין דעם, וואָס בעטי איז געגאַנגען אַראָפּ און פאַרדרייט זיך דעם קאָפּ מיטן גרינהאָרן שלום מעלניק — איז אינגאַנצן שולדיק דער מאַן אירער, וואָס עס ציט אים תמיד צום קעלער.

— איין גרינהאָרן ציט צום צווייטן, — זאָגט העניע איר מאַן, וואָס נעמט

זיך אַן פֿאַר דעם אידעם קעגן דער אייגענער טאָכטער. — ווען די דו, וואָלט צום אומגליק ניט געקומען.

אַלע טעכטער, גליקלעך דערפֿון, וואָס זיי האָט ניט געטראָפֿן בעטיס גורל, שאָקלען צו צו „מאַדהערס" רייד.

— מאַמע איז גערעכט, — טענהן זיי. — ווי קומט ער גאָר, דער גרינהאָרן, צו בעטין?

כאָטש עס איז שוין גאַנצע זיבעצן יאָר נאָך בעטיס חתונה, קען מען עס זיך בשום אופן אין דער משפחה ניט מוחל זיין, וואָס בעטי האָט החתונה געהאַט מיט שלום מעלניק, דעם גרינהאָרן און ווענט־שמירער. ווייניקער פֿון אַלע קען עס מוחל זיין בעטיס מוטער, הענע.

וואָרעם ליבער פֿון אַלע איבעריקע טעכטער איז תּמיד געווען ביי הענען בעטי, די בייבי אין שטוב. אַזוי האָט זי זי אויך געהאַלטן פֿאַר דער שענ־סטער און געראָטנסטער און אַ גרויסע בעל־מזלניצע, און זי האָט דעריבער גרויסע מאַמעשע האָפֿנונגען געלייגט אויף איר און צו אַ וועלט מיט נחת זיך געגרייט.

אַ ברוין־הויטיקע, אַ שוואַרץ־אויגיקע, אַ זאַפֿטיקע, פֿול מיט פּאַרפֿי־ רערישן רייץ, וואָס נאָר שוואַרץ־חנעוודיקע יפֿת־תּוארס האָבן, האָט בעטי פֿון קינדוויז אָן אַ סך מזל געהאַט ביי מענטשן. שוין ווען זי איז געגאַנגען אין פּאַבליק־סקול און אַרומגעיאָגט זיך אין דער פֿרייער צייט אויף רעד־ לעך איבער אַלע געדיכטע וויליאַמסבורגער גאַסן, האָבן דערוואַקסענע איר אויסגעקניפּט די באַקן אין באַוואונדערונג און מיידלעך האָבן געקלעפּט צו איר. ווען זי איז נאָר אַביסל אונטערגעוואַקסן, האָבן שוין יינגלעך איר צו־ געשיקט ליבע־בריוולעך און באַשריבן די ווענט פֿון הויז, וואו די פּעפּער־ מינצס האָבן געוואוינט, מיט אַן אַ שיעור הערצער און נעמען. מער דרייסטע האָבן זי איינגעלאַדן צו אַלבערטס דראַג־סטאָר אין ווינקל גאַס אויף אַן אייז־ קרים סאָדאַ, אָדער גאָר אין דער שכנישער מואווי, וואו זיי האָבן געזוכט צו האַלטן איר האַנט אין דער פֿינצטער. צו פֿופֿצן יאָר האָט זי שוין געהאַט אמתע ליבע־דערקלערונגען פֿון אַכצן־יאָריקע סטודענטן, וואָס האָבן אַפֿילו גערעדט פֿון אַנטלויפֿן און חתונה האָבן. ווען זי איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר און געענדיקט האַי־סקול, האָט ניט קיין אַנדערער ווי אַלבערט דער דראַגיסט, ביי וועמען זי פֿלעגט זיצן אויף אַ הויך בענקל און טרינקען סאָדאַס דורך אַ שטרויעלע — אָט דער אַלבערט אַליין האָט גענומען קלעפּן צו איר און ריידן ערנסטע תּכליתדיקע רייד.

הענע, וועמען די טאָכטער פֿלעגט אַלע מיידלשע סודות דערציילן, האָט געשיינט פֿון נחת ווען בעטי פֿלעגט אַריינקריכן ביינאַכט צו איר אין בעט

אריין און איר דערציילן וועגן די ליבע־רייד, וואָס דער דראָגיסט אַלבערט זאָגט איר ביי זייערע באַגעגענישן. ערשטנס, איז דער אַלבערט געווען דער כל־ולך אין דער גאַס. ניט נאָר האָט מען באַשטעלט ביי אים מעדיצינען, נאָר מען האָט אויך געפרעגט ביי אים אַלערליי דאָקטאָרישע עצות ביי אַ לייכ־טער קראַנקהייט, און אַלבערט האָט תמיד צוגעטראָפן וואָס מ׳דאַרף טאָן. צווייטנס, איז מען געקומען צו אים אַפילו מיט עצות, וואָס האָבן קיין שייכות ניט געהאַט מיט זיין פּראָפעסיע. מ׳האָט אים געגעבן איבערצולייענען בריוו, אָפּצושאַצן אַ פּאַרמאַכטן קאָנווערט וויפיל מאַרקעס ער דאַרף, ווי אַזוי צו האַנד־לען מיט אַ לענדלאָרד אַ חזיר, וואָס טוט אָן צרות, און אין וועלכער באַנק אָפּצושפּאָרן אַ פּאָר דאָלער. אַ פלינקער, אַ באַלאָדענער מיט אַ פּאָר דיקע אויגן־גלעזער, וואָס אומעטום קוקן זיי אַריין, אומעטום זיינען זיי פול און אַלץ זעען זיי און באַמערקן זיי, אַ בחור אָן אַ גאַל, אַ געדולדיקער און אַ שמייכ־לענדיקער, איז אַלבערט געווען דער ליבלינג פון דער גאַס. מאַמעס פון טעכטער האָבן זיך געשפּיגלט אין אים און מקנא געווען דער, וואָס וועט אים אָנקריגן. מען האָט אויך אין גאַס געוואוסט, אַז כאָטש דער דראָג־סטאָר געהערט ניט צו אים, נאָר צו זיינעם אַ קראַנקן אָנקל, וואָס קען מער ניט אַרבעטן, איז ער אָבער, דער אַלבערט, דער גאַנצער באַלעבאָס פון דער גוטער ביזנעס און אַז מיט דער צייט וועט ער ירשנען דאָס געשעפט.

— בעסעלע, זאָלסט אים ניט לאָזן גיין צו־ווייט, ווייל אַ מאַנסביל איז אַ חזיר — האָט הענע, אַ געניטע אין מאַן־און־וויב ענינים, געלערנט דער טאָכטער, — אָבער זאָלסט זיין גוט צו אים, און אַז גאָט וועט העלפן, וועסטו נאָך זיין די באַלעבאָסטע פון אַ דראָגס־סטאָר . . .

אָט דאָס איז עס טאָקע געווען, אַ דראָג־סטאָר, אין וועלכער זי האָט געוואָלט זען איר געראָטענע בייבי. הענע נאָך פון אירע קינדער־יאָרן אין דער אַלטער היים געדענקט די אַפּטייק פון איר שטעטל, וואו יידן האָבן געמוזט אַראָפּנעמען דאָס היטל און מען האָט זיך ניט געטאָרט דינגען מיט דער פּריצה דער אַפּטייקערשע, פון וועלכער עס האָט געוויעט מיט רפואות, שטאָלץ און גדלות. און דער געדאַנק אַז איר טאָכטער וועט זיין אָן אַפּטיי־קערשע, האָט זי באַצייטנס אָנגעפילט מיט שטאָלץ. מיט אַמאָל, ווען עס האָט שוין געהאַלטן אָט־אָט ביי אַ תכלית, האָט איר מאַן, דער איינבינדער, געבראַכט דאָס אומגליק אין שטוב אַריין. אין איינעם אַן אָוונט, ווען ער איז צוריק־געקומען פון שולכל זיינעם נאָך מנחה און מעריב, האָט ער מיטגעפירט אַ הויכן בחור אין אויסגעשמירטע אָוועראָלס פון אַ ווענט־שמירער און אים געוויזן דאָס איבעריקע צימערל אין שטוב, וואָס איז געשטאַנען ליידיק און מען האָט געזוכט דערויף אַ בעלן, וואָס זאָל צושטייער געבן צום דירה־געלט.

הענע האָט אַפילו רעכט זיך ניט אומגעקוקט אויף דעם לאַנגן יונג אין די אָוועראָלס, וואָס האָט באַצאָלט מיט עטלעכע אויסגעשמירטע דאָלערס פאַר אַ חודש דירה־געלט אין פאָראויס. איר מאַן האָט זיך דווקא שטאַרק צעריסן אין שבחים וועגן דעם בחור, וואָס קומט אין זיין שולכל קדיש זאָגן יעדן אָוונט. ער האָט גאָר גענוג ווערטער ניט געהאַט פאַר אים, דעם שלום מעלניק, וואָס איז אַן אָרנטלעכער בחור, אַ שטילער בחור, אַ פלייסיקער אַרבעטער און דערצו אַ היימישער בחור, ניט לאַנג פון יענער זייט.

דאָס אַליין איז געווען גענוג פאַר הענען, זי זאָל קוקן אויף דעם פרעמדן מיט ביטול, ווי אויף אַלע גרינע. ניט זי האָט אים געפרעגט ווען ער איז אָוועקגעגאַנגען באַלד אין דער פרי צו דער אַרבעט, ניט זי האָט געטענהט מיט אים ווען ער איז אין אָוונט צוריקגעקומען אַן אויסגעשמירטער פון דער אַרבעט. אַזוי האָט זי ניט צוגעהערט זיך צו די רייד, וואָס איר מאַן האָט אַריינגערעדט אין דעם בחור, רייד וועגן יענער זייט ים און אַנדערע אַזעלכע גרינע ענינים, וואָס זיינען פאַררעכנט געווען ביי איר פאַר הוילן אומזין און צייט־פאַרלוסט, אויף וואָס עס איז אַ שאָד די עלעקטריע, וואָס מען פטרט דערויף שפּעט אין דער נאַכט אַריין. זי איז בעסער אַריין זיך לייגן אין איר בעט באַצייטנס, אַזוי, אַז זי זאָל נאָך קענען אויסהערן די לעצטע סודות פון איר בייבי וועגן אירע עסקים מיטן דראָגיסט אַלבערט. אָבער ווי גרויס איז געווען איר חידוש, אַז אַנשטאָט צו ריידן וועגן דראָגיסט אַלבערט, האָט בעטי גאָר גענומען ריידן וועגן דעם מר. מעלניק, דעם ווענט־שמירער.

— ווייסט, מאַמע, ער האָט וואונדערבאַרע גרינע אויגן, דער מיסטער מעל־ניק, — האָט בעטי איינגערוימט דער מוטער, — גרינע אויגן, איינגעראַמט אין קויל־שוואַרצע געדיכטע ברעמען. ווי געפעלט דיר דאָס, מאַמע?

הענע האָט קיין חשק ניט געהאַט צו הערן דער טאָכטערס פלאַפּלערייען. ערשטנס, האָט זי קיינמאָל ניט געהערט, אַז גרינע אויגן זאָל זיין אַ מעלה, און נאָך דערצו ביי אַ מאַן. צווייטנס, האָט זי גלאַט קיין חשק ניט געהאַט צו ריידן וועגן אַנדערע מענטשן, אויסער וועגן דעם דראָגיסט אַלבערט.

— די אויגן מוזן אים זיין גרין פון פאַרב — האָט זי געמאַכט אַ וויץ — ער איז אינגאַנצן אַ גרינער; ניטאָ אויף וואָס צו קוקן, טאָכטער.

אָבער בעטי האָט יאָ גענומען קוקן אויף דעם גרינעם בחור, מיט יעדן טאָג אַלץ מער. זי האָט אים אויך גענומען אויפרוימען דאָס צימערל זיינס, באַהענגען עס מיט פאָרהענגלעך, פאַרפּוצן זיין בעט מיט דער בעסטער דעקע, וואָס איז געווען אין שטוב, און אַפילו אַרויפגעלייגט דערויף אַ ליאַלקע, אַ גרויסע אויסגעצייטע ליאַלקע, וועלכע זי האָט אָנגעטאָן אין פאַרביקע זיידנס און סאַמעטלעך ווי אַ ציגיינערין. יעדן ביינאַכט, ווען זי איז אַריינגעקראָכן

צו דער מוטער אין בעט, האָט זי פּאַר איר אַנטפּלעקט אַנדערע שפּאָגל־נייע מעלות, וואָס זי האָט אויסגעפונען אין מר. מעלניק. נאָך די גרינע אויגן זיינע, האָט זי דערזען, אַז ער איז שלאַנק געבויט, אַז די קנייטשן אין זיין פּנים זיינען שאַרף, איבערהויפּט די, וואָס שניידן זיך פון דער נאָז צום מויל, אַז די שטים זיינע איז מענלעך און ברוסטיק און האָט אין זיך אַ סך מעטאַל.

— מעטאַל? — האָט העגע איבערגעפרעגט אין שטוינונג, דערפילנדיק מיט איר מאַמעשן חוש, אַז עפּעס טראָגט זיך אָן אַ צרה אין שטוב — רייד בעסער ניט קיין נאַרעשקייטן, ביסט ניט קיין קינד מער, נאָר אַ יונגע ליידי. שעמען מעגסטו זיך אַרומצוגיין אַזויפיל אַרום אַן אויסגעשמירטן יונג.

אָבער בעטי האָט זיך ניט געשעמט און נאָך מער אַרומגעגאַנגען אַרום דעם הויכן שווייגנדיקן בחור און אַריינגעצויגן אים אין שמועסן, אויף וואָס ער איז קיין גרויסער בריה ניט געווען אי צוליב זיין שעמעוודיקייט, אי צוליב דעם לשון פון לאַנד, וואָס ער האָט ניט רעכט געקענט.

צי דאָס זיינען געווען דעם בחורס גרינע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער געדיכטע שוואַרצע ברעמען מיט אַ מיסטעריעזן בליק, ווי זיי וואָלטן געזען זאַכן, וואָס קיינער זעט ניט; צי דאָס איז געווען זיין געזעצטע סאָלידקייט, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט ברעכן פון בעטיס אַלע חנדלעך און קאָקעטעריע, מיט וועלכע זי פלעגט אַזוי לייכט באַזיגן יונגעלייט; צי דאָס איז געווען זיין הויכע ביינערדיקע פיגור, וואָס איז נאָך דעמאָלט ניט געווען איבערגעבויגן, און דורכגעשניטן זיך מיט גבורה דורך די אויסגעשמירטע צו־לויזע אָווער־ראָלס — בעטי האָט אַליין ניט געוואוסט גענוי, וואָס אַזוינס עס האָט זי באַזונדערס פאַרכאַפּט אין אים. אָבער געוואוסט האָט זי, אַז ער האָט זי געמאַכט אומרואיק, זינט זי האָט אים דערזען ביי זיי אין שטוב, אומרואיק און ערנסט און געפאַלן ביי זיך, אַ געפיל, פון וואָס זי האָט קיינמאָל פריער ניט געוואוסט. שטייענדיק לעבן אים אויף די שפּיץ־פינגער, ווי געוויינלעך קליינע פאַר־ליבטע מיידלעך שטייען, ווען זיי קוקן אַרויף צו זייערע געוויקסיקע געליבטע, האָט בעטי דורך אַלע זיינע פאַרב־פלעקן און טערפּענטין געזען אין אים אַ פּרינץ. ווען ער פלעגט פרייטיק פאַרנאַכט אָפּוואַשן פון זיך די פאַרב און טערפּענטין, אויסגאָלן אויף גלאַטיק זיין שאַרף פּנים, אַרומוואַשן זיך מיט שמעקעדיק וואַסער און אָנטאָן זיך אין נייעם פון קאָפּ ביז פיס, פלעגט זי גאָר משוגע ווערן פאַר אים און פון אים ניט אָפּטרעטן. זי האָט אויפגעהערט אַרומלויפן מיט אירע באַקאַנטע יינגלעך און מיידלעך אין גאַס, זי האָט אויס־געמיטן אַריינצוגיין נאָך אַ סאָדאַ אין אַלבערטס דראָג־סטאָר און אַפילו ניט מיטגעגאַנגען מיט דער מוטער אויף אירע וויזיטן צו די אויסגעגעבענע טעכ־טער, אַבי צו קענען בלייבן אַליין מיט דעם פרעמדן בחור, אַבי צו זיצן מיט

אים שעהן־לאַנג אין זיין קליין צימערל. וואָס מער צוריקגעהאַלטן ער איז געווען, וואָס מער ער האָט געקוקט אויף איר ווי אַ דערוואַקסענער קוקט אויף אַ קינד, וואָס מאַכט זיך נאַרעש, אַלץ מער האָט ער זי אָנגעצונדן.

— ווייסט, מאַמע, — האָט בעטי איינגערוימט איר מוטער אין בעט — ער איז אַ פּרינץ.

— אַ פּרינץ? — האָט הענע איבערגעפרעגט, ניט גלויבנדיק אירע אויערן.

אַ ווײַלע האָט זיך איר געגלוסט לאַכן פון דעם אומזין. באַלד איז איר פאַרגאַנגען דאָס געלעכטער. מער ווי אַלץ האָט איר דאָס ווילדע וואָרט „פּרינץ" אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ, אַז די צרה איז פאַרטיק און אַז די אַפּטייק, וואָס זי האָט שוין אין די הענט געהאַט, גליטשט זיך איר אַרויס ווי אַ גליטשיק פישל, וואָס מען כאַפּט אָן אין וואַסער.

— נו, — האָט זי גענומען האַסטיק וועקן איר מאַן פון זיין בעט, ווי אַ שטייגער עס וואָלט אויסגעבראָכן אַ שרפה אין שטוב, — נו, כ'וויל ניט האָבן דעם גרינהאָרן, וואָס דו האָסט מיר אַריינגעפירט אין שטוב, — מאַך אים צו מופן. שוין! שוין!

אָבער דאָ האָט בעטי גענומען קושן איר מוטער איבער די הענט, איבער די באַקן.

— מאַמע, איך האָב אים ליב — האָט זי גערעדט מיט פייער — ווייסט גאָרנישט, מאַמע, ווי ליב איך האָב אים.

ביי דער גאַנצער ליבשאַפט צו איר „בייבי" האָט הענע ניט געקענט פאַר־טראָגן אירע ווילדע קושן, ניט הערן אירע הייסע רייד. צו ווילד איז עס געווען צו טראַכטן אַפילו, אַז בעטי, איר אויג אין קאָפּ, איר בייבי, וואָס אַליין דער דראָגיסט אַלבערט חלשט נאָך איר, זאָל איינבעטן זיך ביי שלום מעלניק, אַ גרינהאָרן, אַ וועגט־שמירער, וואָס איז נאָך דערצו שוין אַ בחור אין די יאָרן, מיט אַמווייניקסטנס צען יאָר עלטער פון איר. דאָס איז געווען מער ווי זי האָט געקענט איבערטראָגן. ווילד איז זי געוואָרן, ווען דער מאַן האָט גענומען זאָגן דעות פון זיין בעט אַרויס און איינשטעלן זיך פאַר דעם, וועמען ער האָט אין שטוב אַריינגעבראַכט.

— וואָס שטייט דיר אַזוי ניט אָן, מיסעס דזשייקאָב שיף? — האָט מר. פּעפּערמינץ געפרעגט — אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָסער וואוילער בחור מר. מעל־ניק איז, און מיטן יחוס זיינען מיר אויך קוויט . . .

הענע איז גרייט געווען, אין איר צאָרן, אַרויסצוזאָגן אויפן אָרט דעם מאַן צוזאַמען מיטן „אומגליק". אָבער דאָ איז בעטי געוואָרן היסטעריש און גע־נומען שלאָגן זיך מיט ביידע פויסטעלעך אין די מיידלשע בריסטן.

— מאַמע, איך וועל ניט לעבן אָן אים, — האָט זי געדראָט יאַמערדיק, — איך וועל מיך וואַרפן אונטערן „על". אָט דאָ־אָ וועל איך מיך וואַרפן.

זי האָט געוויזן מיט דער האַנט דורכן פענצטער, דורך וועלכן מען האָט געזען דעם „על" פאַרביילויפן.

האָט הענע מער ניט גערעדט און בלויז פאַרבראָכן מיט די הענט אויף איר אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפן ווי אַ דונער־שלאַג אין מיטן העלן טאָג.

ביי נישט קיין גאַנצע אַכצן יאָר איז בעטי געשטאַנען אונטער דער חופה מיט שלום מעלניק, ווען זי האָט אַפילו ניט רעכט צום אַקסל דערגרייכט, כאָטש זי האָט אָנגעטאָן שיך מיט די העכסטע קנאַפּל. די חתונה איז געווען אַ שטילע, בלויז ביים היימישן רב פון מר. פעפערמינצס שולכל. הענע האָט ניט געוואָלט באַווייזן זיך מיט דער בושה אין אַ גרויסן חתונה־זאַל, וואו זי פלעגט, געוויינלעך, אויסגעבן אַלע טעכטער. מר. פעפערמינץ האָט זיך דווקא משמח געווען און זיך אַפילו פאַרשנאַשקעט פון ערשטן גלעזל, וואָס ער האָט גענומען. הענע האָט אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער.

— וואָס איז די שמחה אויף דיר, גולם? — האָט זי אים געגעסן די לע־בער — ס'קינד האָט זיך געקוילעט אָן אַ מעסער . . . אינגיכן וועט זי רייסן פון זיך די הויט פאַר חרטה. וועסט זען מיין נביאות.

און הענעס נביאות איז מקוים געוואָרן.

פריער אַפילו ווי די מוטער האָט עס דערוואַרט, איז געקומען אויף בעטין די חרטה, די גרויסע חרטה, וואָס קומט געוויינלעך נאָך גרויסע דערוואַרטונגען. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיטן גיכן טראָגן, אין וועלכן בעטי איז פאַרגאַנגען איידער זי האָט זיך רעכט אומגעקוקט. ווי אַלץ ביי דער קאַפּריזנער בעטי, איז אויך איר טראָגן געווען ראַשיק און שטורמיש. זי האָט געחלשט אָפט אין די ערשטע חדשים, געהאַט שווערע קאָפּ־ווייטיקן און געפילט זיך דער־שלאָגן און אומבאַקוועם. ווען דאָס האָט זיך איינגעשטעלט, האָט איר קליין ווייבעריש קערפּערל גענומען שנעל זיך אויסקייקלען און דאָס בייכל איז איר אַרויסגעוואַקסן מיט אַ שפּיץ, אַזוי אַז אַלע קורצע קליידלעך אירע האָבן זיך פאַררייסן, און ווייבער אין גאַס, און אַפילו מענער, האָבן נאָכגעקוקט מיט חידוש דעם קינדערשן ווייבעלע, וואָס האָט אויסגעזען יינגער פון אירע יאָרן. בעטי האָט זיך געשעמט מיט איר צושטאַנד און זי האָט דערפילט אַ שנאה צום מאַן, וואָס ער, דער עלטערער פון איר מיט גאַנצע צען יאָר, האָט ניט פאַרהיט זי, אין איר יונגקייט און אומוויסנקייט, פון דעם פריען עול און פּיין. שלום מעלניק האָט אין זיין פשטות ניט פאַרשטאַנען די פאַרוואורפן, וואָס מען האָט אים געמאַכט, און ער האָט גענומען צערטלען מיט זיינע האַריקע הענט זיין קליין ווייבעלע. אָבער בעטי האָט זיינע צערטלערייען ניט געוואָלט מער. ער

איז ניט מער געווען פאַר איר קיין פּרינץ, נאָר אַ מאַן, און אַ מאַן וואָס האָט זי ניט געשוינט און אָנגעוואָרפן אַ יאָך אויף איר. דערצו האָבן זיינע הענט, אויסגעווייקטע פון פאַרב און טערפּענטין, געגרייצט איר נאָז און האַלב־אָפענע ליפּן. ס'האָט איר געשלאָגן צו חלשות. אָט דער ריח זיינער פון פאַרב און טערפּענטין, וואָס האָט פאַר דער חתונה איר געשמעקט, איז איר איצט נאָכ־געגאַנגען פון אין דער פרי ביז נאַכט. זי האָט אים געפילט אין די קליידער, אין מעבל אין שטוב, אין עסן און אַפילו אין נייעם פּאַמיליען־בעט.

— ניין, האָט זי גענומען מורמלען און אָוועקדרייען זיך פון מאַן יע־יעדעס מאָל, ווען זיינע קרעפּטיקע הענט האָבן זי גענומען צערטלען אין דער פינצטער, — לאָז מיך אָפּ, שמעקסט מיט טערפּענטין.

מער ווי דער מאַן, איז איר געווען אָן עול דאָס קינד זיינס, וואָס זי האָט אין גרויס פּיין — דאָס ערשטע אין איר לעבן, — געבוירן צו ניין חדשים נאָך דער חתונה.

עס איז נישט געווען דערפאַר, וואָס דאָס קינד זאָל האָבן געווען אַ ניט־געראָטנס. ניין, דאָס ייִנגל אירס איז געקומען אויף דער וועלט אַ גרויס, מיט גרינע אויגן, מיט אַ ברוינער הויט, און אַפילו מיט אַ גרייט בינטל שוואַרצע האָר פון פאָרנט, איינגאַנצן דער טאַטע. אָבער בעטי האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבן מיט איר ערשט־געבוירענעם, האָט ניט פאַרטראָגן דעם קינדס געוויינען און באַדערפעניש און רייסן זיך אין די נעכט, גראָד ווען איר שלאָף איז געווען דער סאַמע זיסטער.

— נאַדיר, האַלט זיך דערמיט, — האָט זי אין איר כעס געוועקט דעם מאַן פון שווערן שלאָף און צוגעוואָרפן אים דאָס וויינענדיקע קינד זיינס — איך ווייס ניט ווי אַזוי עס איינצושטילן.

שלום פלעגט געלאַסן און רואיק צושאָקלען דאָס עופעלע ביז עס איז איינגעשלאָפן. די געלאַסנקייט זיינע האָט, אנשטאָט באַרואיקן בעטין, נאָך מער זי אויפגעקאָכט. זי האָט אים ניט געקענט פאַרגעבן דעם יאָך, אין וועלכן ער האָט זי איינגעשפּאַנט, ווען זי אַליין איז נאָך אַ קינד געווען. אָן אמתן האָס האָט זי דערפילט צו אים, ווען זי האָט, צו איר גרויסן שרעק, געכאַפּט זיך פלוצלונג, אַז זי איז אינגיכן ווידער מעוברת געוואָרן, איידער זי האָט אַפילו רעכט באַוויזן דאָס ערשטע קינד צו שטעלן אויף די פיסלעך. די ערשטע טעג האָט זי באַגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און בשום אופן ניט געוואָלט אויפשטיין פון בעט. די מוטער און די שוועסטער, וואָס זיינען געקומען צו איר, האָבן איר בלויז געהאָלפן אויפפלאַקערן-וואָס שטאַרקער די שנאה צו דעם גרינהאָרן, וואָס האָט גאָרניט געלערנט אין דער נייער גרויסער וועלט. נאָך עטלעכע טעג ביטערן און וויינען, האָט בעטי זיך אויסגעוואַשן גוט דאָס צוגעלייגטע פּנים,

אנגעקאָרבירט די שוואַרצע לאָקן, אָנגעטאָן דאָס קירצסטע קליידל, וואָס האָט איר ביז די סאַמע קניען דערגרייכט, און אינגאַנצן צוגעוואָרפן דאָס קינד אירס דעם מאַן.

— בעטי, וואו גייסטו? — האָט שלום געפרעגט ביים אויסגעפּוצטן ווייבעלע.

— אַ, האָבן אַן אייז־קרים סאָדאַ אין אַלבערטס דראָג־סטאָר, — האָט בעטי געענטפערט גלייכגילטיק, ניט ווי זי וואָלט געווען אַ מאַמע פון איין קינד, און אין די ערשטע חדשים מיט אַ צווייטס, נאָר ווי אַ האַי־סקול מיידל, וואָס גייט אַרויס נאָך אַ נאַש און אַ פלירט.

די באַקאַנטע מיידלעך און יינגלעך, וואָס זיינען געזעסן אויף הויכע בענק־לעך און געזופּט סאָדאָס דורך שטרויעלעך, לאַכנדיק, טומלענדיק און שפּאַסנ־דיק, האָבן באַגעגנט בעטין מיט שמחה און איר אַריינגענומען אין מיטן. אַל־בערט דער דראָגיסט אַליין איז איבערגעגאַנגען פון זיינע מעדיצינען צום סאָדאַ־טיש און געמאַכט פאַר בעטין דעם בעסטן געמיש פון אַ טרונק. בעטי האָט געלאַכט און געשפּאַסט און געקאָכט זיך און געפלירטעוועט אויף רעכטס און לינקס ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, און אַפילו נאָך רווישיקער. נאָך דעם יאָר פון ווייבערישן און מאַמעשן יאָך איז די מיידלערישע פריהייט געווען אומגעו־הויער זיס, אַלע טעמים האָט זי געהאַט. פונקט אַזוי האָט בעטי גענומען גיין אָפּט אין דער מואווי, אַנטקעגן אַלבערטס דראָג־סטאָר, אַרומלויפן מיט די מיידלעך און יינגלעך, לאַכן, שטיפן און ברענען אַ וועלט. זי האָט געוואָלט אַריינכאַפּן ווי לאַנג ס'איז צייט געווען, ווי לאַנג מען האָט אויף איר קליין געשיקט פיגורל ניט אָנגעזען קיין סימן פון אומגליק אין איר קערפּער. דאָס קינד האָט זי געלאָזן ביי דער פרוי, וואָס האָט געוואוינט אַנטקעגנאיבער דער גאַס, אַ מיטל־יאָריקער שכנה, וואָס האָט הנאה פון באַנייען מאַמעשאַפט אין די וועלקנדיקע יאָרן, און מער פון אַלעמען — איר מאַן. ניט נאָר אין די שבתים און יום־טובים האָט בעטי אים איבערגעלאָזט דאָס קינד אין וועגעלע, נאָר אויך אין די אוונטן, ווען ער איז געקומען פון דער אַרבעט, און אין די טעג, ווען ער האָט קיין אַרבעט ניט געהאַט. שלום האָט מיט הנאה אַרויס־געפירט דאָס קינד אין וועגעלע און צוגעשטופּט עס ביזן ברעג איסט־ריווער, וואו ער האָט ליב געהאַט צו זיצן און צוקוקן זיך צו די שיפן און באַרזשעס, וואָס גייען איבער דעם וואַסער. דעם קינדס ברוין פּנימל האָט געריטלט זיך פון זון, לופט און וואַסער, וואָס עס האָט איינגעאָטעמט אין זיך. שלום האָט געקוואָלן אין פאָטערשן נחת, קוקנדיק אויף דעם קינד, וואָס איז ממש געוואַקסן אונטער זיינע אויגן, און ער האָט געפילט זיך טאַטיש געהויבן ווען פאַרבייגייענדיקע ווייבער האָבן באַוואונדערט די בייבי און געסמאַטשקעט

דערצו מיט די ליפן. אַזוי האָט ער מיט צופרידנקייט אָנגענומען די ווייבערס אָנערקענונג פאַר זיין אַרומגיין אַרום אַ קינד, אַן אָנערקענונג, וואָס עלטערע ווייבער גיבן זיי גערן צו געטרייע טאַטעס און מענער, אין וועלכע זיי זעען דעם קיום און אָנהאַלט פון זייער ווייבערישן מין. שעהן האָט ער געקענט אַזוי אָפּזיצן ביים ברעג טייך, קוקן אויפן שפּיל פון זון מיט וואַסער, באַטראַכטן אַ שטיק שווימענדיק האָלץ, אַ פליוסק פון אַ פיש, אַ פלי פון אַ מעווע, דאָס גרינען פון גראָז, וואָס רייסט זיך דורך דורך דעם שטיינערנעם שטאָטישן באָדן. נאָך די געדיכטע וויליאַמסבורגער גאַסן, נאָך דעם שמירן וועגט פון שווערע טונקעלע מויערן, האָט די רחבות, זון, טייך און ווינט באַזונדערס געגלעט זיינע וויטזיכטיקע גרינע אויגן אונטער געדיכטע קויל־שוואַרצע ברעמען. און כאָטש די רויטע שווערע שפּייכלערס אַרום ברעג און דער אָפּקלאַנג פון דער ציטערנדיקער בריק האָבן מיט גאַרניט געקענט דערמאָנען זיין געבורטס־שטעטל גראַביצע, פון וואַנען ער איז ניט־לאַנג געקומען, האָט זיך אים כסדר אויסגעדאַכט, אַז ער איז צוריק דאָרט אין זיין געבורטס־אָרט, נאָך וועלכן ער האָט ניט אויפגעהערט בענקען.

די פיש־פאַנגער זיינען דאָ, פּונקט ווי אין זיין געבורט־שטעטל ביים טייך, געשטאַנען שוויגנדיקע און רואיקע שעהן לאַנג, אָנגעבויגן איבער זייערע ווענדקעס. דער הימל איז דאָ געווען פּונקט אַזוי היימיש און געמיטלעך, דורכגעוואָרפן מיט ווייסע און בלויע וואָלקנדלעך. אַזוי זיינען געווען די פייגעלעך, וואָס זיינען אַרומגעשפּרונגען אויף דער ערד, טאַנצנדיק און פּישטשענדיק. די וועש, וואָס אַ פישער־ווייב האָט אַרויסגעהאַנגען אויף אַ שיף צו טריקענען, האָט דערמאָנט אָן די היימישע העמדער און לייבלעך, וואָס די מוטער זיינע פלעגט אַרויסהענגען אַ פרייטיק אין דער פרי אויף דעם פּלויט, אויסצוטריקענען זיי אויף שבת.

ווען בעטי האָט אים געבוירן דאָס צווייטע קינד, אַ מיידעלע, האָט שלום בלויז צעטיילט דאָס קינדער־וועגעלע אויף צוויי העלפטן און ביידע קינדער צוזאַמען אַרויסגעפירט אויף זיינע שפּאַצירן, ווען נאָר ער האָט געהאַט אַ פרייע פּאָר שעה.

נאָכן צווייטן קינד האָט בעטי זיך באַרואיקט. זי האָט איינגעזען, אַז צוריקקומען צום מיידלשן לעבן איז אוממעגלעך, אַז זי דאַרף צאָלן פאַר איר באַרעשקייט, קעגן וועלכער די מוטער האָט זי אַזוי שטאַרק געוואָרנט, און זי האָט דערפאַר ניט געוואָרפן זיך מער אין בעטגעוואַנט וויינען, ווי פריער, ניט געשפּרונגען מיט נעגל דעם מאַן אין די אויגן. זי האָט זיך בלויז אויסגעהיט ווי געהעריק ניט אַריינצופאַלן אַ דריטן מאָל אין אירע יונגע יאָרן. זי האָט אויך געזען צו פירן אַ לייטישע שטוב פאַר די אויסגעשמירטע דאָלאַרן, וואָס

דער מאַן האָט איר אָוועקגעגעבן יעדע וואָך ביז צום לעצטן דאָלער. ווי פריער אין פלירטן, אַזוי האָט זי איצט דעם גאַנצן קאָפּ אַריינגעלייגט אין די שמאָכטעס אין שטוב. עס איז איר גאָרניט מיאוס געוואָרן אַנצוקויפן אַלערליי שענקעלעך און טישעלעך און פאַרביקע לאָמפּן און גלאָזוואַרג און טעלערס און פּאָרצעלייענע פיגורעלעך און זיידענע קישעלעך, מיט וועלכע זי האָט אָנגעשטופּט איר קליינע וואוינונג אין וויליאַמסבורג. אַזוי האָט זי געהאַלטן אין איין אויסנייען פאַר די קינדער אירע אַלערליי העמדעלעך און לייבעלעך און טשיפּעקלעך, איבערהויפּט פאַר דער מיידעלע, וואָס איז געווען גערעטן אין איר, דער מאַמען און האָט אויסגעזען מער ליאַלקע ווי לעבעדיק קינד. אָבער צו קיין גרויס שלום־בית צווישן מאַן און ווייב איז שוין ניט געקומען מער. כאָטש בעטי איז געווען די, וואָס איז מיידלוויז שלומען נאָכגעלאָפן, ניט ער נאָך איר, האָט זי זיך געפילט באַעוולט, ווי דער מאַן וואָלט איר צוגעזאָגט אַ מלכות און אָפּגענאַרט שפּעטער.

יעדער מאָל, ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען אַלבערטס דראָג־סטאָר און געזען ווי זיין יונג ווייבל, מיט וועלכער ער האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט, זיצט ביי דעם געלט־רעגיסטראַטאָר און וואַרפט אַריין אין אים געלט, געבנדיק אַ פריי־לעכן קלונג דערביי, האָט זי אויפסניי דערפילט די עוולה, די שווערע עוולה, וואָס עס איז איר געשען. אַזוי האָט זי עס געפילט, ווען זי פלעגט גיין צו גאַסט צו די עלטערע שוועסטער אירע, וואָס אַלע האָבן זיי געוואוינט אין גרויסע שיינע וואוינונגען, געהאַט פולע שאַפעס מיט קליידער און שיך, און אַפילו מאַשינען.

שלום האָט קיינמאָל ניט געוואָלט מיטגיין מיט איר אויף אירע וויזיטן און ער האָט אויסגעמיטן צו זיין ביי זיך אין דער היים, ווען די שוועגערינס און די שוואָגערס פלעגן אָפּשטאַטן וויזיטן ביי אים. די שוועגערינס האָבן שוין צו־הויך באַוואונדערט בעטיס ביליקע מציאות אין שטוב, ווי דערוואַק־סענע מאַכן חוזק איבער אַ ווערטלאָזע שפּילצייג, מיט וועלכער אַ קינד באַרימט זיך. נאָך אָפּענער האָבן די שוואָגערס אַרויסגעוויזן זייער ביטול צו זיין שטוב און צו אים אַליין, שלום מעלניק. אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די רעק און אָנ־רויכערנדיק אַ פולע שטוב מיט ציגאַרן־רויך, האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן זייערע ביזנעס, וועגן זייער בריהשקייט און „מאַכן געלט" און וועגן די מאַשינען זייערע, וואָס זיי האָבן געקויפט אָדער פאַרקויפט. עס איז זיי גאָרנישט מיאוס געוואָרן צו ריידן וועגן מאַשינען, געזאָלין, שנעלן טרייבן און צוזאַמענשטויסן. שלום מעלניק האָט גאָרניט געהאַט וואָס צו דערציילן פון זיינע וועגנט, וואָס ער האָט געשמירט. און אַפילו דאָס, וואָס ער האָט גע־האַט צו דערציילן, האָט ער אויך ניט דערציילט, ווייל ער האָט זיך ניט געפילט

ביי זיך אין דער היים מיטן ענגלישן לשון, וואָס אַלע אַרום אים האָבן אַזוי פּליסיק און גלאַטיק גערעדט. אין די עטלעכע גרייזיקע יידישע ווערטער, וואָס די משפחה האָט צוליב אים, דעם גרינעם, אַריינגעוואָרפן, איז געווען חוזק און ביטול. מיט דעם גרעסטן חשק, ווי אַ יינגל אַנטלויפט פון אַן אומבאַקוועמער שטוב, האָט שלום, ביי אַזעלכע געלעגנהייטן, אַרויסגעכאַפּט זיך פון הויז, גע־נומען דאָס וועגעלע מיט די קינדער און אַוועק צום ברעג טייך, דעם עיר־מקלט זיינעם. דאָס אייגענע פלעגט ער טאָן, ווען אויף בעטין פלעגט אָנפאַלן פון צייט צו צייט אַ שלעכטע שעה און זי פלעגט אים נעמען עסן, גריזשען, און דערגיין די יאָרן, פאַרוואָס ער איז ניט ווי ביי לייטן מענער זיינען. ביי לייטן מענער אַרבעטן זיך מיט דער צייט אַרויף, אַפילו גרינע אַרבעטן זיך מיט דער צייט אַרויף, ווערן פון אַרבעטער באַלעבאַטים, אָדער קריגן זיך אַריין אין אַ יוניע און דערשלאָגן זיך צו עפּעס. ער, דער מאַן אירער, האַלט זיך אַ גאַנץ לעבן ביי זיין עמער און פּענזל, שלעפּט קוים מיט צרות צו־נויף עטלעכע טאָלער ביי אַרבעטן פאַר עמעצן, און אַ סך מאָל האָט ער אַפילו קיין אַרבעט נישט. ביי לייטן מענער גיבן אַ גוט לעבן זייערע ווייַ־בער, קויפן זיי פּוטערס און צירונג און טייערע קליידער און שיקן זיי אויף זומער־ און ווינטער־פּלעצער און קויפן זיי אַפילו מאַשינען, נאָר זי, בעטי, קען קיינמאָל ניט קויפן קיין זאַך אין שטוב, גייט אַן אַ קליידל, נאַקעט און באָר־וועס. שלום מעלניק פלעגט אַנטלויפן וואָס פריער פון שטוב, ניט אַזוי צוליב ניט קענען איבערטראָגן דאָס ווייבערישע גריזשעניש, ווי צוליב מורא פאַר זיך אַליין, ער זאָל ניט אַרויס פון די כלים און אָפּטאָן אַ שלעכטע זאַך. מער פון אַלץ האָט אים אָנגעצונדן דאָס בלוט בעטיס טענות וועגן דער נאַקעטקייט און באָרוועסקייט אירער, אין דער צייט ווען די עטלעכע שאַפעס אין שטוב האָבן זיך שיר ניט צעשפּאָרט פון אירע פילע קליידער, מאַנטלען, שיך און היטע־לעך. שלום האָט געוואוסט, אַז אַ סך איבער־שעהן און שווערע נאַכט־אַרבעט זיינען זיינען געלעגן אין די אַלע קליידער און שיך.

מיט דעם איינציקן פון דער משפחה, מיט וועמען שלום מעלניק פלעגט קענען אויסריידן אַ וואָרט, איז געווען דער שווער זיינער, דער אייגבינדער, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט אַריינפאַלן אין אַ שבת. לייענענדיק די צייטונג נאָך פון יענער וואָך, פלעגט מר. פעפערמינץ אַלעמאָל אויפסניי איבערדרייסן אין דער מיט און אַרומריידן מיט זיין איידעם היימישע זאַכן. ווי תמיד, איז ער אַרויפגעקומען צו מאַן און ווייב עסקים, פון וואָס ער האָט אַליין געליטן אַ לעבן־לאַנג, און משער געווען זיך, אַז דעם איידעם גייט עס אויך ניט בעסער דעריין.

— ווייסעך וואָס, — האָט ער גערעדט גיך, רייניקנדיק מיט די נעגל דאָס

קלעפּאַכטס פון די פינגער, — אַזוי זיינען זיי שוין, די ווייבער . . . מיינע איז אויך אַזוי, פונדעסטוועגן האָבן מיר אָפּגעלעבט אַזוי אַ לעבן . . . ס׳בעסטע איז ניט צו ענטפערן זיי . . .

שלום מעלניק האָט זיך טאַקע אַזוי געפירט — אָפּגעלעבט אַ לעבן און ניט געענטפערט. קיין גרויסן טעם האָט דאָס לעבן אַזאַ ניט געהאַט. עס איז געווען נישט אַהין, נישט אַהער, נישט אינגאַנצן שלום, נישט אינגאַנצן ברוגז, אָבער עס האָט זיך געשלעפּט אַזוי טאָג נאָך טאָג, יאָר נאָך יאָר. שלום האָט געפונען דאָס ביסל גליק, וואָס אַ מענטש מוז האָבן, אין די קינדער, וואָס זיינען געוואַקסן ווי אויף הייוון. בעטי האָט געפונען איר גליק אין דער „מואווי״ קעגנאיבער דער גאַס, אין וועלכער זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט ווען נאָר זי האָט געקענט. ווי מיידלוויין, האָט זי געהאַט אירע ליבלינגען צווישן די סטאַרס. ווי מיידלוויין, האָט זי מיטגעלעבט מיט די העלדן און העלדינס אויפן לייוונט. אין דער שיינקייט און רייכקייט און יום־טובדיקייט פון די בילדער האָט זי פאַרגעסן איר וואָכעדיק גרוי לעבן. לעבנדיק אַזוי ווי אויף דערוויילן, אַמאָל אין מער שלום און אַמאָל אין ווייניקער, האָבן ביידע, מאַן און ווייב, איינגעוואוינט זיך מיט זייער לעבן, וואָס איז געוואָרן ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. אַלץ איז געוואָרן נאַטירלעך — די רייסעניש און די אויסגלייכונגען, די ברוגזן און די איבערבעטענישן, און אַפילו דאָס שלאָפן אין איין פאַמיליען־בעט, ווייל דאָס שלאָפצימער איז געווען צו־קליין צו האָבן צוויי בעטן, און אַפילו דאָס מאַן און ווייב צוזאַמענלעבן אין נעכט, ווען עס איז צו קיין מחלוקת ניט געקומען.

גאַנצע זעכצן יאָר איז דאָס דאָזיקע לעבן אַזוי אָנגעגאַנגען און וואָלט זיך שוין אַזוי אוודאי געצויגן ביז דעם סוף, ווען ניט דאָס, וואָס מיטאַמאָל האָט שלום מעלניקס בלוט גענומען פּלוצלונג בונטעווען זיך קעגן דעם בליי־גיפט, וואָס עס האָט יאָרן־לאַנג אין זיך איינגעזאַפּט. און דאָקטוירים האָבן געהייסן דעם חולה אָוועקלייגן עמער און פּענזל, אויב ער וויל ניט יונגערהייט גיין פון דער וועלט.

נאָך פופצן יאָר פון שטוביקער מאַנאָטאָניע, פון פאַרגליווערטער איי־ביקער אומצופרידנקייט, פון פאַרלאַרענע האָפענונגען, האָט איצט אי ביי בעטין, אי ביי שלום מעלניקן, אויפגעוועקט זיך עפּעס, האָבן אויפגעבליט נייע האָפענונגען, נייע וואונטשן.

בעטי, וואָס האָט אַלעמאָל פאַראַכט דעם מאַנס אַרבעט און עס האָט זי געצויגן צו אַ ביזנעס און צו אַ לוסטיקער ביזנעס דערצו, האָט גלייך גע־נומען טראַכטן וועגן עפענען אַ לאָנטשאָנעט אין אַ קאָרנער, אָדער אַמוויי־ניקסטנס אַ „סטעישאָנערי״ מיט ציגאַרן, שרייב־געצייג און געטראַנקען. דער חשק צו אַ טומלדיקער ביזנעס מיט אַ סך פאַרביקע סחורות, אַ סך עלעקטרי־

שער ליכט, אַ סך פריילעכע קונים און אַ גלאַנצנדיקן געלט־רעגיסטראַטאָר, וואָס קלינגט פריילעךביים שלינגען געלט, איז אַלעמאָל געווען גרויס ביי בעטין, נאָך פון די מיידלשע יאָרן, ווען זי פלעגט זיצן מיט כאַפּטעס יונגוואַרג אין אַלבערטס דראַג־סטאָר. זי האָט, אמת, שוין צו אַזאַ זאַך ניט געקענט דער־גרייכן מער, ווייל, אין איר אומפאַרגעבלעכער נאַרעשקייט האָט זי איר לעבן און גליק פאַרשפּילט. אַן אַנדערע איז געזעסן אויף איר אָרט ביים געלט־רעגיסטראַטאָר אין אַלבערטס פּלאַץ. אָבער וועגן אַ קלענערער ביזנעס האָט נאָך אַלץ בעטי ניט אויפגעהערט צו חלומען. און איצט, אַז דער מאַן האָט ענדלעך געמוזט אָוועקוואַרפן זיינע אויסגעשמירטע אָוועראָלס, האָט זי דער־זען אַז איר חלום קען מקוים ווערן. מיט גרויס ענערגיע האָט זי אַליין, נישט פרעגנדיק אַפילו איר מאַן, גענומען זוכן ליידיקע געשעפטן אין יעדער ווינקל גאַס, לייענען ביזנעס־אַנאָנסן אין די צייטונגען און ריידן אַפילו מיטן בראָקער פון דער געגנט וועגן אַפּקויפן אַ גוטע ביזנעס פאַר ווייניק געלט. דער פלינקער מעקלער האָט זי געפירט פון גאַס צו גאַס, פאַרזיכערט איר פריערדויס, אַז אַזאַ שיין ווייבעלע, ווי זי, איז ווי באַשאַפן געוואָרן פאַר אַזאַ ביזנעס און אַז אַלע יונגעלייט פון דער געגנט וועלן קלעפּן צו איר לאַנטשאַנעט ווי פליגן צו איינגעמאַכטס. בעטי האָט מיט אַ פּיצעלע בליישטיפטל פאַרשריבן מיט פּיצעלעך אותיות אין איר פּיצל ביכעלע די אַדרעסן פון די געשדכנטע ביזנעס.

מיט דער זעלביקער ענערגיע האָט זי גענומען אַפּשטאַטן וויזיטן ביי אירע אויסגעגעבענע פאַרמעגלעכע שוועסטער און אַריינריידן אין זיי און אין זייערע מאַנען, זיי זאָלן איר אַרויסהעלפן מיט הלוואות וואָס זי וועט אָפּגעבן מיט דאַנק ווי נאָר זי וועט איינשטעלן אַ ביזנעס און קומען צו די ערשטע געלטער.

— איצט איז די געלעגנהייט, טייערע, — האָט זי געררעדט הייס צו די שוואָגערס, הנדלענדיק זיך מיט אַלע ווייבערישע הנדלעך, וואָס זי האָט פאַר־מאָגט אין אירע אויגן, ציין און לאָקן.

די שוואָגערס האָבן זיך געדונגען, דערציילט וועגן דעם ווי „סלאָו" עס איז מיטאַמאָל געוואָרן אין ביזנעס, אָבער זיי האָבן איינגעווייליקט אונטער־צוהאַלטן זייער שוועגערין.

בעטי איז געווען אַזוי באַגייסטערט, אַז זי האָט אויסגעקושט די שוואָגערס מיט אירע שטאַרק־אָנגעפאַרבטע ליפּעלעך, צום באַהאַלטענעם פאַרדראָס פון אירע עלטערע שוועסטער. מיט נאָך שטאַרקערע קושן האָט זי באַדעקט איר פערצן־יאָריקער ליוסי, וואָס איז געווען ווי איין טראָפּן וואַסער אַ קאָפּיע פון איר, פון בעטין. זי האָט אַ סך גערעכנט אויף דער קליינער ליוסי, וואָרעם ווי יונג זי איז געווען, איז זי שוין געווען אַזוי לעבעדיק און לאַכעדיק און ליבלעך צו מענטשן, ווי זי, בעטי, וואָס דאָס איז אַ גרויסע מעלה ביים צוציען

יונגע מענטשן. אויב זי האָט ניט קיין סך דערוואַרט פון איר מאַן, דעם מרוק, און פון בענען, דעם איבערגעוואַקסענעם זון, וואָס איז געווען אַזאַ שווייגער און צוריקגעהאַלטענער ווי דער טאַטע, האָט זי עס דערוואַרט פון דער טאָכ־טער, וואָס האָט געהאַלטן תמיד מיט איר, דער מוטער. זי האָט שוין אַפילו געהאַט אויסגערעכנט ווי אַזוי די אַרבעט איינצוטיילן. דער מאַן און דער זון וועלן טאָן די פּראָסטע אַרבעט, אין וועלכער מען קומט ניט אין באַגעגעניש מיט קונים. זי און ליוסי וועלן אַרומגיין מיט מענטשן, באַדינען געסט, נעמען געלט. ווען דאָס געשעפט וועט זיך אַרויפאַרבעטן, וועט מען צונעמען מענטשן צו דער אַרבעט, און זי, בעטי, וועט בלויז זיצן ביים געלט־רעגיסטראַטאָר. בעטי האָט זיך באַצייטנס אָוועקגעטראָגן גאָר הויך אין אירע דערוואַרטונגען.

פונקט אַזוי האָט שלום מעלניק אַרומגעטראָגן זיך מיט אייגענע פּלענער פאַר זיין ניי לעבן, פאַר וועלכן ער איז געשטעלט געוואָרן פּלוצלונג.

האָבנדיק פרייע טעג איצט, לאַנגע פרייע טעג, וואָס ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיי, פלעגט ער אָוועקגיין פון הויז ניט נאָר צום ברעג טייך, ווי ער פלעגט עס טאָן פאַר אַלע יאָרן, נאָר אַ סך ווייטער, וואו נאָר די אויגן האָבן אים געטראָגן. ניט פאַרטראָגנדיק די שטאָט, צו וועלכער ער האָט זיך ביי קיין פאַל ניט געקענט צוגעוואוינען אַפילו נאָך יאָרן וואוינען אין איר, האָבנדיק אַ ווידערווילן צו מויערן, צום „על" פון זיין גאָס, צו געדיכטקייט, מענטשן־געדראַנג, טומל, גאַסן־באַוועגונג, איילעניש, און מער פון אַלץ צו ווענט, צו גרויע ווענט, וועלכע ער האָט יאָרן־לאַנג געשמירט מיט פאַרב און זיין בלוט דערביי פאַרסמט, — פלעגט ער אַוועקקריכן צו פרייע פּלעצער, צום ברעג ים, צו פּאַרקן, צו דער בעטערי, וואו שיפן גייען אָפּ, באַגלייט פון מעוועס. פון ווייט האָט זיך געהויבן די גרויסע אייזערנע פרוי מיטן פאַקעל אין דער אויפגעהויבענער האַנט. שיפן האָבן געברומט, אַנזאָגנדיק בשורות פון ווייטע לענדער, צו וועלכע זיי גייען. אַרום ברעג האָבן טויבן אַרומגעשמאַיעט, געוואָרקעט, געשטעלט זיך שלומען אַרום די פיס, אַפילו אויף אַן אַקסל, די פרישע ווינטעלעך, דאָס וועיכע אָנשלאָגן פון די כוואַליעס אין ברעג, דאָס וואָרקען פון די טויבן, דאָס שרייען פון די מעוועס פלעגט אים פאַרוויגן, איינשלעפערן. שלום פלעגט זיך אויסציען אויפן גראָז, אַ זאַך, וואָס ער האָט שוין ניט געהאַט געטאָן זייט יאָרן, פון דעם טאָג ווען ער האָט פאַרלאָזט זיין שטעטל, און איינשלאָפן אין מידער זיסקייט. גלייך ווי די אויגן האָבן זיך אים צוגעמאַכט, איז ער באַלד געווען צוריק ביי זיך אין דערהיים, אין גראָ־ביצע. ער האָט געזען זייער הייזל, וואָס כאָטש דער דאַך איז געווען געדעקט מיט שינדלען, ווי מערסטנס שטעטלשע יידישע הייזלעך, איז עס פונדעסטוועגן געשטאַנען אַרויסגערוקט, נעענטער צום דאָרף, ווי צום שטעטל. איין העלפט

פון הויז, וואו די קי שטייען, איז אַפילו געדעקט מיט שטרוי, ווי אַלע פויערשע הייזלעך. ביים הויז פון הינטן וואַקסן הויכע געבויגענע רויזן־קערן. אויף שטעקעלעך וויקלען זיך געקרויזלטע בעבלעך־פלאַנצן, ווי געקרייזלטע רבנישע פּיאות. גלייכע בייטן פון קאַרטאָפל, קרויט, מערן, ציבעלע, פעטרישקע און אַנדערע גרינסן ציען זיך איינס נאָכן אַנדערן. די מאַן־קעפּלעך בייגן זיך אויף זייערע דינע שטענגלעך. איבער די גרינסן שטייען זיינע שוועסטער, מיט פאַרשטעקטע קליידלעך, אויסרייסנדיק ווילד־גראָז און איבערגראָבנדיק ערד. אויף יעדן פלאַקן פון זייער פלויט טריקנט זיך אַן ערדענער טאָפּ אָדער אַן אויסגעוואַשן העמד, וואָס די מוטער האָט אַרויסגעהאַנגען. ער, שלום, האָקט אַן האַלץ פאַר דער שטוב. פאַרנאַכט גייט ער אַרויס אַנטקעגן דעם פאָטער, וואָס טרייבט געוויינלעך אַהיים די קו, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט ביי אַ פויער אין אַ דאָרף. דער פאָטער גיט אים איבער דאָס שטריקל, וואָס איז צוגעבונדן צו דער בהמהס הערנער. פאַר דער טיר זיצט שוין די מוטער אויף אַ קליין בענקעלע און מעלקט אויס די בהמות. דאָס שפּריצן פון מילך אין מעלק־שעפל קלינגט ווייך און פרידלעך אין שטילן פאַרנאַכט. זומער דינגט מען אָפּ דעם סאָד ביים גלח. ווי נאָר די ערשטע קאַרשן נעמען זיך רויטלען, ציט מען זיך איבער אין סאָד, וואו מען וואוינט אין אַ בודע. ביינאַכט גייט ער, שלום, אַרום מיט אַ שטעקן אין האַנט, היט דעם סאָד און פייפט הויך, כדי אָפּצושלאָגן חשק ביי גנבים אַריבערצוקלעטערן דעם געפלאָכטענעם פלויט. אַ נאַגעניש ביים האַרץ פלעגט שלום מעלניקן אַרומנעמען ווען ער פלעגט זיך אויפכאַפּן פון זיין שלאָף און חלומות און דאַרפן צוריקגיין קיין וויליאַמסבורג.

אין איינעם אַ טאָג, ווען די גראַזיקע ערד האָט באַזונדערס געררייצט אים מיט איר ריח פון צוגעפוילטע וואָרצלען און אייביקער מנוחה, איז ביי אים קלאָר געוואָרן אין קאָפּ, אַז ער דאַרף צוריקגיין צו איר, דער ערד, לעבן אויף איר, באַאַרבעטן זי און ציען חיונה פון איר ברכה, ווי זיינע עלטערן די דאָרפס־יידן האָבן עס געטאָן, ווי ער אַליין האָט עס געטאָן אויף יענער זייט ים.

אין אָנהייב האָט ער זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיין דרייסטן געדאַנק אָנצוהויבן אַ ניי לעבן נאָך אַזויפיל יאָרן פון שטאָטישן יאָך. אָבער וואָס מער ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ מער איז אים דער דרייסטער איינפאַל געוואָרן נעענטער און אייגענער. ער האָט אַפילו דערזען אַ גאָטס־זאַך אין דעם, וואָס זיין בלוט איז קאַליע געוואָרן, אַ ווילן פון אויבן, אַז ער, שלום מעלניק, זאָל גיין אויף אַ נייעם וועג. ווי ביי יעדן געזעצטן מענטש, וואָס ס׳קומט אים אָן שווער צו דערטראַכטן זיך צו עפּעס, אָבער אַז ער דערטראַכט זיך ענדלעך, בלייבט עס שוין שטעקן ביי אים אין קאָפּ, ווי איינגעשלאָגן מיט טשוועקעס, אַזוי איז עס אויך געווען מיט שלום מעלניק, ווען ער האָט זיך אַריינגענומען

אין קאָפּ צו גיין צוריק צו דער ערד. נישט פרעגנדיק קיינעם האָט ער זיך אַרויס־געלאָזט אין די בערג, אַרומגעשמעקט די געגנט, אָפּגעשטעלט זיך ביי אַרויס־געהאָנגענע שלעכט־געשריבענע אויפשריפטן וועגן פאַרמס, וואָס זיינען צו פאַרקויפן, גערעדט מיט פאַרמערס פאַר די טירן פון זייערע שפּייכלערס. פאַרם־מעקלערס האָבן דערשמעקט אין אים אַ קונה און גענומען אים אַרומ־פירן פון פאַרם צו פאַרם. שלום האָט געזוכט וואָס מער זייטיקע געגנטן, וואָס מער פאַרוואָרפענע, אָפּגערוקט פון מענטשן און געדיכטעניש. יעדער קריי פון אַ האָן, יעדער ביל פון אַ הונט, יעדער ברום פון אַ קו האָט אים אָנ־געפילט מיט בענקשאַפט און פרייד. מיט דער וואָרעמסטער צערטלעכקייט האָט ער געגלעט די הינטנס פון צוואָקסענע פערד, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט־פלאַך צו קעלבערישע צונגען נאָך אַ לעק. נאָך טעג אַרומשמעקן, אָנקוקן, באַטראַכטן און ישובן זיך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פאַרם אין אָקוויל, וואָס איז מער פון אַנדערע פאַרמס געלעגן באַזונדער, פאַררוקט אין דער הייך.

בסוד פון אַלעמען איז ער אויך אַריינגעגאַנגען אין דער געזעלשאַפט, וואו ער האָט פון זיין חתונה אָן געצאָלט פאַר אַ פּאָליסי, צו פאַרזיכערן ווייב און קינדער, און אויסגעליען עטלעכע הונדערט טאָלער. ווי זיין פאָטער ביי קויפן אַ בהמה, אַזוי האָט שלום אַ סך מאָל געפּאַטשט דעם פאַרמער אין דער האַנט, ביז ער האָט אים אויסגעצאָלט פינף הונדערט דאָלער אין מזומנים און אויף דעם איבעריקן געלט איבערגענומען אַ מאָרטגעדזש. די עטלעכע גלעזער סיידער, מיט וועלכן די פאַרמערקע האָט אים מכבד געווען צו פאַרטרינקען דאָס מזלדיקע געשעפט, האָבן אים שטאַרק אויפגעהייטערט. ווי נאָר ער איז אַריבערגעקומען די שוועל פון זיין שטוב שפּעט אין אָוונט, האָט ער אויפ־געבונדן דעם קראַוואַט וואָס האָט געשטיקט זיין פריידיקן גוף, און דערציילט זיין ווייב, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

— ווייסט, בעטי, כ'האָב געקויפט אַ פאַרם, — האָט ער געזאָגט אַזוי געלאַסן, ווי ער וואָלט אַ שטייגער געקויפט עפּעס אַ קליינעם חפץ פאַר דער שטוב.

כאָטש בעטי האָט געקענט איר מאַן, אַז ער איז ווייט פון טרייבן קאַטאָ־וועס מיט איר, האָט זי זיך פונדעסטוועגן פאַנאַנדערגעלאַכט פון זיין פּלוצ־לונגדיקן שפּאַס.

— אַבי ניט די וויליאַמסבורגער בריק — האָט זי צוריקגעזאָגט אַ חכמה, צעשניידנדיק דערביי אַ זאַפטיקן טאָמאַט איבער אַ טעלער.

אָבער שלום האָט ניט געלאַכט, נאָר אָנגעגאַנגען מיט זיין ערנסטן ריידן.

— ס'איז אין אָקוויל, — האָט ער געזאָגט געלאַסן, — און ס'איז אַ מציאה דערצו. כ'האָב עס היינט פאַרענדיקט, מיט מזל . . .

האָט בעטי איינגעזען, אַז דער מאַן מיינט עס טאַקע, און זי איז געבליבן אַזאַ פאַרשטיינערטע, אַז זי האָט ניט געקענט אַרויסלאָזן ניט די טאָמאַטע פון דער לינקער האַנט, ניט דאָס מעסער פון דער רעכטער האַנט.

— מאַמע — האָט זי גענומען רופן אין שרעק, כאָטש די מוטער האָט געוואוינט אַנטקעגן דער גאַס און ניט געקענט הערן אירע רופן — מאַמע!

די קליינע ליוסי האָט קוים אַרויסגעקראָגן ביי דער מוטער דאָס פאַר־קלעמטע מעסער פון דער האַנט. בעטי האָט זיך געוואָרפן אין בעט, ווי דע־מאָלט, ווען זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי איז טראָגעדיק מיט אַ צווייט קינד ביי ניינצן יאָר. ליגנדיק מיטן קאָפּ אין קישן, האָט זי געקלאָגט אויף אירע פאַרלוירענע האָפענונגען, אויף דעם לאָנטשאָנעט, אויף די עלעקטרישע לאָמפּן, אויף די פריילעכע געסט, אויף דעם רעגיסטראַטאָר און אויף אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס זיינען שוין ביי איר אין די הענט געווען און פּלוצלונג אויסגערונען.

— גאָט, פאַרוואָס בין איך אַזוי אומגליקלעך? — האָט זי געפרעגט אין איר ווייבערישן צער — פאַרוואָס? פאַרוואָס?

ליוסי האָט זי געטרייסט, געקושט, געצערטלט. אָבער זי האָט זיך ניט געלאָזט איינגעמען. אינגאַנצן צעגאַנגען איז זי זיך אין טרערן, ווען בען, דער זון אירער, האָט זיך געשטעלט אויפן פאָטערס זייט, קעגן איר, דער מוטער.

— סטאָפּ איט, מאַ, — האָט בען, אַ שונא פון ווייבערישע טרערן, גענומען שרייען אויף איר מיט אַ רוגזה און פעסטקייט, וואָס איז געווען פרעמד צו זיינע יינגלשע יאָרן — הער אויף, זאָג איך!

גלייך נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צום פאָטער און אים אַ קלאַפּ געטאָן חבריש איבער דער פּלייצע.

— האָסט גוט געטאָן, פּאָפּאַ, — האָט ער אים געלויבט, — און איך וועל פאָרן מיט דיר.

פון דעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע מחלוקה אין דער מעל־ניק־משפּחה, וואָס איז צעריסן געוואָרן אויף צוויי העלפטן — פון איין זייט איז געשטאַנען שלום מיט זיין זון בען אין פאַרוואָרפענעם העק אין די בערג; פון דער אַנדערער זייט איז געשטאַנען בעטי מיט איר טאָכטער ליוסי אין וויליאַמסבורג. וויפיל פּראָבן שלום האָט ניט געמאַכט צו פאַראייניקן צוריק זיין משפּחה אויף דער ערד פון אָקוויל, האָט ער עס ניט געקענט דערגרייכן. יעדע נייע באַגעגעניש מיטן בעטין האָט זיך געענדיקט מיט אַ נייער רייסעריי און ברוגז.

4

הגם מר. פעפערמינץ, דער איינבינדער, האָט ווייט קיין דעה ניט געהאַט אין שטוב, ניט ביי זיין ווייב הענע, און ניט אַפילו ביי זיינע טעכטער, האָט ער פונדעסטוועגן ניט אויפגעהערט ריידן און טענהן און ברענגען פּסוקים, אַז עס איז ניט קיין תכלית חרוב צו מאַכן אַ שטוב, אַז עס איז אַ זינד אָפּצורייסן מאַן פון ווייב, קינד פון קינד.

— הענע, דער מזבח וויינט אויף אַזעלכע זאַכן, — האָט מר. פעפערמינץ געטענהט.

הענע האָט, ווי אַלע מאָל, ניט געוואָלט הערן די תורהס פון איר מאַן, וואָס האָבן אין אירע אויגן אויסגעזען אָפּגעשטאַנען און גרין, און זי האָט אים געשיקט אין שולכל זיינעם, וואו ער געהערט. אָבער מר. פעפערמינץ איז ניט נתפעל געוואָרן פון ווייבס חלק און ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. יעדן מאָל, ווען די טעכטער פלעגן זיך צונויפקומען צו אים אין שטוב, האָט ער אויפסניי גערעדט און געבעטן זיך און געבראַכט ראיות פון ביכלעך און אָנגעזעצט זיך אויף זיי, זיי זאָלן אַריינלייגן זיך אין דער זאַך און מאַכן שלום צווישן מאַן און ווייב, וואָרעם אַז ניט וועט, חלילה, קומען צו אַ גט. הענע, אין פאַרטיידיקונג פון איר „בייבי״, האָט אין די אויגן פון איר אייגענעם מאַן און די טעכטער, אַראָפּגעגבבעט גאַנצע פינף יאָר פון בעטיס יאָרן, כדי אויפצוווייזן וואָסער גוטן שידוך די טאָכטער וועט נאָך קריגן ווי נאָר זי וועט פּטור ווערן פון איר גרינהאָרן.

— נישקשה, אַ ווייבל פון דרייסיק יאָר וועט נאָך קריגן אַ לייטישן מאַן — האָט זי געטענהט, — מ׳עט זי אויסכאַפּן.

— דרייסיק צי פינף־און־דרייסיק, — האָט מר. פעפערמינץ געמאַכט אַן אַנצוהערעניש אויף דעם האַלבן צענדליק אַראָפּגעגנבעטע יאָרן — אָבער אַ מאַמע פון צוויי דערוואקסענע קינדער איז ניט קיין מיידעלע אין שידוכים . . . זי וועט צעברעכן זיך, אַ מאַן און די קינדער.

אין שבת־צו־נאַכטסן פלעגט ער זיך אַפילו אַראָפּכאַפּן צו די אַמעריקאַנער־געבוירענע איידעמס זיינע און אַריינטענהן אין זיי, זיי זאָלן זיך אַריינמישן אין דער זאַך. די איידעמס, פאַרנומענע ביזנעסלייט, האָבן בלויז כדי פּטור צו ווערן פון אַלטנס וויזיטן, רייד און תורהס, אַ רייד געטאָן מיט זייערע ווייבער, אַז „דהי אָלד מען״ איז גערעכט און בעטי דאַרף פאָרן צו איר מאַן. ווי גוטע ביזנעסלייט, האָבן זיי דערביי אויך אין זינען געהאַט, אַז עס איז געזינטער פאַר זיי אַז די אָרעמע שוועגערין זייערע זאָל האָבן אַ שפּייזער און ניט פאַלן צו־לאַסט אויף רייכער משפּחה. הענע האָט ניט געוואָגט קעגנצושטעלן זיך אירע פאַרמעגלעכע איידעמס און זי האָט זיך געבראָכן אין איר עקשנות. נאָך

לאַנגע רייד און סכסוכים און טענות און מענות, האָט מר. פעפערמינץ דער־פירט צו אַן אויסגלייכעניש צווישן דער טאָכטער און דעם איידעם.

אין אַ שיינעם זונטיק אין דער פרי, ווען די פרילינג־זון האָט אַביסל צו־פרי אַ באַק געטאָן די ברוקלינער מויערן און שטיינער, האָבן די איידעמס אַרויסגענומען זייערע מאַשינען, אַריינגעזעצט די ווייבער, בעטין, שווער און שוויגער, און אַרויסגעלאָזט זיך אַלע אין די בערג, כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַליין אָנצוקוקן דעם שלום מעלניקס פאַרם און דערפירן צו שלום צווישן מאַן און ווייב.

ווי געווײנלעך שטאָט־מענטשן, האָבן זיך בעטיס שוואָגערס צוגעכאַפּט מיט גרויס הנאה צו די עטלעכע שעה דאָרפישן לעבן, וואָס איז געווען אַן אָפּרו נאָך דעם שטאָטישן טומל און גערודער. מר. פעפערמינץ האָט געאַרבעט מעשים מיט דער נאָז זיינער ביים אַריינציען די שאַרפע באַרגיקע לופט, וואָס ער האָט געטאָן אויפן קול און מיט גרויס רחבות.

— איר פילט כאָטש די גאָלדענע לופט? — האָט ער געהאַלטן אין איין פרעגן מיט התפעלות, כדי אָפּצוטויבן ביי ווייב און טעכטער זייער קרימעניש אויף דער אָפּגעלאָזנקייט אין דער פאַרם, — אַ שטיק חיות קומט־צו.

— פאַפּאַ איז גערעכט — האָבן צוגעגעבן די איידעמס, די ביזנעסלייט, אין וועלכע עס האָט זיך דערוועקט יינגלשער חשק צו פרייהייט און שטיפעריי און לאָזן זיך וואוילגיין.

אין זייער אויפגעהייטערטקייט און צעשפילטקייט, האָבן זיי אַפילו גע־נומען ווערן משפחהדיק־היימיש מיט דעם שוואָגער זייערן, אויף וועלכן זיי האָבן אין שטאָט זיך ניט רעכט אומגעקוקט, און געקלאַפּט אים אין פּלייצע.

— דאַכט זיך, אַ גרינער, און איז קליגער פון אונדז, אַמעריקאַנער — האָבן זיי געטענהט, — ער לעבט זיך דאָ רואיקער, ווי מיר אין שטאָט.

שלום האָט זיך געשעמט ווי אַ יונג חתן־בחורל, וואָס ווייסט ניט ווי אַזוי איבערצובעטן זיך מיט זיין ברוגזער כלה, און ער האָט אין פאַרלעגנקייט געריייניקט די פלעקן אין זיינע אָוועראָלס.

— אַ סך אַרבעט דאָ צו טאָן, — האָט ער געזאָגט, — אָבער אַז מען וועט אַריינאַרבעטן, וועט מען מיט דער צייט קענען עסן ברויט מיט פוטער. מען זאָל נאָר אויסצאָלן דעם מאָרטגעדזש.

די שוואָגערס האָבן צוגעשאָקלט מיט די ציגאַרן צו די ווייבער, אַז דער גרינער רעדט מעשה־מענטש. הענע האָט געשוויגן אין איר דרך־ארץ פאַר די איידעמס, אָבער בעטי האָט זיך נאָך אַלץ געבונטעוועט און געקרימט. אָבער דאָ איז איינעם פון די שוואָגערס, דעם עלטסטן און פאַרמעגלעכסטן,

איינגעפאַלן אַ סוחרישער געדאַנק. ווי אַ געניטער ביזנעסמאַן, וואָס האָט אומע־טום דערשמעקט געלט, האָט ער עס אויך דאָ דערשנאַפּט.

— בעטי, איך אויף דיין אָרט וואָלט דאָ געמאַכט אַ שטיקל זומער־האָ־טעל — האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ געדאַנק צוזאַמען מיט אַ געדיכטן קנויל ציי־גאַרן־רויך — בין איך ניט גערעכט, באָיעס?

איידער די „באָיעס", די שוואָגערס, האָבן נאָך באַוויזן צו געבן אים גע־רעכט, האָט ער גלייך געגומען אַלעמען און אַרומגעפירט אַרום די פּוסטע בנינים פון דער פאַרם, ווי זי וואָלט געווען זיין אייגענע, אָנווייזנדיק וואו מען וואָלט געקענט אָפּצוימען צימערן, וואו מען וואָלט געדאַרפט צובויען, צו־שטעלן, פאַרריכטן. באַגייסטערט פון דעם גוטן איינפאַל זיינעם, האָט ער, דער עלטסטער און דער פאַרמעגלעכסטער פון די איידעמס, גענומען אַפילו אַרויס־ווייזן ברייטקייט אויך.

— אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי מען קען דאָ מאַכן געלט, — האָט ער גע־טענהט, — און טאָמער וועט מען דאַרפן צושטעלן אַ פּלייצע, איז ניט גע־זאָרגט, בעטעלע, יעדערער פון אונדז וועט טאָן זיינס. נישט אַזוי באָיעס?

די „באָיעס" האָבן צוגעשאָקלט צו די רייד פון דעם עלטסטן און פאַר־מעגלעכסטן שוואָגער.

בעטיס אויגן האָבן אויפגעלויכטן, דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט. דאָס איז שוין ניט געווען מער קיין קאָכן עסן און רוימען שטובן אין אַ פאַרוואָרפענער פאַרם, נאָר אַ ביזנעס, אין וועלכער מען האָט צו טאָן מיט מענטשן, מיט אַלעמאָל נייע געסט; אַ לוסטיקע ביזנעס, פול מיט לעבן און ליכט און באַוועגונג. דאָס איז שוין כמעט געווען ווי וויליאַמסבורג, ווי אַ לאָנ־טשאָנעט אין אַ ווינקל־גאַס, צו וואָס עס האָט געצויגן איר האַרץ זיבט יאָרן. שלום האָט געשוויגן, אומרואיק איבער דעם שוואָגערס רייד. מר. פּעפּערמינץ האָט מיט איין האַנט אָנגענומען דעם איידעמס גראָבע, אויסגעאַרבעטע האַנט, מיט דער צווייטער האַנט — זיין טאָכטערס פּוכקע הענטעלע און ביידע הענט פאַראייניקט.

— זאָל זיין מיט מזל און אויף לאַנגע יאָרן — האָט ער געוואונטשן הויך, ווי ווען מען מאַכט תנאים צווישן חתן־כלה.

אַלע שוועסטער האָבן זיך צעקושט מיט דער מוטער און מיט בעטין.

— מזל טוב! — האָבן די איידעמס צוגעוואונטשן אין יידיש, ווי זיי וואָלטן זיך אַראָפּגעלאָזט, און אַרויס צו די מאַשינען, כדי אָוועקצופאָרן פון דער פאַרם, אין וועלכער עס האָט זיי שוין גענומען ווערן נמאס בלויז נאָך עטלעכע שעה, און עס האָט זיי אַ צי געטאָן אין שטאָט אַריין מיט סכנת־נפשות.

קיינער פון זיי האָט ניט געוואָלט הערן אַפילו פון מיטנעמען בעטין איז זיין מאַשין, נאָר איז באַשטאַנען דערויף, אַז זי זאָל בלייבן איבערנעכטיקן אין דער פאַרם. געזעגענענדיק זיך, האָבן די שוואָגערס פּעטע וויצן געמאַכט וועגן דעם איבערגעבעטענעם פּאָרל, ווי מ׳מאַכט אַזעלכע ביי איבערלאָזן חתן־כלה אין דער חופה־נאַכט. די ווייבער האָבן געלאַכט אויפן קול פון דעם מענערישן נבול־פה. שלום מעלניק האָט זיך גערויטלט, ווי אַ חתן־בחורל.

נאָך אין דער זעלבער וואָך האָט בעטי אַריבערגעצויגן זיך אויף פעסט אין מאַנס פאַרם, און אַריבערגעפירט אַלע אירע זאַכן, מלבושים, געפעס, צאַצקעס, שמאַכטעס און מציאות, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט פאַר יאָרן. צוזאַמען מיט איר איז מיטגעקומען די אומרואיקייט.

קודם־כל האָט בעטי גלייך אין די ערשטע טעג איינגעשפּאַנט די מענער, שלומען ווי בענען, אין דער גרויסער הויז־רייניקונג. זי האָט אַן אמתע גענעראַל־רייניקונג דורכגעפירט, איידער זי האָט באַוויליקט אָנטרויען דעם דאָרפישן הויז זיך אַליין, ליוסין, און אירע זאַכן. אָנשטאָט אַרומגיין אַרום דער פאַרם, האָט שלום געוואַשן ווענט, גערייניקט פּאַדלאָגעס, געפּוצט שויבן. בען האָט ניט אויפגעהערט שלעפּן חפצים הין און צוריק. בעטי האָט פאַר קיין פאַל ניט געקענט אָנטשליסן זיך ביים אויסשטעלן די זאַכן אירע, ביים אויספּוצן די צימערן מיט די אַלע גלאָזוואַרג, פאַרהאַנגען, פיגורלעך, טעפּיכלעך און קישעלעך. וואו זי האָט די זאַכן ניט אַוועקגעשטעלט, האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז אין אַן אַנדער ווינקל וועלן זיי בעסער זיך אַריינפּאַסן, שענער אויסזען.

ווען שלום און בען האָבן געמוזט אַרויסגיין צו די בהמות און עופות, איז בעטי געבליבן זיצן ממש אַ פאַראַלאַרענע, זי איז אויך געווען באַליידיקט.

— אַז די קי זיינען ביי זיי טייערער ווי איך, — האָט זי זיך געקלאָגט פאַר דער טאָכטער.

שלום האָט זיך אָנגענומען פאַר די קי.

— אַ מענטש קען וואַרטן, — האָט ער געטענהט, — אַ בהמה קען מען ניט לאָזן וואַרטן.

בעטי האָט דעם מאַנס ווערטער ניט באַנומען, און זי האָט גענומען ריידן וועגן אַ שוואַרצער, וואָס זאָל איר אַרויסהעלפן אין דער שטוב־אַרבעט, ווי זי פלעגט אַריינבעמען אַזאַ אין וויליאַמסבורג פון צייט צו צייט.

— ניטאָ דאָ קיין שוואַרצע, — האָט שלום געזאָגט.

בעטי איז געווען אַזוי איבעררעאַשט דערפון, וואָס דאָ זיינען קיין שוואַרצע נישטאָ, ווי ווען מען וואָלט איר, אַ שטייגער, געזאָגט, אַז עס איז דאָ נישטאָ קיין לופט צו אָטעמען?

— וואָס דען טוט מען דאָ? — האָט זי געפרעגט, קוקנדיק מיט דער־שטוינטע אויגן אויפן מאַן.

מען טוט אַליין, — האָט שלום איר אויפגעקלערט.

בעטי האָט ניט געגלויבט אירע קליינע אויערן מיט די גרויסע אוירינגלעך.

— יאָ, — האָט זי מסכים געווען, — אָבער שווערע אַרבעטן ווער טוט? ווער וואַשט וועש?

— אַלץ אַליין, — האָט שלום איר געלערנט די מנהגים פון דער געגנט— אַז אַ מאַן האָט צייט, העלפט ער צו, פאַרשטייסט?

בעטי האָט עס ניט פאַרשטאַנען, ניט געוואָלט פאַרשטיין. שלום האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי אַוועקנעמען בענען פון דער אַרבעט און אים שיקן באַרג־אַרויף צו דעם הויז, וואו דער חיות־אויסשטאָפּער דע־לוקאַס האָט געוואוינט, כדי צו דינגען זיין טאָכטער, אָפּאַל, אויף עטלעכע שעה, זי זאָל אַרויסהעלפן בעטין אין דער שטוב־אַרבעט. בען האָט, ווי אַלעמאָל, גע־פילט צום פאָטער אַ רחמנות און אַ פאַראַכטונג גלייכצייטיק דערפאַר, וואָס ער קען ניט האַלטן אַ ווייב אין די הענט און איינשפּאַנען זי אין דער אַרבעט. אָבער ער איז פונדעסטוועגן גערן געגאַנגען צו דעם אַלטן דע־לוקאַסעס הייזל, ווי תמיד, ווען ער האָט אַ געלעגנהייט געהאַט דערצו. ווי אַלע מאָל, האָט מען אים באַגעגנט מיט שמחה אין דעם הויז פון די דע־לוקאַסעס, צו וועלכע קיי־נער אין דער געגנט האָט ניט אַריינגעשמעקט.

זיי האָבן געהאַט אַ שלעכטן נאָמען אין דאָרף, די דע־לוקאַס־לייט, וואָס נישט מען האָט געוואוסט פון וואַנען זיי זיינען אַראָפּגעקומען קיין אָקוויל, ווער זיי זיינען, וואָס זיי זיינען און ווי אַזוי זיי לעבן. קיין ערד האָבן זיי ניט געהאַט, און אַפילו דאָס שטיקל ערד אַרום הויז, וואָס זיי האָבן יאָ פאַרמאָגט, האָבן זיי עס ניט באַארבעט, אַפילו קיין ביסל גרינס האָבן זיי ניט פאַרזעצט. הויכע, שטאַרק־אויסגעגלייכטע, מיט שוואַרצע אומעטיקע אויגן און מיט פולע פּנימער, וואָס האָבן געהאַט אין זיך אי טיפע אומבאַהאָלפענע נאַרעשקייט, וואָס גרענעצט זיך שוין מיט משוגעת, אי אַריסטאָקראַטישע העכערקייט איבער אַלע אַלע פאַרמער־לייט אַרום, — האָבן זיי זיך אויפגעפירט ווי פרעמדע מענטשן אין דער געגנט און אומצוטרוי צו זיך געוועקט. פרעמד איז געווען זייער אויסזען, זייער באַנעמונג און אַפילו די העפלעכע שפּראַך זייערע, וואָס זיי האָבן גערעדט מיט אַ קאַנאַדישן אַקצענט און מיט ווייכע פראַנצויזישע קלאַנגען. אַזוי פרעמד זיינען געווען זייערע באַשעפטיקונגען. דער אַלטער דע־לוקאַס, הויך, אויסגעשטרעקט־גלייך און מיט יונגע אויגן, פרעמדע צו זיין אַלט אָפּ־געטראָגן באַוואָקסן פּנים, האָט אויסגעשטאָפּט חיות און פייגל. לעבן זיין האַלב־איינגעפאַלענער חורבה, אין וועלכער ער האָט זיך באַזעצט, האָבן זיך תמיד

אַרומגעוואַלגערט פּגירות פון טכוירן, וועווריקעס, שלאַנגען און פייגל אַלערליי. פון אים האָט תמיד געשמעקט מיט נבלה, און די פאַרמערישע הינט פלעגן זיך וואַרפן אויף אים מיט גרויס רציחה און בילעריי, ווען ער פלעגט פאַרבייגיין אין זיינע כאַליעוועס, וואָס ער פלעגט טראָגן זומער און ווינטער, אין רעגנס און אין שיינע טעג צוגלייך. זיינע זין, אַזעלכע הויכע און דינע ווי ער אַליין, נאָר מיט פּעך־שוואַרצע גלאַטע פּאַסמעס האָר, וואָס פלעגן זיי פאַלן פון אונטער די ברייטע שוואַרצע צעקנאָדערטע קאַפּעליושן ביז אין די מטורפדיקע אויגן, פלעגן אויך פאַרנעמען זיך מיט אויסטערלישע באַשעפטיקונגען. אָדער זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפּט אין די וועלדער, וואו זיי האָבן פאַרלייגט פּאַסטקעס אויף פוקסן און קראָליקעס, געשאָסן אויף חיות אַפילו אין די צייטן פון יאָר, ווען יאַגד איז ניט דערלויבט, און דערפאַר געהאַט צו טאָן מיט דעם שעריף, און אַפילו פון צייט צו צייט געגאַנגען אָפּזיצן אַ קורצן טערמין; אָדער זיי האָבן געטאָן אַמאָל אַ טאָג אַרבעט אין די זומער־האָטעלן, אַלערליי אַרבעטן, וואָס עס האָט זיך געמאַכט — פון גראָבן גריבער, ביי אויסשניידן ביימער, ביז אויסרייניקן שמוץ פון פאַרשטאָפּטע קאַנאַליזאַציע־רערן. ווי פון פאָטער זייערן, האָט אויך געשמעקט מיט חיה און שמוץ פון זיי און פון זייערע אָוועראָלס, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געביטן. אָבער זייערע געשטאַלטיקע קערפּערס האָבן דורך אַלע שמאַטעס און שמוץ געטראָגן מיט זיך אַ העכערקייט, אַ שטאָלץ. אַזוי שטאָלץ און גלייך האָט זיך געטראָגן די איינציקע שוועסטער זייערע, אָפּאַל, אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן סך־הכל, וואָס האָט אָבער שוין גע־אַרבעט ווי אַ פרוי אין די יאָרן, געקאָכט און געוואַשן פאַר אַלע מענער אין שטוב.

קיינער אין דעם געגנט האָט ניט אָנגעהאַלטן קיין נאָענטקייט מיט אָט דער פרעמדער דע־לוקאַס משפחה. ניט מען האָט געוואָלט זיך דערנעענטערן צו די לייט, וואָס זיינען געווען אַנדערש פון אַלעמען, ניט מען האָט געקענט זיך דערנענטערן צו זיי, ווייל כאָטש העפלעכע און מיט גוטע מאַניערן, צו־גוטע פאַר מענטשן פון זייער שטאַנד, האָבן זיי אויסגעמיטן אַריינצולאָזן זיך אין מחזקות מיט שכנים, און בלויז העפלעך געגריסט יעדן און געשמייכלט, גע־שמייכלט אַן אומבאַהאָלפענעם נאַרעשן שמייכל, וואָס איז אייגן האַלב־צעדרייטע און שוואַכזיניקע. ניט זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די יונגע מענטשן אין דער געגנט, ניט מיט די מיידלעך. מען פלעגט זיי אויך ניט וועלן געבן אויף באַרג אין דער דאָרפישער „סטאָר" אין שווערע ווינטער־טעג, ווען זיי פלעגן בלייבן אָן שפּייז, און מען האָט זיי געקוקט אויף די הענט, ווען זיי זיינען פאַרביי־געגאַנגען אַ פאַרם, אין מורא, זיי זאָלן ניט עפּעס נעמען. אַזוי האָבן די פאַר־מער־מיידלעך און די יונגעץ געהאַלטן זיך פון דערווייטנס פון דעם יונגן דע־

לוקאַס מיידל, אַפּאַל, כאָטש זי איז געווען שלאַנק און הויך און אירע שוואַרצע האָר, פאַרפלאָכטן אין לאַנגע צעפּ, האָבן צוגעגעבן אַ סך שיינקייט איר אייל־בערט־קאָלירענעם ווייכן פּנים. מען האָט אויך גערעדט שלעכטע זאַכן אין דער געגנט אויף דער דע־לוקאַס משפּחה. מען האָט געזאָגט, אַז זיי גייען ניט זונטיק אין קירך, אַז זיי טרייבן שנאַפּס געהיים און אַז די ברידער, וואָס אַלע זיינען זיי אַן ווייבער אָדער כלות, לעבן מיט זייער איינציקער שוועסטער. אַנ־דערע האָבן עס אויך געזאָגט אויפן אַלטן דע־לוקאַס אַליין, וואָס כאָטש ער איז אין די יאָרן, האָט ער נאָך זייער יונגע שוואַרצע אויגן, טריבע און פאַר־רעכטיקטע. ווי מען האָט פיינט געהאַט די משפּחה, האָט מען פיינט געהאַט זייער הונט, דאָס איינציקע שטובּיקע באַשעפעניש, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. פאַרמערס האָבן מיט שטיינער פאַריאָגט דעם דע־לוקאַס הונט, וואָס פלעגט קומען אַ שמעק טאָן צו די דאָרפישע צויגן. שלום מעלניק, דער נאָענטסטער שכן פון די דע־לוקאַסעס, האָט אויך מיט זיי קיין עסקים ניט געהאַט. דער איינציקער אין דער געגנט, וואָס פלעגט אַריינקומען פון צייט צו צייט צו די דע־לוקאַס מענטשן, איז געווען בען.

כאָטש דער פאָטער פלעגט אים אָפּהאַלטן פון גיין צו דער האַלבער חורבה, האָט בען אַריבערגעכאַפּט זיך אַהין ביי יעדער געלעגנהייט. ער האָט ליב גע־האַט צוצוקוקן זיך צו דער אַרבעט פון אַלטן ביים אויסשטאָפּן טויטע באַ־שעפענישן, אויסצוהערן זיינע אומצאָליקע מעשיות וועגן חיות, פייגל און שלאַנגען, די איינציקע ברואים, וועגן וועלכע ער האָט גערעדט. וועלטן מיט מעשיות האָט ער געהאַט צו דערציילן, דער אַלטער מאַן מיט די יונגע אויגן, און אין זיין שטענדיקן אומגעזעטיקטן הונגער נאָך רייד, פלעגט ער זיך צוכאַפּן צו בענען, אין וועמען ער האָט געפאַקט אַ צוהערער. ווי צום אַלטן אַליין, האָט בען זיך צוגעהערט צו די רייד פון זיינע זין, די אויסגעגלייכטע יונגען מיט די גרויסע שוואַרצע האָר און מטורפדיקע אויגן. אין זייערע מעשיות וועגן יאַגד און „טרעפּינג", דערציילט אין זייער אויסלענדישן הויך־שפּראַכיקן ענגליש, איז געווען אַ געמיש פון העכערער אינטעליגענץ און אומבאַהאָלפענער קינ־דערשקייט, וואָס האָט פאַרכאַפּט און צוגעשמידט. זיי האָבן גערעדט צו בענען נישט ווי דערוואַקסענע ריידן מיט אַ ייִנגל, נאָר ווי מיט זייערס גלייכן, ווי מערסטנס עס טרעפט מיט נישט־דערבאַקענע מענטשן, וואָס ציט זיי צו קינדער. זיי האָבן זיך אויך געפריינט מיט אים, דעם איינציקן מענטש אין דער געגנט, וואָס איז אַריינגעקומען אין זייער הויז, און געשמייכלט צו אים דעם אייביקן צופרידענעם שמייכל פון שוואַכזיניקע. מער פון אַלע איבעריקע אין דער דע־לוקאַס משפּחה האָט געשמייכלט צו בענען די יונגע אַפּאַל, די איינציקע פרוי אין שטוב צווישן אַלע מאַנסבילן. זי האָט ניט גערעדט, קיין מעשיות

ניט דערציילט, נאָר כסדר געפּאָרעט זיך בײַ די שוואַרצע טעפּ אַרום דעם שוואַרצן אײַזערנעם אויוון. בלויז ווען זי האָט געדאַרפט מען זאָל איר אָנ־האַקן אַ ביסל האָלץ אָדער טאָן פאַר איר אַן אַנדער אַרבעט, וואָס געהערט צו אַ מאַן, האָט זי אין אַ העפלעכן ענגליש, אַרויסגערעדט מיט פראַנצויזישע ווייכע קלאַנגען, געבעטן בײַ די ברידער, זיי זאָלן עס טאָן פאַר איר. אָבער אַפילו ווען קיינער פון די ברידער האָט זיך אין זײַן פוילקייט ניט אויפגעהויבן פון אָרט צו העלפן איר אין איר אייביקער אַרבעט, האָט זי זיך ניט גע־בייזערט. זי האָט געשמייכלט איר שמייכל פון שוואַכזיניקע. בענען האָט ממש צענומען אָט דער קינדערשער שמייכל פון דעם מיידל אין די אָפּגעטראָגענע קליידער. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס שמייכלט זי בלויז פאַר זײַנעט־וועגן. אַזוי האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז בלויז צו אים קוקן אירע ווייכע שוואַרצע אויגן, אַז בלויז פאַר אים טראָגט זי זיך מיט אַזאַ גראַציע איבער דער חושכדיקער שטוב. אַפילו דעם אָפּטן חנעוודיקן וואָרף מיטן קאָפּ, וואָס זי גיט, אַריבערצוואַרפן אויפן רוקן די שוואַרצע צעפּ, וואָס שטערן איר אין דער אַרבעט, איז בען געווען זיכער, אַז זי טוט עס נאָר פאַר אים און פאַר זײַן הנאה וועגן. פון צײַט צו צײַט פלעגט זי אויך פּלוצלונג אַ באַהאַלטענעם בליק וואַרפן צו זײַן זײַט און זיך פאַנאַנדערלאַכן אויפן קול.

— וואָס לאַכסטו, אַפּאַל? — פלעגט בען זי פרעגן.

— אַ גאָרנישט, עס גלוסט זיך מיר לאַכן — פלעגט דאָס מיידל ענטפערן און נישט ריידן מער.

אין איר פּלוצלונגדיקן געלעכטער איז געווען שוואַכזיניקייט, אָבער צו־זאַמען דערמיט קלינגענדיקע קינדערשע פרייד, וואָס האָט דערפרישט אין דער עיפּושדיקער שטוב, ווי קיל וואַסער אויף הייסן מידן לײַב. בלויז צו הערן אָט דאָס אומזיניק־קינדעריש געלעכטער, פלעגט בען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט זיך שלעפּן באַרג־אַרויף צו דער דע־לוקאַס חורבה. בײַם שוואַכן שײַן פון נאַפּט־לעמפּל, וואָס מען האָט געברענט אין דער שטוב, האָבן די פאַרשאָטענע טונ־קעלע געזיכטער פון דער איינזאַמער משפּחה אויסגעזען סודותדיקער ווי בײַ־טאָג. אַלע סודות אין דער וועלט זײַנען געלעגן אין יעדן קנייטש און פאַלד פון אָפּאַלס לויזע אָפּגעטראָגענע קליידער, אין די לאַנגע שוואַרצע צעפּ אירע.

דאָס ערשטע מאָל איז עס איצט געווען, וואָס בען איז געקומען צו זיי אין מיטן העלן טאָג, אין אַרבעטס־שעה, און אויך ניט צו־גאַסט, נאָר מיט אַ שליחות פון פאָטער צו דינגען אָפּאַלן אויף עטלעכע שעה אַרבעט. ער האָט זיך גע־שעמט מיט דער דאָזיקער שליחות פון אַ ברויטגעבער, וואָס זוכט אַ דינסט אויף אַרבעט. דער אַלטער דע־לוקאַס האָט אויסגעהערט דעם ייִנגלס פאַר־שעמטע רייד מיט אַ שמייכל, ווי תמיד.

— גיי־מיט, אַפּאַל, און טו גוטע אַרבעט פאַר בענס מוטער — האָט ער איר באַפוילן.

אַזוי גוטמוטיק האָט עס אויפגענומען אַפּאַל. פאַרפלעכטנדיק בעסער די צעפּ, וואָס זעלטן אַ מיידל אין אירע יאָרן האָט נאָך געטראָגן אַזעלכע אין דער געגנט, האָט זי זיך געלאָזט מיטגיין מיט בענין צו זייער פאַרם. דער אייביקער שמייכל אירער איז ניט אַראָפּ אויף קיין ווײַלע פון איר אײַלבערט־קאָלירענעם פּנים ביים טאָן די שווערע אַרבעט פאַר בעטין. בעטי האָט באַוואונדערט די כּוחות פון דעם יונגן מיידל.

— אַפּאַל, איז עס ניט צו־שווער? — האָט זי געפרעגט, זעענדיק ווי דאָס מיידל רוקט־איבער שווערע מעבל־שטיקער.

— „נאָו, מעדעם„ — האָט אַפּאַל געענטפערט אין איר פרעמד־קלינגענ־דיקן העפלעכן ענגליש.

וויפיל מאָל זי פלעגט זיך טרעפן מיט בענען אויפן הויף, האָט זי ניט געקענט איינהאַלטן זיך פון געלעכטער, וואָס איז איר ביי יעדן מאָל אויפסניי באַפאַלן.

אינגיכן האָט בען גענומען גיין אין שליחותן צו די דע־לוקאָסעס ניט נאָר נאָך אַפּאַלן, נאָר אויך נאָך די ברידער אירע. בעטי האָט איצט אָפט געמאַכט רייזעס קיין ברוקלין און צוריק. ווי פריער, ווען זי פלעגט אַרומגיין צו באַקאַנטע ווייבלעך אירע פאַרקויפן זיי זיידענע זאָקן, איז זי איצט געגאַנגען צו זיי ריידן וועגן דער פאַרם אירער, אין וועלכער זי גייט איינאָרדענען אַ זומער־האָטעל, און דערפאַר דאַרפן די פריינדינס אירע זיין אירע געסט איבער די הייסע זומער־וואָכן. אַזוי פלעגט זי אויך גיין צו די שוואָגערס אירע און נעמען ביי זיי די הלוואות, וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט איר צו געבן ביים שלום־מאַכן צווישן איר מיט איר מאַן. בעטי האָט ביי קיין פאַל ניט געלאָזט די שוואָגערס אַרויסדרייען זיך פון זייערע הבטחות, ניט אָפּפטרן זיך מיט די אייביקע תירוצים פון נגידים וועגן די אייביקע שלעכטע צייטן, וואָס זיי האָבן. „סלאָו" צי נישט „סלאָו", זיי האָבן געמוזט איר לייען די געלטער, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט. בעטי האָט דערפאַר גענומען מאַכן אַן אמתן האָטעל פון איר הויז; זי האָט אויפגעפוצט צימערן, איינגעהאַנדלט בעטן און קאָמאָדעס און טישלעך און כּלים. פאַר דעם געלט האָט זי אויך גענומען אָפּצוימען צימער־לעך, מאַכן פון בוידעמס — וואוינונגען, פון קעמערלעך און גאַניקעס — קליינע שטיבלעך. שלום האָט אָפט געמוזט איבערלאָזן די אַרבעט אין פאַרם און אַרויספאָרן צום סטיישאַן נאָך זיין בעטין, וואָס פלעגט צוריקקומען פון שטאָט באַלאָדן מיט פּעק און פּעקלעך. נאָך אַ צייט־לאַנג ניט צורירן זיך צו קיין פאַרב, האָט ער ווידער געדאַרפט שמירן די ווענט פון זיין הויז, פאַרבן

גאַניקעס, באַלקאָנען, דעכער. די גאַנצע פאַרם־אַרבעט איז געפאַלן אויף בענען. ווי אַפאַל האָט געהאָלפן בעטין אין שטוב־אַרבעט, האָבן אירע ברידער געהאָלפן שלום מעלניקן אין זיין צוגרייטן דאָס הויז. אויסגעגלייכטע, דינע, אין בלויע אָוועראָלס פאַרשטעקט אין די איבערגעלייגטע כאַליעוועס פון זייערע גומענע אויסגעטראָטענע שטיוול, מיט שוואַרצע צעקנאָדערטע קאַפעליושן, פון וועלכע גלאַטע שוואַרצע פאַסמעס האָר פאַלן ביז אין די אויגן אַריין, האָבן זיי מיט גרויס בריהשקייט געטאָן יעדער אַרבעט, פאַרלייגט קאַנאַליזאַציע־רערן און פאַרריכט דעכער, צוגעבויט הייזקעס און געצויגן עלעקטרישע דראָטן. זייער הונט, וואָס מען האָט אים געטריבן פון די פאַרם־הייזער, האָט זיך פריילעך אַרומגעיאָגט מיט בענס הונט טשאַק. בעטיס שוואַרצע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַלע שטראַלן פון דער זון, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין זיי. זי האָט גע־האַלטן אין איין איבערשטעלן זאַכן אין שטובן, זיי זאָלן פּאַסן וואָס בעסער און שענער. ווי איר שאָטן איז איר נאָכגעגאַנגען ליוסי, באַגייסטערט פון יעדן שריט, וואָס די מוטער האָט געטאָן.

ווען די ערשטע היצן זיינען אָנגעקומען און נייע שטאָטישע אויטאָמאָבילן האָבן גענומען אַרויפדראַפּען זיך איבער דעם שלעכטן באַרגיקן וועג, וואָס האָט געפירט צו בעטיס זומער־פּלאַץ, אויטאָמאָבילן מיט אויסגעפּוצטע ברוק־לינער ווייבלעך און זייערע קינדער — האָט בעטי באַגעגנט די נאָענטסטע געסט מיט הייסע קושן און געלעכטער. איר אַלטער חלום פון אַ פריילעכער ביזנעס איז געווען ענדלעך פאַרווירקלעכט. צו דערפילן איר גליק, האָט זי איינגע־האַנדלט אין שטאָט אַ גענוצטן, אָבער גלאַנציקן געלט־רעגיסטראַטאָר, וואָס האָט פריילעך געקלונגען יעדן מאָל, ווען מען האָט אַריינגעוואָרפן מטבעות אין אים.

5

וואָס מער צימערלעך מען האָט צוגעבויט צו דעם פאַרמער־הויז אויפן באַרג אין אָקוויל, אַלץ וויניקער פּלאַץ איז געווען פאַר בעטיס פּילע פריינ־דינס, וואָס זיינען אַראָפּגעקומען פאַרברענגען די זומער־חדשים ביי איר.

בעטיס פּוכקע פינגער, באַדעקט מיט פינגערלעך, האָבן מיט שמחה גע־וואָרפן געלט אין קלינגענדיקן געלט־רעגיסטראַטאָר. פאַר די גוטע ריווחים האָט זי ניט נאָר איינגעקויפט מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער נייע הפצים און שמאָכטעס אין הויז אַריין, נאָר זי האָט אַפילו גענומען אויסצאָלן אירע שוואָגערס די ערשטע ראָטעס. איר קליין, באַוועגלעך אָנגעפאַרבט מויל האָט אָפּט און געדיכט אַריינגערעדט אין טעלעפאָן, וואָס האָט דאָס פאַרוואָרפענע ווינקל פאַראייניקט מיט ברוקלין. אַזוי געדיכט און פלינק האָט זי גערעדט מיט אַלערליי פאַרביי־פאָרנדיקע אַגענטן און פאַרקויפער, וואָס זיינען צוגע־

פאָרן צו איר זומער־פּלאַץ, אין וועלכן זיי האָבן דערשמעקט ביזנעס. ווען איינער אַן אַגענט האָט איינמאָל אַריינגעשטעלט ביי איר אין הויז אַ פאַבריקע „סלאָט־מאַשין" מיט אַ סך עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן יעדן מאָל, ווען מען האָט געוואונען דאָס גרויסע געווינס פון אַ קוואָדער; און אַ צווייטער האָט איבערגעלאָזט אויף קרעדיט קיי־גומי, ציגאַרעטן, שאָקאָלאַד און מאַגאַזינען, צוזאַמען מיט פאַרביקע פלאַקאַטן דערצו, — איז צו בעטיס גליק גאָר קיין גרענעץ ניט געווען. זי האָט זיך געפילט ווי זי וואָלט גאַנץ וויליאַמס־בורג געהאַט ביי זיך אין הויז. אַזוי גליקלעך איז אויך געווען ליוסי. בלויז מיט די מענער אין הויז איז געווען צרות, מיט שלומען ווי מיט בענען.

שלום מעלניק האָט ביי קיין פאַל ניט געוואָלט אַריינפּאַסן זיך אין טומל־דיקן און רוישיקן שטאָט־לעבן, פון וועלכן ער איז אַנטלאָפן. ער איז ניט געווען העפלעך צו די געסט. ניט נאָר האָט ער ניט באַגעגנט יעדן מיט אַ פריילעכער באַגריסונג און מיט באַריכטן וועגן שיינעם וועטער, ווי בעטי האָט אים געלערנט עס צו טאָן, נאָר ער האָט אַפילו קוים געענטפערט, ווען מען האָט צו אים גערעדט. ער האָט ניט געוואָלט צופירן צום נאָענטן שטעטל די ווייבער און זייערע קינדער, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געדולד איינצו־זיצן אַניף אַן אָרט און רק געוואָלט צופאָרן צום אַ ישוב און קויפן מציאות. די קי און די הינער זיינען ביי אים געווען פריער ווי די געסט. אַזוי האָט ער ניט געוואָלט פאַרדינגען די פערד זיינע צו די יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געוואָלט לערנען זיך רייטן אויף זיי. בעטי האָט געהאַט אַ סך אַרבעט צו פאַרגלעטן פאַר די געסט דעם מאַנס שלעכטער אויפפירונג. נאָך ערגער איז עס געווען מיט בעניק. ער האָט געטריבן פון שטאַל די שטאָטישע קינדער, וואָס האָבן חשק געהאַט צו זען ווי אַזוי ער מעלקט קי, פוצט פערד און וואַשט בהמהשע אייטערס. ער האָט ניט צוגעלאָזט ווייבלעך אין די הינער־שטייגן אויסצוקלייבן וואַרעמע אייער פאַר זייערע בייביס, און אַפילו אויסגעמיטן ליוסין און אירע חברטעס. די מיידלעך האָבן געזוכט די פריינטשאַפט פון דעם הויכן שוואַרץ־האָריקן בחורל מיט די גרינע אויגן. זיי האָבן געוואָלט מיט אים שפּאַצירן אין די אָוונטן אין די בערג, אָדער טאַנצן מיט אים צו דער מוזיק פון דער ראַדיאָ. בען האָט זיי גראָב אָפּגעזאָגט, פאַרוואָס ליוסי האָט אים דערפאַר גערופן „האָרסרעדיש". די איינציקע ווען ער האָט צוגעלאָזט צו זיך, איז געווען אַפּאַל, וואָס האָט געאַרבעט אין בעטיס קיך. נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, פלעגט זי אַריינגיין צו אים אין שטאַל, שפּילן זיך מיט די קעץ, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן לעבן די בהמות, און שמייכלען שווייגנדיק איר אייביקן שמייכל פון שוואַכזינקע.

— ביסט מיד, אַפּאַל? — פלעגט בען זי פרעגן.

— אָ, ניין, — האָט זי געענטפערט, און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, גלייך ווי אַ טאָג שווערע אַרבעט וואָלט געווען די פריילעכסטע זאַך אין דער וועלט.

בעטי פלעגט מוסרן איר זון פאַר זיין גראָב צו די שטאָטישע מיידלעך, שיינע, קלוגע און געבילדעטע מיידלעך, און פאַר אָפּזיצן שעהן מיט דער לאַכנדיקער נאַרעשער דאַרף־שיקסע. מער מוסר פלעגט זי זאָגן איר מאַן פאַר זיינע שלעכטע דרכים, וואָס פאַרטרייבן מענטשן פון דער פאַרם. ווי תמיד, האָט זי אים געבראַכט משלים פון דעם ווי ס׳פירט זיך ביי לייטן. ביי לייטן מענער זיינען גליקלעך, ווען זייערע ווייבער פירן אַ ביזנעס און ברענגען־אַריין פרנסה אין שטוב. ביי לייטן מענער אין זומער־פלעצער שוינען זייערע געסט, זיינען העפלעך צו זיי, טראָגן זיי אַנטקעגן דעם גוט־מאָרגן, זעען צופרידנ־צושטעלן אַ גאַסטס וואונטשן און באַגערן, און הערן אַפילו אויס טענות און פאַרוואורפן, ווייל אַ גאַסט איז תמיד גערעכט. שלום פלעגט ניט ענטפערן אויף די אייביקע וויבערשע טענות און אַנטלויפן צו זיינע אַרבעטן, ווי ער פלעגט אַמאָל אַנטלויפן אין וויליאַמסבורג צום ברעג טייך. בעטי האָט דער־פאַר געגומען ווייכן פון אים. זי האָט אַפילו אויפגעהערט שלאָפן מיט אים אין ברייטן פאַמיליען־בעט, וואָס זי האָט געהאַט אַריבערגעפירט פון שטאָט.

— גיי, גיי, רו זיך בעסער אויס — האָט זי אים געזאָגט מיט כלומרשטער געטריישאַפט, ווען ער האָט פּרובירט אַמאָל אין אַ נאַכט דערנענטערן זיך צו איר ניט־דרייסט, ווי זי וואָלט געווען אַ פרעמדע, ניט זיין ווייב.

שלום פלעגט אַוועקגיין אין שייער און זיך אַריינוואַרפן אין היי איבער־צושלאָפן די עטלעכע געציילטע שעה, וואָס ער האָט געקענט אָפּשפּאָרן אויף רו. ליגנדיק אין היי, פלעגט ער אויפכאַפּן די געלעכטערן פון די שטאָטישע מענטשן, וואָס ווייסן גאָר פון קיין נאַכט ניט. די העכסטע געלעכטערן פלעגן זיין ליוסיס און בעטיס, ווען אויפן צווייטן יאָר האָבן בעטיס ברוקלינער פריינ־דינס נאָך מער געגומען קומען קיין אָקוויל אויף זומער, און בעטי האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבן מער אַליין, אָן דער הילף פון אַ געניטן האָטעל־מענטש, איז זי אַריינגעפאָרן קיין ברוקלין אויף אַ פּאָר טעג און אויסגעזוכט אַ מאַן, אויף וועמען זי זאָל קענען זיך פאַרלאָזן.

דאָס מאָל האָט זי ניט אָפּגערופן שלומען, ער זאָל אַרויספאָרן זי באַגעג־גענען ביי דעם סטעישאָן. דער האָטעל־מענטש, וועמען זי האָט אויסגעזוכט אין שטאָט, האָט זי געפירט מיט זיין מאַשינקע; אַ צוויי־געזעסיקע מאַשינקע, אָפּגעפאַרבט מיט היימישער שרייענדיק־געלער פאַרב. אין הינטערשטן געזעס זיינען געווען אָנגעלייגט די פּילע פּעקלעך, וואָס בעטי האָט איינגעהאַנדלט, ווי דעם טרייבערס וואַליזעס, אַ סאַקסאָפאָן און אַ פּויק, איינגעפּאַקט אין העלע לייוונטענע ציכלעך. ניט אַרויסלאָזנדיק קיין ציגאַרעטל פון מויל אַפילו אויף

אַ ווילע, האָט דער האָטעל־מענטש אויפן גאַנצן וועג ניט אויפגעהערט צו דערציילן וואונדער פון זיך און פון די פילע גרויסע זומער־פּלעצער — זומער אין די בערג און ווינטער אין פלאָרידאַ, — וואו ער פלעגט אַליין אַרבעטן. בעטי האָט אים באַצייטנס דערציילט וועגן דעם קליינעם זומער־פּלאַץ אירן, אַזוי אַז ער זאָל זיך שפּעטער ניט אַנטוישן. דער האָטעל־מענטש האָט גע־טריבן געשיקט מיט איין האַנט די גועלע מאַשינקע זיינע איבער די געפּערלעכ־סטע וועגן און שאַרפע ווינקלען, און מיט דער צווייטער האַנט געגלעט דאָס שמאָלע ברוינע וואָנצעלע, וואָס איז ווי אַ פאָדעמל געלעגן איבער זיין אויבער־שטער ליפּ.

— כ׳וויל דעם זומער אַרבעטן אין אַ קליינעם פּלאַץ — האָט ער באַ־רואיקט בעטין מיט דער גדלות פון איינעם, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ — דערצו זענט איר מיר געפעלן געוואָרן, מיסיס מעלניק, פון ערשטן בליק אָן.

בעטי האָט קאָקעטיש געדראָט מיט אַ פוקע פינגער פאַרן יונגנמאַנס נאָז.

— איר אַרבעט צו שנעל, מיסטער — האָט זי אים געזאָגט לאַכעדיק.

— איך טו אַלץ שנעל — האָט דער מאַן מיטן דינעם וואָנצעלע געענט־פערט און אַ שאַרפן דריי געטאָן מיט דער מאַשין, אויסצומיידן אַן אויטאָמאָביל פון אַ זייט — און רופט מיך האַראָלד . . . אַזוי רופט מיך יעדערער . . .

מיט דער זעלבער שנעלקייט און געשיקטקייט האָט ער, גלייך ביים צו־פאָרן צו דער פאַרם, געמאַכט זיך היימיש, ווי ער וואָלט שוין דאָ געווען אַן אייגענער מענטש זייט יאָרן. נאָך איידער בעטי האָט באַוויזן דערציילן איר מאַן וועמען זי האָט געבראַכט פון שטאָט, האָט ער, דער פרעמדער, אַליין אָפּגעהאַלטן דעם פאַרמער מעלניק און דערציילט ווער ער איז.

— רופט מיך האַראָלד, — האָט ער געזאָגט, — און טראָגט אַריין אין הויז אייער פרויס פּעקלעך און מיין סאַקסאָפאָן און פויק.

ער האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ זיכערקייט און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי דאָס אַראָפּטראָגן אַ פּעקל איז געווען אַ זאַך, וואָס ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געטאָן. שלום מעלניק האָט אים געפאָלגט.

מיט דער זעלבער זיכערקייט און באַפעלערישקייט האָט דער פרעמדער גענומען באַלעבאַטעווען אין קיך. אומעטום איז ער געווען, אומעטום האָט ער אָנגערויכערט מיט זיינע ציגאַרעטן, וואָס האָבן ווי געקלעפּט צו זיין אונטער־שטער ליפּ. מיט גרויס בריהשקייט האָט ער פאַרפּוצט די טישלעך אין עס־צימער, באַצירט די גרעיפּ־פרוכט מיט קאַרשעלעך, פאַרביק אויסגעלייגט גרינס אויף טעלערס. ווי אַן אַקטיאָר ביים איבערטאָן זיך גיך, האָט ער אויך אין איין מינוט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שטאָטישן אנצוג און אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ פאַרביקן קעלנער־יוניפאָרם פון ווייך־קאָליר, באַצירט מיט גרעלע

קנעפּ, בענדעלעך און לאַמפּאַסן. ניט גייענדיק, נאָר שוועבנדיק, האָט ער זיך אַריינגעגליטשט אין קליינעם עס־צימער און צערעמאָניאַל זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר די געסט ביי די טישלעך.

— רופֿט מיך האַראַלד, ליידיס — האָט ער געבעטן די ווייבער, וואָס זיינען גלייך באַגייסטערט געוואָרן פֿון דעם פֿלינקן, שמייכלענדיקן און טאַנצנדיקן פֿאַרשוין.

ווי געשיקט ער האָט צוגעטראָגן די טעלער מיט קונצנמאַכעריי, אַזוי געשיקט האָט ער געמאַכט קאָמפּלימענטן די ווייבער ביי די טישלעך. אין איין מינוט האָט ער געדענקט יעדן נאָמען. באַלד איז ער געוואָרן אויס קעלנער און פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ וואָדעוויל־מענטש. ווי דורך אַ נס זיינען אים פּלוצלונג אויסגעוואַקסן אַ פּאָר ברילן פֿאַר די אויגן, און די נאָז זיינע איז געוואָרן טאָפּלט גרויס און רויט. מיט אָט דעם געענדערטן אויסזען האָט ער זיך צוגעגליטשט צו זיין סאַקסאָפֿאָן און פּויק און גענומען אַרבעטן מעשים ביים שפּילן אויף ביידע אינסטרומענטן גלייכצייטיק. זיינע הענט זיינען מיט גרויס געשיקטקייט געלאָפֿן פֿון סאַקסאָפֿאָן צו דער פּויק און צוריק. ניט נאָר די קינדער, נאָר אויך די דערוואַקסענע זיינען געווען אויסער זיך פֿון באַוואונדערונג. גאָר אַרויס פֿון די כלים זיינען די ווייבער, ווען דער פֿאַרשוין האָט גענומען זינגען קופּלעטלעך, שמאַלציקע קופּלעטלעך וועגן אַלטע מענער און יונגע ווייבלעך, וועגן אַלטע באָסעס און בלאָנדע סעקרעטאַרינס. אין מיטן זינגען האָט ער אַ גליטש זיך געטאָן צו דער ערשטער בעסטער פֿרוי און זי גענומען אויף אַ טאַנץ. די פֿאַרזאַמלטע האָבן אים הויך אַפּלאָדירט.

— בראַוואָ, האַראַלד, בראַוואָ!

האַראַלד האָט איינגעלאָדן איין ווייבל נאָך דער אַנדערער. אַפֿילו מיט קליינע מיידלעך געטאַנצט. לענגער ווי מיט אַלע אַנדערע האָט ער געוויגט זיך אין זיינע טאַנגאָס מיט דער באַלעבאָסטע זיינער. דרייענדיק זיך אין אַלערליי משונהדיקע פֿיגורן, צווינגענדיק בעטין נאָכצוגיין אַלע זיינע משוגעתן און אומדערוואַרטעטע דריידלעך, האָט ער איר דערביי געזאָגט קאָמפּלימענטן מיט אַזאַ בריהשקייט, אַז די ווערטער האָבן צו קיינעם ניט דערגרייכט, אַ חוץ צו דער, צו וועמען זיי זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, ווי זיי וואָלטן געקומען פֿון אַ בויך־רעדנער. בעטי האָט אים, ווי פֿריער, לאַכנדיק געוואָרנט, אַז ער אַרבעט צו־שנעל. דער טאַנצנדיקער יונגערמאַן איז ניט נתפּעל געוואָרן פֿון אירע וואָרענישן.

— רופֿ מיך האַראַלד, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל דיך רופֿן בעטי ביוטיפֿול.

איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, איז דער נייער מענטש געווען דער

באַלעבאָס פון פלאַץ. ער איז געווען אומעטום פול. וואו מ'האָט אים ניט געזייט, איז ער אויסגעוואַקסן. ער האָט געבאַלעבאַטעוועט מיט די אַרבעטער און צוגעהאָלפן ביים איינקויפן. ער האָט געשפילט מיט די ווייבלעך אין קאָרטן און פאַרווילט די קינדער מיט קונצן ביים מאַכן פון צוויי טיכלעך איינס, און ביי דרייען אַ גלאָז וואַסער אויף אַ שפּיץ־פינגער, ניט אויסצוגיסן דערביי אַפילו אַ טראָפּן. ער האָט אויך צו יעדער צייט געלאָזט אין גאַנג זיין צוויי־געזעסיקע געלע מאַשינקע. ווען נאָר ווייבלעך האָבן געקראָגן חשק צוצופאָרן אין שטעטל עפּעס איינקויפן. אַנשטאָפּנדיק אַ פולע מאַשינקע מיט ווייבלעך פון הינטן און פאָרנט, האָט ער ווי אַ רוח זיך געיאָגט איבער בערג און טאָלן. די ווייבלעך האָבן געשריגן פון שרעק און הנאה גלייכצייטיק.

— האַראָלד, וועסט אונדז דערהרגענען.

— האַראָלד האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן קיין עקסידענט ניט גע־האָט — האָט דער פריילעכער טרייבער באַרואיקט, ניט אַרויסלאָזנדיק דערביי דאָס אייביקע ציגאַרעטל פון זיין מויל — פאַרלאָזט זיך אויף מיר, ביוטיפילס...

דאָס איז געווען דאָס וואָרט, וואָס ער האָט דערמיט יעדע פרוי גערופן פון פופצן ביז פופציק. די ווייבער האָבן אים דערפאַר געגעבן גרויסע טיפּס, וואָס זיי האָבן קיינמאָל פריער אַזעלכע קיין קעלנער אין אַ האָטעל ניט געגעבן. האַראָלד האָט נאָכלעסיק געוואָרפן אין קעשענע די באַנקנאָטן, ווי געלט וואָלט ביי אים גאָרניט געמיינט. ווי די געסט, האָט אויך בעטי אים געצאָלט טייערער ווי מען צאָלט געוויינלעך מענטשן פון זיין פאַך. אָבער עס איז ווערט געווען. ער האָט די גאַנצע שטימונג ביי די געסט אויפגעהויבן זינט ער איז געקו־מען. ווייבלעך, וואָס האָבן פריער געהאַט בדעה אַוועקצופאָרן אין אַנדערע פּלע־צער, וואו עס איז דאָ מער פריילעכקייט און לעבן, זיינען פאַרבליבן לענגער ווי זיי האָבן פּלאַנירט. האַראָלד האָט אויך געלערנט בעטין, ווי אַזוי צו שפּאָרן אין קיך, ווי אַזוי צו דערלאַנגען וויניקער צום טיש און דאָך צופרידנצושטעלן די געסט.

— לאָז עס צו האַראָלדן, ביוטיפול — האָט ער געטנהט, — איך ווייס ווי אַזוי מיט געסט אַנצוגיין.

מיט אַ בלויזן שמייכל האָט ער איינגעשטילט די קאַפּריזסטע ווייבער, די גרעסטע מפונקטעס, וואָס פאַרמאַטערן געוויינלעך קעלנערס אין זומער־פּלעצער ביים שיקן צוריק אין קיך די בעסטע פּאָרציעס עסן. מיט אַ בלויזן שפּאַס האָט ער אַנטוואָפנט אויפגעקאָכטע ווייבלעך, וועמען ער האָט אין ברען פון סעזאָן אַריינגעפּאַקט צופיל נייע געסט אין זייערע ענגע צימערלעך, אַנגע־שטופּט בעט אויף בעט.

— שמייכלען, ביוטיפול, — האָט ער געגעבן אַן עצה ווייבלעך אין זייער צאָרן, — שמייכלען, שיינינקע.

די ווייבלעך האָבן אים געפאָלגט און געשמייכלט.

הענע פעפערמינץ, בעטיס מוטער, וואָס פלעגט אַמאָל זיך אַראָפּכאַפּן צו דער טאָכטער אויף אַ שבת, האָט אַנגעקוואָלן פון דעם האַראָלדן, אין ווען זי האָט געזען אַלע מעלות פון אַן אַמעריקאַנער מענטש.

— דער יונג האָט אַ טריפענעם מזל ביי מענטשן — האָט זי געזאָגט בעטין — זאָלסט נאָר זען, אַז אַנדערע האָטעלן זאָלן אים דיר ניט אויסכאַפּן פון אונטער דער האַנט. זאָלסט אים האַלטן, בעטילע.

בעטי האָט ניט געלאָזט אויסכאַפּן אים פון אונטער דער האַנט. זי האָט אים געלאָזט באַלעבאַטעווען און הערשן, ווי ניט זי וואָלט געווען זיין באַלע־באָסטע, נאָר ער איר באַלעבאָס. זי האָט פאַרקוקט, ווען ער פלעגט אין די אָוונטן ביים קאָרטן־שפּילן אָפּגעווינען דאָס גאַנצע געלט ביי די ווייבלעך, און ווען ער פלעגט אַריינשלאָפן ביז שפּעט אין פרימאָרגן אַריין אַזוי, אַז מען פלעגט אַפילו פאַרשפּעטיקן מיטן פרישטיק. זי האָט אַפילו ניט גערעדט, ווען עס פלעגט אויף אים פּלוצלונג אָנפאַלן אַ בענקעניש נאָך אַ הוליע־טאָן אויפן גרויסן שטייגער און ער פלעגט אַוועקטרייבן אין אַ נאָענטער שטאָט אויף אַ גאַנצער נאַכט און צוריקקומען דערנאָך אָן איין דאָלער אין קעשענע, מיט רויטע אויגן און מיט אַ שלעכטער לוינע, וועלכע ער האָט צו אַלעמען אויס־געלאָזט, אַפילו צו די געסט. אַזוי האָט זי אים אויך קיין קרום וואָרט ניט געזאָגט, ווען ער איז נאָכדעם געוואָרן צופיל זיס און גוט און פאַמיליאַר מיט יעדער ווייבל און מיידל אין איר הויז, און מער ווי מיט אַלע, איז ער עס געווען מיט איר, בעטין אַליין, און דווקא פאַר אַלעמען אין די אויגן.

— משוגענער, — האָט זי אים בלויז גערופן, ווען ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער טאַליע ביים טאַנצן, אָדער אַפילו אַ קוש געטאָן איר אין ברוינעם פולן ווייכן האַלדז.

בלויז ווען ער פלעגט ווערן צו היימיש מיט ליוסין, האָט בעטי אים ערנסט געגעבן אַ חלק דערפאַר. האַראָלד האָט דערפאַר אויסגעמיטן די טאָכטער און געהאַלטן זיך לעבן דער מאַמען, וואָס האָט אויסגעזען ווי איר טאָכטערס אַן עלטערע שוועסטער. אייפערזיכטיקע ווייבלעך האָבן גענומען מאַכן שפּאַסן דערפון און אַפילו געקיבעצט שלום מעלניקן דעריבער, ווען זיי האָבן אים געזען פאַרבייגיין אין הויף.

— מר. מעלניק, היט די מיסעס — האָבן די ווייבלעך געטענהט צו אים לאַכנדיק.

שלום מעלניק האָט אויף די ווייבערשע רייד קיין וואָרט ניט געענטפערט

און אָנגעגאַנגען מיט זיין אייביקער אַרבעט, פון וועלכער עס איז גאָרניט געווען אַרויסצוקריכן. אַזוי האָט ער קיין וואָרט ניט געזאָגט בעטין פאַר איר אויפֿפירונג, וואָס איז אים געווען דערווידער און פיינלעך. ער האָט ניט געדאַרפט, אַז די וויבלעך זאָלן אים דערציילן וועגן איר. ער האָט אַליין אַלץ געזען און געהערט. פאַרנומען אין זיינע אַרבעטן ביי דער ערד און ביי די בהמות, האָט ער מיט זיינע וויטזיכטיקע גרינע אויגן דערזען יעדער מאָל, וואָס בעטי איז דורכגעגאַנגען מיט דעם פרעמדן מאַן איבער דעם הויף, יעדער מאָל, וואָס זי האָט זיך אַריינגעזעצט צו אים אין זיין געלער מאַשינקע און צוגעפאָרן אין שטעטל איינקויפן. ער האָט געזען איר שטענדיקן פוצן זיך און פודערן זיך און אַרבעטן כסדר מיט די פינגער אין די לאָקן, וואָס אין דעם לייגן וויבער אַריין אַלע זייערע כוחות געפעלן צו ווערן. אַזוי האָבן זיינע אויערן אויפגעכאַפט אירע געזאַנגען און געלעכטערן, וואָס זיינען אויף איר אָנגעפאַלן די לעצטע צייטן. שאַרפער ווי בייטאָג, האָט ער געהערט די געזאַנגען און געלעכטערן אירע אין די נעכט. ליגנדיק ביי זיך אין שייער אויפן היי, האָט שלום מעלניק צווישן אַלע וויבערשע קולות אויפגעכאַפט בעטיס יעדן וואָרט, געלעכטער און געזאַנג, באַגלייט פון האַראָלדס באַסיקע רייד און לוסטיקע פייפערייען. ניט איינמאָל פלעגט ער דערפילן אַזאַ וויטיק און בושה און כעס פון די פאַרשייטע קולות אין דער נאַכט, אַז ער פלעגט האָבן חשק צו כאַפּן די ערשטע בעסטע האַק אָדער היי־גאָפּל, וואָס איז אים געלעגן אונטער דער האַנט, אַרויסלאָזן זיך דערמיט און פאַרטרייבן פון זיין פאַרם אַלע מיט אַנאַנדער. דעם פרעמדן יונג, בעטין און אַפילו די וויבלעך און מיידלעך, די געסט. אין מורא פאַר זיך אַליין, ער זאָל ניט אָפּטאָן אַ זאַך, וואָס אַ ייד דאַרף ניט טאָן, האָט ער די אייגענע פויסט אַריינגעשטופּט אין מויל און איינגעביסן די ציין אין איר ביז בלוט. אויסגעשעפּט פון דער אייגענער מלחמה מיט זיך אַליין, האָט שלום מעלניק, ווי תמיד, איינגעזען, אַז זיין לעבן איז אַ פאַרשפּילטס, אַז עס איז ניט כדאַי צו שרייען און ריידן און האָבן טענות, ווייל אַזוי איז שוין זיין ביטער מזל אוודאי, ווייל אַזוי איז אים שוין באַשערט פון הימל, וואו אַלץ ווערט געוואויגן, געמאָסטן און פאַרשריבן.

פון דרויסן האָט אַ קלאָגנדיקע סאָווע אָנגעהויבן אירע נאַכט־קינות, אָפּגעשטעלט זיך און ווידער פאַרגאַנגען זיך ווי זי וואָלט אויך מסכים געווען צו די פינצטערע מחשבות פון מענטש אין שייער.

6

דער איינציקער, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם האָטעל־מענטש האַראָלד אין דער מעלניק־פאַרם, איז געווען בען.

האַראָלד האָט ווי מיט אַלע אַנדערע, פּרובירט אויך שאַפֿן זיך מיט בענען. זעענדיק פֿאַר זיך אַן אויסגעצויגן בחורל אין גרויסע פֿאַרמער־שיך, צו־גרויס פֿאַר זיינע ייִנגלערישע פֿיס, און אין אויסגעוואַקסענע און אויסגע־מיסטיקטע אָוועראָלס, — האָט האַראָלד אים פֿאַרהאַלטן מיט דער גדלות פֿון אַ שטאָטישן עלעגאַנט ביים ריידן צו אַ „יאָקל", אַ פּויערן־יונג.

— העי, מאַיק! — האָט ער אים אַ רוף געטאָן מיטן ערשטן בעסטן נאָ־מען, וואָס איז אים געקומען אין מויל. — פּוץ מיר אָפּ מיין „סטודיבעיקער"; אָבער גוט, ער זאָל גלאַנצן.

בען, אַנשטאָט נעמען זיך צו דער פֿאַרשטויבטער געלער מאַשינקע, האָט אַרויפֿגעשאַרצט די שוואַרצע האָר, וואָס זיינען אים געפֿאַלן איבער דעם שטערן, און מיט גרינע אויגן באַטראַכט דעם אויסגעפּוצטן פֿאַרשוין פֿאַר זיך. שוין פֿון פֿריער האָט ער דעם פֿרעמדן געהאַט געזען פֿון דער ווייטנס און אַ קרום אויג אויף אים געוואָרפֿן. אים איז ניט געפֿעלן געוואָרן ניט יענעמס חוצפּה־דיקער אַריינפֿאַר אין דער פֿאַרם, בעת וועלכער ער האָט שיִער אַ הון ניט אָוועקגעהרגעט, ניט דער אופֿן ווי ער האָט געהייסן דעם פֿאָטער אַראָפּטראָגן די פּעקלעך און וואַליזקעס פֿון אַלץ דאָס צו־פֿאַמיליאַרע אָנגעמען די מוטער אונטער דער סאַמע פּאַכווע, ביים העלפֿן איר אויסשטייגן פֿון דער מאַשין. איצט האָט ער אים געוואָלט זען פֿון דער נאָענט. אָפּמעסטנדיק אים פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, פֿון זיין צוגעגלעטן שרונד אין קאָפּ ביז די געלע שיך און רויטע זיידענע זאָקן, האָט ער אים גלייך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיין הויכער מערכה.

— ווער, צום טייוול, ביסטו צו געבן מיר באַפֿעלן? — האָט ער אים אַ פֿרעג געטאָן מיט אַ טיפֿער ברוסט־שטים, וואָס האָט זיך אים שוין אַ צייט געהאַט איינגעשטעלט נאָך דעם ייִנגלערישן שטים־בייטעניש.

דער פֿלוצלונגדיקער ווידערשטאַנד פֿון אַן אויסגעשמירטן פֿאַרמער־יונג, און נאָך פֿון אַזאַ שנעק דערצו, האָט אינגאַנצן צעטומלט דעם זעלבסט־זיכערן האָטעל־מענטש. אין זיין פֿאַרלוירנקייט איז אים די גאַנצע גדלות מיט איינמאָל אויסגערונען.

— אָ, איך האָב בלויז געמאַכט אַ שפּאַס, יונגערמאַן, — האָט ער געזאָגט, שמייכלענדיק זיין פֿאַרפֿירערישן שמייכל, מיט וועלכן ער באַזיגט געוויינלעך די צאַרנדיקסטע ווייבער. — לאָמיר זיין פֿריינט.

דערביי האָט ער אויסגעשטרעקט צו בענין זיין האַנט, אַ דינע האַנט מיט לאַנגע פֿינגער און מיט פֿאַרשפּיצטע פּאָלירטע נעגל. בען האָט זיך געמאַכט נישט־זעענדיק די אויסגעשטרעקטע שטאָטישע האַנט און ניט צוריקגעגעבן זיין פֿאַרמיסטיקטע האַנט, פֿול מיט מאַזאָליעס, קראַצן און שניטן. אַזוי האָט ער ניט אויסגעשטרעקט די האַנט זיינע נאָך דעם ציגאַרעטל, וואָס דער פֿרעמ־

דער האָט אים מכבד געווען פון זיין זילבערנעם באַמאַנאַגראַמטן פּאַרטסיגאַר אַרויס.

— רויכערסט נישט, פּריינט — האָט האַראָלד געפרעגט מעשה בכבודי־קער מענטש, וואָס טוט אַ טובה אַ ייִנגל אין שליסן פריינטשאַפט מיט אים.

— איך רויכער יאָ, — האָט בען טראַציק געענטפערט.

— פאַרוואָס דען ווילסטו נישט נעמען קיין ציגאַרעט פון מיר?

— ווייל איך וויל נישט און פאַרטיק! — האָט בען געענטפערט נאָך טראַציקער.

די טאָפּלטע באַליידיקונג איז שוין געווען צופיל פאַר האַראָלדן און ער האָט פרובירט באַשיצן זיין געפאַלענעם כבוד.

— „טאַף קיד, הע?" — האָט ער געפרעגט, אויסגלעטנדיק דאָס דינינקע וואָנצעלע.

— יעפּ! — האָט בען מסכים געווען און אַוועקגעשפּאַנט צו דער שטאָל, איבערלאָזנדיק דעם פרעמדן אין מיטן געשפּרעך.

האַראָלד איז גלייך אַוועק צו בעטין און פאַרמסרט פאַר איר דעם פיינעם זון אירן פאַר זיין גראָבקייט. ער האָט אים דאָס אמתע פוס־בענקל צוגעשטעלט. בעטי איז אַוועק אין שטאָל און אַ לאַנגע דרשה געהאַלטן פאַר דעם זון אירן, וואָס טרייבט מענטשן פון פלאַץ. מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געשיט פייער, מיט באַוועגלעכע נאָזלעכער, האָט זי לאַנג און הייס געוואָרפן אירע שטראָף־רייד אויף איר זון, וואָס איז אַליין קיין מענטש ניט און קען מיט אַנדערע מענטשן ניט אויסקומען. זי האָט גערעדט גיך און געדיכט, ווי זי וואָלט אַרויסגעשיט אַרבעסלעך פון איר קליין אָנגעפּאַרבט און באַוועגלעך מיילעכל. בען האָט אויף איר געקוקט מיט זיינע ווייטזיכטיקע גרינע אויגן און געשוויגן.

— וועל, אויב ער איז אַ מאַן, זאָל ער עס אויספּאַיטן מיט מיר, אַנשטאָט גיין פאַרקלאָגן מיך פאַר דער מאַמען, — האָט ער בלויז געענטפערט אויף דער מוטערס מוסר־רייד. — און אויב ער האָט מורא, זאָל ער מיך בעסער אויסמיידן, וואָרעם איך וועל אים אָפּרעכן זיינע גלאַנציקע נעגל...

בעטי, ווי יעדע מוטער, וואָס זעט אין איר דערוואַקסענעם זון אַ קינד בלויז, האָט אַ דערשראָקענע אַ קוק געטאָן אויף דעם אויסגעצויגענעם יונג, וואָס רעדט פון שלאָגן זיך און פון אָפּברעכן נעגל. אַלץ אין אים איז פּלוצלונג איר געווען פרעמד: זיין גראָב קול און וואוקס, זיינע צעוואַקסענע הענט און דער עקשנותדיקער מענלעכער נאַקן. פרעמדער פון אַלץ איז געווען זיין אָפענער ווידערווילן צו איר, דער אייגענער מוטער זיינער. קיינמאָל איז זיין ווידערווילן צו איר ניט געווען אַזוי האַרט און אָפן, ווי איצט, וואָס האָט זיך געגרענעצט שוין מיט שנאה, וויסנדיק גאַנץ גוט ביי זיך, אַז די פּלוצלונדיקע

שנאה ביי בענען קומט ניט פון דער הוילער וואַנט, נאָר פון איר אַנגעמען זיך פאַר דעם פרעמדן מאַן, פאַר וועמען זי האָט אין איר ווייבערישן אײפער שוין אַ ביסל צו־הייס זיך איינגעשטעלט, — האָט בעטי פונדעסטוועגן זיך ניט געוואָלט נאָכגעבן, אַז זי האָט אַליין אַרויסגערופן די בן־סורר־ומורהדיקייט אין איר זון, נאָר בעסער געוואָלט פילן זיך די געקריוודעטע מוטער און מאַרטירערין.

— דעם טאַטנס זון, — האָט זי געזאָגט, צו באַליידיקן בענין.

— יעפּ! — האָט בען מסכים געווען, גאַרנישט צו באַליידיקן זיך דערפון.

ווי אַלע מאָל, האָט דער גראָב־יונגערישער „יעפּ" בעטין אויפגעקאָכט, ווי זי וואָלט דערין געזען די גאַנצע ירידה פון איר בן־יחיד, אויף וועמען זי האָט אַמאָל געהאָפט, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ לייט, געחלומט צו זען אַמאָל אין אים אַ דאַנטיסט אָדער אַפילו גאָר אַן אמתן דאָקטאָר.

— זאָלסט נישט זאָגן „יעפּ" צו מיר! — האָט זי געשריגן אין איר צאָרן.— כ'וויל עס נישט הערן, דו הערסט?

— יעס, מעם! — האָט בען פלוצלונג גענומען טיטולירן די מוטער, אָבער דערין איז ניט געווען קיין כבוד, נאָר שפּאָט.

בעטי האָט, ווי תמיד אין אַ פאַל פון הילפלאָזיקייט, גענומען צו הילף איר ווייבערישע כלי־זיין — טרערן.

— גאָט, פאַרוואָס קומט עס מיר? — האָט זי געפרעגט, אויפהייבנדיק אירע פייערדיקע אויגן צו די שוואַרצע קראַקוועס, פון וועלכע שטיקער שפּינוועבס האָבן אַראָפּגעהאַנגען.

אירע פוכקע פינגער האָבן נערוועז געזוכט דאָס טיכעלע, דאָס פּיצינקע אויסגעהאַפטענע טיכעלע, כדי צו פאַרהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן איר צוגעשפאַרט. בען, אַ שונא פון טרערן, האָט זיך באַצייטנס אַראָפּגעבויגן צו דעם רינשטאָק אין דער צעמענטענער פּאָדלאָגע און גענומען אַרויסוואַרפן דאָס פרישע בהמהשע מיסט.

— גערײַי, נעלי! — האָט ער געטריבן די קי פון שטאַל אַרויס. — העי, סעידי! . . .

בעטי איז אַרויסגעלאָפן פון שטאַל, באַליידיקט פון די האָר־נאָדלען אין קאָפּ ביז די הויכע קנאָפּל. זי האָט געברענט פון צאָרן קעגן דעם זון אירן. אָבער צוזאַמען דערמיט האָט זי געפילט אַ פלוצלונגדיקע מורא פאַר אים, אַ מורא פאַר זיין פרעמדקייט, ווידערווילן, און מער פון אַלץ פאַר זיין פאַרדאַכט אויף איר, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן. באַליידיקט פון דעם זונס שלעכטן פאַרדאַכט, וואָס זי האָט באַטראַכט פאַר געמיין און מיאוס און אומ־געהערט, האָט זי צוזאַמען דערמיט טיף אין האַרצן געוואוסט, אַז עס איז דאָ

אַ גרונט פאַר אַט דעם שלעכטן פאַרדאַכט קעגן איר, וואָס האָט זי נאָך מער דערצאָרנט, באַאומרואיקט און געשראָקן כדי צו באַרואיקן איר מורא, האָט זי פּרובירט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט די גאַנצע אומזיניקע געשיכטע.

— אַ נאַרעש ייִנגל, פאַרווילדעוועט צווישן די בהמות, האָט זי גע־זאָגט לאַכנדיק צו הערשלען, — אָבער ער האָט פון מיר געכאַפּט זיינס, ער זאָל וויסן נאָכאַמאָל ווי אַזוי צו ריידן מיט אַ מענטש.

— אַז ער וועט זיין גראָב, וועל איך אים אָנדרייען אַן אויער, — האָט הערשלען פון זיין זייט זיך באַרימט פאַר בעטין, וויסנדיק גאַנץ גוט ביי זיך, אַז ער וועט מער אַפילו ניט וואָגן צוצוגיין נאָענט צו דעם איבערגעוואַקסענעם פּאַרמער־יונג, פון וועמען עס קוקט אַרויס עקשנות און כוח ווי פון אַ יונג ביקל.

כאָטש ביידע האָבן ניט גערעדט מער דערפון, ווייל עס איז זיי גאָרניט אָנגעשטאָנען צו ריידן וועגן דעם „ייִנגל", האָבן זיי זיך געפילט אומרואיק איבער דעם אויסגעוואַקסענעם שווייגנדיקן יונג אין די קורצע אָוועראָלס. זיי האָבן זיך אויסגעהיט פאַר אים מיט זייער נאָענטקייט מער ווי פאַר יעדן אַנדערן אין דער פאַרם, אַפילו ווי פאַר שלומען אַליין. זיי האָבן אויסגעמידן פאַרבייצוגיין די שטאַל, ניט אָנגעקוקט די לאַנקע, אויף וועלכער בען פלעגט אַרויסטרייבן די בהמות. בעטי פלעגט אַפילו יעדן מאָל, ווען זי האָט גע־דאַרפט אַרויספאָרן מיט הערשלען צום נאָענטן שטעטל, אומקוקן זיך פריער איבערן הויף, צי בען איז ניטאָ אַמאָל דערביי. זי פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין דער מאַשין אַריין גיך און אומרואיק, ווי ווען מען טוט אָפּ אַ פאַרבאָטענע זאַך. ניט צו ווייזן עס פאַר בעטין, האָט עס אויך געטאָן הערשלען. אָבער זי האָט סאַי ווי סאַי געזען זיין מורא, פונקט ווי ער האָט זי געזען ביי איר. שעמענדיק זיך פאַר אַט דער שטילער מורא, וואָס איז זיי ניט אָנגעשטאָנען, באַהאַלטנדיק זיך מיט איר איינער פאַרן אַנדערן, האָבן זיי ביידע געוואוסט ביי זיך, אַז די מורא שטעקט אין זיי, אַז יעדער זעט זי אויך ביים אַנדערן, און געפילט זיך דערפאַר נאַרעשעוואַטע און אומבאַקוועם. אָבער וויפל זיי האָבן זיך ניט אויסגעהיט, האָט בען זיי געזען, און אַפילו געוויזן זיי, אַז ער זעט זיי. פון אַלע ווינקעלעך און באַהעלטענישן האָט ער זיי דערטאַפּט מיט זיינע ווייט־זיכטיקע גרינע אויגן; ביים מעלקן די בהמות און ביים אָנגיסן וואַסער אין דער קאָרעטע, ביים אַרומגיין ביי די עופות און ביים אָנהאַקן האָלץ פאַר דער קיך. אַפילו אין די אָוונטן, ווען הערשל פלעגט אַרויסגיין מיט בעטין אויף אַ שפּאַציר איבער דעם פינצטערן וועג, וואָס בלויז גלי־פליגן האָבן אים באַ־לויכטן מיט זייערע פייערלעך, פלעגט ער אויסוואַקסן פלוצלונג, ווי פון דער ערד אַרויס, און דורכשניידן זיי דעם וועג. ניט זעענדיק זיין פּנים, האָבן

בײדע, בעטי און האַראָלד, געפֿילט זײַן איבערגעוואַקסן געשטאַלט, אויפֿגעכאַפּט זײַנע טריט, זײַן נאַכטיק פּײַפֿן. זײ האָבן אים אויך געזען אַפֿילו ווען ער האָט גאָרניט אין זינען געהאַט זיך צו ווײַזן. בלויז דער שאָטן זײַנער איז זײ נאָכגעגאַנגען, פֿאַרפֿאָלגט. אינגיכן האָבן אויך געגומען געשען נאַכטיקע ניסים מיט דעם צווײ־געזעסיקן גאָל־געפֿאַרבטן „סטודעבעיקער", וואָס איז געשטאַנען אין הויף. אײנמאָל האָט האַראָלד אין דער פֿרי אויסגעפֿונען, אַז אַ נאָגל האָט געשטעקט אין „טאַיער" פֿון זײַן מאַשין; אַ צווייטן מאָל איז די לופֿט געווען אַרויסגעלאָזט פֿון די שינעס; אַ דריטן מאָל איז די געלע פֿאַרב געווען אָפּגעקראַצט. אין אײנעם אַ טאָג האָט די מאַשין געגומען אַזוי עיפּושן, אַז די ווײַבלעך, וועלכע האַראָלד האָט געפֿירט צום נאָענטן שטעטל, האָבן אין מיטן וועג געהייסן אָפּשטעלן זיך און אַרויסלאָזן זײ בעסער גײן אַהײם צופֿוס. די ווײַבערשע געלעכטערן, געשרײען און שפּאַסן האָבן האַראָלדן אײנגאַנצן פֿריטשמעלעט. ער האָט מיט נערוועזע פֿינגער זײַן גלאַטן שרונד אין קאָפּ צעשויבערט, צו דערגײן דעם עיפּוש פֿון זײַן מאַשינקע, וואָס ער האָט זי גע־וואַשן, געצירט און גערײניקט ווי זיך אַלײן. ערשט נאָך לאַנגע זוכענישן, האָט ער אויסגעפֿונען אַ געפּגרטע קאַץ פֿאַרשטעקט אין אַ באַהעלטעניש, אונטערן סאַמע הינטערשטן געזעסל. האַראָלד איז אויף קײן רגע אַפֿילו ניט מסופּק געווען, אַז דאָס איז בענס אַרבעט, און אין זײַן כעס האָט ער געשוואוירן, אַז ער וועט דעם ראַצעוואַטן יונג אַ בײן איבערברעכן, אַלע זיבן ריפּן אים אונטער־האַקן, די צײן אויסשלאָגן; אָבער ווײַטער ווי פֿון שווערן זיך איז עס נישט געגאַנגען. בען האָט זיך אַפֿילו ניט אויסבאַהאַלטן פֿאַר האַראָלדן, נאָר אָפֿן אים אין די אויגן אַרײַנגעקוקט, ווען נאָך אים איז אים אויסגעקומען פֿאַרביי־צוגײן פֿאַר אים. האַראָלד האָט אים אָפּגעטראָטן דעם וועג. ער האָט גוט געזען, אַז דער יונג קריכט פֿון דער הויט אַרויסצופֿירן אים פֿון געדולד און דערפֿירן אים צו אַ געשלעג, און ער האָט ניט בדעה געהאַט עס אים נאָכצוגעבן. ניט ער האָט חשק געהאַט אַרויסצוקומען מיט אַן אונטערגעשלאָגן אויג, מיט אַ ריס אין זײַדענעם העמד, אָדער אַפֿילו מיט אַ פּגם אין זײַנס אַ פּאָלירטן נאָגל; נישט ער האָט געפֿילט די כוחות דערצו אין זײַנע פֿלינקע שטאָטישע הענט. אין וואָס, וואָס, נאָר אין געשלעגן זײַנען זײַנע כוחות ניט געלעגן, האָט האַראָלד זיך ניט געגאַרט. ווי געוויינלעך עס איז דער פֿאַל מיט שוואַכע, האָט ער זיך אַלײן אין זײַנע אויגן אָוועקגעשטעלט פֿאַר העכער און קליגער פֿון קעג־נער, מיט וועמען עס שטײט אים גאָרניט אָן קײן עסקים צו האָבן. ער האָט גלאַ־טיק אַראָפּגעשלונגען אַלע בזיונות פֿון יונג. אין בעטיס פֿאַרערונג האָט ער געפֿונען זײַן פֿאַרגיטיקונג.

איבעריקנס, האָט ער שוין סאַי ווי סאַי ניט געהאַט לאַנג צו זיצן דאָ,

אין דער קלײנער פֿאַרם, נאָר געגרייט זיך אַרויסצולאָזן אַ ליאַדע טאָג מיט זײַן „סטודעבעיקער” איבער דער גרויסער וועלט, פֿאַרפֿאָרן אַזש ביז פֿלאָרידאַ, וואו ער האָט ניט איינמאָל געאַרבעט דאָרט אין האָטעלן, און בדעה געהאַט אויך איצט צו פֿאַרברענגען דעם קומענדיקן ווינטער אין טומל און אין פֿריילעכקייט.

די טעג אין אָקוויל האָבן גענומען איינשרומפּן און די נעכט אויסציען זיך. די ביימער האָבן אָראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די זומערדיקע גרינקייט און אָנגעטאָן זיך אין האַרבסטיקע קאָלירן פֿון רויט, געל און גאָלד. פֿון צווייגן און דעכער, פֿון יעדן פֿלאָקן און פּלויט, האָבן ווייסע געוועבן זיך נאָכגעשלעפּט, סימנים פֿון האַרבסט. ווינטער־עפּל זײַנען כסדר געפֿאַלן פֿון ביימער. אָפּט האָבן זיך אויך געדיכטע וואָלקנס גענומען טשעפּען צו די בערג־שפּיצן, אַרומגעדרייט זיך אַרום זיי, אַראָפּלאָזנדיק זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער און צעגאָסן זיך מיט איינגעגעסענע שווערע רעגנס, אומאויפהערלעכע גוס־רעגנס, וואָס האָבן מיטגעשלעפּט פֿון די בערג ערד, ליים און ברעקעלדיקן שטיין. מענטשן האָבן מורא געהאַט אַרויסצושטעלן אַ פֿוס אין דרויסן. בלויז דער הונט טשאַק האָט זיך אַרומגעיאָגט אין דרויסן מיט דעם דע־לוקאַס הונט אין זייער אייביקער יאָגעניש.

בעטיס פֿריינדינס פֿון ברוקלין זײַנען מערסטנס אַוועק צוריק אין שטאָט. בלויז אייניקע פֿאַרבליבענע געסט האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין דער פֿאַרם, טוליענדיק זיך אין זייערע סוועטערס. אין די קאַלטע אָוונטן האָט מען אין עס־צימער אַפֿילו שוין געהייצט אין אומגעלומפּערטן גרויסן אַלט־מאָדישן קאַמין, וואָס איז געווען געבויט פֿון רויע שטיינער. האַראָלד האָט מיט אַלע זײַנע קונצן און חכמות פֿאַרהאַלטן די עטלעכע פֿאַרבליבענע ווייבער, שפּילנדיק קאָרטן מיט זיי בײַם שײַן פֿון פֿלאַקערדיקע שייטן האָלץ אין קאַמין. האַרט לעבן זײַן זייט, אַרײַנקוקנדיק אין זײַנע קאָרטן, וואָס אין דעם איז געלעגן די גאַנצע נאָענטקייט אירע צו אים, ווי ווען עס איז שוין אַפֿילו קיין סודות מער ניטאָ צווישן מאַן און פֿרוי, איז געזעסן בעטי אין איר אויסגעפּרעסטן סוועטער, דורך וועלכן אַלע רייצן פֿון איר זאַפֿטיק־ווײַבעריש גוף האָבן אַרויסגעשיילט זיך. לוסי, פֿאַרליבט אין איר מוטער, האָט פֿאַרוואָרפֿן אירע מיידלשע אָרעמס אַרום דער מאַמעס וואַרעמען האַלדז און געוואַרעמט זיך אין איר הייס לײַב, ווי אַ קעצל אין זוכעניש נאָך צערטלעכקייט און וואַרעמקייט.

ווען פֿון די בערג האָבן אין די אָוונטן אומגעריכטע ווינטן גענומען זיך אָפּרײַסן און טראָגן זיך מיט אַ פּײַפֿערײַ צווישן צווייגן פֿון ביימער און אין שפּאַרעס פֿון לויזע שויבן, פֿלעגן די עטלעכע פֿאַרבליבענע ווײַבער ווערן באַזונדערס אומרואיק און גענומען פּאַקן די קליידער אין זייערע וואַליזעס.

אומרואיקער פון אַלע איז געווען בעטי, וואָס האָט אין די ווינטן געהערט אַן אָנזאָג פון אַ לאַנגן, איינזאַמען ווינטער, אַן מענטשן און ליכט, אַן פרייד און באַוועגונג; און ערגער פון אַלץ — אַן האַראַלדן, אַן וועמען זי האָט זיך מער קיין לעבן ניט געקענט אויסמאָלן. ווי תמיד, אין איר מורא פאַר איינזאַמקייט, צו וועלכער זי האָט ביי קיין פאַל ניט געקענט זיך צוגעוואוינען, האָט זי גענומען ריידן מיט שלומען אויפסניי וועגן איר אַריבערפאָרן אין שטאָט איבערן ווינטער, צוזאַמען מיט ליוסין. פון רייד איז געקומען צו טענות און מענות, צו ווייבערישע ביטערנישן און טרערן. האַראַלד, וואָס האָט איצט אָפּט באַטראַכט זיין מאַשינקע, זי געריייניקט און געפּוצט און געמייסטרעוועט ביי איר מאָטאָר, ווי פאַר מאַכן אַ ווייטע רייזע, האָט געהאַלטן אין איין ריידן וועגן זיין נסיעה קיין פלאָרידאַ נאָך דעם זומער אין דעם העק, האָט אים די פריילעכע געגנט באַזונדערס העפטיק אַ צי געטאָן. און ער האָט אויך שטאַרק צוגערעדט בעטין, זי זאָל מיטפאָרן מיט אים אין זיין מאַשין צום ים־ברעג, וואו עס איז תמיד זוניק און וואַרעם און ליכטיק. ער האָט אויך געהאַט אַ פּלאַן וועגן אַן אייגענעם קליינעם האָטעל, וואָס ער זאָל אָפּדינגען דאָרטן, אין שותפות מיט איר, מיט בעטין, אַזוי אַז ווינטער זאָלן זיי אַרבעטן צוזאַמען ביים ים און זומער צוריקקומען צו דער פאַרם. האַראַלד האָט געזען דערין באַצייטנס אַ סך געלט און דערפאָלג. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער אַפילו אָנגעשלאָגן גאַנץ הויך אין דער צוקונפט, אין וועלכער ער האָט פאַראויסגעזען אַ גרויסן ערשט־קלאַסיקן האָטעל, וואָס זאָל מיט פייערדיקע אותיות אַראָפּשרייען מיט די נעמען האַראַלד און בעטי. אַ סך פון זיינע באַקאַנטע האָטעלמענטן האָבן אָנגעהויבן קליין און מיט דער צייט אַרויף אין די הויכע פענצטער, און ער האָט ניט איינגעזען פאַרוואָס עס קען אויך מיט אים און בעטין דאָס ניט געשען.

בעטיס הייסע אויגן זיינען געוואָרן טאָפּלט גרויס און גלאַנציק פון האַראַלדס זיסע רייד און נביאותן. וואָס העלער ער האָט געמאָלן פאַר איר דאָס ווייטע און אומבאַקאַנטע לעבן, אַלץ גרויער און אומעטיקער האָט גענומען אויסזען פאַר איר דער אייגענער העק אין די בערג, פון וועלכן יעדער שפּור פון לעבן איז פאַרשוואונדן. מיט יעדן טאָג מער, ווי אין די אַלטע צייטן, האָט זיך אויפסניי דערוועקט אין איר די אַלטע חרטה אויף דער יוגנטלעכער נאַרעשקייט אירער, ביי וועלכער זי האָט איר לעבן פאַרשפּילט. אין חרטה אויף די יאָרן, וואָס זיינען שוין אַוועק און מען קען זיי מער ניט צוריקגעווינען, האָט זי זיך געקלאַמערט אין דעם אוצר, וואָס איז איר נאָך פאַרבליבן, אין די לעצטע פאַר יאָר פון ווייבערישער צעבליטער רייפקייט פאַרן וועלקן: זי איז געווען אומרואיק און גליקלעך, הפקרדיק צעשפּילט און ווייבעריש געפאַלן. ברענענדיק

צו אַ געוואַגטן שריט אין איר לעבן, אַ פאַרבאַטענעם און געוואַגטן, האָט זי אויך מורא געהאַט פאַר אָט דעם שריט. זי האָט זיך געצאַפּלט אין זיסער שרעק, ווי זי פלעגט זיך צאַפּלען אין אירע בערג־רייזעס מיט האַראַלדן, בעת ער פלעגט צו־הפקרדיק זיך לאָזן איבער די געפערלעכע שאַרפע ווינקלען, אָט־אָט אַראָפּצוקייקלען זיך אין אַן אָפּגרונט.

צו־שוואַך פאַר אָט די גרויסע איבערלעבענישן, וואָס האָבן געשווערט איבער איר קליין גופל, האָט זי אויסגעלאָדן פון זיך דעם פלאַנטערדיקן יאָך אין אָפּטע געלעכטערן און געוויינען, און מער פון אַלץ אין אירע רעדענישן און גריזשענישן און רייסענישן מיט איר מאַן. זי האָט דערמאָנט אַלטע עוולות, פאַרגעסענע קלייניקייטן. עס האָט גאָר קיין סוף ניט גענומען צו אירע טענות און מענות און זעלבסט־באַדויערנישן און מאַרטירעריי. וואָס מער שלום האָט געשוויגן אויף אַלע אירע רייד, אַלץ היסטערישער איז זי געוואָרן אין איר קלעם. זי האָט אויך באַצייטנס אויפגעהערט פאַרנעמען זיך מיט דער שטוב, ניט אַכטונג געגעבן אויף דער קיך, ניט צוגעגרייט קיין מאָלצייטן פאַר שלומען און בענין נאָך זייערע לאַנגע שעהן פון אַרבעט. זי האָט געהאַלטן אין איין צופאָרן הין און צוריק צום נאָענטן שטעטל מיט האַראַלדן און ליוסין, געלעבט מיט כאַפּן סענדוויטשעס אין וועג־רעסטאָראַנען. ווי אין ערשטן יאָר אויף דער פאַרם, האָט שלום ווידער געמוזט איצט קאָכן אַליין פאַר זיך און פאַרן זון, אָדער גאָר דערנערן זיך מיט קאַלטע שפּייזן פון בלעכלעך, מערסטנס מיט ברוינע בעבלעך. פאָטער און זון האָבן געשוויגן ביי אָט די איינזאַמע סעודות. שלום האָט זיך געשעמט אַ וואָרט צו דערמאָנען וועגן דעם, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין זיין הויז. בען האָט ניט געדאַרפט מען זאָל עס אים זאָגן. פון שטאָל אַרויס האָט ער אַלץ געזען און געהערט און געוואוסט. ווי תמיד, האָט ער רחמנות געהאַט אויפן טאַטן, געפילט זיך באַליידיקט צוליב דער פאָטערלעכער ווירדע זיינער, וואָס ווערט געטראָטן מיט די פיס. אָבער צוזאַמען מיט רחמנות, האָט ער אויך געהאַט פאַראַכטונג צו אים דערפאַר, וואָס ער קען ניט באַשטיין אויף זיין מאַנסבילישן רעכט, ווי אַ מאַן דאַרף.

אין איינעם אַ טאָג האָט בען גענומען די רעכט אין זיינע הענט און גע־האַנדלט ווי אַ מאַן דאַרף.

אין דעם טאָג איז אַ גרויס געשעעניש געשען אין שלום מעלניקס שטאַל; אַ געשעעניש, וואָס האָט דעם איבערגעוואַקסענעם פאַרם־יונג אין די צו־קורצע אָוועראַלס אָנגעפּילט מיט גרויסער מאַנסבילישער חשיבות, שטאָלץ און גבורה.

אין קאַלטן באַגינען, ווען די שפּיצן פון די בערג זיינען נאָך געווען פאַר־

שלייערט אין הימלישן געוועב, ווי אין גרינלעכע שלאָפמיצן, און אַפילו אין די פּאַרמישע הייזער האָט זיך נאָך קיין סימן פון לעבן ניט געזען, קיין שפּור פון אַ רויך אין אַ קוימען, — האָט זיך אין דער חורבה פון חיות־אויסשטאָפּער דע־לוקאָס די איינציקע טאָכטער, אַפּאַל, אויפגעהויבן, שטילערהייט זיך פון הויז אַרויסגעשלייכט און באַגלייט פון שטוביקן הונט, צו שלום מעלניקס פאַרם זיך געלאָזט. אַריינגייענדיק אין דער שטאַל, האָט זי מיט שווערקייט, וואָס איז געווען פרעמד צו איר יוגנט, אַרויפגעדראַפּעט זיך צום היי און צוגע־זעצט זיך שוויגנדיק לעבן בענין, וואָס איז געלעגן אויף זיין געלעגער, איבער־געדעקט מיט אַ דעק, מיט וועלכער מען דעקט צו פערד אין אַ רעגן. כאָטש זי האָט ניט געוועקט בענען, נאָר בלויז געקוקט אויף אים מיט אירע ווייכע שוואַרצע אויגן, האָט דער יונג דערפילט איר בליק אויף זיך און זיך אויפ־געכאַפּט. עפּענענדיק די אויגן, האָט ער געקוקט מיט שטוינונג און שרעק אויף דעם מיידל לעבן זיך. עס איז ניט געווען דערפאַר, וואָס עס זאָל האָבן געווען אַ נייס פאַר אים צו זען אין שטאַל די דע־לוקאָס מיידל, אַפּאַל. זי פלעגט ניט איינמאָל, נאָך אַ לאַנגן טאָג אַרבעט אין בעטיס קיך, אַריינקומען צו אים אין די אָוונטן אין שטאַל און אָפּזיצן שעהן אין שוויגעניש, שפּילנדיק זיך בלויז מיט די קעץ און שמייכלענדיק איר שמייכל פון שוואַכזיניקע. מיט דער צייט האָט זי אויך גענומען פאַרזיצן זיך ביז טיף אין די נעכט אַריין, טייל־מאָל ביז איבער האַלבער נאַכט. אָבער דאָס מאָל האָט זי שוין אַ צייט מער ניט אַרויסגעהאָלפן אין בעטיס קיך. דערצו איז זי געקומען פאַרטאָג, ניט אין אַ שעה ווען אַ מיידל קומט צו אַ יינגל. ניין, ניט צוליב מיידלשן באַגער צו אַ בחור איז זי אַוועק אין דעם פריען קאַלטן באַגינען פון איר פאָטערס הויז. זי איז אַוועקגעגאַנגען טאָן אַ ווייבערשן חוב, אַ שווערן און אַן אומפאַרמיידלעכן.

נאָך לאַנגע חדשים פון זיין נאָענט מיט דעם יונג אין שטאַל, האָט זי אין דער קאַלטער האַרבסטיקער נאַכט דערפילט די ערשטע ווייטיקן אין איר יונג לייב. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי זיי געפילט, מיט הפסקות פון מנוחה צווישן איין פּיין און אַ צווייטער. אָבער זי האָט געשוויגן אין אירע פּיין, די ערשטע אין איר לעבן, כדי נישט אויפצואוועקן די מענער אין שטוב, צווישן וועלכע זי איז איין־איינציקע פון איר מין געווען. ווי נאָר עס האָט גענומען בלאָען, ביים ערשטן שפּראָץ פון טאָג, האָט זי פאַרלאָזט די שטוב. ווי אַ חיה, וואָס זוכט זיך אויס אַ באַהעלטעניש און שוץ פאַר איר געבורט, ווייט פון אויגן, וואָס זאָלן זי זען, האָט אויך די דאָרפישע מויד זיך דערוווייטערט פון הויז פון איר פאָטער און ברידער און איז אַוועק צו דעם, וואָס האָט זי באַפרוכפּערט, ער זאָל איר העלפן, באַשיצן און אויסבאַהאַלטן.

— לאָז מיך צושפּאַרן זיך אין היי, בען, — האָט זי געזאָגט צום פאַר־

שלאָפענעם יונג, ניט קרעכצנדיק, נאָר שמייכלענדיק איר שמייכל פון שוואַכ־זיניקע, — און דעק מיך צו, מיר איז קאַלט.

אירע אויגן, אָפענע, ווייכע און גרעסערע ווי תמיד, האָבן געקוקט אויף אים מיט גרויסער בקשה און הכנעה, אַ הכנעה, וואָס האָט געזאָגט, קענסט מיך אַרויסטרייבן, אַוועקיאָגן, שלאָגן אַפילו, אָבער איך וועל דיך סאַי ווי סאַי ליב האָבן, דיך און די זוימען דיינע, וואָס איך גיי ברענגען אויף דער וועלט.

אַ ווײַלע האָט זיך בען דערשראָקן פאַר דעם וואָס איז געקומען, ריכטנדיק זיך דערויף, האָט ער אָבער מורא געקראָגן פאַר דעם, וואָס איז ענדלעך גע־קומען. אין דער ערשטער רגע האָט זיך אַפילו דערוועקט אין אים אַ ייִנגלשער געדאַנק — צו אַנטלויפן, אַנטלויפן פון דער סכנה, כדי זי ניט צו זען. באַלד אָבער איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ רחמנות אויף דעם מיידל לעבן זיך, וואָס אירע ווייכע אויגן האָבן אַלץ ניט אויפגעהערט צו שמייכלען זייער איבּיקן שמייכל. אויף איר איילבערט־קאַלירענעם פּנים איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ לייטזעליקייט, אַ גרויסע לייטזעליקייט פון אָנקומענדיקן גליק. אָט די לייטזעליקייט וואָס איז פּלוצלונג איבערגעצויגן געוואָרן מיט אַ פּיין פון שולדיקייט און מורא, האָט בענען צענומען.

— עס טוט דיר ווי, אָפּאַל? — האָט ער געפרעגט שטיל, גלעטנדיק מיט זיינע האַרטע הענט אירע ווייכע איילבערט־קאַלירענע באַקן.

אנשטאָט מודה זיין, האָט זי בלויז געגלעט זיינע הענט, שמייכלענדיק אין איר פּיין איר שמייכל פון שוואַכזיניקע. דאָס האָט דעם יונג איבערגעוועל־טיקט פון קאָפּ ביז די פּיס. ער האָט זיך דערפילט שולדיק לעבן איר. די שולד איז אים געלעגן אין יעדער האָר פון זיין אַראָפּגעפאַלענער טשופּרינע, וואָס האָט געוויינלעך געהאַט אין זיך טראָציקייט און עקשנות. אַ צייט איז ער געשטאַנען לעבן איר און געוואַרט. דער סוד פון געבורט איז ניט געווען קיין בּייס פאַר אים. זינט ער איז געווען מיטן פאָטער אין דער פאַרם, פלעגט ער זיין אין שטאַל ביי יעדער געבורט, וואָס אַ קו פלעגט געבן. ווי יונג ער איז געווען, האָט ער שוין אויך געוואוסט ווי אַזוי אַפילו צוצהעלפן אַ בהמה אין איר ערשטן געבוירן, ווען עס איז איר צוגעגאַנגען שווער. אַזוי האָט ער גע־וואוסט ווי אַזוי אַנצוגיין מיט ערשט־געבוירענע קעלבלעך, ווי אַזוי זיי צום לעבן צו ברענגען, אויב זיי קומען אַרויס צו־שוואַך, ווי אַזוי זיי אויסצוזאַלצן און שטעלן אויף די פיסלעך. ער האָט דעריבער געהאַלטן אַן אויג אויף דעם מיידל אין היי, צוקוקנדיק זיך מיט מיטלייד און נייגיר צו איר פּיין פון געבורט. ער האָט ניט געריִרט זיך צו רופן עמעצן, אין מורא אַרויסצוגעבן זיך און איר אין זייער סוד. אָפּאַל האָט געקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע דאַנקבאַרע אויגן און איינגעהאַלטן זיך מיט אַלע כוחות נישט אַרויסצושרייען

איר פּיין. מיטאַמאָל האָט זי גענומען אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם צודעק און געטריבן פון זיך דעם, וועמעס שוץ זי האָט ביז איצט געזוכט.

— גיי אַוועק! קוק נישט! — האָט זי זיך געבייזערט.

גלייך דערויף האָט זי גענומען שרייען, אַרויסשרייען איר גרויסן ווייטיק, וואָס זי האָט מער ניט געקענט דערשטיקן.

דער פּלוצלונגער געשריי האָט בעניין אַזוי אויפגעטרייסלט, אַז ער האָט אויף איין רגע פאַרגעסן יעדער מורא און בושה און גענומען לויפן צו דעם הויז, וואו די מוטער איז געשלאָפן.

— מאַ, — האָט ער גערופן, אויפרייסנדיק די טיר פון איר שלאָפשטוב— מאַ, הייב זיך אויף! גיך הייב זיך אויף!

צום ערשט האָט בעטי, אין איר אויפגעריסענעם שלאָף און שרעק, אַ גאַנצע מינוט צייט ניט געקענט דערגיין וואָס אַזוינס בען רעדט צו איר און רופט. ווען זי האָט ענדלעך באַנומען, איז זי געוואָרן צופיל געליימט אין איר ווייבערישן צאָרן און וואוט, זי זאָל זיך רירן פון אָרט.

— זאָל זי גיין צו איר חורבה — האָט זי געשריגן, — איך וויל זי דאָ ניט האָבן! . . . איך וויל ניט . . . איך וויל ניט!

בען האָט אָנגענומען די מוטער ביי אַ האַנט און מיט צוואַנג זי אויפגעהויבן.

— קום! — האָט ער באַפוילן.

אין זיין האַנט, ווי אין זיין וואָרט, איז געווען אַזאַ אומגעריכטע גבורה און אַנטשלאָסנקייט, וואָס בעטי האָט זינט זי לעבט אַזעלכעס ניט געפילט אויף זיך פון אַ מאַן. זי איז ווייבעריש דערשראָקן געוואָרן פאַר אָט דער מענלעכער גבורה און הערשערישקייט און זי איז שווייגנדיק און הכנעהדיק נאָכגעגאַנגען דעם זון, געפירט פון זיין האַנט, וואָס האָט זי ניט אָפּגעלאָזט. ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין שטאַל, איז אָפּאַל געווען שטיל. זי האָט געהאַלטן אין אירע הענט דאָס נפש, וואָס זי האָט פון איר לייב אַרויסגעבראַכט. בעטי האָט עס איבערגעגעבן אין זונס הענט אַריין, און זי אַליין האָט זיך אײַבערגעבויגן איבער דעם היי־געלעגער, צו העלפן דער געווינערין אין אירע נאָכווייען. כאָטש דאָס ניי־געבוירענע נפש אין זיינע הענט איז געווען אומריין, האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרזעעניש, אַלט און צעקנייטשט, האָט ער דערפילט אַ גרויסע וואַרעמקייט, געהויבנקייט, שטאָלץ און מענלעכע גבורה. — ס'איז מיינס — האָט ער געשריגן צו דער מוטער, ווי אַ יינגל, וואָס געפינט אַ מציאה — מיינס.

קיין ברעקל פאַרלוירנקייט, קיין סימן פון בושה איז מער ניט געווען אין אים. פאַרקערט, דער שטאָלץ, די געהויבנקייט און די גבורה זיינען גע־

וואָקסן אין אים, מיט יעדער מינוט מער. מיט צערטלעכער לייכטקייט האָט ער איבערגעטראָגן פון הייגעלעגער אין שטוב אַריין די שלאָפנדיקע אַפּאַל, איינגעוויקלט אין דער פערדישער דעקע, קוקנדיק מיט אויפגעריסענע אויגן אויף דעם ניי־געבוירענעם אין דער מוטערס הענט.

ער איז געגאַנגען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און מיט שטאָלצע טריט. ער האָט פאַר קיינעם ניט אויסגעהיט זיך אין וועג, ניט פאַרן פאָטער, ניט פאַר ליוסין. ווי אַ פויגל אַ זכר, איז ער געשטאַנען אויף דער וואַך צו באַשיצן זיין זיווג און שפּראָצלינג, ניט נאָר פאַר יעדער שלעכטס, נאָר פאַר יעדן קרום וואָרט און געלעכטער. ער האָט געפילט כוחות אין די הענט, ווי קיינמאָל ניט פריער, גרייט צו פאַרמעסטן זיך קעגן אַ וועלט. אין זיין טשופּרינע איז ווידער געוועקן טראָציקייט און ווילן צו מלחמה, ווי אין אַ קאַם פון אַ קעמפערישן האָן; אין יעדער האָר איז עס געלעגן.

האַראַלד האָט עס אין זיין פאַרבלענדקייט ניט געזען.

הערנדיק פון דעם, וואָס איז געשען אין שטאָל, האָט ער געוואָלט זען דעם, וואָס האָט צו דער חרפּה דערפירט, אָנקוקן אים אין זיין גאַנצער שאַנד, ווי ער איז זיכער געווען צו זען אים. דאָס ערשטע מאָל האָט ער ניט אויסגעמידן צו טרעפן זיך פּנים־אל־פּנים מיט דעם אויסגעצויגענעם יונג אין די קורצע אָוועראָלס. פאַרקערט, ער האָט אים אָפּגעוואַרט, כדי צו טרעפן זיך ענדלעך מיט אים. ווי נאָר ער האָט אים דערזען, האָט ער אים דורכגעקרייצט.

— מזל טוב — האָט ער אים געוואונטשן אין יידיש און אָנגעלאָכט אים פולע אויגן — צו ווען איז עס ענלעך — צו דיר אָדער צום טאַטן אירן?

בען האָט דערפילט אַ צופלוס פון בלוט אין די הענט־פלאַכן, וואָס האָט געקיצלט אַ שטויס צו טאָן. ניט וואַרטנדיק קיין איבעריקע רגע, האָט ער געגעבן דעם שטויס גלייך איבער האַראַלדס וואַנצעלע, וואָס איז געלעגן ווי אַ פאָדעמל איבער זיין גלאַט־אויסגעגאָלטער אויבערשטער ליפּ.

— שלאָג זיך! — האָט ער אויפגעפאָדערט דעם קעגנער.

האַראַלד האָט אַפילו ניט פּרובירט צוריקצושלאָגן, נאָר גערוקט זיך הינטער זיך. בען איז אים נאָכגעגאַנגען אין זיינע פיס־טריט.

— טראָג זיך אָפּ פון דאַנען! — האָט ער באַפוילן, — די מינוט לאָז זיך אין וועג אַריין!

האַראַלד האָט אים געפאָלגט. מיט גיכע נערוועזע הענט האָט ער געוואָרפן די זאַכן זיינע אין די וואַליזעס, אַרויפגעצויגן די ציכלעך אויפן סאַקסאָפאָן און דער פויק, וואָס ער האָט געוואָרפן אין היגטערשטן געזעס פון זיין „סטודעבעיקער”. אין זיין געשלאָגנקייט, איז ער אַפילו ניט אַריינגעגאַנגען גע־

זעגענען זיך מיט בעטין, פאַר וועמען ער האָט געהאַט באַצייטנס צוגעגרייט אַ געזעס לעבן זיך. ניט ער האָט געוואגט אַריינצוגיין צו איר, אין זיין מורא פאַר דעם זון אירן, ניט ער האָט געוואָלט זען איר, דער באָבע פון אַן איי־ניקל, וואָס האָט מיט איינמאָל פאַרלוירן אין זיינע אויגן יעדע ווייבערישע ווערט. ער איז אַרויסגעפאָרן פון דער פאַרם מיט אַזאַ בהלה, ווי ער איז אַריין אין איר, איבערשרעקנדיק אַלע עופות אין הויף.

בעטי האָט נאָכגעקוקט דעם רויטלעכן שטויב, וואָס דער אויטאָמאָביל האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך, און געווען צופרידן, וואָס דער אַוועקפאָרנדיקער מאַן האָט זי ניט געזען אין איר גרויסער ווייבערישער ירידה. שטייענדיק לעבן איר טאָפּלטן פאַמיליען־בעט, אין וועלכן עס איז איצט רואיק געשלאָפן די געווינערין מיט איר קינד, האָט זי געוואוסט, אַז אַלץ אין איר ווייבעריש לעבן איז געענדיקט, אַז אַלע אירע ראַנגלענישן, קאָנוואולסיעס און פאַרשפּעטיקטע האָפנונגען זיינען איצט אָפּגעהאַקט, און אַז פאַר איר שטייט אַ ניי לעבן, אַ לעבן פון אַ ווייב, מוטער און באָבע.

דאָס עופעלע האָט זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט און גענומען וויינען, רייסן זיך מיט אַלע כוחות, ווי אָנזאָגנדיק, אַז עס איז דאָ און עס הייבט אָן אַ ניי לעבן.

די גרויסע בערג האָבן מיטגעשריגן מיט אויסגעצויגענע ווידער־קולות יעדער געשריי פון ניי־געבוירענעם קינד.

אַ באַשערטע זאַך

1

אין וואָס־וואָס, נאָר אין יידן מיט געלע אָדער רויטע בערד איז אין דאַלינעץ, ביי דער ווייסל, קיין דוחק נישט געווען. אַפילו באַלעבאַטים מיט טונקעלע פּיאות האָבן אָפּט געהאַט ליכטיקע בערד, גאַנץ רויטע, געלע, אָדער, לכל־הפּחות, געלעוואַטע. פישל מאַידאַניקערס באָרד איז געווען די רויטסטע צווישן בערד. זי האָט ממש געפלאַקערט אָט די באָרד, די אויגן געבלענדט מיט איר פלאַמיקער רויטקייט, איבערהויפּט ווען די זון האָט זיך געשפּילט מיט איר. און עס האָט אויסגעזען, ווי די דאַלינעצער זון וואָלט תמיד געשטיפט מיט אָט דער רויטער, געדיכטער, פירעקיקער און געזעצ־טער באָרד.

ווי גרויס שפע דער ייד האָט געהאַט אין זיין האָריקייט, אַזוי גרויס שפע האָט ער אויך געהאַט אין זיין גוף, נישט אַזוי אין דער הויך, ווי אין דער ברייט. דאָס איז געווען אַ קורצלעכער ייד, אָבער אַ געפאַקטער, אַ סאָלידער, ווי אַ שווער־אָנגעפּילטער זאַק, אין וועלכן מען האָט אַ סך כוחות אַריינגעלייגט ביים אָנשטאָפּן אים. זיינע הענט, באַקן, קאַרק, אָנגעגאָסענע מיט בלוט, ווי נאָר וואָס פון אַ שוויץ־באָד אַרויס, זיינען געווען באַדעקט מיט אַ נעץ פון זומער־שפּרענקעלעך. אַ שטערן האָט דער ייד, אַפּנים, געמוזט האָבן, ווייל יעדן זונטיק אין דער פרי, ווען ער פלעגט נישט גיין איבער די דערפער און קומען דאַוונען אין בית־המדרש, האָט ער דעם של־ראש פון די תפילין — אַ גרויסן פּאַרפּעטסטן של־ראש, מיט צו ברייטן שפּאַלטן צווישן די „בתים" — אָנגעטאָן נישט אויפן שיידל פון קאָפּ, נאָר אויפן שטערן. אָבער געזען דעם שטערן זיינעם האָט קיינער נישט. ער איז געווען צו נידעריק. חוץ דעם, איז ער געווען פאַרדעקט מיט אַ פּאָר צעשויבערטע פלאָם־פייערדיקע ברעמען, וואָס האָבן גיכער אויסגעזען ווי אַ פּאָר צעוואַקסענע וואָנצעס. אָבער פון אונטער אָט די מוראדיקע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר שטילע הילפלאָזע אויגן, ווייכע, שעפסענע, פול מיט תמימות און גרענעצלאָזער גוטסקייט.

לויט דער עשירותדיקער באָרד, לויט דעם יוסטן געשטעל זיינעם,

איז דעם ייד אָנגעשטאַנען צו זיין דער נגיד פון שטעטל, דער ראש־הקהל, אָדער אַמווייניקסטנס אַ באַלעבאָס פון אַ מויער אין סאַמע מאַרק. אויפן ערשטן אָנבליק וואָלטן אים פרעמדע מענטשן טאַקע אָנגענומען פאַר אַזעלכן, ווען נישט די אייביקע מלבושים זיינע, וואָס האָבן אים גלייך אַרויסגעגעבן. וואָרעם סיי ווינטער, סיי זומער, סיי אין וואָכן־טעג, סיי אין שבתים און יום־טובים האָט פישל מאַידאַניקער געטראָגן איין און די זעלבע קאַפּאָטע, אַ קאַפּאָטע פון אַ שווערן געוואַנט, וואָס האָט מסתמא אַמאָל געהאַט אַ באַשטימטע פאַרב, אָבער וואָס יאָרן, זון, רעגן און שטויב האָבן פון איר יעדע מראה אויסגעזויגן און פאַרוואַנדלט זי אין אַ שטאָף פון אַן אייגנאַרטיקן קאָליר פון קאָלירלאָזיקייט. אָט די שווערע קאַפּאָטע, וואָס איז געווען פאַרקנעפּלט מיט קנעפּ פון יעדער גרויס און פאַרב, איז אויך געווען אייביק צוגעפּעסטיקט אין די לענדן מיט אַ שמאָלן פאַרדאַרטן רימען. די אַרבל, וואָס האָבן פון ענגשאַפט זיך געריסן פון די אָרעם־לעכער, זיינען געווען פאַרשטשאָבעט מיט גראָבן זאַק־פאָדעם, קרום גענייט, ווי פון אַ נישט־געניטער מאַנסבילשער האַנט. אַזוי קאָלירלאָז און אַלט איז געווען דעם יידס היטעלע, אַ פּיצעלע אָפּבלאַקירט טוכן־היטעלע, אַרומגעזוימט מיט פלאַם־פייערדיקע רויטע קרייזלעך פון זיין זעלטן־געשוירענעם קאָפּ. דער איינציקער אונטערשייד צווישן שבת און דער וואָכן אין דעם יידס זונ־מערדיקער הלבשה איז געווען אין די שטיוול. אין דער וואָכן פלעגט ער אַרומגיין באָרוועס און אָנטאָן די קורץ־כאָליעוודיקע פאַרלאַטעטע שטיוול נאָר צום דאַוונען; שבת איז ער געגאַנגען אין די שטיוול אַ גאַנצן טאָג.

ווי אייביק עס זיינען געווען פישל מאַידאַניקערס מלבושים, אַזוי אייביק איז געווען דער ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זיי, — אַ שווערער ריח, וואָס איז געווען באַזונדערס איבלדיק פאַר יידישע נעזער, ווייל ער האָט געשטאַמט פון חזיר. דער ייד האָט, חלילה, נישט געגעסן קיין חזיר, און אפילו נישט געהאַנדלט מיט דעם טריפה פלייש. ער האָט בלויז אויפ־געקויפט ביי די פויערים אין די דערפער די האָר פון חזירים, וואָס די ווייכע האָט ער פאַרקויפט צו בערשטער, און די האַרטע — צו שוסטערס, וואָס האָבן געמאַכט פון זיי נאָדלען צו דראַטוועס. די פאַסטעכער פון די דערפער פלעגן אפילו דערציילן אין שטעטל, אַז נישט אַלעמאָל קויפט דער ייד די חזיר־האָר פון די פויערים, נאָר אַז ער באַפאַלט אַמאָל אַ חזיר אין אַ ווינקל און רייסט פון אים אויס לעבעדיקערהייט די האָר פון רוקן, וואָס זיינען באַזונדערס טייער. צוליב דעם, פלעגן זיי זאָגן, האָבן זיי אים נישט איין מאָל די רויטע באָרד אויסגעריסן. אָבער פישל האָט די שלעכטע רייד אָפּגעלייקנט. אויב זיי זיינען אים באַפאַלן, די גוים, האָט ער געטענהט,

איז עס געווען דערפאַר, ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט צורירן צום חזיר־שמאַלץ, מיט וועלכן זיי האָבן אים געוואָלט פאַרטרפהן די ליפּן. ווי די זאַך זאָל נישט האָבן געווען, האָט ער געהאַט עסקים מיט חזירים און תמיד געטראָגן אויף זיך אַ זאַק מיט חזיר־האָר, אַ שווערן געלאַטעטן זאַק, וואָס האָט ביי קיין פאַל נישט געקענט איבערבויגן זיינע פעסטע גלייכע פּלייצעס. די חזיר־האָר האָבן אויך באַדעקט פישלען אַליין פון קאָפּ ביז די פיס. זיי זיינען געלעגן אין זיין רויטער באָרד, ברעמען, אין די קרייז־לעך אַרום קאַרק, אין די אויערן, אין יעדן קנייטש פון זיין האַרטער קאַפּאָטע, אַפילו אין טלית און תפילין, וואָס ער האָט געטראָגן אין זאַק. בכבודיקע באַלעבאַטים אין בית־המדרש פלעגן טענהן, אַז זיי קריגן גלייך אַ פאַר־שטאָפּטע נאָז פון דעם טריפענעם ריח, וואָס דער דאָרפס־גייער טראָגט אַן אין מקום־קדוש אריין. ווייבער פלעגן אים נישט אריינלאָזן איבער דער שוועל, איבערהויפּט יונגע מעבורתע ווייבלעך, וואָס זיינען גרינג אויף חלשן. יעדן שבת האָבן יידן געהאַט פאַרשטערטע טישן איבער אָט דעם רויטבערדיקן געפּאַקטן יידן.

וואָרעם כאָטש פישל מיאַדאַניקער איז זינט יאָרן געקומען פון די דערפער האַלטן שבת אין דאַלינעץ, איז ער אָבער אַלץ נישט געווען קיין שטעטלשער תושב, נאָר אַן אורח, אַן אייביקער אורח, וואָס האָט זיך צוגע־קלעפּט צו איין ישוב. און הגם ער האָט געדאַוונט אין אַן אַלטן צעריסענעם טלית, האָט ער אָבער קיין ווייב נישט געהאַט. וואָס אַזוינס דער ייד פון דאָרף מאַידאַניק איז געווען — אַן אלמן, צי אַ גרוש — האָט מען ניט געוואוסט, און מען האָט עס אויך נישט רעכט געקענט דערגיין פון אים אַליין. ער איז געווען שווער אויפן לשון, די צונג זיינע איז געווען אַ קלויצעדיקע, וואָס אַרויסברענגען אַ וואָרט איז איר אָנגעקומען מיט סכנת־נפשות. דערצו איז זיין מויל געווען שטאַרק פאַרפאַנצערט מיט אַ געדיכ־טעניש פון באָרד און וואָנסן. אויב עטלעכע ווערטער האָבן זיך שוין יאָ דורכגעריסן דורך אָט דעם האָריקן פאַנצער, זיינען זיי געווען אַזוי פיל מיט צונג און באָרד, אַז מען האָט נישט געקענט אויספּלאָנטערן איין וואָרט פון אַנדערן. אַזוי ווי קיין איבעריקן חשק איינצוזאַטעמען אין זיך זיינע ריחות־ניחוחות האָט מען אויך נישט געהאַט, האָבן יידן אין בית־המדרש אים געלאָזט שטיין אין מיט פון זיין שטאַמלען. — מילא, אַן אלמן, צי אַ גרוש, אַבי ער דאַוונט אין אַ טלית, — האָבן זיי געזאָגט, און גענומען איי־נער פון אַנדערן אַ פעסטן שמעק־טאַבאַק צו פאַרהיטן זיך פון אַ נאָז־קאַטאַר.

ערגער דערפון איז געווען דאָס, וואָס דער פרעמדער, אַפּנים צוליב דער שווערער צונג זיינער, האָט קיינמאָל נישט געקענט אָפּשפּאָרן פון אַ וואָך

אַרבעט אפילו צוויי גילדן אָנצודינגען זיך אויף שבת אין אַן אָרעמער שטוב, נאָר ער האָט געמוזט אָנקומען צו פרעמדע טישן.

כאָטש נישט קיין בעטלער, נאָר אַ דאָרפס־גייער, פלעגט אָבער פישל מאַידאַניקער אַוועקשטעלן זיך יעדן פרייטיק צו נאַכטס ביי דער סאַמע שולטיר, לעבן קופערנעם האַנטפאַס, וואו עס שטייען געווײנלעך אורחים הייזער־גייער. אַ שווערער, מיט קורצע פעסטע פיס און פאַרלאַטעטע שטיוול, מיט אַ טשוויק־רויטער באָרד, אין וועלכער אַלע ברענענדיקע ליכט פון די מעשענע הענגלייכטערס און העסעס האָבן פריילעך געפינקלט, פלעגט ער קוקן מיט זיינע שעפסענע אויגן אין צעריסענעם סידורל און מלויצען שווער און ביטער די האַרטע שבתדיקע עברי. מען האָט בלויז געהערט זיינע פאַרדומפענע ברוך־אתהס, וואָס ער האָט צו אָפט געזאָגט, מער ווי מען דאַרף. די חדר־ייִנגלעך האָבן פון זייערע פאָלעס געמאַכט אַ חזירשן אויער, אַן אָנצוהערעניש אויף זיין מסחר; די געזעלן האָבן אים געזאָגט ניבול־פה רייד וועגן דעם, וואָס ער איז אָן אַ ווייב. ער האָט גאָרנישט געענטפערט און בלויז הילפלאָז געקוקט מיט זיינע שעפסענע אויגן, תמימותדיקע און גוטע. קיין באַליידיקונג האָט ניט געקענט צעשטערן זיין גרענעצלאָזע רואיקייט. אַזוי רואיק איז ער געבליבן, ווען קאָפל שמש פלעגט אַ פאַטש טאָן אין שולחן און איינבעטן זיך ביי די באַלעבאַטים מען זאָל אים, דעם מאַידאַניקער אורח נעמען צו זיך אויף שבת.

קאָפל שמש פלעגט זיך פאַרשעלטן די יאָרן יעדן פרייטיק צו נאַכט, ביז ער האָט מיט גרויסע צרות באַשטאַט אָט דעם אייביקן אורח. מיט קיין אַנדער פרעמדן איז קיין עול נישט געווען. מיט בכבודיקע אורחים איז עס דעם שמש גאָר לייכט אָנגעקומען. באַלעבאַטים האָבן זיך אפילו געריסן איבער אַ מגיד, אַן ארץ־ישראל ייִד, אָדער אַ זעלנער; שווערער פלעגט עס אָנקומען מיט פראָסטע מדינה־גייער, די אורחי־פורחי, דער עיקר מיט די קאַליקעס צווישן זיי — קרומע, לאָמע און קראַנק־אויגיקע. פינצטערע פלעגן זיי שטיין אין דער העל־באַלויכטענער שול, יעדער מיט זיין מום אַרויסגעשטעלט פאַר קהל, און מיט הונגעריקע בליקן נאָכגעפאָרשט צו וועמען זיי וועלן אַריינפאַלן און וואָסערע שבתים זיי וועלן האָבן. אָבער קאָפל שמש האָט שוין געקראָגן פאַר יעדן פון זיי זיין באַלעבאָס. אָנגעהויבן די צרות האָבן זיך פאַר קאָפלען, ווען ער איז געקומען צו פישל מאַידאַניקער. באַלעבאַטים האָבן גלייך גענומען זיך איילן פון שול, כדי נישט דאַרפן אַהיימפירן דעם חזיר־האָר־ייִד און פאַרשטערן דעם טיש זיך אַליין און ווייב און קינדער. דער שמש האָט דעם עולם נישט געלאָזט זיך צעקריכן.

— יידן, כ'על די שול נישט פאַרשליסן, אַז מען וועט מיר נישט צו־נעמען דעם מאַידאַניקער אורח, — האָט ער געדראָט, טראָסקנדיק מיט דער האַנט אין שולחן, — יידן, כ'וועל נישט אַהיימגיין קידוש מאַכן, אַז איר וועט אים מיר צוואָרפן... וואו איז יהדות?...

דאָס דינגעניש האָט זיך אָנגעהויבן יעדן מאָל אויפסניי.

— ר' לייזער־לייב, נעמט איר דעם ייד. איר האָט שוין לאַנג קיין אורח נישט גענומען, — האָט גערופן דער שמש, וואָס האָט געהאַלטן חשבון פון אַלע באַלעבאַטים.

— פאַרוואָס איך? פאַרוואָס זאָגט איר נישט ר' טעוולען? — האָט ר' לייזער־לייב געטענהט.

ר' טעוועל האָט אָפּגעשיקט צו ר' שעפּסלען, און ר' שעפּסל — צו ר' זעליקן. נאָך לאַנגע דינגענישן פלעגט קאָפּל שמש קריגן אַ באַלעבאָס פאַר דעם מאַידאַנעקער אורח, מערסטנס אַ ייד אַ באַלמעלאָכע, וואָס איז נישט אַזאַ מפונק אויף שלעכטע ריחות ווי עס זיינען די לומדים און נגידים. אָבער מיט דעם האָבן זיך דעם שמשס קאָפּ־דרייענישן נישט געענדיקט.

די צרה מיט דעם חזיר־האָר הענדלער איז געווען, וואָס אַחוץ דעם, וואָס ער פלעגט פאַרשטערן אַ שבת מיט די טרייפענע ריחות זיינע, פלעגט ער אויך אַ תל מאַכן פון זיין אָרעמען מכניס־אורח, אָפּעסן אים ווי אַ היישעריק. אַט דער קורצער געפּאַקטער דאַרפסגייער, וואָס אין גרויס מורא פאַר טריפות האָט ער אַפילו קיין לעפל הייס וואַסער ניט אָנגענומען פון קיין גויע אין די דערפער און אָפּגעקומען אַ גאַנצע וואָך מיט ברויט און קנאָבל און וואַסער פון ברונעם, האָט זיך שבת און יום־טוב אָפּגענומען פאַר אַ גאַנצער וואָך און צעלאָזט זיך ביי פרעמדע טישן מיטן גאַנצן געבענטשן אַפּעטיט, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין קרעפּטיקן גוף. ניט נאָר פלעגט ער אָפּרוימען די אייגענע אורח־חלה, וואָס מען האָט אָוועקגעלייגט פאַר אים צו דער ברכה, נאָר אויך די אָנגעהויבענע חלה פון באַלעבאָס, אַלע מוציאס און שטיקלעך, וואָס זיינען געלעגן אויפן טיש. אַזוי האָט ער אויסגעגוויגט די טעלערס, קיין איין טראָפּן ניט איבערצולאָזן פאַר דרך־ארץ. ער פלעגט אויך אין זיין געוואַלדיקער פאַרטועניקייט אין דער אכילה ניט דערציילן קיין מעשות פון די וועגן, ווי אַנדערע אורחים טוען עס, כדי נושא חן צו זיין ביי די באַלעבאַטים; אַפילו ניט צוגעהאָלפן דעם באַלעבאָס ביי די זמירות, מורא האָבנדיק מפסיק צו זיין אין קייען. ער האָט געריבן די סעודה באַזאָכט, מיט גרויס ערנסט, און ניט פאַרגעסן אויסצוקלייבן די ברעקלעך פון זיין געדיכטער רויטער באָרד, כדי זיי אַריינצוואַרפן אין מויל אַריין. קיין שום אָרעמער באַלעבאָס האָט ניט געקענט אויסטראָגן אויף זיך אָט דעם פישל, וואָס מען האָט געזאָגט אויף אים,

אַז ער האָט אַ קישקע אָן אַ באָדן. קאָפּל שמש פּלעגט אים דעריבער מוזן איינטיילן אויף צוויי באַלעבאַטים — צו איינעם אויף פרייטיק־צונאַכטס, און צו אַ צווייטן אויף שבת אין דער פרי. און ער האָט דעם עולם ניט געלאָזט אַהיימגיין, ביז ער האָט אים ניט געשאַפן בײדע מאָלצייטן אין פאָראויס.

— יידן, אַ פרייטיק־צונאַכטס האָב איך שוין, — האָט ער גערופן מיט אַ ניגון ווי ביים פאַרקויפן עליות, — ווער גיט אַ שבת אין דער פרי, יידן?

באַלעבאַטישע יידן האָבן איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות זייער געלעכטער, כדי ניט מבייש צו זיין דעם מענטש, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט צו חוכאָ־וטלולא. אָבער די שניידער־יונגען, די טאַנדעטניקעס, און דער עיקר די צוויי ברידער שמעון און לוי, וואָס מען האָט זיי גערופן די שבטים — זיי האָבן געמאַכט אַן אמתע העצע אין מקום־קדוש יעדער פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען מען האָט פאַרקויפט דעם רויט־בערדיקן ייד פון בעלעמער אַראָפּ. אויס־געפּוצטע אין קורצע טוכענע געהאַקטע קאַפּאָטקעלעך, מיט זיידענע לאַצן, אין ניי־געקויפטע פּאַפּירענע קעלנערלעך און הערצלעך, אין ממזריש־קליינע היטעלעך מיט בענדעלעך, מיט אויסגעצוואָגענע שוואַרץ־גלאַנציקע קעפּ און מיט אויסגעוואַשענע פּנימער און הענט, פון וועלכע דער ריח פון שמעקע־דיקער זייף האָט פאַררייסן די שול — האָבן די „שבטים" געאַרבעט מעשים, צום וואוילגעפעלן פון אַלע גזולן.

— פישעלע שור־הבור, איר זאָלט ניט אויפעסן שיסל און טעלער ביים טיש, — האָבן זיי אים געגעבן עצות, — איר זאָלט למען השם ניט אַמאָל אַראָפּשלינגען די לייכטער, פישל־לעבן . . .

די חדר־ייִנגלעך זיינען געשפּרונגען, ווי יונגע בעק, פון נחת. צעהיצטע פון די פּילע ברענענדיקע ליכט אין שול, צעשפּילטע פון רויטן וויין, וואָס דער חזן האָט זיי געגעבן צו טרינקען פון גרויסן זילבערנעם שול־בעכער, איבער וועלכן ער האָט געמאַכט קידוש פאַר גאַנץ קהל נאָך קבלת שבת — זיי־נען זיי אַרומגעשפּרונגען הינטערווײלעכטס אַרום דעם געפּאַקטן האַריקן גיבור, ווי הינט וואָס באַפאַלן אַ בער, בילן אויף אים, נאָר האָבן מורא זיך צו אים צו דערנענטערן, ער זאָל זיי ניט צערייסן מיט אַ לאַפּע.

— ויקהל פקודי — האָבן זיי אים גערופן, אַן אָנצוהערעניש אויף די צוויי שבתים, וואָס מען מוז אים שאַפן אין איין שבת — תזריע־מצורע . . .

דער רויטער ייד אין זיין וואָכעדיק מלבוש, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ רימען, האָט ניט נאָר ניט פּרובירט אויפהויבן אַ פינגער קעגן די אָפּשפּעטער זיינע, נאָר ער האָט אַפילו קיין קרום וואָרט זיי ניט געזאָגט. ער איז געשטאַנען שווער אין זיינע צעפּאָרענע שטיוול, אָנגעפּילטע מיט פיס, און געגלאָצט

מיט שעפּסענע אויגן, תמימותדיקע און גרענעצלאָזע גוטע, ביז קאַפּל שמש האָט געגעבן דעם לעצטן קלאַפּ אין שולחן, אַ סימן, אַז אַלץ איז דורך בשלום.

— געדענק־זשע פישל, אַז איצט גייסטו־מיט מיט ר׳ ישראל חיים איינ־בינדער; מאָרגן אין דער פרי, אם ירצה השם, דאַרפסטו מיטגיין מיט ר׳ יידל היטלמאַכער. פאַרבייט נישט אַמאָל די יוצרות, הערסט!

— כ׳מיין, רב קאַפּל, — האָט פישל מיט גרויס מי אַרויסגעלאָזט עטלעכע ווערטער דורך זיין האַריקער פאַרפאַנצערונג, און מיט געלאַסענע טריט נאָכ־געגאַנגען זיין באַלעבאָס, עטלעכע טריט הינטער אים.

די חדר־יינגלעך און די „שבטים״ האָבן אים באַגלייט איבערן שולגעסל, ווי צו אַ חופּה.

— פישל, עסט נישט אויף דעם פּאַפּ, מיט וואָס דער איינבינדער קלעפּט די ספרים, — האָבן זיי אים אָנגעזאָגט.

דער רב, וואָס פלעגט נישט אַוועקגיין פון שול ביז מען האָט נישט גע־קראָגן שבת פאַרן לעצטן אורח, האָט נישט געקענט צוהערן דעם קלות־ראש און ליצנות, וואָס איז אָנגעגאַנגען הינטער זיינע פּלייצעס, און ער האָט געמוסרט דעם עולם:

— נו, אָ, בחורים, עט פע, — האָט ער געטענהט, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ הינטער זיך, — שבת!

אָבער די יונגען האָבן זיך אַפילו נישט אָפּגערוקט. זיי האָבן געוואוסט, אַז דער רב איז אַזוי שוואַך אויף דער ראיה, אַז נישט נאָר זעט ער נישט פון דער־ווייטן, נאָר אַפילו נישט וואָס עס טוט זיך אים פאַר די אויגן. די ווייבער אין שטעטל פלעגן דערציילן, אַז יעדן מאָל ווען ער דאַרף אויפשניידן אַ פּופּיק, אין וועלכן מען געפינט אַ נאָדל, פאַרקריכט ער שיר־נישט מיטן מעסער זיך אין די אויגן אַריין. יידן ווייצלער האָבן אַפילו געשמועסט, אַז ער דערקענט נישט די אייגענע רביצין און פאַרבייט זי אויף דעם שמש זיינעם. צי ס׳איז טאַקע געווען אַזוי, ווי מען האָט געזאָגט, צי דער עולם האָט אַביסל מגזם געווען, אָבער איינס איז געווען קלאָר, אַז דער פּאָסטעך פון דער עדה זעט נישט ווייטער פון דער נאָז, און די יונגען האָבן אָפּגעטאָן אַלע שקאָצערייען פאַר זיינע אויגן. גרעסער איז צווישן די יונגען געוואָרן די שמחה, ווען דעם רבס בן־יחיד, מיכל־דוד אַליין, האָט זיך אַוועקגעשלייכט פון דעם האַלב־בלינדן טאַטנס סאַמע רעכטער זייט זיינער און צוגעשטאַנען צו דער חברה אין זייער העצע אויף דעם חזיר־האָר ייד. כאָטש שוין אַ גמרא־יינגל, מיט אַ פּאָר גרויסע פלאַק־סענע פּיאות, גרעסערע ווי אַלע אַנדערע יינגלעך האָבן געטראָגן, און מיט אַ לאַנג זיידן זשופּיצל, איבערגעמאַכט פון דער רביצינס אַן אַלט חתונה־קלייד, האָט דער רבנישער בן־יחיד נישט געקענט אָנהאַלטן דעם כלי־קודשדיקן שטאָט

און, צוזאַמען מיט אַלע באַלמעלאַכישע ייִנגלעך, באַגלייט דעם שווער־טרעטנ־דיקן אורח צו זיין שבתדיקער סעודה.

— פּרה־אדומה, — האָט ער אים נאָכגעשריגן מיט הנאה פון טאָן אַ פּאָר־באַטענע זאַך, — פישל לויתן.

דער אורח איז געגאַנגען גלייך זיין וועג, קלאַפּנדיק מיט די געקאָוועטע פּאַדקאָוועס פון זיינע שטיוול איבער די שפּיציקע שטיינער פון שול־געסל. קיין זאַך אין דער וועלט האָט ניט געקענט צעשטערן די גרענעצלאָזע רואי־קייט פון זיינע תמימותדיקע שעפּסענע אויגן.

איינמאָל האָבן די אייביק־רואיקע שעפּסענע אויגן פאַרלאָרן זייער רו־איקייט אין אַ פּרייטיק־צו־נאַכטס, און ניט אין אַ געוויינלעכן שבת, נאָר אין אַזעלכן, וואָס איז אויסגעפאַלן אום סאַמע ערב־פּסח.

2

קיינמאָל פריער, זינט דאַלינעצער זקנים האָבן עס זיך נאָר געקענט דער־מאָנען, איז די ווייסל ביים שטעטל ניט געשטאַנען אַזוי שפּעט אין אייז, ווי אין אָט דעם ווינטער; קיינמאָל פריער איז זי אויך ניט אָנגעשוואָלן געוואָרן אַזוי הויך מיט צעגאַנגענעם שניי און אייז ביים ברעכן זיך, ווי דאָס מאָל. די קריעס זיינען געלאָפן מיט שטורעם איבער די אָנגעשוואָלענע וואַסערן, רוישיק און ברעכנדיק מיט באַנומענע קולות און פייפערייען, איבערהויפּט אין די נעכט. די פויערים אַרום די ברעגן האָבן, ווי יעדער יאָר צו פרילינג, אַריינ־געקלאַפּט אין אָונט פּלעקער ביים ברעג, פּלעקער מיט אויסגעקאַרבטע צייכנס, וואָס זאָלן ווייזן ווי הויך דער טייך שטייגט איבער נאַכט. אָבער ווען זיי זיינען געקומען פאַרטאָג באַטראַכטן די צייכנס, האָבן זיי ניט נאָר די סימנים, נאָר אויך די פּלעקער אַליין ניט געפונען מער. דאָס וואַסער האָט זיי איבער־געדעקט. מיטאַמאָל האָט זיך דער טייך אַ הייב געטאָן פון אָרט און אַרויס מיט אַזאַ רוגזה פון זיינע ברעגן, אַז איידער די פויערים האָבן זיך אומגעקוקט, זיינען די באַלעבאַטישקייטן זייערע שוין געשטאַנען אין וואַסער. גלייך פון די דערפער האָט די פאַרפלייצונג גענומען טראָגן זיך ווייטער און געגאַנגען אויף דאַלינעץ אַליין, וואָס איז געלעגן היפּשלעך אָפּגערוקט פון ברעג און זעלטן פאַרגאָסן געוואָרן.

אומגעריכט איז דאָס וואַסער געקומען, ווי יעדער אומגליק, און נאָענט צו פּסח, ניט מער ווי סך־הכל צוויי וואָכן פאַר יום־טוב.

די פרילינג־זון האָט מיט גרויס פאַרשווענדערישקייט אין וואַרעמקייט

און אין ליכט געטריקנט און געוואָרעמט די דאַלינעצער בלאָטעס און די דורכ־געווייקטע דעכער נאָך דעם לאַנגן שווערן ווינטער. די צוריקגעקערטע שוואַלבן האָבן פאַרריכט די פאַראַיאָריקע נעסטן אונטער קראָקוועס, אָנפילנדיק די לופט מיט פלאַטעריי און געזאַנג. די שטיקלעך גלאָז, וואָס רב מרדכי גלעזער האָט אָוועקגעוואָרפן ביים צושניידן נייע שויבן אין דאַלינעצער פענצטער, האָבן, ווי די טייערסטע איידלשטיינער, געבלישטשעט אין די זון־שטראַלן. פון יונתנס בעקעריי האָבן זיך געטראָגן די באַטעמטע ריחות פון די ערשטע מצות, וואָס נגידים האָבן באַצייטנס גענומען באַקן. אין חדר ביים שול־געסל האָט רב סאַנע מלמד געלערנט מיט אַ ניגון זיינע תלמידים דאָס אויס־ריידעכץ פון שיר־השירים. זיצנדיק אָן דער קאַפּאָטע, בלויז אין אויסגע־שטעפּטן שפּענצער און אין גרויסן טלית־קטן, און פירנדיק מלחמה מיט די ערשטע פליגן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די וואָרעמע טעג און געזשומשעט אַרום חדר־טיש, האָט ער מיט אַ פּסחדיקן ניגון איינגעחזרט מיט די ייִנגלעך דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען.

— אַן אַנדער געזאַנג איז געזונגען דורך אַ מלך, — האָט רב סאַנע מלמד געצויגן די ווערטער, — דאָס געזאַנג איז געזונגען דורך אַ מלך בן מלך; אַן אַנדער געזאַנג איז געזונגען דורך אַ נביא, דאָס געזאַנג איז געזונגען דורך אַ נביא בן נביא; אַן אַנדער געזאַנג איז געזונגען דורך אַ חכם, דאָס געזאַנג איז געזונגען דורך אַ חכם בן חכם. זאָגט־זשע, קינדער, מלך בן מלך, נביא בן נביא, חכם בן חכם . . .

אין אַט אַזאַ שעה, ווען מען האָט געהאַלטן אין סאַמע מיטן אויסרעכענען אַלע מעלות פון שיר־השירים, זיינען מאַמעס אַנגעלאָפן אין חדר אַריין און, ברעכנדיק די הענט, אָנגעזאָגט די בשורה וועגן געוויסער, וואָס גייט אויפן שטעטל.

— קינדער, לויפט גלייך אַהיים און העלפט ראַטעווען די זאַכן אויפן בוידעם אַרויף, — האָבן מאַמעס געליאַרעמט, כאַפּנדיק זייערע קינדער ביי די הענט — גאַטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף ייִדישע קעפּ . . .

כאָטש אַלע תלמידים אָן אויסנאַם האָבן גלייך מורא געהאַט פאַר רב סאַנעס לאַנגן, הארטן קערשענבוים־ציבעק, וואָס ער פלעגט באַנוצן פאַר אַ קאַנטשיק ביים איינפּלאַנצן תורה און דרך־ארץ, האָבן זיי ניט געקענט איינ־האַלטן זיך פון געלעכטער, וואָס די מאַמעס זייערע האָבן דאָס געוויסער אָנגערופן גאָטס צאָרן. אויב גאָט האָט אַמאָל געקענט אַראָפּשיקן אַ ברכה אויף ייִדישע קינדער אין דאַלינעץ, איז דאָס געווען אָט דאָס געוויסער, וואָס האָט פאַרענדיקט דעם ווינטער־זמן אין חדר מיט גאַנצע צוויי וואָכן פאַר דער צייט. נאָך איידער רב סאַנע האָט אַ וויי געטאָן מיטן ציבעק צו דער טיר,

אַז מען קען גיין, האָט יעדערער געכאַפּט זיין חומש און סידור און געלאָזט זיך לויפן מיט שמחה איבער די שטעטלשע בלאָטעס, וואָס האָבן אויסגעדעמפּט זיך אין דער זון.

די בהלה אין מאַרק איז שוין געשטאַנען ווי אין קורצן פרייטיק פאַר ליכט־צינדן. מאַרק־זיצערקעס זיינען געלאָפן אַהיים מיט זייערע קוישן און מולטערס גרינוואַרג. קרעמער האָבן פאַרהאַקט די שווערע טירן פון זייערע קראָמען, פאַרלייגנדיק אייזערנע שטאַבעס איבער זיי. ווייבער האָבן זיך געיאָגט נאָך פּסחדיקע הינער, געגנדז און אינדיקעס, כדי צו ראַטעווען זיי פון דער פאַרפלייצונג, אויף וועלכער מען האָט זיך געריכט יעדע מינוט. אָרעמע באַלעבאַטים האָבן געשלעפּט ביי די הערנער זייערע איינגעשפּאַרטע ציגן, וואָס האָבן פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט אַהיימגיין אין אַזאַ פריער שעה אין טאָג. בלויז דער קהלשער באָק, לעמל דער בכור, האָט זיך אַרומגעדרייט הפקר איבערן מאַרק און מיט הנאה געריבן די קאַרטאָפל, מערעלעך און פּעטרישקעס, וואָס די מאַרק־ווייבער האָבן פאַרלאָרן אין דער בהלה. יידן אין די בלויזע תחתונים און אין טליתים־קטנים האָבן געשלעפּט פאַרוואַלגערטע לייטערס צו בוידעמס, אַרויפגעשלעפּט אויף זיי יעדער שטיקל האָב און גוטס, ווייבער און קינדער, — אַלץ נאָר, וואָס האָט זיך געלאָזט אַרויפפירן. מאַנסבילישע באַפּעלן, ווייבערישע יאָמערייען, מיידלשע געלעכטערס, יינגלשע יובעלערייען, ברועמערייען פון קיך, מעקעריי פון ציגן און קאַרדאַטשעריי פון עופות האָבן זיך צוזאַמענגעמישט אין איין גרילצנדיקן געפילדער. מאַמעס, קריצנדיק מיט מורא איבער טרייסלענדיקע לייטער־שטאַפּלען, האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן די שמחה פון יינגלעך, און אויסגעלאָזט צו זיי זייערע ביטערע הערצער.

— וואָס איז דאָס געלענדער אויף אייערע קעפּ, שמדניקעס — האָבן זיי געפרעגט אין ביטערניש, — ווינען דאַרף מען אויף דעם גרויסן בראָך . . .

יינגלעך האָט זיך בלויז נאָך שטאַרקער געגלוסט לאַכן, אַרויסשרייען פון זיך די פרייד, וואָס האָט צוגעשלאָגן צו העלדזער. דאָס קריכן אויף לייטערס אין מיטן העלן טאָג, וועזן מען דאַרף לערנען אין חדר, דאָס באַזעצן זיך אויף בוידעמס, וואָס זיינען פול מיט שטרוי, ברעטער, פּסחדיק געפעס און אַלערליי בעבעכעס, צו וועלכע הערצער גייען אויס תמיד — דאָס אַלץ האָט צופיל איבערגעוועלטיקט מיט פרייד, מע זאָל זי קענען דעשטיקן אין זיך. גרעסער דערפון איז געווען דער נחת־רוח צו זען ווי טאַטעס און מאַמעס, וואָס האַלטן תמיד אין איין לערנען קינדער דרך־ארץ און לייטישקייט און מענטשלעכקייט, מוזן מיטאַמאָל פאַרלאָזן זייערע קראָמען און בתי־מדרשים און שטובן, און ווי יינגלעך־שקאָצים קריכן אויף בוידעמער. אין זייער געפילדער און געשריי איז געווען אומבאַהאָלפנקייט, פאַרלאָרנקייט און פחד, וואָס האָט ניט

צוגעפּאַסט צו זייער דערוואַקסענקייט און וויכטיקייט, און האָט אי באַליידיקט, אי געהויבן יינגלשע געמיטער. מיטאַמאָל איז אַלץ שטיל געוואָרן. אַ געדעמפּטע אָנשטרענגונג איז געשטאַנען אין דער לופט און געשוועבט אויף הערצער. אַפילו הינט האָבן אויפגעהערט בילן. ווייבער, טוליענדיק עופּהלעך צו זייערע בריסטן, האָבן געהויבן אויגן צו קראַקוועס, פון וועלכע שפּינוועבערישע בערד זענען געהאַנגען, און מיט קוים־באַוועגנדיקע ליפּן געבעטן ביי די הימלען רחמים. די אַרומיקע איינגעהאַלטענע שטילקייט האָט געפּרעסט די שפּאַנונג ביז צום פּלאַצן. פּלוצלונג האָבן יינגלעך דערזען פון גאָר ווייט אַ גייענדיקע כוואַליע, און זיי האָבן איבערגעריסן די שטילקייט:

— טאַטע, מאַמע, זי קומט אָן! — האָבן זיי אָנגעזאָגט די בשורה זייערע עלטערן — זי דערנענטערט זיך . . .

באַלד האָבן זי געקענט זען עלטערע מענטשן, אַפילו זקנים מיט שוואַכע אויגן. זי איז געגאַנגען, די כוואַליע, שטיל, אָן קיין סימן פון פריערדיקן רוישן און ברעכן, אָבער ווי שטיל זי איז געגאַנגען, אַזוי שנעל האָט זי גערוקט זיך פאַראויס, פאַרגיסנדיק אַלץ אַרום זיך. גלייך דערויף האָט מען דורך די שפּאַלטן אין די בוידעמס דערזען אָנקומען אַלערליי פויערישע האָב־און־גוטס — אַ שטרויען דעכל פון אַ כאַטקע, אַ קאָריטע, אַ גראַבליע, און אַפילו אַ דבר־אחר, וואָס האָט בלויז אַ שפּיצל שנוק פון וואַסער אַרויסגעשטעקט, שרייענדיק מיט באַנומענע קולות פאַר זיין חזיריש לעבן. דאָס וואַסער איז געוואַקסן מיט יעדער מינוט. אינגיכן האָט מען אויך דערזען דערויף היימישע שטעטלשע חפצים, קאַטשערעס, לאָפּעטעס, לאָקשן־ברעטער, זאַלץ־ברעטלעך און אַנדערע מכשירים, וואָס מען האָט אין איילעניש פאַרגעסן פאַר טירן. צוזאַמען מיט זיי האָט זיך אויך געגומען דורכטראָגן אַ פאַרלוירענע הון, אַ האָלדערנדיקער אינדיק. פון דאָ און דאָרטן האָט זיך אַ באַלעבאַטיש אָפּטריט פון דער ערד אָפּגעריסן און געלאָזט זיך שווימען אויף הפקר, טאַקע מיט דעם שלעסעלע אויף דעם טירל און מיט די אויסגעשניטענע לעכער אין פאָרם פון אַ האַרץ. כאָטש עס איז שוין געגאַנגען די סדרה ויקרא, האָט מען זיך דערמאָנט אָן מבול, אָן די איינגעזאַמלטע וואַסערן פון פרשת נח, וועגן וועלכע מען האָט געלערנט אין אָנהייב ווינטער.

ווי נח אין זיין תבה, זיינען איבער די איינגעזאַמלטע וואַסערן פון דאָלי־נעץ אַרומגעשוואומען די קצבים און באַלעגאַלעס, אַרומשיפנדיק זיך אין אַלץ וואָס האָט נאָר געקענט שווימען, אין באַלעיעס, אין מולטערס און אין „טראַטוועס" פון צונויפגעקלאַפּטע ברעטער, רודערנדיק מיט קאָטשערעס און לאָפּעטעס און פלאָקנס. מיט פאַרקאָשערטע הויזן איבער די קני, מיט פאַר־שאַרצטע אַרבל פון שפּענצערס און העמדער, האָבן זיי צוגעפירט עסן צו

ווייבער און קינדער אויף בוידעמער, נאָכגעיאָגט זיך נאָך אַוועקשווימענדיקע חפצים, געבראַכט ידיעות וועגן צופלוס פון וואַסער.

— האָפּ, האָפּ, — האָבן זיי געררופן מיט עכאָדיקע קולות, ווי פּליטן־פירער, וואָס דאָס האָט צוגעגעבן אַ סך חשיבות צו זייער געוויינלעכן נישט־איבעריק געהויבענעם שטאַנד אין דער קהילה.

מער ווי אַלע אַנדערע האָבן זיך געלאָזט הערן די שניידער־ברידער שמעון און לוי, וואָס מען האָט זיי גערופן די שבטים.

ברוין־הויטיקע, מיט שוואַרצע צעקרייזלטע טשופּרינעס, מיט ברענענדי־קע שוואַרצע אויגן, מיט ווייסע לאַכנדיקע ציין, פלינקע רירעוודיקע, און אַזוי ענלעך איינער צום אַנדערן, אַז מען האָט ביי קיין פאַל ניט געקענט דערגיין ווער פון זיי עס איז שמעון און ווער לוי — האָבן זיי זיך, ווי די רוחות, אַרומ־געטראָגן אין אַ שיפל, וואָס זיי האָבן ערגעץ ביי אַ גויאישן פישער געפּאַקט, און אָנגעפילט דאָס פאַרגאַסענע שטעטל מיט טומל, געלעכטער און געזאַנג. זיי האָבן געבראַכט גרוסן פון איין אָפּגעריסענער משפחה צו דער אַנדערער, גע־פירט שליחותן, געטראָגן פּאָסטן און אַנדערציילט אַ וועלט מיט פריילעכע מעשיות, פּאַסירונגען און פּליאַטקעס.

פון זיי האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער ווינט האָט אַראָפּגעיאָגט ביים רב דעם ספּאָדעק פון קאָפּ און ער וואָלט אוודאי אים געטריבן איבערן וואַ־סער ביזן ים אַריין, ווען ניט זיי, די ברידער, יאָגן אים נאָך און כאַפּן אים באַצייטנס. פון זיי האָט מען זיך דערוואוסט, וואָסערע צרות די מלמדכע האָט געהאַט מיט איר מאַן רב סאַנע, וואָס צוליב דעם געבריך זיינעם האָט ער ביי קיין פאַל ניט געקענט אַרויפקריכן אויפן בוידעם, אַזוי אַז די יידענע זיינע האָט געמוזט רופן מענטשן צו־הילף. פון זיי האָט מען זיך אויך דערוואוסט וועגן דעם קהלשן באָק לעמעל, וואָס איז אומגעקומען אין דער פאַרפּלייצונג, ווייל קיינער האָט אים ניט געראַטעוועט. צוזאַמען מיט אמתע מעשיות, האָבן זיי אויך אָנגעטראָגן אַלערליי ווּסטע ידיעות און שקרים, פול מיט חוזק און אָפּשפּעטעריי און ליצנות.

כאָטש די באַלעבאַטישע יידן האָבן תמיד אויסגעמיטן די צוויי שניידער־יונגען, די כל־בוניקעס, וואָס האָבן קינד־און־קייט געהאַט אין זייערע מיילער, יעדן צונעמען געגעבן, וועגן יעדן לידלעך געזונגען און כל־ערליי שמד־שטיק אָפּגעטאָן אין שטעטל, האָבן זיי איצט אויסגעהערט מיט באַהאַלטענער הנאה זייערע שקאַצערייען און קאַטאָוועסלעך. דאָס האָט אַריינגעטראָגן אַ ביסל אויפהייטערונג אין די שפּלדיקע שעהן פון זיצן פאַרשטעקט אויף אַ בוידעם.

— שוין איינמאָל שבטים, — האָט מען געברומט וועגן זיי, — דער טאַטע

זייערע, דער שניידער, קער זיך דאָרט איבערדרייען אין קבר פון די צוויי קדישים, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט.

אָפּן אָנגעקוואָלן פון די יונגען האָבן די דערוואַקסענע מיידלעך, און אַפילו די יונגע ווייבלעך. כאָטש די מוטערס האָבן זיי געטריבן פון די געעפנטע בוידעם־טירלעך, זיי זאָלן ניט הערן די פאַרשייטע רייד פון די כל־בו־לייט, האָבן די טעכטער ניט אויפגעהערט לאַכן און אָנקוועלן פון די לוסטיקע שניי־דער־יונגען, וואָס האָבן פון שטאָט־אומגליק אַ וויסטע העצע, אַ פּורים־שפּיל געמאַכט. נאָך די טאַטעשע קרעכצלעך און מאַמעשע זיפצערייען, איז עס געווען אַ דערפרישונג צו הערן די קלינגענדיקע געלעכטערס פון די ברוין־הויטיקע בחורים, וואָס האָבן געשפּרודלט מיט לעבן און לוסט. אַזוי גוט איז געווען צו זען זייערע יונגע מאַט־הויטיקע פאַרקאַשערטע אָרעמס ביים אָוועקרודערן זייער שיפל, זייערע צעקרייזלטע קויל־שוואַרצע טשופּרינעס און ממזרישע ציצה־כנפותלעך, די קלענסטע נאָר וואָס קענען זיין, פלאַטערן אין ווינט.

— זיי האָבן אַ טרייפענעם טעם, — האָבן מיידלעך געזאָגט שטיל, מאַמעס זאָלן ניט הערן.

פּונקט ווי דאָס וואַסער איז אָנגעקומען קיין דאַלינעץ אומגעריכט, אַזוי איז עס אָוועק פון שטעטל אומגעריכט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען יידן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע שלעכטע בוידעם־געלעגערס, האָבן זיי צוריק דערזען די גרונטזיילן פון די הייזלעך, דורכגעווייקטע פון די וואַסערן, אין וועלכע זיי האָבן געשטעקט. אויף דער ערד איז געשטאַנען אַ שווערער זומפּ, איבער וועלכן אַ ווינטל האָט גע־טריבן דעם פלאַכן שיכט וואַסער, וואָס האָט אים לייכט באַדעקט אין נידעריקע ערטער. דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט פאַרבליבענע חפצים, פּגרים פון הינט און קעץ, שטיקער האָלץ, שמאַטעס. די אויפגייענדיקע זון האָט געוואָרפן סנאָפּעס זילבער אויף יעדער פּגירה, מיסט און זומפּ. שפּערלינגען און שוואַלבן האָבן אָנגעפּילט די וואַרעמע לופט מיט בשורה און געזאַנג. יידן האָבן אויפגעוועקט ווייבער און קינדער און אַראָפּ פון די בוידעמס.

איינטונקענדיק די הענט אין דעם לעצטן ביסל וואַסער, וואָס האָט זיך נאָך דאָ און דאָרט געהאַלטן אויפן באָדן, האָבן ווייבער פאַרהויבן די אויגן צום זילבער־פאַרגאַסענעם הימל און געמורמלט דאַנקען צום באַשעפער.

— געלויבט צו גאָט פאַר זיין חסד, — האָבן זיי פרום געשעפּטשעט — געמיינט, אַז עס וועט, חלילה, אויסקומען צו האַלטן פּסח אויפן בוידעם.

אָבער ווי נאָר זיי זיינען אַריין אין די שטובן, האָבן זיי גלייך גענומען קרעכצען, און זיפצן און ברעכן הענט אויף די היזקות, וואָס דאָס געוויסער האָט דורך דער קורצער צייט אָנגעאַרבעט. די ווענט זיינען געווען נאַס, דער

קאַלך אונטערגעשווענקען, די באַק־אויוונס צעווייקט. פּסחדיקע פּעסלעך מיט איינגעזייערטן באַרשטש זיינען געווען פאַרשווענקט אין די פּעדערהייזלעך, וואו זיי זיינען איבערגעבליבן אין דער בהלה. אין קעלערס זיינען די קאַרטאָפל געווען פאַרפוילט. ערגער פון אַלע היזקות איז געווען דאָס, וואָס ביי יונתן בעקער זיינען אַ סך זעקלעך פּסחדיק מעל פאַרנעצט און חמצדיק געוואָרן. די אָפּגעראַטעוועטע זעקלעך מעל זיינען געווען צו ווייניק צו באַזאָרגן גאַנץ קהל מיט מצות. עס איז אויך ניט געווען גענוג צייט אָנצובאַקן פאַר אַלעמען, אַזוי אַז מען האָט געמוזט איינטיילן יעדן באַלעבאָס קוים אַ העלפט פון דעם, וואָס מען האָט געדאַרפט. אָפילו נגידים האָבן ניט געקענט אָנגרייטן גענוג מצות אויף פּסח. דאָס, וואָס מען האָט יאָ אָנגעבאַקן, האָט מען געהאַלטן ווי אַ אבן־טוב, פאַרפּאַקט אין ליילעכער און אויפגעהאַנגען אויף אַ האָקן ביים סאַמע באַלקן, אַז קינדער זאָלן ניט קענען דערלאַנגען. ווייבער האָבן זיך שיר־ניט צעריסן אין איילעניש ביים קאַלכן שטובן, ביים רייבן און שייערן טישן און בענק, ביים כשרן כלים, ביים שמירן קיכן מיט ליים, ביים פּוצן קופּער און מעש, ביים וואַשן און רייניקן חדרים, כלים און מכשירים, ווי אויף צו־להכעיס האָט גראָד געדאַרפט ערב־פּסח אויספאַלן אין שבת, וואָס דאָס האָט גורם געווען איבעריקע אַרבעט און הוצאות און יאָגעניש. אי עס איז געבליבן אויף יום־טוב, אי עס איז געווען צרות מיטן קאָכן, אי מען האָט געמוזט אָנגרייטן אויף אַן איבעריקן טאָג, ווייל מען האָט ניט געקענט פאַרברענען דאָס חמץ אין סאַמע ערב־פּסח, נאָר פרייטיק בייטאָג. די ווייבער האָבן זיך די יאָרן פאַרשאַלטן איבער דעם ערב־פּסחדיקן שבת, אין וועלכן עס וועט אויסקומען הונגער צו לײדן, ווייל ניט מען וועט קענען אָפּעסן חמץ אין דער פרי, ניט מען וועט מעגן עסן מצה פאַרן סדר.

— אַז גאָט גיט, גיט ער נישט אַ ביסל, נאָר אַ פולע שיסל — האָבן זיי געביטערט אויף די צרות, — קידער וועלן, חלילה פאַרהונגערט ווערן.

מאַנסבילן זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרטאָגענע אין פאַרריכטן שאָדנס נאָך דעם געוויסער, אין יאָגעניש נאָך אַ פאַרדינסטל אויף יום־טוב, אין זוכעניש איינצוקויפן אַ זעקל קאַרטאָפל, אַ ביסל בורעקעס אין מאַרק, צו וועלכן עס איז זעלטן אַ פויער פון אַ שכנישן דאָרף פאַרפאָרן. די וועגן צום שטעטל זיינען געווען זומפּיק און ווייך נאָכן געוויסער, אַזוי אַז רעדער זיינען געבליבן שטעקן אין זיי, ניט אַרויסצוקריכן. יידן הייזער־גייער, וואָס האָבן זינט יאָרן גע־האָט אַ חזקה צו האַלטן פּסח אין דאַלינעץ, האָבן געענדערט זייערע בעטלע־רישע מאַרשרוטן, אויסגעמיטן די קהילה, אין וועלכער זיי האָבן מורא געהאַט פאַרהונגערט צו ווערן, און אַוועק אין אַנדערע שטעטלעך, וואָס ליגן באַרג־אַרויף אָדער ווייט פון אויסגיסנדיקע טייכן. דער איינציקער אורח, וואָס איז

אַרייַנגעפֿאַלן אין שטעטל, איז געווען פֿישל מאַידאַניקער, און אַרייַנגעפֿאַלן איז ער אין דער סאַמע לעצטער מינוט, טאַקע אין פּרייַטיק־צונאַכטס אַליין, שוין היפּש נאָך ליכט־צינדן, מיט אַ היפּשן שטאָך אין שבת אַרייַן.

שפּעט אין אָוונט, ווען יידן אין דער דאַלינעצער שול זייַנען שוין געווען ניט נאָר נאָך מנחה, נאָר אַפֿילו נאָך שיר־השירים, און געוואַרט יעדע מינוט, אַז דער חזן זאָל זיך נעמען צו קבלת־שבת, האָט זיך באַוויזן אין שול־געסל דער מאַידאַניקער דאָרפֿס־גייער, אַזוי ווי ער איז געגאַנגען און געשטאַנען, מיטן זאַק חזיר־האָר אויף די פּלייצעס און מיט אַ קרומער צווייַג אין האַנט, געשפּאַנט צו דער שול. ערשט ביים פּאָליש האָט ער אַוועקגעשטעלט זייַן זאַק און שטעקן און אַליין אַרייַן אינעווייניק צום האַנטפֿאַס, וואָס איז געווען זייַן אָרט זינט יאָרן.

יידן זייַנען געבליבן שטיין מיט אָפֿענע מיילער און אויסגעגלאָצטע אויגן.

— שבת! — האָבן זיי געגרופֿן מיט פֿאַרוואורף צו דעם פֿאַרשפּעטיקטן אורח — חילול־שבת!

מער פֿון אַלע אַנדערע האָט קאָפּל שמש געבערענט פֿון רוגזה. מאַכנדיק אַ וואָרע פֿאַר דעם שפּעטן אָנקומער, האָט ער אים געגרופֿן מיט אַ פֿינגער צו דער מזרח־וואַנט.

— גיי־צו צום חזן און זאָג אים, אַז מען מעג שוין אָנהויבן לכו־נרננה — האָט ער געזאָגט, — קהל האָט דאָך געוואַרט אויף דיר מיט קבלת־שבת . . .

פֿישל מאַידאַניקער איז געשטאַנען אַ רויטער און הילפֿלאָזער, ווי שטענדיק. זייַן אייבערשטע קאַפּאָטע איז געווען איצט נאַס און פֿאַרדריפּעט ביזן קאָלנער. זייַנע קורץ־כאַליעוועדיקע שטיוול זייַנען געווען אויסגעשמירט אין ליים. פֿון זייַן רויט פּנים זייַנען געראַנען עמער שווייס. צו די אייבערשטע ריחות זייַנע פֿון חזיר־האָר, האָט ער צוגעטראָגן אין מקום־קדוש אַרייַן אַנדערע גויאישע ריחות פֿון פֿאַרדומפּן וואַסער, זומפּיקער ערד און צוגעפֿוילטע וואָרצלען. וואַשנדיק זייַנע אויסגעשמירטע הענט אין די שמאָלע שנירלעך וואַסער פֿון האַנטפֿאַס, האָט ער אין אויסגעשייערטן גלאַנציקן קופּער פֿון בייכיקן כיור געזען דעם גאַנצן שייַנעם הילוך זייַנעם, וואָס איז געווען איין שטיק פֿאַרשוועכונג פֿון הייליקן שבת. זייַנע שעפּסענע אויגן, תמימותדיקע און גוטע, האָבן געקוקט מיט מוראדיקער הילפֿלאָזיקייט אויף דער אויסגעפּוצטער יום־טובדיקער שול, אויף די גלאַנציקע מעשענע הענג־לייכטער און העסעס, אין וועלכע קאָפּל שמש האָט אַלע כוחות אַרייַנגעלייגט אין אויספּוצן, אויף דעם יום־טובדיקן טונקל־רויטן סאַמעטענעם און גאָלד־אויסגעשטיקטן פּרוכת פֿאַרן ארון־קודש, אויף די אויסגעוואַשענע, אויסגעצוואָגענע און יום־טובדיקע

יידן, וואָס זיינען געווען איינגאַנצן באַנייט, האַלב באַנייט אָדער על כל־פּנים עפּעס באַנייט אין זייער הלבשה לכבוד פּסח.

שווערער ווי תמיד איז דעם נאָסן און קויטיקן מענטש אָנגעקומען אַרויס־צובריינגען פון זיין מויל די רייד, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט הינטער דער געדיכטער האָריגקייט זיינער, צו פאַרענטפערן זיך פאַר די יום־טובדיקע מענטשן פאַר פאַרשוועכן דעם הייליקן שבת. ער האָט געהאַט אַ סך צו דער־ציילן דעם עולם וועגן דעם, וואָס איז פאַרלאָפן מיט אים אין וועג בעתן געוויסער, דערציילן וועגן דער סכנה, אין וועלכער ער איז געווען שיר ניט דערטרונקען צו ווערן צוזאַמען מיט זיין זאַק; וועגן דעם, ווי ער האָט זיך אין דער לעצטער מינוט געראַטעוועט אויף אַ בוים, אויף וועלכן ער איז איבערגע־זעסן העכער אַ מעת־לעת צייט; און וועגן דעם, ווי ער האָט דערנאָך געבראָ־דיעט אין וואַסערן און אין זומפּן, טאָג און נאַכט געדראַפּעט זיך, אַבי ניט צו בלייבן שטעקן פּסח אין וועג און אָנקומען אויף יום־טוב צו יידן. אַ גאַנצן וועג האָט ער אָנגעהזרט זיך די ווערטער אַזוי, אַז ער זאָל זיי געדענקען. אָבער זעענדיק איצט פאַר זיך די יידן אין שול, יום־טובדיקע און באַנייטע און בייזע פאַר זיין שפּעטן אָנקומען, איז ער אַזוי צעמישט געוואָרן, אַז ער האָט ביי קיין אופן ניט געקענט אַרויסברענגען אַט די אַלע רייד פון זיך. ער האָט בלויז געשטאַמלט שווער, געקלאַפּט זיך מיט דער פויסט איבערן האַרץ, ווי ער וואָלט תחנון געזאָגט, און ווייזנדיק מיט פאַרבלאָטיקטע הענט אויף זיין הילוך, נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל די איי־גענע בולבעוואַטע רייד.

— געמיינט, כ'ע שוין בלייבן צ'ישן „גאַיעם” אויף פּסח — האָט ער געזאָגט, אַלעמאָל אויפסטיי — ביז צום רימען איבער פאַרגאַסענע וועגן גע־בראָדיעט . . . קוים אָנגעקומען, קוים . . .

פּראָסטע יידן, געוואוינט צו האַרטקייט פון לעבן און צו סכנות פון וועגן, האָבן געשאָקלט אין באַדויערן מיט די קעפּ אויף די רייד פון דעם קויטיקן מענטש. אָבער די שיינע יידן און די לומדים האָבן ניט גערן אָנגענומען די תירוצים פון דאָרפס־גייער.

— האָסט דאָך לכל־הפּחות געקענט איבערלאָזן דעם זאַק און שטעקן גלייך ביים אָנקומען אין שטאָט, ניט טראָגן אים אין שול אַריין — האָבן זיי געפּרעגט קשיות.

פישל מאַידאַניקער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן דערויף, און בלויז געשטאַמלט די עטלעכע פאַרדומפּענע רייד.

— געמיינט, כ'ע שוין בלייבן צ'אישן גאַיעם איבער פּסח, געמיינט . . .

יידן באַלעבאַטים האָבן אָוועקגעמאַכט מיט די הענט, אַ סימן, אַז עס

איז ניטאָ מיט וועמען צו ריידן, און געשטעלט זיך מקבל־שבת זיין מיט אַ באַזונדערן ברען און מיט אַ באַזונדערער צופרידנקייט פון אייגענער אָפּ־געהיטענער יידישקייט און לומדות.

— ארבעים שנה אָקוט בדור ואמר — האָבן זיי זיך געציקלט אין דער גרויסער עכאַדיקער שול, פילנדיק דערביי אַ טאָפּלטן טעם פון אַ פרייטיק־צו־נאַכטס, וואָס חוץ דער אייביקער שבתדיקער קדושה זיינער, האָט ער נאָך אין זיך אַ באַזונדערע קדושה פון אַן ערב יום־טוב.

פישל האָט שווערער ווי תמיד געהאָרעוועט ביים מעלויצען די האַרטע עברי אין זיין צעריסן סידורל. ער איז כסדר געבליבן הינטערשטעליק און ניט געקענט אָניאָגן דעם חזן. די געדיכטע רויטע באָרד און וואָנסן זיינע האָבן געהויבן זיך און געציטערט שווער. די אמתע צרות זיינע האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכן דאַווענען, ווען קאָפּל שמש האָט אים גענומען פאַרקויפן פון בעלעמער אַראָפּ אויף גאַנץ פסח מיט איין מאָל, אַזוי אַז ער, קאָפּל, זאָל האָבן אַ רואיקן יום־טוב און ניט דאַרפן שאַפן אים אַלעמאָל אַן אַנדער טאָג.

— יידן, ווער גיט דעם ערשטן טאָג יום־טוב? — האָט קאָפּל געריפן מיט אַ ניגון פון עליות־פאַרקויפן און געקלאַפּט אין טיש— יידן, ווער גיט דעם צווייטן טאָג יום־טוב? יידן, מאַכט עס גיכער, וואָרים כ'על ניט אַוועק־גיין פון שול, ביז כ'על נישט האָבן גאַנץ פסח פאַר דעם אורח, יידן.

ביטערער ווי אַלעמאָל איז עס דעם שמש אָנגעקומען דאָס מאָל. אין דעם גרויסן דוחק אין מצות, אין קאַרטאָפל און באָרשטש און אין אַלערליי אַנדערע ירקות, האָט קיין באַלעבאָס קיין איבעריקן חשק ניט געהאַט אַוועקצוזעצן ביים טיש דעם מאַידאַניקער אַכלער, וואָס אַפילו אין זאַטע געווינלעכע טעג איז אים אוממעגלעך אָנצוזעטיקן. דאָס, וואָס דער ייד איז נאָך אַריינגעפאַלן, מיטן זאַק און שטעקן, אַזוי שפּעט אין שטעטל און מחלל־שבת געווען בפרהסיא, הגם בשוגג, האָט מער ווי אַלעמאָל אָפּגעשלאָגן דעם אַפּעטיט צו אים. אָבער דאָס ערגסטע איז געווען דאָס, וואָס דער דאַרפס־גייער האָט זיך ניט גע־רייניקט און געוואַשן לכבוד פסח, אַפילו די קאַפּאָטע פון חמץ ניט אויסגע־שאָקלט, אַזוי אַז ער איז עלול געווען חמצדיק צו מאַכן אַלץ, צו וואָס נאָר ער וועט זיך צורירן.

— וואָלסט כאָטש אָנגעקומען באַצייטנס צו גיין אין מרחץ און אויס־שאָקלען די שיינע בגדים דיינע — האָט קאָפּל שמש אים געמוסרט פון בעלעמער אַראָפּ — ווער וועט דיך וועלן אַריינלאָזן אין אַ יידישער שטוב, אַז ביסט איין שטיק חמץ, האַ?

פישל מאַידאַניקער האָט גאָרנישט געענטפערט דערויף. אַזוי האָט ער גאָרניט געענטפערט אויף די ליצנותן פון די חדר־יינגלעך און די שניידער־

ברידער שמעון און לוי, די שבטים, וואָס האָבן אים אַנגעזאָגט, ער זאָל נישט זאָגן די קינות אַנשטאָט דער הגדה, און ער זאָל ניט אויפעסן פּרעהס מכות. נאָך גרויסע דינגעניש, בעת וועלכע יעדער איינער האָט פּרובירט אָנוואַרפן דעם אורח עמעצן אַנדערש, האָט קאַפּל שמש צונויפגעשטעלט דעם גאַנצן פּסח פאַר פישל מאַידאַניקער.

— יידן, ווער עס גיט ניט אַ טאָג, זאָל לכל־הפּחות זיך מתחייב זיין צו־צושיקן אַ מצה צושטייער דעם מכניס־אורח — האָט קאַפּל געמופן — מ'קען נישט לאָזן אַ ייד, חלילה, הונגערן אין יום־טוב. ווער עס האָט אַ העמד, אַ קאַפּאָטע, אַ טלית־קטן, זאָל געבן, וועט דער אורח גיין מאָרגן אין מקווה און זיך איבערטאָן, לכבוד פּסח.

ביי קיין פאַל האָט קאַפּל ניט געקענט קריגן פאַר פישלען צוויי באַלעבאַטים פאַר פרייטיק־צו־נאַכטס און שבת אינדערפרי. צוליב דעם, וואָס מען האָט ניט געקענט עסן אין אָט דעם שבתדיקן ערב־פּסח ניט קיין חמץ, ניט קיין מצה, איז גאָרניט געווען וואָס אָפּצושפּאָרן פאַר דעם פרעמדן, און יידן באַלמעלאָכעס האָבן אים מורא געהאַט אַהיימצופירן.

— מיין יידענע וועט מיך אַרויסטרייבן מיט דעם אורח צוזאַמען — האָט איין באַלעבאָס געזאָגט.

— וואָס זאָל איך אים געבן, — זמירות צו קייען? — האָט אַ צווייטער געפרעגט.

ר'עט מיר די טעלערס חמצדיק מאַכן, — האָט אַ דריטער געטענהט.

קאַפּל שמש האָט גאָרניט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף אָט די גערעכטע טענות. אויב פאַר דעם מעת־לעת צייט ביז צום ערשטן סדר, האָט נאָך דער אורח געקענט גיין אין מקווה אין דער פרי, אָנטאָן אַן אויסגעבעטלט מלבוש, אַרומוואַשן זיך, האָט ער עס ניט געקענט טאָן איצט, ווען מען האָט שוין געדאַרפט אַהיימגיין צו דער סעודה. ווי מען האָט דעם פרעמדן מורא גע־האַט אַהיימצונעמען צום טיש, האָט מען אויך מורא געהאַט צו געבן אים אַ נאַכטלעגער אין אַ פּסחדיקער שטוב. אַפילו יונתן בעקער, וואָס פלעגט געוויינלעך לאָזן פישל מאַידאַניקער איבערנעכטיקן ביי זיך אין דער בעקעריי אין אַ ווינקל צווישן די זעק, האָט אים ניט געוואָלט האָבן דאָס מאָל.

— קנאַפּ צרות געהאַט מיטן פּסחדיקן מעל, וואָס איז מיר חמצדיק געוואָרן אין געוויסער, דאַרף איך נאָך, אַז פישל זאָל מיר דעם אויוון חמצדיק מאַכן? — האָט ער געטענהט — זאָל אַן אַנדערער טאָן אַ מצווה, איך טו עס גענוג אַ גאַנץ יאָר.

קאַפּל שמש האָט געזען, אַז ער וועט גאָרניט מאַכן דאָס מאָל, אַז ער וועט בלויז פּטרן צייט אומזיסט, ביז די ליכט וועלן אויסגיין אין יידישע

הייזער, און ער האָט אָפּגעמאַכט, אַז דאָס מאָל זאָל דער פרעמדער האַלטן שבת און נעכטיקן אין בית־מדרש ביי דער שול, און באַלעבאַטים זאָלן אים צושיקן וואָס נאָר עמעצער וועט קענען אָפּשפּאָרן.

— האָסטו געקערט קומען אין צייט, ניט אַריינפאַלן צו קבלת־שבת מיטן גאַנצן חמץ, — האָט ער באַרעכטיקט זיך פאַר דער עוולה — קומט, יידן . . .

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשלייכן. פישל מאַידאַניקער איז געשטאַנען אַ פינצטערער אין דער גרויסער שול, וואָס איז כסדר גרעסער געוואָרן נאָך יעדן געזעמל יידן מער, וואָס האָט זי פאַרלאָזן. די ליכט אין ששה־נרות, הענגלייכטער און העססעס האָבן גענומען טריפן. די אויסגעשטיקטע גאָלדענע ווערטער און מגן־דוד אויפן טונקל־רויטן סאַמעטענעם פרוכת האָבן זיך געהילט אין שאָטנס. פון שפּיץ געשניצטן הויכן אָרון־קודש האָבן די רויטע אַרויסגעשטעקטע צונגען פון די אָפענע לייבן־מיילער געבויגן זיך אין סודותדיקער טרויעריקער הייליקייט. אַלע צוועלף אויסגעמאָלטע מזלות אויף די ווענט, אַפילו דאָס בלימל פאַר מזל־בתולה, האָבן געקוקט מיט שטרענגע בליקן אויף דעם איינזאַמען פאַרבליבענעם מענטש. אויף זיינע ברייטע פלייצעס האָט זיך שווער געלייגט דער גאַנצער אומעט פון אַ גאָטס הויז, וואָס ווערט איבערגעלאָזן אַליין אויף אַ לאַנגער פינצטערער נאַכט, פריי צו דער אייגענע קדושה און צו נשמות פון מתים. מיטאַמאָל איז דער רב צוגעגאַנגען צום קויטיקן מענטש און, איינקוקנדיק זיך אין אים מיט קורצ־זיכטיקער נאָענטקייט, ווי ער וואָלט אים געזען דאָס ערשטע מאָל, אים אָנגענומען פאַרן האַרטן אַרבל פון זיין פאַרדריפּעטן מלבוש.

— ר׳ פישל, קומט מיט מיר. איר וועט עסן ביי מיר שבת, אויך איבער־נעכטיקן.

די געציילטע געבליבענע באַלעבאַטים האָבן זיך פאַרשעמט פאַרן רב זייערן. אַזוי פלעגן זיי זיך פאַרשעמען פאַר אים יעדן יאָר, ווען מען פלעגט דאַרפן אויפרופן עמעצן צו דער תוכחה, און אַזוי ווי קיינער האָט די דאָזיקע אומגעוואונטשענע עליה ניט געוואָלט אָננעמען, פלעגט ער, דער רב, זי אָננעמען, כדי אויסצומיידן מחלוקת. פאַר גרויס בושה האָבן זיי גענומען מורמלען וועגן די טעלערס עסן, וואָס זיי וועלן הייסן זייערע ווייבער צושיקן פאַרן אורח.

— זאָג דער רביצין, אַז זי זאָל זיך ניט זאָרגן, — האָבן באַלעבאַטים גע־נומען ריידן מיטן רבס יינגל, ווי מען רעדט צו אַ דערוואַקסענעם בר־דעת — מירן, חלילה, ניט לאָזן קיינעם פאַרהונגערט ווערן. וועסטו עס געדענקען צו זאָגן, מיכל־דוד?

מיכל־דוד האָט געשאָקלט מיט די גרויסע פלאַקסענע פּיאות, אַ סימן, אַז ער וועט געדענקען, און ניט אויפגעהערט שטיקן זיך פון געלעכטער איבער דעם אורח זייערן, וואָס האָט געטשאַפּעט שווער אין דער בלאָטיקער ערד און געברומט צו זיך אַליין אומפאַרשטענדלעכע רייד. וויפל מיכל־דוד האָט ניט באַמיט זיך צו האַלטן שטאַט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רבניש יינגל, וואָס טראָגט שוין אַ זיידן זשופּיצל, האָט ער אים ניט געקענט אָנהאַלטן. דער יצר־הרע פון חוזק און שקאָצעריי איז אים געלעגן אין די ביינער. דער פאָטער האָט אים כסדר געמוסרט.

— מיכל־דוד, שבת, שבת! . . .

אינגאַנצן איז מיכל־דוד אַרויס פון די כלים, ווען די מוטער זיינע האָט דעם חזיר־האָר ייד געגעבן דעם פאָטערס אַן אַלט רבניש מלבוש אָנצוטאָן צום טיש. דער מאַידאַניקער אורח האָט, אין גרויס אָפּשיי, בשום אופן ניט גע־וואָלט אַריבערטרעטן די שוועל פון דער רבנישער שטוב און לאַנג געווישט די פיס אין בעזעם און שווער געשאָקלט די קעשענעס פון זיין קאַפּאָטע. אָבער וואָס מער וואָכעדיקע און חמצדיקע זאַכן ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיי, אַלץ מער איז דאָרט געווען. עס האָט גאָר קיין סוף ניט גענומען צו די שטריק, שטיקלעך דראָט און אייזן, פאַרדאַרטע שטיקער ברויט, בינטלעך חזיר־האָר און אַלערליי אַנדערע זאַכן, וואָס דער ייד האָט אַלץ געהאַט ליגן אין די ריזיקע קעשענעס פון זיין פאַרדריפּעטן מלבוש. האָט די רביצין גאָר געהייסן אים אַראָפּוואַרפן פון זיך די טרייפענע קאַפּאָטע, פאַרשטעקן זי אין וויטסטן ווינקל, וואו דאָס האַלץ ליגט, און אָנטאָן צום טיש דעם רבס אַן אָפּגעטראָגן מלבוש. אָט דאָס רבנישע מלבוש, וואָס איז געווען האַלב שלאַפראָק, האַלב זשופּיצע, אָן אַ שפּאַלט און מיט קעשענעס פון הינטן, איז ניט געווען געמאַכט פאַר פישל מאַידאַניקערס צוואַקסענע פּלייצעס. ערגער דערפון איז געווען דאָס, וואָס דער חזיר־האָר הענדלער האָט שוין צופיל מורא געהאַט פאַר אָט דעם איידעלן מלבוש, וואָס האָט ניט געפּאַסט צו זיין טשוויק־רויטן פּנים און הענט, און ער האָט זיך געפילט דערין ווי אייבער, וואָס מען האָט אים פאַרשטעלט לכבוד פּורים. מיכל־דוד האָט ביי קיין פאַל ניט געקענט פאַרענדיקן במנוחה דעם קידוש, קוקנדיק אויף דעם צעוואַקסענעם עם־הארץ אין רבנישן מלבוש. אַזוי האָבן זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון לאַכן די אָנקומענדיקע יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געטראָגן שפּייז פאַרן אורח, ווער אַ שטיקל פיש, ווער אַ טעלער מערן, ווער אַ שיסעלע פאַסטערנאַק. כאָטש דער אורח האָט געלאָזן אָפּגערוימט די טעלערלעך מיט עסן, האָט דער רב אים כסדר אונטערגעגעבן חשק צו דער אכילה, כדי צו פאַרדעקן דערמיט דאָס שקאָצישע געלעכטער פון די קינדער און פון זיין אייגענעם בן־יחיד.

— עסט, עסט, ר׳ פישל, — האָט ער אים געמונטערט, — איר האָט אוודאי אַ גאַנצע וואָך ניט געגעסן.

פּלוצלונג האָט דער אורח אַוועקגערוקט פון זיך אַ טעלערל מערן־צימעס און גענומען ווישן מיטן רבנישן אַרבעל די טרערן פון די אייביק־רואיקע אויגן, טרערן שווערע און טריבע, וואָס זיינען אים געפלאָסן איבער די רויטע באַקן און פאַרפאַלן געוואָרן אין דער פייערדיקער באָרד. מיכל־דוד איז געבליבן מיט אַ קנויל געלעכטער פאַרשטיקט אין גאָרגל, דערזעענדיק די מאַנסבילשע טרערן פון דעם גבור, וואָס קיין בושה און באַליידיקונג האָבן קיינמאָל זיין רו ניט צעשטערט. פון גרויס פאַרלעגנקייט האָט ער גענומען הוסטן און קרעקן זיך. באַלד האָט דער מאַידאַניקער אורח גענומען כליפּען, כליפּען הויך, שטאַרק. דער רב האָט אַ דערשראָקענער איבערגעריסן די זמירות.

— רב פישל, איר וויינט? — האָט ער געפרעגט מיט שרעק — אין שבת?

פישל מאַידאַניקער האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט אָפּשטעלן דאָס כליפּען זיינס, אָבער ניט געקענט. דאָס געוויין האָט זיך געריסן פון אים, ווי דאָס אָנגעזאַמלטע וואַסער פון אַ טייך, וואָס ברעכט־איבער אַלע דאַמבעס און פאַרצוימונגען.

— רבי, כ׳בין אַ שטיין — האָט ער אַרויסגעכליפּעט, שלאָגנדיק זיך מיט דער האַנט איבער דער ברייטער ברוסט, ווי מען שלאָגט זיך ביי ווידוי.

דער רב האָט מיט קורצזיכטיקער אומגעשיקטקייט צוגעשפּאַרט זיך צו נאָענט צום וויינענדיקן מאַנסביל און, גלעטנדיק זיינע מעכטיקע אַקסלען, איינגענומען אים ווי אַ קינד.

— וויינט ניט, ר׳ פישל — האָט ער זיך געבעטן ביי אים, — מ׳טאָר ניט אום שבת.

באַלד האָט ער געהייסן דערלאַנגען מים־אחרונים און אָנגעגאָסן אַ בעכער פּסחדיקן ווייך אין זילבערנעם בעכער.

— רב פישל, כ׳בין אייך מכבד מיט בענטשן, — האָט ער געזאָגט און צוגעטראָגן צו זיינע הענט דעם בעכער, פאַרגיסנדיק וויין אויפן טישטעך.

פישל מאַידאַניקער האָט מורא געהאַט אָנצונעמען דעם זילבערנעם בעכער, ווי דעם כיבוד.

— שעמט זיך ניט, ר׳ פישל, בענטשן מזומן קומט אַן אורח — האָט ער אים געלערנט — און וועגן דעם, וואָס איר זענט אַליין וועל איך זען צו טאָן עפּעס, בלי נדר. איך האָב שוין לאַנג געדאַרפט טראַכטן דעריבער.

דעם יידס שפּעטע אויגן האָבן גלייך גענומען שמייכלען אין זייער

פאַרטערטקייט, ווי די אויגן פון אַ וויינענדיק קינד, וואָס די מוטער האָט עס איינגענומען. די אויסגייענדיקע שבת־ליכט האָבן געפינקלט אין דעם אורחס פייכטע גליקלעכע אויגן, געשפּילט זיך מיט יעדער האָר פון זיין פייער־דיקער באָרד.

3

גלייך דעם ערשטן טאָג חול־המועד פּסח האָט דער רב געשיקט רופן קאַפּל שמש צו זיך אין בית־דין שטוב און איינקוקנדיק זיך אין אים מיט זיינע שטאַרק קורצזיכטיקע אויגן, ווי ער וואָלט אים געזען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, געהייסן אים אויסרעכענען אַלע אלמנות און פאַרזעסענע מיידלעך פון געמיינעם שטאַנד, כדי אויסצוקלייבן פון זיי אַ ווייב פאַר דעם מאַידאַניקער דאָרפס־גייער. זויגנדיק דאָס אייביקע ציגאַר־שפּיצל זיינס, וואָס איז געווען אָפּגעגריזשעט ביים מונדשטיק, און אָנפּילנדיק אַ פולע בית־דין שטוב מיט וואָכעדיקן רויך פון זיין ביליקן טאַבאַק, האָט קאַפּל שמש ניט אויפגעהערט אָבעראַמאָל און ווידעראַמאָל אויסצורעכענען אויף די פינגער פון זיין לינקער האַנט די עטלעכע פריי־לידיקע ווייבער פון דאַלינעץ, די סאַמע אָרעמסטע, וואָס זאָלן זיין אַ בעלן צו נעמען דעם מאַידאַניקער אורח. נאָך לאַנגן פּיפּקען און בייסן דאָס ציגאַרן־שפּיצל, איז קאַפּל שמש געקומען צו דער מסקנא, אַז קיין בעסערער און גלייכערער שידוך פאַר דעם מאַידאַניקער תם איז נישטאָ, ווי יאַכוועד, ביילע דער טוקערינס פאַרזעסענע מויד.

— רבי, ס'איז אַ זיווג פון ששת ימי בראשית — האָט ער געטענהט, — מיר שיסן צוויי האָזן מיט איין שאָס.

— כ'פאַרשטיי גאָרניט, פאַרוואָס כ'בין שוין לאַנג ניט געפאַלן אויף דער המצאה — האָט געענטפערט דער רב, פול מיט חידוש אויף זיך אַליין.

אָן איין איבעריקע מינוט צו פאַרלירן, האָט קאַפּל שמש גלייך זיך אַרויס־געלאָזט צו ביילע דער טוקערין, צו ריידן מיט איר תכלית. דורכגייענדיק דעם מאַרק, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדער בכבודער קראָם און דערציילט וועגן דער שליחות־מצווה זיינער. פרומע יידן, נאָך מער זייערע ווייבער, די אשת־חילס, האָבן אים געוואונטשן דאָס אייביקע לעבן פאַר דער מצווה.

חוץ דעם, וואָס דאַלינעצער באַלעבאַטים זיינען שוין געווען מיד פון געבן שבתים און יום־טובים דעם אייביקן אורח, זיינען זיי אויך ניט געווען אינגאַנצן רואיק איבער אים, דעם אומבאַוויבטן ייד, וואָס איז געווען איין שטיק כוח און מאַנסבילשע גבורה. ניט נאָר איז מען ניט געווען גאַנץ זיכער מיט אים, ער זאָל סוף־כל־סוף ניט אַמאָל געשטרויכלט ווערן צווישן די גויעס אין די דערפער, נאָר מען האָט אויך מורא געהאַט, אַז די גויים זאָלן אים אַמאָל ניט

אָפּשלאָגן פון יידן, אָנריידן אים, חלילה, צו דער שמד, ווי עס האָט זיך זיי שוין ניט איינמאָל איינגעגעבן צו פועלן אַזעלכע זאַכן ביי שווערע אָרעמע עם־הארצים, וואָס זיינען תמיד צווישן ערלים.

אַזוי איז מען אויך נישט רואיק געווען איבער יאַכוועדן, ביילע דער טוקערינס פאַרזעסענע מויד.

קיין מורא פאַר איר, זי זאָל אָפּטאָן עפּעס אַן עבירה, האָט מען, אמת, נישט געהאַט, ווייל ניט נאָר איז די יאַכוועד געווען היפּש אין די יאָרן און ניט קיין איבעריקע יפת־תואר, נאָר זי האָט נאָך צו די אַלע מעלות געהונקען אויף אַ פוס, שטאַרק געהונקען, אַזוי אַז יעדער מאָל, וואָס זי האָט געמאַכט אַ טראָט, איז איין דאַרער היפט אירער אַרויסגעקראָכן מיט אַ שאַרפן שפּיץ פון אַ זייט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ טענה צו דער וועלט. קיינער האָט אַפילו קיין השד ניט געהאַט, אַז אָט די מויד וועט קענען אַראָפּפירן עמעצן פון דרך־הישר. אָבער מען איז געווען אומרואיק פאַר איר פאַרזעסנקייט און מצב. ווארעם כאָטש אַליין אַ מויד, האָט די יאַכוועד אַרויסגעהאָלפן איר מוטער ביי איר טוקערישער אַרבעט אין באָד, אַרומגעגאַנגען אַרום יונגע ווייבלעך און כלהס ביי טבילה גיין. ווייבער האָבן זיך געפילט אומבאַקוועם מיט דער מויד, וואָס גייט תמיד אַרום פרעמדע און בלייבט אַליין פאַרזעסן. מען האָט אויך מורא געהאַט פאַר איר אַלט־מוידישער פאַרביטערטקייט, פאַר אירס אַ שטילער קללה, אַ שלעכט אויג.

— רב קאָפּל, גאָט אַליין האָט אייך צוגעשיקט דעם גוטן רעיון, — האָבן ווייבער געזאָגט שבחים דעם שמש — גייט גלייך צו ביילען, און מיטן רעכטן פוס.

מער פון אַלע אַנדערע ווייבער, האָט ביילע די טוקערין אַליין צוגעלייגט אַ פאַרשטענדלעכן אויער צום שמשס רייד. אַן אויסגעצויגענע, אויסגעטריקנ־טע אלמנה, אַ האַרטע ווי אַן אויסגעהאַרעוועטער מאַנסביל, אַ געפּרואווטע אין דאגות־פּרנסה און אין צער גידול־בנים, האָט די יידענע איינס און צוויי באַנומען דעם ענין און ניט געלאָזט דעם שמש פּטרן אומזיסטע שדכנישע איינריידענישן און התנצלות.

— צו וואָס אומזיסטע רייד, רב קאָפּל ? — האָט זי געזאָגט טרוקן, איבער־שלאָגנדיק אים מיט איר אַדערדיקער, אויסגעהאַרעוועטער מאַנסבילישער האַנט — כ׳וויס וואויל ווער מיין יאַכוועד איז, זאָל ער צוקומען מיט אייך צו מיר. פון מיין זייט קען מען ברעכן טעלער אין חול־המועד נאָך.

איידער ביילע האָט־רעכט באַוויזן אויסצושיטן די פאַדלאָגע מיט געל זאַמד און אויסצושפּרייטן אַ טישטעך איבער די עטלעכע פּסחדיקע ברעטער אויפן הינקעדיקן טיש, איז שוין קאָפּל שמש געקומען מיטן רויט־בערדיקן חתן, וואָס

האָט שוין געהאַט אויסגעטאָן פון זיך די רבנישע זשופּיצע און צוריק גע־טראָגן זיין אייביקע קאַפּאָטע, פול מיט ריחות פון חזיר־האָר.

— זאָג אַ גוטן־מועד, — האָט אים קאָפּל געלערנט.

פישל האָט אַ ברום געטאָן „אַ גוטן מועד”, און שווער זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם אויסגעשייערטן בענקל, וואָס האָט געקנאַקט אונטער זיין משא. זיינע שעפּסענע אויגן, תמימותדיקע און גרענעצלאָז גוטע, האָבן געקוקט אומבאַ־וועגלעך, ווי קיין זאַך אין דער וועלט וואָלט זיי ניט אָנגעגאַנגען. גאַנץ אַנדערש איז עס געווען מיט די ברייטע נאָזלעכער פון זיין קורצער פליישיקער נאָז, וואָס זיינען געווען פול מיט באַוועגונג און גיריקייט און להוט אויף ריחות פון געקעכטס. אָט די באַוועגלעכע נאָז־לעכער האָבן גלייך דערשמעקט, אַז אין די שוואַרצע אייזערנע טעפּ אויף דער ליים־אויסגעשמירטער קיך קאָכט זיך עפּעס פסחדיקס און געשמאַקס. באַלד האָבן זיי בפירוש דערפילט דעם ריח פון קאַרטאָפל, פּרעגלענדיק זיך אין באַשמעלצטע ציבעלעס, ווי אויך דעם זיס־זויערלעכן טעם פון ראָסל־באָרשטש. פישלס מויל האָט גלייך גע־גומען וואַסערן פון אָט די רייצנדיקע ריחות. דורך דער באַוועגלעכער באָרד און וואָנצן האָט מען געקענט זען, ווי ער שאַרפט באַצייטנס די ציין צו דער אכילה, ווי אַן עוף שאַרפט דעם שנאָבל ביים אָנזען פון קערנער. יעדער מאָל, וואָס די אלמנה האָט איבערגעביטן אַ טאָפּ אין דער פּליטע, האָט דאָס אַרויס־זעצנדיק פייער אַ פריילעכן שטיף געגעבן מיט פישלס רויטער באָרד, פאַר־וואַנדלענדיק זי אין ריינסמן גינגאָלד.

די אַלמנה האָט געקוקט אויף אים מיט אַ מבינישן אויג, ווי אַ בר־דעת קוקט אויף אַ בישט־דערבאַקענעם, אָבער זי איז אויך געווען גנעדיק צו אים, ווי אַ בר־דעת איז צו אַזעלכן.

— נו, וואָס, רב פישל, באַשטייט איר דערויף, וואָס רב קאָפּל האָט אייך אָנגעשלאָגן? — האָט זי געפרעגט מיט אַ מאַנסבילישער שטים, מישנדיק דערביי מיטן הילצערנעם קאָכלעפל אין טאָפּ.

פישל האָט נאָך טיפער אַריינגעצויגן די ריחות פון די געברענטע ציי־בעלעס, וואָס האָבן פון מישן אַלע זאַפטן פון זיך אַרויסגעגעבן, און געלאָזן געענטפערט איין וואָרט אויף דער אלמנהס רייד.

— כ׳מיין . . . — האָט ער געשטאַמלט דורך דער געדיכטער האָריקייט זיינער.

גאָרנישט אַזוי לייכט, ווי דאַלינעץ האָט זיך משער געווען, איז עס צוגע־גאַנגען ביילען מיט איר טאָכטער. וויפיל זי האָט זיך ניט געבעטן ביי איר, זי זאָל צוטראָגן דעם גאַסט אַ גלאָז פסחדיקן באָרשטש, וואָס דאָס זאָל זיין דער ערשטער שריט צו אַ דערנענטערונג, האָט די מויד עס ניט געוואָלט טאָן.

— מאַמע, לאָז מיך אָפּ — האָט זי אָנגעבייזערט זיך אויף דער מוטער, און באַין אופן נישט געוואָלט אויפהייבן זיך פון דער באַנק, אויף וועלכער זי איז געזעסן אין ווינקל ביי דער טיר, ניט קענענדיק דערגרייכן מיטן קירצערן פוס צו דער פּאָדלאָגע.

אין די ערשטע עטלעכע מינוטן האָט קאַפּל שמש זיך ניט אַריינגעמישט צו מוטער און טאָכטער. זיכער זייענדיק ביי זיך, אַז דאָס חנדלט זיך אַזוי די כלה־מויד, האָט ער איר געלאָזט וואויל באַקומען איר מיידלישן אָנשטעל, הגם ער איז ניט געווען איבעריק צוגעפּאסט צו אירע יאָרן און שטאַנד.

— זעסט, פישל, זי שעמט זיך, די כלה — האָט ער געזאָגט דעם חתן, כדי אים ניט צו לאָזן זיצן אין זיין תמעוואַטן שווייגעניש — אַזוי זיינען שוין די נקבות.

אָבער אַז די דינגעניש צווישן דער מוטער און טאָכטער האָבן שוין גענומען צו־לאַנג זיך פּאַרציען, און די מויד האָט אַלץ פון אָרט זיך ניט גערירט, האָט קאַפּל געלאָזט פּאַלן זיין וויכטיק שמשיש וואָרט.

— נו, כלה־מיידל, ווילסט גאָרניט מכבד זיין קיין געסט אין שטוב?
—האָט ער געפרעגט מיט לייכטן חוזק — סע פּאַסט גאָרניט פאַר דיר, יוכבד.

ער האָט זי גערופן נישט יאַכוועד, נאָר מיטן פולן לשון־קודשדיקן נאָמען יוכבד, ווי ער וואָלט זי, אַ שטייגער, שוין אויפגערופן צו אַ געהויבענער צערעמאָניע, צו תנאים אונטערשרייבן אַליין. אָבער די מויד איז אויך דערפון נישט נתפעל געוואָרן און זיך ניט גערירט פון איר אָרט. שאָקלענדיק מיטן קירצערן פוס, וואָס דערגרייכט ניט די פּאָדלאָגע, האָט זי בלויז שלעכט און פאַרביסן געקוקט אַרום זיך, ניט ענטפערנדיק אַפילו מיט קיין איין וואָרט אויף די תכליתדיקע רייד פון די מענטשן. קאַפּל שמש האָט מער ניט געקענט איבערטראָגן דער מוידס פאַרביסן שווייגעניש, און ער האָט גענומען ריידן צו איר האַרטע רייד, גאָרנישט ווי מען רעדט צו אַ כלה־מיידל.

— קערסט מיינען, אַז ביסט נעכטן געבוירן געוואָרן, מיידל — האָט ער איר דערמאָנט אירע יאָרן אין די אויגן פון חתן — זיי נישט קיין נאַר און קום־צו צום טיש.

די אַלמנה האָט מיט מאַנסבילישער האַרטקייט געקוקט אויף דער טאָכטער און געשאָקלט איבער איר מיטן קאָפּ, אַ סימן, אַז זי איז מסכים צו יעדן וואָרט פון קאַפּל שמשס רייד. אַז יאַכוועד האָט אויך דערויף נישט געענטפערט און אָנגעהאַלטן איר פאַרביסן קוקעניש און שווייגעניש, האָט שוין קאַפּל פאַרלוירן דאָס געדולד און גענומען בייזערן זיך אויף איר, ווי ניט ער וואָלט געווען אַ שדכן, נאָר דער מוידס אייגענער פאָטער.

— לעמעל באַק — האָט ער זי גערופן מיטן נאָמען פון קהלשן באַק,

וואָס איז אומגעקומען אין געוויסער — געגוג עקשנות געפּראַוועט. גיי אַראָפּ פון דער באַנק און קום־צו צום טיש, זאָג איך דיר!

דאָס מאָל האָט די מויד געפאָלגט. זי איז אַראָפּ פון דער באַנק. אָבער אנשטאָט צו גיין צום טיש, האָט זי גיך אַרויסגעהונקען צום פעדערהייזל, אויסבערעכנדיק אין אַ געוויין אין דער סאַמע טיר. וויפל די מוטער האָט ניט שכלדיק איינגעטענהט מיט איר, אַז זי לאָזט אַרויס די לעצטע געלעגנהייט פון דער האַנט, ווייל קיינמאָל מער וועט איר אַזאַ באַשערטע זאַך ניט אונטער־קומען ביי אירע יאָרן און מצב, האָט די מויד זיך ניט געלאָזט איבעררײדן.

— מאַמע, אַז עס ווערט מיר נישט גוט פון אים — האָט זי גערעדט ווײ־נענדיק — אַז די גאַל קערט זיך מיר איבער פון אים . . .

קאַפּל שמש האָט געכאַפּט האַסטיק פישלען ביים האַרטן אַרבל און, אַרויס־וואַרפנדיק פון מויל דאָס לעצטע שטיקל געוויקלטן פּאַפּיראָס, האָט ער שוין אין איינוועגס אַרויסגעוואָרפן צוזאַמען דערמיט אַ בייזן שפּיי אויף דער סאַמע שוועל פון פעדערהייזל.

— נישט אַנדערש, נאָר אין דער מויד איז אַ קליפּה אַריין, נישט פאַר קיין יידישער טאָכטער געדאַכט, — האָט ער געזאָגט צו דער אלמנה — אַנדערש איז עס גיט צו פאַרשטיין.

נאָך שאַרפערע ווערטער קעגן דער מויד האָט קאַפּל באַנוצט שוין זייענדיק פון יענער זייט טיר.

— אַז מען בעט אַ פאַרך צום מנין, נעמט ער זיך איבער, — האָט ער גע־טענהט מיט כעס.

פישל מאַידאַניקער איז נאָכגעגאַנגען דעם שמש מיט שווערע געזעצטע טריט פון זיינע געקאָוועטע שטיוול, און אַליין צוגעגעבן זיין שאַנד.

— זיי ווילן מיך נישט, — האָט ער געברומט טרויעריק, — קיינער וויל מיך נישט . . .

ווען דער רב, די שיינע יידן און די נשים־צדקניות האָבן זיך שוין איינ־גאַנצן מיאש געווען פון קריגן אַ באַשערטע פאַר דעם פריי־ליידיקן דאָרפס־גייער, האָבן די יונגע שניידערס פון פאַרטיקע מלבושים, די דאַלינעצער טאַנדעטניקעס, גענומען די זאַך אין דער האַנט אַריין און אָפּגעמאַכט אַליין צו פאַרשלייערן פישל מאַידאַניקער.

געפאַלן אויף דער המצאה זיינען די שניידער־ברידער, שמעון און לוי, וואָס מען האָט זיי גערופן די שבטים, און דווקא אין הייליקן רו־טאָג שבת, ווען זייערע חברים, די טאַנדעטניקעס, זיינען געזעסן ביי זיי אין שטוב און געטרונקען אַ קאַלט גלעזל ביר, פאַרבייסנדיק מיט האַרטע געפעפערטע אַרבעס.

עס איז שוין געווען אַ מנהג ביי די יונגע דאַלינעצער טאַנדעטניקעס, אַז אנשטאָט זאָגן פּרק אין זומער־שבתים און ברכו־נפשי אין ווינטער־שבתים, זאָלן זיי זיך בעסער צונויפקומען ביי שמעון און לוין אין שטוב אַריין. דאָרט, אין דער גרויסער אַרבעטס־שטוב, וואו די ניי־מאַשינען זיינען געשטאַנען שבתדיק פאַרדעקט מיט טישטעכלעך און די פויערישע הויזן און רעק פאַר־האַנגען מיט ליילעכער, האָבן זיי אויסגעזעצט זיך אויף לאַנגע בענק אַרום געדעקטן צושנייד־טיש און געלאָזט זיך וואוילגיין מיט ביר, אַרבעס און אויסגעקאָכטע פלוימען, ווי זיי וואָלטן פּראַווען אַ שלום־זכר אַ שטייגער.

אסתר האָדעס די אַלמנה, די מאַמע פון שמעון און לוי, האָט ניט קיין גרויס נחת געהאַט פון אָט די שבתדיקע צוזאַמענקונפטן אין איר הויז.

וואָרעם נישט נאָר האָבן די זין אירע און זייערע געסט גערעדט אין הייליקן טאָג וועגן אַלערליי וואָכעדיקע זאַכן, ווי סחורות, ניי־מאַשינען, קונים, יאַרידים און מערק, נאָר זיי האָבן אויך חוזק געמאַכט פון אַלע גוטע און פרומע לייט פון דאַלינעץ, מיטן רב און שוחט אַריינגענומען; זיי האָבן גע־זונגען פאַרשייטע לידער, געלאַכט, געשטיפט, אָפּגעטאָן אַלערליי שפּיצלעך, ליצנות און קאַטאָוועסלעך. ערגער דערפון איז געווען דאָס, וואָס ניט נאָר פלעגן יונגע געזעלן קלעפּן צו אירע פריילעכע זין, נאָר אויך באַלמעלאַכישע מיידלעך און אַפילו ווייבלעך, אשת־אישן, וואָס זייערע מאַנען זיינען געווען אין אַמעריקע, אָדער געדינט ביי די זעלנער. געהייסן האָט עס, אַז זיי קומען צו אסתר האָדעסעס טעכטער טאַנצן שבת בייטאָג. אָבער אסתר האָדעס האָט וואויל געוואוסט, אַז זיי מיינען ניט אַזוי אירע טעכטער ווי די זין. קנאַקנדיק רויזן־קערלעך און ניסלעך, האָבן די ווייבערישע געסט ניט אויפגעהערט לאַכן פון יעדער וואָרט, וואָס נאָר די יונגען האָבן געזאָגט, מיטזינגען מיט זיי ליבע־לידלעך. די בחורים האָבן אויך געהאַט אַ טבע אַריינצודרייען זיך אין די פּאָל־קע־מאַזורקעס, וואָס די מיידלעך האָבן געטאַנצט איינע מיט דער אַנדערער, און זיי, די נשים־צדקניות, האָבן זיך ניט שטאַרק געוועהרט קעגן דעם בחורשן שעטנז.

ליגנדיק שבת נאָכן טשאָלנט אין איר אלמנה־בעט אין אַנדערן חדר און לייענענדיק מיט גרויס מי די געדיכטע און אָפּגעריבענע עברי־טייטש אותיות מעשיות וועגן די אבות און אמהות און די שיינע משלים און גאָטספאַרכטיקע רייד פון רבינו בחיי און אַנדערע הייליקע לייט, — האָט די אַלמנה אסתר האָדעס נישט געקענט איבערטראָגן די ווילדע געזאַנגען פון די יונגען און די פאַרשייטע געלעכטערן פון די מוידן אין דער אַנדערער שטוב כאָטש נאָך ניט קיין אַלטע, סך־הכל אַ מיטליאָריקע אַלמנה, אַ ברוין־הויטיקע, אַ שוואַרץ־אויגיקע און אַ פולע און ווייבלעכע, איז זי אָבער געווען זייער אַ גאָטספאַרכ־

טיקע, די אלמנה נאָך דעם שניידער בנימין, פול מיט מורא פאַר גאָט, זיין תורה און די צדיקים און לומדים. און זי פלעגט אויפציטערן, הערנדיק ווי די זין אירע און זייערע לייט פאַרשוועכן די הייליקע געבאָטן פון דער תורה און מאַכן ליצנות פון פרומע און גאָטספאָרכטיקע לייט. א הייסע מאַמע צו אירע קינדער, די יתומים, משוגע באַזונדערס פאַר די צוויי קדישים אירע, שמעון און לוי, וואָס צוליב זיי האָט זי ניט חתונה געהאָט מער, הגם זי איז געווען יונג בלוט ווען איר מאַן האָט זי אַן אַלמנה געלאָזט, — האָט זי אויך מורא געהאָט, אַז די זין אירע זאָלן, חלילה, ניט ברענגען אויף זיך קיין אומגליק, נישט אָפּבריען זיך אין פייער, מיט וועלכן זיי שפּילן זיך, אָפּלאַכנדיק פון צדיקים און לומדים.

— שמעון, לוי — האָט זי געו‌רופן פון איר אלמנה־בעט אַרויס, — דער טאַטע, עליו־השלום, וועט, חלילה, פאַרפאַלן ווערן אין כף־הקלע צוליב אייך.

אַז דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָט זי גענומען איבערגיין צו מער פּראַקטישע וואַרנונגען.

— שמעון, לוי, ס'איז מיר אַ בושה פאַר לייטן . . . מענטשן רייסן דאָך מיר די אויגן אויס איבער אייערע שיינע שבתים, וואָס איר פאַרוועט . . .

אָבער שמעון און לוי האָבן זיך ניט געזאָרגט איבער דעם, וואָס מענטשן וועלן דער מוטער די אויגן אויסרייסן, נישט איבער דעם, וואָס דער פאָטער זייערער וועט דאָרט פאַרפאַלן ווערן אין כף־הקלע אויף יענער וועלט.

געטרייע זין, וואָס האָבן דער מוטער צוגעטראָגן פון שענסטן און בעסטן אין איר אלמנהשאַפט, דאָס טעלערל פון הימל איר אַוועקגעגעבן, האָבן זיי אָבער ביי קיין פאַל ניט נאָכגעגעבן איר אין זאַכן פון יידישקייט און לייטישקייט. די פרייד האָט געשפּראָצט פון זיי, געריסן זיך פון זייערע ברוין־הויטיקע באַטעמטע בחורישע גופים, פון זייערע צעקרייזלטע טשופּרינעס, פון זייערע שוואַרצע אויגן און מילך־ווייסע ציין. זיי האָבן ביי קיין פאַל ניט געוואָלט לערנען די קלוגע און שטראָפנדיקע רייד פון פרק, ווי די מוטער האָט עס פון זיי פאַרלאַנגט, נאָר בעסער געטרונקען ביר מיט חברים, געזונגען, געלאַכט און געשטיפט. אַזוי האָבן אויך די געסט זייערע, די טאַנדעטניקעס, אַנגעהאַלטן זייערע שבתדיקע פריילעכע צוזאַמענקונפטן, צום פאַרדראָס פון אַלע גוטע און פרומע לייט אין שטעטל.

זיי האָבן גאָר קיין אָפּשיי ניט געהאַט פאַר באַלעבאַטים, די דאַלינעצער שניי־דערס. וואָרעם זיי זיינען ניט געווען קיין היימישע שניידערס, וואָס דאַרפן אָנקומען צו באַלעבאַטים און וואַרטן ביז מען וועט זיי ברענגען אַ שטיקל אַרבעט, נאָר אונטערנעמערישע גרויסע שניידערס, טאַנדעטניקעס, וואָס האָבן אַליין אָנגעקויפט פּויערישע סחורות, אַליין זיי אויפגענייט און אַליין זיי פאַרקויפט אויף יאַרידים און מערק ניט נאָר אין דאַלינעץ, נאָר אין אַלע אַרומיקע שטעט־

לעך, מאַכנדיק דערביי די אמתע ממתקים. מחמת דעם, אַזוי אויך צוליב דעם, וואָס זיי זיינען אַפּט אַרומגעפאָרן אין בוידן איבער וועגן, איינגעשטאַנען אין אַלערליי גאַסט־הייזער און שענקען, זיינען זיי היפּש צעלאָזן געוואָרן, די שניי־דער־יונגען, צוגעוואוינט זיך צו דער כוסה, געקראַגן געשמדטע העלדזער צו געבראָטענע גענדזלעך אין וואָכן־טעג, און ניט נאָר ניט שטאַרק מדקדק געווען אין וואַשן די הענט, אין מאַכן ברכות און בענטשן, נאָר אַפילו אַמאָל פאַרבויגן אַ מנחה און מעריב, אַז עס איז געווען ווייניק צייט דערויף. אַזוי האָבן זיי אויך אָנגעהערט זיך אויף די וועגן אַלערליי ליצנות, ניבול־פּה, פאַרשייטע לידלעך, און צוגעוואוינט זיך צו קלות־ראש אין ענינים צווישן זכר און נקבה. מער פון אַלע אַנדערע זיינען אַרויס פון די כלים די ברידער שמעון און לוי. באַטש יינגערע פון אַלע איבעריקע טאַנדעטניקעס, בחורים נאָך, זיינען זיי שוין אָבער געווען באַלעבאַטים פאַר זיך, געאַרבעט אויף עטלעכע ניי־מאַשינען, וואָס דער פאָטער זייערער, דער שניידער, האָט איבערגעלאָזט, און געשמט פאַר גרויסע בריהס און איינרייסערביים פאַרקויפן מלבושים אויף יאַרידים און מערק. מיט זייערע גלאַטע צינגלעך, מיט זייערע פּיסקעס אויף שרויפן, מיט זייערע שפּאַסן און פריילעכקייטן האָבן זיי צוגעצויגן צו זייערע שטעלן אַ סך פויערישע יונגען, נאָך מער שיקסעס און יונגע פויערטעס, מיט וועלכע זיי האָבן היפּש לצנות געטריבן ביים אָנמעסטן זיי קאָפּטלעך און שפּענצערלעך. נאָך יעדן יאַריד מער, האָבן זיי אַהיימגעבראַכט מער מזל־ברכה אין די צוגעשוירענע בחורשע בערדלעך, ביז מיט דער צייט איז גאָרניט געבליבן פון אָט די בערד־לעך, אַ חוץ טונקעלע לאַטעס אויף די באַקן, בלויע פון שוואַרצקייט.

אַפילו דער דאַלינעצער רב האָט מיט זיין שטאַרק־קורצזיכטיקער ראיה געכאַפּט זיך, אַז מיט די בערדלעך פון די „שבטים” איז אַ נס געשען, און ער איז אַ בעלן געווען צו דערגיין פון זיי דעם סוד דערפון, און דווקא אין שול, פאַר אַלעמען אין די אויגן.

— שמעון און לוי, כ'על אייך פרעגן אַ קשיה — האָט דער רב געצויגן מיט אַ ניגון פון מה־נשתנא — פאַרוואָס ביי אַלע אַנדערע יידן וואַקסן די בערד אַרויס פון פנים, און ביי אייך וואַקסן זיי פאַרקערט — פון דרויסן צוריק אין פנים אַריין? . . .

אַזוי פלעגט דער רב האָבן אויך עסקים מיט זיי אין די וואָכן־טעג, ווען זיי פלעגן אַמאָל אַריינפאַלן אין דער פרי אין שול צו אַ יאָרצייט. די מעשה איז געווען, וואָס די צוויי ברידער האָבן איינגעהאַנדלט ערגעץ אין אַ פרעמדער גרויסער שטאָט אויסטערליש־קליינע תפילימלעך, פּיצינקע, גלאַנציקע, מיט שמאָלע רצועות ווי די בענדלעך. דער דאַלינעצער רב האָט געקוקט מיט גרויס חשד אויף אָט די תפילימלעך, וואָס אַזעלכע האָט ער נאָך קיינמאָל אין זיין

לעבן ניט געזען. ער האָט ביי קיין אופן ניט געקענט באַנעמען מיטן שכל זייעם, ווי אַזוי עס איז דאָ אַרט פאַר געשריבענע פּאַרמעט־פּרשיות אין אָט די פּיצינקע בתימלעך. ווי קליין די יונגענס תפילין זיינען געווען, אַזוי גרויס זיינען געווען זייערע טשופּרינעס, צעוואַקסענע און צעקרייזלטע, אַזוי אַז די קליינע של ראשלעך פלעגן ממש פאַרלוירן ווערן אין זיי, איינזינקען ווי קורח אין דער ערד. און דער דאַלינעצער רב האָט געטענהט צו די בחורים, אַז אָדער זיי זאָלן קויפן גרעסערע תפילין, אָדער זיי זאָלן אָפּשערן די וויסטע שויבערס, ווייל אַ־נישט איז עס כמעט ווי זיי וואָלטן גאָר קיין תפילין ניט געלייגט.

כאָטש אסתר האָדעס די שניידערקע איז ניט געשטאַנען שבת אויבן־אָן אין ווייבער־שול און וואָכן־טעג איז זי אינגאַנצן נישט געגאַנגען דאַווענען, זייענדיק צופיל פאַרנומען מיט די טעפּ אין קיך, האָט זי פונדעסטוועגן געהערט פון דעם רבס טענות צו אירע זין. מענטשן האָבן איר שוין צוגעטראָגן יעדער וואָרט זיינס, און זי האָט זיך שיר ניט פאַר חרפה באַגראָבן דעריבער.

— שמעון, לוי, כ׳על מיר אַ מעשה, חלילה אָנטאָן צוליב אייך, — האָט זי געביטערט, — זין מיינע, באַדענקט אייך . . .

שמעון און לוי האָבן זיך ניט געוואָלט באַדענקען און געטאָן אַלץ אין דער וועלט אויפצורייצן דעם רב און די באַלעבאַטים פון דאַלינעץ. זיי האָבן אויף זייערע שבתדיקע צוזאַמענקונפטן די געמיינסטע לידלעך וועגן רב און זיינע האַלב־בלינדע אויגן געזונגען, אָפּגעלאַכט פון חזן, שוחט און שמש, יעדן באַרעדט, יעדן אויף דער צונג געהאַט, צו יעדער קהלשער זאַך זיך גע־מישט און דעות געזאָגט. אין איינעם אַזאַ שבתדיקן צוזאַמענקונפט, ווען די זון איז געווען באַזונדערס הייס און דאָס ביר באַזונדערס קאַלט, איז זיי אויך איינ־געפאַלן די המצאה, אַז חברה טאַנדעטניקעס דאַרפן נעמען דעם אייביק־פאַר־זעסענעם פישל מאַידאַניקער אין די הענט אַריין און אים צונויפפירן אויף אַ זעעכטס מיט אַ כלה.

ווי אַלעמאַל, האָט מען אויך אָט די שליחות אָנפאַרטרויט פעלטע צאַפּ, ער זאָל זיך נעמען צו דעם שדכנות און צונויפפירן דעם רויט־בערדיקן חתן־בחור אויף דעם זעעכטס מיט דער כלה זיינער.

פעלטע צאַפּ איז ניט געווען קיין שדכן. ער איז סכך־הכל געווען אַ שניידער, און דווקא ניט קיין טאַנדעט־שניידער, נאָר אַ היימישער באַלמעלאָכע, וואָס נייט יידישע מלבושים. אָבער געהאַלטן האָט ער זיך צווישן חברה־טאַנדעטניקעס און פלעגט ניט דורכלאָזן קיין איין שבתדיקן צוזאַמענקונפט ביי שמעון און לוי אין הויז. אַן עלטערער פון אַלע טאַנדעטניקעס, אַ ייד מיט אַ היפּשער באָרד, שוין אַ מאַן פון אַ ווייב, אַ טאַטע פון אַ פולער שטוב קינדער, איינס יינגער

פון אַנדערן, און אַ ביטערער אָרעמאַן דערצו, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, — האָט ער אָבער ליב געהאַט אַרומצופירן זיך מיט די יונגע, באַהאַוונטע און פריילעכע טאַנדעטניקעס, לאַכן און שטיפן מיט זיי, גיין מיט זיי אין שענקל אַריין עסן געגנדזענע פּופּקעס אין דער וואָכן און אויסגעבן דעם לעצטן גראָשן אויף זייערע שניידערישע סעודהלעך. אַזוי פלעגט ער אויך אין שול שטיין ניט צווישן די היימישע באַלמעלאָכעס, נאָר לעבן די געזעלן, וואָס האָבן געקענט זיין זיינע זין. דאָרט האָט ער גערעדט אינמיטן דאַווענען, פאַרבונדן יידן די ציצית פון זייערע טליתים, אונטערגעשטעלט אַ פוס עמעצן ביים אויסגיין שמונה־עשרה, אָנגעשאָטן קינדער שמעק־טאַבאַק אין די נעזלעך, און דער־ציילט פאַר לער־ייִנגלעך באַהאַלטענע זאַכן וועגן מאַן און ווייב. קאַפּל שמש האָט אים מבזה געווען דערפאַר, קיינמאָל קיין עליה אים ניט געגעבן, און אַפילו אין שמחת־תורה אים אויפגערופן עם כל הנערים. פעלטע צאַפּ האָט בלויז געקוואָלן פון הנאה, אָנאַרבעטנדיק וויסטע שטוקעס מיט די ייִנגלעך אונטערן פאַרדעקטן טלית. אַזוי האָבן די באַלעבאַטים אים קיין אַרבעט ניט געגעבן, כאָטש מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט גאָלדענע הענט. אַ סך מאָל פלעגט אויף אים גלאַט אָנפאַלן אַ משוגעת און ער פלעגט אָפּשטעלן די ניי־מאַשין אינמיטן אַרבעט, און אַן אַ פאַרוואָס און פאַרווען, איבערלאָזן ווייב און קינדער אויף הפקר אויף אַ וואָך צייט.

זעלדע, די יידענע זיינע, תמיד אַ זויגנדיקע, אַ טראָגנדיקע, אַ שלומפּער אַ גרויסער, און אַ וויסטע שעלטערקע, פלעגט אים דערפאַר רודפן, שלעפּן צום רב, מאַכן קולות איבערן גאַנצן מאַרק, אַז דער ייד איז אַ פעלד־גזלן, אַ משומד און אַ רוצח אויף ווייב און קינדער. אָבער פעלטע האָט רואיק אויסגעהערט אַלע אירע בזיונות, אַלע שטראָף־רייד און טענות פון באַלעבאַטים, באַלע־באָסטעס, און אַפילו פון רב אַליין. קיין טענות און מענות האָבן אים ניט געקענט צוריקברענגען צו שער און אייזן אין די באַנומענע טעג זיינע, ווען ער האָט באַגערט צו זיין הפקר. ער האָט געוואוסט, אַז מען האַלט אים פאַר אַ נבזה, פאַר אַ פאַרפאַלענעם, און ער האָט זיך ניט געמאַכט דערפון. אַזוי האָט ער זיך אויך ניט געמאַכט דערפון וואָס אסתר האָדעס די שניידערקע פלעגט אים טרייבן פון איר שטוב יעדן שבת און אַפילו דראָען אים, אַז זי וועט פּראָסט און פשוט נעמען צו אים דעם בעזעם, אָדער גאָר אָפּגיסן אים מיטן פּאָמעשאַף אין שבת. אויב אסתר האָדעס האָט נאָך געקענט ווי ניט איז מוחל זיין די יונגע טאַנדעטניקעס, וואָס לאָזן זיך וואוילגיין, האָט זי עס ניט גע־קענט מוחל זיין פעלטע צאַפּ, אַ ייד אַ מטופל מיט ווייב און קינדער און אַ גרויסער קבצן דערצו.

— גייט אייך צו אייער זעלדען, פאַרשייטער דלות — האָט אסתר האָדעס

אים געיאָגט — זי וועט מיר דאָ מאַכן שוואַרץ־שבת איבער איך, און זי וועט זיין גערעכט.

פעלטע האָט קיין איין וואָרט ניט געענטפערט און אַרוגעפּאַדעט אַרום שמעון און לוי, ווי אַ שמש אַרום אַ רבין. פאַר דאַנקבאַרקייט, וואָס זיי נעמען אים אַריין אין חברה, הגם ער איז ניט זייערס־גלייכן אין יאָרן און אין שטאַנד, האָט ער זיי געדינט, געלאָפן נאָך פלעשער ביר אין שענק, דערלאַנגט צום טיש, געטראָגן ליבע־בריוולעך צו מיידלעך, וואָס די בחורים האָבן געליבט, און אויפגעשריבן מיט קרייד שאַנד־ווערטער אויף טירן און לאָדנס פון מיידלעך, אויף וועלכע זיי האָבן אַ בייז האַרץ געהאַט. די יונגען האָבן זיך ניט גערירט אָן פעלטען, אַלע סודות אים אַנגעטרויט. אַזוי האָבן זיי אויך אים אַנגעטרויט די שליחות צו פאַרשלייערן דעם אויפקויפער פון חזיר־האָר, פישל מאַידאַניקער.

צומאָרגנס איז שוין פעלטע ניט צוגעגאַנגען צו דער ניי־מאַשין, כאָטש ער האָט געהאַט אַ מלבוש אויסצוענדיקן, און איז אַוועק באַלד אין דער פרי, בעלות־השחר טאַקע, צו יונתנס בעקעריי, וואו פישל דאַרפס־גייער איז געווײַנלעך געשלאָפן אין אַ ווינקל אויף די זעק. אַוועקזעצנדיק זיך לעבן אים אויף דעם אָנגעשטופּטן זאַק חזיר־האָר, האָט פעלטע גענומען דערציילן אים מיט ברען און האַרץ וועגן דעם גליק־שידוך, וואָס ער האָט פאַר אים.

פישל מאַידאַניקער האָט זיינע גרויסע רויטע אויערן ניט געגלויבט, אויסהערנדיק פעלטעס ווערטער. פעלטע האָט זיך ניט געלאָזט איבערשלאָגן און מיט רייד גלאַטע, קיילעכדיקע און פרומע, אויסגערעכנט אַלע מעלות פון דער כלה, וואָס ער רעדט אים. אַ יתומה איז זי, דאָס מיידל, אַ קיילעכדיקע יתומה, אָן טאַטע און מאַמע, און טאַקע זיינס, פעלטעס אַ קרובה, אַ נאָענטע. זי איז אויך אַ דאָרפישע, אַ כשרע און פרומע נשמה, ניט ווי די שטעטלדיקע מוידן די גרויסהאַלטערקעס און מיוחסתן, אַזוי אַז זי וועט אים, פישלען, זיין איבערגעבן און געטריי און בכבוד האַלטן אים, ווי אַ קייסער. ווידער האָט פישל ניט געגלויבט זיינע אויערן און פרובירט איינוועגדן, אַז אַזאַ מיידל וועט אודאי ניט וועלן קוקן אויף אים, ווי אַלע אַנדערע ווייבער ווילן ניט. אָבער ווידער האָט פעלטע אים ניט געלאָזט קומען צום וואָרט און אים באַרואיקט, אַז ער האָט איר, דער מיידל, הייסט עס, אַלץ דערציילט שוין באַריכות וועגן אים, פישלען, און זיין חזיר־האָר מסחר, און זיינע יאָרן, אָבער זי איז מרוצה, די קרובה זיינע, און זי וועט טאָן, וואָס ער, פעלטע, איר קרוב און גואל וועט איר הייסן. איבעריקנס דאַרף ער, פישל, ניט גלויבן אים אויפן וואָרט, וואָרעם ער קען זי זען, דאָס מיידל, מיט די אייגענע אויגן און ניט לאָזן זיך פאַרקויפן קיין קאַץ אין זאַק. ער, פעלטע וועט זיך אַראָפּכאַפּן צו

איר אין דאָרף, קיין יאַרליצע, וואו זי דינט דאָרט ביי אַן אַרענדאַר, ער וועט זי אַהערברענגען אויף שבת קיין דאַלינעץ, און שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה, וועט ער אים, פישלען, צונויפפירן מיט איר און מאַכן אַ זעעכטס. אויב זיי וועלן זיך געפעלן ווערן איינער דעם אַנדערן, וועט מען קיין סך ניט באַלאַמוטשען, נאָר טאַקע תיכף־ומיד צונויפרופן אַ מנין יידן, שניידערס פון זיין, פעלטעס צד, און מען וועט ברעכן טעלער. אויב אָבער זי, דאָס כלה־מיידל, הייסט עס, וועט ביי אים, פישלען, ניט נושא־חן זיין, וועט ער, פעלטע, צו אים קיין טענות ניט האָבן און ס'וועט זיין אויס פון מסחר. ער, פישל, וועט זיך בלייבן ביי זיינס, און זי, די קיילעכדיקע יתומה, הייסט עס, וועט זיך צוריק־גיין קיין יאַרליצע צום אַרענדאַר, ביי וועמען זי דינט.

ווי שווער פישל מאַידאַניקער איז געווען אויפן לשון, האָט ער זיך ניט געקענט מער איינהאַלטן און אַרויסגעלאָזט אַ ווילד געלעכטער דורך זיין האָ־ריקער פאַרפאַנצערונג. דער געדאַנק, אַז ער, פישל, דער אויפקויפער פון חזיר־האָר, זאָל נישט וועלן אַ מיידל, וואָס וויל אים איז געווען צופיל פאַר אים, צו לעכערלעך, ניט פאַנאַנדערצולאַכן זיך דעריבער.

— הי, הי, הי, פעלטע לאַכט פון מיר? — האָט ער געשטאַמלט.

פעלטע האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרץ און געשוואוירן זיך מיט אַלע שבועות איבער זעלדען, זיין ווייב, אַז עס פאַלט אים אַפילו ניט איין צו לאַכן. זאָל אים זיין זעלדע ניט אויסלעבן דעם יאָר, זאָל זי ברעכן האַלדז און נאַקן, זאָל זי אויסציען די צונג, אויב ער זאָגט ניט דעם ריינעם אמת. דער עיקר איז, אַז ער, פישל, זאָל פאַר קיינעם קיין וואָרט ניט דער־ציילן וועגן דעם שידוך, וואָס ער רעדט אים, קיין פּיפּס ניט טאָן, ווייל דאַלינעץ איז אַ שטאָט פון שלעכטע לייט, ניט פאַרגינערס, וואָס וועלן אוודאי אָנריידן אויף אים אַלדאָס בייז פאַר דער יתומה, לאַכן פון אים, אַזוי אַז דאָס מיידל קען נאָך אַמאָל חרטה האָבן. פישל האָט אָפּגעווישט די האַנט פון חזיר־האָר, כדי אַרויסצונעמען פון איר יעדע טרייפקייט און געגעבן פעלטען תקיעת־כף, אַז ער וועט קיין פאַרע פון מויל ניט אַרויסלאָזן דעריבער. פעלטע האָט אים געפּאַטשט איבער דער פּלייצע.

— פאַרלאָז זיך אויף מיר, פישל ברודער — האָט ער גערעדט צו אים מעשה־מחותן — דו ביסט אַ פּראָסטער מענטש און דו דאַרפסט זיך האַלטן מיט אונדז, שניידערס. אַז וועסט זיך פאַרלאָזן אויף די באַנק־קוועטשערס, וועסטו פאַרזיצן ביז אין דער גרויער באָרד אַריין. זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה . . .

קיינמאָל פריער אין זיין לעבן האָט פישל ניט געפילט אַזאַ אומרואיקייט אַרום זיין ברייטן ברוסט־קאַסטן ווי איבער די לאַנגע זומער־טעג פון אָט דער

וואָך פון זונטיק ביז שבת־צונאַכטס. דורך יעדער טייכל, וואָס אים איז אויס־געקומען פאַרבייצוגיין איבער די דערפער ביים איינקויפן חזיר־האָר, האָט ער זיך אויפסניי אָפּגעשטעלט, געשפּיגלט זיך אין קלאָרן וואַסער און געוואַשן דערין די הענט. פרייטיק איז ער אַהיימגעקומען קיין דאָלינעץ פריער ווי תמיד און לאַנג געפּאַרעט זיך אויף דער העכסטער באַנק אין מרחץ, כדי אַרויסצוויאָגן פון זיך יעדע שמוץ און שטויב און אומריינקייט און טריפענע ריחות. ער האָט אַפילו געבעטן ביי אַ שכן, אַז יענער זאָל אים ריכטיק אויס־שמייסן, אַזוי מיט כוח און אָן רחמנות. פאַר דער צייט, וואָס ער האָט פאַר־נומען זיך מיט גרויס שוויצן, האָט ער געלאָזט הענגען אַרום קעסל זיינע מלבושים, פון העמד ביזן ציצה־כנפות, ביז די אַניטשעס פון די פיס, זיי זאָלן זיך ריכטיק אויספּאַרען און אויסרייניקן. ער האָט אויך אַריינגעלייגט אַלע כוחות אין דער געדיכטער באָרד זיינער, געקעמט זי מיט די פינגער און געפּוצט און גערייניקט. אַזוי אַז זי האָט געלויכטן ווי אָפּגעפּוצטער קופּער. אויפן וועג פון מרחץ צו יונתנס בעקריי, האָט ער זיך פאַרהאַלטן ביי אַ קראָם פון נאַפּטע און דזשעגעכץ און איינגעהאַנדלט אַ גאַנץ קוואַרטירל טראָן, מיט וועלכן ער האָט אויפן אָרט אויסגעשמירט די פאַרלאַטעטע שטיוול פון די אויערן אין די כאַלעוועס ביז די פּאַדקאָוועס אויף די קנאַפּלען, אַזוי אַז זיי האָבן געגלאַנצט פון בלייקייט. מיט די פעטע הענט האָט ער אויך אויסגעגלעט דעם פאַרדאַרטן רימען, וואָס האָט אַרומגענומען זיינע לענדן. באַנייען די קאַ־פּאָטע זיינע, ווי ער האָט עס געטאָן מיט די שטיוול, האָט ער ניט געקענט. אָבער דערפאַר האָט ער זי אויסגעקלאַפּט מיטן שטעקן, אַרויסגעטריבן פון איר זיילן שטויב, אָפּגערייניקט זי פון יעדן סימן פון חזיר־האָר. דערנאָך האָט ער איינגעפּעדעמט די זאַק־נאַדל און אויפסניי פאַרטשאָבעט די אַרבל אין די אַרעמלעכער, פון וואַנען זיי האָבן געהאַט די טבע אַלעמאָל אויפסניי אַרויס־צוקריכן; ער האָט אויך צוגעפעסטיקט די לויזע קנעפּ, וואָס זיינען געווען פון יעדער קאָליר און גרויס. שטילער ווי תמיד האָט ער זיך געהאַלטן אין בית־המדרש ביים דאַוונען און ביים טיש פון זיינע באַלעבאַטים, כדי ניט אַרויסצו־כאַפּן זיך מיט דעם סוד, וואָס האָט געשוואָלן אין אים מיט יעדער שעה מער, שיר ניט צו פּלאַצן.

ווען פעלטש צאַפּ איז געקומען צו אים גלייך נאָך הבדלה און סודותדיק, אָן ווערטער, נאָר בלויז מיט אַ צייכן אים אָנגעוויזן, ער זאָל מיטגיין מיט אים אויף דעם זעעכץ, איז פישלס האַרץ שיר ניט אַרויסגעשפּרונגען פון גליק און איבערראַשונג. ער איז געגאַנגען מיט שווערע טריט נאָך פעלטשן, קלאַפּנ־דיק פעסט מיט די פּאַדקאָוועס אויף די שפּיציקע שטיינער פון דאָלינעצער גאַסן און געסלעך. אַ ווײַלע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אָנגענומען פעלטשן

פאַרן אַרבל. וואָרעם פּעלטע האָט אים ניט געפירט צו זיך, ווי ער, פישל, האָט דערוואַרט, נאָר צום עק מאַרק, וואו די טאַנדעטניקעס די באַלעבאַטים האָבן מערסטנס געוואוינט. אָבער פּעלטע האָט אים שטילערהייט געזאָגט, אַז ער האָט דאָס זעעכץ ניט געוואָלט מאַכן ביי זיך, ווייל זיין זעלדע, די מרשעת, קען נאָך אַריינמישן זיך מיט איר גרויס מויל און קאַליע מאַכן די זאַך. איבּ־ריקנס, איז זיין שטוב צופיל אָנגעפּאַקט מיט קינדער, אַזוי אַז ניט זי פּאַסט פאַר אַ שמחה, ניט עס איז דאָ מנוחה אין איר. דעריבער האָט ער אַריינגעפירט די קרובה זיינע צו דער בנימינעכע דער אלמנה, וואָס האָט אַ גרויסע שטוב, און דאָרט וועלן חתן־כלה קענען צונויפריידן זיך בכבוד און קומען צו אַ טאָלק.

— פאַרשטייסטו, וואָס איך רייד צו דיר, פישל? — האָט פּעלטע שטיל געפרעגט.

— כ׳מיין — האָט פישל געברומט, נאָכגייענדיק זיין פירער, פול מיט גע־שפּאַנטקייט איבער דעם, וואָס דאַרף קומען.

גרעסער איז געווען זיין געשפּאַנטקייט, און אויך די איבערראַשונג, ווען ער איז איבערגעטראָטן די שוועל פון דער אלמנהס הויז און דערזען די אויפּ־געררוימטע שטוב, דעם געדעקטן טיש, באַשטעלט מיט ליכט אין מעשענע לייכ־טער און מיט פלעשלעך משקה, אייער־קיכלעך און צעשניטענע הערינג. אַלץ אין דער שטוב האָט געשמעקט מיט שמחה. אַזוי שמחהדיק זיינען געווען די מענטשן, וואָס זיינען געווען פאַרזאַמלט אַרום טיש, לויטער טאַנדעטניקעס, פישלס שעפּסענע אויגן זיינען געווען פול מיט חידוש. פּעלטע האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם, ווי מען פירט אַ חתן, און אים מיט כוח אַריינגעפירט אין שטוב.

— שעם זיך ניט, פישל, דאָס זיינען אַלץ היימישע מענטשן — האָט ער אים געזאָגט, — אונדזערע לייט. זאָג גוט־וואָך.

פישל האָט געזאָגט גוט־וואָך און געלאָזט זיך אַוועקזעצן ביים טיש, ווי ער וואָלט געווען שוין באַצייטנס אַ בעל־שמחה. דער עולם האָט געשטעקט הענט און ממש אַריינגעגאָסן אין אים עטלעכע גלעזלעך איינס נאָכן אַנדערן, אַזוי אַז ער האָט זיך גלייך דערפילט אויפגעהייטערט און אַ ביסל בגילופין. גלייך נאָכדעם איז פּעלטע אַריין אין אַנדערן חדר, דאָרט וואו די אלמנה האָט שטיין איר בעט לעבן בעט פון געשטאָרבענעם מאַן, און אַריינגעפירט ביי דער האַנט די קרובה זיינע, די קיילעכדיקע יתומה פון יאַרליצע.

— קום דאָבע־לאה, — האָט ער גערעדט פאָטערלעך צום מיידל, וואָס האָט געטראָגן צוויי טיכלעך, איינס אויף די אַקסלען און איינס אויפן קאָפּ, שטייף אַרומגעבונדן, הגם עס איז געווען זומער. — שעם זיך ניט דאָבע־לאה,

ס׳זייען אַלץ היימישע מענטשן, הייסט עס, פון דאָרף מאַידאַניק . . . האָסט געהערט פון אַזאַ דאָרף, דאָבע־לאה?

— ניין, פעטער פעלטע, — האָט די יתומה געענטפערט מיט אַ קוויטשל און מיט די הענט פאַרדעקט זיך די שפּיץ נאָז און די שוואַרצע אויגן, די איינציקע אברים, וואָס מען האָט געקענט זען פון איר פאַרהילטקייט.

פעלטע האָט איר אויסגערעדט, אַז ס׳מאַכט ניט אויס דאָס וואָס זי האָט ניט געהערט פון אַזאַ דאָרף, און באַזעצנדיק זי אויף אַ בענקל אין אַ ווייטן ווינקל, אין סאַמע ווייטסטן פון מאַנסבילישן טיש, האָט ער גענומען ריידן תכלית צו איר.

— ווי דו זעסט אים, דאָבע־לאה, — האָט ער געטענהט צו איר ווייך — איז קיין גרויסער נגיד איז ער ניט. ער האַנדלט מיט חזיר־האָר, האַנדלט ער. קיין יונג בחורל איז ער אויך ניט. אָבער ער איז נאָך אַ יונגער מענטש, אַ ייד אַ גיבור, קיין עין־הרע, און ער וועט זיין צו דיר אי אַ טאַטע, אי אַ מאַמע, אי אַ מאַן און אַלץ מיט אַנאַנדער. נו, וואָס זאָגסטו דערצו, דאָבע־לאה?

— וואָס וויס איך? — האָט דאָבע־לאה געענטפערט פאַרשעמט — דער פעטער פעלטע ווייסט בעסער וואָס איז גוט פאַר מיר.

פעלטע האָט זיך געריבן די הענט פון נחת.

— נו, פישל, זעסט וואָסער כשרע נשמה דאָס איז — האָט ער געזאָגט.

— אַ גאָלדן קינד, —האָבן די איבעריקע טאַנדעטניקעס געלויבט די יתומה — ניט אַזוי, פישל?

— כ׳מיין . . . — האָט פישל געברומט, ניט גלויבנדיק זיינע אייגענע אויערן, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער הערט און זעט, קומט טאַקע פאַר אויף אַן אמת.

פעלטע שניידער איז געוואָרן אַלץ פאַטערלעכער און ווייכער צו דער יתומה פון יאַרליצע.

— דאַרפסט זיך גאָרניט שרעקן, דאָבע־לאה — האָט ער זי איינגענומען — וועסט ניט דאַרפן מער אַרבעטן ביי לייזער אַרענדאַר אין יאַרליצע . . . וועסט זיין אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך . . . פישל וועט דיר אָוועקגעבן אַלץ, וואָס ער וועט פאַרדינען ביי די חזיר־האָר. וועסט אויך ניט דאַרפן ניאַנטשען קיין פרעמדע קינדער . . . וועסט, מיט גאָטס הילף, האָבן אייגענע קינדער . . .

דאָס מאָל האָט דאָבע־לאה ניט בלויז פאַרשטעלט דאָס שפּיצל נאָז און די אויגן מיט די הענט, נאָר פון גרויס בושה פאַרהילט זיי מיט ביידע שפּיצן פון טיכל. פעלטע שניידער האָט זי געגלעט איבערן קאָפּ און פאָטערלעך איינגענומען.

— שעם זיך ניט, דאָבע־לאה, האָבן קינדער איז אַ מצווה, — האָט ער זי געלערנט — די הייליקע מוטערס פון דער תורה האָבן אויך געוואָלט האָבן

קינדער, און דו וועסט אויך מערצעשעם האָבן קינדער מיט פּישלען. זע, דאָבע־לאָה, וואָסער שיינע רויטע באָרד ער האָט, קיין עין־הרע. וואָס זאָגסטו, פּישל, אמת, זי וועט האָבן קינדער פון דיר, מיט גאָטס הילף?

פּישל האָט זיך געשעמט ניט ווייניקער פון דאָבע־לאָהן צו ענטפערן אויף אַזעלכע רייד צווישן מענטשן, באַזונדערס ווען אַ כלה־מיידל איז דאָ דערביי. זיין רויט פּנים האָט ממש געפלאַמט פון בושה. אים האָט זיך אויך געגלוסט לאַכן פון אָט די רייד און ער האָט פאַרשטעלט זיך דאָס מויל מיטן האַרטן אַרבל פון זיין בגד, כדי ניט אַרויסצולאַכן צווישן מענטשן. די געסט האָבן געלאַכט פריי און הויך און גערעדט אַפילו ניט־כשרע רייד, ווי געווייגלעך מען רעדט אַזעלכע אויף חתונות און תנאימס. פעלטע צאַפּ האָט מעשה־מחותן געפּאַטשט מיט כוח איבער פּישלס פּלייצע און אים צוגעקיצלט אין די זייטן.

— נישקשה, ברודער, צום יאָר, מערטשעם, וועלן מיר אַלע טאַנצן ביי דיר אויף אַ ברית — האָט ער אים מבטיח געווען — ניט אַזוי, פּישעלע?

פּישל, אַ צעהיצטער פון דער שמחה און פון די נישט־כשרע רייד, האָט צוגעשאָקלט צו אַלץ, וואָס מען האָט אין אים אַריינגערעדט.

— כ׳מיין, — האָט ער געברומט, שטראַלנדיק מיט זיין באָרד אין די שבת־צו־נאַכטיקע ליכט.

פעלטע האָט גענומען פּלוצלונג זיך שטאַרק איילן, ווי אַ מחותן, וואָס וויל דערפירן וואָס גיכער צו אַ תכלית, און גענומען ריידן וועגן מאַכן תנאים אויפן אָרט שוין.

— חתן־כלה געפעלן זיך, אַ מנין יידן איז דאָ, לחיים צו טרינקען איז אויך צוגעגרייט, זע איך ניט אין פאַרוואָס מען דאַרף באַלאַמוטשען אומזיסט — האָט ער געטענהט — לאָמיר מאַכן אַ וואָרט און ברעכן טעלער . . . ניט אַזוי, כלה?

— דער פעטער פעלטע ווייסט בעסער וואָס איז גוט פאַר מיר — האָט די כלה געזאָגט.

דער עולם האָט זיך נענטער צוזאַמענגערוקט און דערלאַנגט פּישלען די הענט.

— גרייט זיך, חתן — האָבן זיי אים געמונטערט, שאָקלענדיק מיט זיין האַנט.

פּישל האָט צוריק געשאָקלט מיט די אויסגעשטרעקטע הענט און דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט געוואַגט צו זאָגן אַ וואָרט אויף דער אייגענער שמחה.

— מ׳עט ניט גיין נאָכן רב? — האָט ער געפרעגט אין שטוינען.

פעלטע האָט אויף אים אָנגעשריגן.

— מ׳דאַרף ניט קיין רב צו תנאים — האָט ער געפּסקנט — אַ מנין יידן איז דאָ דאַרף מען בלויז מקבל־קנין זיין און ברעכן טעלער . . . איך וועל עס מאַכן אַזוי גוט ווי דער רב.

כדי צוצוגעבן זיך כלי־קודשדיקע חשיבות, האָט פעלטע גלייך דערויף פרום געוואַשן זיך די הענט, פאַרקנעפּלט די שטענדיק־צעשפּילטע קאַפּאָטע אויף אַלע קנעפּלעך און אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גרויסע רויטע נאָז־פאַטשיילע.

— זאָלן חתן־כלה מקבל־קנין זיין — האָט ער געגעבן באַפעלן, — דו, דאָבע־לאה, נעם־אָן ביי דעם עק פאַטשיילע; דו, פישל, נעם־אָן ביים אַנדערן עק.

פישל האָט געהאַלטן ביים עק פאַטשיילע מיט אַזאַ כוח, ווי ער וואָלט גע־דאַרפט צוהאַלטן אַ שטריק פון אַ פאַראַם ביי אַ ברעג. די כלה האָט אײדל, מיט די שפּיץ פינגער פון איין האַנט אָנגענומען ביים צווייטן עק שניפּ־טוך, מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי פאַרשטעלט דאָס פּנים אין איר דאַרפישער בושה.

— איצט, כלה, צעברעך אַ טעלער אויף מזל — האָט פעלטע באַפוילן מיט כלי־קודשדיקער תקיפות — שעם זיך ניט, דאָבע־לאה.

דאָבע־לאה האָט גענומען דעם טעלער מיטביידע הענט. אָבער אַנשטאָט אַראָפּלאָזן אים אויף דער ערד, ווי מען טוט עס אויף שמחות, האָט זי אים אויפגעהויבן אין דער הייך און אים צעקנאַקט אויף דעם חתנס קאָפּ . . .

אַ היפּשע ווײלע איז פישל מאַידאַניקער געשטאַנען פאַרשטאַרט, ווי אַ שטיינערנער גולם, און געגלאָצט פאַרגליווערט מיט זיינע אויפגעריסענע שעפּסענע אויגן.

עס איז ניט געווען דער ווייטיק אין קאָפּ וואָס האָט אים אַזוי צעחושט. סך־הכל איז דער טעלער געווען אַ ליימענער, אַן אַלטער און אַ געשפּאָלטענער דערצו, וואָס טאַקע דערפאַר האָט מען אים גענומען אויף צעברעכן, כדי ניט מאַכן אַ היזק אין אַ גאַנצער כלי. פישלס קאָפּ איז אויך געווען אַ האַרטער, געוואוינט צו אַ סך קלעפּ אין זיין לעבן, שווערערע און האַרטערע. אָבער קיין קלאַפּ ביז איצט האָט אים ניט אַזוי פאַרטשמעליעט, ווי אָט די געשפּאָלטענע שוואַכע ליימענע כלי. כאָטש די אויגן זיינען זיינען געווען אָפן, ברייטער צעעפנט ווי געוויינלעך, האָבן זיי גאָרניט געזען אין דער באַלויכטענער שטוב, אַ חוץ שוואַרץ. באַלד איז די שוואַרצקייט אַריבער און ער האָט דערזען קלאָר די גאַנצע בראָך זיינע. אַרום זיינע פיס זיינען געלעגן די שערבלעך פון צע־בראָכענעם טעלער. דער עולם האָט געלאַכט, געהירזשעט ווילד, פאַרשייט. העכער און פאַרשייטער פון אַלע האָט געלאַכט די יאָרליצער כלה, וואָס האָט נאָך

געטראָגן איר ווייבעריש קלייד, אָבער איר קאָפּ איז ניט געווען מער פאַרדעקט מיטן טיכל. פישל האָט דערקענט דאָס לאַכעדיקע פּנים, וואָס איז געווען ברוין־הויטיק, מיט שוואַרץ־בלויע לאָטעס אויף די באַקן, סימנים נאָך אַ גע־גאָלטער באָרד. ער האָט ניט דערקענט געצוי, צי אָט דאָס לאַכנדיקע פּנים איז געווען שמעונס אָדער לויס, אָבער געוואוסט האָט ער, אַז עס געהערט צו איינעם פון די צוויי ברידער, וואָס האָבן זיבן יאָרן געצאַפּט זיין בלוט אין שול. ער האָט זיך איינגעקוקט דערין שווער און טעמפּ, ווי אַ פאַרוואונדעטער אָקס גלאָצט אויף זיין באַצווינגער, טראַכטנדיק שווער וואָס צו טאָן— אונטערגעבן זיך, אָדער אָנגרייפן.

פאַר אַ וויל האָט ער דערפילט הייס בלוט שפּאַרנדיק אין אים, בלוט, וואָס האָט צוגעשלאָגן אי צום נאָקן ביי די אויערן, אי צו די אויגן, אי צו די הענט. אָט דאָס שפּאַרנדיקע בלוט האָט אים אַזאַ נעם געטאָן, אַז ער האָט האַס־טיק אַ שפּרונג געטאָן פון אָרט, אַ פלינקן שפּרונג, וואָס איז געווען צו־געשיקט פאַר זיינע שווערע פיס.

— ס׳עט אַ רוח . . . — האָט ער אַ רעווע געטאָן אַ קללה, זי גישט פאַרענ־דיקט, און פאַנאַנדערגענומען די הענט, גרייט צו דורסן, צו צעשמעטערן אַלץ אַרום זיך. אָבער די יונגען, דערפילנדיק די סכנה, האָבן זיך באַצייטנס צוריקגערוקט, איבער טיש און בענק געלאָפן, שפּאַרנדיק זיך צו דער טיר. פישלס פיס און הענט האָבן אין איין רגע צוריק פאַרלאָרן זייער צעיושעט בלוט און געבליבן ליימיק, הילפלאָז, ווי תמיד. קוקנדיק מיט צער אויף די צע־בראָכענע שערבלעך אויף דער ערד, ווי אַ קינד באַטראַכט די שאַרבנס פון אַ כלי, וואָס עס האָט צעבראָכן, האָט ער זיך שווער אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד און, ווי ערב־פּסח ביים רב אין שטוב, גענומען כליפּען אויפן קול, באַוויינען שווער זיין ביטער מזל. די שטוב איז געווען ליידיק. קיינער איז ניט געבליבן, אַ חוץ דאָס כלה־קלייד, וואָס איז געלעגן ביי דער טיר, אַ זכר פאַר דעם כליפּענדיקן מענטשן אין זיין בושה.

די ליכט האָבן גענומען טריפן און אויסגיין. אַ גריל האָט זיך צעקלאָגט פון אַ ווינקל אין דער טונקעלער שטוב. פישל האָט זיך ניט גערירט פון זיין געזעס אויף דער ערד און אָנגעהאַלטן זיין כליפּען. ערשט ווען די בנימינעכע איז צוריקגעקומען צו איר הויז, פון וואַנען די זין האָבן זי מיט שלויקייט אַרויסגענאַרט, האָט זי אים גענומען אונטער די אָרעמס און אויפגעהויבן אים פון זיין אבלות.

— וויינט ניט, רב פישל, — האָט די אלמנה געבעטן זיך ביים כליפּענדיקן גיבור און זיך אַליין פאַנאַנדערגעוויינט אויף דעם שלעכטס, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין איר הויז, אויף די זינדיקע מעשים פון אירע זין.

אַ גאַנצע וואָך איז פישל געגאַנגען מיט אַ געזונקענעם קאָפּ איבער די דערפער, פאַרטאָן אין זיין צער. ווען ער איז פרייטיק אַהיימגעקומען קיין דאַלינעץ און געלאָזט זיך גיין צום מרחץ אָפּצוואַשן זיך לכבוד שבת, האָבן אים די חדר־ייִנגלעך באַגעגנט מיט דעם נייעם צונאָמען, וואָס זיי האָבן אים געגעבן.

— מזל טוב, יאַרליצער כלה, — האָבן זיי אים נאָכגעשריגן אויפן מאַרק — יידן, מאַכטס אַ וואַרע, די יאַרליצער כלה גייט אין באָד אַריין.

פישל איז געגאַנגען פאַר זיך מיט זיינע שווערע קורץ־כאַליעוודיקע גע־קאָוועטע שטיוול. זיינע שעפּסענע אויגן האָבן געקוקט תמימותדיקער און הילפלאָזער ווי שטענדיק.

4

אַז אין דער צווייטער העלפט פון חודש אלול, טאַקע אין דער וואָך וואָס פאַר סליחות, האָבןביידע ברידער, שמעון און לוי, אָפּגעשטעלט אין מיטן טאָג די ניי־מאַשינען זייערע און געקלאָגט זיך אויף די קעפּ, וואָס ברענען זיי פון ווייטיק, איז דער בנימינעכע דער אַלמנה גלייך אַ פּחד באַפאַלן איבער אירע קינדער און איר אלמנה־האַרץ איז צעגאַנגען אין מאַמעשער אומרו־איקייט.

ערשטנס, זיינען די ברידער שמעון און לוי קיינמאָל ניט קראַנק געווען פריער, ניט נאָר ניט אין זייער יוגנט, נאָר אויך ניט אין זייער קינדהייט. די בנימינעכע האָט קיינמאָל קיין צרות ניט געהאַט פון די ברוין־הויטיקע, חנ־עוודיקע ייִנגלעך אירע, ניט געוואוסט פון פּאָקן און מאָזלען, פון ווערעם און אויסשלאָגן, ווי מאַמעס האָבן עס געוויינלעך מיט קינדער. צווייטנס, זיינען זיי קראַנק געוואָרן פּלוצלונג, בלויז איין טאָג נאָכדעם ווי זיי זיינען געהאַט צוריקגעקומען פון אַ גוטן מזלדיקן יאַריד, און ביידע מיטאַמאָל, ווי אָפּגערעדט זיך. דריטנס, האָט זיי די קראַנקהייט געפּאַקט אין פאַרכטיקן חודש אלול, אין דער וואָך וואָס פאַר סליחות, ערב די טעג פון דין און משפט איבער דער וועלט. דאָס אַלץ האָט באַשיינפּערלעך געוויזן דער שניידערישער אלמנה, אַז דאָס איז ניט גלאַט אַזוי אַ פאַרקילעכטס, נאָר אַ שטראָף פון גאָט, אַן עונש פון הימלישן שופט פאַר די מעשים פון אירע זין.

דאָס ערשטע, וואָס זי האָט געטאָן, איז געווען צו לייגן די חולאים אין בעט, ניט ביידע צוזאַמען אין בעט פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, ווי זיי זיינען געוויינלעך געשלאָפן באַנאַנד, נאָר איינעם אין פאָטערס בעט, און דעם אַנדערן אין איר בעט דערלעבן. זי האָט זיי צוגעלייגט נאַסע טיכלעך

צו די קעפּ, זאָקן מיט הייס זאַלץ צו די העלדזער, און איבערגעדעקט זיי איבערן קאָפּ מיט די איבערבעטן, כאָטש די זון האָט געברענט אין דרויסן גאָרניט ווי אין אלול. גלייך נאָכדעם האָט זי געשיקט נאָך שאַיע־לאָזער דעם רופא, הגם געווײַנלעך פלעגט מען אין ערשטן טאָג פון אַ קראַנקהייט ניט שיקן נאָך אים, ווייל מען האָט אָנגעווענדט היימישע רפואות.

אַז שאַיע־לאָזער דער רופא האָט לאַנג און שווײַגנדיק באַטראַכט ביידע בחורים פון קאָפּ ביז די פיס, און פון זייערע צעפּלאַמטע רויטע לייבער איז ער געקומען צו דער מסקנא, אַז נישט אַנדערש נאָר אַז זיי זיינען קראַנק אויף שאַרלעך, אַ קינדערשע קראַנקהייט, וואָס זעלטן אַז זי באַפאַלט דערוואַקסענע מענטשן, — איז שוין בנימינבעס קיין ספק מער ניט געווען, אַז דאָס איז אַן אָפענע שטראָף פון גאָט און אַז די קינדער אירע דאַרפן גרויס רחמים.

ווי ביי דער מוטער, אַזוי איז אויך ביי אירע שכנטעס, און אַפילו שכנים, קיין ספק ניט געווען, אַז ענדלעך האָט מען זיך דאַרטן אין דער הייך דער־מאָנט אָן די צוויי זינדיקע ברידער און דערלאַנגט זיי אַ שנעל איבער דער נאָז פאַר זייערע חטאים קעגן גאָט און מענטש.

אויף דער ערשטער מינוט, אַז קרעמער אין מאַרק האָבן געהערט פון שאַיע־לאָזערן, אַז די שבטים האָבן שאַרלעך, האָבן זיי בגנבה געשמייכלט אין זייערע בכבודע בערד אַריין. דאָס ערשטע מאָל האָט מען געהערט אין דאָ־לינעץ, אַז דערוואַקסענע בחורים זאָלן אַוועקפאַלן אויף אַזאַ קינדערשער קראַנקהייט. דערצו איז גראָד אין שטעטל קיין אונטערגאַנג אויף אַזאַ פּלאָג ניט געווען אויך ניט צווישן קינדער. נאָך מער, עס איז אין דאָלינעץ בכלל קיין אונטערגאַנג ניט געווען, אַפילו ניט אויף דרענגעניש און בויך־קרעמפן, וואָס געווײַנלעך מאַכן זיך אַזעלכע זאַכן סוף־זומער, ווען עס איז דאָ אַ מזל־ברכה אויף אויבס. ביי דער גאַנצער ערנסטקייט פון אָט דער קינדערשער קראַנקהייט, איז געווען דערין אַ היפּשער חוזק, וואָס זי איז מיר־נישט, דיר־נישט באַפאַלן דערוואַקסענע בחורים. דער חוזק איז געווען נאָך גרעסער, וואָס דאָס האָט גראָד געדאַרפט אָנטרעפן די גרעסטע לצים פון שטעטל. עס האָט אויסגעזען, ווי אַז אין דער הייך, וואו מען איז זיך נוקם ונוטר פאַר יעדער קליינקייט, האָט מען צוזאַמען מיט דער שטראָף אויף די ווידערשפּע־ניקע ברידער, אָפּגעטאָן זיי אויך אַ לציש שפּיצל, מדה כנגד מדה, פאַר זייערע אייביקע לצישע שפּיצלעך. דאָס, וואָס אָט דאָס געטלעכע שפּיצל איז נאָך אָפּגעטאָן געוואָרן אין די פאַרכטיקע טעג, ווען אין די הימלען וועגט מען און מען מעסט גאָר אויף קיין קאַטאָוועס ניט יעדנס מעשים, די גוטע ווי די שלעכטע, האָט נאָך מער חוזק צוגעגעבן דער זאַך.

— נאָדיר נאָך אַזאַ אַנשיקעניש אין מיטן דערינען — האָבן ווייבער גע־

טענהט, אַפשפּייענדיק קינדער, עס זאָל זיך ניט צוטשעפּען עפּעס, חלילה, צו זיי פון די שבטימס עונש.

אַז שאַיע־לאָזער דער רופא, האָט אויפן דריטן טאָג אויסגעפונען, אַז די חולאים געשווילן, אַ זאַך, וואָס האָט זעלטן געטראָפן אין זיין אומגיין ביי שאַרלעך, האָט ער אויסגעטאָן דאָס היטל פון קאָפּ, ווי עס וואָלט אים געשטערט אין זיין רופאשן ישוב־דעת, און געראָטן דער אלמנה צו רופן דעם פּוילישן דאָקטאָר שניאַדעצקי.

— רב בנימינס ווייב, עס גייט נישט גלאַטיק, — האָט שאַיע־לאָזער געזאָגט אַ פאַרזאָרגטער, — זאָל דער דאָקטאָר קומען, איך האָב מורא אַליין מיך צו מעכטיקן . . .

דער דאָקטאָר, פּאַן שניאַדעצקי, האָט, ווי תמיד, צום ערשט געזידלט און געקלאַפּט צאַרנדיק מיטן שטעקן, אַלמאַי מען לאָזט פריער דעם יידישן קאַנע־מאַכער פאַרלאָזן אַ קראַנקהייט און ערשט דערנאָך, ווען עס איז שוין צו־שפּעט, שיקט מען ערשט נאָך אים, דעם דאָקטאָר. ווען ער האָט שוין געהאַט אָנ־געשריגן זיך און אָנגעשאָלטן וויפיל נאָר עס האָט געקענט אין אַלעמען אַריין, האָט ער מיט כעס אויסגעהערט די חולאים און אויסגעפונען, אַז די נירן זיינען ביי זיי שוואַער אָנגעגרירט און אַז אַלערליי אַנדערע צוטשעפּענישן וועלן אוודאי נאָכקומען.

די בנימינעכע די אַלמנה האָט זיך גלייך געוואָרפן אויפן גויאישן דאָקטאָר מיט אַ יללה.

— ליכטיקער פּריץ, ראַטעווע מיינע קינדער.

דער פּאַן שניאַדעצקי האָט זי דערווייטערט פון זיך מיט דער ביינערנער גאַלקע פון שטעקן.

— האָב פּרעטענזיעס צו דיין זשידאָווסקן קאַנע־מאַכער, נאַרעשע באַבע— האָט ער געזאָגט, ריידנדיק צו איר אויף „דו״, ווי זיין שטייגער איז געווען צו ריידן צו יידן.

דער שניידערשער אַלמנה איז פון דעם גויס רייד גלייך קלאָר געוואָרן, אַז איר בראָך איז גרויס און אַז בלויז תפילות און איינרייסעניש קענען נאָך אפשר אָפּשרייען דעם פאַרכטיקן הימלישן גזר־דין.

איינהילנדיק זיך אין אַ גרויס טונקל טוך, ווי ווייבער טראָגן אַזעלכע, ווען זיי קומט־אויס צו גיין צווישן מאַנסביל, איז זי גלייך אַוועק צום שול־געסל, אַריינגעפאַלן אין שול אַריין און, דורכרייסנדיק זיך מיט מאַמעשער תקיפות דורך אַלע דאָרטיקע מאַנסבילן, איז זי צוגעפאַלן צום געשניצטן ארון־קודש און אויסגעשריגן איר צעוויטיקט אלמנהיש האַרץ אין די אויס־געשטעלטע ספר־תורהס אַריין.

— הייליקע תורהס, האָט רחמנות אויף מיינע חרובע קינדער — האָט זי איינגעריסן מיט אַ יללה־ניגון ביי די רייניקייטן, געקלאַמערט זיך אין זייערע זיידענע און סאַמעטענע מענטעלעך, געקושט זיי און באַגאָסן מיט טרערן — דערבאַרעמט זיך אויף אַ וויסטער אלמנה, באַשיצט אירע אויגן פון קאָפּ, ראַטעוועט אירע יונגע צווי ביימעלעך . . .

די דאַוונענדיקע יידן, וואָס זיינען אַ ווײַלע געווען גנבדיק צו איינער פון ווייבערישן מין, וואָס האָט אין אַן עת־צרה זיך אַריינגעריסן אין מקום־קדוש, אַן אויסשליסלעך מאַנסבילישן גבול, — זיינען אָבער געוואָרן פאַר־דראָסיק און אומגעדולדיק, ווען דער יידענעס יללות און ווייבערישע תחינות האָבן זיך צו־לאַנג פאַרצויגן ביים אָפענעם ארון־קודש.

— נו, אשה, תפילה, מפסיק — האָבן זיי געטענהט און געגעבן איר אָנ־צוהערן, אַז זי האָט שוין געגוג איינגעריסן און זי מעג גיין אַהיים, ווייל זי שטערט מאַנסבילן אין דאַוונען.

אָבער די אלמנה האָט זיך ניט געלאָזט אָוועקטרייבן און געקלאַמערט זיך אין די ספר־תורהס, וואָס זיינען משופעדיק געשטאַנען אויף זייערע דינע געטאָקטע פיסלעך, אויסגעצירטע מיט פערלמוטער. ווען זי האָט ענדלעך פאַר־מאַכט דעם ארון־קודש און פאַררוקט צוריק דעם פרוכת, איז זי ערשט צו־געגאַנגען צום רבס שטענדער, לעבן עמוד, און צעשפּרייטנדיק די הענט אין איר טונקעלער שאַל, וואָס האָט איר צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַ שוואַרצן פויגל מיט צעשפּרייטע פליגל, האָט זי געבעטן רחמים ביים רב, ער זאָל איינ־רייסן די הימלען פאַר אירע מסוכנע קינדער.

— הייליקער צדיק, בעט צו גאָט פאַר אַ געפּרואווטער צעבראָכענער מאַ־מע — האָט זי געשריגן מיט אַ ביי־קול — ראַטעוועט מיך אין מיין גרויסער בראָך . . .

געריירט פון די ווייבערשע יללות, וואָס האָבן צענומען זיין האַרץ; פאַר־שעמט פאַר דער עדה יידן איבער דער יידענעס אָנרופן אים הייליקער צדיק, וואָס איז אוודאי אַ חוזק אין די אויערן פון די לומדים, וואָס גלויבן נישט אין זיין הייליקייט; פאַרשעמט מער פון אַלץ פאַר זיין אייגענער אומבאַהאָלפנ־קייט צו פּועלן עפּעס פאַר דער, וואָס גלויבט אין זיינע כוחות — האָט דער רב צוגעזאָגט דער אלמנה, אַז ער וועט, בלי נדר, בעטן צו גאָט, תפילה טאָן וויפיל נאָר ער איז בכוח, אַבי זי זאָל גיין אַהיים.

— נו, אַ, רבונו־של־עולם, אב הרחמים, — האָט ער געמורמלט לשון קודש רייד, כדי ניט מפסיק צו זיין אין מיטן דאַוונען — נו, אַ, תפילה בציבור. . .

די אלמנה האָט ניט געוואָלט אָוועקגיין.

— זאָגט תהילים פאַר מײַנע שוואַלבן — האָט זי געפּאָדערט — בעת רחמים פאַר שמעון און לוי, די זין פון דער אלמנה אסתר־האָדעס . . .

ערשט ווען דער רב האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט ניט אָוועקגיין פון דאַוונען ביז דער חזן מיטן עולם וועלן ניט אָפּזאָגן אַ גאַנצן יום תהילים, איז די אַלמנה אַרויס פון שול, ברעכנדיק די הענט און קלאָגנדיק.

ווען דאָס אײַנרײַסעניש בײַם ארון־קודש און דער יום־תהילים בציבור האָבן קיין פּועלה ניט געהאַט אויף די אַלולדיקע הימלען, און די חולאים איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער, איז די אַלמנה אַוועק צום בית־עולם, הינטערן שטעטל, אויסגעצויגן זיך אויף אַלע פיר בײַ דעם קבר פון איר מאַן און באַדעקט זײַן מצבה מיט טרערן פון אירע ברענענדיקע שוואַרצע אויגן.

— לויף צו די שערי־רחמים, בנימין — האָט זי אַרײַנגעשריגן אין גראָז־פאַרוואַקסענעם קבר — גיי צו די הייליקע מוטערס און רײַס־אײַן פאַר אונדזערע קינדער.

פון מאַנס קבר איז זי שוין אויך אַוועק צום קבר פון אַלטן דאַלינעצער רב, וואָס מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז געווען אַ שטיקל בעל־מופת בײַם לעבן.

ווען אויך דאָס האָט קיין פּעולה ניט געהאַט, האָט זי אַרויסגענומען פון דער קאָמאָדע די לײַוונט, וואָס זי האָט געהאַט צוגעגרייט פאַר די זין אויף וועש צו אַן אויסשטײַער, און אָפּגעגעבן זי אויף תכריכים פאַר אָרעמע מתים, און זי האָט באַצאָלט קאַפּל שמש צוויי מאָל ח״י גראַשן, ער זאָל צוגעבן ביידע זין נײַע נעמען — אײַנעם חיים, און דעם אַנדערן אַלטער. קאַפּל שמש האָט מיט גרויס פײַערלעכקייט צוגעגעבן שמעון און לוי די נײַע נעמען פון בעלעמער אַראָפּ; דערבײַ האָט ער געמאַכט זיי די ריכטיקע מי־שברכס, בעת וועלכע ער האָט אויסגערעכנט אַלע צדקות און נדבות פון דער אשה מרת אסתר־האָדעס.

ווען אויך דאָס האָט קיין פּעולה ניט געהאַט אויף די צעבייזערטע הימלען, און דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר פאַן שניאַדעצקי האָט אָוועקגעמאַכט מיט די הענט, אַ סימן, אַז אַפילו ער, דער גרויסער מומחה, ווייסט שוין אויך ניט וואָס צו טאָן — האָט די אַלמנה אײַנגעזען, אַז ס׳איז ניט געבליבן קיין אַנדער מיטל מער, ווי צו בעטן מחילה בײַ דעם דאָרפסגייער פישל מאַידאַניקער פאַר דער גרויסער בושה, וואָס אירע זין האָבן אים אָנגעטאָן, פאַר דעם שפיכת־דמים, וואָס זיי האָבן אים גורם געווען. אַלע שכנהשע ווײַבער און מאַנסביל, וואָס האָבן אָנגעפילט די שטוב פון די חולאים, האָבן מסכים געווען מיט איר.

— נאָר דאָס וועט פּועלן, אסתר־האָדעס — האָבן זיי געטענהט — מען

דאַרף ברענגען פישל מיאַדאַניקער צום בעט פון די חולאים, זיי זאָלן בעטן מחילה ביי אים.

פישל מאַידאַניקער איז ניט געווען אין דאַלינעץ. ווי תמיד, איז ער אַרומגעקראָכן מיט זיין זאַק חזיר־האָר איבער די דערפער, פון וואַנען ער האָט געדאַרפט קומען אויף שבת אין שטעטל. די אַלמנה אסתר־האָדעס האָט ניט געוואָלט וואַרטן ביז פרייטיק, עס זאָל ניט זיין אַמאָל צו שפּעט, און זי האָט געבעטן תחנונים ביי שכנים, זיי זאָלן שפּאַנען פערד און וואָגן, אַרויסלאָזן זיך איבער די דערפער און פון אונטער דער ערד אויסזוכן דעם מאַידאַניקער אורח און ברענגען אים צופירן.

פעלטע שניידער איז געווען דער ערשטער אָנצובאָטן זיין שליחות.

חוץ דעם, וואָס ער איז אַלע מאָל אַ בעלן געווען אויף טאָן זאַכן, וואָס נעמען אים אָוועק פון שטוביקן עול, אַרבעט, ווייב און קינדער, האָט ער אויך געוואָלט טאָן עפּעס פון זיין זייט פאַר די קראַנקע ברידער, פאַר וועלכע ער איז אַלעמאָל גרייט געווען צו גיין אין פייער און אין וואַסער. דערצו האָבן די בחורימס קראַנקהייט און דער פּאַרכטיקער חודש אלול אָנגעוואָרפן אויף אים אַ היפּשע מורא פאַר דעם חלק אין דער זינד, וואָס ער אַליין האָט געהאַט דערביי. און ער האָט געוואָלט איצט אויסקויפן די זינד מיט טאָן אַ שליחות־מצווה, וואָס זאָל זיין אַ פאַרגעבעניש פאַר דער אַלטער שליחות־עבירה זיינער.

— אסתר־האָדעס, איך וועל אים שוין אויסזוכן — האָט ער זיך געבעטן — זאָל מען מיר נאָר געבן אַ פערד און וועגעלע. אַז נישט, בין איך גרייט גיין צופוס.

אסתר־האָדעס האָט אַפילו ניט געוואָלט ריידן מיט דעם, וואָס האָט געהאַט אַ האַנט אין דער זינד. אַזוי האָט זי ניט געוואָלט אָננעמען די אָנביטעענישן פון די אַנדערע טאַנדעטניקעס. זי איז בלויז באַשטאַנען, אַז איינער פון זיי זאָל געבן זיין פערד און וועגעלע, מיט וועלכן ער פאָרט אויף די יאַרידים. פאַר דער שליחות מצווה האָט זי אויסגעקליבן אַ לייטישן יידן, און טאַקע אַ שטיקל כלי־קודש דערצו, קאַפּל שמש אַליין.

קאַפּל שמש האָט גערן אָנגענומען אָט די שליחות־מצווה. כאָטש ער איז געפאָרן סך־הכל נאָך דעם מאַידאַניקער אויפקויפער פון חזיר־האָר, האָט ער געפילט זיך וויכטיק אין זיין קהלשער שליחות. און ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן מיט אַזאַ געהויבנקייט, ווי ער וואָלט געפאָרן, אַ שטייגער, אַראָפּברענגען אין דער קהילה אַ נייעם רב, אָדער ברענגען פּסחדיק מעל אויף מצות. קרעמער אין מאַרק, ווייבער, אשת־חילס זיינען אַרויס פאַר די טירן פון זייערע קראָמען און נאָכגעשיקט אים ברכות.

— הלוואַי זאָלט איר זיין דער גוטער שליח, ר' קאַפּל, — האָבן זיי אים געוואונטשן.

דער עולם האָט מער ניט געדענקט איצט אין די אַלע קלות־ראש און ליצנותן און ניט־כשרע מעשים פון די ברידער שמעון און לוי, וואָס מען האָט זיי גערופן אין ליצנות די שבטים. זיי זיינען געווען איצט מסוכן קראַנק, האָט מען געוואוסט, געשוועבט צווישן לעבן און טויט. דערצו האָט ניט נאָר די מוטער זייערע, די, אלמנה, געהאַט איינגעריסן פאַר זיי די רייניקייטן און געמאָסטן קברים, נאָר אויך גאַנץ קהל האָט געהאַט פאַר זיי תהילים בציבור געזאָגט אין שול. דאָס אַלץ האָט זיי געמאַכט פאַר נייע מענטשן, אַ הייליקייט זיי געגעבן, ווי זיי וואָלטן ניט געהערט מער צו זיך אַליין, נאָר צו דער גאַנצער עדה. אַפילו זייערע שבטים־נעמען שמעון און לוי, וואָס זיינען אַלעמאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַ זינדיקן זין, זיינען איצט אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ שטיקל קדושה, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ שייכות מיט די קינדער פון יעקב.

חשובער פון זיי איז פּלוצלונג געוואָרן ביי אַלעמען אין דאַלינעץ דער ענדלער פון חזיר־האָר, פישל מאַידאַניקער, וואָס איז תמיד געווען ללעג ולקלס ביי יעדן. דאָס, וואָס אָט דער פישל איז געווען דער גורם פון שמעון און לויס מסוכענער קראַנקהייט; דאָס, וואָס אָט דער פאַרשעמטער ייד האָט אָנגעאַרבעט אַזאַ צאָרן אין די הימלען, אַז מיט קיין שום איינרייסעניש און תפילות און צדקות קען מען זיי אַלץ ניט איבערבעטן, דאָס וואָס מען מוז אַפילו אַרויסשיקן פערד און וואָגן און דעם קהל'שן שמש אין אַ שליחות צו אים, אַזוי אַז ער זאָל ראַטעווען דאָס, וואָס קיין שום רופא און דאָקטאָר, און להבדיל, תהילים בציבור און איינרייסענישן און אלמנהשע טרערן זיינען ניט ביכולת — האָט פּלוצלונג אַרויסגערופן ביי אַלעמען אַן אויסטערלישן דרך־ארץ צו אָט דעם אייביקן תם און קבצן. יעדער איז געווען געשפּאַנט איבער אים, אומרואיק צי מען וועט אים אויסגעפינען אין די דאָרפישע וועגן, צי מען וועט אים ברענגען אין צייט, צי ער וועט מוחל זיין די קראַנקע ברידער, און צי זיין מחילה וועט האָבן די געהעריקע פעולה אין דער הייך.

קאַפּל שמש האָט אין דער אַרומיקער שפּאַנונג נאָך מער דערפילט די וויכטיקייט פון זיין שליחות און ער האָט געגעבן באַפעלן דעם טאַנדעטניק דעם אָנטרייבער, ווי אַ שטיגער פערד און וואָגן וואָלטן געווען זיינע, קאַפּלס, און יענער, דער שניידער, איז אַ שמייסער ביי אים.

— טרייב, זשאַלעווע ניט די בייטש, — האָט ער תקיפדיק באַפוילן — יעדע מינוט איז טייער.

שיינע עטלעכע שעה האָט דער יונגער טאַנדעטניק געטריבן זיין פערדל

איבער די זאַמדיקע פּוילישע וועגן, אָפּגעשטעלט יעדן פּויער און פּויערטע און אויסגעפרעגט זיי מיט אַלע סימנים וועגן דעם דאָרפסגייער פון מאַידאַניק. די פּויערים האָבן די סימנים ניט געדאַרפט.

— אָ, דעם ייד מיט דער לאַנגער באָרד, וואָס קויפט־אויף חזיר־האָר — האָבן זיי געזאָגט — מיר קענען אים, דעם רויטן, אָבער דער רוח ווייסט אים וואו ער שלעפּט זיך. ער דאַרף דאָ זיין ערגעץ אויף די וועגן.

נאָך לאַנגע זוכענישן און פרעגענישן, איז מען דערגאַנגען ביי די פּאָס־טעכער, וואו מען האָט אים צום לעצטן מאָל געזען, און מען האָט אים אָנ־געיאָגט דאָרט.

געטראָפן האָט מען פישל מאַידאַניקער ביי דער אכילה זיצנדיק ביי אַ שמאָל טיכל, איבער וועלכן געגנדז און קאַטשקעס זיינען ארומגעשוואומען, האָט ער געוואַשן דערין די הענט פון חזיר האָר, געמאַכט אַ מוציא און לאַנג־זאַם און בנעימות געקייט דאַרע שטיקער שוואַרץ ברויט, וואָס ער האָט גוט אָנגעריבן מיט קנאָבל און באַשיט מיט זאַלץ. די קאַטשקעס און געגנדז האָבן אויסגעשטרעקט צו אים זייערע העלדזער אין בעטלען נאָך ברעקלעך. פישטשענדיקע שפּערלינגען האָבן געהיפּסעט אַרום זיינע פיס. דער אָנטריי־בער האָט פאַרהאַלטן דאָס פערדל זיינס ביים סאַמע ברעג, אַזוי עס זאָל קענען אָנטרינקען זיך נאָך די עטלעכע שעה לויפן איבער זאַמדיקע וועגן, און גע־האַלפן קאַפּל שמש אַראָפּקריכן פון וואָגן. פישל האָט ניט איבערגעריסן די סעודה זיינע און בלויז מיט פאַרחידושטע שעפּסענע אויגן, תמימותדיקע און גוטע, געקוקט אויף די שטעטלשע מענטשן, וועלכע ער האָט ביי קיין פאַל ניט דערוואַרט צו טרעפן אויף אַט דעם פאַרוואָרפענעם וועג. פּונקט אַזוי האָט ער ניט אָפּגעשטעלט זיין קייען דאָס ברויט מיט קנאָבל, ווען קאַפּל שמש האָט אים דערציילט, אַז דאָס זיינען זיי געקומען ספּעציעל מיט אַ שליחות צו אים, פישלען, און אַז די אלמנה די בנימינעכע און גאַנץ קהל בעטן אים, ער זאָל תיכף ומיד אַהיימפאָרן קיין דאַלינעץ און ראַטעווען צוויי יידישע נפשות, וואָס ליגן מיטן חלף אויפן האַלדז.

געלאַסן, אָן איין וואָרט צו ענטפערן, האָט ער אויסגעהערט אַלע רייד פון שמש; אַזוי שוויגנדיק און געלאַסן האָט ער אויך אויפגענומען דעם גאַנצן ענין, גלייך ווי אַזעלכע וויכטיקע שליחותן צו אים וואָלטן געווען אַ טאָג־טעגלעכע זאַך אין זיין לעבן.

— נו, פישל, וואָס ענטפערסטו? — האָט קאַפּל שמש אים געפרעגט — אַ שטאָט מיט יידן וואַרטן אויף דיין ענטפער.

— כ׳מיין, — האָט פישל געזאָגט איין וואָרט, ווי זיין שטייגער איז געווען, און אַרויפגעקראָכן געהאָרכזאַם אויפן וואָגן.

דער אָנטרייבער האָט אים געהאָלפן אַרויפטראָגן דעם זאַק חזיר־האָר; אַזוי האָט ער אים, פישלען, אַוועקגעזעצט ניט לעבן זיך אויפן באַלעגאַלישן געזעסל, נאָר אויבנאָן, לעבן קאָפּל שמש, און אים אָפּילו אונטערגעבעט מיט היי דאָס געזעס, ווי ער וואָלט געפירט אַ חשובן מענטשן. פישל האָט רואיק און שוויַיגנדיק אָנגענומען די כיבודים, ווי ער וואָלט געווען געוואוינט צו אַזעלכע. אַזוי רואיק און שוויַיגנדיק האָט ער אָנגענומען די כיבודים פון די דאָלינע־צער קרעמער און קרעמערקעס, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אים מקבל־פּנים זיין פאַר די טירן פון זייערע קראָמען, ווען ער איז פאַרפאָרן צום מאַרק. ווייבער האָבן אים אָנטקעגנגעשמייכלט, יידן האָבן אים פלוצלונג שלום־עליכם געגעבן, ווי ער וואָלט געקומען פון מרחקים. אַנדערע האָבן אים אָפּילו גערופן מיט אַ „רב". באַלמעלאָכישע ווייבער, איבערגענומען פון דעם יידס פלוצ־לונגדיקער ראַלע, זיינען אָפּילו נאָכגעלאָפן נאָך זיין וואָגן, ווי נאָך אַ ביידל פון אַ רבילע, און אים נאָכגעשריגן הייליקע רייד.

—אַ ברכה אויף אייער קאָפּ, ר' פישל, — האָבן זיי אים געוואונטשן, — פריער גאָט, דערנאָך איר, ר' פישל, זייט דער גוטער שליח . . .

פישל האָט אויסגעהערט רואיק אַלע ברכות און שבחים און כיבודים, ווי זיי וואָלטן אים געקומען, און ער האָט געקוקט אַרום זיך מיט גרויסער שוויַיגנ־דיקער חשיבות, וואָס קיינמאָל האָט מען אַזעלכע אויף אים ניט געזען. צוזאַמען מיט דער נייער ווירדע, איז געלעגן אויף זיין רויט פּנים די אַלטע אייביקע תמימות, גוטסקייט און נאָכגעביקייט. אָט די נאָכגעביקייט איז פלוצלונג פאַר־שוואונדן פון זיין פּנים, ווען די פור איז האַסטיק פאַרפאָרן צו דעם הויז פון דער בנימינעבע דער אַלמנה; אויף איר אָרט האָט זיך אויסגעלייגט אַ האַרטע און אומדערוואַרטעטע עקשנות.

— כ'על נישט אַריינגיין דאָרט! — האָט פישל געזאָגט פעסט, און אַ האָר נישט געשטאַמלט דערביי — כ'ע'ניש . . .

קאָפּל שמש האָט זיינע אויערן נישט געגלויבט.

— פישל, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ דיבורים? — האָט ער געפרעגט אין שטויגען — קום מיט מיר.

— כ'על נישט גיין — האָט פישל געהאַלטן זיך ביי זיינס.

אַ ווײַלע האָט קאָפּל געשמייכלט זיך אין בערדל אַריין איבער דער גדלות פון חזיר־האָר אויפקויפער. די ליפּן האָבן אים ממש געביסן צו ברענגען דעם משל וועגן דעם, אַז מען בעט אַ פערד צום מנין, נעמט ער זיך איבער. אָבער ער האָט די ווערטער ניט געזאָגט, כדי צו נעמען דעם יידן מיט גוטן.

— מאַך דיך נישט נאַרעש, פישל, און קום — האָט ער אים געזאָגט — גיב מיר די האַנט און קום. גיי מיר נאָך.

פישל האָט ניט געגעבן די האַנט און ניט גערירט זיך פון אָרט. קאָפּל שמש האָט שוין דער עסק פאַרדראָסן און ער האָט גענומען רעדן מיט כעס, ווי ער איז געוואוינט געווען צו ריידן צו פישלען אין שול, ווען ער האָט אים געדאַרפט שאַפן אַ שבת.

— אַקס, כ'הייס דיך אַריינגיין! — האָט ער אים באַפוילן מיטן הארבן וואָרט — צוליב דעם בין איך דאָך געפאָרן נאָך דיר.

פישל האָט זיך ניט דערשראָקן פאַרן שמשס הארבן וואָרט און זיך ניט גערירט פון אָרט.

זעענדיק, אַז דעם שמש גייט עס ניט גלאַטיק מיט דעם מאַידאַניקער אורח, האָבן יידן באַלעבאַטים זיך אַריינגעמישט אין דער זאַך און געלאָזט פאַלן זייער וואַגיק וואָרט.

— פישל, אַ ייד טאָר ניט אַזוי — האָבן זיי אים געלערנט — אַ ייד דאַרף מוחל זיין, בפרט חולאים מסוכנים . . . גייט אַריין צו דער אלמנה און זייט מוחל אירע זין . . .

— כ'על נישט גיין — האָט פישל געענטפערט עקשנותדיק.

די בנימינעכע די אַלמנה איז אַרויסגעלאָפן אין איר שאַל פאַר דער שטוב און צוגעפאַלן צו פישלען, ווי מיט אַ פאָר טעג פריער צו דעם ארון־קודש. וויינענדיק, קלאַמערנדיק אירע הענט אין פישלס האַרטער קאַפּאָטע, ווי זי האָט געקלאַמערט זיך אין די הייליקע זיידנס פון מענטעלעך און פּרוכתן, צולייגנדיק אַפילו די ליפּן צו די פאַלעס פון אָט דעם טרייפענעם מלבוש, האָט זי געבעטן רחמים ביי דעם שווערן רויט־בערדיקן מאַנסביל, ער זאָל רחמנות האָבן און איבערטרעטן די שוועל פון איר הויז.

— גיט מיר אייערע הענט, וועל איך זיי קושן, — האָט זי געבעטן אין איר ווייבערשער הכנעה — אָבי זייט מוחל און קומט אַריין אין מיין שטוב.

פישל איז געשטאַנען אַ שווערער, אַן אומבאַוועגלעכער, טויב צו די ווייבערשע געבעטן און הכנעה.

— גאָט איז נישט מוחל, — האָט ער, נאָך לאַנגן שוויגן געזאָגט הארט און קלאָר און הויך.

דעם עולם אַרום איז באַפאַלן אַן אימה פון אָט די האַרטע, קלאָרע און הויכע רייד, וואָס קיינער האָט ניט געגלויבט, אַז זיי קענען קומען פון פישל מאַידאַניקערס מויל. דאָס, וואָס דער אייביקער תם און הכנעהניק האָט אַריינגענומען דעם רבונו של עולם אויף זיין צד, ווי אַ גלייכן שותף, און ניט נאָר ניט געוואָלט אָפּבעטן דעם געטלעכן צאָרן, נאָר אדרבה, פאַרשטאַרקן אים אויף די, וואָס האָבן אים אַרויסגעבראַכט — דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פּחד פאַר אים, דעם חשוב אין די הימלען. אויפן געדאַנק איז אַפילו געקומען פרומע

מחשבות, צי דער אויפקויפער פון חזיר־האָר איז נישט אַמאָל פון יענע לייט, די באַהאַלטענע לאַמעד־וואָווניקעס.

— רב פישל, זייט אַ בעל־רחמים — האָט מען צו אים תפילה געטאָן.

פישל האָט ניט געוואָלט זיין קיין בעל־רחמים. מיט שווערע פיס אין צעפּאָרענע געקאָוועטע שטיוול איז ער געשטאַנען אויף זיין אָרט, ווי אַ מויער, און ניט געוואָלט איבערטרעטן די שוועל פון הויז, וואו מען האָט אים מבייש געווען. קאָפּל שמש האָט געזען, אַז ער וועט גאָרניט ברענגען מיט זיינע רייד, אַ חוץ בזיון אויף זיך אַליין, און ער האָט דעם איינגעשפּאַרטן מאַידאַניקער אורח אָוועקגעפירט צום רבֿ, דעם פאַסטעך פון דער עדה. פישל איז געגאַנגען לעבן אים מיט געזעצטע און פעסטע טריט. נאָך אים, אָפּגערוקט אַ ביסל, איז נאָכגעגאַנגען קינד און קייט. צום סאַמע לעצט איז געגאַנגען די בנימינעכע די אַלמנה, געפירט פון צוויי ווייבער אין איר געבראָכנקייט.

אַ גאַנצע שעה צייט האָט דער רבֿ גערעדט צום האַרץ פון פישל מאַידאַ־ניקער, כדי צו צעברעכן זיין עקשנות.

פריער האָט ער איינגעטענה'ט מיט אים וועגן יושר, יהדות און מענטש־לעכקייט, ווי מען רעדט צו אַ קינד, וואָס מען וויל עס אַרויסברענגען פון אַן איינגעגעסענער עקשנות. אַז דאָס האָט דעם דאָרפס־הענדלערס האַרץ ניט ווייכער געמאַכט, האָט דער רבֿ גענומען צו־הילף משלים פון דער תורה, היי־ליקע פּסוקים און מאמרים, וואָס אַלע האָבן זיי געדאַרפט אויפווייזן, אַז ער, פישל, דאַרף פאַרגעסן אַלע עוולות און מוחל זיין די ברידער שמעון און לוי, כדי צו ראַטעווען זייערע נפשות. פישל האָט רואיק און שווייגנדיק אויסגעהערט אַלע רבנישע רייד ביזן לעצטן. אָבער אַז עס איז געקומען צום תוך און דער רבֿ האָט אים געהייסן מיטגיין מיט דער אלמנה צו איר הויז, האָט ער זיך ניט גערירט פון דער באַנק אין דער געפּאַקטער בית־דין שטוב.

— גאָט איז ניט מוחל — האָט ער געענטפערט איינע און די זעלבע רייד.

די בנימינעכע האָט אים צוגעזאָגט געלט, צו גאַנצן אַכצן זילבערנע רובל פון אַ נפש, וואָס דאָס זאָל זיין אַן אויסלייזונג פאַר אירע קינדערס זינד. צוזאַמען דערמיט האָט זי אים אויך פאַרשפּראָכן צוצוגעבן די מלבושים, וואָס זיינען געבליבן נאָך איר מאַן, עליו השלום, גוטע און שיינע מלבושים נאָך. פישל האָט ניט געוואָלט פאַרקויפן פאַר קיין געלט און מתנות די גרויסע עוולה, וואָס מען האָט אים געטאָן. צעבראָכן אין איר צער, האָט די אַלמנה גענומען שלאָגן זיך מיטביידע פויסטן אין די בריסטן.

— מיין נשמה נעמט, אַבי ניט מיינע קינדערס — האָט זי געיאָמערט — נאָט אייך מיין לעבן, נעמט עס! . . .

אָט דער ווייבערשער אָפּער האָט אַזוי אָנגענומען די פאַרזאַמלטע מענטשן

ביי די הערצער, אַז זיי האָבן דערפילט אַ כעס אויף דעם מאַידאַניקער יידן, וואָס האָט קיין ברעקל יידישקייט ניט אין זיין פויערשן צאָרן, און מען האָט געטענהט צום רב, אַז ער זאָל נייטן דעם פרעמדן צו טאָן דאָס, וואָס קהל פאַרלאַנגט פון אים. דער רב האָט ניט אָנגענומען דעם עולמס פאָדערונג.

— מען האָט אים מבייש געווען, ניט אונדז, — האָט דער רב געזאָגט — און עס איז אין זיין האַנט מוחל צו זיי אָדער ניט. געצוואונגענע מחילה איז קיין מחילה ניט.

דער עולם איז געשטאַנען מאַכטלאָז אין דער געפּאַקטער בית־דין שטוב, אָן אַ האָר פון האָפענונג און בטחון.

מיטאַמאָל האָט קאָפּל שמש גיך צוזאַמענגעוויקלט אַ פּאַפּיראָס, טיף דעם רויך אַריינגעצויגן אין זיך, ווי תמיד ווען ער פאַרטיפט זיך אין אַ שווערן קהלשן ענין, און אַרויסגעזאָגט פאַרן רב און דעם פאַרזאַמלטן עולם די גוטע המצאה זיינע, אויף וועלכער ער איז געפאַלן.

— רב, יידן, — האָט ער געזאָגט געלאַסן, — זאָל רב בנימין עליו השלומס אַלמנה צוזאָגן צו נעמען פאַר אַ מאַן דעם אַלמן פישל, און ער וועט מוחל זיין אירע זין במחילה גמורה.

אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך גלייכצייטיק אַ נחתדיקער שמייכל אויס־געלייגט פון קאָפּל שמשס שכלדיקע רייד. דער רב איז געווען איין שטיק חידוש . . .

— כ'פאַרשטיי גאָרניט ווי אַזוי עס איז מיר אַליין ניט איינגעפאַלן דער רעיון? — האָט ער געפרעגט פול מיט וואונדער אויף זיך אַליין.

אויסווישנדיק דעם הויכן שטערן מיט דער גרויסער פאַטשיילע, ווי תמיד פאַר אַן ערנסטן פּסק־דין, האָט דער רב דערנעענטערט זיך מיט קורצזיכטיקער נאָענטקייט צום מאַידאַניקער אורח און, איינקוקנדיק זיך אין אים, ווי ער וואָלט אים געזען דאָס ערשטע מאָל, אויסגעטייטשט פאַר אים דעם ענין.

— מדה כנגד מדה — האָט ער געזאָגט — אין דער שטוב, וואו מען האָט אייך מבייש געווען, אין דער שטוב וועט מען אייך כבוד אָנטאָן. וואָס זאָגט איר דערויף, ר' פישל?

אויף פישלס פאַרשטיינערט פּנים האָט זיך אַ ליכטיקער שמייכל צע־שפּרייט, דער ערשטער אין דער גאַנצער צייט.

— כ'מיין, — האָט ער אַ ברום געטאָן נאָכגיביק.

דער רב האָט צוגערופן די אַלמנה נעענטער צום טיש.

— און איר, רב בנימינס ווייב וואָס זאָגט איר דערצו? — האָט ער גע־פרעגט הויך.

עטלעכע היפּשע רגעס איז די אַלמנה געשטאַנען אומבאַוועגלעך אין

איר טונקעלער שאַל. זי האָט קיינמאָל אין איר אַלמנהשאַפט ניט געטראַכט מער וועגן אַ מאַן, און אוודאי ניט וועגן דעם דאַרפס־גייער פישל מאַידאַניקער, און ווייניקער פון אַלץ אין די טעג פון איר גרויסן מוטערלעכן צער. דעם רבס רייד זיינען אַראָפּגעפאַלן אויף איר קאָפּ, ווי אַ שטיין פון הימל. אַלע האָבן געקוקט אויף איר אָנגעשטרענגט. אָנגעשטרענגטער פון אַלעמענס אויגן האָבן געקוקט אויף איר די אויגן פון דעם רויטן געפּאַקטן מאַידאַניקער אורח, אויגן תמימותדיקע, הילפלאָזע און גרענעצלאָז גוטע. זי האָט דערפילט אַ שווערקייט פון די אָנגעשטרענגטע בליקן אויף איר, און זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד.

— אויב מיט דעם קען איך אָפּווענדן גאָטס צאָרן פון מיינע קינדער, זאָל זיין ווילן זיין אַזוי — האָט זי געזאָגט שטיל, אין הכנעה.

דער רב האָט אויסגעגלייכט די באָרד און אויפגעהויבן זיך פון זיין פּאָטער־שטול, אַ סימן, אַז די זאַך האָט זיך געענדיקט בכי־טוב.

— קאַפּל, זע, אַז די חופה זאָל געשטעלט ווערן גלייך נאָך דריי שטערן — האָט ער באַפוילן — און למען־השם ביים בעט פון די חולאים. דאָס איז אַ גרויסע סגולה אין אַן עת־צרה.

דער עולם, אַ גליקלעכער, אַ צעשמייכלטער, פול מיט בטחון און אמונה, האָט געאײַלט פון בית־דין שטוב צום עק מאַרק, וואו עס וואוינען די טאַג־דעטניקעס.

ווי אין אַנהייב זומער, אין דעם שבת־צו־נאַכט, ווען פישל מאַידאַניקער איז דאָס ערשטע מאָל איבערגעטראָטן די שוועל פון דער בנימינעכע דער אַלמנהס הויז, געפירט צו זיין פאַרשטערטער שמחה, אַזוי אויך איצט, אין פאַרנאַכט פון אַ שפּעט אלולדיקן טאָג, איז די גרויסע שנײַדערשע שטוב געווען צוגערוימט ווי צו אַ שמחה.

די נײַ־מאַשינען זיינען געווען פאַרהאָנגען מיט שבתדיקע טישטעכלעך, די פּויערשע הויזן און רעק — מיט ליילעכער. איבער דעם גרויסן צושנייד־טיש איז געווען פאַרשפּרייט אַ טישטעך, באַשטעלט מיט אָנגעצונדענע ליכט אין מעשענע לייכטער און מיט פלעשלעך משקה, אייער־קיכלעך און צעשניטענע הערינג. די טאַנדעטניקעס האָבן קיין זאַך ניט פאַרגעסן אין צוגרייטן די שטוב צו דער שמחה. פעלטע צאַפּ האָט צוגעשטעלט בענק צום טיש, געפּאַרעט זיך און באַדינט. ווי דעמאָלט, האָט מען אויך איצט אָוועקגעזעצט פישל מאַידאַ־ניקער אויפן סאַמע אויבנאָן, און הענט צו אים אויסגעשטרעקט.

פישל האָט געלויכטן אין דער אויפגערוימטער שמחהדיקער שטוב. ער האָט ניט געטראָגן מער זיין אייביקן בגד. זיין געפּאַקטער גוף איז געווען איינ־

געפעסטיקט אין אַ טוכענער קאַפּאָטע, אַ גלאַנציקע און אַ טיף־שוואַרצע, מיט ברייטע לאַצן און מיט צווײ שורות קנעפּ. אַ בכבוד מלבוש, וואָס דער שניידער בנימין האָט אַ סך כוחות און שנײדערשע בריהשקייט אַרײנגעלייגט דערין ביים אויפנייען עס פאַר זיך אַליין צו אַ יום־טוב. כאָטש די קאַפּאָטע איז לאַנג געהאַנגען אין אַ ליילעך, זינט איר באַלעבאָס איז אַוועק פון דער וועלט, איז זי געווען פונק־ניי און שיין און פריש, ווי די אלמנה האָט זי אָפּגעהיט די גאַנצע צייט; אַזוי ניי און גלאַנציק איז געווען דאָס געירשנטע טוכן היטל, וואָס איז געזעסן אויף פישלס רויט־האָריקן קאָפּ. זיין רויטע באָרד האָט נאָך העלער געפלאַמט מיט איר פייערדיקייט פון טיף־שוואַרצן מלבוש אַראָפּ. דער עולם האָט זיך ממש ניט געקענט זאַט אָנשפּיגלען אין דעם מאַידאַניקער אורח, וואָס האָט פאַרלייכט די שטוב אין זיינע שיינע מלבושים נאָך דעם שניידערשן שוכן־עפר.

— זע, זע, עס איז אים אסור צו דערקענען — האָט מען געזאָגט אין שטוינונג.

בנימינעכע, די אַלמנה, האָט תחילת ניט געוואָלט הערן אַפילו די ווייבער אַראָפּצונעמען פון קאָפּ די טונקעלע שאַל אירע, וועלכע זי האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך זינט דער גזר־דין האָט זיך אָנגעהויבן. אָבער קאָפּל שמש האָט איר כלי־קודשדיק באַפוילן אָנצוטאָן אַ שבתדיק קלייד און טיכל.

— אין דעם זכות וועט איר געהאָלפן ווערן, אסתר־האָדעס, — האָט ער איר צוגעזאָגט.

די ווייבער האָבן מיט גרויס בריהשקייט אין ענינים פון באַצירן כלות אויסגעצירט די אלמנה אין אירע יום־טוב קליידער. ביי איר גאַנצן צער, האָט איר ווייבלעכער און רונדער קערפּער אַרויסגעשיילט זיך מיט כלהשן חן פון די יום־טובדיקע מלבושים. אירע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט פון אונטער דעם ווייס־זיידענעם טיכל.

גיך, ווי פעלטע צאַפּ האָט זיך געאײלט אין יענעם שבת־צו־נאַכטס, האָט קאָפּל שמש אויך איצט געאײלט מיט דער שמחה. תנאים און חתונה זיינען געפּראַוועט געוואָרן איינס נאָכן אַנדערן, ווי מנחה און מעריב אין אַ שפּעטן פאַרנאַכט.

— זאָל מען דערלאַנגען אַ טעלער צו צעברעכן אויף מזל — האָט קאָפּל געבעבן באַפעלן.

פעלטע האָט געבראַכט אַ טעלער, ניט קיין ליימענעם און געשפּאָלטענעם, נאָר אַ ווייס־פאַרצעלייענעם און גאַנצן, וואָס מען האָט צעבראָכן אויף שערבלעך אַרום פישלס פיס. די ברכות אונטער דער חופּה זיינען אַפילו ניט אָנגעטרויט געוואָרן קאָפּל שמש, ווי דער שטייגער עס איז געווען אָנצוטרויען

אים אַזעלכע אויף שטילע חתונות צווישן אלמנות און אלמנס, נאָר דעם רב אַליין, ווי פישל מאַידאַניקער האָט עס אַלעמאָל באַגערט פאַרן טאָג פון זיין שמחה. דער רב האָט אויך קיינמאָל פריער, אַפילו אויף די אָנגעזעענסטע חתונות אין דאָלינעץ, ניט אַריינגעלייגט אַזוי פיל פייערלעכקייט און באַטעמטקייט ביים מסדר־קדושין זיין, ווי ער האָט עס געטאָן איצט ביים מזווג־זיין אַ מיטל־יאָריקע שניידערשע אלמנה מיט אַן אלמן אַן אויפקויפער פון חזיר־האָר.

— קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה! — האָט ער געציקלט זיך און אויסגעזונגען מיט מתיקות די פריילעכע פסוקים.

דער עולם האָט געפילט די זיסקייט פון די ווערטער, ווי גוטן פרישן האָניק.

— מזל טוב, אין אַ גוטער מזלדיקער שעה — האָבן אַלע געוואונטשן חתן־כלה.

די אלמנהשע כלה האָט אָנגענומען איר באַשערטן ביי דער האַנט און אים גלייך פון דער חופה צוגעפירט צו די קראַנקע־בעטן, וואָס זיינען געשטאַנען איינס קעגן אַנדערן מיט אַ שטח פון אַן אייל אָפּגערוקט.

— פישל, זיי מוחל אונדזערע חרובע שמעון און לוי — האָט זי זיך צעיאָמערט — זיי אַ דערבאַרמדיקער טאַטע צו אונדזערע קינדער.

פישל האָט געקוקט מיט תמימותדיקע הילפלאָזע אויגן אויף די צוויי בחורים, וועמעס טאַטע ער איז פּלוצלונג געוואָרן, און אויסגעשטרעקט צו זיי זיינע הענט. זיי זיינען געלעגן צעפלאַמטע, די חולאים, מיט פאַרמאַכטע אויגן, פאַרטאָנענע אין די אומענדלעכע שטחים צווישן דאָאיקע און נישט־דאָאיקע וועלטן, אין וועלכע זיי האָבן געשוועבט. פישל האָט אַריינגענומען זייערע מאַכטלאָזע הענט אין זיינע שווערע הענט, פולע מיט לעבן און קראַפט, און געהאַלטן זיי לאַנג, ווי ער וואָלט וועלן אַריינגעבן אין זיי אַ טייל פון זיין לייב און לעבן און כוחות.

— שמעון און לוי, כ׳בין אייך מוחל פון גאַנצן האַרצן — האָט ער געזאָגט קלאָר, גאָרניט צו שטאַמלען — איר הערט, זין מיינע! . . .

די ליכט אין די מעשענע לייכטער האָבן פרום גענויגט זייערע פלעמלעך אין דער הייסער אָנגעצויגענער שטוב.

סטאַנציע באַכמאַטש

אַן עפּיזאָד פון דער רוסישער רעוואָלוציע

דאָס געוועזענע באַנק־הויז געבויט ווי אַ טעמפּל, איז געווען פול מיט מענער, ווייבער, קינדער, קאַסטנס, זעק, צעוואָרפענע פּאַפּירן און שרייב־מאַשינקעס. אויף דעם אויבנאָן, לעבן דעם פאַרבליבענעם בילד פון באַנק־גרינדער, אַ פריץ מיט באַקן־בערד און מעדאַלן, זיינען געהאַנגען די שלעכט־געדרוקטע בילדער פון גרויסהאַריקן קאַרל מאַרקס, פון גאַל־קעפּיקן לענין און פון שפּיץ־בערדלדיקן טראָצקי. איבער זיי האָט זיך געשפּרייט אַ רויטע פאָן מיט אַ ווייסער אויפשריפט, אַז די גאַנצע מאַכט געהערט די סאָוועטן.

די געשניצטע מאַרמאָרנע ווענט און זיילן זיינען געווען באַקלעפּט מיט מעלדונגען און פאַראָרדנונגען, אַן אַ שיעור פאַראָרדנונגען, געדרוקטע, אָדער געשריבענע אויף שלעכט פּאַפּיר. צווישן די אָפיציעלע פאַראָרדנונגען זיינען געהאַנגען אַ סך פּריוואַטע מיטיילונגען, בקשות פון מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע אייגענע, און זיי בעטן גוטהאַרציקע מענטשן, זיך אָפּצו־רופן, אויב זיי ווייסן וועגן זיי; וועגן פאַרלאָרענע זאַכן; אַנאָנסן וועגן זוכן אַ בעט צו שלאָפן.

ביי די געגראַטעטע באַנק־פענצטערלעך, וואו מען האָט תמיד גענומען און אַרויסגעגעבן געלט, זיינען געזעסן שלעכט־געקליידעטע באַאמטע, ניט־געשאָרענע און ניט־געגאָלטע יונגעלייט, צעשויבערטע, אָדער דין־געשאָרענע מיידלעך. די רייען אַרום די פענצטערלעך זיינען געווען לאַנגע, געדרייטע, געפּאַקט מיט מענער און ווייבער, עוואַקואירטע פון דער שטאָט קיעוו, ביים דניעפּער, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן פון פּוילישן חייל. פאַרוואָרלאָזטע, ניט־אויסגעשלאָפענע, מידע, צעבראָכענע, פאַרלאָרענע אין דער פרעמד, האָבן זיי באַלאַגערט די פענצטערלעך פון די באַאמטע, געבעטן ברויט, אַ מלבוש, אַ ווינקל, וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. אַנדערע האָבן געזוכט זייערע זאַכן, וואָס זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אין וועג; זייערע קרובים, פון וועמען זיי זיינען אין כאַאָס פון לויפן, אָפּגעריסן געוואָרן. מענער האָבן געזוכט ווייבער; ווייבער — מענער; עלטערן — קינדער. די באַאמטע, ניט קענענדיק זיך קיין עצה געבן, מיט די מענטשן, האָבן געשיקט זיי פון איין אַמט צום צווייטן, געפאָדערט

דאָקומענטן, געהייסן קומען שפּעטער, מאָרגן, איבעראַכטאָג, אַבי ניט היינט. איינע אַ ווייבעלע, אַ קליינס, אַ דינס, ווי אַ קינד, נאָר מיט אַ דערוואקסן בלאַס פּנימל, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז אויגן, משונה־גרויסע, משונה־טרויעריקע און האַלב מטורפדיקע, האָט ניט אויפגעהערט אַרומבלאָנקען זיך פון פענצ־טערל צו פענצטערל, פון מענטש צו מענטש און געפרעגט ביי יעדן אויף איר מאַן, מיט וועמען זי איז בלויז איין טאָג פריער פאַר דעם שונאס אָנגריף זיך צונויפגעקומען, און באַלד צומאָרגנס, ביים לויפן פון דער באַלאַגערטער שטאָט, פאַרלאָרן אים.

— ווי אַזוי איז זיין פאַמיליען־נאָמען? — האָבן מענטשן זי געפרעגט. — פון וואַנען איז ער? וואָס איז זיין טאָן?

— כ'האָב אים ניט געפרעגט, ליבע מענטשן, — האָט דאָס בלאָנקענדיקע ווייבעלע געענטפערט, — איך ווייס בלויז, אַז ער הייסט סעריאָזשע, אַז ער איז אַ ליבער זייער, און ער האָט בלאָנדע האָר און בלויע אויגן...

אַפילו די פאַרוואָגלטע מענטשן אין דער באַנק האָבן זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון לאַכן איבער אָט די סימנים אין גרויסן לאַנד פון בלאָנדע און בלוי־אויגיקע.

— ווי ווייס מען דאָס ניט דעם פאַמיליען־אָמען פון אַן אייגענעם מאַן?— האָבן ווייבער זי געפרעגט מיט שפּאָט.

— סעריאָזשע איז זיין נאָמען, און ער איז אַ ליבער זייער, דער מלאך מיינער, — האָט דאָס ווייבעלע מיט די מטורפדיקע אויגן געענטפערט אירס.

זי האָט ניט אויפגעהערט גיין פון איינעם צום צווייטן כאָטש מען האָט געלאַכט פון איר. זי האָט דערביי ניט אַרויסגעלאָזט פון אירע אָרעמס אַ קויטיק הינטל, אַ חולה באַשעפעניש, וואָס זי האָט עס ניט אויפגעהערט צערט־לען, קרייזלען און ריידן דערצו מיט די צערטלעכסטע ווערטער, ווי אַ מאַמע רעדט צו איר ערשטן זייגלינג.

— זאָרג זיך ניט, נשמה מיינע, מירן געפינען אונדזער טייערינקן סע־ריאָזשע — האָט זי געטרייסט דאָס קויטיקע הינטל, וואָס איז געלעגן פאַרטאָן אין שטומען חיהשן צער, ווי עס וואָלט געוואוסט, אַז ס'וועט שוין לאַנג ניט אָנטרייבן אויף דער וועלט.

צווישן די, וואָס האָבן געזוכט זייערע פאַרלאָרענע משפּחות, בין איך געווען איינער פון זיי.

דער אָנגריף אויף דער אוקראַינישער הויפּט־שטאָט, וואו איך האָב גע־וואוינט, איז געקומען פּלוצלונג ווי אַ דונער פון הימל. בלויז מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט דער קאָמאַנדיר פון שטאָטישן גאַרניזאָן פאַרזיכערט, אַז ווי אַ חזיר קען ניט זען זיין אייגענעם עק, אַזוי וועט דער שונא ניט אָנזען

די רויטע הויפּט־שטאָט פון דער רעוואָלוציאָנערער אוקראַינער ערד. די אַר־בעטער האָבן אַפילו באַצירט די גאַסן און געביידעס מיט אַ סך רויטס צום יום־טוב פון ערשטן מאַי, וואָס האָט זיך דערנענטערט. פּלוצלונג, טאַקע אַ טאָג־צוויי בלויז פאַרן ערשטן מאַי יום־טוב, איז די רויטע אַרמיי אָפּגעטראָטן, און מען האָט אין איילעניש עוואַקואירט די שטאָט.

זאָט פון פּאָגראָמען און באַליידיקונגען פון די פּעטליורישע, דעניקינישע און אַנדערע אַרמייען און באַנדעס, וואָס האָבן גערויבט און געמאָרעדט די קינדער פון ישראל ביים אַריינגיין און אַרויסגיין פון דער הייליקער שטאָט, האָב איך מער ניט געוואָלט דורכמאַכן דעם אַריינמאַרש פון אַ נייער אַרמיי, און איך האָב גענומען מיין פאַמיליע און געלאָזט זיך לויפן וואוהין די אויגן וועלן מיך טראָגן.

ביי די באַנען האָבן מענער זיך געשלאָגן מיט פויסטן איבער אַן אָרט אין אַ לאַסט־וואגן. ווייבער האָבן זיך געריסן ביי די האָר, געחלשט. קינדער האָבן געיאָמערט, מען האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין די וואַגאָנען דורך טיר און פענצטער. אַליין ניט וויסנדיק ווי אַזוי, איז מיין פאַמיליע אַריינגעפּאַקט גע־וואָרן אין אַ וואַגאָן. ווען איך האָב געוואָלט נאָכגיין, האָט מיך אַ סאָלדאַט באַגעגנט מיט אַ גלאַנציקן שפּיץ פון אַ באַיאָנעט, אויסגעשטעלט צו מיין אויסגעמאָגערטער ברוסט.

— קיין טראָט ניט מאַכן, כ'על דורכשטעכן! — האָט ער געזאָגט.

פון זיין האַרט פּנים און שטאַרע אויגן האָב איך געזען, אַז ער מיינט עס. דער צוג איז אַוועק. אין גרויסן געדראַנג האָב איך אַפילו ניט געזען די פאַר־שווינדנדיקע נאָענטע מיינע. צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע פאַרבליבענע, האָב איך בלויז געהערט דאָס קלאַפּן פון די רעדער און געזען דעם רויך, וואָס איז מיר געבליבן פון אַלץ.

ביים ברעג דניעפּער איז די בהלה ביי די שיפן געווען אַזוי גרויס, ווי ביי די באַנען. אויף איין ווייסער שיף האָט דער קאַפּיטאַן זיך אַוועקגעשטעלט ביים רודער און דורך אַ הילכער געבעטן רחמים ביי די מענטשן, זיי זאָלן ניט באַזעצן מער דעם דאַמפּער זיינעם.

— חברים, די שיף קען ניט נעמען מער, — האָט ער געוואָרנט, — זי וועט זינקען.

קיינער האָט אים ניט געהערט, און כוואַליעס־וויוז געשטופּט זיך אין דער שיף אַריין.

איך האָב מיך געטראָגן מיט דער כוואַליע און אַריין אינעווייניק. די מאַט־

ראַזן זיינען אַרומגעלאָפן ווי דולע און מיט די פויסטן געטריבן דעם המון פון די זייטן־שיף אין דער מיט אַריין.

— גייט אַוועק, טייוולאָנים, איר וועט איבערוועגן אין איין זייט און זינ־קען די שיף! — האָבן זיי זיך געריסן די העלדזער.

דער דאַמפער איז געגאַנגען פאַמעלעך, געסאָפּעט און געפּייפט כסדר. ביי די גרינע ברעגן פון שטעטל קאַניעוו, פון וואַנען אַ ווייסער דענקמאָל פון אוקראַינישן דיכטער שעווטשענקאָ האָט אַראָפּגעקוקט צו אונדז פון אַ באַרג, האָבן מיטאַמאָל ביקסן־קוילן גענומען אונדז באַהאָגלען פון באַהעלטענישן אַרויס. דער קאַפּיטאַן האָט געשריגן מיט הויכע קולות.

— מאַטראָסן, אויף דער גאַנצער פּאַרע גיין!

מיר זיינען אַוועק ווייטער לענג־אויס פון די שיינע, אָבער געפּערלעכע, דניעפּער־ברעגן. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן טשערקאָס, קרעמענטשוג, אַלער־ליי אַנדערע שטעט און שטעטלעך. נאָך לאַנגע שלעפּענישן און שטייענישן זיינען מיר אָנגעקומען קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, די שטאָט, וואָס פירשט פּאָ־טיאָמקין האָט אויסגעבויט פאַר זיין מלכה און געליבטער — יעקאַטערינע.

אַ פרעמדער האָב איך זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער דער שיינער דרום־שטאָט ביים דניעפּער; די נעכט איבערגעשלאָפן אין פּאָטיאָמקינס פּאַרק, די טעג פאַרבראַכט אין אַלערליי אָמטן מיט אַלערליי משונהדיקע נעמען, געשטאַנען אין לאַנגע רייען און געזוכט אויסצוגעפינען וואוהין עס איז אַוועק דער צוג מיט מיין פאַרלאָרענער משפּחה.

קיינער האָט ניט געוואוסט. גאָרניט איז געווען אין לאַנד אין דינסט פאַר אַ ציווילן מענטשן — קיין טעלעגראַף, קיין פּאָסט, קיין טעלעפאָן, קיין באַן. אַלץ איז געווען פאַרנומען פון מילטער. איבער דעם ברייטן שטאָטישן פּראָספּעקט זיינען לאַנגע מחנות רייטער פון בודיאָניס קאָזאַקן־אַרמיי גע־ריטן צו פאַרטרייבן דעם שונא פון דער אוקראַינישער הויפּט־שטאָט. אויף קליינע סיבירער פערדלעך האָבן זיי זיך געצויגן אין אומענדלעכע רייען, אָפּגעברענטע, פאַרשטויבטע, בייגעריקע און ווילדע, מיט צעוואַקסענע בערד, טשופּרינעס און איינצלנע פּיאות, מיט צעקאָלטענע פוטערנע היטלען און פּאַ־פּאַכעס, כאָטש די זון האָט געשרפהט; מיט ביקסן און פּיקעס, מיט קינזשאַלן און זילבער־באַצירטע קאַווקאַזער שווערדן און מעסערס. צוזאַמען מיט די מענער זיינען מיטגעריטן זייערע ווייבער, אַזעלכע אָפּגעברענטע, פאַרשטויבטע, בייגעריקע און קאַמפּס־לוסטיקע, ווי די מענער; מיט מעכטיקע שטימען האָבן די רייטער געזונגען זייערע צעצויגענע ווילדע געזאַנגען וועגן טייך אוראַל, וועגן שלאַגן און הוליען.

„זאַ אוראַלאָם זאַ ריעקאָי,
קאַזאַקי גוליאַלי;
העי, העי, בעי, גוליאַי,
קאַזאַקי גוליאַלי" . . .

די באַאַמטע אין שטאָט, נייע, נישט־געניטע, צעטומלטע אין כאַאָס פון טאָג־טעגלעכע נייע געזעצן און פאַראָרדענונגען, האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן מבול מענטשן און געפּעק, וואָס זייער כסדר אָנגעקומען פון די עוואַקואירטע געגעטן.

— מיר ווייסן ניט, קומט שפּעטער, לאָזט אונדז צורו, — האָבן זיי געענטפערט ביי די פענצטערלעך.

נאָך טעג לויפן פון אַמט צו אַמט, האָב איך מיך דערשלאָגן צו אַן עלטסטן. נאָך די ערשטע עטלעכע ווערטער פון מיין גרויסער בקשה, האָט ער מיך אָפּגעשטעלט מיט איין איינציק וואָרט:

— זאַמקאָמפּאָעוואַקיוג!

איך האָב אים געוואָלט איבערפרעגן וואָס דאָס פאַנטאַסטישע וואָרט מיינט. אַ רויטאַרמייער, וואָס האָט געהאַלטן וואַך, האָט מיך געהייסן גיין, ווייל אַנדערע וואַרטן.

נאָך גרויס מי בין איך דערגאַנגען, אַז דאָס וואָרט איז דער פאַרקירצטער טיטול פון פאַרטרעטער פון קאָמיסאַר איבער דער עוואַקואַציע פון דרום־פראָנט, צו וועמען איך דאַרף גיין מיט מיין בקשה.

הונדערטער זיינען שוין געשטאַנען פאַר מיר אין דער רייע צו אָט דעם וויכטיקן באַאַמטן.

נאָך טעג וואַרטן, האָב איך מיך דערשלאָגן צו אים. דער „זאַמקאָמפּאָעוואַקיוג" איז סך־הכל געווען אַ יונג בחורל מיט מיידלשע רויטע בעקלעך, וואָס זיינען געווען באַוואַקסן מיט אַ העל־ווייכן פוך. ער איז געזעסן מיטן היטל אויפן קאָפּ, איינגעהילט אין וואָלקנס־רויך פון מאַכאָרקע־טאַבאַק.

— וואָס איז געווען דער נומער פון צוג, מיט וועלכן אייערע זיינען געפאָרן? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס ניט, — האָב איך געענטפערט.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן, חבר? — האָט ער צוריק געפרעגט, אַרויסלאָזנדיק אַ פול מויל רויך און געלעכטער, — גיי זוך אַ נאָדל אין אַ פור היי?

איך האָב אים געפאָלגט און געגאַנגען זוכן די נאָדל אין דער פור היי.

איך האָב זיך געלאָזט אויף הפקר, קעגן אַלע געזעצן און פאַראָרדענונגען. קעגן יעדן שכל און זין. איך האָב זיך געטראָגן מיטן כאַאָס פון רעוואָלוציע

און בירגער־קריג. איך האָב מיך געשמוגלט אויף דעכער פון באַנען, נאָכגע־האַנגען זיך אויף בופערס, פאַרשטעקט זיך אין באַהעלטעניש אין וואַגאָנען מיט שטיין־קוילן. איינמאָל האָט אַ יונגער „פּאָליטרוק" (קאָמאַנדיר), וואָס האָט געפירט פערד פאַר דער אַרמיי, מיך אַרייגענומען צווישן זיינע פערד אויף אַ שטיקל וועג. דערפאַר האָב איך מיט אים געקנעלט דייטשע ווערטער, וואָס ער האָט שטאַרק חשק געהאַט זיך אויסצולערנען, אָבער ער האָט זיי ביי קיין פאַל ניט געקענט צעקייען מיט זיין עכט־רוסישן מויל. אַן אַנדערש מאָל האָט זיך מיין צוג אָפּגעשטעלט אין מיטן פעלד ניט ווייט פון דער סטאַנציע סיניעל־ניקאָוו. איך געדענק ניט גענוי, צי דאָס איז געווען לעבן סיניעלניקאָוו דעם ערשטן, אָדער לעבן סיניעלניקאָוו דעם צווייטן, אָבער איך געדענק, אַז מיר זיינען געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט אין פעלד מיט אויסגעלאָשענע ליכט. אַפילו פאַררויכערן האָט מען פאַרבאָטן. אַלערליי וויסטע קלאַנגען האָבן זיך גע־טראָגן אין דער פינצטערער נאַכט אין מיטן פעלד. מען האָט גערעדט, אַז די באַן־ליניע איז איבערגעריסן געוואָרן דורך סאַבאָטאַזשניקעס, אַז באַנדעס גייען אויף אונדז פון דער באַנדיטן־נעסט גוליאַי־פּאָליע, אַז מאַרוסיע, די באַנדיטן־אָנפירערין, וואָס מען האָט זי גערופן מאַרוסיאַ די באָטיאַטשקע, דערנענטערט זיך צו אונדז מיט אירע רייטער.

עטלעכע וואָכן צייט האָב איך געשלעפּט זיך איבער דער שיינער אוקראַי־נישער ערד, וואו געטאָגט, ניט גענעכטיקט, וואו גענעכטיקט — ניט געטאָגט. אין כאַרקאָוו האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף מענטשן, וואָס זיינען געפאָרן מיטן קיעווער צוג. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז מיין משפּחה דאַרף זיין אין דער שטאָט סומי. איך האָב זי דאָרטן ניט געפונען און געלאָזט זיך קיין פּאָלטאַווע, וואו מען האָט זיך משער געווען, אַז זי דאַרף דאָרטן יאָ זיין. אין פּאָלטאַווע האָט מען מיך געראַטן פאָרן אין אַנדערע שטעט. אין איינעם אַ שטעטל קאָנ־סטאַנטינאָגראַד, לעבן פּאָלטאַווע. נאָך צוויי חדשים זוכן האָב איך געטראָפן מייניקע אין אָט דעם שטעטל מיטן לאַנגן נאָמען.

דאָס שטעטל איז געווען אַ קליינס און אַ שטילס. די פאַרוואָרלאָזטע ערד איז געווען באַדעקט מיט שטרוי און מיסט פון פערד און אָקסן. פוילע פּויערים האָבן דורכגעשלעפּט זיך אויף זייערע וואָגנס, אין אָקסן געשפּאַנט, רויכערנדיק זייערע ליולקעס און מונטערנדיק זייערע געלאַסענע אָקסן מיט פוילע „צאָבעס". די רוסישע שילדן אויף די קרעמלעך זיינען געווען פאַרשמירט און שלכט איבערגעמאָלט מיט אוקראַינישע אויפשריפטן, אַזוי אַז די פּויערים זאָלן זיי קענען איבערלייענען. אָבער די פּויערים און פּויערטעס האָבן גאָרניט געקענט קריגן אין די קראָמען — ניט קיין נאַפט, ניט קיין זאַלץ, ניט קיין טאַבאַק, ניט אַפילו קיין שמירעכץ פאַר רעדער. די שווערע קראָם־טירן זיינען געשטאַנען

פאַרקלאַפּט. איוף די פּאַרראַסטעטע שלעסער זיינען געהאַנגען ליאַק־שטעמפּ־לען און אויפשריפטן, אַז פּריוואַטער האַנדל איז אָפּגעשאַפט און אַז די קאָנ־פיסקירטע קראָמען, אין רשות פון דער סאָוועטן־מאַכט, זיינען געשלאָסן ביז אַ וויטערדיקער פאַראָרדנונג. די פויערים האָבן געגלאָצט מיט טעמפּע אויגן אויף די אויסגעהאַנגענע בילדער פון שפּיץ־בערדלדיקן טראָצקי, דעם אַנטי־קריסט, וואָס אונטער זיין ממשלה איז קיין גאָט און קיין מסחר ניטאָ.

דער איינציקער האַנדל איז געטריבן געוואָרן אויפן גרויסן קיילעכדיקן מאַרק. קיין פּאַפּיר־געלט האָט קיינער ניט גענומען. אָבער פאַר אַ געלאַטעט העמד האָט מען געקענט איינקויפן אַ זאַק קאַרטאָפל; פאַר אַ פּאָר אַלטע הויזן —אַ פּוד קאָרן־מעל; פאַר אַ נאָדל האָט מען געקראָגן אַ גאַנצן טוץ קירבעסן. קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך ניט געזען אַזעלכע גרויסע באַטעמטע קירבעסן, ווי אין אָט דעם שטעטל.

איך האָב גאָר נישט געהאַט וואָס צו טאָן אין דעם העק. אָבער פאַרן ערגעץ אַנדערש, איז ניט עס איז געווען וואו, ניט מען האָט געקענט. האָב איך אַראָפּ־גענומען דאָס לעצטע פון זיך, אַוועקגעטראָגן עס אויפן גרויסן מאַרק און אויסגעביטן אויף קאַרטאָפל, קירבעסן. קליינע פּאַרציעס ברויט האָבן מיר געהאַט פון מיין פּרויס אַרבעט אין מיליטערישן שפּיטאָל, וואָס איז איינגע־שטאַנען אין שטעטל. געוואוינט האָבן מיר אין אַ צימערל פון אַ הויז, וואָס האָט געהערט צו איינעם אַ מענטשן, אַן אַנטלאָפענער פון דער רעוואָלוציע. וואָס אַזוינס עס איז געווען דער, וואָס האָט געמוזט ראַטעווען זיך פון דער מאַכט פון די סאָוועטן — אַן „איספּראַווניק”, אָדער אַ גלח — האָט מען ניט געקענט וויסן. אָבער וואָס אַזוינס ער איז ניט געווען, איז ער געווען זייער אַ פרומער רעכטגלויבקער קריסט, ווייל אין יעדן צימער פון זיין גרויס הויז האָבן געהאָנגען איקאָנעס, אַלערליי איקאָנעס, קליינע, מיטעלע, גרויסע און גאָר גרויסע, איינגערעמט אין שווערע אַלטע שוואַרצע ראַמען, אין געשניצטע שענקעלעך; אַפילו אין די פעדער־הייזלעך האָבן געהאַנגען איקאָנעס. מיין שכן, אַ דינער, בלאָנדער אוקראַאינער שייגעץ, אַ מיליטערישער קאָמיסאַר, האָט יעדן טאָג אַראָפּגענומען אַן אַנדער הייליק בילד, צעהאַקט עס אויף שטיקער און אויף זיי געקאָכט מאָגערע מאָלצייטן פאַר זיך. ווען זיינע טעפּלעך זיינען געווען פאַרטיק, האָט ער געלאָזט מיך צושטעלן עטלעכע קאַרטאָפל אויפן הייליקן פייער. אָבער דער עיקר האָב איך מיך גענערט מיט קירבעסן.

די טעג זיינען געווען לאַנגע, גרויסע. די זון פלעגט אונטערגיין צוועלף ביינאַכט. דאָס האָט זי געמוזט אונטערגיין אַזוי שפּעט, ווייל כדי צו שפּאָרן נאַפט און ליכט, האָט די סאָוועטן־מאַכט געררוקט דעם זייגער אויף גאַנצע פיר

שעה פּאַראויס. צוליב דעם, וואָס זי האָט זיך אַזוי פאַרשפּעטיקט מיט איר אונטערגייַן, די זומערדיקע זון, האָט זי זיך אויך פאַרשפּעטיקט מיט איר אויפגייַן אין פרימאָרגן. זי איז אַרויס פון מזרח ניט פריער ווי אַרום אַכט אַזייגער. אַזוי האָט פאַרשפּעטיקט דער באַגינען, און מענטשן האָבן זיך אויפּ־געהויבן צוגלייך מיטן ערשטן שפּראַץ. די לאַנגע הייסע טעג האָבן זיך גע־צויגן ווי פעך. אַפילו קיין צייטונג איז ניט אָנגעקומען. איך האָב גאָרניט געוווּסט וואָס עס גייט־אָן אויף דער צערודערטער וועלט ווייטער פון דעם העק. די איינציקע צעשטרייאונג אין דער מאָנאָטאָניע זייַנען געווען די מילי־טערישע לוויות. טאָג נאָך טאָג, צו דער מינוט, האָט מען אַרויסגעפירט פון מיליטערישן שפּיטאָל אַן אַנדער סאָלדאַט, וואָס איז געפאַלן פון אָפּגעשפּאַרטע וואונדן אין פעלד, אָדער פון פלעקן־טיפוס. דער קורץ־געוויקסיקער הויפּט־קאָ־מאַנדיר פון שפּיטאָל, אַ פאַרגויאישטער ייִד מיט אַ קאַלמיקיש פּנים און מיט אַ רוסישן נאָמען, קאָזיולין, האָט זייַער פייערלעך געלאָזט באַגלייטן די טויטע סאָל־דאַטן פון זייַן שפּיטאָל, מיט אַ וואָגן איינגעהילט אין אַ רויטער פאָן, מיט עטלעכע סאָלדאַטן מיט געווער און אַפילו מיט אַ בלאָז־אָרקעסטער פון דריי טראָמייטן, גע־שפּילט פון מיליטערישע שפּיטאָל־סאַניטאַרן. מייַן שכן, דער מיליטערישער קאָ־מיסאַר, האָט אויפן פרישן קבר פון יעדן סאָלדאַט געהאַלטן די אייגענע רעדע, אַז דער אומגעקומענער איז געפאַלן אַ קרבן פאַר דער רעוואָלוציע, און פאַרזיכערט אים, דעם מת, אַז דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט וועט אים פאַרשרייַבן צווישן זייַנע העלדן. אַ חוץ אָט די לוויות איז גאָרניט געשען אין דעם פאַר־וואָרפענעם שטעטל. פון גרויס לאַנגווייליקייט האָב איך דערטראַכט זיך צום געדאַנק צו פּרובירן עפּעס אויפשרייַבן. אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין טינט און פעדער, ניט קיין פּאַפּיר. קויפן עפּעס האָט מען ניט געקענט. אויפן מאַרק איז אָט די סחורה ניט געווען. איך בין אַוועק אין אַמט, וואָס איז געווען דער באַלעבאָס איבער די קאָנפיסקירטע קראָמען, צו בעטן שרייַב־געצייג. אַן עלטערער אוקראַינער מיט אַ פּאָר ברייטע פּלודערן און מיט ריזיקע נאָכ־העננגענדיקע וואָנצעס, ענלעך צו אַ העלד פון גאָגאָלס קאָזאַקן, האָט מיר געזאָגט אין אוקראַיִניש, איך זאָל אָנשרייַבן אַ ביטע, און דווקא אין לשון פון לאַנד. כאָטש איך האָב קיין אוקראַיִניש וואָרט ניט געקענט אויפשרייַבן, האָב איך צוגעשאָקלט צום וואָנצנדיקן באַאַמטנס באַפעל, האַלטנדיק זיך ביי דער עצה, וואָס ייִדן האָבן זיך געגעבן אין אַזאַ פאַל: שרייַב גרייזיק רוסיש און ס'וועט אַרויס גוט אוקראַיִניש.

— גיט מיר טינט און פעדער און איך וועל אָנשרייַבן אַ ביטע, — האָב איך געזאָגט אין רוסיש, מיט פּוילישע ווערטער געמישט, כדי צופרידנצושטעלן דעם פרומען אוקראַיִנער.

— צו קריגן שרייב־געצייג אויף אָנשרייבן אַ ביטע מוזט איר אָנשרייבן אַ ביטע, — האָט גאַגאָלס העלד מיר געענטפערט פייערלעך־אָפיציעל.

— אָבער ווי אַזוי קען איך שרייבן אַ ביטע אָן שרייב־געצייג?

— טאָ שרייבט ניט, — האָט גאַגאָלס קאָזאַק מיר געגעבן אַן עצה.

— דאַרף איך דאָך אָבער האָבן שרייב־געצייג!

— טאָ שרייבט אָן אַ ביטע! . . .

עס איז געווען אַ פאַרכישופטער קרייז, ניט אַרויסצוקריכן.

מיין שכן דער קאָמיסאַר האָט געקראָגן פאַר מיר אַ קליין שטיקל בלייַ־שטיפט, און אַ פעקל געריכטס־פּראָטאָקאָלן, קאַליגראַפיש־באַשריבענע פון אַ געניטן קאַנצעלאַריע־שרייבער פון צאַרישן רעזשים. דאָס זיינען געווען פאַרגעלטע אַלטע פּראָטאָקאָלן פון אַ פּראָצעס איבער אַ רוצח מיטן נאָמען מיקאָליוק, וואָס האָט אויסגעמאָרדעט אַ גאַנצע דאָרפישע משפחה אין זיין איפערזוכט צו אַ יונגער פּויערשער טאָכטער, וועלכער ער האָט געוואָלט פאַר אַ ווייב און איר משפחה האָט זי אים ניט געוואָלט געבן. אָט דער ראָמאַנטי־שער רוצח מיקאָליוק איז מיר כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן און געשטערט מיר אין מיין שרייבן. איך האָב מיר אַליין אויסגעמאָלט אים, דאָס פּויערים־מיידל זיינס, אין וועלכער ער איז געווען פאַרליבט, אירע עלטערן, שוועסטער און ברידער, וואָס האָבן ניט דערלאָזט צום שידוך. איך האָב אַזוי בולט געזען יעדן פון זיי, זייער אויסזען און קליידער און געשטאַלט, ווי איך וואָלט זיי נאָענט געקענט. איך האָב אויך געהערט זייערע שטימען, זייערע טענות און מחלוקות מיט דעם יונג מיקאָליוק, וועמען זיי האָבן ניט געוואָלט האָבן אין דער משפחה. זיי זיינען מיר אַזוי אַריין אין די ביינער, אָט די אַלע לייט פון אַ פאַרוואָרפן רוסישן דאָרף, וואָס זיינען שוין שיינע עטלעכע צענדליק יאָרן געווען אויף יענער וועלט, צוזאַמען אפשר מיט זייער רוצח מיקאָליוק — אַז איך האָב ביי קיין שום אופן ניט געקענט צונויפנעמען מיינע מחשבות און שרייבן די מעשה, וואָס איך האָב געוואָלט. איך האָב דעריבער געהאַלטן אין איין מעקן און קלעקן ביים אַריינשרייבן מיינע געדיכט־געשריבענע יידישע ווערטער צווישן די שורות פון די קאַליגראַפיש־געשריבענע רוסישע פּראָטאָקאָלן.

איך וואָלט שוין אוודאי געבליבן אַ גאַנצן זומער, און אפשר אַפילו אַ ווינטער דערצו, אין אָט דעם שטעטל, וואו קירבעסן זיינען געווען בזול. אָבער די רעוואָלוציע האָט מיך נאָכגעיאָגט און דערגרייכט אויך צו אָט דעם פאַר־וואָרפענעם העק.

אין איינעם אַ פאַרטאָג האָט זיך אַ טעמפּע שיסעריי גענומען אָנטראָגן פון וויַיט אין שטעטל. מיין שכן, דער מיליטערישער קאָמיסאַר, האָט איבער־געלאָזט זיינע טעפּלעך אין מיטן קאָכן אויפן פייער פון איקאָנעס, און אַלאַר־

מירט דעם קליינעם מיליטערישן טייל אין שטעטל. כאָטש קיינער האָט ניט געזען די לייט, וואָס האָבן אָנגעגריפן, האָט מען געוואוסט, אַז דאָס זיינען די באַנדעס פון באַטקאָ מאַכנאָ, וואָס האָבן געגריבלט און געשוויבלט אויף דער אוקראַינישער ערד אין דרום און אויסגעוואַקסן תמיד וואו מען האָט זיך ניט געריכט אויף זיי. אַפילו די סאַניטאַרן פון מיליטערישן שפּיטאָל, צוזאַמען מיט די דריי שפּילער פון בלאָז־אָרקעסטער, האָט דער דינער קאָמיסאַר צוגענומען פון זייער אַרבעט און באַוואָפנט זיי מיט ביקסן אָפּצוטרייבן דעם שונא. דער הויכער בלאָנדער קאָמיסאַר איז געגאַנגען אַזאַ אויסגעגלייכטער פאָראויס, אַז די ביקס אויף זיין פּלייצע האָט אויסגעזען ווי אַ טייל פון זיין בויגיקן קערפּער. ער איז געווען איין שטיק וואָפן. ווען נאָך אַ שווערן טאָג קעמפן, האָט ער די אָנגרייפער נישט פאַרטריבן, האָט ער געשיקט אַ רייטער נאָך הילף צו אַ שכנישן גאַרניזאָן, אַ קאָמפּאַניע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן רעגימענט.

די פרעמדע קעמפער — אונגאַרישע הוזאַרן, דייטשע ספּאַרטאַקער, לאַטישן, כינעזער און עטלעכע גאַליציאַנער יידישע בחורים, געפאַנגענע עסטרייכישע סאָלדאַטן פון קאַיזער פראַנץ־יאָזעפס קייסערלעכער און קעניגלעכער אַרמיי — זיינען זייער האַפּערדיק דורכגעגאַנגען דאָס שטעטל אין זייער מאַרש קעגן שונא פון דער רעוואָלוציע. אָבער זיי זיינען זייער טרויעריק צוריקגעקומען. זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ קלעם צווישן שונאים פון עטלעכע זייטן. די באַזיגער זייערע האָבן זיי אַפילו ניט דערשאָסן, נאָר מיט די שווערדן צעהאַקט, ווי קרויט. צומאַרגנס האָבן צענדליקער פויערישע פורן, געשפּאַנט אין אָקסן און אָנגעטריבן פון פויערטעס, געבראַכט צופירן די שטיקער מענטשן פון שלאַכטפעלד.

דערנאָך איז מיין שכן דער קאָמיסאַר צוריקגעקומען פון פעלד, פון וואַנען ער האָט די אָנגרייפער ענדלעך פאַרטריבן. זיין אויסגעצויגענע פיגור איז געווען דינער ווי תמיד, קויטיק און חושך. זיין רעדע איבער דעם ברידערקבר פון די געפאַלענע אויסלענדער איז דאָס מאָל געווען אַזוי פלאַמיק, ווי דאָס פייער פון די איקאָנעס, וואָס ער פלעגט ברענען. שפּעטער לאַנג האָט ער דערנאָך געאוילט און געפּוצט זיין ביקס ביי דער טיר פון הויז.

— זי דאַרף אַ גוטע רייניקונג, — האָט ער געברומט, בלויז מיט מיינע אייגענע הענט האָב איך דרייסיק פון זיי צו דער וואַנט געשטעלט און אין שטאַב פון גענעראַל דוכאָנין געשיקט.

דער שטאַב פון צאַרישן גענעראַל דוכאָנין איז שוין אַ צייט געווען אויף יענער וועלט.

מיט אַ באַזונדערן אימפּעט האָט דער דינער קאָמיסאַר שפּעטער גע־

האַקט די איקאָנעס איבער דער שוועל פון הויז. אָבער ניט לאַנג האָט ער באַוויזן צו קאָכן זיינע מאָלצייטן מיט די הייליקע בילדער פון גאָטס זון און זיין מוטער.

פון פערעקאָפּ ביים קרימער האַלב־אינדזל, האָבן די ווייס־גוואַרדעאישע מחנות פון באַראָן וראַנגעל געלאָזט זיך מאַרשירן אויף דער פעטער ערד פון אוקראַינישן לאַנד. כאָטש זיי זיינען נאָך געווען אַ היפּשן מהלך, האָט מען זיי צו יעדער צייט געקענט דערוואַרטן אויפן וועג קיין פּאָלטאַווע. איך האָב געוואוסט, אַז איך האָב אַלע מעגלעכקייטן צו געפינען אַן אָרט אין ברידער־קבר צווישן די אויסלענדישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן אויף פרעמדער ערד. און איך האָב איבערגעלאָזט אין סאַמע מיט די געריכטס־פּראָטאָקאָלן איבער דעם רוצח מיקאָליוק, אין וועלכע איך האָב אַריינגע־קוועטשט מיינע יידישע אותיות, און געלאָזט זיך לויפן פון דעם שטעטעלע אין דרום, וואָס האָט געהאַט אַזאַ מזל־ברכה אין קירבעסן יענעם יאָר.

מיין משפּחה האָט געדאַרפט מיטפאָרן מיטן מיליטערישן שפּיטאָל, וואָס האָט זיך עוואַקואירט באַצייטנס צו אַ מער רואיק אָרט. איך האָב מיט דעם שפּיטאָל ניט געטאָרט פאָרן. שמוגלען זיך איז געווען אוממעגלעך. אַלע באַ־נען זיינען געווען פאַרנומען פון מיליטער, פון עוואַקואירטע באַאַמטע. אין דער גאַנצער געגענט איז דערקלערט געוואָרן קריגס־צושטאַנד. אַלע אַמטן זיינען איבערגעגאַנגען צו דער מיליטערישער מאַכט. איך בין אַוועק צום „אָרטאָ־טשעקאַ", וואָס האָט צו זאָגן איבער דער אייזנבאַן־מאַכט, צו בעטן אַ דער־לויבעניש אַרויסצופאָרן פון דעם פּלאַץ. אין אַן אָנגערויכערטער שטוב, פול מיט זשומענדיקע פליגן אַרום דעם נאַפּט־לעמפּל און אַרום דעם טינטער אויפן לאַנגן פּראָסטן טיש, איז געזעסן אַן אַש־קאָלירנדער פּאַרשוין, מיט טיפע, שטרענגע און חושכע קנייטשן אין זיין טשוגונען פּנים. ער האָט געטראָגן בלויז אַ פּאָר זעלבערישע הויזן, אַ לייבל, און זיינע צעוואַקסענע פיס זיינען געווען באָרוועס. די שטיוול זיינען געשטאַנען לעבן אים שטייפע, ווי די כאָ־ליעוועס וואָלטן נאָך געווען פול מיט פיס. אויפן טיש איז געלעגן אַ צעשניטן ברויט און אַ רעוואָלווער, אַזוי הארט און שוואַרץ, ווי דער באָרוועסער מענטש, וואָס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט יאָרן־לאַנג געווען אַ קוילנגרעבער אָדער אַ גיסער אין אַן אייזן־פאַבריק.

— וואָס ווילסטו? — האָט מיך דער באָרוועסער געפרעגט, זאָגנדיק מיר „דו".

— איך וויל זען דעם חבר קאָמיסאַר, — האָב איך געזאָגט.

— דאָס בין איך, וואָס דאַרפסטו? — האָט דער באָרוועסער געענטפערט מיט אַ שווער, געלאַסן, אומהיימלעך קול.

איך האָב אים דערציילט ווי אַזוי איך בין דאָ פאַרוואַלגערט געוואָרן און אַז איך וויל אַוועקפאָרן צוריק קיין קיעוו, פון וואַנען מען האָט דעם שונא שוין געהאַט אַרויסגעטריבן און געיאָגט אים ווייטער.

דער באָרוועסער האָט מיך באַטראַכט מיט פינצטערע אויגן, פולע מיט אומצוטרוי, פאַרדאַכט. ער האָט מיך אויסגעפרעגט מיט קורצע אָפּגעהאַקטע פראַגן:

— ווער ביסטו? וואָס ביסטו? פון וואַנען קומסטו? וואָס טוסטו?

— איך בין אַ שרייבער.

— אין וועלכער סאָוועטישער קאַנצעלאַריע שרייבסטו?

איך האָב אים דערקלערט אַז איך בין ניט אַ שרייבער אין אַן אַמט, נאָר אַ מחבר. ער האָט ניט פאַרשטאַנען. איך האָב אים אויסגעטייטשט אויף אַלע אופנים, אַז איך שרייב ביכער, פאַרפאַס מעשיות. זיינע אויגן האָבן גע־קוקט אויף מיר מיט נאָך מער אומצוטרוי.

— צו וואָס שרייבסטו דאָס אַלץ? — האָט ער געוואָלט וויסן, — ווער דאַרף עס?

איך האָב אַליין ניט געוואוסט צוליב וואָס איך שרייב עס. נאָך ווייניקער האָב איך געוואוסט ווער עס דאַרף עס. קיינער האָט ניט געדאַרפט מיינע אָנ־פאַנגערישע פרואוון, באַשטימט ניט אין אָט דער צייט. איך האָב ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. דער באָרוועסער מענטש האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס מיט זיינע פינצטערע בליקן.

— פון וואַנען שטאַמסטו? — האָט ער געפרעגט שטרענג, — פון וועלכן לאַנד?

— פון פוילן.

ער האָט אַזש געעפנט דאָס מויל פון איבעררעשונג, באַוויזנדיק גרויסע געל־פאַררויכערטע ציין.

— אַזוי? פון פוילן? — האָט ער איבערגעפרעגט מיט אַ פאַרגליווערטן שמייכל אויף זיין טשוגונען פנים.

פוילן איז געווען אין סאַמע ברען פון קריג קעגן רוסלאַנד.

דער באָרוועסער האָט אַריינגערופן פון צווייטן צימער איינעם אַ מענטש, אַפּנים זיין צווייטע האַנט. פונקט ווי ער אַליין, דער באָרוועסער, איז געווען אָפּגעלאָזן, חושך, אַזוי איז דער חבר זיינער געווען אויסגעפוצט אין עסיק און אין האָניק. דאָס איז געווען אַ הויכער קאַווקאַזער יונג מיט אַ טשערקעסן־אוניפאָרם, באַצירט מיט מעסערלעך, קינזשאַלן, זילבער־אויסגעהאַמערטע רימענדלעך און אַלערליי אַנדערע צאַצקעס. ברייט אין די פלייצעס, שמאַל אין דער טאַליע, מיט געטאָקטע לייכטע פיס אין ווייכע שטיוועלעך, מיט אַ

ממזריש פוטערנעם היטעלע אויפן קאָפּ, דורכגעקרייצט מיט גאָלדענע בענדע־לעך, לייכט און שוועבנדיק, — האָט ער אויסגעזען ווי אַ קאַווקאַזער אָפּערע־טע־„קראַסאַוועץ". ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט גרויסע, שוואַרצע, נאַ־רעשע אויגן און זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט אויף אַלע שניי־ווייסע ציין.

— ער איז דער אמתער פֿויגל, — האָט ער געזאָגט אין אַ קאָמישן רו־סיש, — אַ קראָ פֿון פּוילן.

ער האָט פּרובירט אָוועקלייגן אַ פֿאַטעטישע גרייזיקע רעדע, פֿול מיטן לשון פֿון גאַסן־רעדנער, וועגן רעוואָלוציע און קריג, אָבער דער באַרוועסער האָט אים אָפּגעשטעלט. אנשטאָט טענהן, האָט ער אַריינגערופֿן אַ באַוואָפֿנטן רויטאַרמייער און אים געהייסן מיטגיין מיט מיר אַהיים און פֿאַרנעמען מיט זיך אַלץ, וואָס איך פֿאַרמאָג. מער ווי די געריכטס־פּראָטאָקאָלן וועגן רוצח מיקאָליוק האָב איך גאָרניט געהאַט. דער באַרוועסער מיטן קאַווקאַזער האָבן לאַנג און דורכגרינדלעך באַטראַכט די יידישע אותיות, וואָס איך האָב געהאַט אַריינגעקוועטשט צווישן די רוסישע שורות, און זיך געהיימניספֿול איבער־געקוקט.

— דער טייוול ווייסט, וואָס פֿאַר אַ צייכנס דאָס זיינען, — האָט דער באַר־וועסער געזאָגט, זייענדיק זיכער, אַז ער האָט פֿאַר זיך די געפֿערלעכסטע פּוילישע שפּיאָנאַזש־דאָקומענטן.

דער קאַווקאַזער „קראַסאַוועץ" האָט צוגעשאָקלט. דער באַרוועסער האָט באַהאַלטן די פּאַפּירן.

— חבר רויטאַרמייער, שליס אים איין ביז ס'וועט קלאָר ווערן, — האָט ער געזאָגט, — און האַלט אַ גוט אויג אויף אים.

איך האָב געזען, אַז ס'האַלט שלעכט מיט מיר, אין דעם כאַאָס פֿון רעוואָלוציע און קריג האָט מען וויניק זיך צערעמאָניעט מיט אַ מענטש, נאָך דערצו מיט איינעם, וואָס קומט פֿון אַ לאַנד, וואָס איז אין קריג מיט רוס־לאַנד. איך האָב געוואָלט זיך ראַטעווען, אויפֿווייזן, אַז מיינע כתבים זיינען בלויז אומשעדלעכע מעשיות. דער באַרוועסער האָט מיך ניט געוואָלט הערן.

— „יערונדאַ" (קוואַטש)! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אַרויפֿגעצויגן די שטיוול אויף די פֿיס, — מיר'ן שוין דערגיין וואָס דו האָסט דאָרט אין די פּאַפּירן דיינע. געגאַנגען!

דער רויטאַרמייער האָט מיר געהייסן גיין פֿאָראויס און ער איז מיר נאָכגעגאַנגען מיט עטלעכע טריט פֿון הינטן, אַזוי אַז ביי יעדן פּרוּוו מיינעם צו לויפֿן, זאָל ער מיך קענען דערגרייכן מיטן באַיאָנעט אָדער מיט אַ קויל. כאָטש איך האָב זיין אויסגעשטרעקטע ביקס הינטער מיר ניט געזען, האָב איך געפֿילט איר קאַלטן אָטעם אויף מיין רוקן.

ער האָט גערעדט צו מיר הינטערוויילעכטס:

— מעגלעך, אַז דו ביסט ניט שולדיק, מעגלעך, אַז יאָ, — האָט ער פּי־לאָזאָפירט פויעריש, — איך בין אַ מענטש אַ פינצטערער, קען ניט לייענען און שרייבן, און איך ווייס ניט. מיינסטהאַלבן וואָלסטו געקענט גיין מיט גאָט און מיך וואָלט עס ניט אָנגעגאַנגען. אָבער איך האָב אַ באַפעל דיך צו באַוואַכן און איך מוז דעם באַפעל אויספירן . . . אַזוי איז עס, חבר . . .

איך בין געגאַנגען פאַראויס מיט לאַנגזאַמע טריט. מיטאַמאָל האָט מיך אָנגעטראָפן דער מיליטערישער דאָקטאָר קאַזיולין, וואָס האָט עוואַקואירט די לעצטע בעטן פון זיין שפּיטאָל. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט זיינע קאַלמיקישע אויגן און זיך פאַנאַדערגעלאַכט.

— העי, חבר פּושקין, — האָט ער אַ רוף געטאָן אין חוזק איבער מיין שרייבערישער באַשעפטיקונג, — אויף וועלכן קאָמיסאַר האָט איר דאָס געוואָרפן אַ באָמבע, הע?

אָפּנים, אַז איך האָב געמוזט אויסזען צו־ערנסט פאַר שפּאַסן, און ער האָט אויפגעהערט לאַכן.

— חבר רויט־אַרמייער, פיר אים צוריק, — האָט ער באַפוילן. — איך גיי־מיט און וועל קלאָר מאַכן די זאַך.

דער פוילער רויטאַרמייער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן. נאָך אַ היפּשן ישוב־הדעת, האָט ער מיר באַפוילן זיך אומצוקערן.

— צוריק איז צוריק, — האָט ער געברומט פויל, צופרידן מיך ניט איינצוזוכן.

אַ האַלבע שעה צייט אויפן זייגער האָט דער דאָקטאָר קאַזיולין איינגעטענהט מיטן באַרוועסן פאַרשוין וועגן ליטעראַטור, וועגן דער וויכטיקייט אירער פאַר די אַרבעטער־מאַסן און וועגן איר נוצן פאַר דער מאַכט פון די סאָוועטן. אָבער דער באַרוועסער איז געבליבן קאַלט, האַרט ווי אַ שטיין. דער פאַרגויאישטער דאָקטאָר האָט אַפילו מיט גרויס מי דערמאָנט זיך פון ייִנגלשע יאָרן די פאַרגעסענע יידישע אותיות און איבערגעלייענט מיט אַ שמייכל שורה נאָך שורה פון מיינע שרייבענישן אויף די געריכטס־פּראָטאָקאָלן. ער האָט לאַכנדיק זיי איבערגעזעצט אין רוסיש פאַר דעם טשוגונענעם פאַרשוין.

— איך גאַראַנטיר פאַר אים, חבר קאָמיסאַר — האָט ער געטענהט — איך, אַן אַלטער פאַרטיי־מאַן.

נאָך לאַנגן פאַרדעכטיקן שוויגן, האָט דער פאַרשוין מיטן טשוגונענעם פּנים זיך געלאָזט ברעכן.

— איך ווייס, אַ מענטש איז אַ פויער, אַ דאָקטאָר, אַ שרייבער אין אַ קאַנצעלאַריע, — האָט ער געזאָגט געלאַסן, — וועגן מעשה־שרייבער

איז ניט איך האָב געהערט, ניט איך פאַרשטיי צו וואָס מען דאַרף קאַליע־מאַכן פּאַפּיר דערויף.

נאָכדעם האָט ער געהייסן דעם רויטאַרמייער צוריקגיין צו זיין פּלאַץ, און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, אַרויסגענומען געלאָזן די דער־טרוקענע פליגן פון טינטער, איינגעטונקען די אַלטע פּען און מיט גרויס האַרעוואַניע אָנגעשריבן אויף אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר גראָבע גרייזיקע ווערטער, אַז איך מעג אַרויספאָרן פון דער געגנט און בין באַרעכטיקט צו אַ פּלאַץ אין אַ צוג. דערנאָך האָט ער אָנגעשפּיגן אויפן אויסגעטריקנטן שטעמפּל און אַוועקגעלייגט אַ צעשמירטע חתימה אויפן צעקנייטשטן פּאַ־פּירל.

— הייס, חברים, —האָט ער געברומט, שוויצנדיק פון דער שווערער אַרבעט ביים שרייבן.

אַ וואָך צייט בין איך אָפּגעלעגן ביי דער סטאַנציע הינטערן שטעטל, וואַרטנדיק אויף אַ צוג. עס זיינען דורכגעאַנגען צוגן פון צייט צו צייט, אָבער קיינער פון זיי האָט מיך ניט אַריינגעלאָזט. כאָטש איך האָב געוויזן מיין פּאַפּירל מיטן שטעמפּל. די צוגן זיינען געווען מילטערישע. אין אַ סך וואַ־גאָנען האָט מען געפירט עוואַקואירטע זאַכן פון באַדראָטע מלחמה־געגנטן. איינמאָל איז דורך אַ צוג, פול מיט פּראַכט און פּאַסאַזשירן. איך בין גלייך אַרויף אויף אַ דאַך פון אַ לאַסט־וואַגאָן, אויף וועלכן מען האָט זיך נאָך געקענט ערגעץ אַריינקוועטשן. זיצנדיק אויפן זון־אָנגעגליטן בלעך, האָב איך געהאַלטן אויג פאַר זיך, כדי ניט צו פאַרטשעפּען זיך אין אַ טונעל אָדער אין אַן אַנדער שטרויכלונג, ביי וואָס מען קען בלייבן מיט אַ קאָפּ קירצער.

דער צוג איז געווען אַ לאַנגער, אָנגעפּילט מיט פּאַסאַזשירן פון יעדן אויסזען און קליידונג. אין פילע וואַגאָנען האָט מען געפירט בהמות, קוילן, היי. וואוהין דער צוג גייט, האָט קיינער ניט געוואוסט. די וועגן זיינען געווען פאַרפּאַקט, די ליניעס פאַרנומען מיט מיליטערישע צוגן. אין אַנדערע ערטער זיינען געווען אויפגעריסן די רעלסן און בריקלעך, פאַנאַנדערגענומען די שוועלן.

— מען וועט פאָרן ווען מ'וועט קענען און וואו ס'וועט זיך לאָזן, — האָבן די באַן־אַרבעטער ביין געענטפערט די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין פרעגן קשיות.

נאָך אַ נאַכט זיצן אויפן צוג, גרייט יעדע מינוט צו לאָזן זיך אין וועג, אויב די ליניע וועט זיין פריי, האָט מען גענומען פאָרן. אָבער עס איז געווען אַ פאָרן, ביי וועלכן מען איז מער געשטאַנען ווי באַוועגט זיך. אָדער עס האָט

אויסגעפּעלט קוילן פאַר דעם לאָקאָמאָטיוו און די פּאַסאַזשירן האָבן געמוזט גיין אויסהאַקן עטלעכע ביימער און צעשניידן זיי אויף שייטן האָלץ צו הייצן דערמיט די מאַשין, אָדער עס האָבן זיך אָנגעצונדן אין אַ וואַגאָן די אַקסן, וואָס מען האָט ניט געשמירט אַ צייט, אָדער עס איז עפּעס קאַליע געוואָרן אין מעכאַניזם פון דעם אַלטן לאָקאָמאָטיוו. ער האָט אַלץ געטאָן, דער לאָקאָמאָטיוו. ער האָט געפּייפט אַ סך, גערויכערט, געשפּריצט גאַנצע זיילן פון פייער און פונקען, געעיפּושט, געסאָפּעט, געקרעכצט, אָבער געלאָפן איז ער ניט. איינמאָל האָט דער מאַשיניסט גאָר איבערגעלאָזט דעם צוג אינמיטן וועג און אַראָפּגעגאַנגען אין דאָרף צו אַ באַקאַנטן פּויער טרינקען טיי.

צוריקגעקומען איז ער אין אַ שעה אַרום אָמווייניקסטנס. פון זיין וואַקלען זיך אויף די פיס, האָט מען געקענט משער זיין זיך, אַז ער האָט ניט געטרונקען קיין טיי, נאָר מלחמה־בראַנפן „סיוואוכע”, וואָס די פּויערים אַליין האָבן געטריבן זינט דער מלחמה. נאָר פון אָט דעם היימישן בראַנפן האָט מען געקענט זיין אַזוי טויט־שיכור, ווי דער מאַשיניסט איז עס געווען. באַלד טאַקע האָט דער צוג אונדזערער גענומען וואַקלען זיך ווי דער מענטש, וואָס האָט אים געפירט. אין איין אָרט האָט זיך דער צוג איבערגעריסן — איין העלפט איז אַוועק מיט דעם לאָקאָמאָטיוו פאָראויס, די אַנדערע העלפט, די אָפּגעריסענע, איז געלאָפן צוריק. איך בין געווען פון די צוריקלויפנדיקע. צום גליק איז די געגנט געווען אַ פלאַכע, און די צוריקלויפנדיקע וואַגאָנען האָבן זיך אָפּגעשטעלט נאָכדעם ווי עס איז זיי אויסגעגאַנגען דער כוח פון אימפּעט. מיר זיינען געווען זיכער, אַז דער שיכורער מאַשיניסט וועט אונדז לאָזן שטיין אין מיטן וועג, אָבער ער האָט צוריקגעפירט דעם לאָקאָמאָטיוו, פאַראייניקט אונדז מיט אַלטע לויזע האָקענס און געלאָזט זיך ווייטער אין וועג.

שעהן, טעג, גאַנצע נעכט איז מען געשטאַנען אויף פאַרוואָרפענע סטאַנציעס, אָפּט אין מיטן פעלד, און געוואַרט. ניט מען האָט געוואוסט אויף וואָס מען וואַרט, ווען מען וועט פאָרן, ווי אַזוי מען וועט פאָרן. מיינע שכנים אויפן דאַך, פאַרשווינען מיט אַ סך זעקלעך, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין איין איבערבינדן, האָבן דערציילט וועגן באַנדעס, וואָס רייסן־אויף רעלסן, באַפאַלן צוגן, שניידן־אָפּ נאָז און אויערן ביי יידן און קאָמיסאַרן, און וועגן נאָך אַזעלכע פריילעכע זאַכן . . .

דאָס זיינען געווען מאָדנע לייט, אָט די שכנים מיינע אויפן דאַך. צוליב זייערע זעלנערישע העמדלעך, שטיוול, הויזן און היטלעך, וואָס זיי האָבן געטראָגן אָן עמבלעמען, האָט מען ניט געקענט וויסן גענוי, צי זיי זיינען סאָלדאַטן אין דינסט פון די סאָוועטן, צי אין דינסט פון זייערע שונאים. זיי האָבן אויך אַזוי גוט געקענט זיין דעזערטירן, אָדער גלאַט ציווילע לייט.

וואָס טראָגן נאָך די סאָלדאַטסקע קליידער פון דער מלחמה, אָדער אַזוי אַרויפגעצויגן אויף זיך מיליטערישע מלבושים, ווי מערסטנס מענער האָבן געטראָגן זינט דער איבערערעניש. איינער פון זיי, אַ געניטער חברה־מאַן, וואָס האָט געקענט אַלע וועגן, אַלע מנהגים און געזעצן און די מאַרשרוטן פון אַלע באַנען, וואָס האָבן אַליין זייערע מאַרשרוטן ניט געוואוסט, האָט ניט אויפגעהערט צו דערציילן בייסיקע מעשיות און וויצן וועגן סאָוועטישע קאָמיסאַרן און באַאמטע, וואָס אַלע זיינען זיי געווען ביי אים יידן. דער עולם אַרום האָט אָנגעקוואָלן פון זיינע מעשיות און געשיכטעס. ווען ער איז מיד געוואָרן פון ריידן, האָט ער גענומען שפּילן אויף אַ גיטאַרע און צוזינגען מלחמה־לידלעך. אָפּטער פון אַלע אַנדערע לידער האָט ער געזונגען דאָס ליד וועגן עפּעלע, וואָס קייקלט זיך אין טשעקאַ אַריין. דער עולם אַרום האָט מיט־געזונגען מיט הארץ דאָס לידל, אין וואָס זיי האָבן, אפנים, געזען אַן אָנצוהערעניש אויף זייער לעבן.

„עך טי יאַבלאָטשקאַ, קודאַ טי קאַטישסיאַ;
פּאַפּאַדיאָש וו'טשעקאַ, באָלשע ניע וואָראָטישסיאַ" . . .

מער נאָך ווי מיט דעם לידל, האָט דער יונג מיט דער גיטאַרע אויס־גענומען ביי די דאָך־פּאַסאַזשירן מיטן לידל וועגן דער פריילעכער חתונה ביים קאָמיסאַר שנייערסאָן. אַ פריילעך לידל, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבערן לאַנד אַזוי ווי דאָס ווילד־גראָז אויף דער פאַרוואָרלאָזטער ערד. אין אָט דעם לידל זיינען אויסגערעכנט געוואָרן צום גראַם אַלע מחותנים, וואָס זיינען גע־קומען טאַנצן אויף דער חתונה פון חתן שנייערסאָן מיט זיין כלה שרה. עס איז געקומען דער קאָמיסאַר מאיר, וואָס קאָנפיסקירט ביי פּויערים פּוטער און אייער; די מומע רעבעקאַ, וואָס דינט אין טשעקאַ; דער קאָמיסאַר איבער שפּייז וואָראָבעיטשיק און דער קאָמיסאַר איבער אייזנבאַנען סאָלאָוועיטשיק, און די קאָמיסאַרקע זלאַטע און איר טאַטע . . . דער יונג מיט דער גיטאַרע האָט מיט זייער אַ קאָמישן רוסיש אַרויסגערעדט די נעמען פון אָט די יידישע מחותנים, און די אַנדערע לייט אויפן דאָך האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט, געטופּעט מיט די פיס צום טאַקט:

„סטראַשנאָ שומנאָ נאַ סוואַדבע שנייערסאָנאַ" . . .

דערביי האָבן זיי געקוקט מיר אין די אויגן אַריין מיט ממזרישע בליקן און געוואָלט וויסן פאַרוואָס איך זינג ניט מיט. בייגאָלט, ווען אַלע זיינען גע־לעגן אויסגעלייגט פלאַך אויפן דאָך, כדי ניט אָנצושלאָגן זיך אין אַ שטרויכלונג אין דער פינצטער, האָבן זיי זיך צוזאַמענגעטוליעט אין איין קופּע, געדרויכערט געוויקלטע מאַכאָרקע־פּאַפּיראָסן און דערציילט אַ וועלט מיט מעשיות, אַלץ

וועגן באַנדעס, וואָס שטעלן אָפּ צוגן און שנײַדן אָפּ נאָז און אויערן ביי קאַ־מיסאַרן און יידן.

נאָך איינער אַזאַ נאַכט בין איך אָנגעקומען פאַרטאָג צו אַ סטאַנציע — באַכמאַטש.

צי די סטאַנציע איז געווען אויף דעם וועג צום באַפרייטן קיעוו, וואוהין דער צוג האָט געדאַרפט גיין, צי מען איז געווען געצוואונגען פאַרבייצופאָרן די סטאַנציע, ווייל מען האָט ניט געקענט פאָרן מיט אַנדערע ליניעס, — געדענק איך מער ניט. איך וואָלט אויך ניט געדענקט דעם מאָדנעם נאָמען באַכמאַטש, ווי איך געדענק ניט געגנוי די אַלע אַנדערע פאַרבייפאָרנדיקע סטאַנציעס מיט אַזעלכע נעמען, ווי קוטשיבעיעווקע און ענלעכע, — ווען עס געשעט ניט אין אָט דעם באַכמאַטש אַ באַזונדערס טשיקאַווער פאַל.

אַ היפּשן מהלך פאָרן וואָקזאַל פון דער סטאַנציע באַכמאַטש, האַרט ביי די אָנגעהויפּטע אייזנבאַן־שוועלן, פאַרלאָזענע שפּיכלערס און באַן־בודקעס, האָט אַ מחנה מענער, באַוואָפנט מיט ביקסן, פאַרשטעלט אונדזער צוג דעם וועג און באַפוילן אָפּצושטעלן זיך אויפן אָרט. דער קריכנדיקער לאָקאָמאָטיוו האָט ניט געדאַרפט אָנלייגן קיין איבעריקע טרחה ביים פּלוצלונגדיקן פאַרהאַלטן זיך. אַ ווילע האָבן מיר ניט געוואוסט ווער די באַוואָפנטע לייט זיינען. אַלע באַוואָפנטע מענער צו יענער צייט, סײַ די, וואָס האָבן געדינט דער רעוואָלוציע, סײַ אירע שונאים, האָבן געטראָגן די זעלבע צעריסענע שטיוול אָדער לאַפּטיעס, די זעלבע וואַטענע הויזן, לייבלעך און צעשויבערטע היטלען סײַ ווינטער, סײַ זומער; די זעלבע ביקסן אָנגעהאַנגען אויף שטריקלעך. דער יונג מיט דער גיטאַרע האָט אַ ווײַלע צוגעלייגט זיינע הענט איבער די אויגן און נביאות געזאָגט, אַז די לייט דאַרפן זיין פּאָטערל מאַכנאָס אָדלערלעך. זיינע שכנים האָבן באַצייטנס געקוקט אויף מיר מיט ניט גוטס אין זייערע אויגן. באַלד האָט דער יונג דערזען אַן אָפּשיין פון אַ גאָלדענעם שטערן אויף אַ שוואַרצער ברוסט פון אַן אָנפירער, און ער איז געוואָרן אומרואיק.

— ברידערלעך, פּראַוואָסלאַוונע, דאָס איז אַ שטראָף־עקספּעדיציע קעגן שמוגלערס, — האָט ער אָנגעזאָגט צאָרנדיק אַ בשורה.

די פּראַוואָסלאַוונע ברידערלעך האָבן גלייך גענומען שאַרן זיך אַרום זייערע זעקלעך, בינדן און איבערבינדן זיי צום וויפלטן מאָל. דער אָפּשיין פון גאָלדענעם שטערן האָט זיך דערנענטערט מער און מער. באַלד האָט מען געקענט זען דעם שטערן־טרעגער אינגאַנצן. ער איז געווען אין לעדער פון קאָפּ ביז די פיס. דאָס היטל, דער ראָק, די הויזן ביים געזעס, — אַלץ איז געווען פון ריינסטן שוואַרצן לעדער. די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון האָבן פריילעך זיך געשפּילט מיטן גאָלד־אויסגעהאַפּטענעם שטערן

אויף דעם קאָמיסאַרס שוואַרצן לעדערנעם ראָק, ווי מיט דעם מויזער־פּיס־טאָלעט, וואָס האָט געשטעקט נאַקעט אין זיין רימען. דער יונג מיט דער גיטאַרע האָט איין בליק אויף אים געגעבן און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט צו זיינע לייט.

— ברידערלעך פּראַוואָסלאַוונע, עס איז שלעכט, — האָט ער געזאָגט, — דער לעדערנער איז אַ „טאַרטער״.

אַזוי האָט מען דעמאָלט גערופן יידן, אַפּנים, צוליב זייערע האַלדז־קלאַנגען אין רוסישן לשון, וואָס קלינגט אין גויאישע אויערן ווי מען וואָלט זאָגן טאַרטאַר . . .

די חברה־לייט האָבן ווידער גענומען שלעפּן הין־און־צוריק זייערע זעק־לעך, בינדן און איבערבינדן זיי. דער קאָמיסאַר אין לעדער האָט אַרויפ־געררוקט זיין שטייף היטל אויפן קאָפּ און אַרויסגעלאָזט אַ וואַלד מיט געדיכטע שוואַרצע קרויזן. באַלד האָט ער אָפּגעמאָסטן דעם צוג מיט אַ פּאָר ברענענדיקע גרויסע שוואַרצע אויגן און אויסגערופן הויך:

— טאָוואַרישטשי, אַרויסגיין פון צוג, מיט האַק־און־פּאַק!

דער „ריש״ אין זיין „טאָוואַרישטשי״ איז געווען ווייך, האַלדזיק, אינגאַנצן אַזוי ווי דער יונג מיט דער גיטאַרע פלעגט נאָכשפּאָטן אין זיינע לידלעך די מחותנים אויף קאָמיסאַר שנייערסאָנ׳ס חתונה. ווי איבערגעטריבן יידיש עס איז געווען זיין רוסיש לשון, אַזוי איז געווען זיין אויסזען. זיין נאָז איז געווען געבויגן און שטאַרק, ווי ביי אַ רויב־פויגל; זיינע ברעמען — געדיכט און צונויפגעוואַקסן; זיינע ליפּן — רויט, פול און זינלעך; דער קאָליר פון זיין פליישיק פּנים איז געווען טונקל־ברוין, פאַרשרפהט פון זון און ווינט. אָבער מער פון אַלץ איז דאָס יידישקייט געלעגן אין זיינע אויגן, גרויסע קויל־שוואַרצע, איינגעפאַסט אין שאַרף־געצייכנטע ווייס און ברעמען. אָבער קיין ברעקל סימן פון טרויער איז ניט געווען אין אָט די שוואַרצע יידישע אויגן; זיי האָבן געלאַכט, געבאָדן זיך אין פרייד. די האַלבע מאה סאָלדאַטן זיינען געווען ווי איין טראָפּן וואַסער ענלעך צו אַלע אַנדערע רוסישע באַוואָפנ־טע פויערים, קאַלירלאָז, גרוי, טעמפּ. זייערע גרויע מלבושים זיינען געווען צעקנייטשט, לויז. אָבער פון זייערע אַרומגעגאַרטלטע לענדן האָבן נאָכגע־האַנגען האַנט־גראַנאַטן.

די פּאַסאַזשירן מיט פּעקלעך און זעקלעך האָבן זיך ניט געאיילט אַרויס־צוקריכן פון די לאַסט־וואַגאָנען. זיי האָבן געהאַלטן אין איין פּאַרקען זיך אַרום זייערע זאַכן. פּוילער פון אַלע האָבן זיך גערירט די פאַרשווינען פון מיין דאַך. דער קאָמיסאַר האָט אונטערגעטריבן:

— רירן זיך, חברים! — האָט ער אונטערגעגעבן חשק דעם עולם, — הייבן פיס!

איך האָב אַראָפּגעקלעטערט פון דאַך דער ערשטער. איך האָב גאָרניט געפירט, אַ חוץ מיינע לייוונטענע הויזן און רעקל, אויפגעגנייט פון אַן אַלטן שטרוי־זאַק. מיין שפייז איז געווען אַ האַלבער קירבעס, אַ דאַר שטיקל ברויט און אַ סקעלעט פון אַ הערינג. דער קאָמיסאַר האָט מיך געהייסן אוועקגיין אין אַ זייט, און ער האָט געטריבן די פּאַסאַזשירן מיט באַגאַזש.

— אַלץ עפענען, יעדער זעקל און פעקל, חברים רויטאַרמייער! — האָט ער באַפוילן און אונטערגעגעבן פייער די פוילע לאַנגזאַמע סאָלדאַטן זיינע, וואָס האָבן גלייכגילטיק דורכגעפירט די רעוויזיע.

אַזוי האָט ער געטריבן די פּאַסאַזשירן־מיוחסים, וואָס האָבן קיין חשק ניט געהאַט צו עפענען זייערע באַגאַזשן און באַווייזן די סאָלדאַטן זייערע פּאַפּירן, גרויסע פּאַפּירן מיט שטעמפּלען, וואָס האָבן עדות געזאָגט אויף די וויכטיקע שטעלעס פון די מענטשן אין דינסט פון די סאָוועטן. די סאָלדאַטן, שוואַך אויף דער עברי און פול מיט פויערישן אָפּשיי פאַר פּאַפּירן און שטעמפּלען, האָבן ניט געוואָגט אָנצוהייבן זיך מיט די וויכטיקע לייט. דער ברונעטער קאָמיסאַר האָט אַרויסגעטריבן די מורא פון זיי.

— איר מעגט זיין חבר טראָצקי אַליין, דאַרפט איר עפענען אייערע זאַכן, — האָט דער יונג „געענטפערט יעדן, וואָס האָט אויסגערעכנט זיינע זכות־אבות, — אַרויס מיט די בעבעכעס און לאָמיר זען וואָס מען האָט דאָרטן . . .

זיינע שוואַרצע אויגן זיינען אומעטום געווען פול, ווי געשיקט אימעצער האָט ניט פּרובירט אָפּשטעקן עפּעס אין אַ זייט, האָט ער עס דערפּאַקט מיטן אויג. עס איז זיך גאָרניט געווען אויסצובאַהאַלטן פון זיינע גרויסע ברענענ־דיקע אויגן. ער האָט זיך אויך ניט געלאָזט פאַררײדן די ציין. ער איז ניט נתפּעל געוואָרן ניט פון קיין טיטולן און ראַנגען, ניט פון קיין אויסריידענישן און תירוצים, ניט פון קיין ווייבערישע חנדלעך און שמייכלען.

איינע אַ בלאָנדע יפת־תואר, אַ גרויסע אין וואוקס און מיט אַ בכבודן רויטן צלם אויף איר ווייס פאַרטעך, אַ סימן, אַז זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל, האָט ביי קיין פאַל ניט געוואָלט עפענען איר וואַליזע. זי האָט געבעטן, געחנדלט זיך מיט איר ווייבלעכקייט, געוויינט, גע־קראַגן היסטעריע.

— חבר קאָמיסאַר, איך אַרבעט אין אַ שפּיטאָל פאַר פאַרוואונדעטע רויט־אַרמייער, — האָט זי געטענהט, — דאָס זיינער מיינע פּאַפּירן פון שטאַב אַליין.

דער יונג אין לעדער איז ניט נתפּעל געוואָרן ניט פון איר גרויסער

שיינקייט, ניט פון אירע גרויסע פאַפּירן.

— וואָס האָט איר דאָרטן, שוועסטער? זאַלץ? צוקער? — האָט ער געפרעגט לאַכנדיק און געקוקט איר אין די פאַרווײנטע שיינע גרויע אויגן.

זי האָט ניט געהאַט ניט קיין זאַלץ, ניט קיין צוקער, נאָר אַ סך באַנ־דאַזשן, וואַטע און אַספּירינען, — אַלץ זאַכן, וואָס זיינען געווען אַ יקר־המציאות אין שפּיטאָלן.

מיטאַמאָל האָט דער יונג גאָר געגעבן אַ שטעל־אָן זיינע שוואַרצע פּריי־לעכע אויגן אויף דער קראַנקן־שוועסטערס געבענטשטן ביוסט, וואָס איז שוין געווען אַביסל צו הויך אַפילו פאַר איר צעוואַקסענעם ווייבלעכן גוף, און ער האָט געהייסן דער רויטער צעוואַקסענער יפת־תואר, זי זאָל אַרויס־נעמען פון דאָרטן דאָס, וואָס זי האָט פאַרשטעקט. די בלאַנדע פאַרשוויגטע איז געבליבן אַ פאַרשטיינערטע.

— איך האָב דאָרטן קיין זאַך ניט, ביי גאָט! — האָט זי געשוואָרן.

דער יונג האָט דורכגעשפּיזט איר פולן בוזעם.

— נעם אַרויס, שוועסטערל, — האָט ער איר געגעבן אַ פריינטלעכע עצה, — אַ׳ניט וועלן מיר מוזן אַליין אַרויסנעמען . . .

די „שוועסטער” האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי מען האָט שוין גאַרניט וואָס צו פאַרלירן, און, אַריינשטעקנדיק די האַנט אין בוזעם, האָט זי אַרויסגענומען פון דאָרטן, פון סאַמע הינטערן רויטן צלם, אַ פלעשל מיט אַ ווייסן פודער.

— נעמט, נעמט אַלץ, נעמט מיין נשמה! — האָט זי געשריגן אין היסטע־ריע, — ס׳איז אייער צייט.

דער קאָמיסאַר האָט גענומען דאָס פלעשל, געעפנט עס, אַ שמעק גע־טאָן דערצו און געלאָזט ווייסן, מעשה־מבין, וואָס ער האָט דערשמעקט.

— אַזוי, שוועסטערל, קאָקאַאין פירט מען? — האָט ער געפרעגט.

די גרויסע יפת־תואר האָט געוויינט אויפן קול.

— גאָט! — האָט זי גערופן, — מוטער הייליקע!

אין די פּעקלעך און זעקלעך פון אַנדערע פּאַסאַזשירן האָט מען געפונען אַנדערע פאַרבאָטענע זאַכן — מעל, לייוונט, לעדער, צוקער און מער פון אַלץ — זאַלץ, אַ סחורה, וואָס איז געווען טייערער נאָך פון צוקער. גאַנצע זעקלעך זאַלץ האָט מען געפונען ביי מיינע שכנים פון דאַך.

דער קאָמיסאַר האָט אָוועקגעשטעלט אונטער אַ וואַך פון איין זייט די גע־שמוגלטע סחורות, פון דער אַנדערער זייט — זייערע שמוגלער, און ניט אויפגעהערט יאָגן די פוילע סאָלדאַטן מיט זיינע האַלדזיקע „רישן” אין וואָרט „טאָוואַרישטש”, וואָס ער האָט גענוצט נאָך יעדע פּאָר ווערטער.

— „סקאַרדעי, טאָוואַררישטשי!״ — האָט ער געאײַלט, — גיך, גיך, נישטאָ קיין צייט! . . .

אין צויאָגן די מענטשן זיינע איז געווען די פריילעכקייט און הפקר־דיקייט פון אַ יידישן באַלעגאָלע־יונג, אַ געניטער שמייסער און אַ גרויסער איינרייסער, וואָס כאַפּט־אויס ביי אַלע אַנדערע באַלעגאָלעס די פאַרשוינגען פון הינטער דער נאָז און פאַקט זיי אַלע אַריין צו זיך אין דער בויד, צי זיי ווילן עס יאָ, צי נישט. און ער האָט, אַפּנים, געמוזט זיין אַ באַלעגאָלע פריער, איידער ער איז אָנגעקומען אין דינסט פון דער רעוואָלוציע. מען האָט דאָס געקענט זען אין זיין איינגעקרעמפּטן שטאַרקן גוף, אין זיין פאַרברענט פּנים, אין זיין צעקרויזטער קויל־שוואַרצער קוטשמע האָר, וואָס האָט זיך אים אַרויסגעשיט פון פאַרשאַרצטן היטל. ער האָט אויסגעזען ווי איינער פון די קרעפּטיקע יידישע פּראָסטע בחורים, וואָס האָבן צו טאָן מיט שלעכטע וועגן, פערד, גזלנים אין וועלדער, שטורמען, רעגנס ווינטן, הונגעריקע וועלף און אַנדערע סכנות. ער איז געשטאַנען מיט פעסטע פיס אויף דער פאַרוואָר־לאָזטער אוקראַינישער ערד.

צום לעצט איז ער צוגעגאַנגען צו אַ לאַסט־וואַגאָן, וואָס איז געווען פאַר־מאַכט פון אויבן ביז אַראָפּ. אויף די פאַרהאַקטע טירן פון אָט דעם וואַגאָן איז געווען אָנגעשריבן מיט קרייט, אַז ער איז פאַרנומען פון מאַטראָזן און אַז קיינער טאָר ניט אַריינגיין אין אים. דער יונג אין לעדער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אויפן סאַמע אויפשריפט.

— חברים, עפענען! — האָט ער געזופן מיט זיינע יידישע „רישן״.

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. בלויז דאָס פריילעכע שפּילן פון אַ מויל־האַרמאָניקע האָט זיך געטראָגן פאַרשטיקט פון פאַרמאַכטן וואַגאָן. דער קאָמיסאַר האָט ניט געניצט מער די פויסט, נאָר דאָס הענטל פון זיין נאַקעטן גרויסן פיסטאָלעט.

— חברים, עפענען די מינוט! — האָט ער געדונערט, קלאַפּנדיק מיטן פיסטאָלעט אין דער טיר.

דאָס שפּילן פון דער האַרמאָניקע האָט זיך שטאַרקער אַרויסגעריסן פון פאַרמאַכטן וואַגאָן.

דער יונג אין לעדער האָט טיפער אַרויפגערוקט דאָס היטל איבערן קאָפּ, ווי עס וואָלט אים געשטערט אין טראַכטן. ער האָט פאַנאַנדערגענומען די אויסגעפּילטע פיס זיינע, קרומלעך אַריינגעשטעלט זיי אין דער ערד, ווי ער וואָלט זיך געקליבן זיי איינפעסטיקן אויף אייביק אין גרונט, און האָט געגעבן אַזאַ באַפעל, אַז ער האָט זיך אָוועקגעטראָגן, דער באַפעל, אויף

וויאַרסטן ווייט און צוריקגעקומען מיט אַ סך ווידער־קולות פון דער פאַר־טאָגיקער שטילקייט.

— עפּענען די טיר, חברים, וואָרעם איך וועל שיסן!

די מויל־האַרמאָניקע אין פאַרמאַכטן וואַגאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט און די טיר האָט זיך פאַנאַנדערגערוקט מיט אַ סקריפּ. אין איר איז געשטאַנען אַן איין־און־איינציקער מאַטראָז, וואָס האָט זי אײַנגאַנצן אויסגעפילט.

אַלע פאַרזאַמלטע האָבן געעפנט מויל־און־אויערן אויף דעם ים־מענטש, וואָס איז געשטאַנען אין דער וואַגאָן־טיר. אַפילו אין לאַנד פון הויכע צע־וואַקסענע מענער, באַזונדערס צווישן ים־לײַט, האָט מען געמוזט גאַפן אויף אָט דעם מגושמדיק־צעוואַקסענעם פאַרשוין, וואָס האָט אויסגעזען ווי איינער ניט פון דער וועלט. אַלץ ביי אָט דעם ים־מענטש אין בלויע מאַטראָזן־קליידער איז געווען אומגעלומפּערט — די הענט, פיס, אַקסלען, קאָפּ, זיין אַראָפּפאַלנ־דיקע טשופּרינע, העל ווי פלאַקס, איז אים געלעגן ביז די אויגן, שטאָלענע, קאַלטע, ווי צוויי שטיקלעך פאַרכמורעטער ים. פון זיין מעכטיקער צעשפּי־ליעטער ברוסט האָט אַרויסגעקוקט אַ טאַטואירטער קאָפּ פון אַ ציגיינער־מיידל מיט ווילדע בינטלעך האָר פון ביידע זייטן. איבער זיין אַקסל איז געווען פאַרוואָרפן אַ פּאַס מיט מאַשין־געווער קוילן. אין זיין רימען האָבן געשטעקט צוויי פּיסטאָלעטן און אַ קאַווקאַזער קינזשאַל דערצו. זיין בלאַס אומבאַוואוגלעך פּנים איז געווען פאַרגליווערט. מ׳האָט ניט געקענט וויסן, צי ער איז יונג, צי אַלט. אין אָט דעם פּנים, מיט איבערגעטריבן־גרויסע און אַרויסגעזעצטע קינבאַקן און שטאַרקן קין, האָט געשטעקט אַ קאָמיש־קליינע נאָז, אַ קורצע, אַ ברייטע, וואָס איז כמעט באַשטאַנען פון בלויז צוויי פאַרקאַשערטע נאָז־לעכער. די טיר פון וואַגאָן איז געווען צו־נידריק פאַר זיין אומגעלומפּערטער צעוואַקסנקייט און ער איז דערפאַר געשטאַנען אָנגעבויגן, מיטן קאָפּ אַרויס־געזעצט, וואָס דאָס האָט אים צוגעגעבן נאָך מער גבורה און חיהשקייט. ער האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעטריבן בילד פון אַ ים־רויבער אויף ביכלעך פאַר אַוואַנטוריסטישע יינגלעך. זיין קול איז געווען אַזוי מגושם, ווי ער אַליין. — „טיעביע שטאָט, אַ?״ (וואָס פאַרלאַנגסטו?) — האָט ער געפרעגט מיט אַ סקרי־פּענדיקער באַס־שטים, ווי זי וואָלט געקומען פון אַ הויל פּאַס אַרויס.

דער לעדערנער קאָמיסאַר האָט אין אַלעמענס אויגן גלייך פאַרלאָרן אַ העלפט פון זיין איינגעפּעסטיקטן קערפּער לעבן דעם ריז אין דער וואַגאָן־טיר. מיינע דאַך־מיטרייזנדיקע, וואָס זיינען איצט געשטאַנען אונטער אַ וואַך, האָבן זיך איבערגעקוקט מיט שפּאָטישע בליקן, ווי זיי וואָלטן פאַרגעפילט שלעכטס פאַר דעם ברונעטן יונג אין לעדער. דער לעדערנער יונג איז גע־בליבן אַזוי זיכער און לוסטיק ווי פריער.

— חבר מאַטראָז, — האָט ער געזאָגט מיט זיינע ווייכע יידישע „רישך“, — איר, און אַלע אייערע, גייט אַרויס פון וואַגאָן, ווייל מיר דאַרפן אים דורכזוכן.

דער ים־מענטש אין דער טיר האָט אַ ווילע געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך מיישב געווען, צי עס לוינט גאָר צו ריידן צו אָט דעם בחור אין לעדער. נאָך אַ לאַנגן ישוב האָט ער געלאָזט הערן זיין נידריק באַס־קול:

— חבר קאָמיסאַר, — האָט ער געזאָגט, — מיר זיינען דאָ מאַטראָזן פון דער סאָוועטישער פלאָטע און קיינער זוכט ניט ביי אונדז, פאַרשטאַנען?

דער קאָמיסאַר האָט אַרויפגעקוקט פון אונטן צום ים־מענטש אין דער טיר, און אָנגעהאַלטן זיין רואיקע לוסטיקייט.

— חבר מאַטראָז, איך בין אויך אין דינסט פון דער סאָוועטן־מאַכט, און איך האָב אַ באַפעל ביי אַלעמען צו זוכן, — האָט ער געענטפערט פריילעך, — אָן אונטערשיד, חבר.

דער צעוואַקסענער ים־מענטש האָט אַרויסגעזעצט נאָך נידעריקער זיין ממגושמדיקן קאָפּ און מיט קאַלטע שטיקלעך ים, וואָס דאַרפן זיין אויגן, אָפּגע־מאָסטן דעם יונג אין לעדער פון קאָפּ ביז פיס. אין זיין בליק איז געווען ניט כעס, נאָר פאַראַכטונג, שפּאָט פון אַ לייב, וועמען אַ ציג שטעלט זיך קעגן.

— יונגערמאַן, — האָט דער ים־מענטש גערופן דעם לעדערנעם יונג היימיש, אָן דעם קאָמיסאַרישן טיטול זיינעם, — יונגערמאַן, איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז מיר זיינען מאַטראָזן דאָ, דער שטאָלץ פון דער רעוואָלו־ציע, און קיינער וועט ביי אונדז ניט זוכן.

— חבר מאַטראָז, איך האָב אַ באַפעל צו זוכן, — האָט דער יונג אין לע־דער געענטפערט, — שטערט ניט אַ קאָמיסאַר פון דער סאָוועטן־מאַכט אויס־פירן זיינע פונקציעס.

ער האָט געזאָגט די רייד מיט שטאָלץ, מיט אָפענער צופרידנקייט פון זיך אַליין, וואָס ער באַנוצט אַזאַ שיינע הויכע שפּראַך.

אַלע פּאַסאַזשירן האָבן געעפנט מויל־און־אויערן, אין דערוואַרטונג פון דעם וואָס דאַרף דאָ קומען. די סאָלדאַטן מיט די ביקסן אויף שטריקלעך האָבן געקוקט דאָ אויף דעם ים־מענטש, דאָ אויף זייער קאָמיסאַר. פון זייערע פויערישע פּנימער איז געווען שווער צו וויסן, אויף וועמענס צד זיי זיינען מער. די לאָקאָמאָטיוו־הייצער זיינען געשטאַנען בייגעריקע אין זייערע פאַר־שמאָלצענע מלבושים.

— ס'עט זיין פריילעך! — האָבן זיי נביאות געזאָגט און פאַרוויקלט מאַ־כאָרקע אין ציימונגס־פּאַפּיר.

— יאָ, ס'וועט זיין, — האָבן געוואָגטע פּאַסאַזשירן צוגעברומט.

פאַר דער גאַנצער צייט פון דער רייזע מיט אָט דעם לאַנגן און שלעפּנדיקן

צוג האָט מען ניט אויפגעהערט צו ריידן פון דעם מאַטראָזישן וואַגאָן, וואָס איז מערסטנס געווען פאַרשלאָסן, ווי ער וואָלט זיך גאַרניט אָנגעהערט מיט דעם איבעריקן צוג. אויב מען האָט אַמאָל געזען די פּאַסאַזשירן פון אָט דעם לאַסט־וואַגאָן, איז עס נאָר געווען ביי סטאַנציעס, ווען עמעצער פון זיי איז אַראָפּגעגאַנגען אויסצוציען די ביינער. צוזאַמען מיט די מאַטראָזן, פלעגן אויך אַרויסלאָזן זיך פון דאָרטן עטלעכע מיידלעך, יונגע צעשויבערטע נקבות, אָנגעפּאַרבטע, אָנגעפּודערטע, אָנגעטאָן אין פאַרביקע אָפּגעטראָגענע קליידלעך און אין קליינע שיכלעך מיט הויכע קנאַפּעלס, צו שטאָטישע און צו פרעמדע פאַר די צייטן פון רעוואָלוציע. די מיידלעך האָבן הילכיק געכיכיקעט יעדעס מאָל, ווען די מאַטראָזן האָבן זיי געמוזט טראָגן אויף די הענט ביים אַרויס־גיין אין דער טיר פון לאַסט־וואַגאָן, וואָס איז געווען צו־הויך פון דער ערד. ווי שנעל זיי זיינען אַרויס אויף אַ ווייל, אַזוי שנעל זיינען זיי צוריקגעלאָפן אין וואַגאָן אַריין. אין זייער לויפן איז געלעגן די איילעניש פון ווייבער, וואָס זיינען נאָך ניט געניט געווען לאַנג אין זינדיקן.

כאָטש דער וואַגאָן איז געווען אָפּגעשלאָסן און סאַי די מאַטראָזן, סאַי די מיידלעך זייערע האָבן מיט קיינעם זיך ניט אַריינגעלאָזט אין קיין אונטער־וועגישע געשפּרעכן, האָבן אָבער אַלע פּאַסאַזשירן, אין די וואַגאָנען און אויפן דאַך, געוואוסט, אַז אַ פריילעך לעבן ווערט דאָרטן געפּראַוועט אין אָט דעם געשלאָסענעם וואַגאָן. דאָס האָט מען געוואוסט אי פון דער מויל־האַרמאָניקע, וואָס האָט דאָרטן אָפט געשפּילט אַלערליי פריילעכע קאַמאַרינסקעס, קאָזאַק־לעך און גאַסן־לידער, אי פון די באַסיקע מאַטראָזישע געזאַנגען, באַגלייט פון מיידלשע סאָפּראַנען, אי פון די געלעכטערס און קולות און קריגערייען, און נאָך מער פון שוויגן, פון סודותדיקן שוויגן, וואָס פלעגט אָנקומען נאָך די פריילעכע הוליאַנקעס. כאָטש קיינער האָט ניט געוואַגט אַריינצוגיין אינעווייניק, האָט מען געוואוסט, אַז די ים־מענטשן פירן דאָרטן אַ לוסטיק לעבן, אַז זיי האָבן גאַנצע זייטלעך פלייש, וואָס זיי קאָכן, פלעשער קאָניאַק פון פאַר דער מלחמה און אַפילו אַ פּעסל וויין, פון וואַנען זיי צאַפּן אָן אויפהער. אַזוי האָט מען געוואוסט, אַז זיי האָבן אַ מאַשין־געווער און אַז זיי לאָזן קיינעם ניט אַריין צו זיך, די מיוחסים פון דער נייער מאַכט, ניט נאָר קיין פּאַסאַזשיר מיט אַ קאָמאַנדירונג, נאָר אַפילו ניט קיין קאָנדוקטאָר, קיין מיליטערישן פּאַט־רול. אין די לאַנגווייליקע שעהן, ווען מען האָט געוואַרט אויף סטאַנציעס אָדער אין פעלד, האָט מען די שלעכטע צייט פאַרזיסט מיט מעשיות וועגן דעם פאַנטאַסטישן לעבן, וואָס ווערט דאָרטן געפירט.

— זיי לעבן דאָרטן אַ חזירשן טאָג, די ים־לייט, האָט מען גערעדט מיט קנאה און מיט דער באַהאַלטענער צופרידנקייט, וואָס מענטשן האָבן גע־

ווײנלעך בײם רײדן פון פרעמדע זינד, — און זײ פײפן אויף דער וועלט. קײ־נער וואָגט ניט אָנצוהויבן זיך מיט זײ . . .

און כאָטש מען האָט זײ מקנא געווען, האָט מען אָבער זײ ליב געהאַט גלײכצײטיק פאַר זײער פרײלעך לעבן, פאַר זײער הפקרדיקײט, און מער פון אַלץ פאַר זײער ניט לאָזן זיך שפּײען אין דער קאַשע פון קײן סאָוועטישן מאַכט־מענטש. דערמיט האָבן זײ באַזונדערס נושא־חן געווען בײ די, וואָס זײנען געווען ניט גאַנץ כשר מיט זײערע פּאַפּירן און באַגאַזשן, אָדער וואָס האָבן סתם געהאַט אַ ביטער האַרץ אויף די מענטשן אין דער נײער מאַכט. מען איז זיכער געווען אין פאַראויס, אַז דער ברונעטער קאָמיסאַר האָט זיך אָנגע־הויבן מיט לײט, וואָס עס איז בעסער זיך מיט זײ ניט אָנצוהויבן, און אַז ער וועט אַרויס פון דעם עסק אָן כבוד. בײ אַלע צרות, האָט דער עולם פונדעסט־וועגן הנאה געהאַט פון אָט דעם יונגס אומפאַרמײדלעכער מפּלה, ווען ער וועט מוזן אַוועק פון וואַגאָן, ווי אַ געשלאָגענער הונט פון אַ פעטן יאַטקע־קלאָץ. אָבער דער יונג איז ניט אַוועק פון וואַגאָן, צו וועלכן דער ים־מענטש האָט אים ניט צוגעלאָזט.

— חבר מאַטראָז, איך וואָרן אײך, איר זאָלט אַרויס פון וואַגאָן מיט גוטן, — האָט ער געזאָגט לוסטיק, — אַ נישט וועל איך זײן געצוואונגען אַרײנצוגײן מיט בײזן.

דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר דעם צעוואַקסענעם ים־מענטש אין דער טיר פון וואַגאָן, און ער האָט אַפילו דעם לעדערנעם יונג קײן וואָרט ניט גע־ענטפערט דערויף, נאָר בלויז פאַנאַנדערגעלאַכט זיך, געלאַכט הויך, שווער, אַז אַלץ האָט זיך אויף אים געטרײסלט.

— חברים מאַטראָזן, — האָט ער גערופן די מיטרײזנדיקע זײנע אין וואַגאָן, — קומט און זעט, ווער עס גײט נעמען אונדזער וואַגאָן . . . קוקט אים אָן, דעם לעדערנעם האָז . . .

די וואַגאָן־טיר האָט זיך ברײטער פאַנאַנדערגערוקט. אין איר זײנען געשטאַנען אַ צוויי צענדליק מאַטראָזן, צעשפּיליעטע, צעכראַסטעטע, הפקר־דיקע, און מיט רעוואָלווערן פאַרשטעקט אין זײערע ברײטע הויזן. זײ האָבן גע־קוקט אויף דעם קאָמיסאַר אין לעדער און געלאַכט. בלויז אײנער פון זײ, אַן עלטערער, אַ קנאַכיקער, מיט אַן אָפּגעטראָגן בלאַס קרענקלעך פּנים, מיט גרויסע שטאַרע פיש־אויגן, פאַרלאָפענע ווי בײ אַן אַלקאָהאָליקער אָדער קאָ־קאאין־פרעסער, האָט ניט געלאַכט, נאָר געשפּיגן געשפּיגן פון צווישן די צײן, וואָס זענען אים דאָ און דאָרט געווען אויסגעשלאָגן.

— מיאַו־ו — האָט ער געמיאַוקעט ווי אַ קאַץ אויף דעם יונג אין לעדער

אַן אַנצוהערעניש אים, אַז ער איז אַ יבשה־מויז, וואָס דאַרף ניט קריכן דאָרטן, וואו ים־לייט געפינען זיך, אויב ער וויל ניט שלעכט אָפּשניידן.

די מאַטראָזן האָבן נאָך הילכיקער געלאַכט פון דעם קנאַכיקן מאַטראָזן האַוואַיעס. אַפילו טייל פון די סאָלדאַטן האָבן גענומען לאַכן, צו דער הנאה פון די באַוואַכטע פּאַסאַזשירן.

דער קאָמאַנדיר אַזי לעדער האָט אַ בליק געטאָן אויף די עטלעכע לאַכנ־דיקע סאָלדאַטן מיט דורכדרינגענדיקע שניידנדיקע בליקן, ווי ער וואָלט מיט אַ מעסער איבערגעשניטן זייער געלעכטער, וואָס קען ווערן אַנשטעקנדיק און געפערלעך פאַר דער גאַנצער קאָמפּאַניע און ער האָט איינגעשטעלט דיסציפּלין.

— גלייך שטיין! די ביקסן אין די הענט! — האָט ער הויך באַפוילן.

די סאָלדאַטן האָבן אויגנבליקלעך אויסגעפירט די באַפעלן. דער קאָ־מיסאַר האָט אַרויסגענומען זיין מאַוזער־פּיסטאָלעט פון רימען, אַוועקגעלייגט אַ פינגער אויף זיין צינגל און אַוועקגעשטעלט זיך אין פראָנט פון זיינע סאָל־דאַטן.

— מאַטראָזן, — האָט ער אויסגערופן, בישט טיטולירנדיק זיי מיט אַ „חבר“, — אַרויסגייין פון וואַגאָן, וואָרעם איך וועל הייסן שיסן!

דער גיבור צווישן די מאַטראָזן האָט געגעבן באַפעלן צו זיינע לייט.

— חברים, די פּיסטאָלעטן אין די הענט, — האָט ער אַ בריל געטאָן, אַרויסנעמענדיק ביידע פּיסטאָלעטן פון גאַרטל.

אַ ווײַלע איז די שטילקייט געווען אַ געשפּאַנטע. ביידע צדדים האָבן זיך אָנגעקוקט, ווי העגער פאַרן שלאָגן זיך. באַלד האָט דער קנאַכיקער מאַטראָז מיט די שטאַרע אויגן גענומען שרייען מיט הייזעריקע קולות:

— חברים רויט־אַרמייער, הערט אים ניט, דעם פאַרשאָלטענעם ייד,—האָט ער געשריגן מיט אַ קוויטשיק קול, זיי טרינקען אונדזער בלוט, די זשי־דאָווסקע קאָמיסאַרן, דאָס רעוואָלוציאָנערע בלוט פון די רוסישע זין.

מיט קראַמפּיקע פינגער האָט ער געוויזן אויף זיין דעקאָלטירטן צע־קנאָדערטן און אָדערדיקן האַלדז, ווי ער וואָלט געוויזן ווי אַזוי מ׳טרינקט דאָס בלוט פון אים.

אַלע זיינען געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צו זייערע ערטער. די יידישע פּאַסאַזשירן האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד, דערהערנדיק פּלוצלונג די מוראדיקע רייד, וואָס מען האָט ניט דערוואַרט צו הערן דאָ. די גויאישע פּאַסאַזשירן האָבן געשוויגן און זיך איבערגעקוקט. די בלאָנדע יפת־תואר האָט זיך פּלוצלונג גענומען צלמען האַפּערדיק, ווי אין דערוואַרטונג אויף אַ נס. אַלע האָבן געקוקט אויף די סאָלדאַטן צו וועמען די מאַטראָזישע רייד זיי־נען געזאָגט געוואָרן. זייערע פּנימער זיינען געווען טעמפּ. מען האָט געקענט

דערוואַרטן יעדער רגע, זיי זאָלן צוריק אַוועקשטעלן די ביקסן, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט. דער יונג אין לעדער, בלאַס, ווי נאָר ברונעטע קענען בלאַס ווערן אין צאָרן, האָט זיי ניט געלאָזט אַפילו קיין איין רגע צייט צו באַטראַכטן זיך. ער האָט געהאַנדלט שנעל, ראַשיק.

— חברים, צעוואָרפן זיך אין אַ קייט! — האָט ער באַפוילן מיט מיליטער־רישער האַסטיקייט, — אָנשטעלן די ביקסן.

די סאָלדאַטן, ווי אויטאָמאַטן, האָבן גלייך אויסגעפירט דעם באַפעל. זייערע באַוועגונגען אין דער אויפגייענדיקער זון זיינען געווען רויט, ווי באַגאָסן מיט בלוט. דער גיבור צווישן די מאַטראָזן האָט געגעבן אַ וואונק, און אין איין רגע איז אויסגעוואַקסן אַ קליינע זאַך, איינגעהילט אין צעראַטע. ווען מען האָט די צעראַטע אַראָפּגעריסן, האָט פון הינטער איר אַרויסגעקוקט אַ מאַשין־געווער.

— פייער! — האָט זיך דערהערט דעם קאָמיסאַרס באַפעל, צוזאַמען מיט אַ קנאַלן פון ביקסן־קוילן.

— פייער! — האָט נאָכגעפּאָלגט דעם מאַטראָזס באַס, צוזאַמען מיט אַ קרעקעניש פון מאַשין־געווער, וואָס האָט אויסגעזען ווי דאָס קליינע באַשעפעניש, וואָס מען האָט אויסגעוויקלט פון צעראַטענעם העמדל, וואַרגט זיך מיט אַ צו־גרויסן ביסן אין האַלדז.

אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד. פון מיין געלעגער אין דער פאַרמושבטער ערד האָב איך געהערט דאָס קנאַקן פון ביקסן־קוילן און דאָס קרעקן זיך פון מאַשין־געווער. דורך זיי האָבן זיך דורכגעריסן קולות פון ביידע צדדים. באַלד האָבן מיר דערהערט דאָס הילכיקע קול פון קאָמיסאַר, וואָס מען האָט דערקענט לויט די ווייכע יידישע „רישן".

— חברים, האַנט־גראַנאַטן וואַרפן!

מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם האָב איך געהאַלטן פאַרגראָבן מיין פּנים אין דער שמוציקער ערד, וואַרטנדיק מיט אויסגעשפּיצטע אויערן, אויף דעם אויפרייס פון גראַנאַטן, וואָס וועלן באַלד געוואָרפן ווערן. אָבער אין דער רגע האָט דאָס קרעקעניש פון מאַשין־געווער אָפּגעשטעלט זיך און עס איז געוואָרן שטיל. די שטילקייט איז געווען אַ שווערע, אַ פּיינלעכע, ערגער ווי דאָס פריערדיקע קנאַלן.

ווען איך האָב אויפגעהויבן זיך פון דער ערד, איז שוין געווען נאָך אַלעם. אין דער בלויער פרימאָרגן־לופט האָבן זיך געקרייזלט נאָך געלע רויכעלעך; שוועבל האָט געשמעקט. פון דעם אָפענעם וואַגאָן זיינען געשפּרונגען מאַטראָזן מיט הענט אויפגעהויבענע איבער די קעפּ. דער קאָמיסאַר, מיטן מאַוזער־פּיסטאָלעט אין דער האַנט, האָט יעדן פון זיי באַזוכט און אַרויסגעוואָרפן

אויף דער ערד יעדן געפונענעם פיסטאָלעט, מעסער און קוילן־באַנד.

— אַוועקנעמען עס און היטן! — האָט ער געזאָגט צו אַ סאָלדאַט, וואָס האָט געשלעפּט אויף דער ערד דאָס קליינע מאַשין־געווער.

מיט דער רער פון רעוואָלווער האָט ער געציילט יעדן מאַטראָז.

— נישט רירן זיך! — האָט ער געוואָרנט, — פאַר דעם מינדסטן פּרוואוו וועל איך געבן אַ קויל אין קאָפּ...

די מאַטראָזן זענען געשטאַנען גלייכע, בלאַסע, אומבאַוועגלעכע. ביי דעם גיבור האָבן די אַרויסגערוקטע קינבאַקן געהויבן זיך אַרויף און אַראָפּ, געציטערט ווי ביי אַ בולדאָג. בלויז דער קאָנאַקיקער מאַטראָז מיטן בלאַסן אָפּגעטראָגענעם פּנים האָט זיך געוויגט אויף זיינע לאַנגע ברייטע מאַטראָזן־הויזן, וואָס האָבן אויסגעזען ליידיק, ווי זיי וואָלטן גאָר קיין פיס אין זיך ניט געהאַט, און ער האָט ניט אויפגעהערט רייסן דעם צעקנאָדערטן האַלדז.

— מען טרינקט אונדזער בלוט, — האָט ער געריסן זיך הייזעריק, — זעט!

— מע וועט שוין זען אין טשעקאַ — האָט דער לעדערנער יונג געלאַכט מיט אַ רואיק געלעכטער, ווי גאַרניט וואָלט געשען.

פלינק האָט ער זיך אַרויפגעדראַפּעט אין באַזיגטן וואַגאָן, צוזאַמען מיט אַ צענדליק פון זיינע סאָלדאַטן, און גענומען אים אַפּריינִיקן גיך.

— „סקאָרעי, טאָווארישטשי“ (גיך, חברים) — האָט דער קאָמיסאַר געדונערט.

די סאָלדאַטן האָבן גלייך אַרויסגעוואָרפן טויטן ווי לעבעדיקן שמוגל: אַ זאַק זאַלץ און אַ קוויטשיקע מויד; אַ פּאַק לעדער און אַ וויינענדיקע מויד; אַ פּעקל לייוונט און אַ חלשדיקע מויד. ביי יעדער נייעם קאָנטראַבאַנד האָט דער לעדערנער יונג אויפסנייז זיך פּאַנאַנדערגעלאַכט.

— אָט וואָס מען פירט, שטאָלץ פון דער רעוואָלוציע! — האָט ער געטענהט אויפן קול, דורכנעמענדיק די ים־לייט, וואָס זיינען געשטאַנען צוזאַמענגעוועקטשט אין אַ קופּע, נאָך אַלץ מיט אויפגעהויבענע הענט אין דער הויך און באַוואַכט מיט אָנגעשטעלטע באַיאָנעטן.

די פּאַסאַזשירן זיינען געשטאַנען שטומע, קוקנדיק מיט אָפענע אויגן אויף די אומצאָליקע זעק און פּעק פון אַרויסגעוואָרפענעם וואַגאָן. די דאָך־שכנים מיינע האָבן געהאַלטן די אויגן צו דער ערד.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט געסאָפּעט, געגרויכערט, געפּאַרעט און געגאָסן וואַסער פון זיך. דער קאָמיסאַר האָט געהייסן יעדן אַרעסטירטן נעמען זיין באַגאַזש אויף די פּלייצעס, און אַרומגערינגלט זיי מיט דער האַלבער מאה באַוואָפנטע לייט. מיט דעם רעוואָלווער אין דער האַנט האָט ער עטלעכע מאָל

איבערגעציילט אַלעמען און באַפוילן מיט זיין הויך קול, פול מיט יידישע „רישן״:

— גיין אין דער ליניע, ניט אומקערן זיך, מאַרשירן פאָראויס!

די פריילעכע זון האָט געפלייצט ימען זילבער אויף די גלאַנציקע שטאָלע־נע באַיאָנעטן פון די באַוואָפנטע מענער. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געגומען פלוצלונג פייפן מיט באַנומענע קולות, אָנזאָגנדיק די פאַרבליבענע פאַסאַזשירן, אַז ער גרייט זיך אין וועג.